STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06936

ALGEMEYNE IDISHE GESHIKHTE

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

פינפטער טייל.

די אַלטע געשיכטע (ג).

די רוימישע ממשלה און דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה.

ווילנע, תר"ף—1920.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאַמפּ., טראַקער גאַס, 13.

אינהאלט פון פינפטען טייל.

די אלטע געשיכטע (ג).

פינפטע אבטיילונג.

די רוימישע ממשלה און דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה
(פון יאָהר 6 ביז יאָהר 73 נאָך קריסט).

זייט

אלגעמיינער איבערבליק 5

די רוימישע פּראָקוראַטאָרען און די טעטראַרכען (קאַפּיט. I) . . . 20

די אומרוהען אין קאַליגולאַס צייטען און קעניג אַגריפּאַס I (קאַפּיט. II) 26

די לעצטע פּראָקוראַטאָרען און דער פאָלקס-אויפשטאַנד (קאַפּיט. III) 42

די גרויסע נאַציאָנאַלע מלחמה און דער חורבן פון דער אידישער מלוכה (קאַפּיט. IV) 74

די גייסטיגע פאַרענדערונגען אינ'ם אידישען פאָלק אינ'ם ערשטען יאָרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט-רעכענונג (קאַפּיט. V) 112

דרוקפעהלער

צום פינפטען טייל.

זייט	שורה		געדרוקט:	דאַרף זיין:
20	18	פון אונטען	און	אין
27	5	פון אויבען	„מאַיעסטעטס-	„מאַיעסטעטעס-
30	13	פון אונטען	האַרט	דאָרט
42	7	פון אויבען	צעסטיום	קיסטיום
51	17	פון אונטען	פעסטימ'ן	פעסטום'ן
56	15	פון אויבען	תוספית	תוספתא
71	2	פון אונטען	יפו	צווישען יפו
73	8	פון אויבען	אַריעגאַרד	אַריערגאַרד
77	13	„	ווערט	וועהרט
77	6	פון אונטען	ריטאָר	רעטאָר
79	10	פון אויבען	צופיהרען	צו פיהרען
79	16	פון אונטען	דורדעם	דורכדעם
84	17	פון אויבען	אווידען	אידען
89	11	„	ניט	נאָך
94	5	„	דע	דעם
103	13	„	דערוויזען	בעוויזען
113	1	פון אונטען	רעליגיע	רעליגיעזע-
122	2	פון אויבען	תסית	תחית

פינפטע אבטיילונג.

די רוימישע ממשלה און דער אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה.

(פון יאהר 6—73 פון דער קריסטל. צייטר).

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 109. די בעציהונג פון די אידען צום רוימישען פראטעקטאראט אין דער פריהערדיגער עפאכע האט שוין געקאנט דיענען פאר א סימן דערפון, וואס פאר א בעציהונגען עס וועלען זיך איינשטעלען צווישען דער אינטערדריקטער נאציע און צווישען דער הערשענדער מלוכה אין דער עפאכע פון דער רוימישער ממשלה. אויב די אידען האבען ניט געקאנט אריבערטראגען די פערוואלטונג פון די מושלים, וואס רום האט איבער זיי אוועקגעשטעלט פון זייערע אייגענע גלויבענס־ברידער — הורדוסעס משפחה, איז האט מען שוין ניט געקאנט זיך ריכטען, אז זיי זאלען זיך צופריעדענשטעלען מיט דער דירעקטער פערוואלטונג מצד רוימישע בעאמטע אדער פראקוראטארען. די פרייהייטס־ליעבענדע נאציע האט מען געקאנט איינגעהמען מיט דער קראפט פון געוועהר, אבער ניט אונטערטעניג מאכען.

אין די ערשטע צעהנדליג יאהרען פון דער עפאכע, וואס ווערט דא בעשריבען, האט די געוועזענע זעלבשטענדיגע מלוכה פון די חשמונאים פארגעשטעלט אזא בילד. אין די גרעניץ־לענדער, אין גליל, פעריא און אין די לענדער פון איבערשטען ירדן, רעגירען, מיט דער הסכמה פון די רוימישע קיסרים, די טעטראַרכען — הורדוסעס זיהן (הורדוס־אנטיפס און פיליפוס). זיי האבען ניט אזא אונטערנעהמונגס־גייסט, ווי זייער פאטער, אבער פאר דער הערשענדער מאכט זענען זיי פונקט אזעלכע נכנעים, ווי ער. זיי בויען אויך שטעדט לכבוד די קיסרים (טבריה, קיסרין־פיליפי און אנדערע) און פיהרען זיך, ווי בעשיידענע געטריַע וואסאַלען (אונטערטעניגע פירשטען). און דער זעלביגער צייט איז אויפ'ן גרעניץ פון דער צענטראלער מלכות־יהודה, א מהלך פון זעקס הונדערט כטאדיעס פון אהר היילגער הויפט־שטאדט, אין דער שטאדט קיסריה ביים ים, געזעסען דער פערוואלטער אדער „פראקוראטאר" — א רוימישער ריטער, וואס האט דירעקט

פֿערוואַלטעט איבער דער איינגעצוימטער פּראָווינץ. דאָס פֿאָלק האָט נאָך דערמאָלט די רעשטען פֿון דער געוועזענער טעאָקראַטישער זעלבסטפֿערוואַלטונג, דאָס הייסט, דעם כהן־גדול און דעם סנהדרין, וואָס האָט צוריק בעקומען זיין קראַפֿט; נאָר אין אַלע וויכטיגע ענינים מוז מען אָדער בעטען בעשטעטיגונג ביים פֿערוואַלטער, אָדער אויסשטעהן אַ קאָנטראָל פֿון זיין זייט. און משך פֿון אַ געוויסער צייט האָבען די פּראָקוראַטאָרען אפֿילו דאָס רעכט צו בעשטימען און אָראָבצוזעצען כהנים־גדולים און היטען ביי זיך די בגדי־כהונה. דער יאָך פֿון דער פֿרעמדער ממשלה לאָזט זיך פֿיהלען. שוין דער ערשטער שריט פֿון דער רוימישער פּראָקוראַטור, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער צעהלונג פֿון דער בעפֿעלקערונג, בכדי אַרויפֿצולעגען אויף איהר אָבצאָהלונגען, רופֿט אַרויס אונצופֿריעדענקייט צווישען די אידען. דער דאָזיגער סימבאָל פֿון קנעכטשאַפֿט רעגט אויף דעם נאַציאָנאַלען געפֿיהל, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט צופֿריעדענשטעלען מיט דער טרויעריגער ווירקליכקייט.

אין די גרויסע יעהרליכע ימים־טובים, בשעת ירושלים פֿלעגט פֿיל ווערען מיט צעהנדליגער טויזענדער בעגייסטערטע עולי־רגל פֿון דער פּראָווינץ, פֿלעגט דער רוימישער פֿערוואַלטער קומען צו פֿאָהרען פֿון קיסריה קיין ירושלים, בכדי פֿון דער פֿעסטונג אַנטאָניוס אַרויס אויפֿצופּאַסען די שטימונג און די בעוועגונגען פֿון דער מאַסע; בכדי איינצוהאַלטען די „רוה און אָרדנונג“ איז אַרום דעם בית־המקדש אַרויסגעשטעלט געוועזען אַ רוימישע וואַך. און די מאָמענטען, ווען דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער גייסט פֿלעגט בעזונדערס געהויבען זיין, נעבען די ערטער וואָס זענען הייליג פֿאַר איטליכען אידען, פֿלעגט דאָס פֿאָלק זעהן די חוצפּה־דיגע פּנימער פֿון די זיגער, וואָס האָבען שאַרף אויפֿגעפּאַסט איטליכע בעוועגונג זיינע. וואָס האָט געבראַכט אַהער, אין דער הייליגער „שטאָדט פֿון שלום“, די בעוואָפֿענטע רוימישע סאָלדאַטען, פֿרעמדער אין רייטער? וואָס בעדאַרפֿען האָבען די געצענדינער ביים שוועל פֿון גאָטס הויז? צוליעב וואָס זענען אָט די שפּיזען אַרום דעם בית־המקדש און די קייזערליכע פֿאָהנען אין די גאַסען פֿון ירושלים? צוליעב וואָס קוקט אָט אָ דער רוימישער בעאַמטער אַזוי אָהן אַנאויפֿהער פֿון די פֿענסטערן פֿונ'ם שכנישען אַנטאָניוס־טורם אויף דעם פֿאָלקס־יום־טוב, וואָס איז איהם פֿרעמד? שוין־זשע זאָל רוים קאָנען אונבעשטראָפֿטערהייד אַריינדרינגען אינ'ם אינעווייניגסטען לעבען פֿון דער אידישער נאַציע?

און אין דער צייט, וואָס דער געפֿיהל פֿון עצבות האָט אַרומגענומען די בעשיידענע, האָט זיך אָנגעצינדען אַ פֿייער פֿון כעס אין די שטאָלצע געמיטער. ס'ענטוויקעלט זיך און שטאַרקט זיך די פּאַרטיי פֿון די קנאים מיט זייער דעוויז: „נאַציאָנאַלע פֿרייהייט אָדער טויט!“ די אַקטיווע „קנאים“ בעקומען די איבער־האַנד איבער די פּאַסיווע „אבלי־ציון“, וואָס בעהאַלטען זייער טרויער אין האַרצען. אויב אין דער צייט פֿון פּאָנטיוס פּילאַטוס (26—36) טוט דאָס פֿאָלק נאָך ברבנעה בעטען, אַז עס זאָלען ניט אַריינגעטראָגען ווערען אין ירושלים די

קײזערלײַכע פֿאַהנען, װאָס בעלײדיגען דעם נאַציאָנאַלען געפֿיהל פֿון די אידען, איז אין פעטראָניוס'ס צײַט (41—40) הױבט עס שױן אָן צו שטראַשען פֿון װעגען די בעלײדיגענדע פֿעראָרדנונגען קאַליגולאַ'ס, און אין די צײַטען פֿון קומאַנוס, פֿעליקס און פֿלאָרוס (48—66) ענטפֿערט עס אױף די רױמישע רעפּרעסיעס דורך אַנאָפֿענער מרידה. נאָכ'ן טױט פֿון קײזער קאַליגולאַ טרעט אײַן אַ קורצע הפסקה אין דער פֿערװאַלטונג פֿון די פּראָקוראַטאָרען, און מלכות־יהודה װערט אױף אַ קורצער צײַט פֿעראײניגט אונטער דער ממשלה פֿון אַ קעניג, װאָס איז נאָהענט צום פֿאָלק, אַגריפּס דעם I־טען, הורדוס I־ענס אײניקעל, האָט זיך אײַנגעגעבען דורך אַ גליקליכען צופֿאַל צו פֿעראײניגען אונטער זײַן ממשלה דאָס צענטראַלע לאַנד יהודה מיט די געװעזענע טעטראַרכיעס פֿון אַנטיפּס און פֿיליפּוס. און די פֿיער יאָהר, װאָס ער האָט געקעניגט (41—44), זענען געװען װי אַ פֿאַרבײַפֿליהענדער ליכטיגער חלום אין מיטען דער פֿינסטערער װירקליכקײַט. גיך װערט פֿערלאָשען דער דאָזיגער לעצטער בלאַסער שטראַהל פֿון אומאָבהענ־גיגקײַט, און דאָס לאַנד פֿאַלט װידער אַרונטער אונטער דער ממשלה פֿון די רױמישע בעאַמטע.

די נײַע פּראָקוראַטאָרען שפּיעלען אָפֿטמאָלס אין מלכות־יהודה די ראָל פֿון קלײנע נירונס. זײ קאָנען ניט אַריבערטראָגען אפֿילו קײן אין דער שטיל אױסגעדריקטע אומצופֿרידענקײַט; דאָס, װאָס די אידען בעמיהען זיך מיט אַלע כחות אײַנצוהיטען זײער אײגענאַרטיגקײַט, האָט אַרױסגעבראַכט די רױמער פֿון געדולד. צוליעב װאָס־װשע באמת'ן טאַקע פּראָװען מחוקות מיט אָט דער קלײ־ניגקער װידערשפּעניגער נאַציע, מיט איהר אױטאָנאָמיע, איהר אײגענאַרטיגע אײנ־ריכטונגען, אמונה און מנהגים? פֿאַרװאָס זאָל מען ניט אױסגלײַכען מלכות־יהודה מיט אַלע איבעריגע רױמישע פּראָװינצען, װאָס קומען ניט צו דער הערשענדער מאַכט מיט קײן שום תּביעות? װעה צו די בעזיגטע: זײ מוזען זיך אונטערגעבען און שװײַגען.

נאָר די רױמער האָבען נאָך ניט געקאָנט די אידען. זײ האָבען ניט געװאוסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ נאַציע, װאָס איהר גײַסט קאָן ניט סובל זײַן דעם רױמישען פּרינציפּ: „רעכט איז אין קראַפֿט"; אַז די אידישע עטיק אָנ־ערקענט נאָר אַנאַנדער פּרינציפּ: „קראַפֿט איז אין רעכט"—און קאָן קײנמאָל ניט רעכענען פֿאַר בעזיגט דעם, אױף װעמעס צד עס איז די גערעכטיגקײַט. דױערנדיגע געװאַלד קאָן ניט פֿערװאַנדעלט װערען אין אַן אַקט פֿון גערעכטיגקײַט, און דער רױמישער שלום, װאָס איז געװען בעפֿעסטיגט אױף די זעלנערשע שפּי־זען, האָט ניט געקאָנט בעפֿרידיגען די נאַציע, װאָס מען האָט בײַ איהר צוגענומען איהר זעלבשטענדיגקײַט.

ובכן איז דער קאַמף ניט געװען אױסצומײַדען. נאָר מיט װאָסערע מיט־לען קעמפֿען? דערין געהען זיך פֿונאַנדער די פֿאָרשטעהער פֿון פֿאָלק. אײניגע פֿון מעסיגע פּרושים, אַ גרױסער טײל פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, די „רודפֿי־

שלומ׳ניקעס") האלטען, אז מיט אזא פֿיזיש אונבעזיגליכען פֿיינד, ווי רוים, קאָן מען קעמפֿען מיט ערפֿאָלג נאר דורך גייסטיגע געוועהר. מען מוז ארויסווייזען א הארטנעקיגען פּאסיווען ווידערשטאנד; אויב מען קאָן ניט דערווייטערן דעם שונא פֿון דער טעריטאָריע, איז מוז מען זיך דערווייטערן, גייסטיג אָבטיילען זיך פֿון איהם, אבצאמען און אָבזונדערן דאס אינעווייניגסטע לעבען אזוי, אז אהין זאל קיין פֿרעמדע ווירקונג ניט אריינדרינגען. די אנדערע פּארטיי (די קריגערישע פּרושים און די דעמאָקראטישע „קנאים") פֿאָדערט אנאקטיווען קאמפּף אין נאָמען פֿון דער פּאָליטישער פֿרייהייט, א קאמפּף מיט געוועהר אין די הענד, אן אלגעמיינעם פֿאָלקס-קריג קעגען עוות׳דיגען שונא; מען מוז אָדער ווידערערקעמפֿען די אונאָבהענגיגקייט, אָדער אומקומען אין קאמפּף פֿאר איהר, ווארום אָהן איהר וועט סיי ווי סיי ניט זיין קיין אמת׳עס נאציאָנאלעס לעבען. אָט די דאָזיגע היציגע אינעווייניגסטע פּלוגתות האָבען נאָך ניט אויפֿגעהערט, ווי די מרידה איז אויסגעבראָכען. „די געדולד פֿון די אידען האט געהאלטען ביז׳ן פּראָקוראטאר געסיוס פֿלאָרוס: אין זיינע צייטען האט זיך אָנגעהויבען די מלחמה (טאציטוס). ס׳הויבט זיך אָן די העלדישסטע פֿון אלע נאציאָנאלע פֿרייהייטס-קריגען, וואס די וועלט-געשיכטע ווייס.

פֿיער יאָהר (66—70) האט געדויערט דער קאמפּף פֿון דער קליינער, נאר גייסטמעכטיגער נאציע מיט׳ן מושל פֿון דער וועלט — מיט רוים. צו-גלייכער צייט מיט דער בלוטיגער אויסווייניגסטער מלחמה גערט א טראגישער קאמפּף אינעווייניג, אין דער נאציע גופא, צווישען די „פּאָליטישע" און „גייסטיגע" עלעמענטען, צווישען די קנאים און מעסיגע, צווישען די וואס ווילען אלץ ראטעווען און צווישען די וואס ווילען ראטעווען כאטש וואס עס איז פֿון דער געוועזענער אויטאָנאָמיע. ס׳קומט פֿאר די מאיים׳דיגע גסיסה פֿון דער נאציאָנאלער נשמה, וואס נעהמט אָבשייד פֿון איהר פּאָליטישען גוף. דער אונפֿערמיידליכער סוף איז נאָהענט: מלכות-יהודה פֿאלט אין׳ם אונגלייכען קאמפּף, הונדערטער טויזענדער פֿון אידען זיהן קומען אום פֿון שווערד און הונגער, ירושלים ווערט חרוב, דער בית-המקדש פֿערברענט, ס׳פֿאלען איין די לעצטע פֿעסטונגען, וואו ס׳האבען זיך געהאט בעהאלטען די רעשטען פֿון די קנאים (70—73) — און איבער די גאסען פֿון רוים געהען הינטער דעם שונאס טריאומף-וואגען די אונגליקליכע אידישע געפֿאנגענע. די מלוכה איז געפֿאלען, דריי פֿערטיל פֿון פֿאָלק זענען אומגעקומען, נאר די נאציע איז גאנץ געבליבען. ניט ווייט פֿון די רויכערדיגע חורבות פֿון ירושלים האט זיך בעוויזען א הייפֿעל גייסטיג שטארקע, אונבעזיגליכע. פֿון דעם דאָזיגען הייפֿעל האט בעדארפֿט אויסוואקסען דאס צוקונפֿטיגע אידישע פֿאָלק, נאר שוין אָהן א מלוכה.

דורך א ניט-געוועהנליכער פֿערפּלאָנטערטקייט און טיעפֿקייט צייכענט זיך אויס די אידישע גייסטיגע קולטור אין יענעם פּעריאָד פֿון גרויסע קריזיסען. אין איהר זענען בעהאלטען די קערנדלעך פֿון צוקונפֿטיגע וועלט-בעווע-

נונגען. אין דער זעלביגער צייט, וואס די קנאים האבען האפנונגסלויז געשטריטען פאר דער פאליטישער פרייהייט פון מלכות-יהודה, און די פרושים האבען מיט דער גרעסטער ענערגיע איינגעפעסטיגט יענע נאציאנאל-גייסטליכע דיסציפלין, וואס האט געדארפט פערנעמען דעם ארט פון דער פונאנדערגעפאלענער מלוכה-ארדנונג, — אין דער איינענער צייט האט זיך פערשפרייט צווישען איינינע קלאסען פון פאלק אַן אַנדער בעוועגונג, וואס האט ניט געהאט ניט קיין פאליטישע און ניט קיין נאציאנאל-געזעלשאפטליכע יסודות. פון דער אידעע וועגען א פאליטישען משיח, וואס ער האט בעדארפט זיין דער איבערנאטירליכער העלפער אינ'ם אונגלייכען קאמפף צווישען גאטס פאלק מיט דער הײדנישער וועלט, — האט זיך אבגעשפאלטען די אידעע וועגען א מיסטישען משיח, וואס ער האט בעדארפט ברענגען די מאראלישע „אויסלייזונג“ אדער די השלמה פון דער פערזענליכקייט, פונ'ם יחיד, אונאבהענגיג פון זיינע בעדערפעניסען אלס מיטגליד פון געזעלשאפט און פאלק. די דאזיגע תורה „ניט פון דער וועלט“, וואס האט געהאט איהרע ווארצלען אין דער שטה פון די אלטע אסיים און וואס האט אלצדינג בעטראכט פונ'ם שטאנדפונקט פון אייביגקייט, האט צוגעצויגען צו זיך אזעלכע מענשען, וואס זיינען געווען נוטה צו הסתכלות אדער וואס האבען זיך איינגעמידט אינ'ם סאציאלען קאמפף.

די נייע אמונה האט ארויסגעשטעלט די דאגמע, אז מען קאן אויסגעלייזט ווערען דורך דעם גלויבען, און ניט דורך דער אויסווייניגסטער דיסציפלין פון קולט אדער געזעץ; זי האט אויפגעשטעלט די געמיינדע פון מאמינים אדער סעקטע אנשטאט דער ארגאניזירטער נאציאנאלער גרופע, אינדיווידועלע מאראל אנשטאט דער סאציאלער. הכלל, וואס זי האט אבגעשאפט איינינע הויפטליכע מנהגים, וואס האבען שווער געמאכט די הײדען אנצונעמען דעם אידישען גלויבען (מצות-מילה, די דינים פון שבת), האט זי ברייט געעפענט די טירען פאר בעקעהרטע הײדען.

דער אויסערסטער אינדיווידואליזם פון דער נייער אמונה האט אבגעריסען איהרע אנהענגער פונ'ם גרויסען נאציאנאלען קאמפף, וואס דאס אידישע פאלק האט דעמאלט געפיהרט לכתחלה אויפ'ן פאליטישען און דערנאך אויפ'ן גייסטיגען געביט. דער נאטירליכער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אז די דאזיגע סעקטע האט זיך אבגעריסען פון דער סביבה, אין וועלכער זי איז ענטשטאנען, און אז מדרגות-ווייז האט זי זיך צונויפגעמישט מיט'ן אינטערנאציאנאלען כאאס פון דער רוימישער אימפעריע, וואו זי האט זיך אנגענומען מיט א סך עלעמענטען, וואס זיינען אינגאנצען פרעמד דער יהדות.

צווישען דעם מיסטישען אינדיווידואליזם פון די ערשטע קריסטען און צווישען דעם רעאלען נאציאנאליזם פון די פרושים פערנעמט דעם מיטעלסטען ארט די פילאזאפישע ריכטונג פון פילון דעם אלעקסנדריער, וואס איז געווען דער געניאלער פארשטעהער פון דער איד-ש-העלענישער פילאזאפישער שטה.

דורך אבסטראקציעס און אלעגאריעס (מחקר און משלים) בעמיהט זיך פילאן צו דערנעהנטערן די וועלטאנשויאונג פון דער יהדות צו דער גריכישער מעטאפיזיק און צונויפגיסען זיי אין איין אוניווערזאלער רעליגיעז-זיטליכער שטה, וואס וואלט געקאנט איינעמען די וועלט. נאר די אידיש-העלענישע ראציאנאליסטען האבען פערגעסען, אז דאס, וואס צווישען די פעלקער וועלען זיך פערשפרייטען די העכסטע יסודות פון דער יהדות, גאראנטירט נאך ניט דעם קיום פון דער אידישער נאציע גופא, וואס האט זיך געגרינדעט אין בעזונדערע גייסטיגע און מאטעריעלע תנאים, כדי ניט אונטערצוגעהן אינם אקעאן פון די פעלקער.

ערשטער קאפיטעל.

די רוימישע פראקוראטארען און די טעטראַרכען (6—39).

די ממשלה פון די פראקוראטארען און די זעלבסטפערוואלטונג פון פאלק. — דער רוימישער „צענזוס“ און די ערשטע פראקוראטארען. — די אונרוהען אין פילאטוס'עס צייטען. — די טעטראַרכ'עס פון פיליפוס און הורדוס-אנטיפס. — די דערהויבונג פון אגריפס'ן.

די ממשלה פון די פראקוראטארען און די זעלבסטפערוואלטונג פון פאלק.

§ 110. די רוימישע פערוואלטער אדער פראקוראטארען, וואס האבען פערוואלטעט איבער דאס צענטראלע לאנד יהודה נאך ארכילויס פערשיקונג (§ 102), פלעגען בעשטימט ווערען דורך קייזערליכע בעפעהלען, דער עיקר פונ'ם מיליטעריש-אדמיניסטראטיווען שטאנד פון די „ריטער“. היות ווי דאס לאנד יהודה איז געווען, פונקט אזוי ווי גאנץ פאלעסטינע, א טייל פון דער סירישער פראווינץ, דעריבער איז דער אידישער פראקוראטאר אין א געוויסער מאס געשטאנען אונטער'ן רשות פונ'ם סירישען הויפט-פערוואלטער אדער לעגאט. נאר די דאזיגע אבהענגיגקייט פונ'ם פראקוראטאר איבער'ן לאנד יהודה פלעגט זיך ארויסווייזען בלויז אין אויסערגעווענליכע פאלען: בשעת עס פלעגען פארקומען בעזונדערס שארפע סכסוכים צווישען דער אידישער זעלבסטפערוואלטונג און צווישען דער ממשלה פון די פראקוראטארען, אדער בשעת די פאלקס-בעוועגונגען, ווען מען פלעגט בעדארפען די הילף פונ'ם סירישען פערוואלטער און פון זיינע לעגיאנען, כדי איינצושטעלען ארדנונג. אין א געווענליכער צייט אבער איז דער רוימישער פראקוראטאר אין לאנד יהודה געווען אינגאנצען זעלבשטענדיג אין אלע זיינע

מעשים, און דער ברייטער ספֿערע פֿון דער מאַכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן. ער האָט געהאַט דרייערליי פֿונקציעס: 1) פּאָליציייִשע, 2) פֿיסקאַלישע און 3) געריכטלעכע.

די פּאָליציייִשע פֿונקציעס פֿונ׳ם פּראָקוראַטאָר זענען באַשטאַנען אין אײַנ־האַלטן די אָרדענונג און די רעכט פֿון דער רוימישער איבערהערשאַפֿט אין דער אײַנגענומענער מדינה. צוליעב דעם האָט דער פּראָקוראַטאָר געהאַט אַ גענוג גרויסע מיליטערישע קראַפֿט. ער האָט זיך גערעכנט פֿאַר׳ן הויפּטמאַן פֿונ׳ם גאַנצן רוימישן מיליטער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין מלכות־יהודה און וואָס איז באַשטאַנען פֿון די אַזוי אָנגערופֿענע הילפֿס־אָבטיילונגען. די הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער רוימישער אַרמײַע אין מלכות־יהודה איז געווען אין דער ים־שטאָדט קיסריה, וואָס איז געלעגן אַן ערך פֿערציג ווערסט פֿון יפֿו — דער נאָהענט־סטער האַפֿנשטאָדט צו ירושלים. אין קיסריה איז געווען די שטענדיגע רעזידענץ פֿונ׳ם פּראָקוראַטאָר. קיין ירושלים פֿלעגט ער קומען צו פֿאָהרען צײַטווײַליג, דאָס רוב אין די גרויסע אידישע ימים־טובים, בשעת מען האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אונאָרדנונגען דערפֿאַר, וואָס עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן גרויסע פֿאָלקס־מאַסן אין ירושלים. דעמאָלט פֿלעגט ער אינאײַנעם מיט זײַן מיליטערישער סוויטע וואוינען אין הורדוסעס געוועזענעם פּאַלאַץ, וואָס איז געווען אַ שטאַרק באַפֿעסטיגטער שלאָס.

דער שטענדיגער רוימישער גאַרניזאָן אין ירושלים פֿלעגט זיך געפֿינען אינ׳ם שלאָס אַנטאָניוס, אויפֿ׳ן הר־הבית. דער דאָזיגער שלאָס איז געווען פֿערבונדן דורך לייטערס מיט די גאַלעריעס, וואָס אַרום דעם פּלאַץ פֿאַר׳ן בית־המקדש. יום־טוב־צײַט פֿלעגן די רוימישע סאָלדאַטן אַרויסגעהן פֿון זייערע קאַזאַרמעס און דער פֿעסטונג און פֿלעגן זיך אויסשטעלן אין די גאַלעריעס אַרום דעם בית־המקדש, בכדי אײַנצוהיטן די „אָרדנונג“ און ניט צו דערלאָזן קיין פֿאָלקס־באַוועגונגען אין דער אונרוהיגער הויפּט־שטאָדט. די דאָזיגע באַליידי־גענדע השגחה מצד די פֿרעמדע נעבן שוועל פֿון נאַציאָנאַלן הייליגטום האָט מיטגעהאָלפֿען נאָר דערצו, אַז די אונצופֿרידענקייט אין פֿאָלק זאָל זיך שטאַר־קען, און פֿלעגט אָפֿטמאָלס אַרויסרופֿן סכסוכים, אָנשטאָט זיי צו פֿערהיטן.

די צווייטע פֿונקציע פֿונ׳ם פּראָקוראַטאָר איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער פֿלעגט צונויפֿנעמען די אָבצאָהלונגען און שטייערן לטובת דעם רוימישן פֿיסקוס, דאָס הייסט פֿאַר דער קייזערליכער קאַסע. דירעקטע שטייערן, וואָס זענען אײַנ־געשטעלט געווען אין די רוימישע פּראָווינצן, זענען געווען צווייערליי: אַנ־אָבצאָהלונג פֿון די ערד און קאָפּ־שטייער. חוץ די דירעקטע אָבצאָהלונגען האָבן עקזיסטירט נאָך אומדירעקטע, אין דער געשטאַלט פֿון שטייערן אויף די סחורות. די דירעקטע אָבצאָהלונגען פֿלעגן אָבנעמען דער פּראָקוראַטאָר גופֿא און זײַנע אַגענטן; די שטייערן פֿלעגט מען אָבגעבן אויף חכירה פּריוואַטע אונטער־

געדמער, וואָס פֿלעגן צוהערן דערפֿון גרויסע הכנסות. די משא פֿון די שטייערן איז געווען זייער שווער פֿאַרן פֿאָלק, און די פּעלשונגען, וואָס האָבן געמוזט אַרויסקומען ביים צונויפֿנעמען זיי, האָבן נאָך געמוזט פֿאַרשטאַרקן די שווער־קייט. צווישן די חוכרים און זייערע אַגענטן, וואָס פֿלעגן צונויפֿקלייבן די שטייערן, זענען געווען חוץ היידן, אויך אידן, נאָר דאָס פֿאָלק האָט די דאָזיגע לייט פֿיינט געהאַט. די חוכרים און „מוכסים" ווערן געשילדערט אַלס זעהר ניט קיין שיינע מענשן סיי אין דער „ברית־החדשה", סיי אין תלמוד. די אידן זענען געווען אויפֿגעבראַכט קעגן די שטייער־קלייבער ניט בלויז איבער עקאָנאָמישע טעמים, אַלס שטייער־צאָהלער, נאָר דאָ האָט אויך מיטגעווירקט אַ פּאָליטישער מאָטיוו, מחמת דער איד פֿלעגט באַטראַכטן דעם אידישן „מוכס" אַלס אַנ־אַגענט פֿון דער פֿערהאַסטער רוימישער רעגירונג, און דאָס הייסט, אַלס אַ בוגד קעגן זיין אייגענעם פֿאָלק.

די געריכטליכע פֿונקציעס פֿונם פּראָקוראַטאָר זענען באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן אַ דעה אין די וויכטיגסטע קרימינעלע פּראָצעסן דער עיקר ביי פּאָליטישע פֿערברעכענס. דער פּראָקוראַטאָר האָט געהאַט דאָס רעכט צו פֿערמשפּט'ן צו טויט־שטראָף, און אויך צו קאָנטראָלירן די אור־טיילען פֿון די אידישע בתי־דינים — צווישן דעם אויך פֿון סנהדרין — בנוגע צו קרימינעלע פּראָצעסן.

אין די ערשטע צעהנדליגער יאָהרען, וואָס די פּראָקוראַטאָרען האָבן פֿער־וואַלטעט, האָבן די זיך אָנגעאייגנט דאָס רעכט, וואָס הורדוס I האָט נאָך געהאַט צוגענומען פֿאַר זיך, — דאָס רעכט צו באַשטימען און אַראָפּצוזעצן כהנים־גדולים און צו היטן, אונטער דער השגחה פֿונם רוימישן קאָמענדאַנט, אין דער פֿעסטונג אַנטאָניוס די בגדי־כהונה און אַרויסצוגעבן זיי איטליכס מאָל, ווען מען דאַרף זיי האָבן. נאָר די דאָזיגע צוויי באַליידיגענדע פּריווילעגיעס האָט מען שפּעטער, מחמת דעם פּראָטעסט פֿון פֿאָלק, אָבגענומען ביי די פּראָקוראַטאָרען און אָבגעגעבן הורדוס'עס יורשים און די כהנים פֿון בית־המקדש.

אָבגערעכענט פֿון די אַלע פֿילמאַכטן פֿונם פּראָקוראַטאָר, האָבן די אידן אין אַלע זייערע אינעווייניגסטע ענינים געהאַט זייער ז ע ל ב ס ט פֿ ע וו אַ ל ט ו נ ג. די געזעצגעבונג, די אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע מאַכט (אין די אָנגעוויזענע גרעניצען) האָט זיך געפֿונען אין די הענד פֿון דער וועלטליכער און גייסטליכער אַריסטאָקראַטיע, וואָס בראש פֿון איהר זענען אָפֿיציעל געשטאַנען די כהנים־גדולים. דער אָרגאַן פֿון דער דאָזיגער רעגירענדער גרופּע איז געווען דער סנהדרין, וואָס האָט געהאַט אָנגעהאָלטן זיין באַדייטונג אין הורדוס'עס צייטן און האָט איצט צום טייל ווידער באַקומען זיינע רעכט. די כהנים־גדולים זענען, ווי עס ווייזט אויס, געווען די פֿאָרזיצענדע אין סנהדרין. בנוגע צו די פֿראַגן פֿון געזעצגעבונג און געריכט האָבן דאָ די ערשטע ראָל געשפּילט די געלעהרטע פּרושים, וואָס האָבן אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ באַשריבן, הידער אַנ־

געדריבען צו נעהמען א טעטיגען אנטהייל אין דער זעלבסטפערוואלטונג. נאך די השגחה מצד די רוימישע פערוואלטער האט אפטמאלס געשטערט דער פרייער טעטיגקייט פון סנהדרין. דער סנהדרין איז געווען פריי אין זיינע אורטהיילען מעהר ניט בנוגע צו ציווילע ענינים, אין קרימינעלע פראצעסען אבער איז ער געווען בעגרענצט דורכ'ן קאנטראל פונ'ם פראקוראטאר.

מיט אלע כחות האט מען אבגעהיט דעם אידישען רעליגיעזען קולט, אז די היידנישע אדמיניסטראציע זאל זיך דארט ניט אריינמישען. דעם אלטען דין, וואס האט געאסר'ט די היידען אונטער טויט-שטראף אריינצוגעהן אין אינעווייניגסטען הויף פון בית-המקדש, האבען אבגעהיט אויך די רוימער; די רוימישע וואך פלעגט ניט אריינגעלאזען ווערען ווייטער פון די אויסווייניגסטע גאלעריעס, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם פלאץ פאר'ן בית-המקדש. דעם אידישען קולט און רעליגיעזע מנהגים האט מען אפיציעל געשיצט. פון איהר זייט האט די גייסטליכקייט פון בית-המקדש בעוויזען א כבוד דער אויבערשטער ממשלה, דורכ-דעם, וואס זי האט איינגעשטעלט א בעזונדערן קרבן לכבוד „דעם קיסר און דעם רוימישען פאלק". די מטבעות, וואס פלעגען געמאכט ווערען אין מלכות-יהודה, האבען געהאט אויף זיך נאר אן אויפשריפט מיט'ן קיזערס נאמען, נאר ניט זיין בילד, ווארום לויט דער אידישער רעליגיע זענען פערבאטען אלערליי בילדער, וואס ווערען געמאכט פאר א סימן פון פערעהרונג. אויבער דעם אייגענעם טעם פלעגט מען אויך ניט אריינלאזען אין ירושלים קיין מיליטערישע פאהנען מיט'ן קיזערס בילד, בשעת די רוימישע לעגיאנען פלעגען דורכגעהן; און א פשיטא שוין, אז מען האט ניט געטארט אויפשטעלען אויף די עפענטליכע פלעצער די סטאטועס פון די קיסרים, וואס זיי צו פערעהרען איז געווען א בירגערליכער חוב אין אלע איבעריגע רוימישע פראווינצען. די פרובען פון עטליכע פראקוראטארען מבטל צו זיין די דאזיגע פריווילעגיעס, האבען געבראכט צו טרויעריגע צוזאמענשטויסען.

בכלל אבער, זענען געווען אונאויסמיידליך צוזאמענשטויסען צווישען דער רוימישער ממשלה, און צווישען דער האלב-אויטאנאמער אידישער געזעלשאפט. דאס איז געווען סיי דערפאר, ווייל עס איז ניט מעגליך געווען גענוי פונאנדערצוטיילען די גרעניצען פון ביידע ממשלות — פון דער פרעמדער און אייגענער, סיי איבער'ן גראבען פערזענליכען ווילדהייטען פון א סך פראקוראטארען און סיי איבער דעם אנגעשטרענגטען נאציאנאלען געפיהל פון דער בעפעלקערונג, וואס האט ניט געקאנט לײדען, אז פרעמדע זאלען זיך אריינמישען אין איהר אינעווייניגסטען לעבען.

דער רוימישער „צענזוס" און די ערשטע פראקוראטארען.

§ 111. דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען פאלק מיט דער רוימישער ממשלה איז פארגעקומען באלד, ווי מען האט איינגעפיהרט די נייע פערוואלטונגס-ארדנונג אין מלכות-יהודה. נאכדעם ווי דער קיזער אויגוסטוס האט אראב-

געוואָרפען אַרכעלאַיס'ן (אין יאָהר 6), האָט ער בעשטימט פאַר אַ פּראָקוראַטאָר פון מלכות-יהודה אַ געוויסען קאָפּאָניוס פונ׳ם שטאַנד פון די רוימישע רייטער. באַלד נאָכדעם האָט דער קייזער געהייסען דעם סירישען הויפּט-פערוואַלטער, דעם לעגאַט סולפּיציוס קווירינוס, ער זאָל מאַכען אַ גענויע פאָלקס-צעהלונג אין דער ניי-פעראייניגטער פּראָווינץ (אין יאָהר 7). די דאָזיגע צעהלונג (אָדער צענזוס) האָט געהאַט דעם צוועק צו בעשטימען די צאָהל פון די איינוואוינער און דעם סכום פון נחלאות אין מלכות-יהודה, בכדי איינצושטעלען די קאָפּ-שטייערן און ערד-צינזען, וואָס פון איצט אָן האָבען די איינוואוינער געמוזט צאָהלען אין דער קייזערליכער קאַסע. דער רוימישער „צענזוס" איז געמאַכט געוואָרען זעהר שטרענג: איטליכער בירגער איז געווען מחויב געבען אַנגאַבען, ווי גרויס איז זיין פאַמיליע און זיין פערמעגען; פאַר'ן אָנווייזען ניט ריכטיג האָט מען געמוזט צאָהלען געלד-קנס אָדער מען איז בעשטראָפט געוואָרען מיט נאָך שטרענגערע שטראָפען.

די אָפיציעלע צעהלונג האָט צוערשט בעוויזען דעם פאָלק בחוש, ווי שווער עס איז צו זיין אָבהענגיג פון אַ פרעמדער מלוכה. דער סימבאָל פון אונטער-טעניגקייט, אַריבערגעטראָגען פונ׳ם געביט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין אַלטעגליכען פּריוואַטען לעבען, האָט געמוזט אַרויסרופען אַ געפיהל פון פּאַטריאָטישען כעס אויך אין די נידעריגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

ווי נאָר קווירינוס איז צוגעטראָטען צו מאַכען די צעהלונג, האָט ער זיך באַלד אָנגעשטויסען אויף אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד מצד דער איפּגעריגטער בעפעלקערונג. ס׳וואָלט געקומען צו אַ בלוטפערגיסונג, אויב דער מעסיגער טייל פון דער ירושלמער געזעלשאַפט וואָלט ניט באַלד בערוהיגט די אויפגערעגטע געמיטער. אין ירושלים האָט זיך דעם כהן-גדול יועזר מיט גרויס מיה איינ-געגעבען איינצורעדען די אויפגעבראַכטע איינוואוינער — זיי זאָלען ניט אויפהויבען קיין מרידה קעגען רוים און ניט שטערען צו מאַכען די צעהלונג.

נאָר אין דער פּראָווינץ האָט זיך די אויפרעגונג ניט אַזוי גיך געשטילט. די גלילער פּאַטריאָטען, וואָס ערשט ניט לאַנג, נאָך הורדוס I-עגס טויט, זענען די אויפגעשטאַנען, בכדי צו בעפרייען דאָס פאָטערלאַנד פונ׳ם פרעמדען יאָך, האָבען איצט ווידער אָנגעהויבען פיהרען זייער רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. זייער מוטיגער אָנפיהרער יהודה הגלילי (§ 100) האָט זיך פעראייניגט מיט אַ פאַר-שטעהער פון אַ עקסטרעמער פראַקציע פון די פּרושים, צדוק'ן, און ביידע אינ-איינעם האָבען זיי אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיי קנאים (זעלאָטען), וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציעל — דעם אַקטיווען קאַמפּף מיט די רוימער, די אונטערדריקער פון פאָטערלאַנד. קיין משותדיגע מעשים אין דער צייט פון קווירינוס׳ס צעהלונג האָט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע ניט אויפגעטאָן, נאָר אין איהר זענען געוואָקסען בעהאַלטענע רעוואָלטען אָהן אַ צאָהל איבער להבא.

בעדייטונגס־פֿול איז געווען דער פֿאַקט, וואָס גראָד אין דעם זעלביקן מאָמענט, בשעת עס איז איינגעפֿירט געוואָרן די פֿאַקטישע רוימישע ממשלה אין מלכות־יהודה, איז שוין אויפֿגעקומען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גע־שטעלט דעם ציל אַראָפּצוּוואַרפֿן די דאָזיגע ממשלה. די נייע קעמפֿער, וואָס האָבן זיך אָנגערופֿן „קנאים“, זענען געווען קנאים, פֿאַנאַטיקער, ניט בלויז פֿון זייער אמונה און ענגען דין, נאָר אויך פֿון דער פּאָליטישער פֿרייהייט. דער רעליגיעזער און פּאָליטישער עלעמענט האָבן זיך ביי זיי צונויפֿגעגאָסן אין איין ליידענשאַפֿטליכער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פֿרייהייט. דער פּאַטריאָטיזם פֿון די קנאים איז געווען אַנאַקטיווער: זיי האָבן ניט געוואָלט בעשיידען וואַרטן, ביז וואַנען גאָט וועט רחמנות קריגן אויפֿן אומגליקליכן פֿאָלק און וועט עס בעפֿרייען פֿון פֿרעמדן יאָך, נאָר זיי האָבן געשטרעבט צו פֿערני־כטן דעם דאָזיגן מאָמענט מיט זייערע אייגענע קרעפֿטן, מיט דער קראַפֿט פֿון געווער און פֿון פּאַטריאָטישער פּראָפּאַגאַנדע. אין דעם דאָזיגן פּרט האָבן די קנאים זיך אָבגעשיידט פֿון די מעסיגע פּרושים, וואָס האָבן געהאָפֿט צו פֿערהיטן די איינהייט פֿון דער נאַציע דורך פֿערשטאַרקן די רעליגיעזע דיס־ציפּלין און איינגעוועהנען זי צו וואַרטן מיט געדולד אויף בעסערע צייטן. נאָך אַ לאַנגע צייט האָט די טעטיגקייט פֿון די קנאים געטליעט, ווי פֿייער אונטער אַש, און פֿלעגט זיך אַרויסרייסן פֿון איהר בעהעלטעניש מעהר ניט אין אַזעלכע מאָמענטן, בשעת דער רוימישער דרוק פֿלעגט זיך פֿערשטאַרקן. ערשט אין פֿופֿציג יאָהר אַרום האָבן די קנאים בעוויזן זייער גאַנצע קראַפֿט, אין דער עפּאָכע פֿונם העלדישן נאַציאָנאַלן קאַמף, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַרן פֿאַלן פֿון דער אידישער מלוכה.

וועגן דער טעטיגקייט פֿון די ערשטע פּראָקוראַטאָרן, וואָס האָבן פֿער־וואַלטעט איבער מלכות־יהודה, איז זעהר ווייניג בעוואוסט. אין דער צייט פֿונם ערשטן פּראָקוראַטאָר, קאָפּאָניוס, האָבן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ די אַלטע שׂונאים פֿון די אידן — די שומרונים. איין מאָל, פּסח ביי־נאַכט, בשעת די טויערן פֿון בית־המקדש זענען געווען אָפֿן, זענען אַריין אַהין אַ הייפֿעל שומרונים און האָבן פֿונאַנדערגעוואָרפֿן אין די גאַלעריעס, וואָס אַרום דעם בית־המקדש, ביינער פֿון מתים. דאָס האָבן זיי געטאָן, כּדי „מטמא“ צו זיין דעם בית־המקדש. עס האָט געקאָנט אויסזעהן, ווי זיי וואָלטן דערמיט גענומען נקמה פֿון די אידן דערפֿאַר, וואָס אין הורקנוס I־ענס צייטן האָבן זיי צעשטערט דעם שומרונישן טעמפּעל אויפֿן באַרג גריזים. דער דאָזיגער צופֿאַל האָט בעוואויגן די כּהנים צו פֿערשטאַרקן די שמירה אַרום בית־המקדש און אויפֿפּאַסן, אַז פֿרעמדע זאָלן אַהין ניט אַריינגעלאָזן ווערן.

קאָפּאָניוס האָט ניט לאַנג פֿערוואַלטעט איבער מלכות־יהודה. אין דריי יאָהר אַרום איז אויף זיין אָרט געקומען אַן אַנדער פּראָקוראַטאָר, מאַרקוס אַמביוויוס (אין יאָהר 9), און נאָך איהם איז געווען אַניוס רופֿוס (12—15).

אויגוסטוס'ס יורש, דער קייזער טיבעריוס (14—37), האָט אָבגעשאַפֿט די מיטטעס, וואָס לויט איהר האָבען זיך די פערוואַלטער אַפֿט געביטען אין די פראָווינצען. ער האָט בעשטימט פאַר אַ פּראָקוראַטאָר אין לאַנד יהודה וואַלעריוס גראַטוס'ן און האָט איהם געהאַלטען אויף דער דאָזיגער שטעל 11 יאָהר (15—26). טיבעריוס האָט גוט געוואוסט די נטיה פון די פראָווינציעלע בעאַמטע צו ריסען און גזל'ען געלד ביי זייערע אונטערגעבענע, און ער האָט געהאַלטען, אַז אויב מען זאָל אָפֿט איבערביטען די דאָזיגע פּיאַווקעס בצורת בעאַמטע, וועלען זיי איינגאַנצען אויסזויגען די גאַנצע זאַפֿט פון די פּראָווינצען. ער פֿלעגט זאָגען: „מען טאָר ניט אַוועקטרייבען פונ'ם פערוואונדעטען די פֿליגען, וואָס האָבען זיך אָנגעזעטיגט מיט זיין בלוט, ווארים אַנדערש וועלען קומען נייע, הונגעריגע פֿליגען, וואָס וועלען אויסזויגען ביי איהם די לעצטע טראָפּענס בלוט". די פערוואַלטער, וואָס ער פֿלעגט שיקען אין די פראָווינצען, פֿלעגט דער קייזער אָנזאָגען פֿאָלגענדעס: „אַ גוטער פאַסטוך שערט זיינע שאָף, אָבער ער ציהט פון זיי קיין פֿעל ניט אַראָב".

מען קאָן, איבעריגענס, ניט זאָגען, אַז טיבעריוס, דער דאָזיגער געקריינטער מענשען-פיינד, זאָל האָבען בעזונדערס ליעב געהאַט די אידען. אין יענער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען פערשפרייטען צווישען דעם רוימישען אַדעל מזרחדיגע רעליגיעזע אָנשויאונגען, צווישען דעם אויך אידישע. דעם סענאַטאָר סאַטורנינוס'ס פרוי, פולוויאַ, האָט אַרויסגעוויזען אַ נטיה צו דער אידישער אמונה און האָט אפילו אַוועקגעשיקט רייכע מתנות אין בית-המקדש. טיבעריוס האָט דאָס בעטראַכט אַלס אַנאָבקערדונג פון דער מלוכה-רעליגיע און האָט איינגעפונען, אַז דערין איז שולדיג די פראָפּאַגאַנדע פון די אידען, וואָס וואוינען אין רוים. אונטערגעהעצט דורך זיין אכזריותדיגען בעל-יועץ סעיאַנוס'ן, האָט ער געהייסען אַרויסטרייבען פון רוים אַלע אידישע איינוואוינער. פיער טויזענד אידען, וואָס זענען פעהיג צו טראָגען געוועהר, זענען פערשיקט געוואָרען אויפ'ן אינזעל סאַרדיניען, בכדי צו קעמפפען מיט די דאָרטיגע רויבער-באַנדעס (19). די רדיפות אויף אידען האָבען דעמאָלט שוין ניט אַרומגענומען גאַנץ איטאַליען.

די רוימישע פּראָקוראַטאָרען האָבען זיך אָנגעאייגענט דאָס רעכט צו בעשטימען און אָבצוזעצען די כהנים-גדולים, וואָס זענען די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון פאָלק און די פאָרזיצענדע פון סנהדרין. נאָך בשעת קווירינוס'ס פאָלקסצעהלונג איז אָראָבגעזעצט געוואָרען דער כהן-גדול יועזר, און אויף זיין אָרט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען חנן, דער עלטער-פאָטער פון אַ גאַנצער דינאַסטיע פון כהנים — בית-חנן. דער פּראָקוראַטאָר גראַטוס פֿלעגט בעזונדערס אָפֿט אָנווענדען דאָס דאָזיגע רעכט, וואָס איז אַזוי בעליידיגענד געווען פאַר אידישען נאַציאָנאַל-געפיהל. אין זיינע צייטען האָבען זיך איבערגעביטען פינף כהנים-גדולים. נאָך חנן'ען איז געווען ישמעאל בן פּאַבי, און נאָך איהם זענען געווען כסדר איינער נאָכ'ן אַנדערן: אלעזר (חנן'ס זוהן), שמעון בן קאַמיט

אין יזקי קדמה. נאָר דער לעצטער האָט פאַרנומען זיין שטעל אַ לאַנגע צייט און האָט געדינט נאָך פאַר פּילאַטוסן, וואָס איז געווען פּראָקוראַטאָר נאָך גראַטוסן.

די אונגדוהען אין פּילאַטוסעס צייטען

§ 112. פּאָנטיוס פּילאַטוס, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ פּראָקוראַטאָר נאָך גראַטוסן (26—36), האָט דורך זיין חוצפּה׳דיגען איבפירה אַרויסגערופען אונרוהען צווישען פאָלק. דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַני„אונפּיגזאַמען כאַראַקטער און אַ שרעקליכער אכזר", לויט ווי עס שילדערט אידם פּילאָן פון אַלעכסנדריא, וואָס האָט געלעבט אין זיין צייט. „שוחד, גזלות, געוואַלדטאַטען, בעליידיגונגען קעגען מענשען, ווילדעווילען, טויט־שטראָפען אָהן אַ משפּט" — אָט דאָס זענען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון פּילאַטוסעס פערוואַלטונג. ער האָט געהאַט הנאה דערפון, וואָס ער פלעגט חוזק מאַכען פון די מנהגים, וואָס זענען היילינג פאַר אידען, און אַריינרייסען זיך אין זייער אינעווייניגסטען לעבען. ער האָט בכלל געהאַלטען, אַז מען מוז די בעזיגטע אַריינזאָגען אַ שרעק פאַר דער קראַפט פון די זיגער.

די פריהערדיגע פּראָקוראַטאָרען, מחמת זיי האָבען זיך גערעכענט מיט די מנהגים פון די אידען, פלעגען אַכטונג געבען, אַז בשעת די רוימישע זעלנער געהען דורך איבער די גאַסען פון ירושלים, זאָל מען ניט טראָגען פאַר זיי די פאָהנען מיט קיזערים בילד. עפענטליך טראָגען אַזעלכע פאָהנען וואָלט אויסגעזעהן, ווי „דינען צו בילדער", וואָס לויט דעם אידישען געזעץ איז דאָס שטרענג פערבאָטען. פאַרן אַבסאָלוטען קולט פון גאָט האָט ניט געפּאַסט אפילו, אַז עס זאָלען זיך געפינען אין דער היילינער שטאָדט אַזעלכע בילדער, וואָס זענען אַ סימבאָל פונם „קולט פונם קיזער". נאָר פּילאַטוס האָט ניט געהאַט די דאָזיגע שוואַכקייט — צו שוינען דעם רעליגיעזען געפיהל פון פאָלק, און איין מאָל האָט ער געשיקט פון קיסריה קיין ירושלים אַ מיליטערישע אַבטיילונג מיט פּילה פונם קיזער אויף די פאָהנען. געטאָן האָט מען דאָס ביי־נאַכט, בכדי אויסצומיידען דעמאָנסטראַציעס. אַז די איינוואוינער האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט זיי אָנגעכאַפּט אַנ׳אימה. און אַ גאַנצע מאַסע ירושלמים זענען אוועק קיין קיסריה, און אין משך פון פינף טעג האָבען זיי זיך געבעטען ביי פּילאַטוסן, ער זאָל צונעהמען דעם קיזערס בילדער פון דער היילינער שטאָדט. פּילאַטוס האָט דערויף ניט מסכים געווען און ער האָט געטענ׳הט, אַז אַרויסנעהמען די בילדער פון ירושלים וואָלט געהייסען בעליידיגען דעם קיזער. הגם חוץ די צוריהענישען האָבען ניט געהאָלפען, און די מאַסע איז אַלץ בעשטאַנען אויף איהר פאָדערונג, האָט פּילאַטוס אָנגעהויבען סטראַשען. ער האָט אַריינגענאַרט די שתדלנים אין היפּאָדראָם (פּלאַץ, וואו מען פלעגט יאָגען זיך), וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט מיליטער, און האָט געשראָקען, אַז ער וועט זיי אויסקילי

אויב זיי וועלען זיך ניט אונטערגעבען זיין בעפֿעלס. שטורמישע פּראָטעסטען מצד די אידען זענען געווען אַן ענטפֿער אויף דעם דאָזיגען בטראַשונג. בשעת די רוימישע סאָלדאַטען זענען שוין געווען גרייט זיך אַ וואַרף צו טון אויף די אומבעוואָפֿענטע אידען, האָבען די לעצטע זיך אַנידערגעלעגט אויף דער ערד, אויסגעשטרעקט זייערע העלזער און ערקלערט, אַז זיי זענען גרייט בעסער צו שטאַרבען, איידער צו דערלאָזען, אַז מען זאָל מטמא זיין די הייליגע שטאָדט. פּילאַטוס איז נשתומם געוואָרען איבער דער שטאַנדהאַפֿטיגקייט פֿון די אידען און איז געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען. ער האָט געהייסען אַרויסנעמען דעם קייזערס בילדער פֿון ירושלים און אַריבערפֿיהרען זיי צוריק קיין קיסריה.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט פּילאַטוס ווידער געפּרובט איינצופֿיהרען דעם קולט פֿון קייזער אין ירושלים. אין הורדוס'עס געוועזענעם פּאַלאַץ, וואו די פּראָקוראַטאָרען פֿלעגען וואוינען, בשעת זיי פֿלעגען קומען צו פֿאָהרען קיין ירושלים, האָט ער אַריינגעשטעלט גאָלדענע שילדען, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעקריצט דעם קייזערס נאָמען. געטאָן האָט ער עס, ווי עס שרייבט דער כראָניקער פֿון זיין צייט, „ניט אַזוי צוליעב דעם, כדי אָנצוטון כבוד טיבעריוס'ן, ווי צוליעב פֿערשאַפֿען עגמת-נפש דעם פֿאָלק". די פֿאָרשטעהער פֿון דער העכערע ירושלימער געזעלשאַפֿט האָבען געבעטען פּילאַטוס'ן, ער זאָל דערווייטערן די שילדען. אַז ער האָט זיי דערין אָבגעזאָגט, האָבען זיי זיך געווענדעט צו טיבעריוס'ן. טיבעריוס האָט ניט געוואָלט איינרייצען די אידען; אין דעריבער האָט ער געהייסען פּילאַטוס'ן צונעמען די שילדען פֿון הורדוס'עס פּאַלאַץ און אַריינשטעלען אין היידנישען טעמפּעל פֿון אויגוסטוס'ס נאָמען וועגען אין קיסריה.

טרייעריגערע רעזולטאַטען האָט געהאַט אַן אַנדער צוזאַמענשטויס צווישען די אידען און דעם אומרוהיגען פּראָקוראַטאָר. פּילאַטוס האָט געמאַכט אַ פּלאַן דורכצופֿיהרען וואַסער קיין ירושלים פֿון קוועלען, וואָס האָבען זיך געפֿינען אויף אַ מהלך פֿון העכער דרייסיג ווערסט פֿון שטאָדט. געלד אויף דעם דאָזיגען טייערן בנין האָט ער גענומען פֿון דער קאַסע פֿון בית-המקדש. דורכדעם האָט ער זיך אַריינגעריסען אין דער געזעלשאַפֿטליכער זעלבסטפֿערוואַלטונג פֿון די אידען, און די לעצטע האָבען טאַקע באַלד פּראָטעסטירט קעגען דעם. אַז פּילאַטוס איז איין מאָל געקומען אין ירושלים אין דער צייט, וואָס מען האָט געאַרבייט אַרום דער וואַסערלייטונג, האָט מען אים בעגעגענט מיט פֿאָדערונגען, ער זאָל אָבשטעלען די אַרבייטען, דערביי האָבען זיך פֿון המון געלאָזט הערען זידלערייען קעגען פּילאַטוס'ן. פּילאַטוס, וואָס האָט זיך שוין פֿון פֿריהער געהאַט צוגעגרייט צו דעם דאָזיגען פּראָטעסט, האָט געהייסען זיינע סאָלדאַטען שטילערהייט איבערטאָן זיך אין ציווילע קליידער, צווישמישען זיך מיט'ן טומלדיגען המון פֿון די אידען און שלאָגען זיי מיט שטעקענס, וואָס זיי האָבען געהאַט בעהאַלטען אונטער זייערע מאַנטלען. פּילאַטוס האָט געגעבען דעם אָבגעמאַכטען

צײַכן — און די סאַלדאַטן האָבן זיך אַ װאָרף געטאָן אויף די אומבעװאָפנטע אידען. אַ סך האָבן בעקומען קלעפּ און אַ סך זײַנען אַפילו דערהרגעט געװאָרען. דער װידערשטאַנד פון פאָלק איז געװאָרען געבראָכען, נאָר די שנאה צום רוימישען פּראָקוראַטאָר מצד די אידען איז אַלץ שטאַרקער געװאָרען.

שפּעטער האָט פּילאַטוס בעקומען דעם לױן פאַר זײַנע אונגעזעצליכע מעשים בײַ אַ צוזאַמענשטויס מיט די שומרונים (שמרון און די געגענד פון שכם זײַנען געװען אַ טײל פון צענטראַלען לאַנד יהודה און האָבן זיך געפינען אונטער דער ממשלה פון די פּראָקוראַטאָרען). אײנער אַ פאַלשער נביא האָט אײַנגערעדט די לײַכטגלױביגע שומרונים, אַז אויפ'ן באַרג גריזים, װאָס זײ האָבן איהם געהאַלטען פאַר הייליג, זײַנען פאַרגראָבען זינט משה רבנו'ס צײַטען די כלים פון אַלטען אוהל-מועד. אַ בעװאָפענטער המון שומרונים האָבן זיך צונויפגעקליבען אין אַ דאָרף בײַם פוס פון באַרג גריזים, בכדי אַרויפצושטײַגען אויפ'ן באַרג און צו זעהן די הייליגע כלים. פּילאַטוס, װאָס האָט חושד געװען די שומרונים, אַז זײ גרײטען זיך צו אַ מרידה, האָט אַרויסגעשיקט קעגען זײ אַ מחנה זעלנער, װאָס האָבן אַ סך דערהרגעט און די איבעריגע צעטריבען אָדער געפאַנגען גענומען. פון די געפאַנגענע האָט פּילאַטוס געהייסען טויטען די חשובֿ'סטע. װעגען דער דאָזיגער מעשה-אַכזריות האָבען די שומרונים געגעבען צו װיסען דעם הויפּט-פערװאַלטער פון סוריען, װיטעליוס. װיטעליוס האָט בעפוילען פּילאַטוס'ן אָבצופאָהרען קיין רוים, בכדי צו פערענטפערן זיך פאַר'ן קייזער בנוגע צו די בעשולדיגונגען, װאָס מען האָט אויפגעהויבען קעגען איהם (36). מעהר איז שוין פּילאַטוס קיין מלכות-יהודה ניט געקומען.

אַזוי זײַנען די אידען פּטור געװאָרען פון'ם פערהאַסטען פּראָקוראַטאָר. װיטעליוס האָט געװאָלט בערוהיגען די אויפגערעגטע בעפעלקערונג, און דעריבער איז ער זיך בעגאַנגען מיט די אידען זעהר פריינדליך. פּסח-צײַט איז ער אַלײן געקומען קיין ירושלים און האָט געשאָנקען די אײַנװאױנער געװיסע הנחות. צװישען אַנדערע האָט ער מבטל געװען אײן פּריװילעגיע פון די פּראָקוראַטאָרען, װאָס איז געװען בעזונדערס בעלײדיגענד פאַר די אידען. אין הורדוס I-ענס צײַטען פלעגען די יום-טובֿדיגע בגדי-כהונה ליגען בעהאַלטען אין אײנעם פון די טורעמס פון דער פעסטונג אַנטאָניס, װאָס האָט זיך געגרעניצט מיט'ן בית-המקדש. די ערשטע פּראָקוראַטאָרען, נאָכדעם װי זײ האָבן אַװעקגעשטעלט אין דער פעסטונג אַ רוימישע װאַך, האָבן געלאָזען אונטער איהר השגחה אויך די בגדי-כהונה. די לעצטע פלעגען ליגען בעהאַלטען אין טורם אין אַ בעזונדער חדר, װאָס פאַר איהם האָט שטענדיג געברענט אַ נר-תמיד, און ערשט ערבֿ די גרויסע ימים-טובֿים פלעגט מען זײ צוריקגעבען דעם כהן-גדול. אויף אַזאַ אופן האָט די רוימישע רעגירונג געהאַלטען אין משכון די הייליגע חפצים פון די אידען. װיטעליוס האָט אײַנגעשטעלט אין דעם דאָזיגען מנהג אַנאָנבאַל, אויף דער גײַסטיגער

אויטאנאמיע פון די אידען, און דעריבער האט ער געהייבען אבגעבען די כהנים זייערע הייליגע קליידער אויף היטען זיי אויפ׳ן פאסיגען ארט אין בית-המקדש. ויטעליוס — ס׳קען זיין, לויט׳ן פערלאנג פון פאלק — האט אראבגעזעצט דעם כהן-גדול יוסף קיפא, וואס האט געדינט אין פילאטוס׳ס צייט, און אויף זיין שטעל האט ער בעשטימט יונתנ׳ען, פון דער פאפולערער משפחה כהנים בית-חנן.

בשעת זיין קריגס-צוג קעגען די אראבער (אין יאהר 37) האט ויטעליוס מיט זיין ארמעע בעדארפט דורכגעהן דורכ׳ן לאנד יהודה. לויט דער בקשה פון די אידען האט ער געשיקט זיין חיל אויף אומוועגען פאזע גרעניץ, בכדי ניט צו בעליידיגען די געפיהלען פון דער בעפעלקערונג דורכ׳ן אנבליק פון די קייזערליכע פאהנען. נאר די דאזיגע פאליטיק פון שלום און בערוהיגונג האט געדויערט ניט לאנג, און דעם לאנד זענען נאך פארגעשטאנען שווערע נסיונות. די טעטראַרכיעס פון פיליפוס און הורדוס-אנטיפס.

§ 113. אין דער צייט, וואס אין דער צענטראלער מלכות-יהודה, וואס איז פריהער געשטאנען אונטער ארכילויס׳ס רשות, האבען געבעלי-בת׳עוועט די רוימישע פראקוראטארען, — האבען אין די גרעניץ-לענדער פערוואלטעט איבער זייערע חלקים הורדוס I-ענס זיהן, הורדוס-אנטיפס און פיליפוס. ווי מ׳איז שוין בעוואוסט (§ 101), האבען די ביידע בעקומען פון אויגוסטוס׳ן די טיטלען „טעט-ראַרך": איינער איבער גליל און פעריא, און דער אנדערער איבער די גע-גענדען אין איבערשטען טייל פון ירדן. די טעטראַרכיעס פון הורדוס-אנטיפס און פון פיליפוס האבען זיך אויך געפונען אונטער דער איבערהערשאפט פון רוים, נאר זיי האבען געהאט מעהר אויטאנאמיע, איידער די צענטראלע מלכות-יהודה, וואס איבער איהר האבען דירעקט פערוואלטעט די רוימישע פערוואלטער. נאר די פערוואלטער, הורדוס׳עס זיהן, האבען זעהר ווייניג אויסגענוצט די דאזיגע אויטאנאמיע צוליעב די נאציאנאלע אינטערעסען פון דער אידישער בעפעלקערונג פון זייערע מדינות.

פיליפוס׳ס טעטראַרכיע איז, איבעריגענס, געווען בלויז טיילווייז א אידישע פראווינץ, הן לויט איהר געאגראפישער לאגע, הן לויט איהר בעפעלקערונג. די איז בעשטאנען פון פאלגענדע געגענדען אין עבר-הירדן: בשן, גולן (איצט ווערט עס אנגערופען דושאלאן), טרכוניה, חורן און פאנעאס (הארט נע-בען די קוואלען פון ירדן). אלע די דאזיגע לענדער האבען פערנומען א גרויסען שטח צווישען דעם ים-כנרת, די בערג לבנון, דמשק און די לענדער פון די אראבער פונם שבט בני-נביות. מיט מלכות-יהודה זענען די דאזיגע לענדער פעראייניגט געווארען ערשט אין דער צייט פון די חשמונאים און בעזעצט זענען זיי געווען מעהר פון גריכען און סירער, איידער פון אידען. אויך דער רעגירער פון דער דאזיגער טעטראַרכיע איז געווען מעהר אנאויסלענדער, איידער א איד. אויפגעהאדעוועט אין רוים און אבגעפרעמדט פון אידישקייט, איז פיליפוס

געווען ווינציג ערהנליך ווי א נאציאנאלער אידישער מושל. וועגן זיין רוימישן פאטריאטיזם זאגן עדות די נעמען, וואס ער האט געגעבן די שטעדט, וואס ער האט אויפגעבויט. די אלטע שטאדט פאנעאס (אדער פאניאן), נעבן די קוואלען פון ירדן, האט ער איבערגעבויט און פערברייטערט און געגעבען איהר א נאמען קיסרין. בכדי זי אבצושיידען פון קיסרין נעבן ים, וואס איז געווען די רעזידענץ פון די פראקוראטארען, איז די שטאדט ביים ירדן אנגערופען געווארען קיסרין פיליפי. דער שטאדט בית-סעידה, וואס איז געלעגען אויפ'ן ארט, וואו דער ירדן פאלט אריין אין ים-כנרת, האט ער אומגעביטען דעם נאמען אויף יוליאדא, לכבוד דער טאכטער פון קייזער אויגוסטוס.

פיליפוס האט רעגירט אין זיין טעטראכיע פרידליך און שטיל אין משך פון 37 יאהר. ער האט ניט געהאט זיין פאטערס קריגערישע נטיות און איז כמעט ניט ארויסגעפאהרען פון די גרעניצען פון זיין מלוכה. בשעת פיליפוס פלעגט ארומפאהרען איבערין לאנד אין דער בעגלייטונג פון זיינע מקורבים, פלעגט מען אומעטום (ווי יוסיפוס פלאוויוס דערצעהלט) נאכפיהרען נאך איהם זיין ריכטער-שטוהל. און בשעת מען פלעגט אונטערוועגס ווענדען זיך צו איהם מיט פערשיידענע פראצעסען, פלעגט ער דארט גופא זעצען זיך אויפ'ן שטוהל, אויסהערען די צדדים און ארויסזאגען דעם פסק-דין. פיליפוס איז געשטארבען אין יאהר 37 נאך דער קר. צייטרעכנונג. אזוי ווי ער האט נאך זיך קיין קינדער ניט געלאזען, האט דער קייזער טיבעריוס געגעבען א בעפעהל, מען זאל צוגעבען זיין פראווינץ צו די איבעריגע רוימישע מדינות אין סיריען.

געהנטער צום אידישען מוטערלאנד איז געווען הורדוס-אנטיפס'ס טעטרארכיע, וואס איז בעשטאנען פון גליל און פעריא. אויב אין פעריא (דער מיטעלסטער טייל פון עבר-הירדן) האט געוואוינט א געמישטע אידישע און גוישע בעפעלקערונג, איז די פרוכטבארע און מאלערישע געגענד פון גליל געווען געדיכט בעזעצט פון אידען. פון גליל פלעגען זיך אנהויבען יענע פאטריאטישע פאלקס-בעוועגונגען, וואס האבען אזוי אפט בעאונרוהיגט סיי די רוימער, סיי די רעגירער פון הורדוס'עס משפחה, וואס די רוימער האבען זיי געשטעלט.

הורדוס-אנטיפס (וואס אין דער ליטעראטור פון דער „ברית-החדשה" ווערט ער אנגערופען פשוט הורדוס) איז געווען זעהר ווייט פון די נאציאנאל-פאליטישע אידעאלען פון אידישען פאלק. אין זיינע פערזענליכע בעציהונגען מיט'ן מוטערלאנד האט ער זיך בעגנוגענט, אפנים, דערמיט, וואס ער פלעגט אלע יאהר בעזוכען דעם בית-המקדש אין די גרויסע ימים-טובים. אין זיין פערוואלטונג האט ער זיך געהאלטען ביי דער פאליטיק פון א בעשיידענעם רוימישען וואסאל, וואס האט אפילו ניט געחלומט וועגען אומאבהענגיגקייט. די הויפט-שטאדט פון גליל צפורי, וואס ווארוס האט זי צעשטערט בשעת דער מרידה נאך הורדוס'עס טויט, איז פון דאס-ניי אויפגעבויט געווארען און בע-

פעסטיגט אין הורדוס-אנטיפס'ס צייטען. ניט ווייט פון איהר, אויפ'ן מערב'דיגען ברעג פונ'ם ים-כנרת, האט ער אויסגעבויט א נייע שטאדט, וואס ער האט איהר א נאמען געגעבען פון דעם קייזערס כבוד וועגען טבריה (שפעטער-צו האט די אידערע אויך בעקומען איהר נאמען פון דער שטאדט — ים-טבריה). הורדוס-אנטיפס האט געוואלט די דאזיגע שטאדט מאכען פאר א נייע הויפט-שטאדט, און דעריבער האט ער זיך בעמיהט צו בעזעצען דארט וואס מעהר מענשען. נאר פרומע אידען האבען זיך ניט גערן בעזעצט אין דער נייער שטאדט, מחמת דער ארט, אויף וועלכען די איז געווען געבויט, איז פריהער געוועזען א בית-עולמין, און אזא ארט רעכענט זיך פאר טמא. דעריבער האט דער טעטראַרך בעזעצט אין טבריה אויסלענדער, בעטלערס און אלערליי שלעפערס, אזוי אז די ערשטע צייט האט די דאזיגע שטאדט געהאט א שלעכטען נאמען. הורדוס-אנטיפס האט זיך דא אויסגעבויט א קעניגליכען פאלאץ, וואס איז געווען פערציערט מיט פיגורען פון חיות, וואס איז אויך געווען ניט אנגענעהם פאר'ן רעליגיעזען געפיהל פון די אידען.

בעזונדערס האט ארויסגערופען טאדלען דעם טעטראַרכ'ס פאמיליען-לעבען. אלס ערשטע פרוי האט הורדוס-אנטיפס געהאט א טאכטער פונ'ם אראבישען קעניג ארעטאס. איין מאל האט ער, אונטערוועגס קיין רוים, בעזוכט זיין ברודער הורדוס (הורדוס I-טענס א זוהן פון מרים II, דער טאכטער פון כהן-גדול ביתוס) און האט זיך פערליעבט אין יענעמס פרוי הורדיאס, זיין געטויטען שטיפברודערס אריסטובול'ס א טאכטער. איהם האט זיך איינגעגעבען איבערצורעדען הערָאדיאַס'ן, די זאל פערלאזען איהר מאן און איבערגעהן צו איהם. און הורדוס-אנטיפס האט פערשטויסען זיין ערשטע פרוי און האט חתונה געהאט מיט הערָאדיאַס'ן, הגם אזעלכע פרומע לייט זענען דערויף שטארק אין כעס געוועזען. די טראדיציע פון „ברית-החדשה" דערצעהלט, אז פאר דעם דאזיגען אונגעזעצליכען שידוך האט דעם טעטראַרך געזידעלט פאר כל עם ועדה דער שטרענגער אסקעט יוחנן המטביל (דער טויפער), וואס איז אין יענער צייט געקומען קיין גליל און וואס האט גערופען אלעמען תשובה צו טון, מחמת עס דערנעהנטערט זיך „דאס קעניגרייך פון הימעל". דער דערצארנטער טעטראַרך האט אריינגעזעצט דעם דרייסטען דרשן אין דער פעסטונג מכר, און באלד דערויף האט ער געהייסען אראבהאקען איהם די קאפ, כדי צוליעב צו טון הערָאדיאַס'ן.

די ערשטע פרוי, וואס אנטיפס האט פערשטויסען, איז אנטלאפען געווארען צו איהר פאטער ארעטאס, און דער פועל-יוצא דערפון איז געווען דאס, וואס עס זענען אויסגעבראכען שטרייטען צווישען דעם אראבישען קעניג און דעם טעטראַרך פון גליל, וואס האבען געדויערט א לאנגע צייט. די פיינדליכע מעשים צווישען די ביידע שכנים האבען זיך אנגעהויבען פון קליינע געשלעגען נעבען גרעניץ, נאר געענדיגט האבען זיי זיך מיט א גרויסער מלחמה, וואס אין איהר האט אנטיפס בעקומען א מפלה (36). דעמאלט האט ער זיך געוועגדעט נאך

היכף צו זײַן איבערהאַר, דעם קײזער טיבעריוס. דער קײזער האָט געשיקט אַ באַפֿעל דעם סירישן פֿערוואַלטער, דעם דערמאָנטן וויטעליוס, אַרױסצוטרעטן קעגן די אַראַבער. נאָר קוים איז וויטעליוס אַרױס מלחמה האַלטן, האָט זיך שוין באַקומען אַ ידיעה וועגן טיבעריוסעס טויט (37). דאָס האָט באַוואוינען דעם סירישן פֿערוואַלטער זיך אָבצוזאָגן פֿון דער שליחות, וואָס איז אויף אים אַרויפֿגעלעגט געוואָרן, און אומצוקערן זיך אין אַנטיוכיא. אויף אַזאַ אופֿן האָט הורדוס-אַנטיפּס ניט נקמה גענומען, ווי ער האָט דאָס געוואָלט. זײַן פּאָליטישע לאַגע איז שוואַכער געוואָרן, און אין גיכן איז געקומען אַ סוף צו זײַן ממשלה אַדאַנק דעם, וואָס זײַן פּלימעניק אַגריפּס איז גיך דערהויבט געוואָרן.

ח. דערהויבונג פֿון אַגריפּסן.

§ 114. דאָס, וואָס טיבעריוס איז געשטאָרבן און איפּן טראָן איז אַרויף קאַיוס קאַליגולאַ (37—41), האָט געגעבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצודרייען אײנעם פֿון הורדוסעס משפּחה, וואָס איז באַשערט געווען אויף אַ קורצער צײַט צו פֿאַרענדערן די פּאָליטישע לאַגע פֿון מלכות-יהודה. דער דאָזיגער פּרינץ איז געווען אַגריפּס, הורדוס I-עס אייניקל.

דער זון פֿון הורדוסן און פֿון דער חשמונאים-טאָכטער מרים, דער אומגליקלעכער פּרינץ אַריסטובול, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי זין, אַגריפּס און הורדוס (וואָס האָט באַקומען דעם צונאָמען כאַלקידישער), און איין טאָכטער, די איבערגעמאָנטע הערודיאַס. אַגריפּס איז אַלט געווען דרײַ יאָר, בשעת זײַן פֿאָטער איז געטויט געוואָרן (אין יאָר 7 פֿאַר קר.). אַלס וועקס יאָריגן יונגל האָט מען אים אַוועקגעשיקט קײן רוים אויף האָדעווען אים דאָרט. יונגערהייט איז ער אַרײַנגעפֿאַלן צווישן דער העכסטער רוימישער געזעלשאַפֿט און איז געווען באַפֿרײַנדעט מיט דעם קייזער טיבעריוסעס זון, דרוזוס דעם יונגערן. די ווירקונג פֿון די רוימישע קרײַזן האָט זיך שלעכט אָבגערופֿן אויף אַגריפּסעס כאַראַקטער. ער האָט זיך אָנגעאײַגנט אַלע שלעכטע געוואוינהייטן פֿון די רוימישע פּריצים, באַזונדערס די נטיה צו פֿאַרשווענדערײַ. אין גיכן האָט ער גע'פּטר'ט זײַנע אייגענע געלט-מיטלען, האָט אָנגעהויבן מאַכן הלוואות און איז אַרײַן אין חובות ביז איבערן קאָפּ. נאָכן טויט פֿון זײַן פֿרײַנד דרוזוס (23), האָט אַגריפּס אַזוי ווײַט פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין זײַנע חובות, אַז ער איז געווען געצוואונגען צו פֿאַרלאָזן רוים און אומצוקערן זיך קיין פּאַלעסטינע. דאָ האָט איבערן פֿאַראָרעמטן פּרינץ רחמנות געקראָגן דער גליל'ער טעטראַרך הורדוס-אַנטיפּס, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זײַן שוועסטער הערודיאַס, און האָט אים געגעבן די שטעל פֿון אַן „אַגאָראַנאָמוס", דאָס הייסט, אַן אויפֿזעער פֿון מאַרק אין טבריה. אַגריפּס האָט זיך ניט לאַנג אײַנגעהאַלטן אויף דער דאָזיגער באַשיידענער שטעל, באַלד האָט ער זיך צעקריגט מיט זײַן שוואָגער און האָט געמוזט פֿאַרלאָזן טבריה.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייִע וואַנדלונגען איבער סיריען און עגיפּטען. אַגריפּאַ פֿלעגט איבערפֿאָהרען פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערען און האָט אַלײן ווייטער געמאַכט חובֿות און בעהאַלטען זיך פֿאַר זיינע אַלטע מלוהים. סוף-כּל-סוף איז ער אַ יאָהר פֿאַר טיבעריוס׳ס טויט ווידער געקומען קיין איטאַליען און האָט בעגייסט זיינע פֿערבינדונגען מיט די היכער חשובֿ׳ע לייט. אין דער וועלביגער צייט איז ער געוואָרען בעפֿריינדעט מיטן קרוין-יורש, אויגוסטוס׳ס איי-ניקעל, קאַיוס קאַליגולאַ. פֿערפֿלאָנטערט אין זיינע חובֿות, האָט אַגריפּאַ אַלע זיינע האָפֿענונגען אַרויפֿגעלעגט אויף דער צוקונפֿט, אויף דער צייט, ווען זיין גוטער פֿריינד קאַליגולאַ וועט ווערען קייזער. איין מאָל איז ער געזעסען אונפֿאָרזיכטיג גענוג, אַרויסצואָגען זיין היימליכען פֿערלאַנג — צו זעהן וואָס גיכער קאַליגולאַ׳ן אויפֿן טראָן. וועגען דעם האָט מען געמסרט טיבעריוס׳ן. דער קייזער האָט געהייסען שמידען אַגריפּאַ׳ן אין קייטען און אַריינזעצען איהם אין תּפֿיסה. אַגריפּאַ איז געזעסען אין תּפֿיסה נאָר אַ האַלב יאָהר, ווארום אין גיכען איז טיבעריוס געשטאָרבען — און דער סענאַט האָט פּראָקלאַמירט פֿאַר אַ קייזער קאַליגולאַ׳ן.

זינט יענעם מאָמענט הייבט אָן אַגריפּאַ עולה למעלה זיין. נאָכדעם, ווי קאַליגולאַ איז געקומען צו מאַכט, האָט ער בעפֿרייט פֿון תּפֿיסה דעם אידישען פּרינץ, וואָס האָט געליטען מחמת זיין איבערגעבענקייט צו איהם, און האָט איהם געשאָנקען אַ גאָלדענע קייט, צום אָנדענקען אָן דער אייזערנער קייט, וואָס דער תּפֿוס האָט געטראָגען אין תּפֿיסה. אין דער וועלביגער צייט האָט דער נייער קייזער אָבגעגעבען אַגריפּאַ׳ן די געוועזענע טעטראַרכיע פֿיליפּוס׳ס (§ 113) און מיטן טיטעל קעניג און ניט טעטראַרך (37).

אויף אַזאַ אופֿן האָט דער אָרימער פּרינץ מיט אַמאָל בעקומען אין פּאַלעסטינע אַזאַ לאַגע, וואָס האָט איהם אויפֿגעשטעלט העכער פֿון זיין שוואָגער און פֿעטער הורדוס-אַנטיפּאַס, וואָס האָט געהאַט נאָר דעם טיטעל טעטראַרך. דאָס האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען הערודיאַס, דעם טעטראַרכ׳ס פֿרוי און אַגריפּאַס׳ס שוועסטער; זי האָט זיך ניט געקאָנט בערוהיגען מיט דעם געדאַנק, וואָס זי וועט ניט זיין קיין „קעניגין”, אין דער צייט וואָס איהר ברודער טראָגט דעם טיטעל קעניג. איהר קנאה איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, בשעת אַגריפּאַ איז געקומען צו פֿאָהרען קיין פּאַלעסטינע, און זי האָט איהם דערזעהן בחוש, אָנגעטאָן אין גלענצענדע בגדי-מלכות. געטריבען פֿון איהר קנאה-געפֿיהל, האָט זי געפֿאָדערט פֿון איהר מאַן, אַז ער זאָל זעהן צו בעקומען פֿון קייזער דעם טיטעל קעניג, זאָל קאָסטען וואָס עס קאָסט. זעהר ניט גערן און נאָר נאָכגעבענדיג די טענות פֿון זיין פֿרוי, איז הורדוס-אַנטיפּאַס מיט איהר אינאיינעם אַוועקגע-פֿאָהרען קיין איטאַליען, בכּדי זיך משתדל צו זיין וועגען העכערן זיין טיטעל. נאָר קוים האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן קייזער אין זיין ווילאַ אין באַיי, איז אַהין געקומען אַ שליח מיט אַ בריעף פֿון אַגריפּאַ׳ן. דער לעצטער האָט

געמבֿרט קאַליגולאַן, אַז הורדוס־אַנטיפּאַס פֿעררעטעט ניט די געגנער, וואָס ער בעט, מחמת ער זאָל האָבען ניט לאַנג געפֿיהרט שטילערהייט אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ מיליטערישען בונד מיטן פּאַרטישען קעניג אַרטאַבאַנעס. בכדי צו בעשטעטיגען זיין בעשולדיגונג בנוגע צו דער אומגעטריישאַפֿט פֿונ'ם גליל'ער טעטראַרך, האָט אַגריפּאַס אָנגעוויזען אויף די גרויסע בעוואָפֿענונגען, וואָס אַנטיפּאַס האָט געמאַכט די לעצטע צייט. אַז קאַליגולאַ האָט איבערגעלייענט דעם בריעף, האָט ער געפֿרעגט ביי אַנטיפּאַס'ן, צי עס איז אמת דאָס, וואָס ווערט דערצעהלט וועגען זיין פֿערשטאַרקטער בעוואָפֿענונג; און אַז אַנטיפּאַס האָט דאָס בעשטעטיגט, האָט דער קייזער שוין געגלייבט די אַנדערע בעשולדיגונגען, וואָס ווערען אַרויסגעזאָגט אין בריעף. אַלס שטראָף דערפֿאַר, האָט דער קייזער אָבגענומען ביי הורדוס־אַנטיפּאַס'ן זיין טעטראַרכיע און האָט איהם פֿערשיקט אין דער שטאָדט לוגדונום, אין גאַליען (39). וועלענדיג טאָן צוליעב זיין פֿריינד אַגריפּאַס'ן, האָט קאַליגולאַ בעשלאָסען לאָזען זיין שוועסטער הערודיאַס פֿריי און אָבגעבען איהר איהר אייגענס; כאָטש די שטאָלצע פֿרוי, זיך מודה זייענדיג, אַז זי איז אַליין שולדיג אינ'ם אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿען מיט איהר מאַן, האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון דער דאָזיגער גענאָד און איז אַוועק מיט'ן מאַן אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

הורדוס־אַנטיפּאַס'ס טעטראַרכיע האָט דער קייזער אָבגעגעבען אַגריפּאַס'ן, און אויף אַזאַ אופֿן איז דער לעצטער געוואָרען פֿערוואַלטער איבער'ן גרעסטען טייל פֿון פּאַלעסטינאַ, חוץ דער געגענד, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿונ'ם רוימישען פּראָקוראַטאָר. ער האָט נאָך בעדאַרפֿט בעקומען אויך די דאָזיגע צענטראַלע געגענד. נאָר איידער מ'איז פּאַרגעקומען די פֿעראייניגונג פֿון דער צענטראַלער אידישער טעריטאָריע, האָבען זיך אַ שאָט געטאָן אויף די קעפּ פֿון די אידען גרויסע צרות. די זעלביגע האַנד, וואָס האָט געטאָן חסד מיט אַגריפּאַס'ן, האָט געוואָלט אָנפֿאַלען אויף די מנהגים, וואָס זענען הייליג ביים אידישען פֿאָלק, און דאָס האָט שיער ניט געבראַכט צו אַ בלוטיגער איבערקעהרעניש.

ש. דובנאָוו

צווייטער קאַפּיטעל

די אונרוהען אין קאַליגולאַ'ס צייטען און קעניג אגריפּס I. (38—44).

די הריגה אין אלכסנדריא. — די שלוחים פֿון די אלכסנדריינער צו קאַליגולאַ'ן. — קאַליגולאַ'ס בעפֿעהל און די מרידה אין מלכות־יהודה. — קעניג אגריפּס I. — אגריפּס'ס פּאַטריאָטישע אײַנשטעלונג.

די הריגה אין אלכסנדריא.

§ 115. דער צווייטער יאָהר, ווען קאַליגולאַ האָט אָנגעהויבן צו קיניגן, איז געווען דער אָנהויב פֿון דער שרעקלעכסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿונ'ם רוימישן קייסערטום. דער שוואַכער כח איז צעטומלט געוואָרן ביי דעם דאָזיגן האַרדנעקן פֿונ'ם סאָלדאַטישן לאַגער און פֿון דער הויפֿישער קאַמאַרילע, וואָס דער צופֿאַל האָט אים אַוועקגעזעצט אויפֿן טראָן און דערהויבט אים פֿאַר'ן מושל פֿון אַ האַלבער וועלט. אויף דער דאָזיגער שווינדלדיגער הויך האָט זיך ביי קאַליגולאַ'ן פֿאַרדרעהט דער קאָפּ און דער „קולט פֿון קיסר" האָט ביי אים אָנגענומען אַ רעליגיעזע פֿאָרם, אָנשטאָט דער ריין פּאָליטישער פֿאָרם, וואָס ער האָט געהאַט ביי די פֿריערדיגע קיסרים. ביי דעם אַלמעכטיגן טיראַן איז אײַנגעקומען אַזאַ משוגעת, צו רעכענען זיך פֿאַר אַן אַלמעכטיגן גאָט, און ער האָט געפֿאָדערט, אַז זיינע אונטערטאַנען זאָלן דינען צו אים, ווי צו אַ גאָט. דער דאָזיגער פֿאָדערונג האָט נאָך געקאָנט נאָכגעבן די דעמאָלטיגע היידנישע וועלט (דער פּאָליטעאיזם, וואָס האָט געשאַפֿן גאָט נאָך דער געשטאַלט פֿון אַ פֿיזיש שטאַרקן מענשען, האָט צום טייל אונטערגעשטיצט אַזעלכע פּרעטענזיעס), נאָר פֿאַר די טרעגער פֿונ'ם גייסטיגן פּרינציפּ פֿון אחדות אלהות (מאָנאָטעאיזם), פֿאַר די אידען, האָט אַזאַ פֿאָדערונג געמוזט אויסזייען ווי דער גרעסטער חילול השם.

אין די רוימישע פּראָווינצן — סוריען און עגיפּטען האָט מען שוין אָנגעהויבען אויסצופֿיהרען דעם ווילען פֿונ'ם משוגע'נעם קייזער, און טויזענדער מענשען זענען געשטאַנען אויף די קניע פֿאַר קאַליגולאַ'ס סטאַטועס, וואָס זענען געווען אויפֿגעשטעלט אין די טעמפּלען. מעהר ניט די אידען אַליין, וואָס זענען געווען צעזייט אין די דאָזיגע פּראָווינצן צווישען די היידנישע מאַסען, האָבען זיך מיט שרעק אָפּגעקעהרט פֿונ'ם דינסט צום קייזער און האָבען ניט אַריינגעלאָזען דעם קייזערס סטאַטועס אין זייערע טעמפּלען און שולען. די אידען אין די גלות־לענדער האָבען געהאַט דאָס רעכט אַזוי צו טון, דאַנק זייערע פֿריהערדיגע פּריווילעגיעס, וואָס האָבען זיי פֿאַרזיכערט פֿולקומע רעליגיעזע פֿרייהייט (§ 107). נאָר אין יענער צייט פֿון גרויסען ווילדווילען האָט מען קיין

געזעצליכע רעכט ניט אָנערקענט. אין געגעבענעם פאַל איז די לאַגע נאָך פאַרפּלאָנטערטער געווען מחמת דעם, וואָס די בירגער האָבן בעדאַרפט אַרויסווייזן דער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צום קייזער הורדעס, וואָס זיי זאָלען ערפילען זיין ווילען. דאָס, וואָס די אידען ווילען ניט אָנבעטען דעם קייזערליכען קולט, האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַ „מאַיעסטעטס-בעליידיגונג". און די אידישע שונאים האָבן טאַקע באלה אויסגענוצט די אויפפירונג פון די אידען. אַ בלוטיגע דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יענע צייט אין דעם הויפּט-צענטער פון די גלות-לענדער — אין אַלכסנדריא של מצרים.

זינט עגיפּטען איז געוואָרען אַ רוימישע פּראָווינץ (אין יאָהר דרייסיג פאַר דער קר. צייטרעכנונג), האָבן אָנגעהויבען ערגער צו ווערען די בעציהונגען צווישען דער גריכישער און אידישער בעפעלקערונג אין אַלכסנדריא, וואָס אויך פריהער זענען די ווייט ניט געווען קיין פריינדשאַפטליכע. די גריכען פון אַלכסנדריא און די העלעניזירטע עגיפּטער האָבן זינט לאַנגע צייטען געקוקט מיט קנאה אויף דער הצלחה פון זייערע אידישע מיטבירגער אין די פערשיידענע געביטען פונם עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען. אין דער עפּאָכע פון דער רוימישער הערשאַפט איז די אידישע בעפעלקערונג אין עגיפּטען בעדייטענד גרעסער געוואָרען; די ערשטע צעהנדליג יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג האָט די שוין דערגרייכט ביז אַ מיליאָן.

אַ בעדייטענדער און דער צום מייסט אָרגאַניזירטער טייל פון דער דאָזיגער בעפעלקערונג האָט זיך געפינען אין אַלכסנדריא. געדיכטע מאַסען אידען האָבן זיך דאָ קאָנצענטרירט אין דעם קוואַרטאַל דעלטאַ, וואָס ליגט ביים ברעג ים, און אויך אין אַנדערע קוואַרטאַלען האָט די אידישע בעפעלקערונג פאַרנומען אַ מעהר אָדער ווייניגער בעדייטענדען אָרט. די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג און די געמיינדע-אויטאָנאָמיע, וואָס די אידען האָבן געהאַט אין די צייטען פון די תלמיים (8 77), זענען פערבליבען ביי זיי אויך ביי דער נייער, רוימישער ממשלה. דער קייזער אויגוסטוס האָט בעשטעטיגט דאָס רעכט פון די אידען אין אַלכסנדריא צו האָבן זייער בעזונדערן עטנאַרך און זייער געמיינדע-ראַט אָדער גערוזיאַ. ס'זענען פאַרהאַן איניגע בעווייזען, אַז די גערוזיאַ האָט אין יענער צייט געהאַט ברייטע פולמאַכטען. איהר טעטיגקייט איז געשטאַנען אונטערן קאָנטראָל פונם רוימישען פערוואַלטער אין עגיפּטען, און ניט פונם אָרטליכען גריכישען מוניציפּאַליטעט. רייכע אידען פלעגען ווערען בעשטימט פאַר אַלאַבאַרכען אָדער שטייער-קלייבער אין דעם קוואַרטאַל פון אַלכסנדריא, וואָס ליגט אויפן ברעג ים.

אָט די בירגערליכע אויטאָנאָמיע פון די אידען, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרען דורך דער רוימישער ממשלה, איז ניט געפעלען געוואָרען די גריכען, וואָס האָבן גערעכענט זיך פאַר די בעלי-בתים פון שטאָדט און וואָס זענען

פּזרוב געווען פֿיינדלעך געזינען בנוגע צו דער רוימישער ממשלה. אויף אַזאַ אופֿן איז צוגעקומען צו די רעליגיעזע און עקאָנאָמישע טעמים פֿאַר דער פֿיינדשאַפֿט צווישן גריכן און אידן — נאָך אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער טעם: די שנאה צו דער אידישער אויטאָנאָמער קהלה, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער'ן שוץ פֿון די עראָבערער פֿון לאַנד — די רוימער. די אַלעקסאַנדרינישע שונאי־ישראל האָבן געוואָלט צעשטערן די דאָזיגע פּאָליטישע אחדות צווישן די אידן און די רוימער, מאַכן אָנווערן זייערע געגנער דעם שוץ מצד דעם קיסר, און דערביי דעם בעקומען די מעגלעכקייט זיי צו אונטערדריקן אונגעשטראָפֿטערהייד. און אַזוי האָבן די פֿעראָרדנונגען וועגן דער רעליגיעזער פֿערעהרונג פֿון קיסר קאַליגולאַ געגעבן די שונאי־ישראל אַ מיטל צו פֿערווירקלעכן זייערע שלעכטע כוונות אויף אַ געזעצלעכן יסוד.

די ערשטע מאַניפֿעסטאַציע קעגן די אידן אין אַלעקסאַנדריא איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט, בשעת דער קעניג אַגריפּס איז געווען אין יענער שטאָט. דערבײַ־צייט פֿון יאָהר 38, אין דעם איבערגאַנגס־מאָמענט פֿון אַגריפּס קאַריערע, בשעת ער האָט בעקומען פֿיליפּוס'ס טעטראַרכיע מיט'ן קעניגלעכן טיטעל, נאָר הורדוס־אַנטיפּאַס'ס טעטראַרכיע האָט ער נאָך ניט געהאַט, — איז דער ניי־בעשטימטער קעניג, אונטערוועגס פֿון רוים קיין פּאַלעסטינע, פֿערפֿאָרען אין אַלעקסאַנדריא. בשעת דער המון גריכן, וואָס האָבן זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אינ'ם הויז פֿון די גימנאַסטען (גימנאַזיום), האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זידלען אַגריפּס'ן און צו מאַכן חוזק פֿון איהם; חוץ דעם האָבן זיי געוואָלט אָנטאָן בזיונות די פֿאָלק־ברידער פֿונ'ם אידישען קעניג. זייער מאַניפֿעסטאַציע האָבן די שונאי־ישראל געענדיגט מיט פֿאָלגענדער בעליידיגענדער סצענע: זיי האָבן אָנגעטאָן אַ משוגע'נעם, מיט'ן נאָמען קאַראַבאַס, אין „בגדי־מלכות", וואָס זענען בעשטאַנען פֿון בונטע שמאַטעס, האָבן איהם אויסגעשטעלט אויף אַ הויכער בימה אין מיטן דעם גימנאַסטישען זאַל און „האָבן איהם בעגריסט דורך הויכע אויסרופֿען „מאַרין", דאָס בעטייט אויף סיריש: האַר, קעניג. נאָכדעם, ווי די שונאי־ישראל האָבן אויף אַזאַ אופֿן אונטערגעהעצט דעם גריכישען המון־עם, האָבן זיי איהם געפֿיהרט ווייטער. מען האָט בעשלאָסן אַריינצורייסן זיך אין די אידישע שולען פֿון אַלעקסאַנדריא און אוועקשטעלן דאָרט דעם קיסרס סטאַטועס. דאָס איז געווען אַ טייוועלישער פּלאַן: פֿון איין זייט אונגעשטראָפֿטערהייד פֿערשוועכן די אידישע הייליגטימער, און פֿון דער אַנדערער זייט אַרויסשטעלן עפֿענטלעך די אידען, וואָס פֿון זייער זייט האָט מען געקאָנט זיך ריכטען אויף אַ ווידערשטאַנד, פֿאַר דעם קיסרס פֿיינד און איבערגעבען קעגען זיי די רוימישע רעגירונג.

דעם דאָזיגען ציעל האָבן זיי דערגרייכט. דער רוימישער פֿערוואַלטער אין עגיפּטען, אַוויליוס פֿלאַקוס, איז לאַחו וואָס ער האָט זיך ניט דערוועגט אַרויסצוטרעטען קעגען די געוואַלדטאַטען, וואָס זענען אָבגעטאָן געוואָרען כלומרשט

פונם קייזערס כבוד וועגען, — נאר ער גופא איז געווען פערזענליך פעראינטערעסירט די דאזיגע געוואלדטאטען צו אונטערשטיצען. פלאקוס האט פערוואלטעט איבער עגיפטען נאך אין טיבעריוסעס צייטען, און זינט קאליגולא איז געווארען קייזער, האט ער פערלוירען זיין איינפלוס ביים הויף, און דעריבער האט ער מורא געהאט צו פערלירען זיין הויכע שטעל. כדי צו פערפעסטיגען זיין מצב, האט ער געזוכט א געלעגענהייט, ווי ארויסצוווייזען דעם נייעם קייזער זיין איבערגעבענקייט, — און איצטער האט זיך איהם אזא געלעגענהייט פארגעשטעלט. געפינען חן אין דעם משוגע'נעם קייזערס אויגען האט ער געקאנט דורכדעם, וואס ער וועט אנווענדען גרויס מיה אויף איינצופירען דעם קייזערליכען קולט, לויט קאליגולאס קאפריז.

און פלאקוס האט קיין רגע ניט געטראכט און האט מקריב געווען דעם געזעץ צוליעב דעם קאפריז פונם דעספאט און צוליעב דער רשעות פונ'ם פערווילדעטען המון-עם. ער גיט ארויס א דעקרעט, לויט וועלכען מ'ווערען אבגעשאפט סיי די ספעציעלע פריווילעגיעס פון די אידען, וואס האבען זיי גאראנטירט רעליגיעזע פרייהייט, און סיי זייערע אלגעמיינע בירגערליכע רעכט, און ער ערלויבט איבערגעוואלד אוועקצושטעלען דעם קייזערס סטאטועס אין די שולען. מיט איין צוק פון א פען זענען די אידען אוועקגעשטעלט געווארען אויסערהאלב דעם געזעץ.

און אז דער אידענפיינדליכער המון האט דערזעהן, אז די אידען האבען אנגעווארען די אונטערשטיצונג מצד דער אדמיניסטראציע, האט ער געלאזט פריי אלע זיינע ווילדע תאוות און האט געמאכט א שרעקליכען פאגראם אויף דער אידישער בעפעלקערונג אין אלכסנדריא. די גריכען האבען זיך אריינגעריסען אין די שולען און טיילווייז האבען זיי חרוב געמאכט און טיילווייז מטמא געווען דורכ'ן אריינשטעלען דעם קייזערס געצענבילדער. אין דער גרעסטער שול פון אלכסנדריא, וואס איז געווען בערימט דורך איהר שענקייט, האבען זיי אוועקגעשטעלט קאליגולא'ס א גרויסע סטאטוע. דערנאך האט זיך דער ווילדער המון געווענדט זיך קעגען דעם אייגענס און דער פערזאן פון די אידען. די פאגראמשטשיקעס האבען צעראבירט אידישע הייזער, ווארשטאטען און קראמען און האבען ברידערליך צעטיילט צווישען זיך דאס אנגעראבעוועטע האב-און-גוטס. זיי זענען אנגעפאלען אויף די אידען, וואס האבען ניט בעוויזען צו ווערען אנטרונען, האבען געשלאגען זיי מיט שטעקענס און שטיינער און א כך דערהרג'עט אויף טויט, דערהרג'עט פאמעליך, כדי די אונגליקליכע זאלען ניט שטארבען מיט א מאל, נאר זיי זאלען זיך מאטערן וואס לענגער.

אטא די אלע רציחות און גזלות זענען אבגעטאן געווארען אפען און האבען קיין שום שטער ניט בעגעגענט מצד די רוימישע מיליטערישע און ציווילע הויפטלייט, וואס האבען געזאגט, אז איצט, מעג מען שלאגען די אידען. דער פערוואלטער האט לא די וואס ניט געשטערט דעם פאגראם און די שחיטה,

גאר ער גאפא איז אכזריות'דיג בעגאנגען זיך מיט די פארשטעהער פון דער אידישער קהלה אין אלכסנדריא. ער האט געהייסען כאפען אכט און דרייסיג מיטגלידער פון דער אידישער גערוזיא, אוועקשלעפען זיי אין טעאטער און דארט שמייסען זיי אין דער געגענווארט פון די גריכען — די אידענפיינד. אייניגע פון די בעשטראפטע עלטסטע זענען געשטארבען אונטער די הענד פון די תליונים, אנדערע זענען שטארק קראנק געווארען. ליט פלאקוסעס בעפעהל, האבען די רוימישע סאלדאטען זיך אריינגעריסען אין אידישע הייזער, כדי צו זוכען דארט געוועהר און צו שטערען אויף אזא אופן דעם זעלבסטשוץ פון די אידען, אדער צו בעשולדיגען זיי אין א פאליטישער פערשווערונג. בשעת די דאזיגע אונטערזוכונגען האט מען גארנישט ניט געפונען, מען פלעגט מעהר ניט גראב בעליידיגען די איינוואוינער פון די הייזער, בפרט פרויען. די אידען פון אלכסנדריא זענען גוט געשטראפט געווארען דערפאר, וואס זיי האבען זיך פון פריהער ניט בעווארענט. פערלאזענדיג זיך אויף דער אדמיניסטראציע, האבען זיי זיך ניט צוגעגרייט צו א בעוואפענטען ווידערשטאנד קעגען דער ווילדער מאסע פאגראמשציקעס און האבען זיך ניט געקאנט אנטקעגענשטעלען אפילו קעגען דעם פערברעכערישען ווילקיהרליכען פונם פערוואלטער, וואס האט אליין, אנשטאט אבצוהיטען די ארדנונג, גענומען אנטייל אין פאגראם.

די שלוחים פון די אלכסנדרינער צו קאליגולאן.

§ 116. דער פערברעכערישער אדמיניסטראטאר, וואס האט זיך בעטייליגט אינ'ם צעראבירען די שטאדט, וואס איז אנפערטרויט געווארען זיין השגחה, האט בעקומען די שטראף, וואס ער האט פערדיענט. באלד נאך די געשעהענישען אין אלכסנדריא האט מען פלאקוסן, איפ'ן קייזערס בעפעהל, ארעסטירט און אבגעפיהרט קיין רוים; פון דארט האט מען איהם פערשיקט אויף איינעם פון די עגייאישע אינזלען און דארט בעשטראפט איהם מיט טויט. ס'איז איבעריגענס ניט בעוואוסט, צי האט פלאקוס בעקומען די שטראף דערפאר, וואס ער האט גענומען אנטייל אינ'ם פאגראם אין אלכסנדריא, אדער מחמת דער קייזער איז שוין פון לאנג אן געווען אויף איהם אין כעס און האט זיך ניט געלאזט איבערבעטען אפילו דורך זיין ערנסטער מיה איינצושטעלען אומעטום דעם קייזערליכען קולט.

די ליידענשאפטען, איפגעוועקט דורכ'ן פאגראם, האבען זיך נאך ניט אזוי גיך בערוהיגט. די אידענפיינדליכע פארטיי אין אלכסנדריא האט געארבייט מיט אלע כחות, כדי איינצורייצען דעם קייזער קעגען די אידען. פאר די לעצטע איז געווען א שטענדיגע סכנה — קאליגולאס בעפעהל, אז די אונטערטאנען זאלען זיך בוקען צו איהם, ווי צו א גאט. די אידען איז פארגעשטאנען איינס פון די ביידע: אדער מחלל שם זיין, אדער בעליידיגען דעם קייזער, — און אוודאי איז ביי זיי קיין איין מינוט קיין ספק ניט געווען, וואס זיי האבען צו טון.

אָבער דערין האָט געשטעקט די סכּנה אַרײַנצוברענגען אין כּעס דעם משוגעִנעם דעספּאָט, און דאָס, אינאײנעם מיט דער אידענפֿײַנדלעכער אַגיטאַציע אין אַלכּסנדריאַ, האָט געקאָנט פֿון דאָס־נײַ אַרויסרופֿן אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפֿע. בכדי אַרויסצוגעהן פֿון דער דאָזיגער אומערטרעגלעכער לאַגע, האָבן די אידען פֿון אַלכּסנדריאַ באַשלאָסן צו שיקן קײן רוים שלוחים, בכדי אַרויסצוזאָגן זײערע טענות פֿאַר דעם קײסער (אין יאָהר 40). בראש פֿון די דאָזיגע שלוחים איז געשטאַנען דער העכסטער פֿאָרשטעהער פֿון דער אידישער גײַסטיגער אַריסטאָקראַטיע, דער בערימטער אַלכּסנדרינישער פֿילאָזאָף פֿילון. און דער זעלביגער צײַט האָט אויך די אידענפֿײַנדלעכע פּאַרטײַ אַוועקגעשיקט פֿון איהר זײַט אַ דעפּוטאַציע קײן רוים, בכדי אָנצורעדען בײַז אויף אידען; בראש פֿון דער דאָזיגער דעפּוטאַציע איז געשטאַנען דער אַלכּסנדרינישער שרײַבער אַפּיון, אַ מחבר פֿון עטלעכע פּאַמפֿלעטן, וואָס זענען געגרינדעט אויף די טענדענציעז אויסגעטראַכטע מעשׂיות פֿון מאַנעטאָן און פֿון די איבעריגע טעאָרעטיקער פֿונ'ם גריכישן אַנטיסעמיטיזם. דער גרויסער פֿילאָזאָף פֿון דער יהדות, וואָס איז געווען בערימט אויך אין דער העלענישער וועלט, וואָס האָט גערופֿן די מענשען צו די העכסטע אידעאַלען פֿון אמת און גוטסקײַט, און אַ פּאַמפֿלעטיסט מיט אַ גרינגע פּען, וואָס האָט געפּרעדיגט אָבערגלויבענס און פֿעלקער־פֿײַנדשאַפֿט — אָט דאָס זענען געווען די פֿאָרשטעהער פֿון די צוויי פּאַרטײַען, וואָס אײנע פֿון זײ האָט געשטרעבט צו געוויסענספֿרײַהײַט און די אַנדערע צו פֿרײַהײַט פֿון געוואַלדטאַטען.

נאָכדעם, ווי בײדע דעפּוטאַציעס זענען אָנגעקומען אין רוים, האָבן זײ אָנגעהויבן זוכען צו בעקומען אַן אוידיענץ בײַם קײסער. אַפּיון און זײַנע חברים האָבן זיך ניט געשעמט צו געהן דורך הינטערשטע טירען. זײ האָט זיך אײַנגעגעבן צוצורעדן קאַליגולאַס ליעבלינג־קנעכט, העליקאָן, ער זאָל ווירקן אויפֿן קײסער אין דער ריכטונג, ווי זײ ווילען דאָס. די אידישע שלוחים האָבן אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס זײ האָבן איבערגעגעבן דעם קײסער אַ שריפֿטלעכע בקשה. קאַליגולאַ האָט אויפֿגענומען פֿילונען און די איבעריגע דעפּוטאַטען אויפֿן מאַרס־פֿעלד, נאָר ער האָט צוגעזאָגט זײ אויסצוהערען אַנאַנדערש מאָל. לאַנג איז די אוידיענץ אָבגעלײגט געוואָרען, און צולעצט איז די פֿאָרגעקומען בײַ זעהר אַ משונהדיגער געלעגענהײַט, בשעת דער קײסער איז געגאַנגען שפּאַצירען איבער די גרויסאַרטיגע ווילאַס פֿון מעצענאַס און לאַמיאַס, אין דער סביבה פֿון רוים.

דערזעהן די אידישע שלוחים, האָט קאַליגולאַ אויסגערופֿן: „אָט דאָס זענט איהר דאָס, וואָס איהר ווילט מיך ניט אָנערקענען פֿאַר אַ גאָט!“ די אידענפֿײַנדע, וואָס זענען געווען דערבײַ, האָבן תּכף בעשטעטיגט, אַז די אידען זענען טאַקע שטאַרק קעגען דעם קײסערלעכען קולט, און אַז זײ ברענגען אפֿילו ניט קײן קרבנות לכּבוד קאַליגולאַ. די אידישע שלוחים האָבן הײס פּראָטעסטירט קעגען דער לעצטער בעשולדיגונג און האָבן ערקלערט, אַז אין בית־המקדש

ברענגט מען אַמאָל קרבנות פֿאַר'ן קייזער. „גוט, — האָט געענטפֿערט קאַליגולאַ, — אָבער איהר ברענגט דאָך ניט די קרבנות צו מיר גופֿא!“ און ער האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון זיי און אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער'ן פּאַרק און בעטראַכטען די בנינים פֿון דער ווילאַ און האָט אַרויסגעגעבען בעפֿעהלען בנוגע צום רעמאָנט פֿון די אָדער יענע טהיילען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו די דעפּוטאַטען, וואָס זענען געגאַנגען הינטער איהם, און פֿאָרגעלעגט די פֿאָלגענדע קלאָץ-קשיא: „פֿאַרוואָס עסט איהר ניט קיין חזיר-פֿלייש?“ די אויסגעלייט, וועלענדיג זיך אונטערהאַלטען, זענען אַרויס מיט א געלעכטער אויף'ן קול. צולעצט קענען אָבער-צייט האָט זיך די שלוחים איינגעגעבען צוצוטרעטען צו זייערע רעדעס, נאָר קאַליגולאַ האָט זיי איבערגעהאַקט אין מיטען די רייד און האָט ווידער אָבגעגעבען בעפֿעהלען בנוגע צום רעמאָנט. צום סוף האָט ער אָבגעשיקט די אידישע שלוחים און האָט געזאָגט: „די דאָזיגע לייט זענען ניט אַזוי ווייט שולדיג, סאיז מעהר ניט א רחמנות אויף זיי, וואָס זיי גלויבען ניט אין מיין געטליכקייט“. אַזוי האָט זיך געענדיגט דער דאָזיגער טראַגיקאָמישער שמועס צווישען דעם געקרוינטען אידיאָט און דער דעפּוטאַציע, וואָס בראש פֿון איהר איז געשטאַנען דער טיעפֿזיניגער פֿילאָזאָף. די דעפּוטאַציע האָט זיך געמוזט אומקעהרען קיין אַלעקסאַנדריאַ מיט גאָרניט.

דער ווייטערדיגער נאַציאָנאַלער קאַמפּף אין אַלעקסאַנדריאַ וואָלט געבראַכט מי יודע צו וואָס, אויב דער שווערד פֿון פֿערשווערער וואָלט ניט אויסגעלייזט די וועלט פֿונ'ם אומזין, וואָס האָט פֿערשוועכט דעם קייזערליכען טראָן (41). קאַליגולאַ'ס יורש, דער קייזער קלאודיוס האָט, באַלד ווי ער איז געוואָרען קייזער, פֿערעפֿענטליכט אַן עדיקט, וואָס אין איהם האָט ער בעשטעטיגט אַלע פֿריהערדיגע בירגערליכע רעכט פֿון די אַלעקסאַנדרינישע אידען און האָט ווידער איינגעשטעלט זייער קהלה-אויטאָנאָמיע און רעליגיעזע פֿרייהייט. קעגען די הויפּט-אויפֿטוער פֿונ'ם פּאָגראָם אין אַלעקסאַנדריאַ האָט מען פֿערפֿיהרט א פּראָצעס. פֿון זיי זענען בעשטראָפֿט געוואָרען מיט טויט די געפֿעהרליכע גריכישע דעמאַגאָגען איסידאָרוס און לאַמפּאָן, וואָס האָבען אויפֿגעהעצט דעם המון קעגען די אידען. פֿילונ'ס ברודער, דעם אַלאַבאַרך אַלעקסאַנדר, וואָס אין קאַליגולאַ'ס צייט איז ער געזעסען אין תפֿיסה, האָט קלאודיוס בעפֿרייט און ווידער אַוועקגעזעצט אויף זיין שטעל. נאָכדעם ווי די געזעצליכע אָרדנונג איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרען, איז געקומען א סוף צו דער אָפֿענער אידענפֿיינדליכער אַגיטאַציע אין אַלעקסאַנדריאַ, נאָר די בעהאַלטענע פֿיינדשאַפֿט צווישען דער גריכישער און אידישער בעפֿעלקערונג אין דער דאָזיגער וועלט-הויפּטשטאָדט האָט ניט אויפֿגעהערט.

קאַליגולאַ'ס בעפֿעהל און די מרידה אין מלכות-יהודה.

§ 117. אין דער נעמליכער צייט וואָס די אַלעקסאַנדרינישע דעפּוטאַציע האָט געזוכט שוץ אין רוים, האָט קאַליגולאַ'ס בעפֿעהל אַרויסגערופֿען אונרוהען אין מלכות-יהודה. די קלאַנגען וועגען דעם דאָזיגען גאָט-לעסטערנדען בעפֿעהל

האָבען דערוועקט ביי די אידען אַ גרימצאָרן, נאָך איידער מען האָט בעוויזען אידם אַנצו־ווענדען אין דער פּראַקטיק. פּאָליטיש אונטערטעניג, נאָר שטאָלץ דורך זייער גייסטיגער פֿרייהייט, האָבען די אידען אַפֿילו דעם געדאַנק ניט דערלאָזט, אַז זייער היילינג לאַנד קאָן ווערען פֿעראונריינינגט דורך די געצענ־בילדער פֿונם רוימישען חעספּאָט. דער פֿאָלקס־פּראָטעסט האָט זיך אָנגעהויבען אין דער שטאָדט יבנה, ניט וויַיט פֿון יפֿו, וואו עס האָט זיך געפֿינען אַ געמישטע אידישע און הײדנישע בעפֿעלקערונג.

וועלענדיג צוליעב טון דעם קייזער און צו־גלייכער צייט בעלײדיגען זייערע אידישע מיטבירגער, האָבען די הײדען פֿון יבנה אויפֿגעבויט אין צענטער פֿון שטאָדט אַ מזבח לכבוד קאַליגולאַ׳ן. די אידען האָבען דעם דאָזיגען מזבח צעשטערט. וועגען דער דאָזיגער „מאַיעסטעטס־בעלײדיגונג“ האָט דעם קייזער מודיע געווען דער רוימישער קאָמענדאַנט פֿון שטאָדט. יעמאָלט איז קאַליגולאַ געוואָרען שטאַרק אין כעס און האָט בעשלאָסען איינצוברעכען די גייסטיגע שטאָלצקייט פֿון די אידען און האָט בעפֿוילען, מען זאָל תכף ומיד אויפֿשטעלען זיין בילד אין בית־המקדש גופֿא. אַזוי ווי דער קייזער האָט פֿאָראויסגעזעהן, אַז די אידען וועלען זיך פֿערצווייפֿעלט אַנטקעגענשטעלען, דעריבער האָט ער געשיקט זיין בעפֿעהל דעם רוימישען פֿערוואַלטער אין סוריען, פּעטראָניוסן, און האָט אידם געהייסען, ער זאָל זיך לאָזען געהן קיין פּאַלעסטינע מיט צוויי לעגיאָנען, בכדי איבערגעוואַלד צו צווינגען די איינוואוינער, זיי זאָלען פֿאָלגען. פּעטראָניוס האָט פֿערשטאַנען, ווי וויַיט אומזיניג און אַפֿילו געפֿעהרליך עס איז דעם קייזערס אויפֿטו, נאָר ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען דעם זעלבסט־הערשערס ווילען (אין אָנהויב פֿון יאָהר 40).

אַז פּעטראָניוס איז פֿריהיאָהר־צייט אָנגעקומען אין עכו, איז געקומען צו אידם אַ גרויסע דעפּוטאַציע פֿון די אידען און האָט געבעטען זיך ביי אידם, ער זאָל ניט אויספֿירען דעם קייזערס גאָט־לעסטערנדען און ניט־געזעצליכען בעפֿעהל, און אויב ער וועט זיי ניט הערען — האָבען זיי געסטראַשעט מיט אַנאַלגעמיינעם פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד. דער פֿערוואַלטער האָט געענטפֿערט, אַז אַלס דעם קייזערס אַ מורשה, איז ער מחויב צו טון זיין רצון, און אויב מען וועט זיך שטעלען קעגען אידם, וועט ער אָנווענדען געוואַלד. יעמאָלט האָבען די אידען ערקלערט, אַז אויך זיי האָבען אָנגענומען אַ פֿעסטען בעשלוס צו קעמפּפֿען ביז די לעצטע כחות פֿאַר גאָטס היילינגע געבאָטען, וואָס זיי וועלען זיי ניט עובר זיין, בכדי צופֿרידענצושטעלען דעם קייזערס אַ קאַפּריז. וויבאַלד פּעטראָניוס האָט דערזעהן, אַז די אידען זענען פֿעסט ביי דער דעה, האָט ער פֿערשטאַנען, אַז אויספֿירען קאַליגולאַס שליחות וועט אוממעגליך זיין אָהן אַ שרעקליכער בלוטפֿערגיסונג און ער האָט בעשלאָסען לכל הפחות צו פֿערציהען די זאַך.

און אַ בריעף צום קייזער האָט ער דיפּלאָמאַטיש ערקלערט, אַז עס איז נויטיג אָפּצולעגען די זאַך, מחמת מען בעדאַרף נאָך האָבען צייט אויף בּאַר־

טיג צו מאַכן די סטאַטיע, און אַז אויפֿצושטעלן זי איז בעסער נאָך דער שניט-צייט אין לאַנד יהודה, בכדי די איינוווינער, וואָס וועלן פֿאַרקומען צווישן פֿאָלק, זאָלן ניט זײַן אַ שטער צום צונויפֿנעמען די תבואות. קאַליגולאַ איז געווען זייער אומצופֿרידן מיט'ן פֿערוואַלטער, וואָס ער ציט אַזוי דעם ענין און באַקומענדיג זײַן בריעף, האָט ער אים געהייסן אונטעראײַלן זיך, מחמת די שניט-צייט האָט שוין געהאַלטן בײַם סוף.

נאָך דער מעשה איז פּעטראָניוס אַריבערגעפֿאָרן אין דער הויפּט-שטאָט פֿון גליל, טבריה, בכדי צו באַקענען זיך מיט דער שטימונג פֿון דער באַפֿעל-קערונג. נאָר אויך דאָ האָבן זיך איבערגעחזרט די זעלביגע סצענעס, וואָס אין עכו. טויזנטער-קעפּיגע פֿאָלקס-מאַסן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַרום דעם פֿער-וואַלטערס פּאַלאַץ און האָבן זיך געבעטן בײַ אים — ער זאָל דאָס פֿאָלק ניט צופֿיל צערייצן און ניט מטמא זײַן דעם בית-המקדש. פֿערציג טעג האָבן געדויערט די דאָזיגע דעמאָנסטראַציעס. דאָס פֿאָלק האָט פֿערלאָזן זײַנע לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטן, הגם נאָך דער שניט-צייט. איז געקומען די צייט, ווען מען האָט באַאַרבעט פֿון דאָס-נײַ זייען. דאָס גאַנצע לאַנד איז גע-ווען איבערגעהערט, און די רעוואָלוציע האָט געקאָנט אויסברעכן בײַ איטליכן פּרוּוו אויסצופֿירן דעם קייזערס משוגעניעם באַפֿעהל.

אויף דעם דאָזיגן געפֿערליכן מצב האָט פּעטראָניוס אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויך אַ באַזונדערע דעפּוטאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאַרשטעהער פֿון דער העכסטער ירושלים'ער אַריסטאָקראַטיע און פֿון אַגריפּס קרובים. די האָבן געבעטן דעם פֿערוואַלטער, ער זאָל איבערגעבן דעם קייזער די טעמים, פֿאַרוואָס מען מוז אײַנבעדינגט מבטל זײַן דעם דאָזיגן באַפֿעהל.

דערמאָלט האָט פּעטראָניוס, הגם ער האָט ריזיקירט צו דערוועקן דעם קייזערס כעס קעגען זיך, געשיקט צו אים אַ בריוו, אַז היות ווי די אידען זענען אַלע, ווי איין מענש, קעגען אַרײַנשטעלן די סטאַטיע, דעריבער איז ער ניט גענוג דרייסט צו ערפֿילן דעם קייזערס ווילען, ווארום דאָס וואָלט נאָר געבראַכט צו אַ פֿאָלקס-אויפֿשטאַנד און צו דער פֿערוויסטונג פֿון אַ גאַנצער קייזערליכער פּראָווינץ. אויף קיין ענטפֿער האָט פּעטראָניוס ניט געוואַרט און האָט אָבגעפֿירט זײַנע לעגיאָנען צוריק פֿון עכו קיין אַנטיוכיא (האַרבסט-צייט פֿון יאָהר 40).

אין דער זעלביגער צייט האָט אויך ניט געשלאָפֿן דער קעניג אַגריפּס, וואָס איז שוין דערמאָלט געווען דער הערשער פֿון ביידע טעטראַרכיעס — פֿי-ליפּוס און הורדוס-אַנטיפּס. אַגריפּס איז געקומען צו פֿאָהרען קיין רוים און האָט בהכנעה געבעטן זיך בײַ זײַן באַשיצער קאַליגולאַן, ער זאָל בלײַבן געטרײַ דעם טאָלעראַנטען גײַסט פֿון זײַנע פֿאָרגעהער און מבטל זײַן דעם פֿערדאַרבליכען באַפֿעהל. אונגעריכטערהייד האָט קאַליגולאַ אָנגענומען זײַן בקשה און האָט געשיקט צו פּעטראָניוס אַ נײַעם באַפֿעהל: אַז אין בית-המקדש

אין ירושלים זאָל ער איבערלאָזען אונבערירט די פֿריהערדיגע אָרדנונג, נאָר די אידען זאָלען ניט שטערען צו בויען קייזערליכע מזבחות אָדער טעמפּלען אינערהאַלב ירושלים.

דער דאָזיגער בעפֿעהל איז אָבגעשיקט געוואָרען אַ קורצע צײַט פֿריהער, אײדער ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז פּעטראָניוס זאָגט זיך אָב אויסצופֿיהרען די שליחות, וואָס דער קיסר האָט אויף איהם אַרויפֿגעלעגט. אָבער בשעת דער קיסר האָט בעקומען די דאָזיגע ידיעה פֿון פּעטראָניוסן, איז ער געוואָרען מורא׳דיג אין כעס: אמת טאַקע, ער אַליין האָט נאָר-וואָס מבטל געווען זײַן אײגענעם בעפֿעהל, נאָר ער איז געווען איבערגעבראַכט דעריבער, וואָס דער פֿערוואַלטער האָט ניט געוואַרט אויף קײן בעפֿעהל פֿון איהם, דעם קיסר, נאָר ער האָט אײגענווילליג זיך אָבגעזאָגט צו ערפֿילען די שליחות, וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפֿגעלעגט. קאַליגולא האָט תּכף אָבגעמישפּט פּעטראָניוסן צום טויט, און לויט דעם דעמאָלטיגען רוימישען מנהג, האָט ער געשיקט דעם פֿערמישפּטען אַליין אַ בעפֿעהל, ער זאָל זיך נעהמען דאָס לעבען. נאָר די שלוחים, וואָס האָבען געפֿיהרט דעם דאָזיגען טויט-אורטייל, זײַנען געוואָרען פֿערהאַלטען אונטערוועגס דורך אַ שטורם אויפֿן ים, און אײדער זיי זײַנען געקומען צו פֿאָהרען אין אַנטיוכיא, איז שוין דאָרט געווען אָנגעקומען די בשורה וועגען קאַליגולאַ׳ס געוואַלדטויט. דער אונזיניגער דעספּאָט, וואָס האָט זיך געשפּיעלט מיט׳ן גורל פֿון דער רוימישער אימפּעריע, איז דערהרג׳עט געוואָרען פֿון פֿערשוואָרענע פּרעטאָריאַנער אין דעם זעלביגען מאָמענט, בשעת ער האָט גע-פּלאַנט צו מאַכען אַ נסיעה נאָך די מזרח-לענדער (אין יאַנואַר 41). די אידען זײַנען פּטור געוואָרען פֿון ווײַטערדיגע דאגות, און זייער בעשיצער פּעטראָניוס איז אויסגעלייזט געוואָרען פֿון שטראָף.

אַ פֿאָלקס-לעגענדע דערצעהלט, אַז נאָך פֿריהער, בשעת די ירושלמים זײַנען געווען אויפֿגערעגט איבער דעם בעפֿעהל אַוועקצושטעלען אַ סטאַטוע אין בית-המקדש, האָט אַ פֿרומער כהן שמעון דערהערט אײן מאָל אַ בת-קול, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון קדשי-קדשים: „ס׳איז בטל געוואָרען דער דינסט, וואָס דער פֿײַנד האָט געוואָלט אײַנפֿיהרען אין בית-המקדש:" און אין גיכען איז אָנגעקומען די בשורה, אַז „קאַיוס-קאַליגולא איז דערהרג׳עט געוואָרען און זײַנע בעפֿעהלען זײַנען בטל". דער טאָג, ווען די דאָזיגע בשורה איז אָנגעקומען (22 טעג אין שבט) איז בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַן אַלגעמײנעם פֿאָלקס-יום-טוב. די נאַציע האָט געפֿײַערט אַ נצחון פֿון דער גײַסטיגער פֿרײַהײַט איבער דער גראָבער געוואַלד. דאָס איז געווען דער נצחון פֿון דער אײנציגער נאַציע, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דער אידעע, פֿאַר דער איבערצײַגונג, אין דער צײַט, ווען אַלע איבעריגע פֿעלקער פֿון דער רוימישער אימפּעריע האָבען זיך קנעכטיש געבויגט פֿאַר די געצענבילדער פֿונם משוגע׳נעם.

קעניג אַגריפּס I.

§ 118. אַגריפּס האָט זיך געפֿינען נאָך אין רוים, אין יענער צייט, בשעת קאַליגולאַ איז געשטאָרבען, און די פּרעטאָריאַנער האָבען פּראָקלאַמירט פֿאַר אַ קייזער זיין פֿעטער קלאַודיוס. אַגריפּס האָט ניט ווייניג דערנאָך מיטגעהאָלפֿען, אַז דער נייער קייזער זאָל אויסגעקליבען ווערען אין סענאַט. דורכדעם וואָס ער האָט דורך קלוגע דיפּלאָמאַטישע גענג געוואונען אויף זיין צד די אָפּאָזיציאָנעלע סענאַטאָרען — די רעפּובליקאַנער. נאָכדעם ווי קלאַודיוס האָט בעקומען די ממשלה, האָט ער באַלד בעלוינט זיין אידישען פֿריינד פֿאַר די טובות, וואָס יענער האָט איהם געטאָן. צו אַגריפּס'ס פֿריהערדיגע לענדער — גליל און עבר-הירדן — האָט ער נאָך צוגעגעבען דאָס צענטראַלע לאַנד יהודה (מיט שומרון), וואָס האָט זיך פֿריהער געפֿינען אונטער דער איבערהערשאַפֿט פֿון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען. אויף אַזאַ אופֿן איז די אידישע מלוכה, נאָך 45 יאָהר צעשפּאַלטענקייט און פּאָליטישער אָהנמעכטיגקייט, ווידער פֿעראייניגט געוואָרען אונטער דער ממשלה פֿון הורדוס'עס אייניקעל, אַגריפּס I, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל קעניג (41).

אויף אַ קורצער צייט האָט מלכות-יהודה אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון דער דירעקטער פֿרעמדהערשאַפֿט און האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו דעם לפי-ערך אונאָבהענגיגען מצב פֿון דער פּראָטעקטאָראַטס-צייט. נאָכ'ן דרוק, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געמוזט אַריבערטראָגען מצד די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, און נאָך די לעצטע מהומות אין קאַליגולאַס צייטען, האָט זיך געפֿיהלט אַ גרויסע פֿערלייכטערונג. דאָס פֿאָלק איז געווען פֿיל מיט'ן שטאָלצען בעוואוסטזיין, אַז עס איז געווען בכח צו בעשיצען זיין רעליגיעזע פֿרייהייט קעגען דעם אָנפֿאַל פֿונם מעכטיגסטען מאָנאַרך. מיט צוויי יאָהרהונדערט פֿריהער האָט זיך די העלדישע חשמונאים איינגעגעבען אויסצורייניגען דעם בית-המקדש, וואָס דער פֿאַנאַטיקער פֿונם הײדענטום אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס האָט איהם שוין געהאַט מטמא געווען, — און איצטער האָט דאָס פֿאָלק ניט דערלאָזען אפֿילו דעם שונא צו בעגעהן אַזאַ עולה.

אַגריפּס, וואָס האָט ניט ווייניג מיטגעהאָלפֿען דעם דאָזיגען נצחון פֿון דער גערעכטיגקייט, איז שטאַרק אויסגעוואַקסען אין די אויגען פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאָלק איז געווען נוטה צו קוקען אויף דעם נייעם קעניג ניט ווי אויף הורדוס'עס אייניקעל, נאָר ווי אויף אַ ריינעם חשמונאי, דעם אייניקעל פֿון דער בערימטער קעניגין מרים. אויפֿ'ן פֿאָרשטעהער פֿון דער אָבגעלעבטער קעניגליכער ממשלה האָט מען אַריבערגעלעגט גרויסע האָפֿנונגען, און אַגריפּס האָט געפֿלייסט זיך צו בעווייזען, אַז ער איז ראוי צו געניסען דעם פֿאָלקס-צוטרוי. צי אונטער דער ווירקונג פֿון די פֿריהערדיגע צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען אין די יונגע יאָהרען, אָדער דאַנק דער נאַציאָנאַלער התלהבות, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ מלכות-יהודה — יעדענפֿאַלס האָט זיך אַגריפּס אינגאַנצען איבער-

געביטען. בשעת ער איז אַלט געוואָרען 50 יאָהר, איז דער פריהערדיגער פּאָליטישער אַוואַנטוריסט געוואָרען אַ גוטער העגירער-פּאַטריאָט; פון דעם אויבערשטען שיכט פון דער רוימישער וועלטליכער קולטור אָבער האָט אַ שיין געטאָן אַ לויטערע אידישע נשמה; „דער בן-הורדוס איז אין איהם בעזיגט געוואָרען דורך דעם חשמונאי“.

אַגריפּאַס האָט אָנגעהויבען זיין קעניגען מיט אַ גאָטספאָרכטיגער מעשה. ער האָט געהייסען איבערהענגען איבער'ן אַריינגאַנג אין אוצר-שטוב פונ'ם בית-המקדש די מאַסיווע גאָלדענע קייט, וואָס קאַליגולא האָט איהם געשאָנקען באַלד נאָכ'דעם, ווי ער איז בעפרייט געוואָרען פון דער רוימישער תפיסה (§ 114). די קייט, וואָס אַגריפּאַס האָט מנדב געווען פאַר'ן בית-המקדש, האָט געדאַרפט דינען פאַר אַן אָנדענקען אָן יענע צייטען, ווען ער איז געווען אָרים און פערשטויסען. דעם פאָלק האָט געמוזט געפעלען ווערען די דאָזיגע ענוות פונ'ם קעניג, וואָס האָט בעקומען זיין ערציהונג אין דער פרעמד. די פרומע לייט זענען אויך געווען געריהרט דערפון, וואָס אַגריפּאַס האָט, באַלד ווי ער איז געקומען אין ירושלים, געבראַכט קרבנות אין בית-המקדש און האָט בכלל אָבגעהיט מיט אַלע פרטים אַלע דינים.

איבעריגענס, איז דער קעניג געווען פרום, דער עיקר, איבער פּאָליטישע טעמים. אַגריפּאַס האָט פערשטאַנען, אַז ער וועט קאָנען רוהיג קעניגען נאָר בײַ דעם תנאי, אויב ער וועט אין זיין רעגירונג זיך שטיצען אויף דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי פרושים, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אין לאַנד. די פרושים, וואָס זענען אין הורדוס'עס צייטען אָבגעשטופּט געוואָרען פון דער ממשלה, האָבען איצט בעקומען אַ גרויסען איינפלוס אויף דער פערוואַלטונג פון דער מלוכה. די העכסטע געזעצגעבעריש-געריכטליכע אַנשטאַלט פון מלכות-יהודה, דער סנהדרין, האָט צוריק בעקומען זיין פריהערדיגע פּאָליטישע בעדייטונג. נאָר איין פּריווילעגיע פון הורדוס I-ענס צייטען האָט דער נייער קעניג בעהאַלטען פאַר זיך — דאָס איז דאָס רעכט צו בעשטימען כהנים-גדולים. פאַר די פיער יאָהר צייט, וואָס אַגריפּאַס האָט געקעניגט, האָבען זיך געביטען אין ירושלים דריי כהנים-גדולים: שמעון קנטרה פון דער משפחה ביתוסים, מתתיה פון „בית-חנן“ און אליועני (דער זוהן פון קנטרה אָדער קיפה) (§ 111).

האַלטענדיג זיך אָן דער פּראָגראַם פון די פרושים, האָט אַגריפּאַס מיט אַלע כחות אָבגעהיט די גייסטיגע אינטערעסען פון פאָלק. אין דער פעניציִשער שטאָדט דאָרא האָבען אייניגע גריכישע יונגע לייט געוואָלט בעליידיגען די אידען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, און האָבען אויפגעשטעלט דעם קייזער'ס סטאַטוע אין איינער פון די שוהלען. אַגריפּאַס איז געוואָרען אויפגעבראַכט דעריבער און האָט זיך געווענדעט צו זיין גוטען פריינד — דעם סירישען פערוואַלטער פּעטראָניוס מיט דער בקשה, מבטל צו זיין די דאָזיגע אומגעזעצליכקייט. און פּעטראָניוס האָט טאַקע אָנגעזאָגט בעפעהלען צו דערווייטערן די סטאַטוע, און

דערבײַ האָט ער בעשטעטיגט אויף להבא, אַז די קיניגליכע עדיקטען וועגען דער אויטאָנאָמיע פֿון אידען מוזען שטרענג אָבגעהיט ווערען. אַגריפּס האָט געוואָלט טאָן אַ שדוך פֿאַר זײַן טאָכטער דרוזילאַ מיט עפּיפֿאַנעס, אַ זוהן פֿונם קלײן־אַזישען פֿירשט אַנטיאָכוס קאָמאַגענוס. דערבײַ אָבער האָט ער געשטעלט אַ תנאי, אַז דער חתן זאָל אָננעמען די אידישע אמונה.

פֿערשידענע טראַדיציעס בעווײַזען, אַז דער קעניג אַגריפּס איז געווען זעהר בעשײדען און גוטמוטיג. אום שבועות אָדער חג הבכורים, בשעת דאָס פֿאָלק פֿלעגט ברענגען צו טראָגען אין בית־המקדש קערבלעך מיט די פֿריה־צײַטיגע פּירות, פֿלעגט דער קעניג אַלײן טראָגען זײַן קערבעל אין די הענד, גלײַך ווי די פּשוט'ע מענשען. אײן מאָל אום סוכּות, וואָס נאָכ'ן שמיטה־יאָהר, האָט אַגריפּס געלײענט פֿאַר'ן גאַנצען עולם אידען, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבען אין בית־המקדש, דעם ספר „דברים", לויט ווי עס איז געווען אײנגעפֿיהרט פֿון אַלטע צײַטען[1]), און ווי ער איז געקומען צום אָרט: „פֿון צווישען דײַנע ברידער זאָלסטו זעצען איבער זיך אַ מלך; זאָלסט ניט זעצען איבער זיך קײן פֿרעמדען[2])"— האָט ער זיך פֿונאַנדערגעוויינט, מחמת ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער אַלײן קומט אַרויס פֿון אדומים, מצד זײַן זיידען הורדוס'ן. נאָר דאָס פֿאָלק האָט איבערגערופֿען: „זײַ זיך ניט מצער, אַגריפּס! דו ביזט אונזער ברודער, דו ביזט אונזער ברודער!" די דאָזיגע ערקלערונג פֿון פֿאָלק איז געווען געמאַכט פֿון גאַנצען האַרצען. דער קעניג, וואָס האָט רעגירט לחלוטין אין נאַציאָנאַלען גײַסט, האָט ניט אַרויסגעוויזען קײן סימנים פֿון אַ פֿרעמדער אָבשטאַמונג. אַגריפּס'ס גוטע מעלות האָט דאָס פֿאָלק ערקלערט דערמיט, וואָס זיי זענען איהם איבערגעגאַנגען בירושה פֿון זײַן באָבען, דער חשמונאים־טאָכטער מרים.

אַגריפּס'ס פּערזענליכקײט כאַראַקטעריזירען נאָך פֿאָלגענדע מעשיות. דער קעניג האָט געהאַט אַן אַלטען חבר, מיט'ן נאָמען סילאַס, וואָס אַמאָליגע צײַטען האָט ער אַרומגעוואַנדערט אינאײנעם מיט אַגריפּס'ן. פֿאַר דער הילף, וואָס סילאַס האָט איהם געגעבען אין יענע צײַטען פֿון נויט, האָט אַגריפּס, נאָכדעם ווי ער האָט דערגרײכט צו מאַכט, איהם אָבגעדאַנקט דערמיט, וואָס ער האָט איהם בעשטימט פֿאַר אַ קאָמאַנדיר פֿון זײַן חיל. נאָר דער נאַרישער סילאַס פֿלעגט ניט אַכט געבענדיג אויפֿ'ן הויפֿישען שטאַט זיך האַלטען פּונקט ווי פֿריהער, צופֿיעל מעשה חבר מיט'ן קעניג. צו אָפֿט פֿלעגט ער איהם דערמאָנען וועגען די צרות, וואָס ער, אַגריפּס, האָט איבערגעטראָגען, און וועגען זײַנע, סילאַס'ס, פֿערדינסטען בנוגע צו איהם. דאָס אַלײן האָט סוף־כּל־סוף אַרויסגעבראַכט אַגריפּס'ן פֿון געדולד און ער האָט געהײסען אַרײַנזעצען דעם אַלטען פּלוידערזאַק אין תּפֿיסה. באַלד אָבער איז דעם קעניג'ס כּעס פֿערגאַנגען, און ער האָט תּרתּה

---

1) דברים, קאַפּ. כ״א, 10—13.

2) דאָרט גופא י״ז, 15

געהאַט דערויף, וואָס ער האָט מיצער געווען זיין אַלטען פריינד, און צו זיין געבורטס-טאָג האָט ער איינגעלאַדען דעם אַלטען מילאָס'ן צום קעניגליכען טיש אינאיינעם מיט אַלע איבעריגע געסט. נאָר מילאָס, וואָס איז געווען צו-פיל בעל-גאוה, האָט בעסער געוואָלט פאַרבלייבען אין תפיסה.

דורך זיין אידעלען בענעהמען זיך מיט מענשען פלעגט אַגריפּס איינעמען פאַר זיך אפילו זיינע געגנער. אַ געוויסער תנא שמעון, וואָס איז געווען אַ גרויסער מחמיר (מיקאָן זיין אַ תלמיד פון בית-שמאי), האָט איינגעפינען, אַז דער קעניג איז ניט גענוג פרום, מחמת בשעת ער געפינט זיך וואו עס איז אויסערהאַלב ירושלים, בעזוכט ער היידנישע טעאַטערן. אַגריפּס האָט זיך טאַקע דעמאָלט געפונען אין דער שטאָדט קסריה, וואָס האָט געשוויגט מיט איהר טעאַטער, און שמעון האָט דאָס אידם פאַרגעוואָרפען עפענטליך פאַרן גאַנצען עולם, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפגעקליבען אויף אַ פאָלקס-פערזאַמלונג אין ירושלים. אַז אַגריפּס איז דאָס דערגאַנגען, האָט ער געשיקט רופען זיין בעשולדיגער קיין קיסריה, האָט אידם אַוועקגעזעצט נעבען זיך אין טעאַטער און פריינדליך געפרעגט ביי אידם: „נו זאָג, וואָס געפינסטו דאָ פאַר אַנאיסור?" שמעון איז געבליבען אַבהענגיג און האָט ניט געוואוסט וואָס דערויף צו ענטפערן און האָט געבעטען ביים קעניג, ער זאָל אידם מוחל זיין פאַר די בעשולדיגונגען, וואָס ער האָט עפענטליך אַרויסגעזאָגט. דער קעניג האָט געגעבען דעם תנא מתנות און אָבגעלאָזט אידם בשלום.

אַגריפּס האָט זיך, אמת, איבער פּאָליטישע סבות געשטיצט אויף דער פאַרטיי פּרושים, אין האַרצען אָבער איז ער געווען ווייט פון אָבצוהיטען אַלע חומרות, ווי די פּרושים האָבען דאָס געוואָלט. אין מיטען זיינע אונטערטאַנען פלעגט ער אָפּיצעל אָבהיטען אַלע רעליגיעזע דינים און נאַציאָנאַלע מנהגים, נאָר צווישען גריכען און רוימער פלעגט ער זיך האַלטען פריי, ווי אַ וועלטליכער מושל. אין דער גריכישער שטאָדט בעריטוס האָט ער געגעבען מיטלען אויף אויפצובויען אַ טעאַטער און אַנאַמפיטעאַטער און אויף איינצואָרדנען גלאַדיאַטאָרען-געשלעגען פאַר דער אָרטיגער בעפעלקערונג. אין קסריה, וואָס ביים ברעג ים, פלעגט ער בעזוכען דעם טעאַטער און נעהמען אַנטייל אין די עפענטליכע שפּיעלען לכבוד דעם קייזער; אין דער זעלביגער שטאָדט זענען אויך געשטאַנען די סטאַטועס פון אַגריפּס'ס טעכטער. אויף די אידישע מטבעות און מעדאַלען, וואָס אין יענער צייט פלעגען זיי געמאַכט ווערען אויסערהאַלב ירושלים, האָבען זיך געפונען קלוידיוס'ס אָדער אַגריפּס'ס בילדער מיט פאָלגענדע אויפשריפטען אויף גריכיש: „דער גרויסער קעניג, דער געטרייער פריינד פון קיסר און דער פריינד פון די רוימער". דערפון קען מען אַרויסזעהן, אַז דער אידישער קעניג האָט זיך געמוהט אונטערצוהאַלטען גוטע בעציהונגען מיט דער אַרומיגער גריכיש-רוימישער בעפעלקערונג און אַרויסווייזען די ניטיגע אַכטונג דער רוימישער איבערהערשאַפט.

אַגריפּאַס פּאַטריאָטישע אויפטועכצען.

§ 119. אַגריפּאַס האָט זיך ניט באַגנוגנט דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אונטערגעהאַלטען גוטע באַציהונגען מיט דער הערשענדער מאַכט, נאָר ער האָט אויך מיט אַלע מעגליכקייטען אָבגעהיט די פּאָליטישע אינטערעסען פון זיין אייגענער מלוכה. נאָר אין גיכען איז איהם אויסגעקומען צו איבערצייגען זיך, אַז אַקטיווע פּאַטריאָטישע שטרעבונגען מיט געטרייער אונטערטעניגקייט צו רוים קאָנען אינאיינעם ניט שטימען.

אַגריפּאַס האָט געוואוסט, אַז דער קייזער קלאַודיוס איז צו איהם גוט-גינציג, נאָר פון ערפאַהרונג האָט ער געוואוסט, ווי אונזיכער עס איז די רוימישע פריינדשאַפט, וואָס איז אָבהענגיג מעהר ניט פון גוטען ווילען פון די קיסרים, וואָס בייטען זיך אַלע וויילע, און האָט פאָראויסגעזעהן, אַז די רוימישע פּאָליטיק אין מלכות-יהודה קען אומגעביטען ווערען. און ער האָט באַשלאָסען צו פערזיכערן דאָס לאַנד אויפ'ן פאַל, טאָמער וועט אונגעריכטערהייד אַריינדרינגען אַ שונא, און באַזונדערס איז ער אויסען געווען צו פערשטאַרקען די פערטיידיגונגס-מיטלען פון דער הויפּטשטאָדט. צוליעב דעם צוועק האָט ער אָנגעהויבען בויען גראָבע און הויכע פעסטונגס-מויערן אין צפון-זייט פון ירושלים, וואו די פריהערדיגע באַפעסטיגונגען זענען ניט געווען גענוג.

אויב סוואָלט זיך איינגעגעבען צו דערפיהרען ביז סוף דעם דאָזיגען אונגעהויער גרויסען בנין, וואָלט קיין שונא צו ירושלים ניט געקאָנט צוקומען. האָט זיך אָבער דערוואוסט וועגען אַגריפּאַס'ס אונטערנעהמונגען דער סירישער פערוואַלטער מאַרסוס, וואָס איז געווען נאָך פּעטראָניוס'ן, און ער האָט תכף אָנגעשריבען וועגען דעם קיין רוים און האָט ערקלערט, אַז די באַפעסטיגונג פון דער אידישער הויפּט-שטאָדט קען ברענגען אַ סכנה דעם קייזערס איבער-הערשאַפט. קלאַודיוס האָט אויך געהאַלטען די זעלבע מיינונג און האָט דעריבער געשיקט אַגריפּאַס'ן אַ באַפעהל, ער זאָל תכף אָבשטעלען צו בויען די פעסטונג, וואָס ער האָט אָנגעהויבען, — און דער אידישער קעניג איז געווען געצוואונגען צו פאָלגען.

זוכענדיג אַליין נייע מיטלען, ווי אַזוי צו פערזיכערן מלכות-יהודה פון אַלער-האַנד פּאָליטישע צופעליגקייטען, האָט אַגריפּאַס געפּרובט צו דערנעהנטערן זיך צו די שכנישע קליינע מושלים, וואָס זענען, פּונקט אַזוי ווי ער, געווען אָבהענגיג פון דער רוימישער אימפּעריע. איין מאָל זענען געקומען צו פאָהרען קיין טבריה „צו געסט" צו אַגריפּאַס'ן פאָלגענדע מלכים און פירשטען: אַנטיוכוס פון קאָמאַגענאַ, סאַמסיגראַמוס פון עמעסאַ, פּאָלעמאָן פון פּאָנטוס, קאָטיס פון קליין-אַרמעניען און הורדוס פון כאַלקיס (אַגריפּאַס'ס ברודער). די דאָזיגע רוימישע וואַסאַלען, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען דאָ, האָבען זיך, אַפנים, ניט באַגנוגנט מיט אַ פּשוטען פריינדשאַפטליכען שמועס, נאָר זיי האָבען געפיהרט

פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, אפשר — וועגן אַ פערטיידיגונגס־בונד קעגן גע־מיינזאַמען איבערהאַר. פלוצלינג איז אין מיטן דעם צוזאַמענפאָהר געקומען צו פאָהרען אין טבריה דער פערוואַלטער מאַרסוס. ער האָט געוואָרפען אַ חשד אויף די אונטערטעניגע מושלים, וואָס האָבען געהאַט זיך דאָ צונויפגעקליבען, און האָט געהייסען די פּרעמדע געסט זיך פונאַנדערפאָהרען. אַגריפּס האָט זיך שטאַרק מצער געווען איבער דער דאָזיגער גראָבער אַריינמישונג מצד דעם פערוואַלטער, נאָר ער האָט געמוזט שווייגען.

ניט לאַנג איז די אידען אויסגעקומען צו חלומ'ן וועגן אומאָבהענגיגקייט. דעם קעניג אַגריפּס'ס טעג זענען געווען געצעהלט. איין מאָל, בשעת דער קעניג איז געווען צו־גאַסט אין קיסריה, וואָס ביים ברעג ים, איז אין ירושלים אָנגעקומען די טרויעריגע בשורה, אַז ער איז פלוצלינג געשטאָרבען. וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבען, ווערט דערצעהלט פאָלגענדע מעשה. כ'איז געווען רעגיאַלט אַ יום־טוב לכבוד דעם קיסר, און אַגריפּס האָט זיך געפינען אויף די עפענטליכע שפּילען אין קיסריה. און ווי ער איז דאָ אַריין אין טעאַטער, אָנגעטאָן אין גלענצענדע, אין זילבער געוועבטע קליידער, האָבען זיינע מקורבים אָנגעהויבען צו לויבען איהם אין הימעל אַריין און האָבען איהם אָנגערופען „גאָט", נאָכמאַכענדיג דעם רוימישען „קיסר־קולט". פלוצלינג האָט אַגריפּס דער־פיהלט אַ שטאַרקען ווייטאָג „אין די געדערים" און זאָל האָבען געזאָגט די, וואָס זענען אַרום איהם געשטאַנען, אַז אָט וועט באַלד מוזען שטאַרבען דער, וועמען מען האָט אָקאָרשט אָנגערופען אומשטערבליכער גאָט. נאָך אַ פינף־טאָגיגער קראַנקהייט איז אַגריפּס געשטאָרבען. די אידען האָבען ביטערליך בע־וויינט זייער באַליבטען קעניג, וואָס די האָבען אַזוי פלוצלינג אָנגעוואָרען. אָבער דער היידנישער המון פון קיסריה האָט געמאַכט אַ פיינדליכע דעמאָנסטראַציע איבערן טויט פונ'ם אידישען קעניג. די רוימישע סאָלדאַטען האָבען אַריינגעשלעפּט די סטאַטועס פון אַגריפּס'ס טעכטער אין בית־הזונות און האָבען זיך דאָרט גראָב אויסגעקוועטשט איבער זיי, און דערנאָך האָבען זיי געמאַכט אַ מאַלצייט אויף אַן אָפענעם פּלאַץ אין קיסריה.

אַזוי האָט זיך געענדיגט אַגריפּס I־ענס רעגירונג, וואָס האָט געדויערט פיער יאָהר — דאָס איז געווען דער קורצער קלאָרער זונען־אונטערגאַנג פונ'ם אידישען מלוכה־לעבען. אויף איין קורצער רגע האָט זיך דער פינסטערער, מיט כמאַרעס פערהילטער האָריזאָנט, אויסגעלייטערט, אַ פערכישופטע אָבענד־רויטקייט האָט זיינע קאַנטען פערגילדעט און דערוועקט אין האַרצען די זכרונות וועגען די ליכטיגע טעג פון דער אויפלעבונג; נאָר אָט איז דער לעצטער שטראַהל פער־לאָשען געוואָרען, און איבערן לאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט — אַ פינ־סטערע, שטורמדיגע, שרעקענספולע...

דריטער קאַפּיטעל

די לעצטע פּראָקוראַטאָרען און דער פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד. (44—66).

אגריפּס׳ס I־טענס יורשים און די פּראָקוראַטאָרען. — די אונרוהען אין קומאַנוס׳ס צייטען. — די פּראָקוראַטאָרען פעליקס און פעסטוס. — אגריפּס II און די כהנים־גדולים. — אַלבינוס און פלאָרוס. — דער אָנהויב פון דער מרידה. — אגריפּס II און דער קאַמפּף פון די פּאַרטייען. — דער פעלקער־קאַמפּף אין פּאַלעסטינע, סיריען און עגיפּטען. — דער נצחון איבער צעסטיוס גאַלוס.

אגריפּס׳ס I־טענס יורשים און די פּראָקוראַטאָרען.

§ 120. אגריפּס האָט געלאָזען נאָך זיך איין זוהן, וואָס איז שפּעטער געוועזען בעוואוסט אונטערן נאָמען אגריפּס II אָדער דער יונגערער, און דריי טעכטער: בערעניקע, מרים און דרוזילא. חוץ דעם איז געבליבען נאָך אויך א ברודער, דער איבענגענאַנטער (§ 114) הורדוס פון כאַלקיס, וואָס דער קייזער קלאודיוס האָט אים אָבגעגעבען א קליינעם פירשטענטום — כאַלקיס, וואָס איז געווען אין מיטען די בערג לבנון. דאָס איז געווען דער זעלביגער פירשט, וואָס האָט ניט לאַנג גענומען אַנאַנטייל אין צוזאַמענפאָהר ביי די רוימישע וואַסאַלען, וואָס אגריפּס האָט געהאַט צונויפגערופען אין טבריה. הורדוס האָט דעם צווייטען מאָל חתונה געהאַט מיט זיין ברודערס טאָכטער בערעניקע, וואָס איז געווען בערימט דורך איהר שענקייט און וואָס האָט געשפּיעלט א גאַנץ וויכטיגע ראָל אין די ווייטערדיגע געשעהענישען פון דער אידישער געשיכטע.

בשעת אגריפּס I איז געשטאָרבען, האָט זיך זיין יונגסטער זוהן, וואָס איז אַלט געווען 17 יאָהר, געפונען אין רוים. דער קייזער קלאודיוס האָט געהאַט דעה, איבערצוגעבען דעם יונגען אגריפּס׳ן די ממשלה און די טיטעלן פון זיין פאָטער; נאָר איינפלוסרייכע הויפלייט האָבען אָבגערעדט דעם קייזער פון דעם ראַזיגען פּלאַן און האָבען אים איבערצייגט, אַז עס איז ריזיקאַליש איבערצוגעבען אַזאַ אומגעניטען יונגען בחור די פערוואַלטונג פון אַזאַ אונרוהיגער פּראָווינץ, ווי מלכות־יהודה. סאיז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען: אונטערצושטעלען אונטער דער פערוואַלטונג פון רוימישע פּראָקוראַטאָרען אגריפּס I־טענס גאַנצע קעניגרייך, דאָס הייסט ניט בלויז דאָס צענטראַלע לאַנד יהודה מיט שומרון, נאָר אויך די געוועזענע טעטראַרכיעס — גליל און עבר־הירדן (אין יאָהר 44). מעהר ניט דעם פערשטאָרבענעם קעניגס ברודער, הורדוס פון כאַלקיס, האָט מען איבערגעלאָזט דאָס רעכט צו

בעשטימען כהנים-גדולים און די השגחה איבערן בית-המקדש, — נאר ביים רעזשים פון די רוימישע פערוואלטער האט דאס דאזיגע רעכט ניט געקאנט האבן קיין שום פאליטישע באדייטונג.

שווער איז געווען פארן פאלק דער איבערגאנג פון פאליטישער אויטאנאמיע, הגם די האט געדויערט א קורצע צייט און איז ניט געווען קיין פולע, — צו דער פערוואלטונג פון די רוימישע באאמטע. די פרעמדהערשאפט האט איצט ארומגענומען א גרעסערן ראיאן, איידער פריהער — די גאנצע טעריטאריע פון דער אידישער מלוכה אויף ביידע זייטען פון ירדן, — נאר אויך א סך ערגער, ווי פריהער, איז די איצט געווארען לויט איהר עצם נאך. די נייע רוימישע פראקוראטארען, וואס האבען פערוואלטעט איבערן לאנד נאך אגריפא'ן, זיינען געווען, חוץ איינציגע אויסנאהמען, זעהר גראבע מענשען, געלדגיריגע און שונאי-ישראל. די דאזיגע באאמטע זיינען נאך ווינציגער, איידער זייערע פארגעהער, געווען נוטה צו שוינען דעם נאציאנאלען געפיהל און די באזונדערהייטען פון דעם איינגעארדנעטען לעבענספיהר פון דער אידישער באפעלקערונג. זיי זיינען געווען אין כעס איבער דעם פאלקס „טענות", וואס האט ניט געוואלט דערלאזען, אז פרעמדע זאלען זיך אריינמישען אין זיין אינעווייניגסטען לעבען, און זיי האבען זיך ווי געשטעלט א ציעל ארויסצופיהרען דאס פאלק פון געדולד.

שוין דער ערשטער פראקוראטאר פון דער נייער בעריע, קוספיוס פאדוס (אנפאנג אין די יאהרען 44—46), וואס קלאודיוס האט איהם געשיקט אין לאנד יהודה מיט א באפעהל צו לעבען בשלום מיט דער באפעלקערונג[1], האט בעוויזען ארויסצורייצען קעגען זיך דאס פאלק דורך איין באפעהל, וואס איז געווען באליידיגענד פאר'ן אידישען נאציאנאלען געפיהל. פאדוס האט געפרובט צונעמען פאר זיך דאס רעכט צו היטען די יום-טוב'דיגע בגדי-כהונה פונ'ם כהן-גדול אינ'ם שלאס אנטאניוס אונטער דער אויפזיכט פונ'ם רוימישען גארניזאן. אויך די פריהערדיגע פראקוראטארען האבען געוואלט פערכאפען דאס דאזיגע רעכט, נאר דער געוועזענער סירישער פערוואלטער האט עס מבטל געווען (§ 112). פאדוס'ס פאדערונג ווענען דעם, אז מען זאל איהם ארויסגעבען די בגדי-כהונה, האט מען איבערגעגעבען די פארשטעהער פון די כהנים און פון די עלטסטע פון פאלק אין דער צייט, בשעת אין ירושלים האט זיך געפונען דער סירישער הויפט-פערוואלטער לאנגינוס. די פארשטעהער האבען געבעטען

---

[1] איהם האט מען, אגב, אויך באפוילען צו בעשטראפען די איינוואוינער פון קיסריה און דעם ארטיגען גארניזאן פאר'ן באליידיגען די טעכטער פונ'ם פערשטארבענעם קעניג אגריפס אין די טעג פונ'ם פאלקס-טרויער (§ 119). נאר דער דאזיגער באפעהל איז ניט אויסגעפיהרט געווארען, מחמת די שולדיגע האט זיך איינגעבעטען דורך זייערע שלוחים איבערצובעטען קלאודיוס'ן און בעקומען פון איהם אמניסטיע.

פֿאַדוס'ן און לאָנגינוס'ן, זיי זאָלען אָבוואַרטען אויף אַנ'ענטפֿער אויף דער דאָ-
זיגער פֿאָדערונג, מחמת זיי שיקען אַ דעפּוטאַציע צום קייזער קלודיוס זיך
משתדל צו זיין פֿאַר אידם, ער זאָל לאָזען די בגדי־כהונה אינ'ם רשות פֿון
די כהנים פֿון בית־המקדש. די רוימישע פֿערוואַלטער האָבען דערויף מסכים געווען,
און די שלוחים זענען אָבגעפֿאָהרען קיין רוים. אַגריפּס II, וואָס איז דעמאָלט
געווען אין רוים, האָט אונטערגעהאַלטען די אידישע שלוחים, און קלודיוס האָט
בעפֿרידיגט זייער השתדלות און האָט בעפֿוילען דעם פּראָקוראַטאָר ניט אַריינ-
צומישען זיך אין די רעליגיעזע ענינים פֿון די אידען.

נאָר די רוימישע בעאַמטע אין לאַנד יהודה האָבען געהאַט נאָך אַ גרויסע
מאַכט בנוגע צו די פּאָליטישע ענינים. דער פּראָקוראַטאָר פֿאַדוס האָט שטרענג
אַכטונג געגעבען אויף די פֿאָלקס־בעוועגונגען, מחמת ער האָט מורא געהאַט
פֿאַר רעוואָלוציאָנערע אויסבריכען.

אין יענער צייט האָט אָנגעהויבען צו פֿערשפּרייטען זיך צווישען אידען
אַ מיסטישער גלויבען אין משיח'ן, און דער דאָזיגער גלויבען האָט אונטערגע-
האַלטען אין די נידעריגע שיכטען פֿון פֿאָלק אַ האָפֿענונג אויסגעלייזט צו
ווערען פֿון רוימישען יאָך אויף אַנאיבערנאַטירליכען אופֿן. איינער אַ בעגייס-
טערטער בעל־חלומות, מיט'ן נאָמען תּאודה, האָט צוגעצויגען נאָך זיך אַ
גאַנצע מאַסע לייכטגלויביגע מענשען. ער האָט זיי איינגערעדט, זיי זאָלען מיט
אידם געהן צום ירדן און דאָרט האָט ער זיי צוגעזאָגט צו בעווייזען אַ מופֿת:
די וואַסערן פֿון ירדן וועלען זיך שפּאַלטען און דורכלאָזען אַלעמען איבער דעם
טייך. אינאיינעם מיט דעם דאָזיגען נס האָט בעדאַרפֿט פֿאָרקומען דער נס פֿון
דער פּאָליטישער אויסלייזונג פֿון דער נאַציע. אָבער דער דאָזיגער אַגיטאַציע
פֿונ'ם נביא האָט זיך געקאָנט אַנהויבען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג צווישען
די נידעריגע שיכטען פֿון פֿאָלק, און פֿאַדוס האָט טאַקע באַלד אָנגענומען אוי-
סערגעוועהנליכע מיטלען. ער האָט אַרויסגעשיקט קעגען די אַנהענגער פֿונ'ם
פֿאַלשען נביא אַן אָבטיילונג רייטער, וואָס איז אָנגעפֿאַלען אויף זיי פּלוצלינג,
האָט אַ סך פֿון זיי אויסגעהרגעט און די איבעריגע גענומען געפֿאַנגען. מען
האָט אויך געכאַפּט תּאודה'ן. מען האָט ביי אידם אָבגעהאַקט די קאָפּ און אָב-
געפֿירט זי קיין ירושלים.

נאָך פֿאַדוס'ן, וואָס האָט פֿערוואַלטעט איבער'ן לאַנד יהודה אַ קורצע צייט,
איז געווען פּראָקוראַטאָר, אויך ניט אַ לאַנגע צייט, טיבעריוס־אַלעקסאַנדער
פֿון אַלעקסאַנדריאַ (בערך פֿון 46—48). דאָס איז געווען אַ פּלימעניק פֿונ'ם אי-
דישען פֿילאָזאָף פֿילאָן (זיין ברודערס, דעם אַלאַבאַרך אַלעקסאַנדערס אַ זוהן, § 116),
וואָס איז געוואָרען אויס איד און איז אַריינגעטראָטען אין רוימישען דינסט.
אַלס אַ משומד, וואָס האָט זיך איבערגעשפּיעלט אינם לאַגער פֿון די שטאַרקע,
האָט ער זיך געמיהט צו בעפֿרידיגען די רוימער, אַז ער איז רודף די אידישע
פּאַטריאָטען מיט זייער גרעסטער אַכזריות. ער האָט געכאַפּט און געקרייציגט

צווי זיהן פונים קנאי יהודה הגלילי, וואס איז געשטאנען בראש פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג אין דער צייט פונים רוימישען „צענזוס“; יהודה׳ס זיהן האבען, משמעות, ווייטער געפיהרט דעם פאטערס אגיטאציע — און האבען בעצאהלט הערפאר מיט׳ן לעבען. די רוימישע רעגירונג האט פולקום אבגעשאצט די צוגעטאנקייט פונים משומד: זי האט איהם בעשטימט פאר א פערוואלטער אדער „פרעפעקט“ אין אלכסנדריא, און בשעת דער בעלעגערונג פון ירושלים איז ער געווען אנגעשטעלט ביים רוימישען הויפט=שטאב.

אין יענער צייט (48) איז געשטארבען הורדוס פון כאלקים. דער קייזער האט אבגעגעבען זיין קליינעם פירשטענטום אגריפס II=טען. דער לעצטער האט אויך בעקומען, נאך דעם פעטערס טויט, דאס רעכט צו בעשטימען כהנים=גדולים און די אויבערשטע השגחה איבער׳ן בית=המקדש.

ח. אונרוהען אין קומאנוס צייטען.

§ 121. דער נייער פראקוראטאר, קומאנוס (48—52), איז געווען דער ערשטער פון א גאנצער שורה פערוואלטער, וואס האבען דורך זייער חוצפה׳דיגער אויפפיהרונג, זייערע איינגעזעצליכע מעשים און דייטליך ארויסגעוויזענער שנאה צו אידען, צערייצט דאס פאלק און צוגעגרייט די מרידה. די אידען זענען פון שטענדיג אן געווען אויפגעבראכט איבער׳ן מנהג פון די פראקוראטארען — אויסצושטעלען בעוואפענטע רוימישע סאלדאטען אין די גאלעריען פון בית=המקדש אין די גרויסע ימים=טובים, בשעת ירושלים און דער בית=המקדש זענען געווען איבערפילט מיט עולי=רגל, וואס זענען געקומען פון אלע עקען לאנד. געטאן האט מען דאס, פערשטעהט זיך, בכדי צו פערהיטען אונארדנונגען און פיינדליכע דעמאנסטראציעס קעגען רוים. נאר ווי איז געווען אויפ׳ן הארצען די אידישע פאטריאטען צו קוקען אויף דעם דאזיגען לעבעדיגען סימבאל פון דער פרעמדער הערשאפט אין די טעג פון די נאציאנאלע ימים=טובים, און בפרט אין גרויסען יום=טוב פון „זמן=חרותנו“ — אום פסח? נאר גרעסער איז געווען די בעליידיגונג דורכדעם, וואס די סאלדאטען, די היידען, וואס זיי האט דער אידישער קולט אויסגעלאכט מאדנע אדער לעכערליך, האבען ניט שטענדיג זיך געהאלטען ערנסט, ווי עס בעדארף צו זיין, נאר אפטמאלס פלעגען זיי אפילו גראב בעליידיגען דעם רעליגיעזען געפיהל פון די אידען.

אין קומאנוס׳ס צייטען האט געטראפען אזא מעשה. איין טאג פון פסח האט ערגיץ א סאלדאט פון דער מיליטערישער וואך, וואס איז געשטאנען נעבען בית=המקדש, זיך אומגעקעהרט מיט׳ן רוקען צום פאלק, וואס האט זיך געהאט צונויפגעקליבען אין בית=המקדש, און האט געמאכט עפיס זעהר א מיאוס׳ע תנועה. דאס פאלק איז געווארען שטארק דערצארנט. דער צערייצטער רעליגיעזער געפיהל האט זיך אויסגעדריקט אין געשרייען און סטראשונקעס אנטקעגען די רוצה און דעם פראקוראטאר. די מעהר איינגעהאלטענע האבען

געפֿאָדערט פֿון קומאַנוס'ן, ער זאָל בעשטראָפֿען דעם סאָלדאַט, דעם חצוף; נאָר קומאַנוס האָט אָנשטאָט דעם געפֿאָדערט פֿון די אידען, זיי זאָלען זיך בערוהיגען. יעמאָלט האָט דער אויפגערייצטער המון אָנגעהויבען צו וואַרפֿען שטיינער אויף די רוימישע סאָלדאַטען. קומאַנוס האָט פֿון זיין זייט אַרויסגערופֿען אַ מיליטערישע הילפֿס-אָבטיילונג. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אומבעוואָפֿענטען המון, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפֿען איבער די שמאָלע און קרומע געסלעך, וואָס אַרום דעם בית-המקדש. די מענשען האָבען גע-שטופּט און געשטיקט איינער דעם אַנדערן, און טויזענדער אידען האָט מען געפֿונען דערנאָך דערשטיקטע אויף די גאַסען. אַ סך משפּחות האָבען בעוויינט זייערע אומגעקומענע מיטגלידער, און דער יום-טוב איז פֿערביטען געוואָרען אין אַ טרויער-טאָג.

דער פֿאָלקס-צאָרן קעגען די רוימער, וואָס אין ירושלים איז ער דער-שטיקט געוואָרען דורך דער קראַפֿט פֿון געווער, האָט געפֿונען אַנטאָיסגאַנג און געוואַלדטאַטען אין אַנדערע ערטער. ניט ווייט פֿון ירושלים זענען עטליכע אידען אָנגעפֿאַלען אויף דעם קייזערליכען בעאַמטען סטעפֿאַנוס, וואָס איז גע-פֿאָהרען איבער וועג, און האָבען אידם בערויבט. דערפֿאַר האָט קומאַנוס גע-שיקט אהין אַ מיליטערישע אָבטיילונג מיט'ן בעפֿעהל — צו בעראַבעווען די דערפֿער, וואָס ליגען צום נאָהענטסטען נעבען דעם אָרט, וואו דער פֿערברעכען איז געשעהן, דערפֿאַר, וואָס די איינוואָהנער האָבען ניט פֿערהאַלטען די שולדיגע. בשעת דער דאָזיגער עקזעקוציע האָט אַ רוימישער סאָלדאַט געפֿונען אין איין דאָרף אַ ספר-תורה, האָט זי צעריסען און עפֿענטליך זי בעשמוצט. די אידען זענען שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען דורך דעם דאָזיגען חילול-הקדש, און אַ גאַנצע מאַסע פֿון זיי האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין קסריה און געפֿאָדערט פֿון קומאַנוס'ן, ער זאָל דעם סאָלדאַט בעשטראָפֿען. דאָס מאָל האָט דער פּראָקו-ראַטאָר מורא געהאַט פֿאַר אַ שלעכטען סוף, און דעריבער האָט ער געפֿונען פֿאַר נויטיג צו ערפֿילען די פֿאָדערונג פֿון פֿאָלק, און דער שולדיגער סאָלדאַט איז פֿערמישפּט געוואָרען צו טויט-שטראָף.

ערנסטערע רעזולטאַטען האָט געהאַט די דריטע צוזאַמענשטויסונג אין קומאַנוס צייטען. אַ גרופּע גליליער אידען זענען, געהענדיג אויף אַ יום-טוב קיין ירושלים, דורכגעגאַנגען דורך שמרון. אונטערוועגס זענען די שמרונים פֿון ערגיץ אַ דאָרף אָנגעפֿאַלען אויף די עולי-רגל און האָבען איינעם פֿון זיי גע-טויט. די אידען האָבען זיך געווענדט מיט אַנאָנקלאַג צו קומאַנוס'ן; נאָר דער לעצטער, וואָס די שמרונים האָבען אידם געהאַט אונטערגעקויפֿט, האָט גאָרנישט ניט געטאָן צוליעב בעשטראָפֿען די שולדיגע. דעמאָלט איז דאָס פֿאָלק אַליין צוגעטראָטען זיך אָבצורעכענען מיט די שמרונים. סאיז אויפגעשטאַנען אַ גרופּע קנאים אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿונ'ם מוטיגען אלעזר בן-חנאי, וואָס איז געווען בערימט דורך זיינע גבורות אינ'ם קאַמפּף מיט דער פּרעמדערשאַפֿט.

א בעוואפֿנטע אפּטיילונג קנאים אונטער זיין קאמאנדע איז דורכגעגאנגען דורכ'ן געביט פֿון שומרון און האט דארט פֿערוויסט עטליכע דערפֿער. קומאנוס האט זיך איינגעשטעלט פֿאר די שומרונים: ער האט ארויסגעפֿיהרט זיין חיל קעגען די קנאים און האט זיי צעטריבען. א סך מורדים זענען געווארען דערהרגעט און גענומען געפֿאנגען.

דאס זענען שוין געווען סימנים, אז עס גענעהנט א רעוואלוציע. היות, ווי די פֿארשטעהער פֿון דער אידישער אריסטאקראטיע האבען געוואלט פֿערהיטען א קאטאסטראפֿע, דעריבער האבען זיי צוגערעדט די קנאים, אנידערצולעגען די געוועהר און צו פֿערטיידיגען זייערע רעכט אויף א געזעצליכען אופֿן. צום סורישען הויפּט-פֿערוואלטער קוואדראטוס'ן זענען אוועק צוויי דעפּוטאציעס: איינע פֿון די אידען, וואס האבען זיך בעקלאגט אויף די געוואלדטאטען מצד די שומרונים און אויף קומאנוס'עס אונגעזעצליכע מעשים, און די אנדערע — פֿון די שומרונים, וואס האבען פּראטעסטירט קעגען דעם, וואס אלעזרס אפּטיילונג האט זיי אייגענוויליג בעשטראפֿט. קוואדראטוס איז אנגעקומען קיין שומרון און האט אנגעהויבען דארט משפּט'ן און שטראפֿען אויף זיין שטייגער. די קנאים, וואס קומאנוס האט פֿערכאפּט, האט ער געהייסען קרייציגען, און נאך עטליכע אידען פֿון דער רעוואלוציאנערער פּארטיי האט ער בעפֿוילען צו קעפּען. נאכדעם ווי קוואדראטוס האט אויף אזא אופֿן זיך נוקם געווען פֿאר'ן „כבוד פֿון די רוימער", האט ער אבגעשיקט צום קייזער אליין, ער זאל פּסק'ענען דעם שטרייט צווישען די אידען און שומרונים. אויף זיין פֿאדערונג, זענען די פֿארשטעהער פֿון די ירושלימער תושבע לייט בראש מיט'ן כהן-גדול יונתן אוועק קיין רוים; אהין האבען אויך געמוזט פֿאהרען, בכדי זיך צו פֿערענטפֿערן, דעפּוטאטען פֿון די שומרונים מיט קומאנוס'ן.

דער קייזער קלאודיוס האט איבערגעהערט ביידע צדדים. די הויף-לייט, וואס זענען געווען פֿיינדליך געזינט צו די אידען, האבען זיך שטארק משתדל געווען לטובת קומאנוס'ן און די שומרונים, גאר אגריפּס דער יונגערער, וואס איז גראד אין יענער צייט געווען אין רוים, האט זיך איינגעשטעלט פֿאר זיינע גלויבענס-ברידער. דורך דער קייזערין אגריפּינע האט זיך אידום איינגעגעבען צו בעווייגען קלאודיוס'ן — צו בעטראכטען דעם ענין אהן פּניות און בעשטראפֿען די אמת'ע שולדיגע אין דער מהומה. דער פּסק, וואס דער קייזער האט ארויסגעגעבען, איז געווען פֿאלגענדער: דריי תושב'ע שומרונים זאל מען טויטען און קומאנוס'ן דערווייטערן פֿון שטעל און פֿערשיקען. דער דאזיגער פּסק האט בעשטעטיגט דעם פֿאקט, אז דער פּראקוראטאר האט געטאן אין מלכות-יהודה אונגעזעצליכע מעשים און געוואלדטאטען און אז די אידען האבען גענומען זיך פֿאר געוועהר בלויז צוליעב זעלבסטשוץ, נאר פֿונדעסטוועגען האט דער אייגענער רעזשים נאך ווייטער געדויערט פֿאר די ווייטערדיגע רוימישע פּראקוראטארען.

ח) פּראָקוראַטאָרען פעליקס און פעסטוס.

§ 122. נאָך קומאַנוס'ן איז געוואָרען בעשטימט פאַר א פּראָקוראַטאָר פעליקס (52—60), א פריינעלאָזענער שקלאַף פון קעניגליכען הויז, א ברודער פון פּאַלאַס'ן, וואָס איז געווען אַלמעכטיגער מיניסטער אין קלאַודיוס'ס צייט. מען האָט דערציילט, אַז דער כהן־גדול יונתן, דער אָנפיהרער פון דער אויבערשטער דעפּוטאַציע, זאָל אַליין האָבען געבעטען דעם קייזער, ער זאָל בעשטימען פעליקס'ן. אויב דער כהן־גדול האָט געהאַט בדעה דערמיט צו טון א טובה זיין פאָטערלאַנד, האָט ער געהאַט א גרויסען טעות אין חשבון. פעליקס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר נאָך ערגער, איידער זיין פאָרגעהער. אין קומאַנוס'ס צייטען פלעגען פאָרקומען צוזאַמענשטויסען צווישען די אידישע פּאַטריאָטען מיט דער רוימישער ממשלה, מעהר ניט צייטענווייז, פאַר דעם נייעם פּראָקוראַטאָר אָבער האָבען זיי כמעט ניט אויפגעהערט. „אַליין אַנ'אַכזר און אַנ'אוהב־כסף, — זאָגט דער היסטאָריקער טאַציטוס וועגען פעליקס'ן — האָט ער פערווירקליכט די קעניגליכע מאַכט אויף א קנעכטישען אופן“. זיך פערלאָזענדיג אויף די מעכטיגע אונטערשטיצונג מצד זיין ברודער, האָט דער פּראָקוראַטאָר, וואָס איז אַליין ניט לאַנג געווען א שקלאַף, געמיינט, אַז ער קאָן אומבעשטראָפטערהייד ערלויבען זיך צו טון אין דער פּראָווינץ, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אונטער זיין רשות, וואָס איהם וועט זיך נאָר געלוסטען, און ער האָט גאָרניט וואָס צו קוקען אויף די געזעצען. אויף פעליקס'ס אויפפיהרונג האָט נאָך געקאָנט האָבען אַנ'איינפלוס דאָס, וואָס אין דריטען יאָהר, זינט ער האָט פערוואַלטעט, איז געשטאָרבען דער קייזער קלאַודיוס, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר א בעשיצער פון די אידען, און קייזער איז געוואָרען נירון (54), וואָס האָט זיך פערהאַלטען פיינדליך צו די אויטאָנאָמע שטרעבונגען פון אידישען פאָלק.

די בעציהונגען פונ'ם נייעם פּראָקוראַטאָר צום פאָלק זענען ניט בעסער געוואָרען אויך נאָכדעם, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט א אידישער טאָכטער. באַלד ווי ער איז געקומען אין לאַנד יהודה, האָט פעליקס זיך פערליעבט אין דער יונגער דרוזילאַ, אַגריפּס I־ס טאָכטער. די שענע פּרינצעסין האָט קורץ פריהער חתונה געהאַט מיט דעם קעניג פון עמעסאַ, אזיז, וואָס האָט פון איהרעטוועגען אָנגענומען די אידישע אמונה. (דער שדוך צווישען דרוזילאַ מיט'ן ערשטען חתן, דעם פּרינץ פון קאָמאַגענאַ איז צו נישט געוואָרען, מחמת דער חתן האָט ניט געהאַלטען זיין וואָרט אָנצונעהמען די אידישע אמונה; אויבען § 118). נאָר דאָס האָט ניט אָבגעהאַלטען דעם פערליעבטען פעליקס'ן, און באַלד האָט זיך איהם איינגעגעבען, דורך דער פערמיטלונג פון ערגיץ א „מכשף“ שמעון פון קיפּרוס, איינצורעדען די אידישע פּרינצעסין, וואָס האָט ניט געהאַט די צניעות פון א אידישער טאָכטער, אַריבערצוגעהן צו איהם. דרוזילאַ האָט פערלאָזען איהר מאַן און די אמונה פון איהרע עלטערן און האָט חתונה געהאַט מיט א רוימער.

פֿעליקס האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו פֿערניכטען די רעוואָלו-
ציאָנערע בעוועגונג אין מלכות-יהודה און האָט מיט אכזריות געיאָגט יענע
אַקטיווע פּאַטריאָטען, וואָס דאָס פֿאָלק האָט זיי אָנגערופֿען „קנאים“, די רוימער
אָבער — „רויבער“. דאָרט, וואו פֿעליקס פֿלעגט ניט קאָנען אָנווענדען קראַפֿט,
פֿלעגט ער געברויכען רמאות. ער האָט אַרײַנגענאַרט צו זיך דעם פֿיהרער
פֿון די קנאים, אלעזר בן-דנאי, דורכדעם, וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט גאָר-
ניט צו טאָן; הערנאָך אָבער האָט ער איהם געשמידט אין קייטען און
אָבגעשיקט קיין רוים. דעם זעלביגען סוף האָבען געהאַט אַ סך אַנהענגער אלעזר'ס.

דעמאָלט איז געשעהן דאָס, וואָס קומט שטענדיג פֿאָר, בשעת עס ווערט
דערשטיקט אַ נאַטירליכע אָפּאָזיציע פֿון פֿאָלק: די מעסיגע רעוואָלוציאָנערע בע-
וועגונג האָט זיך אומגעביטען אין אַ טעראָריסטישע. די עקסטרעמע עלעמענטען
פֿון די קנאים האָבען געבילדעט אין ירושלים אַ געהיימע פֿראַקציע פֿון סי-
קאַריער (סיקריקון) אָדער „קינזשאַלען-טרעגער“, וואָס האָבען דורך בעזונדערע
געהיימע מאָרדען זיך נוקם געווען אָן די רוימער און זייערע אידישע פּאָליטישע
געגנער. די סיקאַריער פֿלעגען געוועהנליך טראָגען בעהאַלטען אונטער זייערע
מאַנטלען קורצע קינזשאַלען (אויף לאַטייניש הייסט דאָס סיקאַ), פֿלעגען זיך
אַרײַנמישען צווישען דעם המון אין די ערטער, וואו ס'פֿלעגען זיך צונויפֿקלייבען
אַ סך מענשען, און פֿלעגען טויטען די, וועמען זיי האָבען גערעכענט פֿאַר אַ
שונא פֿון פֿאָטערלאַנד. דאָס פֿלעגט געשעהן געוועהנליך אין די טעג פֿון די
גרויסע ימים-טובים, אויפֿ'ן פּלאַץ פֿאַר'ן בית-המקדש, — און די מערדער פֿלעגען
מרוב ניט געפֿינען ווערען, מחמת זיי פֿלעגען פֿערשווינדען צווישען דער מאַסע
צושויער און מאַכען דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטען צוגלייך מיט אַלעמען זיין
אויפֿגעבראַכט איבער'ן פֿערברעך, וואָס איז דאָ אָבגעטאָן געוואָרען.

די מעשים פֿון די סיקאַריער האָבען פֿערשפּרייט אַ פּאַניק צווישען דער
אידישער געזעלשאַפֿט; ניט בלויז די אַנהענגער פֿון דער רוימישער ממשלה,
נאָר אפילו די מעסיגע פּאַטריאָטען, וואָס האָבען ניט ווילענדיג זיך אונטערגע-
געבען אונטער דער דאָזיגער ממשלה, האָבען מורא געהאַט פֿאַר זייער לעבען.
אַ קרבן פֿון די סיקאַריער איז געוואָרען, צווישען אַנדערע, דער כהן-גדול יונתן,
וואָס די קנאים האָבען איהם פֿיינט געהאַט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַנגעזעלט
געבעטען אין רוים, מען זאָל בעשטימען פֿעליקס'ן פֿאַר אַ פּראָקוראַטאָר. היות,
ווי יונתן האָט געפֿיהלט אויף זיך די אחריות קעגען פֿאָלק, דעריבער פֿלעגט
ער אָפֿט מאַכען פֿעליקס'ן פֿאָרוואָרפֿען פֿאַר זיינע אונגעזעצליכע מעשים, נאָר
דורכדעם האָט ער די סיקאַריער פֿאַר זיך ניט איינגענומען, ער האָט מעהר ניט
אויפֿגעבראַכט קעגען זיך דעם פּראָקוראַטאָר. היות, ווי פֿעליקס האָט געוואָלט
פּטור ווערען פֿון דער השגחה מצד דעם כהן-גדול, דעריבער האָט ער דאָס
מאָל געמאַכט יד-אחת מיט די סיקאַריער, — און יונתן איז דערשטאָכען גע-

ווארען פון א געהיימען מערדער. די פארטיי פון טעראר איז דא געווארען א געצייג ביי יענעם רעספאטיזם, וואס איהם אויסצו־ווארצלען איז געווען איהר ענדציעל.

אונאיינעם מיט'ן פאליטישען פאנאטיזם האבען זיך ענטוויקעלט רעליגיעזע פאנטאזיעס. מ'האבען זיך בעוויזען א גאנצע רייה מענשען, וואס האבען זיך ארויסגעגעבען פאר „נביאים“ אדער „משיחים“, און זיי האבען איינגערעדט דעם פינסטערן המון, אז זיי זענען געשיקט פון גאט, בכדי אויסצולייזען דאס אידישע פאלק פון אלע זיינע צרות. די דאזיגע בעגייסטערטע מענשען אדער משוגעים האבען גערופען דאס פאלק אין מדבר, האבען צוגעזאגט צו בעווייזען מופתים און דורך מיסטישע סגולות צו פערגיכערן די אויסלייזונג פון פאלק ישראל.

איין פאלשער נביא אזעלכער, וואס איז אנגעקומען פון מצרים, האט צונויפגעקליבען ארום זיך אין דער מדבר עטליכע טויזענד אבערגלויבישע אידען, איז אוועק פון דארט מיט זיי קיין ירושלים און האט זיך אבגעשטעלט הינטער'ן שטאדט, אויפ'ן הר־הזיתים. דארט האט ער איינגערעדט זיינע אנהענגער זיך אריינצורייסען אין ירושלים און צו פערלאפען דעם רוימישען גארניזאן, און דערביי האט ער זיי פערזיכערט, אז די מויערן פון ירושלים וועלען בדרך נס איינפאלען, ווי נאר זיי וועלען צוקומען צו זיי. נאר איידער נאך דער המון האט בעוויזען אויסצופרובען, צי די דאזיגע נבואה איז אמת, האט פעליקס זיך א לאז געטאן אויף איהם פון שטאדט ארויס און האט איהם איינגאנצען צעטריבען. א סך פון די אנהענגער פונ'ם עגיפטישען פאלשען נביא האבען בעצאהלט מיט זייער לעבען פאר זייער לייכטגלויביגקייט, אדער זענען געגומען געווארען געפאנגען; דעם פאלשען נביא גופא האט זיך איינגעגעבען נעלם צו ווערען.

און אז די היידען, וואס האבען געוואוינט אין פאלעסטינע, — די סירישע גריכען און רוימער — האבען דערזעהן, ווי גראב דער רוימישער פערוואלטער בעהאנדעלט די אידישע בירגער, זענען זיי אויך געווארען אלץ חוצפה'דיגער אין זייער בעגעהן זיך קעגען אידען. אין קיסריה, וואס ביים ברעג ים, וואו עס האט געוואוינט א געמישטע בעפעלקערונג, איז עס געקומען צו א בירגער־קריג. דא איז ארויסגעקומען א מחלוקת צווישען די אידען און די סירישע וועגען דער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג. די אידען האבען געטענה'ט, אז זיי קומט מעהר רעכט, מחמת די שטאדט האט דאך אויסגעבויט זייער קעניג הורדוס. די סירער אבער האבען געפאדערט מעהר רעכט פאר זיך, ווייל זיי האבען זיך סמך געווען דערויף, וואס אין אמאליגער צייט, בשעת די שטאדט האט נאך געהייסען סטראטאנס־טורם, זענען דארט גאר קיין אידישע איינוואוינער ניט געווען.

לאנג האבען געשטריטען צווישען זיך די פארשטעהער פון ביידע צדדים, וואס צווישען זיי האבען די אידען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער עשירות, די

סיריער אָבער האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די מיליטערישע קרייזען, מחמת דער רוימישער גאַרניזאָן, וואָס איז געשטאַנען אין קיסריה, איז בע־שטאַנען סרוב פון אָרטיגע סיריער. סוף־כל־סוף איז די מחלוקת אַרויסגעטראָגען געוואָרען אויפ'ן גאַס. מ'האָבען זיך אָנגעהויבען געגענזייטיגע עפענטליכע בעליי־דיגונגען און מאַסען־צוזאַמענשטויסונגען אויף די גאַסען, און דערביי האָבען די געגנער בעוואָרפען איינע די אַנדערע מיט שטיינער.

אין איינער פון אַזעלכע צוזאַמענשטויסונגען, בשעת פון ביידע צדדים זענען געפאַלען אַ סך פערוואונדעטע און דערהרג'עטע, זענען די אידען גע־בליבען די זיגער. דעמאָלט האָט פעליקס זיך אַריינגעמישט און געפאָדערט, אַז די אידען זאָלען אָבשטעלען די מחלוקת און אָבזאָגען זיך פון זייערע תביעות. נאָר אַזוי ווי די אידען האָבען די דאָזיגע פאָדערונג ניט אויסגעפילט, דעריבער האָט דער פּראָקוראַטאָר ערלויבט זיינע סאָלדאַטען צו מאַכען אַ פּאָגראָם אויף דער אידישער בעפעלקערונג פון קיסריה. די סאָלדאַטען די סיריער האָבען צע־ראַבירט די רייכסטע אידישע הייזער אין שטאָדט און דערהרג'עט אַ סך אידען אָדער אַריינגעזעצט זיי אין תפיסה.

ערשט נאָך דער דאָזיגער הריגה האָט פעליקס בעשלאָסען פאָרצולעגען דעם קייזער, ער זאָל בעשליסען דעם שטרייט צווישען די בירגער פון קיסריה. צוליעב דעם צוועק האָט ער געשיקט קיין קיסריה דעפּוטאַטען פון ביידע טיילען פון דער בעפעלקערונג. נאָר איידער דער ענין איז דערגאַנגען צום קייזער, איז פעליקס אָבגערופען געוואָרען פון לאַנד יהודה. אויף זיין אָרט האָט נירון בע־שטימט פּאָרציוס פעסטוס (אַנ'ערך 60—62).

דערווייל איז אָנגעקומען קיין רוים די דעפּוטאַציע, וואָס די אידען האָבען געשיקט, און איז אַרויסגעטראָטען מיט בעשולדיגונגען קעגען פעליקס'ן און קעגען דער סירישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זיין שוץ. דער גע־וועזענער פּראָקוראַטאָר וואָלט בעקומען זיין שטראָף פאַר זיינע אונגעזעצליכע מעשים, אויב פאַר אים וואָלט זיך ניט אָנגענומען זיין ברודער פּאַלאַס, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דעה ביים הויף. היות ווי די אידען האָבען געהאַט קעגען זיך די הויפישע כנופיא, דעריבער האָבען זיי זיך אויך ניט דערשלאָגען צו אַ געזעצליכער בעפרידיגונג פון זייער בירגערליכען שטרייט מיט די סיריער. די סירישע שלוחים האָט זיך איינגעגעבען דורך אַ גרויסע סומע געלט אונטער־צוקויפען נירונ'ס גריכישען סעקרעטאַר און אויסצושתדל'ען פאַר זיך אַ קיי־זערליכען דעקרעט פון זייער טובה וועגען. נירון האָט אַרויסגעגעבען אַ בע־שטימונג, אַז פאַר בעלי־בתים פון קיסריה און פאַר פולבערעכטיגטע בירגער דאַרפען זיך רעכענען נאָר די „העלענען“, די אידישע איינוואוינער אָבער פער־לירען זייער בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג.

דער דאָזיגער אונגערעכטער געזעץ, וואָס לויט איהם איז די אָרטיגע בע־פעלקערונג, וואָס איהרע עלטער־עלטערס־זיידעס זענען געזעסען אין דעם לאַנד,

ש. דובנאָוו

אויפגעשטעלט געוואָרען אין אַנ׳ערגערן מעמד, איידער די פרעמדע, שפּעטער צוגעקומענע, — האָט אַרויסגערופען אַנ׳אויסערסטע אומצופֿרידענקייט צווישען די אידען. אין עטליכע יאָהר אַרום איז די מחלוקת פון קיסריה געווען איינע פון די ערשטע סבות, וואָס האָבען געפיהרט צו אַנ׳אָפענעם אויפשטאַנד קעגען דעם רוימישען דעספּאָטיזם.

ביי אַזאַ מצב האָט די רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג אין לאַנד יהודה ניט געקאָנט אויפהערען אפילו אין דער פערוואַלטונגס-צייט פון פעסטוס׳ן, הגם ער איז ניט געווען אַזאַ טיראַן, ווי דער פריהערדיגער פערוואַלטער. די סיקאַריער (סיקריקון) האָבען ווייטער געפיהרט דעם טעראָר, מחמת זיי האָבען געהאַלטען דעם כלל גדול, אַז אַזעלכע אידען, וואָס שטעהען ניט אויף קעגען רוימישען יאָך און ווייזען ניט אַרויס זייער כעס אין מעשים, מוז מען צווינגען, זיי זאָלען קעמפפען פאַר דער פאָלקס-פרייהייט. זיי האָבען אָהן רחמנות גערודפ׳ט די „מעסיגע" און די „רודפי-שלום׳ניקעס" צווישען די פאָרשטעהער פון דער העכערער ירושלים׳ער געזעלשאַפט. אָפטמאָהלס פלעגען זיי אָנפאַלען אויף די דערפער, וואָס זייערע איינוואוינער האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אַריינצומישען אין די רעוואָלוציאָנערע רייהען, פלעגען פערברענען דאָרט הייזער און ראַבירען האָב-און-גוטס. פאַלשע נביאים און כלומר׳שטיגע „משיחים" האָבען אויך ווייטער געפיהרט זייער אַגיטאַציע צווישען המון עם. דער פּראָקוראַטאָר פעסטוס האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגען די אַגיטאַטאָרען, נאָר ס׳האָט גאָרניסט ניט געהאָלפען.

ס׳איז אוממעגליך געווען צו בערוהיגען די נאַציע, וואָס איז געווען אויפגערעגט און אויפגערודערט פון אויבען ביז אונטען. ס׳האָט זיך געפיהלט, אַז עס גענעהנט אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. אין יענע צייטען פלעגט איבער די גאַסען פון ירושלים אַרומגעהן עפּיס אַ משונה׳דיגער מענש, מיט׳ן נאָמען יהושע בן חנן, און פלעגט שרייען: „אַ קול פון מזרח, אַ קול פון מערב, אַ קול פון אַלע פיער ווינטען, אַ קול וועגען ירושלים און וועגען בית-המקדש, אַ קול וועגען חתן און כלה, אַ קול וועגען גאַנצען פאָלק!" דעם דאָזיגען שלעכטען מבשר האָט מען ערקלערט פאַר משוגע, מ׳האָט איהם בעליידיגט, געשלאָגען, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט אויסצורופען זיינע עצבות-פולע ווערטער. טאָג און נאַכט פלעגט ער אַרומבלאָנקען איבער׳ן הויפּט-שטאָדט, פלעגט מיט קיינעם ניט רעדען, ניט ענטפערן, אַז מען פלעגט איהם בעגריסען, נאָר אָהן אויפהער האָט ער איבערגעחזר׳ט זיינע שרעקענספולע אויסרופען, און אָפט פלעגט ער נאָך פערענדיגען מיט׳ן מאמר המוסגר: „וועה, וועה געשריען צו דיר, ירושלים!" דער אומגליקליכער האָט דערלעבט ביז צו דער צייט, ווען זיינע נבואות זענען מקוים געוואָרען. ער אַליין איז געפאַלען פון אַ שטיין, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען דורך אַ רוימישער שליידער-מאַשין אין דער צייט פון דער שפּעטערדיגער בעלעגערונג.

אַגריפּס II און די כהנים־גדולים.

§ 123. וואָס־פאַר־אַ ... וואָס־זשע האָט אין יענער צייט געטאָן אַגריפּס II, דער יורש פון דער אידישער קרוין, ביי וועמען מ'האָט די ירושה אָפּגענומען? אין יענער צייט, בשעת זיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָט מען אים ניט צוגעלאָזט צו דער פערוואַלטונג איבער'ן לאַנד יהודה אונטער'ן אויסרייד, אַז ער איז צו יונג. נאָר די יאָהרען זענען געפלויגען, און פּראָקוראַטאָר האָט פערביטען דעם אַנדערן, נאָר די איינגעבאָרענע רעכט פונ'ם אידישען פּרינץ האָט מען זיך געמאַכט פערגעסענדיג, הגם ער האָט שטענדיג געלעבט אין רוים און צווישען זיך צווישען די הויפישע קרייזען. משמעות, אַז אַגריפּס גופא האָט ווינציג וואָס געדאַגעט וועגען ווידער איינשטעלען זיינע רעכט אויף דער אידישער קרוין, און האָט זיך לכתחלה צופרידענגעשטעלט מיט'ן טיטעל רוימישער וואַסאַל, אַלס מושל פונ'ם קליינינקען פירשטענטום כאַלקיס (§ 120). אין רוים, וואו ער האָט בעקומען זיין ערציהונג און האָט געהאַט גרויסע פערבינדונגען אין די העכסטע געזעלשאַפטס־קרייזען, האָט ער זיך געפּיהלט בעסער, איידער אין ירושלים, וואו עס האָבען געהערשט און געקאָכט די פּאָליטישע ליידענשאַפטען.

אין יאָהר 53 האָט דער קיסר קלודיוס אָפּגענומען אַגריפּס'ן, אַנשטאָט כאַלקיס, פיליפּוס'ס געוועזענע טעטראַרכיע, ביי די קוואַלען פון ירדן, און די געגענטען וואָס גרענצען זיך מיט איהר. נירון ווייטער האָט אין גיכען מוסיף געווען צו די דאָזיגע לענדער נאָך עטליכע ישובים פון פּערעאַ (עבר־הירדן) און די געגענדען פון טבריה און טריכיה אין גליל. אין יהודה אָבער, וואָס איז פערוואַלטעט געוואָרען דורך די פּראָקוראַטאָרען, האָט אַגריפּס II געהאַט בלויז דאָס רעכט צו געבען השגחה אויפ'ן בית־המקדש און צו בעשטימען כהנים־גדולים; דאָס דאָזיגע רעכט האָט ער גע'ירש'ט פון זיין פעטער, הורדוס פון כאַלקיס.

אַגריפּס II האָט נאָך געטראָגען דעם טיטעל אידישער קעניג, און אויף די מטבעות פלעגט ער זיך אָנרופען, פּונקט ווי זיין פאָטער, „גרויסער קעניג, פריינד פונ'ם קיסר און פון די רוימער". נאָר אין דער צענטראַלער יהודה איז דאָס געווען מעהר ניט ווי אַ טיטעל לשם כבוד, וואָרום קיין פּאָליטישע מאַכט האָט דאָרט אַגריפּס קיין מאָל ניט געהאַט. ער פלעגט וואוינען אַמאָל אין רוים, אַמאָל אין זיינע בעזיצונגען אין פּאַלעסטינע, אויף ימים־טובים פלעגט ער קומען צו פאָהרען קיין ירושלים און פלעגט בעזוכען אויך די פּראָקוראַטאָרען אין זייער רעזידענץ, קיסריה ביים ברעג ים. זיין אייגענער הויפּט־שטאָדט קיסריה־פיליפּי האָט ער אַ נאָמען געגעבען נירוניא, פונ'ם קיסר'ס כבוד וועגען.

אינאיינעם מיט אַגריפּס'ן האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט און בעגלייט איהם אין זיינע נסיעות זיין שוועסטער בערעניקע (בירניקה), וואָס איז געבליבען אַ יונגע אַלמנה נאָכ'ן טויט פון איהר פעטער און מאַן הורדוס פון כאַלקיס. די

דאָזיגע ענערגישע פֿרוי האָט אַפּנים געהאַלטען אין איהרע הענד איהר כאַראַקטערשוואַכען ברודער. נאָר דאָס, וואָס די שענע בערעניקע איז געזעסען אין ברודערס שטוב, האָט אַרויסגערופֿען אַ סך רכילות'ען צווישען דער רוימישער געזעלשאַפֿט. בכדי צו מאַכען אַ סוף פֿון די דאָזיגע פּליאַטקעס, האָט בערעניקע חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל מיט פּאָלעמאָן, דעם קעניג פֿון קיליקיען, וואָס איז מסכים געוואָרען אָנצונעהמען די אידישע אמונה. נאָר אין גיכען איז דער דאָזיגער שידוך זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען, און די שענע פּרינצעסין איז ווידער פֿריי געוואָרען, און נאָך אין עטליכע יאָהר אַרום האָט פֿאַר איהר אַ פֿונקעל געטאָן די האָפֿענונג צו ווערען רוימישע קייזערין.

ניט אַזוי ווי זייער יונגערע שוועסטער דרוזילאַ (§ 122), האָבען אַגריפּס II און בערעניקע זיך ניט אָבגעזאָגט פֿון דער אמונה פֿון זייערע עלטערן; נאָר אויסגעדריקט האָט זיך זייער גאַנצע אידישקייט נאָר דערין, וואָס זיי האָבען אָפֿיציעל אָבגעהיט די מנהגים און צערעמאָניעס פֿון בית־המקדש, בשעת זיי פֿלעגען זיך געפֿינען אין ירושלים. אַלס „קעניג" לויט'ן טיטעל אָדער אַפּוטרופּוס לשם נדבה, האָט אַגריפּס געזאָרגט וועגען דעם, אַז ירושלים און דער בית־המקדש זאָלען זיין פֿון אויסווייניג שען. ער האָט געהייסען אויסברוקירען די גאַסען פֿון דער הויפּט־שטאָדט מיט ווייסע מירמעלשטיינער. די לויים־משוררים, וואָס פֿלעגען זינגען די קאַפּיטלעך תהלים, האָט ער ערלויבט צו טראָגען פּונקט אַזעלכע, לייוועטענע קליידער, ווי עס פֿלעגען טראָגען די כהנים, הגם די דאָזיגע נייע אויפֿטועכץ איז געווען דערווידער די אָנהענגער פֿון דער שטרענגער טראַדיציע. בכדי צו פֿערריכטען און אויפֿצוהויבען דעם פֿונדאַמענט פֿון בית־המקדש, האָט אַגריפּס געהייסען ברענגען פֿונם בארג לבנון זעהר טייערע בויגעהילץ; נאָר איידער מען איז צוגעטראָטען צום רעמאָנט, איז אויסגעבראָכען די מרידה, און די גרויסאַרטיגע צעדערן פֿון לבנון זענען פֿערברויכט געוואָרען אויף מיליטערישע בנינים, בכדי צו פֿערטיידיגען די הויפּט־שטאָדט.

זיין התמנות (פֿונקציע) פֿון „השגחה אויפֿ'ן בית־המקדש" פֿלעגט אַגריפּס אויסטייטשען אָפֿטמאָלס צופֿיעל אייגענאַרטיג. בשעת ער פֿלעגט זיך געפֿינען אין ירושלים, פֿלעגט ער וואוינען אין געוועזענעם פּאַלאַץ פֿון די חשמונאים, וואָס איז געלעגען ניט וויט פֿון בית־המקדש. צום דאָזיגען פּאַלאַץ האָט אַגריפּס צוגעבויט אַ הויכען טורם, פֿון וואַנען מען האָט געקאָנט גוט זעהן אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אין שטאָדט און אין בית־המקדש. אין פֿרייער צייט פֿלעגט ער ליעב האָבען צו זיצען אויף זיין שטול און נאָכצוקוקען אַלצדינג, וואָס פֿלעגט פֿאָרקומען אין בית־המקדש און אפֿילו אין זיינע אינעווייניגסטע חדרים, וואָס ישראלים האָבען אָהן קיין צוטריט ניט. די דאָזיגע אומגעזעצליכע נייגיריגקייט פֿון גלאַט אַזוי אַ ליידיגגעהער איז ניט געווען געפֿעלען די כהנים, און די האָבען געהייסען פֿערשטעלען דעם אויסקוק פֿונם פּאַלאַץ אויפֿ'ן בית־המקדש, און צוליעב דעם אויסבויען אַ מחיצה. אַגריפּס איז אַריין אין כעס,

און מיט דער הילף פֿון זײַן גוטן פֿרײַנד, דעם פּראָקוראַטאָר פֿעסטוס, האָט ער געפּרובט צווינגען די כהנים אַראָפּצונעמען די מחיצה. דעמאָלט איז דער כהן-גדול ישמעאל בן פּאבי[2] און נײַן פֿאָרשטעהער פֿון דער ירושלמער געזעלשאַפֿט אַוועק קיין רוים און האָבן זיך באַקלאָגט פֿאַרן קיסר. אַדאַנק דער שתדלנות פֿון דער קייזערין פּאָפּעאַ, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון דער אידישער עבודה, האָט נירון געגעבן גערעכט די כהנים. די מחיצה איז געבליבן אויפֿ'ן אָרט, און אַגריפּאַ האָט זיך געמוזט אָבזאָגן פֿון אַ פֿרעהליכן צײַט-פֿאַרברענגען אין ירושלים. זײַן כעס האָט ער אויסגעלאָזן צום כהן-גדול ישמעאל, וואָס פֿריהער האָט ער גופֿא אים געהאַט באַשטימט אויף דער דאָזיגער שטעלע. נאָכדעם, ווי ער האָט אים אַראָפּגעזעצט פֿון שטעלע, האָט אַגריפּאַ באַשטימט פֿאַר אַ כהן-גדול אַ געוויסן יוסף בן שמעון הקמחי.

בכלל האָט אַגריפּאַ בריט אויסגענוצט זײַן רעכט צו באַשטימען און אַראָפּזעצן כהנים-גדולים. די העכסטע גײַסטיגע שטעלע איז צו אָפֿט אַריבערגעגאַנגען פֿון איין **משפּחה כהנים** צו דער אַנדערער. ס'פֿלעגן זיך בײַטן די משפּחות פֿון די בני ביתוס, בני חנן, בני קנתרס, בני פּאבי. די דאָזיגע סיסטעם פֿון אייגענוויליגע באַשטימונגען, וואָס דערבײַ פֿלעגט מען זיך ניט באַגעהן אָהן שוחד און נידערטרעכטיגער קריכערײַ, האָט געהאַט אַ דעמאָראַליזירענדע ווירקונג אויף דער גאַנצער היעראַרכיע פֿון בית-המקדש. אָפֿטמאָלס פֿלעגן ווערן באַשטימט פֿאַר כהנים-גדולים אַזעלכע מענשן, וואָס זענען גאָר ניט געווען ראוי דערצו; אַזעלכע פֿלעגן אויסנוצן די כהונה-גדולה מעהר ניט צוליעב דעם, בכדי צו האָבן מאַטעריעלן נוצן פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע קרובים. ס'פֿלעגן פֿאָרקומען גראָבע כבֿסולים צוליעב די הכנסות פֿון די כהנים. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז די כהנים-גדולים פֿלעגן שיקן זייערע קנעכט צו די שפּײַכלערס פֿון די ערדאַרבעטער (היו כהנים מחזירים על הגרנות), בכדי אָבצונעמען דעם „מעשר" (צעהנטן טייל) פֿון דער תבֿואה, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר די נידעריגע כהנים, און מחמת דעם האָבן די לעצטע געמוזט לײַדן הונגער און נויט.

אַזעלכע געוואַלדטאַטן פֿלעגט, צווישן אַנדערע, אָבטון דער כהן-גדול **חנניה בן נדבֿי** (47—59), וואָס איז פֿון זײַן כהונה-גדולה רײַך געוואָרן; ער איז געווען אַ מענש מיט אַ דעספּאָטישן כאַראַקטער און אַ גרויסער אוהב-כסף (לויט ווי די אגדה דערצעהלט, איז ער געווען אַ ניט-געוועהנליכער פֿרעסער).

איינער פֿון די כהנים-גדולים נאָך אים, **חנן בן חנן** (62), וואָס האָט פֿאַרנומען זײַן שטעלע בלויז 3 חדשים, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן נטיה צו די מיינונגען פֿון די צדוקים און איז געווען באַפֿרײַנדעט מיט'ן פּראָקוראַטאָר אַלבינוס, וואָס האָט גערודפֿ'ט די פּאַטריאָטן.

---

[2]) דאָס איז דער צווייטער כהן-גדול מיט'ן זעלבן נאָמען פֿון בית-פּאבי; זעה אויבן, § 111.

נאָך איהם איז געווען א מחלוקת איבער דער כהונה־גדולה צווישען **יהושע בן דמנאי** און **יהושע בן גמליאל** (אָדער **גמלא** אַנערך פון יאָהר 62—65). דער קאַמפף איז דערגאַנגען ביז צו געשלעגען אויף די גאַסען צווישען די צדדים פון בײדע קאָנקורענטען. װעגען יהושע בן גמלא דערצעהלט מען, אַז זײן רײכע פרוי **מרתא**, װאָס האָט געשטאַמט פון דער אַריסטאָקראַטישער משפחה כהנים פון בית־ביתוס, האָט געגעבען אַגריפּס II צװײ מעסטלעך גאָלדענע דינרים דערפאַר, װאָס ער האָט געגעבען איהר מאַן די כהונה־גדולה.

דעם פאָלקס צער איבער זיטליכען פאַלען פון די כהנים קאָן מען אַרױסהערען אין פאָלגענדע מטושטשע אָבקלאַנגען, װאָס זענען פערבליבען אין תלמוד: „װעה איז מיר פון הויז ביתוס, װעה צו מיר פון זײנע שטעקענס! װעה צו מיר פון הויז חנן, װעה צו מיר פון זײן שלאַנגען־פײף! װעה צו מיר פון הויז קנתרס און פון זײן פען! װעה צו מיר פון הויז ישמעאל בן פאבי און פון זײן פויסט: די אַלײן זענען כהנים־גדולים, זײערע זיהן זענען גבאים (פון בית־המקדש), זײערע אײדעמס — צופּועהערס, און זײערע קנעכט שלאָגען דאָס פאָלק מיט שטעקענס” (בבלי פסחים נ״ז און אין תוספות).

אַזוי נידעריג איז געװען געפאַלען די גײסטליכקײט פונ׳ם בית־המקדש אין יענעם מאָמענט, בשעת די נאַציאָנאַל־גײסטיגע כחות פונ׳ם אידישען פאָלק זענען געװען אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט, ערב דער טראַגישער מלחמה פאַר דער אומאָבהענגיגקײט. ס׳איז געװען בעשײנפערליך, אַז ניט פונ׳ם דאָזיגען אָפיציעלען שטאַנד כהנים האָט דאָס פאָלק געקאָנט זיך ריכטען, אַז ער װעט עס פיהרען אינ׳ם קאַמפף קעגען די רױמער. אַנדערע פיהרער האָבען זיך געשטעלט בראש פון דער פרײהײטס־בעװעגונג, — פיהרער, װאָס זענען אָפט זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין זײערע איבערצײגונגען, נאָר אַלע האָבען זײ געהאַט אײן הײליגען ציעל — די אויסלײזונג פון דער נאַציע.

אַלבינוס און פלאָרוס.

§ 124. דער פּראָקוראַטאָר פעסטוס איז געשטאָרבען, און אויף זײן אָרט איז געשיקט געװאָרען **אַלבינוס** (אַנערך פון 62—64). דער אידישער היסטאָריקער, װאָס האָט געלעבט אין יענער צײט און װאָס איז בכלל אַ גוטער פרײנד פון די רױמער, כאַראַקטעריזירט אַלבינוס'ן אַזוי: „ס׳איז ניט געװען קײן אײן נבלה, װאָס ער זאָל זי ניט האָבען אָבגעטאָן. ער האָט אױסגערױבט די געזעלשאַפטליכע קאַסעס, אָבגענומען דעם אײגענס בײ אַ סך פּריװאַטע פּערזאָנען און האָט אַרױפגעלעגט אױפ׳ן פאָלק אומענטליכע שװערע אָבצאָהלונגען, װאָס זענען איהם געװען איבער זײנע כחות. פאַר אַנ׳אױסקױף פלעגט ער פרײלאָזען פערברעכערס, װאָס זענען געזעסען אין תפיסה; נאָר דער, װאָס האָט גאָרניט ניט געצאָהלט, איז געבליבען פערשפּאַרט”.

אונטער אַלבינוס'ן שוין איז געשטאַנען דער רײכער חנניה, אַ געװעזענער

כהן־גדול, וואס איז געווען דער ערגסטער פארשטייער פון דער ירושלמער פלוטאקראטיע. די פריינדשאפט מיטן פראקוראטאר, וואס חנניה האט זי געקויפט פאר א סך געלט, האט אים געגעבן די מעגליכקייט אבצוטון אינבע־שטראפטערהייט כלערליי עולות.

די „סיקאריער" האט אלבינוס אכזריותדיג גערודפט, אויב זיי האבן ניט געקאנט זיך אויסקויפן פאר געלט. איין מאל האבן די סיקאריער אנ־געשטעלט אזא קונץ, אז דעם אויסקויף פאר זיי זאל געבן זייער דם־שונא חנניה. זיי האבן געכאפט און אוועקגעשלעפט חנניהס זוהן, וואס איז געווען א שרייבער אין בית־המקדש, און דערנאך האבן זיי געשיקט אנזאגען דעם פאטער, אז זיי וועלען ארויסלאזען פריי דעם געפאנגענעם ערשט דעמאלט, בשעת אלבינוס וועט בעפרייען פון תפיסה צעהן סיקאריער. דער געוועזענער כהן־גדול האט געמוזט זיך אנטון א כח און איינשתדל'ען ביי אלבינוס'ן די דאזיגע טובה פאר זיינע שונאים, און דעמאלט האט מען אים צוריק אבגעגעבען זיין זוהן. אזא מין דרעהעריי האט מען אבגעטאן ניט איין מאל.

אין גיכען האט מען אלבינוס'ן אבגערופען פון יהודה. פאר'ן אבפאהרען האט ער געהייסען טויטען אין ירושלים אלע די וויכטיגסטע פערברעכער, וואס זענען געזעסען אין תפיסה, און די איבעריגע האט ער ארויסגעלאזט פריי פאר א שכר הגון. „אויף אזא אופן — איז ניט אהן הגזמה מוסיף דער היסטאריקער — איז די תפיסה פוסט געווארען, נאר דאס לאנד איז פול געווארען מיט רויבער".

נאך אלבינוס'ן איז געווען פראקוראטאר געסיוס פלארוס (64—66). דאס איז געווען דער לעצטער אידישער פראקוראטאר, וואס דורך זיינע אכזריות־דיגע מעשים האט ער ארויסגערופען דעם אלגעמיינעם אויפשטאנד. אליין איז פלארוס געווען א גריך פון דער שטאדט קלאזאמען און זיין הויכע שטעל האט ער בעקומען אדאנק די פערבינדונגען, וואס זיין פרוי האט געהאט ביים הויף. חוץ דעם, וואס ער איז געווען פערדארבען, ווי געווענליך א רוימישער אדמי־ניסטראטאר אין פראווינץ, איז ער נאך געווען דערצו א גרויסער שונא־ישראל. ער איז געקומען קיין יהודה, „פונקט אזוי ווי ער וואלט געווען א תליון, בכדי צו טויטען די פערמשפטע צום טויט".

אין פערגלייך מיט איהם האט אפילו אלבינוס זיך אויסגעדוכט דעם פאלק, ווי א מוסטער פון איידעלקייט און גוטסקייט. יענער פלעגט אבטון זיינע רציחות בעהאלטענערהייד און פלעגט עקספלואטירען דער עיקר פריוואטע מענשען; פלארוס פלעגט ארבייטען גאר אפען, ער פלעגט בעראבען גאנצע שטעדט און בהלות שטעלען גאנצע קהלות. פשוט'ע גנבים און גזלנים האבן געמעגט פריי זיך פערנעמען מיט זייער „פרנסה", אויב זיי פלעגען נאר געבן א חלק דעם פראקוראטאר און זיינע אגענטען. אין לאנד האט קיינער ניט געקאנט זיין זיכער מיט זיין לעבען און מיט זיין פערמעגען. ס'האט זיך אנגעהויבען א שטארקע עמיגראציע פון יהודה אין אנדערע לענדער.

איין מאָל, בשעת דער איבערשטער פֿערוואַלטער איבער גאַנץ סוריען, קעסטיוס גאַלוס, איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָבן די איינוואוינער זיך באַקלאָגט פֿאַר אים אויף פֿלאָרוסן און האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי באַפֿרייען פֿונם דאָזיקן תליון. פֿלאָרוס, וואָס איז געשטאַנען הערבײַ, האָט אויסגעהערט די באַשולדיקונגען מיט אַ גיפֿטיקן שמייכל. קעסטיוס גאַלוס האָט באַרויִקט דאָס פֿאָלק און צוגעזאָגט צו ווירקן אויפֿן פּראָקוראַטאָר, ער זאָל ווערן בעסער — און איז אָפּגעפֿאָרן קיין קיסריה. נאָר פֿלאָרוס, וואָס איז נאָך מער אין כעס געוואָרן אויף די אידן, פֿאַרוואָס זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף אים, האָט זיך געמיט אַרויסצורופֿן צווישן דער באַפֿעלקערונג אַ רעוואָלוציאָנערן אויפֿרייס, כּדי דערמיט צו פֿאַרענטפֿערן זײַנע געוואַלדטאַטן פֿאַר דער העכסטער רוימישער רעגירונג. און דאָס איז געווען ניט שווער, מחמת די געדולד פֿון פֿאָלק האָט געפּלאַצט, און ס'איז גענוג געווען איין פֿונק אויפֿן פֿאַכיקן אָרט, כּדי דער פֿײַער פֿון אויפֿשטאַנד זאָל אויפֿפֿלאַקערן

דער אָנהויב פֿון דער מרידה.

§ 125. איינע פֿון די נאָענטסטע סבּות פֿאַר דער מרידה איז געווען די צוזאַמענשטויסונג צווישן די אידן און די גריכן אין דער רעזידענץ פֿונם פּראָקוראַטאָר אין קיסריה. נאָך ניראָנס דעקרעט, וואָס האָט באַשטימט די מחלוקת וועגן דער בירגערלעכער גלײַכבערעכטיגונג אין קיסריה לטובת די גריכן (§ 122), האָבן די לעצטע אָנגעהויבן זיך אויפֿצופֿירן בנוגע צו זייערע אידישע מיטבירגער נאָך מיט מער חוצפּה און רשעות, איידער פֿריִער. די טריומפֿירענדע גריכן האָבן אַפֿילו געהאַט די העזה חוזק צו מאַכן פֿון דער אידישער אמונה — און דעמאָלט טאַקע איז פֿאָרגעקומען אַן אַנטשיידענער צוזאַמענשטויס.

די שול (בית־הכּנסת) פֿון קיסריה איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צו אַ גריך. די אידן האָבן געוואָלט אָפּקויפֿן דעם דאָזיקן פּלאַץ, נאָר דער בעל־הבית האָט ניט געוואָלט פֿאַר קיין געלט פֿאַרקויפֿן דעם פּלאַץ די שונאים. חוץ דעם האָט ער מיט אַ כּיוון אויסגעבויט אויפֿן גאַנצן פֿרײַען פּלאַץ אַרום שול בנינים, וואו עס האָבן זיך געפֿונען וואַרשטאַטן, אַזוי אַז פֿאַר די באַזוכער פֿון שול איז געבליבן מער ניט אַ שמאָלער דורכגאַנג. די אידישע יונגעלײַט האָבן געפּרובט איבערגעוואַלד ניט צו דערלאָזן אויפֿבויען די דאָזיקע בנינים, נאָר פֿלאָרוס האָט זיי דערפֿון אָפּגעהאַלטן. נאָר אַז ער האָט באַקומען פֿון די רײַכע אידן אַכט טאַלענטן שוחד, איז ער אויף אַ געוויסע צײַט אָפּגעפֿאָרן קיין סעבאַסטע און האָט געמאַכט אַני־אָנשטעל, ווי ער וויל כּלומרשט ניט אַרײַנמישן זיך אין זייער מחלוקת מיט די גריכן.

אויפֿן אַנדער טאָג — דאָס איז געווען שבת — בשעת די אידן האָבן זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אין שול, האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן עפּעס אַני-

אונטערגעשיקטער אויפהעצער א גריך כמעט ביים שוועל פונם מקום קדוש און האט דארט געבראכט א קרבן פון פויגלען, וואס לויט'ן געזעץ בעדארפען עס ברענגען אזעלכע מענשען, וואס ווערען געהיילט פון צרעת. דאס איז געווען א סימבאלישע אנצוהערעניש, א ווינק אויף דער באבע-מעשה, וואס איז געווען פערשפרייט צווישען די גריכען, אז די אידען שטאמען אב פון די עגיפטישע מצורעים (§ 79).

די אידען זענען אריין שטארק אין כעס און האבען זיך א ווארף געטאן אויף די גריכען. ס'איז ארויס א געשלעג אין די גאסען. דער אנפיהרער פון דער רוימישער רייטעריי, יקונדוס, האט געפרובט אבצושטעלען דעם געשלעג, נאר ער האט גארנישט ניט געפועל'ט. היות, ווי די גריכען זענען געווען מעהר, דעריבער האבען די אידען געליטען א מפלה. זיי האבען פערלאזען קיסריה, האבען מיטגענומען מיט זיך די הייליגע ספרים און זענען אוועק אויף א געוויסער צייט אינעם שכנישען שטעדטיל נרבתא.

פלארוס איז דערווייל געבליבען אין סעבאסטע (שמרון) און האט פון דער-ווייטענס מיט א געפיהל פון נקמה זיך צוגעקוקט צו דער שרפה, וואס האט געהאלטען אין פונאנדערפלאקערן זיך. א אידישע דעפוטאציע האט ביי איהם געבעטען שוץ, נאר ער האט שטרענג אידר אבגעזאגט די בקשה און האט נאך דערצו אריינגעווארפען די שלוחים אין תפיסה.

אין ירושלים האבען די געשעהענישען פון קיסריה ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג. די אויפרעגונג איז נאך שטארקער געווארען, בשעת פלארוס האט פון סעבאסטע צוגעשיקט צום פערוואלטער איבער'ן בית-המקדש אין ירושלים א בעפעהל — ער זאל ארויסגעבען 17 טאלענטען פונם אוצר פון בית-המקדש, כלומר'שט פאר דער קייזערליכער קאסע. די דאזיגע חוצפה'דיגע פאדערונג פונ'ם פראקוראטאר האט געשאפען אן אויסגאנג פאר'ן פאלקס-צארן, וואס האט זיך געהאט אנגעקליבען. דער המון, וואס האט זיך צונויפגעקליבען ארום בית-המקדש, האט הויך אויפ'ן קול געזידעלט און געשאלטען פלארוס'ן. עטליכע ירושלמים זענען, בכדי אבצולאכען פון דעם פראקוראטארס געלדגיריגקייט, ארומגעגאנגען איבער'ן שטאדט מיט פושקעס אין די הענד און האבען געבעטען א נדבה לטובת דעם „ארימען, אונגליקליכען פלארוס'ן"

דערמאלט האט דעם פראקוראטאר אנגעכאפט א ווילדער כעס, און ער איז געקומען צו לויפען מיט א חיל קיין ירושלים, בכדי זיך נוקם צו זיין מיט בלוט פאר די בזיונות, וואס מען האט איהם אנגעטאן. ער האט גערופען צו זיך די כהנים גדולים און די פארשטעהער פון די מיוחסים און האט ביי זיי געפאדערט, זיי זאלען איהם ארויסגעבען די מענשען, וואס האבען געמאכט די פיינדליכע דעמאנסטראציע. די פארשטעהער פון שטאדט האבען אין זייער ענט-פער געגעבען צו פערשטעהן דעם פראקוראטאר, אז איצט איז ניט קיין צייט צו טראכטען וועגען קליינליכער פערזענליכער נקמה, נאר מען מוז זארגען פאר

דער זיכערקייט פון די בירגער. פלארוס האט געענטפערט אויף די דאזיגע געהעכטע טענות אויף זיין שטייגער. ער האט געהייסען די רוימישע סאלדאטען צערויבען דעם טייל שטאדט, וואס ווערט אנגערופען „שוק העליון" (אויבערשטער מארק). די סאלדאטען האבען מיט גרויס חשק אויסגעפילט דעם דאזיגען בעפעהל. זיי האבען צערויבט און חרוב געמאכט ניט בלויז דעם שוק העליון, נאר אויך די ארומיגע פלעצער; די איינוואוינער, וואס זיי פלעגען טרעפען אין די שמאלע געסלעך, פלעגען זיי הרג'ענען. א סך בירגער האבען די סאלדאטען אוועקגעשלעפט צו פלארוס'ן, וועלכער האט געהייסען זיי שמייסען און דערנאך אויפהענגען אויף קרייצען. די דאזיגע מיאוסע טויטשטראף האבען אויך געמוזט אויסשטעהן עטליכע אידען, וואס האבען געטראגען לשם כבוד דעם טיטעל „רוימישע ריטער". די קעניגין בערעניקע, אגריפס'ס שוועסטער, וואס האט זיך דענסטמאל געפינען אין ירושלים, האט געשיקט צו פלארוס'ן איהרע דינער, און דערנאך איז זי אליין געקומען צו איהם מיט דער בקשה, ער זאל אבשטעלען דעם פאגראם; נאר קיין זאך האט ניט געקאנט איינהאלטען אין צאם דעם גרימצארן פונ'ם רויבערישען פראקוראטאר און די צעווילדעוועטע רוימישע סאלדאטען (אין מאי פון יאהר 66).

נאר פלארוס איז נאך ניט געוועזען צופרידענגעשטעלט דורך דעם פאגראם, ער האט געוואלט נאך ערנידעריגען די אידען און צווינגען זיי צו קושען דעם שטעקען, וואס האט זיי געשלאגען. ער האט גערופען צו זיך די כהנים-גדולים און די חשובסטע בירגער פון דער הויפט-שטאדט און האט ערקלערט, אז אויב די בעפעלקערונג וויל בעווייזען, אז זי האט ניט קיין חלק אין „בונט", דעמאלט זאל זי מאכען א פייערליכע בעגעגעניש פאר די צוויי קאהארטעס רוימישע סאלדאטען, וואס בעדארפען אנקומען פון קיסריה קיין ירושלים. די כהנים-גדולים און די פתחנות'דיגע פארשטעהער פונ'ם רייכען קלאס האבען צוגערעדט דעם פאלק, עס זאל אנגעהמען דעם פראקוראטאר'ס פאדערונג. פערקעהרט, די שטאלצע פאטריאטען און ראדיקאלען האבען מיט צארן אבגעווארפען דעם דאזיגען בעליידיגענדען פארשלאג. דאס פאלק איז לכתחלה געוועזען נוטה אויפ'ן צד פון די לעצטע; נאר בשעת די כהנים זענען ארויס צום פאלק, אנגעטאן אין די בגדי-כהונה, און א פייערליכער פראצעסיע, און האבען געבעטען, מען זאל נאכגעבען דעם פראקוראטאר'ס קאפריז — בכדי צו ראטעווען די שטאדט און דעם בית-המקדש — האט דער רוב נאכגעגעבען.

דאס פאלק איז ארויס אנטקעגען די רוימישע קאהארטעס, און אז די סאלדאטען זענען אנגעקומען, האט עס זיי בעגריסט. נאר די סאלדאטען האבען (לויט א געהיימער אינסטרוקציע, וואס זיי האבען געהאט בעקומען פון פלארוס'ן) ניט געענטפערט אויף די בעגריסונגען. דאס פאלק האט אנגעהויבען ארויסצוווייזען אונצופרידענקייט; מ'האבען זיך געלאזט הערען זידעל-ווערטער קעגען דעם מנוול'דיגען פראקוראטאר, וואס ער איז דאס שולדיג געוועזען אין דער נייער

נאציאנאלער ערנידעריגונג. דעמאלט האבן די סאלדאטען זיך א לאז געטאן אויפ'ן אומבעוואפענטען המון אידען און, אבשטופענדיג זיי אויף צוריק, האבן זיי געשלאגען די, וואס זענען געלאפען, און געטראטען זיי מיט זייערע פערד. א סך זענען אומגעקומען מחמת דער שפארעניש אויף די שמאלע געסלעך, וואס בשעת'ן לויפען האבן די הינטערשטע רייהען זיך געשטופט אויף די פאדערשטע.

נאר אין דער צייט וואס איין טייל פון פאלק איז אנטלאפען געווארען, האט זיך דער אנדערער טייל גענומען פאר די געווער. די אידען זענען ארויפגעקראכען אויף די דעכער פון די הייזער אין די גאסען, וואו די רוימישע סאלדאטען האבען געמוזט דורכגעהן, און האבען זיי בעשאטען פון אויבען מיט פיילען און שטיינער. די סאלדאטען האבען אנגעהויבען אבצוטרעטען אין זייערע קאזארמעס, וואס האבען זיך געפונען אין קעניגליכען פאלאץ. היות ווי די אידען האבען מורא געהאט, אז די רוימער זאלען ניט אנפאלען אויפ'ן בית-המקדש פונ'ם שלאס אנטאניא, וואו עס איז געשטאנען דער רוימישער גארניזאן, — דעריבער זענען עטליכע מוטיגע מענשען געשווינד ארויף אויפ'ן הר-הבית און האבען צעשטערט די גאלעריעס, וואס האבען פערבונדען אנטאניא מיט'ן בית-המקדש. דער דאזיגער אקט האט בעדייט, אז עס איז אבגעשאפט די רוימישע איבערזיכט איבער'ן נאציאנאלען הייליגטום פון די אידען.

אז פלארוס האט דערזעהן די קאמפף-שטימונג פון די ירושלמים, האט ער זיך דערשראקען און האט בעשלאסען מיט די פריש-אנגעקומענע סאלדאטען זיך אומצוקערען קיין קיסריה. אין ירושלים האט ער איבערגעלאזט נאר איין קאהארטע סאלדאטען, נאכדעם ווי די כהנים-גדולים און די עלטסטע האבען איהם פערזיכערט, אז זיי זענען ערב פאר דער רוה און זיכערקייט אין דער הויפט-שטאדט.

אגריפס II און דער קאמפף פון די פארטייען.

§ 126. אז דער רוימישער איבער-פערוואלטער קעסטיוס גאלוס איז געוואהר געווארען וועגען די געשעהענישען אין ירושלים, האט ער געשיקט אהין זיינעם א בעאמטען, דעם טריבון נעאפאליטאנוס, בכדי צו דערגעהן, ווי האלט עס מיט דער איבערגערודערטער הויפט-שטאדט. אונטערוועגס, ניט ווייט פון יבנה, האט נעאפאליטאנוס זיך צונויפגעטראפען מיט'ן קעניג אגריפס II, וואס איז געקומען צוריק פון אלכסנדריא, און אינאיינעם זענען זיי ווייטער גערייזט קיין ירושלים. דא האט דער מורשה פונ'ם פערוואלטער זיך איבערצייגט, אז די איינוואוינער זענען אויפגערעגט ניט אזוי קעגען דער רוימישער איבערהערשאפט בכלל, ווי קעגען דעם אכזריות'דיגען פלארוס'ן, און בערוהיגט דורכדעם, איז ער צוריק אוועק צו קעסטיוס גאלוס'ן.

אז דאס פאלק האט דערזעהן, אז מצד דעם רוימישען פערוואלטער קאן מען זיך אויף שוץ ניט ריכטען, איז עס צוגעשטאנען צום קעניג אגריפס מיט

דער פֿאָדערונג — ער זאָל שיקן אַ דעפּוטאַציע קיין רוים צום קיסר נירון, בכדי צו פּראָטעסטירן קעגן פֿלאָרוס'עס מטול'דיגע מעשים. הינטער די דאָזיגע אָנהענגער פֿון אַ לעגאַלן פּראָטעסט איז געשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס האָט אײַנגעזעהן אַ רעטונג בלויז אין אַן אָרגאַניזירטן אויפֿשטאַנד.

די דאָזיגע פּאַרטיי האָט דער רוימישער טריבון, וואָס קעסטיוס האָט געשיקט, געקאָנט ניט בעמערקן, אַגריפּס אָבער האָט געוואוכט איהר קראַפֿט און ווירקונג. אַגריפּס, וואָס איז געווען אַן אָנטערטעניגער וואַסאַל פֿון רוים און האָט געדערעכנט נירונען פֿאַר זײַן בעל־טובה, האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון צוציטשטעהן צו די פּראָטעסטאַנטען, מחמת ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט מען אין רוים קוקן אויף איהם, ווי אויף אַן אָנהענגער פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע. איהם, וואָס איז געווען אַרײַנגעטאָן ראשו ורובו אין דער רוימישער קולטור און אָבגעפֿרעמדט פֿון זײַן אייגענער נאַציע, זענען אויסגעקומען אומזיניג און געפֿעהרליך אַלע די דאָזיגע שטרעבונגען פֿון די פּאַטריאָטען צו פֿערטיידיגען דעם כּבוד און פֿרייהייט פֿון פֿאָטערלאַנד. ער האָט געקאָנט געבען דעם אויפֿגעבראַכטען פֿאָלק נאָר איין עצה: אַריבערטראָגן בהכנעה דעם יאָך פֿון דער גרויסער, אומבעזיגליכער רוים, און צופֿרידענשטעלן זיך מיט אָט דעם קליינעם ברעקיל פֿון אויטאָנאָמיע, וועלכע דער איבערהאַר אין זײַן ליטועליגקייט טוט שענקען דער אונטערטעניגער נאַציע. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט אַגריפּס אַרויסגעזאָגט אויף אַ פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, אין אַ לאַנגער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אויפֿ'ן פּלאַץ קסיסטוס, פֿאַר'ן פּאַלאַץ פֿון די חשמונאים[3].

דער זין פֿון אַגריפּס'ס שענע ווערטער איז געווען פֿאָלגענדער. מען מוז

---

[3]) ניט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע רעדעס, וואָס יוסיפֿוס פֿלאַוויוס האָט זיי אויסגעטראַכט פֿון זײַן קאָפּ, לויט'ן מנהג פֿון די דעמאָלטיגע היסטאָריקער־רעטאָרען, איז די דאָזיגע רעדע אַגריפּס'ס משמעות אַן אמת'ער פֿאַקט, און ניט בלויז אַן אויסגעטראַכטע מעשה. יוסף האָט געקאָנט, ווי זײַן עובֿדה איז שטענדיג, איבערגעבען די דאָזיגע רעדע אַזוי, אַז זי זאָל אויסדריקן זײַנע אייגענע פּאָליטישע אָנשויאונגען. אָבער אַז מען נעהמט אין בעטראַכט, אַז דער מחבר פֿון די „אידישע מלחמות" האָט געלעבט אין איין צייט מיט אַגריפּס II און איז געווען זײַן פּאָליטישער גענוגיס־הכּר, קאָן מען זײַן זיכער, אַז אויב ניט די פֿאָרם, איז אָבער דעם זין, דעם תּוך פֿון אַגריפּס'ס עפֿענטליכער רעדע האָט יוסף איבערגעגעבען לפֿי ערך געטריי. דעריבער האָט אויך דער הײַנטיגער היסטאָריקער, וואָס שטעהט אויף אַ וויסענשאַפֿטליכען יסוד, דאָס רעכט צו בענוצען דעם אַלגעמיינעם תּוכן פֿון דער דאָזיגער רעדע, בכדי צו כאַראַקטעריזירען די אָנשויאונגען פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי רודפֿי־שלום'ניקעס רוימערפֿרײַנד (מען בעדאַרף זיי ניט צונויפֿמישען מיט די רודפֿי־שלום'ניקעס־פּאַטריאָטען צווישען די מעסיגע פּרושים), וואָס איז געשטאַנען נאָהענט צו די הורדיאַנער און וואָס זייער מליץ־יושר איז שפּעטער נאָך זײַן „בגידה" געוואָרען יוסיפֿוס פֿלאַוויוס.

זיך בייגען פאר דער גרויסקייט פון רוים, וואס בעהערשט די וועלט; די אידישע נאציע, ווייבאלד אז זי האט אנגעוואוירען איהר זעלבשטענדיגקייט, מוז זיך צופרידענשטעלען מיט אזעלכער לאגע, וואס איז געדרונגען פונים דאזיגען אנווער; כאטש אומזיניג אויפצוהייבען די געוועהר קעגען איבערהאר, וואס עס איז ניט מעגליך איהם מנצח צו זיין, ובדאווקא קיין זין ניט אויפצוהייבען א מרידה קעגען דער הערשער מאכט אבער די אכזריות'דיגע מעשים פון דעם אדער יענעם פראקוראטאר, ווארום „די לאגע פון אונטערטעניגקייט איז פאר א נאציע שווער אריבערצוטראגען אפילו אונטער ווייכהארציגע פערוואלטער". אבער שטרעבען צו פאליטישער פרייהייט איז איצט צו שפעט; מען האט בעדארפט דערפאר קעמפפען פריהער, בשעת עס איז געקומען דער ערשטער רוימישער עראבערער פאמפיוס, נאר ווייבאלד אז מען האט זיך אונטערגעגעבען פרעמדע, בלייבט איבער מעהר ניט אריבערצוטראגען בהכנעה זייער ממשלה, אפילו ביי א שלעכטער פערוואלטונג. „קיין זאך שוואכט ניט אזוי דעם קלאפּ, ווי דער פערשטעהן איהם אריבערצוטראגען; די געדולד פון די בעליידיגטע מאכט ווייכער די הערצער פון די בעליידיגער".

„יא, און צי דען איז נאר יהודה אליין אונטערטעניג רוים? פאר איהר האבען איינגעבייגען די שטאלצע קאפּ די העלענען, „די איידעלסטע נאציע אויף דער ערד". די אייניקלעך פון די געביידעטע אטענער און פון די קריגערישע לאקעדעמאניער ציטערן פאר די ליקטארען־רוטלעך[4] פון די רוימישע קאנסולען. פינף הונדערט שטעדט פון אזיען צאהלען בעשיידען צינז דער בעהערשערין פון דער וועלט. די רוימישע גארניזאנען האלטען איין אין ארדנונג מיליאנען מענשען, וואס וואוינען אויף די ברעגען פון דאנוי, ריין און פון ים אוקינוס, הינטער די הערקולעס־זיילען, און מיטען די אלפּען און פירענעען־בערג, מענשען פון די קריגערישע שבטים טראקער, דאקער, איבעריער, גאליער, גערמאנען און בריטאניער. „מעהר ניט איהר אליין — רופט אויס אגריפּס, בעגייסטערט פון זיין רוימישען פּאטריאטיזם, — האלט פאר א בזיון זיך אונטערצוגעבען דעם יעניגען, וואס ביי זיינע פיס ליגט די גאנצע וועלט. נאר וואו איז אייער חיל, וואס פאר א געוועהר פליסט אייך איין אזא איינגלויביגקייט אין זיך? וואו איז אייער פלאט, וואס בעדארף פערנעהמען די רוימישע ימים?... גיט א קוק אויף די מויערן פון די בריטאניער, — איהר, וואס פערלאזט זיך אויף די מויערן פון ירושלים: די בריטאניער זענען ארומגערינגעלט פונים ים־אוקינוס און זיצען אויף א אינזעל, וואס איז ניט קלענער פון אונזער לאנד, — און פונדעסטוועגען, אז די רוימער

[4]) די בינטלעך רוטלעך, וואס אין זיי האט געשטעקט א האק (פאסצעס), האבען געדיענט אין רוים פאר א סימבאל פון דער רעגירענדער מאכט. די העכערע בעאמטע פלעגען זיין ארומגערינגעלט מיט א בעשטימטער צאהל ליקטארען, אדער בעדיענטע, וואס פלעגען טראגען פאר זיי די דאזיגע פאסצעס.

אַנען געקומען צו פֿאָדערן זיך, האָבן זיי זיי אונטערטעניג געמאַכט, און פֿיר לעגיאָנען היטען דעם דאָזיגען גרויסען אינזעל".

ווייטער האָט דער רעדנער בעוויזען, אַז די אָנהענגער פֿון דער מרידה קאָנען אויך ניט האָפֿען אויף גאָטס הילף אין דער מלחמה, וואָרום ווער, אויב ניט גאָט, האָט געגעבען די רוימער די ממשלה איבער דער וועלט? ווילענדיג ווירקען אויף דער פֿרומקייט פֿון זיינע צוהערער, האָט אַגריפּס זיי דערמאָנט, אַז בשעת דער מלחמה וועט זיי אויסקומען עובר צו זיין אויף אַ סך גאָטס געבאָטען, למשל, וועלען זיי מוזען זיך שלאָגען אום שבת.

„בכן, אויב ביי אייך איז ניטאָ קיין האָפֿענונג ניט אויף גאָט און ניט אויף מענשליכע הילף, הייסט עס, אַז איהר שטרעבט צו אַ זיכערן אונטערגאַנג. דעריבער איז פֿאַרוואָס זאָלט איהר ניט מיט אייערע אייגענע הענד טויטען אייערע ווייבער און קינדער און אונטערצינדען די הויפּט־שטאָדט? איהר וועלט, פֿערשטעהט זיך, געטאָן ווי משוגעים, נאָר דערפֿאַר וועלט איהר אויסגעמידען דעם בזיון פֿון פֿאַלען... וואָרום די רוימער, נאָכדעם ווי זיי וועלען אייך מנצח זיין, וועלען מאַכען צו אַש די הייליגע שטאָדט און אויסמעקען אייער זכר פֿון דער ערד. דער אונטערגאַנג וועט טרעפֿען ניט בלויז די היגע, נאָר אויך די פֿרעמדע אידען, וואָרום ס'איז ניטאָ קיין מדינה אויף דער ערד, וואו עס זאָל ניט לעבען אַ טייל פֿון אייער פֿאָלק: זיי אַלעמען וועט דער שונא פֿערטיליגען איבער אייער מרידה".

„האָט זשע רחמנות, — האָט דער אָראַטאָר געענדיגט פּאַטעטיש — אויב ניט אויף אייערע ווייבער און קינדער, איז לכל הפּחות אויף דער דאָזיגער מוטער פֿון אַלע שטעדט און אויפֿן הייליגען היכל! פֿערשוינט דעם דאָזיגען בית־המקדש מיט זיינע הייליגטימער! וואָרום אויך זיי וועלען די רוימישע זיגער ניט פֿערשוינען, נאָכדעם ווי איהר וועט זיי אָבצאָהלען מיט אונדאַנקבאַרקייט פֿאַר זייער פֿריהערדיגער גוטסקייט. איך רוף אָן פֿאַר עדות אייערע הייליגטימער און גאָטס הייליגע מלאכים און אונזער אַלעמענס געבאָרענלאַנד, אַז איך האָב גאָרנישט ניט הינטערגעלאָזט, וואָס איך האָב געקאָנט טון צוליעב אייער רעטונג. אויב איהר וועט איצט טון, ווי עס געהער צו זיין, דעמאָלט וועט איהר אינאיינעם מיט מיר געניסען אַלע וואוילטאָגען פֿון שלום. טאָמער זשע וועט איהר זיך אונטערגעבען דעם געפֿיהל פֿון כעס, דעמאָלט וועט איהר שוין מוזען אויסשטעהן די סכנה אָהן מיר!"

אַז דער קעניג האָט געענדיגט די דאָזיגע רעדע, האָט ער זיך פֿונאַנדער־געוויינט; ס'האָט געוויינט אויך זיין שוועסטער בערעניקע, וואָס איז געשטאַנען נעבען אים. דאָס פֿאָלק איז געווען גערירט. דער אינסטינקט פֿון זעלבסט־איינהיטונג האָט אויף אַ געוויסע צייט גובר געווען דעם געפֿיהל פֿון נאַציאָנאַלער ווערדע; די טענות פֿון פּראַקטישער פֿערשטאַנדיגקייט האָבען פֿערשטיקט די בע־גייסטערונג פֿון דער נאַציע, וואָס איז געווען גרייט אויפֿצושטעהן קעגען איהרע

אונטערדריקער. ס'האָבען זיך געהערט שטימען, אַז דאָס פאָלק וויל קעמפפען ניט מיט די רוימער, נאָר מיט פלאָרוס'ן.

דערויף האָט אַגריפפא געענטפערט: „אָבער איהר זייט דאָך שוין אויפגעשטאַנען קעגען די רוימער, וויבאַלד אַז איהר האָט ניט בעצאָהלט קיין צינז דעם קיסר און צעשטערט די גאַלעריעס פון דער פעסטונג אַנטאָניאַ. בכדי אָבצוּוואַרפען פון זיך די בעשולדיגונג און אַ מרידה, בעדאַרפט איהר תכף אויסבויען ווידער די גאַלעריעס און אַריינטראָגען די אָבצאָהלונגען". דאָס פאָלק האָט געפאָלגט דער ראָזיגער עצה און איז אויפגעצאַמט צוגעטראָטען צו בויען די גאַלעריעס, און די עלטסטע האָבען גיך צונויפגעקליבען דעם צינז פאַר'ן קיסר.

נאָר אַגריפפא'ן זענען ניט געווען געניג די הנחות, וואָס זענען שוין געמאַכט געוואָרען. ער האָט געפאָדערט ביי די ירושלמים נאָך ווייטערדיגע שריט — דאָס הייסט, אַז כאָטש צייטווייליג זאָלען זיי זיך אונטערגעבען פלאָרוס'עס ממשלה, ווייל ער איז דעם קיסר'ס פאָרשטעהער. נאָר הערענדיג האָט דער קעניג גלאַטיין איבערגעפיהרט דעם גאַנצען עפעקט פון זיין רעדע. ער האָט אָנגעריהרט דעם ווערטאָגדיגען אָרט פון'ם פאָלק'ס נשמה און האָט אַרויסגערופען אַן אַלגעמיינעם צאָרן-געשריי. אויף אַגריפפא'ן האָבען זיך אַ שאָט געטאָן זידלערייען און סטראַשונגען; מען האָט איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט געמאַכט יד-אחת מיט'ן פערדאַמטען פראָקוראַטאָר. לענגער צו בלייבען אין ירושלים איז געווען פאַר'ן קעניג אַ סכנה; דעריבער האָט ער פערלאָזט די אויפגערודערטע הויפט-שטאָדט און איז אַוועק אין זיין קעניגרייך.

איצט איז אויך פאַר אַ סך פון די, וואָס האָבען זיך געשאָקעלט אין דער דעה, קלאָר געוואָרען, אַז מען קאָן ניט אָבטיילען דעם פראָקוראַטאָר פון'ם קיסר, אַז די וואָרצלען פון'ם פאָלק'ס צרות ליגען טיעפער, אין דעם עצם פאַקט פון דער רוימישער איבערהערשאַפט. די רעוואָלוציאָנערע אידעע איז ווידער אַמאָל אַרויפגעשוואומען אויפ'ן אויבענאויף. צו דער פאַרטיי פון די מורדים אָדער „קנאים" איז אַריבער איינער פון די פאָרשטעהער פון דער העכסטער ירושלמ'ער אַריסטאָקראַטיע, דער יונגער אלעזר בן חנניה (ער איז אפשר געווען אַ זוהן פון'ם איבערגעמאָנטען אינטימפאַטישען כהן-גדול חנניה).

לויט אלעזר'ס פאָרשלאָג האָט די פאַרטיי קנאים אָנגענומען אַ חרובטע החלטה: אויפצוהערען צו ברענגען אין בית-המקדש די קרבנות לכבוד דעם רוימישען קיסר און בכלל ניט צו נעהמען מעהר קיין קרבנות פון ניט-אידען. דאָס איז געווען אַ שאַרפע דעמאָנסטראַציע קעגען דער רוימישער איבערהערשאַפט, אַ מין קריגס-ערקלערונג אין אַ טעאָקראַטישער פאָרם. אומזיסט האָבען די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט און די מעסיגע פרושים געפלייסט זיך איבערצורעדען די קנאים, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון דער החלטה, וואָס אין איהר איז בעהאַלטען די גרעסטע סכנה פאַר ירושלים און פאַר'ן בית-

המקדש. די רעוואָלוציאָנערען זענען בעשטאַנען אויף זייער בעשלוס, און מיט זיי האָבען מיטגעהאַלטען אַ סך פֿון די נידעריגע כהנים.

היות ווי די קנאים האָבען זיך ניט געלאָזט בויגען, האָט מען אין די ירושלמ'ער אָפֿיציעלע ספֿערען אָנגענומען אַ בעשלוס — אָנצוווענדען קראַפֿט, בכדי איינצושטילען רוה. די מעסיגע אָדער „רודפֿי־שלומ'ניקעס" פֿון דער גייסטליכער און וועלטליכער אַריסטאָקראַטיע האָבען געשיקט צו אַגריפּס'ן אַ דעפּוטאַציע מיט דער בקשה, ער זאָל שיקען אַ חיל קיין ירושלים. אַגריפּס האָט תּכף געשיקט 3000 ריימער פֿון עבר־הירדן, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון דאַריוס און פֿיליפּוס.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ טראַגישער בירגערקריג. די רודפֿי־שלומ'ניקעס מיט די קעניגליכע אָפּטיילונגען האָבען זיך בעפֿעסטיגט אין דער אויבערשטער שטאָדט, די קנאים האָבען פֿערנומען דעם הר־הבית און די אונטערשטע שטאָדט. צווישען ביידע „לאַגערן" האָט זיך אָנגעהויבען אַן ערבּיטערטער קאַמפּף; מען האָט אָהן אויפֿהער געשאָסען איינער אויף'ן אַנדערן, מען האָט געמאַלט אויס־פֿאַלען, מען האָט אָנגעווענדט שטאַרקע שליידער־מאַשינען. די מיליטערישע גע־ניטקייט איז געווען אויף'ן צד פֿונ'ם קעניגס רעגולערען מיליטער; נאָר די קנאים זענען געווען שטאַרקער פֿון זיי אין דעם פּרט, מחמת ביי זיי איז געווען יענע איבערגעגעבענע דרייסטקייט, וואָס נעהמט זיך פֿון פּאַטריאָטישער בעגייסטערונג. פֿינף־טעג האָבען די לעצטע ניט אַזוי גיך געקענט אויסהאַלטען, אָבער זייער פֿאַלט־סטייטען וואָלטען ניט געקאָנט אויסגעלאַזען אין דער אָפּעראַציע...

פֿינסטעמוועגען וואָלטען די לעצטע ניט אַזוי גיך גובר געווען, אויב זיי צו־הילף וואָלטען ניט געקומען אונגעריכטע פֿערבינדעטע.

די אויבערסטע טעראָריסטישע פֿראַקציע פֿון די קנאים, וואָס האָט גע־טראָגען דעם נאָמען „סיקאַריער", איז אין יענער צייט בעדייטענד שטאַרקער געוואָרען אין דער פּראָווינץ. אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿונ'ם קריגערישען מנחם'ן, יהודה הגלילי'ס לעצטען זוהן, האָבען די סיקאַריער זיך אַריינגעריסען אין דער דרומדיגער פֿעסטונג פֿון יהודה, מסדה, האָבען אַריסגעריבט דאָרט דעם רוימישען אַרסענאַל, זיך בעוואָפֿענט און זענען אַוועק קיין ירושלים.

די סיקאַריער האָט זיך איינגעגעבען זיך אַריינצולאַפּען אין שטאָדט אונ־בעמערקטערהייד, אינאיינעם מיט די עולי־רגל, וואָס זענען געקומען קיין ירושלים צום חג העצים (15 טעג אין אב, אין יאָהר 66). ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען, זענען זיי צוגעשטאַנען צו די קנאים פֿון אלעזר'ס פּאַרטיי און האָבען זיי גע־האָלפֿען איינצונעהמען די אויבערשטע שטאָדט[5]. די רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען

[5] אויב מען זאָל אויפֿמערקזאַם פֿונאַנדערקלייבען יוספֿוס פֿלאַוויוס'ס פֿערפּלאָנטערטע ערצעהלונג וועגען די דאָזיגע געשעהענישען (איד. מלחמות, II, 17, §§ 5–9), מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די געשעהענישען זענען פֿאָרגעקומען אין דעם סדר, ווי זיי ווערען דאָ ביי אונז געשילדערט אין ווייטערדיגען טעקסט. ביי יוספֿ'ן ווערט צוויי מאָל דערמאָנט וועגען דעם, אַז די סיקאַריער (אָדער לויט זיין טערמינאָלאָגיע — „רויבער") זענען

מנחם געשען, האבען אונטערגעצונדען אגריפס'ס און בערעניקע'ס פאלאצען, דעם כהן-גדול חנניה'ס הויז, און אויך דעם געביידע פונ'ם ארכיוו, וואו עס האבען זיך געפונען שטרי-חובות (וועקסלען), בכדי צו באפרייען ארימע בעלי-חובות פון צו בעצאהלען. הערנאך האבען די קנאים און סיקארייער איינגענומען און שטורם די פעסטונג אנטאניא און אויסגעהרגעט דעם רוימישען גארניזאן, וואס האט זיך דארט געפונען.

אגריפס'ס סאלדאטען און די איבעריגע רוימישע סאלדאטען (די קאהארטע, וואס איז געבליבען אין ירושלים) האבען זיך בעפעסטיגט אין הורדוס'עס פאלאץ און אין די דריי טורעמס, וואס ארום אידם: היפיקוס, פזאל און מרים. דא האבען זיי די מורדים בעלעגערט; די סאלדאטען האבען געשאסען פון אויבען און האבען זיך פערצווייפעלט פערטיידיגט. נאר נאך א בעלעגערונג פון דריי וואכען האבען זיי זיך פארט געמוזט אונטערגעבען. פריהער האבען קאפיטולירט אגריפס'ס סאלדאטען, וואס די קנאים האבען געלאזט זיי פריי אבציהען, און נאך א קורצען קוויינקלען זיך האט זיך אויך אונטערגעגעבען די רוימישע קאהארטע, וואס איז געשטאנען אונטער דער קאמאנדע פון מ ע ט י ל י ו ס. מיט איהר זענען די מורדים זיך בעגאנגען ערגער: ווי נאר די רוימער האבען אנידערגעלעגט די געוועהר, האבען די ערביטערטע אידען זיך א לאז געטאן אויף זיי און אויסגעהרגעט אלעמען, חוץ זייער קאמאנדיר מעטיליוס, וואס האט זיך געבעטען ביי זיי, זיי זאלען אידם שענקען דאס לעבען, און האט צוגעזאגט דערפאר אנצונעהמען די אידישע אמונה (אין חודש אלול אין יאהר 66).

אויף אזא אופן איז ירושלים איבערגעגאנגען פון רוימישען מי-ליטער, און די פארטיי פון די מורדים האט אפגעהאלטען א פולקאמען נצחון איבער די אריסטאקראטען רודפי-שלום'ניקעס. נאר דעמאלט האט זיך פונאנ-דערגעפלאקערט א קאמפף אין די רייהען פון די מורדים גופא. די סיקארייער, וואס זענען אנגעקומען מיט מנחם'ן, האבען זיך ערלויבט אבצוטון פערשיידענע עולות. צווישען אנדערע זאכען, האבען זיי אויך הערגעהרגעט דעם געוועזענעם כהן-גדול חנניה און זיין ברודער חזקיה, וואס זענען געווען צווישען די אנפיהרער

אנגעקומען, צוזאמען מיט מנחם'ן און מיט אידם (אין די §§ 6 און 8), און צווייטען מאל ווערט דערמאנט די מעשה וועגען דער טויטונג פונ'ם כהן-גדול חנניה, פאר מנחם'ס קומען, און שפעטער (§§ 6 און 9). דאס, וואס אינ'ם לעצטען פונקט האבען מיר צו טון מיט א י י ן פאקט, גיט א פולקאמען סמך משער צו זיין, אז בנוגע צום ערשטען פונקט איז ביידעס איינס, און נאך מעהר דערפאר, ווייל אלע די דאזיגע געשעהענישען האבען זיך געצויגען איננאנצען אנ'ערך א חודש צייט. די פריהערדיגע היסטאריקער האבען אדער, ווי ש י ר ע ר, אינגאנצען נים דערמאנט די גאנצע מעשה מיט די סיקארייער און מנחם'ן, אדער, ווי ג ר ע ץ און ו ע ל ה ו י ז ע ן, איבערגעלאזען מעהר אדער ווייניגער די פלאנטערניש פונ'ם ערשטען מקור, אהן צו פרובען זיך פונאנדערצוקלייבען דערין.

פֿון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטײ. חוץ דעם האָט מנחם אָנגעהויבן אַרויסצו־ווײַזן אַ חשק צו ווערן אַ דיקטאַטאָר.

די קנאים פֿון אלעזרס פּאַרטײ האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע פֿאַר־בינדעטע, וואָס קלײַבן זיך ניט פֿונאַנדער אין די מיטלען, קאָנען אַרויפֿציהען אַ שלעכטן שם אויפֿן גאַנצן אויפֿשטאַנד. אלעזר האָט ערקלערט, אַז עס איז ניט געווען כדאי צו קעמפֿן קעגן ווילדווילען פֿון די רוימער, בכדי אים צו פֿאַרבײַטן דורכן ווילדווילען פֿון די טעראָריסטען. צו די קנאים זענען אויך צוגעשטאַנען אַ סך פֿון די „מעסיגע“. בכן זענען די קנאים אין בית־המקדש אָנגעפֿאַלן אויף מנחם און אויף זײַנע מענשן. די סיקאַריער האָבן זיך געלאָזט לויפֿן; אַ סך זענען דערהרגעט געוואָרן, און די איבעריגע זענען אַנטלאָפֿן געוואָרן קיין מצדה. מנחם האָט זיך באַהאַלטן אין עופל (נאָם איז דער טייל שטאָדט, וואָס ליגט אין דרום־זײַט פֿון בית־המקדש), נאָר מען האָט אים געפֿונען און געטייט. בכן האָבן די קנאים פֿון אלעזרס פּאַרטײ זיך דערשלאָגן צו הערשאַפֿט אין ירושלים.

דער פֿעלקער־קאַמפּף אין פּאַלעסטינע, סיריען און עגיפּטען.

§ 127. די פֿאָהן פֿון אויפֿשטאַנד, וואָס איז אויפֿגעהויבן געוואָרן אין ירושלים, האָט געגעבן אַ סיגנאַל צו בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען אידען און הײדען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אומעטום. דער אויפֿשטאַנד פֿון די אידען קעגען רוים איז געווען דער סימבאָל פֿונם קאַמפּף צווישען יהדות און הײדענטום, פֿונם קאַמפּף צווישען דער אידישער קולטור און דער גריכיש־רוימישער. די אידישע נאַציע האָט אַזוי ווי אָנגעזאָגט אַ קאַמפּף ניט נאָר איהר איבערהאַר, נאָר אויך דער גאַנצער הערשאַלטיגער קולטור־וועלט, וואָס זי האָט זיך שאַרף אָפּגעשיידט פֿון איהר דורך איהר גאַנצען גײַסטיגען בוי. ס׳איז שטאַרקער געוואָרן די אַלטע פֿײַנדשאַפֿט צווישען יהדות און הײדענטום, און צוגלײַך דערמיט האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אויך די ווילדע אינסטינקטען פֿון ראַסען־פֿײַנדשאַפֿט, וואָס אין אַ סך ערטער זענען זיי נאָך פֿאַרפֿלאָנטערט געוואָרן דורך עקאָנאָמישער און בירגערליכער קאָנקורענץ.

דעם ערשטען בײַשפּיעל האָט געגעבן קיסריה, וואוהין עס איז אַנטרינען געוואָרן פֿון דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט אין ירושלים, דער פּראָקוראַטאָר פֿלאָרוס, וואָס איז געווען פּונקט אַזאַ פּחדן, ווי אַן אכזר. די לײַדענשאַפֿטען, וואָס זענען נאָך געווען אויפֿגערעגט דורך דעם צוזאַמענשטויס צווישען די אידען און די גריכען־סיריער, וואָס איז ניט לאַנג פֿאָרגעקומען (§ 125), האָבן זיך נאָך מעהר פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט, דאַנק דער אָפֿענער אונטערשטיצונג, וואָס פֿלאָרוס האָט אַרויסגעוויזען די אידענפֿײַנד.

בשעת די הײדען פֿון קיסריה האָבן זיך דערוואוסט וועגען דעם, אַז די רוימער זענען אויסגעהרג׳עט געוואָרען אין ירושלים, האָבען זיי באַשלאָסען, אַז זיי קאָנען אונבעשטראָפֿט פֿאַרטיליגען זייערע אידישע מיטבירגער. הורטעם,

װאָס זײ װעלן אַרױסשטעלן זײער מלוכה־פּאַטריאָטיזם. אין בכן האָבן זײ אָפּגעטאָן אַ מעשה נורא: מיט דער הילף פֿון פֿלאָרוסעס סאָלדאַטן האָבן זײ צעראַבירט און פֿאַרטיליקט די גאַנצע אָרטיקע אידישע געמײנדע. טױזנטער אידן זענען אױסגעהרג׳עט געװאָרן, און די אַנטלאָפֿענע האָט פֿלאָרוס געלאָזט כאַפּן און אָפּשיקן אױף צװאַנגסאַרבײטן אױף די שיפֿן. אין קיסריה איז ניט געבליבן קײן אײן איד.

די דאָזיקע אומגעהערטע שחיטה האָט אױפֿגעהױבן אַ מהומה אין אַלע שטעדט, װוּ עס איז געװען אַ געמישטע אידישע און גריכישע באַפֿעלקערונג. דער גרימצאָרן פֿון די אידן, װאָס זענען אין זײער אײגן לאַנד אױסגעהרג׳עט געװאָרן דורך פֿרעמדע, האָט קײן גרענעצן ניט געהאַט. אומעטום זענען אױפֿגעשטאַנען די אידישע מאַסן און האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פֿרײַע אָפּטײלונגען כּדי צו פֿאַרטיליקן די הײדן. אין די שטעדט בײַם ירדן, װי גדרה, איפּאָס, פּעלאַ (פֿון דער אַזױ אָנגערופֿענער „דעקאַפּאָליס"), און אױך אין עטליכע שטעדט בײַם ברעג ים האָבן די אידן צעשטערט און פֿאַרברענט די הײַזער און אױסגעהרג׳עט די אײַנװאױנער.

נאָר אױך די סיריער זענען זיך באַגאַנגען מיט אידן פּונקט אױפֿן זעלבן אופֿן, דאָרט װוּ די לעצטע זענען געװען אַ מיעוט. ס׳פֿלעגן טרעפֿן אַמאָל, אַז אין אײן און די זעלביקע שטעדט (גדרה, אשקלון, עכו און אַנד.) האָבן פֿריער געמאַכט אַ פּאָגראָם די אידן און דערנאָך די סיריער, אָדער פֿאַרקערט.

גאַנץ פּאַלעסטינע איז געװען אַרומגענומען פֿון דער שׂרפֿה פֿון אַ פֿעלקער־קאַמף. „איטליכע שטאָט איז געװען צעטײלט אױף צװײ פֿײַנטליכע לאַגערן, איטליכער טײל פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט געזוכט רעטונג פֿאַר זיך אױפֿ׳ם אַנדערנס אונטערגאַנג. די טעג פֿלעגן פֿאַרבײַגײען אין בלוטיקע שלאַכטן, און די נעכט האָבן אײַנגעפֿלײסט נאָך אַ גרעסערן שרעק".

אין דער שטאָט סקיטאָפּאָליס (בית־שאָן) זענען די אידן געװען אַװעקגעשטעלט אין אַזאַ טראַגישע לאַגע, אַז זײ האָבן געמוזט קעמפֿן קעגן זײערע אײגענע ברידער. די אָרטיקע הײדן האָבן צוגעזאָגט ניט אָנצורירן די פֿרידליכע אידישע מיטבירגער בתנאי, אַז די לעצטע זאָלן זײ העלפֿן, טאָמער װעלן אָנפֿאַלן אױפֿן שטאָט די װאַנדערנדע אידישע אָפּטײלונגען. די אידן האָבן ערלעך אָפּגעהיט דעם דאָזיקן אָפּמאַך, און װי שװער דאָס איז זײ ניט געװען, האָבן זײ געקעמפֿט קעגן זײערע ברידער, װאָס האָבן געװאָלט זײ באַפֿרײַען פֿון געפֿערליכע שכנים. אױפֿ׳ם דאָזיקן געשלעג האָט אַרױסגעװיזן אַ באַזונדערע גבורה אײן אײַנװאױנער פֿון בית־שאָן, אַ געװיסער שמעון בן שאול.

אָבער װי נאָר די פֿײַנט זענען אַװעק, האָבן די הײדן פֿון בית־שאָן אָפּגעטאָן אַ מטורפֿדיקע פֿאַלשקײט: זײ האָבן פֿאַרײַנגעאַרט זײערע אידישע

מיטבירגער אין אַ וועלדיל הינ'ן שטאָדט און האָבען זיי אַלעמען דאָרט אויסגעהרג'עט. דער גבור, שמעון, האָט ניט דערלאָזט דערצו, אַז די פיינד זאָלען אים טייטען, נאָר פריהער האָט ער דערהרג'עט די מיטגלידער פון זיין משפחה און דערנאָך האָט ער זיך אַליין דערשטאָכען. פאַר'ן טויט האָט ער הויך אויפ'ן קול אַרויסגעזאָגט, אַז ער האָט חרטה דערויף, וואָס ער האָט זיך פאַרבונדען מיט די היידען און אויפגעהויבען זיין שווערד קעגען זיינע פאָלקס-ברידער.

דער דאָזיגער פעלקער-קאַמף האָט געהאַט אַ דייטליכע רעליגיעזע פאַר-בינג. אין דער זעלביגער צייט, וואָס די היידען האָבען פערטיליגט זייערע אידישע שכנים, האָבען זיי אויך געקוקט מיט חשד אויף די יעניגע צווישען זייערע אייגענע פאָלקסברידער, וואָס האָבען געהאַט אָנגענומען די אידישע אמונה אָדער וואָס האָבען געפיהלט אַ נטיה צו איהר. (אויף גריכיש האָבען געהייסען „יודאַי-זאַנטען“ די, וואָס האָבען אָנערקענט אָדער די אמת'ע יהדות אָדער דעם קריסטענטום, וואָס איז ענטשטאַנען מיט אַ קורצער צייט פריהער).

אין דמשק האָט די גרופּע היידען, וואָס האָט פערטראַכט דעם פּלאַן צו פערטיליגען די אידען, געהאַלטען דאָס שטרענג בסוד פאַר זייערע פרויען, וואָס זענען כמעט אַלע געווען איבערגעגעבען דער אידישער רעליגיע. דעריבער האָבען זיי געמאַכט אַנ'אויסרייד, אַז זיי לאַדען איין די אידען אויף אַ פאָלקספערזאַמלונג, האָבען זיי צונויפגעקליבען אויף אַ פּלאַץ פאַר גימנאַסטיק און האָבען אַלעמען אויסגעהרג'עט דאָרט.

די ידיעות וועגען די געשעהענישען אין פּאַלעסטינע און סוריען האָבען אַרויסגערופען אַנ'אויפרעגונג אין אַלטען נעסט פון אַנטיסעמיטיזם — אין אלכסנדריא של מצרים. די אידענפיינד אין אלכסנדריא האָבען ניט געקאָנט רוהיג צוקוקען, וואָס נאָכ'ן פּאָגראָם, וואָס זיי האָבען געמאַכט, האָט דער קיסר קלודיוס צוריקגעגעבען די אידען די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג און אויטאָנאָמיע (§ 116). אין נירונס צייט האָבען זיי בעשלאָסען ווידער צו בענייען זייער אַגיטאַציע, און דער איצטיגער מאָמענט האָט זיך זיי אויסגעדוכט פאַר זעהר פּאַסיג. פונקט אַזוי ווי פריהער האָבען די גריכען פון אלכסנדריא אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס קאַליגולאַ האָט געוואָרפען אַנ'אומ'חן אויף די אידען, — אַזוי האָבען זיי געאיילט זיך אויסצונוצען צוליעב זייערע צוועקען נירונס שנאה צו די אויפגעשטאַנענע ירושלמים.

די גריכען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין אַמפיטעאַטער, בכדי אויסצוקלייבען אַ דעפּוטאַציע, וואָס זאָל אַוועק אין רויִם און זיך משתדל זיין פאַר נירו'נען, ער זאָל אָבשאַפען די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פון די אידען. אין אַמפיטעאַטער האָט זיך אויך געראַט צונויפגעקליבען אַ גרופּע אידען, וואָס האָבען געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ החלטה די פערזאַמלונג וועט אָננעהמען. אַז די גריכען האָבען זיי דערזעהן, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ געשריי: „פיינד.

שפּיאָנען!" — און האָבן אָנגעהויבן איבערגעוואַלד די אַרויסשלעפּן און שלאָגן. נאָר אַ גרויסער המון אידן איז דאָס געוואָהר געוואָרן, האָט זיך געלאָזט לויפֿן צום אַמפּיטעאַטער, האָט אָנגעהויבן וואַרפֿן מיט שטיינער אויף די גריכן און סמראַשען אונטערצינדן דעם גאַנצן בנין פֿון אַמפּיטעאַטער.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פּרעפֿעקט אָדער פֿערוואַלטער פֿון שטאָדט, דער געוועזענער אידישער פּראָקוראַטאָר טיבעריוס־אַלכּסנדר, וועלכער האָט געפֿאָדערט פֿון די אידן, די זאָלן זיך פֿונאַנדערגעהן. די אידן, וואָס האָבן פֿיינט געהאַט דעם פּרעפֿעקט דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך געשמד'ט (§ 120), האָבן אים באַגעגנט מיט זידלערייען און זלזולים. דעמאָלט האָט טיבעריוס־אַלכּסנדר אַרויסגעשיקט צוויי רוימישע לעגיאָנען קעגן דעם אידישן קוואַרטאַל, דעלטא, און האָט געהייסן אים צעראַבירען. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען נאָך שרעקליכער, איידער נאָך דער הריגה פֿון קיסריה. די צאָהל פֿון די דערהרג'עטע אידן ווערט באַשטימט דורך אַן אַנגלויבליכע ציפֿער (50 טויזענד, אויב מ'זאָל גלייבן יוסיפֿוס פֿלאַוויוס); דער אונגעהייער גרויסער קוואַרטאַל, וואָס האָט פֿערנומען אַ שטח פֿון אַ גאַנצער שטאָדט, איז צעשטערט געוואָרן. די אידן האָבן פֿערצווייפֿעלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און האָבן פֿון זייער זייט געטויט גריכן און רוימער, נאָר קעגן אַ רעגולערען חיל האָבן זיי ניט געקאָנט באַשטעהן.

דער נצחון איבער קעסטיוס גאַלוס.

§ 128. היות ווי אין ירושלים איז אָפֿען אַרויסגעטראָטען די מרידה און אומעטום אין לאַנד האָט געהערשט אַנאַרכיע, דעריבער האָט דער סירישער איבערפֿערוואַלטער קעסטיוס גאַלוס געהאַלטען פֿאַר נויטיג אַליין אַרויסצוטרעטען אין קריג, כּדי איינצושטילען די מרידה. אין פֿריהער האַרבסט־צייט פֿון יאָהר 66 האָט ער זיך געלאָזט געהן פֿון אַנטיוכיא בראש פֿון אַ חיל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איין גאַנצען לעגיאָן, עטליכע טיילען פֿון אַנדערע לעגיאָנען און הילפֿס־אַבטיילונגען, וואָס עס האָבן צוגעשטעלט די אָבהענגיגע מלכים, צווישען דעם אויך אַגריפּס II. אַגריפּס גופֿא האָט באַגלייט קעסטיוס'ן אין'ם דאָזיגען קריגס־צוג, וואָס זיין ציעל איז געווען חרוב צו מאַכען דאָס לאַנד יהודה.

צוערשט האָט קעסטיוס זיך אָבגעשטעלט אין עכּו און האָט אָנגעהויבען צו פֿערוויסטען די אַרומיגע געגענדען פֿון צפֿון־גליל. דערנאָך איז ער אַוועק קיין קיסריה און פֿון דאָרט האָט ער געשיקט אַן אַבטיילונג מיליטער קיין יפֿו. די סאָלדאַטען האָבען דאָרט אויסגעהרג'עט אַלע אידען מיט זייערע משפּחות, פֿערברענט די הייזער, צעראַבירט דאָס האָב־און־גוטס. באַלד האָט קעסטיוס'ס הויפּט־אַרמעע זיך געלאָזט געהן קיין ירושלים. אין דער שטאָדט לוד, אונטערוועגס יפֿו און ירושלים, האָבען די רוימער געפֿונען נאָר פֿופֿציג אידען, ווייל די איינוואוינער זענען געוועזן אויף סכּות אַוועקגעפֿאָהרען קיין ירושלים. קעסטיוס'ס חיל

האָט פֿאַרטיליגט די רעשט פֿון די אײנװאױנער און פֿאַרברענט די שטאָדט, און דערנאָך האָט ער אױפֿגעשלאָגן זײַן לאַגער בײַ גבֿעה, װאָס געפֿינט זיך אין אַ מהלך פֿון 50 סטאַדיעס פֿון ירושלים.

אַז די ירושלמער קנאים האָבן זיך דערװוּסט, אַז דער שׂונא איז אָנגעקומען, האָבן זײ מיטגעצױגן מיט זיך אַ גאַנצע מאַסע פֿון פֿאָלק, װעלכע האָסטיק און מיט גרױס אימפעט אַרױס פֿון שטאָדט און מיט קריגערישע געשרײען האָבן זײ זיך געלאָזט געהן קעגן די רױמער. דער דאָזיגער פּלוצלינגדיגער אָנפֿאַל האָט אינגאַנצן צעטומלט די רױמער. עטליכע הונדערט מענשן פֿון זײ זענען געפֿאַלן הירכ׳ן שװערד פֿון די אידן, און דער צײַט װאָס די לעצטע האָבן געהאַט בלױז אַנאײנבעדײַטענדיגן אָנװערר.

די זיגער האָבן פֿינאַנדערגעשטעלט שׂומרים בײַ די שמאָלע דורכגאַנגען אױפֿ׳ן װעג, כּדי ניט צודערלאָזן דעם פֿײַנד געהן װײַטער. דער קעניג אַגריפּס האָט געפּרובט אײַנצורעדן די ירושלמים דורך שלוחים, זײ זאָלן אַנידערלײגן זײערע געװער, און דערפֿאַר האָט ער זײ צוגעזאָגט און קעסטיוס׳ס נאָמען, אַז ער װעט מוחל זײַן די מורדים. נאָר די קנאים זענען שטאַרק אױפֿגעבראַכט געװאָרן איבער׳ן דאָזיגן פֿאָרשלאָג און האָבן אײנעם פֿון די שלוחים דערהרגעט און דעם אַנדערן פֿאַרװוּנדעט.

נאָר אין גיכן האָט קעסטיוס צונױפֿגעקליבן זײַנע קרעפֿטן, האָט דורכגעריסן די קײט פֿון די אידישע שׂומרים און איז דערגאַנגען ביז ירושלים. די רױמער האָבן אױפֿגעשלאָגן אַ לאַגער אױפֿ׳ן באַרג סקאָפּאָס (הר הצופֿים), װאָס געפֿינט זיך אַ מהלך פֿון זיבן סטאַדיעס פֿון שטאָדט. פֿון דאָרט האָבן זײ געמאַכט אַנאײנגעגעבענעם אָנפֿאַל אױפֿ׳ן פֿאָרשטאָדט ביצית א, װעלכע צוגעטראָטן צו דער אױבערשטער שטאָדט און האָבן זיך אָבגעשטעלט פֿאַר הורדוס׳עס פּאַלאַץ. קעסטיוס האָט אױך אָנגעהױבן צו מאַכן אָנפֿאַלן אױף די אידן, װאָס האָבן זיך געהאַט באַפֿעסטיגט אױפֿ׳ן הר-הבית און אין צענטער פֿון ירושלים, װאָס האָט זיך געגרעניצט מיט אים.

די רודפֿי-שלומניקעס פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, װאָס האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר׳ן אָנפֿאַל, האָבן, לױט דער עצה פֿון אַ געװיסן חנני׳ן, שױן געװאָלט עפֿענען די רױמער די טױערן; נאָר די קנאים האָבן דער׳ין אײַנגעזעהן אַ בגידה און האָבן חנני׳ן מיט נאָך עטליכע זײַנע חבֿרים אַראָבגעװאָרפֿן פֿון מױער. דאָס פֿאָלק האָט מיט אַ ניט-געװעהנליכן מוט צוריקגעשלאָגן די אָנפֿאַלן פֿון די רױמישע סאָלדאַטן און האָט געשאָכטן אױף זײ פֿון די גאַלערײען פֿון בית-המקדש אַראָב.

דעה רױמישער קריגס-אָנפֿירער האָט זיך איבערצײַגט, אַז מיט זײַן לפֿי ערך קלײנעם חיל װעט ער ניט קאָנען אײַננעהמען אַזאַ ערשטקלאַסיגע פֿעסטונג, װי ירושלים. חוץ דעם האָט געגעהנט דער װינטער, כ׳איז שװערער געװאָרן צו צופֿירן פּראָװיאַנט, און מען האָט געקאָנט מורא האָבן, אַז די מורדים פֿון

דער פּראָווינץ וועלען אָנפֿאַלען פֿון הינטען אויפֿן רוימישען חיל. דאָס זענען געווען מסתמא די סבֿות, פֿאַרוואָס קעסטיוס האָט אָנגענומען די „פּלוצלינגדיגע החלטה" אָפּצוטרעטען פֿון ירושלים. בײַנאַכט האָט ער פֿערלאָזען די שטאָדט, און אויפֿן אַנדערן טאָג אין דערפֿריה האָבען די רוימער אויפֿגעהויבען זייער לאַגער אויפֿן סקאָפּאָס און האָבען גענומען געשווינד אָפּטרעטען.

דער מוט פֿון די אידען איז אויפֿגעוואַכט אין צווייען, בשעת זיי האָבען דערזעהן, אַז דער שונא טרעט אָפּ. זיי האָבען זיך געלאָזט איהם נאָכיאָגען און האָבען אָהן אַנאויפֿהער פֿערטיליגט זיין אַריערגאַרד. אין די שמאָלע דורכגאַנגען צווישען די בערג זענען די שווער־באַוואָפֿענטע רוימער געגאַנגען אונטער אַ האָגעל פֿון פֿײַלען און שטיינער, וואָס די גרינגע אידישע אָבטיילונגען האָבען אויף זיי געשליידערט. באַזונדערס געפֿערליך איז געווען די לאַגע פֿון די רוימער אויפֿן שמאָלען בערג־וועגיל ביי בית־חורון. דאָ איז קעסטיוס'ס חיל אַרומגע־רינגעלט געוואָרען פֿון אַלע זייטען דורך די אידען, און „ס'האָט קיין כח ניט אויסגעפֿעהלט הערצו, אַז ער זאָל ווערען אינגאַנצען פֿערטיליגט". געראַטעוועט די רוימישע אַרמעע האָט דאָס, וואָס עס איז געוואָרען נאַכט, און מחמת דעם האָט די שלאַכט געמוזט אויפֿהערען.

אויפֿן אַנדערען מאָרגען האָבען די אידען דערזעהן, אַז קעסטיוס און זיין חיל זענען אַנטלאָפֿען און האָבען איבערגעלאָזט אין לאַגער בלויז עטליכע הונדערט מאַן. נאָכדעם, ווי זיי האָבען אויסגעהרגעט די איבערגעבליבענע, האָבען זיי זיך געלאָזט נאָכיאָגען קעסטיוס'ן, נאָר יענער איז געגאַנגען זעהר געשווינד און האָט געהייסען די סאָלדאַטען אַוועקוואַרפֿען אונטערוועגס אַלע שווערע שטיקער געוועהר, כדי צו פֿערגרינגערן דעם אַנטלויפֿען. די אידען האָבען איהם נאָכגעיאָגט ביז אַנטיפּטרים, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז עס איז אוממעגליך צו דעריאָגען דעם שונא, האָבען זיי צונויפֿגעקליבען אַלע באַלאַגערונגס־ און שלײַדער־מאַשינען, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפֿען (און וואָס זענען זיי שפּעטער געקומען צו־נוץ ביי דער פֿערטיידיגונג פֿון ירושלים) און זענען אַוועק צוריק אַהיים.

מיט זיגעס־לידער האָבען די מוטיגע אידישע אָבטיילונגען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים (אין נאָוועמבער 66). דאָס פֿאָלק איז געווען מלא שמחה. די ערשטע שריט פֿון דער רעוואָלוציע זענען געווען איינגעגעבענע, די קנאים האָבען מנצח געווען. און די נאַציע האָט אָנגעהויבען זיך ענערגיש צו גרייטען צו דער ענטשיידענער מלחמה פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿונ'ם געבאָרענלאַנד.

ש. דובנאוו

פערטער קאפיטעל.

די גרויסע נאציאנאלע מלחמה און דער חורבן פון דער אידישער מלוכה (66—73).

די רעגירונג פון דער פאלקס-פערטיידיגונג. — יוסף אין גליל און יוחנן פון גוש-חלב. — די מלחמה אין גליל; יודפת ווערט איינגענומען. — די עראבערונג פון גליל. — בירגער-קריג אין ירושלים און דער פאל פון דער אריסטאקראטישער רעגירונג. — אנארכיע אין רוים און אין יהודה. — ירושלים ערב דער בעלאגערונג. — די בעלאגערונג און דער שטורם פון די אויסערן מויערן. — דער המשך פון דער פערטיידיגונג, הונגער און פאל פון שלאס אנטאניא. — די פערברענונג פונ'ם בית-המקדש. — די איינעהמונג פון דער אויבערשטער שטאדט און די צעשטערונג פון ירושלים. — דער טריאומף פון די זיגער. — דער פאל פון די לעצטע פעסטונגען.

די רעגירונג פון דער פאלקס-פערטיידיגונג.

§ 129. דער פועל-יוצא פונ'ם נצחון איבער קעסטיוס גאלוס איז געווען דאס, וואס צייטווייליג איז אפגעשאפט געווארען די רוימישע ממשלה אין יהודה. ס'איז ניט געווען מעהר קיין רוימישער גארניזאן אין ירושלים, דער רוימישער אויבער-קאמאנדיר צעקלאפט, און דער שרעקליכער פראקוראטאר פלארוס איז ערגיץ פערשוואונדען, דער רעוואלוציאנער-שטורם האט איהם אוועקגעשווינקט. דער חיל, וואס מען האט געהאלטען, אז מען קאן איהם ניט מנצח זיין, איז בעזיגט געווארען; דער איינגעפעסטעטער יאך איז צעבראכען געווארען, כאטשבי אויף איין אויגענבליק. דער דאזיגער ערשטער ערפאלג פון דער מרידה האט געמאכט א מוראדיגען איינדרוק אויף אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט. אויף א קורצער צייט האט ער געשאפען שלום צווישען די קנאים און דער פארטיי פון די „מעסיגע", וואס זענען פריהער געווען קעגען אנ'אקטיווען קאמפף מיט די רוימער.

אודאי האבען די אידישע פאטריאטען פערשטאנען, אז דאס איז נאר דער אנהויב פון קאמפף, אז אנשטאט דעם איין צעקלאפטען לעגיאן קיסטיוס וועלען קומען צעהנדליגע נייע לעגיאנען און אז די אנגעהויבענע מלחמה וועט פאדערן נאך אומצעהליגע קרבנות. נאר דא איז געקומען צו הילף דער פאליטישער התלהבות די רעליגיעזע בעגייסטערונג. אודאי איז רוים ניט אין א'ערך שטארקער פאר יהודה, נאר דער אידישער גאט איז דאך שטארקער פאר רוים. אויב ס'איז פארהאן אנאייביגער ישר אויף דער וועלט, וואס די אלטע נביאים האבען אים

פֿאַראױסגעזאָגט, קאָן ער גראָדע איצט קומען צו הערשאַפֿט. די נבֿואה, אַז גאָטס פֿאָלק זאָל אױסגעלײזט װערען פֿונ'ם פֿרעמדען יאָך, מוז, מקױם װערען, װאָרום ס'איז שױן ניט מעהר מעגליך געװען אַריבערצוטראָגען דעם דאָזיגען יאָך, און דער פֿערלאַנג נאָך פֿרײַהײט איז געװאָרען אַ נױטװענדיגע בעדערפֿעניש. און אין דער אמת'ען, צי דען קאָן מען ניט זעהן אינ'ם אָקאָרשט אָבגעהאַלטענעם נצחון אַנ'אצבע־אלהים? צי בעדײַט דען דאָס ניט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ װענד־פּונקט אינ'ם גורל פֿונ'ם אױסדערװעהלטען פֿאָלק?

אױפֿ'ן דאָזיגען יסוד פֿון פּאָליטישער און רעליגיעזער התלהבֿות זענען זיך צונױפֿגעגאַנגען די פֿערשידענסטע עלעמענטען פֿון דער געזעלשאַפֿט. ס'זענען געװען אױך אַזעלכע, װאָס זענען צוגעשטאַנען צו דער רעװאָלוציאָנערער בעװעגונג נאָר דערפֿאַר, װאָס זי האָט אינ'ם איצטיגען מאָמענט געהערשט. אַ סך פֿון די „רודפֿי־שלומ'ניקעס" אָדער אָנהענגער פֿון אַ „פּאַסיװען װידערשטאַנד" זענען דורכ'ן כח פֿון די געשעהענישען אַרײַנגעצױגען געװאָרען אין די רײהען פֿון די אַקטיװע קעמפֿער פֿאַר דער אומאָבהענגיגקײט — און אַפֿילו אין די ערשטע רײהען. אין דער צײַטװײַליגער רעגירונג, װאָס איז געבילדעט געװאָרען אין ירושלים נאָך די ערשטע ערפֿאָלגען פֿון דער רעװאָלוציע, זענען אַרײַן די פֿאָרשטעהער פֿון די כהנים אין בית־המקדש און פֿון דער הױפּט־שטאָדטישער אַריסטאָקראַטיע און „פֿערשטאַנדיגע" פּרושים. דער סנהדרין פֿון די פּרושים, װאָס בראש פֿון איהם איז דעמאָלט געשטאַנען ר' שמעון בן גמליאל, הלל'ס אײניקעל, האָט צוריק בעקומען זײַן פֿריהערדיגע פּאָליטישע מאַכט.

די הױפּט־אױפֿגאַבע פֿון דער נײַער רעגירונג איז בעשטאַנען דערין, װאָס זי האָט בעדאַרפֿט אָרגאַניזירען דעם נאַציאָנאַלען שוץ, מחמת מען האָט זיך געריכט אױף אָנפֿאַל מצד די רױמער. אַ פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, װאָס איז צונױפֿגערופֿען געװאָרען אין בית־המקדש, האָט אױסגעקליבען די פֿאָרשטעהער פֿון דער אױספֿיהרונגס־מאַכט פֿאַר די פֿערשידענע ראַיאָנען. אין דער הױפּט־שטאָדט האָט מען אַרױפֿגעלעגט די הכנות צוליעב דער פֿערטײדיגונג אױף צװײ הױפּט־לײט: חנן (זעה אױבען § 123) און יוסף בן גוריון. פֿאַר'ן קאָמאַנדיר איבער גליל איז בעשטימט געװאָרען אַ געבילדעטער יונגער מאַן, אַ כהן, יוסף בן מתתיהו, װאָס איז שפּעטער בערימט געװאָרען אַלס היסטאָריקער אונטער'ן נאָמען יוסיפֿוס פֿלאַװיוס. אין אדום האָט מען אַװעקגעשיקט די כהנים יהושע בן ספּיא און דעם אױפֿטוער פֿון דער מרידה אלעזר בן־חנניה. די איבעריגע ראַיאָנען אָדער „טאָפּאַרכיעס" (װי מען האָט זײ דעמאָלט גערופֿען אױף גריכיש): ירחו, פּערעאַ אָדער עבֿר־הירדן און אַנדערע — האָבען בעקומען בעזונדערע קאָמאַנדירען, װאָס האָבען געהאַט ברײטע פֿולמאַכטען (צום סוף פֿון יאָהר 66).

אױף אַזאַ אופֿן איז די ירושלמ'ער אַריסטאָקראַטיע לא די װאָס אַרײַנגעצױגען געװאָרען דורך, דער קראַפֿט פֿון די געשעהענישען אינ'ם שטורעם פֿון

דער רעוואָלוציע, נאָר זי איז אַפֿילו אויפֿגעשטעלט געוואָרען בראש פֿון דער ציישווייליגער רעגירונג, וואָס די לעצטע האָט געשאַפֿען. דאָך, וואָס די „מעסיגע" זענען צוגעשטאַנען, האָט אמת פֿערגרעסערט בעדייטענד די פּאַרטיי קנאים אין כּמות, נאָר אין איכות האָט עס זי בעדייטענד אָבגעשוואַכט. דאָס האָט געמוזט על־פּי הכּרח שוואַכער מאַכען דעם קריגערישען גייסט פֿון די קנאים, פּונקט אַזוי ווי אַ בעדייטענדע צומישונג פֿון וואַסער מאַכט שוואַכער אַ שטאַרקען וויין. די פֿריהערדיגע רודפֿי־שלום׳ניקעס, וואָס זענען אַריינגעטראָטען אין די רייהען פֿון די אַקטיווע קעמפֿפֿער אין יענעם מאָמענט, בשעת די לעצטע האָבען אָבגעהאַלטען אַ נצחון, זענען ניט געווען גענוג צוגעגרייט דערצו, כּדי זיך דאָרט צו האַלטען ביי די קומענדיגע האַרטע נסיונות.

נאָר דער סוף פֿון דער מלחמה איז שוין בעשטימט געוואָרען צום שלעכטען בעזונדערס דורך דעם, וואָס אין די צוויי הויפּט־צענטרען פֿון דער מרידה, אין ירושלים און אין גליל, האָט מען איבערגעגעבען אויף צוצוגרייטען די מרידה צוויי פֿאָרשטעהער פֿון דער קאָנסערוואַטיווער אינגעשלאָסענער אַריסטאָקראַטיע. די ירושלמ׳ער קאָמענדאַנטען יוסף בן גוריון און דער כּהן־גדול חנן (וואָס דער לעצטער פֿון זיי איז נאָך גאָר ניט לאַנג געווען בעפֿריינדעט מיט די רוימער) האָבען אַוודאי ניט געפּאַסט צו זיין די אָרגאַניזאַטאָרען פֿון דער מלחמה. בעזונדערס ניט געלונגען איז געווען דאָס, וואָס מען האָט בעשטימט יוסיפֿוס פֿלאַוויוס פֿאַר אַן אויבערקאָמאַנדיר אין גליל. גליל איז געווען דער פֿאָדערשטער פּונקט, דורך וועלכען דער שונא האָט געדאַרפֿט אַריינדרינגען אין לאַנד. די דאָזיגע פּראָווינץ האָט בעדאַרפֿט אויסהאַלטען דעם ערשטען דראַנג פֿון די רוימישע אַרמעען, וואָס האָבען געשטרעבט צו ירושלים. דאָ האָט דאָס פֿאָלק געמוזט אָנשטרענגען אַלע כּחות, כּדי ניט צו דערלאָזען דעם שונא אַריינגעהן אין לאַנד. נאָר דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער פֿערטיידיגונג אין גליל, יוסף, האָט זיך אַרויסגעוויזען ניט בלויז פֿאַר אַ שלעכטען קריגס־פֿיהרער, נאָר אויך פֿאַר אַ ניט־גענוג ענטשלאָסענעם אָנהענגער פֿון אָט דעם בעפֿרייאונגס־קריג, און וועלכען ער האָט גענומען אויף זיך אַזאַ פֿעראַנטוואָרטליכע ראָל.

יוסף, וואָס האָט אָבגעשטאַמט פֿון אַ מיוחסדיגער משפּחה כּהנים, האָט בעקומען אַן ערציהונג, ווי אַ פּרוש. ער האָט געהאַט אַ שם פֿון אַ יודע ספֿר אַפֿילו אין זיין געבאָרענשטאָדט ירושלים, וואָס איז געווען דער צענטער פֿון דער אידישער בילדונג. אויף אַ געוויסער צייט האָט יוסף זיך דערנעהנטערט צו די צדוקים און אסיים, נאָר דאָס האָט איהם ניט אַראָבגעפֿיהרט פֿון דער וועלט־אָנשויאונג פֿון די פּרושים. אַ שטאַרקערע ווירקונג האָבען אויף איהם געהאַט די צוויי יאָהר, וואָס ער איז געווען אין רוים, וואוהין ער איז אָנגעקומען אַלס אַ יונגער־מאַן פֿון 25 יאָהר, אין נירו׳ס צייט (אַנ׳ערך אין יאָהר 64). די גריכיש־רוימישע קולטור האָט געמוזט מאַכען אַן איינדרוק אויפֿן ירושלמ׳ער אַריסטאָקראַט. יוסף האָט געקאָנט דאָרט זעהן די גאַנצע

קראַפֿט פֿון דער רוימישער מלוכה־אָרדנונג; ער האָט געזעהן די רייכקייט פֿון דער איבערוויגענדער קולטור, נאָר צוגלייך אויך די גראָבע ליכקע זייט פֿון איהר, מחמת ער האָט טשא חן געווען ביי דער קייזערין פּאָפּעאַ און האָט געוואוסט וועגען אומזיטליכען לעבען פֿון די רוימישע קרייזען. דאָס האָט איהם אפֿשר אָבגעהיט דערפֿון, אַז ער זאָל בעקומען חשק צו דער היידנישער וועלטאַנשויאונג, אָבער נים פֿון דער התפּעלות פֿונם פּאָליטישען זשעני פֿון די רוימער.

יוסף האָט אַרויסגעטראָגען פֿון רוים די איבערצייגונג, אַז די רוימישע מלוכה־אָרדנונג איז די בעסטע אין דער וועלט און אַז די מיליטערישע קראַפֿט פֿון דער דאָזיגער וועלט־בעהערשערין איז נים איינצוברעכען. איהם האָט זיך אויסגערעכנט, אַז עס איז אַ גזר מן השמים, אַז רוים זאָל בעהערשען די וועלט, און אַז אויב יהודה וועט פֿערבינדען איהר גורל מיט'ן גורל פֿון דער אימפּעריע, וועט זי געווינען און זין פֿון ציוויליזאַציע און מיליטערישער זיכערקייט דאָס, וואָס זי ווערט אָן בנוגע צו פּאָליטישער פֿרייהייט. דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער רוימישער פּאַטריאָטיזם, וואָס איז געווען אינ'ם גייסט פֿון אַגריפּס II (§ 126), איז געגאַנגען ביי יוסף'ן האַנד אין האַנד מיט דער איבערגעבענקייט צו די רעליגיעז־זיטליכע אינטערעסען פֿון דער יהדות, וועלכע ער האָט, אגב, איצט פֿערשטאַנען מעהר ליבעראַל, איידער די אָרטאָדאָקסע פּרושים. יוסף איז בלי־ספק געווען איבערגעבראַכט איבער'ן ווילדווילען פֿון אַזעלכע פּראָקוראַטאָרען, ווי פֿלאָרוס, נאָר אין דער זעלביגער צייט האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט דער אָפֿענער אויפֿשטאַנד קעגען דער רוימישער איבערהערשאַפֿט נאָך ערגער מאַכען די לאַגע פֿון די אידען און וועט פֿיהרען דערצו, אַז זייער אַוטאָנאָמיע זאָל אינגאַנצען בטל ווערען.

מיט אַזעלכע איבערצייגונגען האָט דער יונגער יוסף זיך אומגעקעהרט קיין יהודה, ערב דער רעוואָלוציע פֿון יאָהר 66. וואָס איז געוואָרען מיט איהם אין דער דאָזיגער שטורמישער צייט? צי האָט איהם מיטגעשלעפּט דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער שטורים, צי האָט ער זיך אָנגענומען מיט'ן קריגערישען אומפּעט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די נאַציע נאָכ'ן נצחון איבער קעסטיוס'ן, אָדער ער האָט צופֿעליג זיך אַרויסגערוקט, אַראַנק זיינע פֿערבינדונגען מיט דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פֿון דער פֿאָלקס־פֿערטיידיגונג? אין יעדען פֿאַל איז דער ליבעראַלער פּרושי, וואָס איז געווען נתפּעל פֿון דער רוימישער מלוכה־אָרגאַניזאַציע און וואָס איז געווען מעהר אַ רעטאָר און דיפּלאָמאַט, איידער אַ קריגס־מאַן, אויפֿגעשטעלט געוואָרען פּלוצלינג אין די פֿאָדערשטע רייהען פֿון די קעמפּפֿער פֿאַר דער פֿרייהייט פֿונ'ם געבאָרענלאַנד קעגען רוים, און האָט גענומען אויף זיך דעם פֿעראַנטוואָרטליכען פּאָסטען פֿון אַ קאָמאַנדיר איבער דער פֿערטיידיגונגס־אַרמעע אין גליל. די רעזולטאַטען פֿונ'ם דאָזיגען פּאָליטישען שריט האָבען זיך באַלד אַרויסגעוויזען

יוסף אין גליל און יוחנן פון גוש־חלב.

§ 130. אַז יוסף איז אָנגעקומען אין גליל, האָט ער קודם כל גענומען ברענגען אין אָרדנונג די אַדמיניסטראַציע פונם דאָזיגן קאַנט. ער האָט געגרינדעט אַ סנהדרין פון זיבעציק עלטסטע און האָט געעפנט אין פאַרשיידענע שטעט נידעריקע בתי־דינים, און ערשט דערנאָך האָט ער זיך גענומען פאַר די הכנות צוליעב דער פאַרטיידיקונג. עטליכע שטעט פון גליל, וואָס זענען געווען פאַסיק פאַר דער פאַרטיידיקונג לויט זייער לאַגע, האָט יוסף נאָך באַפעסטיקט מיט קינסטלעכע ווערק: מיט וואַלן, דאַמבעס אָדער מויערן. אַזוי זענען באַשיצט געוואָרן יודפת, גמלא, טבריה און טריכיה.

אין דער זעלביקער צייט האָט ער געקליבן מענשען פאַר דער פאָלקס־מיליציע. איטליכע שטאָט האָט געשיקט אין דער אַרמעע אַ העלפט פון אירע מאַנסבילן. די רעקרוטן זענען געוואָרן פונאַנדערגעטיילט אויף קליינע אָפּטיילונגען, האָבן זיך צוגעוועהנט צו דיסציפּלין און געלערנט קריגס־קונסט לויט'ן רוימישן שטייגער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך איינגעגעבן צונויפצושטעלן אין גליל אַ פאָלקס־מיליציע פון אַן ערך 100 000 מאַן.

די באַציִונג פון די פאַרשיידענע באַפעלקערונגס־שיכטן פון גליל צו דער מלחמה, וואָס איז געוואָרן צוגעגרייט, איז געווען ניט קיין גלייכע. אין די שטעט מיט אַ געמישטער אידישער און היידנישער באַפעלקערונג האָט זיך געפירט אַן אומאויפהערלעכער קאַמף צווישן די אָנהענגער און צווישן די געגנער פון דער מלחמה. די גרעסטע שטאָט פון גליל צפורי איז אָפן נוטה געווען אויפ'ן צד פון די רוימער. אין טבריה, וואָס האָט געהערט צום קעניגס אַגריפּס II לענדער, זענען פאָרגעקומען אָפטע צוזאַמענשטויסונגען צווישן דער רוימישער און צווישן דער אַנטי־רוימישער פּאַרטיי. קעגן די פאַרטיידיקער פון דער עקזיסטירנדער אָרדנונג אָדער רודפי־שלומניקעס זענען אַרויסגעטראָטן די קריגערישע גלילער קנאים, וואָס בראש פון זיי איז געשטאַנען דער פייערדיקער פּאַטריאָט און דעמאַגאָג יוחנן בן לוי פונם שטעטל גוש־חלב.

צווישן די דאָזיגע עקסטרעמע פּאַרטייען האָט דער קאָמאַנדיר פון גליל יוסף פאַרנומען עפּיס אַן אומבאַשטימטע, צווייזייטיקע לאַגע. היות ווי ער האָט שטענדיק געקווענקלט צווישן די רוימער־פריינד און צווישן די פּאַטריאָטן, דעריבער האָט ער אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פאַרטיידיקונג ניט געאַרבעט מיט אַזאַ ענערגיע, ווי דאָס איז נייטיק געווען אין אַזאַ קריטישער צייט. דורך זיין צווייזייטיקן אויפפיר האָט ער אומדירעקט אויפגעמונטערט די פּאַרטייען, וואָס איז געווען קעגן דער מלחמה, און די קנאים האָט ער איינגעפּליִמט אינצוטריִען צו זיך.

יוחנן פון גוש־חלב איז גלייך פון אָנהייב געוואָרן יוסף'ן אַ שונא. אַליין אַ הייסער פּאַטריאָט, וואָס איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער אידעע

פֿונים קאַמף פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט, האָט דער אָנפֿירער פֿון די גליל'ער קנאים געמוזט זיין אויפֿגערעגט איבער יוספֿ'ס צווייטייטיגען אויפֿפֿיר. ער האָט בעשולדיגט דעם קאָמאַנדיר, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרען פֿון ירושלים, דערין, וואָס ער טוט גאָרנישט, און אַפֿילו דערין, אַז ער האָט בדעה איבערצוגעבען גליל די רוימער.

איין מעשה, וואָס יוספֿ האָט אָפּגעטאָן, האָט גאַנץ בעזונדערס אַרויסגערופֿען א חשד קעגען איהם. עטליכע אידישע יונגע פֿרייוויליגע פֿונים דאָרף דבּרית זענען אָנגעפֿאַלען אויפֿן פֿערוואַלטער פֿונים קעניג אַגריפּס און האָבען ביי איהם צוגענומען דעם גאַנצען געפּעק, וואָס איז בעשטאַנען פֿון טייערע חפֿצים. דעם קאָנפֿיסקירטען געפּעק האָט מען געבראַכט צופֿירען צו יוספֿ'ן אין דער שטאָדט טריכיה, אַלס א קריגס-רויב, וואָרום אַגריפּס איז פּאַקטיש געווען דער פֿער-בינדעטער פֿון דער נאַציאָנס שונאים, פֿון די רוימער. נאָר יוספֿ, וואָס האָט געוואָלט א טובה טון אַגריפּס'ן, האָט בעשלאָסען איהם אָפּצוגעבען די חפֿצים.

די איינוואוינער פֿון טריכיה האָבען אין דער דאָזיגער מעשה דערזעהן א סימן פֿון בגידה מצד דעם קאָמאַנדיר איבער דער פֿערטיידיגונג און זענען אַריין אין כעס. א גרויסע מאַסע האָט אַרומגערינגעלט יוספֿ'ס הויז און האָט געסטראַשעט איהם אונטערצינדען. ווייבאַלד אַז יוספֿ האָט דערזעהן, אַז ער געפֿינט זיך אין סכּנה, האָט ער אָנגעהויבען בהכנעה בעטען זיך, מען זאָל איהם פֿער-שוינען, און האָט צוגעזאָגט צו פֿערברויכען דעם גענומענעם רויב אויף א פּאַטריאָטישען ענין — אויף דער בעפֿעסטיגונג פֿון די מויערן פֿון טריכיה. און אַז דער גרעסטער טייל פֿון דער מאַסע איז געוואָרען בערוהיגט זודעם, האָט יוספֿ מיט אכזריות נקמה גענומען פֿונים הייפֿעל, וואָס איז געבליבען, און האָט געהייסען זיי שלאָגען מכּות רצח.

און גיכען איז צוגעגרייט געוואָרען אַן אָנפֿאַל אויף יוספֿ'ן אין טבריה. מענשען, וואָס זענען אונטערגעשיקט געוואָרען דורך יוחנן פֿון גוש-חלב, האָבען זיך א וואָרף געטאָן מיט שווערדען אויף יוספֿ'ן אין יענעם מאָמענט, בשעת ער איז געשטאַנען אויפֿן ברעג פֿון ים-כּנרת. נאָר יוספֿ האָט בעוויזען אַריינצו-שפּרינגען אין א שיפֿעל מיט צוויי פֿון זיינע לייב-וועכטערס און איז אָפּגע-פֿאָרען ווייט פֿון ברעג.

דעמאָלט האָט דער אָנפֿירער פֿון די קנאים געווענדט זיך צו לעגאַלע קאַמפֿס-מיטלען. דורך שלוחים האָט ער געמסרט אין ירושלים אויף יוספֿ'ן, אַז ער איז פּאָליטיש ניט זיכער, און אַז מחמת דעם געפֿינט זיך דער דאָזיגער קאַנט אין א גרויסער סכּנה. אַז די ירושלמ'ער רעגירונג (סנהדרין?) האָט בעקומען די דאָזיגע מסירה, האָט זי בעשלאָסען אַראָפּצוזעצען יוספֿ'ן פֿון זיין שטעל, און האָט געשיקט צוליעב דעם פֿיער מורשים מיט א מיליטער-אָבטיילונג. נאָר יוספֿ האָט זיך אַפֿריהער דערוואוסט וועגען דעם דאָזיגען בעשלוס פֿון דער רעגירונג

דורך זײַנע קרובֿים און גוטע פֿרײַנד אין ירושלים, און האָט צום טייל איבערגעוואַלט און צום טייל דורך דיפּלאָמאַטישע קונצן געפּועל׳ט, אַז די דאָזיקע החלטה איז ניט אויסגעפֿירט געוואָרן.

די התראות פֿון די פּאַטריאָטן האָבן, כּלל, ניט געהאָלפֿן, — און אויף דער שטעל פֿונ׳ם קאָמאַנדיר איבער׳ן גליל׳ער שוץ־מיליטער איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט געגלויבט מעהר אין דער אומבאַזיגלעכקייט פֿון די רוימער, איידער אינ׳ם ערפֿאָלג פֿונ׳ם באַפֿרייאונגס־קריג, וואָס ער גופֿא האָט צוגעגרייט.

די מלחמה אין גליל; יודפֿת ווערט איינגענומען.

§ 131. אין דער קריגס־שטורם האָט זיך שוין אָנגערוקט אויף גליל. די בשורה וועגן אויפֿשטאַנד פֿון די אידען און וועגן דער מפּלה פֿון קעסטיוס׳ס לעגיאָן איז דערגאַנגען צו נעראָנען אין יענער צייט, בשעת ער איז שוין געשטאַנען אויף דער נידעריגסטער מדרגה פֿון זיטליכן פֿאַלן, האָט זיך אַמוזירט אין גריכענלאַנד מיט די אָלימפּישע שפּילען און האָט געשטרעבט צום רוהם פֿון אַן אַרטיסט אויף אַ צירקוס־אַרענע. די מפּלה פֿונ׳ם רוימישן לעגיאָן אין דער אויפֿגעשטאַנענער פּראָווינץ איז געווען זעהר אַ באַליידיגענדע ערשיינונג פֿאַר׳ן כּבֿוד פֿון דער אימפּעריע און צוגלייך געפֿעהרליך, וואָרום די אידישע רעוואָלוציע האָט געקאָנט גרינג אַרויסרופֿען ביי די אַנדערע אונטערטעניגע מזרח־דיגע פֿעלקער אַ חשק איהר נאָכצוטאָן. כּדי איינצושטילען יהודה און צו פֿאַרהיטען, אַז די מרידה זאָל זיך ניט פֿאַרשפּרייטען אינ׳ם רוימישען אָריענט, האָט מען באַדאַרפֿט שיקען אַהין אַ געניטען און מוטיגען קריגס־פֿיהרער מיט אַ גרויסער אַרמעע. די דאָזיגע שווערע אויפֿגאַבע האָט נירון אַרויפֿגעלעגט אויף פֿלאַוויוס וועספּאַסיאַנוס (אספּסינוס), דעם בעסטען רוימישען קריגס־פֿיהרער פֿון יענער צייט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט די בריטאַניער, וואָס איז ניט לאַנג פֿאָרגעקומען.

אספּסינוס, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר׳ן אויבער־קאָמאַנדיר איבער׳ן גאַנצען מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין די מזרח־לענדער, איז אין אָנהויב פֿון יאָהר 67 אַוועק פֿון גריכענלאַנד קיין סיריען און האָט דאָ אָנגעהויבען צונויפֿקלייבען זיין אַרמעע. זיין זוהן טיטוס׳ן האָט ער געשיקט קיין אלכסנדריא, כּדי צו ברענגען פֿון דאָרט נאָך איין לעגיאָן. אין פֿריהיאָהר איז אספּסינוס אַרויסגעטראָטען אין קריג און האָט קאָנצענטרירט זיין הויפּט־אַרמעע אין עכּו (פּטאָלעמאַאיס). דאָ האָט זיך מיט איהם פֿעראייניגט אויך טיטוס מיט זיין לעגיאָן. די גאַנצע אַרמעע איז באַשטאַנען פֿון דריי רוימישע לעגיאָנען, אַ סך קאָהאָרטעס און הילפֿס־אַבטיילונגען פֿון די אָבהענגיגע אָריענטאַלישע מלכים, צווישען זיי אויך פֿון אַגריפּס II. סך־הכּל האָט די אַרמעע געצאָהלט 60,000 מאַן סאָלדאַטען, פֿוסגעהער און רייטער.

אין דער רוימישער הויפּט־קוואַרטיר, אין עכּו, האָט זיך געפֿונען דער קע־

ביז אַגריפּס גופֿא מיט זײַן שוועסטער בערעניקע. דאָ איז די אידישע פּרינצעסין באַקאַנט געוואָרען מיט׳ן זוהן פֿונ׳ם איבער־קאָמאַנדיר און האָט איהם בעכישופֿ׳ט מיט איהר שענקייט. ס׳האָט זיך פֿערקניפּט יענער בערימטער ראָמאַן, וואָס האָט זיך געצויגען די גאַנצע צײַט פֿון דער אידישער מלחמה און וואָס האָט שפּעטער שיער ניט געענדיגט זיך מיט אַ שדוך צווישען בערעניקע׳ן מיט׳ן צו־קונפֿטיגען רוימישען קיסר. אין יענער עפּאָכע, וואָס איז פֿיל מיט טראַגיזם, בשעת יהודה איז אויסגעגאַנגען מיט בלוט אינ׳ם קאַמפּף פֿאַר איהר זעלבשטענדיגקייט, האָט אַנ׳אוראייניקעל פֿון אידישע מלכים געקעמפּפֿט אין די רײַהען פֿון זײַן פֿאָטערלאַנדס פֿײַנד, און זײַן שוועסטער האָט זיך געפֿונען אין אינטימע בע־ציהונגען מיט אַ מענשען, וואָס איהם איז בעשערט געוועזען צו געבען דעם לעצ־טען טויט־קלאַפּ דעם דאָזיגען פֿאָטערלאַנד.

ווי נאָר אספּסינוס איז אָנגעקומען קיין עכו, זענען צו איהם געקומען די אײַנוואוינער פֿון צפּורי אין גליל מיט דער בקשה, ער זאָל געבען דער שטאָדט אַ רוימישען גאַרניזאָן, כדי זי צו פֿערטיידיגען קעגען די אידישע רעוואָלוציאָנערע אָבטיילונגען. אספּסינוס האָט מיט פֿרייד בעפֿרידיגט די בקשה פֿון דער דאָזיגער גרופּע „געטרייע אונטערטאַנען“ אינ׳ם רעוואָלוציאָנירטען קאַנט און האָט גע־שיקט קיין צפּורי אַנ׳אָבטיילונג פֿון 7000 מאַן, אונטער פּלאַקידוס׳עס קאָמאַנדע. פּלאַקידוס האָט זיך ניט בעגענוגענט מיט׳ן היטען די שטאָדט אַליין, נאָר ער האָט געמאַכט מיט זײַנע קריגסלײַט אָנפֿאַלען אויף די שכנ׳ישע געגענדען, האָט געטויט די אײַנוואוינער אָדער גענומען זיי געפֿאַנגען.

אין גיכען איז אויך אספּסינוס מיט דער הויפּט־אַרמעע אַרײַנגעטראָטען אין גליל. דער קאָמאַנדיר פֿון גליל יוסף האָט קאָנצענטרירט זײַן מיליציע ניט ווײַט פֿון צפּורי און האָט דאָ געוואַרט אויפ׳ן אָנפֿאַל פֿונ׳ם שונא. נאָר שוין דער קלאַנג אַליין, אַז אספּסינוס׳ס גרויסער חיל גענעהנט, האָט אַרויסגערופֿען אַ שרעק אין די רײַהען פֿון דער אידישער מיליציע, און אַ סך האָבען אָנ־געהויבען פֿערלאָזען יוסף׳ס לאַגער. נאָכדעם ווי דער גרעסטער טייל פֿון זײַנע שטרייטער האָבען איהם פֿערלאָזען, איז יוסף מיט די איבעריגע אַוועק קיין טבריה.

היות ווי שוין דעמאָלט האָבען איהם אָנגענומען (ווי ער דריקט זיך אויס) „ספֿקות בנוגע צום אויסגאַנג פֿון דער גאַנצער מלחמה“, — דעריבער האָט ער גע־לאָזט אָנזאָגען אין ירושלים וועגען זײַן קריטישער לאַגע און האָט געבעטען די רעגירונג — אָדער צו געבען איהם אַ כח־הרשאה אַרײַנצוטרעטען אין פֿער־האַנדלונגען וועגען שלום מיט די רוימער, אָדער שיקען איהם אַזאַ חיל, וואָס זאָל קאָנען זיך אַנטקעגענשטעלען קעגען שונא. דער דאָזיגער בעריכט האָט איצט געקלונגען, ווי אַ ביטערע איראָניע, ער האָט כמעט ווי בעשטעטיגט די חשדים יוחנן׳ס פֿון גוש־חלב.

ס׳האָבען זיך שוין אַרויסגעוויזען די רעזולטאַטען דערפֿון, וואָס די פֿער־טיידיגונג פֿון גליל איז ניט ווי געהעריג אָרגאַניזירט געוועזען. די רוימער האָבען

אָהן אַ שום מיה אײַנגענומען דעם גאַנצען טאָל פֿון גליל התחתון (דעם אונטער־שטען גליל) און האָבען אין ערגיץ קײן װידערשטאַנד ניט אָנגעטראָפֿען. די אידישע אָבטײלונגען האָבען זיך אָבגעשטעלט בלױז אין עטליכע בעפֿעסטיגטע שטעדט. די הױפּט־מאַכט פֿון דער מיליציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין יודפֿת; דאָס איז געװען אײנע פֿון די שטאַרקסטע גלילער פֿעסטונגען, װאָס איז געװען אױס־געבױט אױף אַ הױכען פֿעלז און אַרומגערינגעלט פֿון טיעפֿע טאָלען. אַהין איז אױך אָנגעקומען יוסף פֿון טבריה. ער האָט נאָך געהאַט מוט צו פֿערטײדיגען זיך אין אַן אײַנגעשלאָסענער פֿעסטונג, אָבער ניט אַרױסטרעטען אין אַן אָפֿענעם קאַמפּף מיטן שונא.

אַספּסינוס איז אַװעק מיט זײַן פֿעראײניגטער אַרמעע צו יודפֿת און האָט די בעלעגערט. אין „די אידישע מלחמות“, װאָס יוסף האָט שפּעטער אָנגעשריבען, דערצעהלט ער בפּרטות װעגען זײַנע גבורות פֿאַר דער צײַט פֿון דער דאָזיגער בעלעגערונג און װעגען זײַנע איבערגעװעהנליכע אָנשטרענגונגען ניט אָװעקצוגעבען יודפֿת. נאָר אַלע די דאָזיגע גבורות זענען בעשטאַנען אין קלײנינקע קריגס־קונצען, װאָס האָבען געקאָנט אָבציהען די קאַטאַסטראָפֿע, אָבער ניט אינגאַנצען בעזײַטיגען זי. אױב יודפֿת האָט זיך געהאַלטען אָנערדהאַלבען חדשים קעגען די רױמער, װאָס זענען געװען זעהר געניט אין בעלעגערונגס־אַרבײַטען, קאָן דאָס דערקלערט װערען ניט דורך דעם אָנפֿיהרערס מוט, נאָר דורכדעם, װאָס צו דער שטאָדט האָט מען ניט געקאָנט צוטרעטען און װײַל די בעלעגערטע האָבען אַרױסגעװיזען אַזאַ ענערגיע, װאָס איז געהונגען נאָר פֿון יאוש.

דער שונא האָט אָהן אַנאױפֿהער געװאָרפֿען אױפֿ'ן שטאָדט פֿײַלען, שטײנער און ברענענדיגע שײַטען האָלץ, נאָר די בעלעגערטע האָבען פּונקט דאָס אײגענע געטאָן פֿון די מױערן צוריק, אָדער זײ פֿלעגען מאַכען אױספֿאַלען און אָבטרײַבען אַמאָל אײנע, אַמאָל די אַנדערע פֿײנדליכע אָבטײלונג און פֿערברענגען זײערע בעלעגערונגס־מאַשינען. בשעת אַספּסינוס האָט געדײַסען אױפֿהױבען די דאַמבע, װאָס ער האָט געהאַט אױסגעבױט אַרום יודפֿת, ביז צו דער הױך פֿון די שטאָד־טישע מױערן, האָט יוסף, פֿון זײַן זײַט, געדײַסען העכער מאַכען די שטאָדטישע מױערן אױף עטליכע קלאַפֿטער. הזות אָבער װי מען האָט ניט געקאָנט טון די דאָזיגע אַרבײַט אונטערן האָגעל פֿון די פֿײנדליכע פֿײַלען, דעריבער האָט ער געהײסען בעדעקען די מױערן מיט נאַסע אָקסען־פֿעלען, װאָס אין זײ פֿלעגען די פֿײַלען פֿערהאַלטען און די ברענענדיגע שײַטען אױסגעלאָשען װערען. בשעת אַספּסינוס האָט צוגערוקט צו דער פֿעסטונג די ברעך־מאַשינען, האָבען די אײַנ־װאױנער פֿון יודפֿת אַראָבגעלאָזען פֿון די מױערן זעק, אָנגעפֿילטע מיט קאַף (מעקענע) אָדער שטרױ, בכדי אָבצושװאַכען די קלעפּ פֿון די דאָזיגע מאַשינען, און בשעת מעשה האָבען זײ געװאָרפֿען אױף די רױמער ברענענדיגע שײַטען, געגאָסען אױף זײ שװעבעל און זידיגע סמאָלע. אײן פֿײַל, װאָס איז אַראָבגע־

שאָבען געוואָרען פֿון מויער, האָט געטראָפֿען אַספּסינוס׳ן און אָנגעמאַכט איהם אַ גרינגע וואונד.

אַלע די דאָזיגע פּרימיטיווע אופֿנים זיך צו פֿערטיידיגען האָבען, פֿערשטעהט זיך, ניט געהאָלפֿען. די פֿיינד האָבען ניט אויפֿגעהערט צו שיסען אויפ׳ן שטאָדט פֿון גרויסע שליידער-מאַשינעס און האָבען אָנגעמאַכט הורבדעם חורבנות אין די רייהען פֿון איהרע פֿערטיידיגער. די אידישע קריגסלייט, וואָס זענען גאַנץ געבליבען און וואָס האָבען געהיט די מויערן, זענען געווען אויסגעמאַטערט פֿון דער שטענדיגער אָנשטרענגונג. וועגען דעם האָט געגעבען צו וויסען די פֿיינד אַן איבערלויפֿער. די רוימער זענען איין מאָל גאָר אין דער פֿריה צוגעטראָטען שטילערהייד צום פֿעסטונג, זענען אַרויף אויפ׳ן מויער, האָבען איבערגעהרג׳עט די שלאָפֿענדיגע וועכטער און איינגענומען יודפת (אין תמוז פֿון יאָהר 67). וועגען ווידערשטאַנד האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. מען האָט אויך ניט געקאָנט האָפֿען אויף שוינונג מצד די רוימער, וואָס זענען געווען דערצאָרנט איבער דער לאַנגער בעלעגערונג. אַ סך אידען האָבען זיך אַליין געטויט; די איבעריגע זענען דערהרג׳עט געוואָרען דורך די צעווילדעוועטע רוימישע סאָלדאַטען. די פֿרויען און קינדער זענען גענומען געוואָרען געפֿאַנגען. לויט אַספּסינוס׳ס בעפֿעהל, איז די שטאָדט צעשטערט געוואָרען ביז׳ן יסוד.

אין יענעם מאָמענט, בשעת די שטאָדט איז איינגענומען געוואָרען, האָט יוסף זיך בעהאַלטען: דורך אַ ברונים האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אין אַ גרויסע הייהל. אין הייהל האָט ער געפֿונען פֿערציג חבֿרים, וואָס האָבען נאָך פֿריהער זיך געהאַט בעהאַלטען דאָרט. איין פֿרוי האָט אויסגעזאָגט די רוימער די דאָזיגע בעהעלטעניש. אַספּסינוס האָט דורך אַ שליח פֿאָרגעלעגט די אַנטלאָפֿענע, זיי זאָלען אַרויסגעהן פֿון הייהל און זיך אונטערגעבען, און דערביי האָט ער צוגעזאָגט זיי גאָרנישט ניט צו טהון. יוסף איז שוין געווען גרייט מסכים צו זיין דערויף, נאָר זיינע חבֿרים האָבען דורך גוטע רייד און סטראַשונגען איהם אָבגעהאַלטען פֿון צו טהון דעם דאָזיגען שענדליכען שריט. זיי האָבען בעסער געוואָלט שטאַרבען דורך דער אייגענער האַנד, איידער זיך אונטערצוגעבען דעם שונא, און דאָס אייגענע האָבען זיי געפֿאָדערט פֿון זייער אָנפֿיהרער. יוסף האָט נאָכגעגעבען, נאָר אין האַרצען ביי זיך האָט ער פֿערבעהאַלטען עפּיס אַ פּלאַן. לויט זיין עצה, האָט מען בעשטימט, אַז די חבֿרים זאָלען איינער דעם אַנדערן דערשטעכען על-פּי גורל. לויט אַ „גליקליכען צופֿאַל", וואָס יוסף האָט, אַפֿנים, איהם צוגעגרייט דורך אַ קינצליגער קאָמבינאַציע, איז ער געבליבען לעבען און מיט איהם נאָך איין חבֿר, אין דער צייט וואָס די איבעריגע האָבען בעוויזען איינער דעם אַנדערן אויסקוילען. נאָכדעם ווי יוסף האָט אַריבערגעצויגען אויף זיין זייט דעם חבֿר, איז ער מיט איהם אַרויס פֿון הייהל און האָט זיך אונטערגעגעבען די רוימער.

אז מען האט איהם געבראכט פאר אספסינוס'ן, האט דער אנפיהרער פון די גלילים אנגעטאן זיך א מאסקע פון פאלקומער הכנעה און האט אנגעהויבען שפיעלען די ראל פון א בעגייסטערטען נביא. ער האט פאראויסגעזאגט דעם רוימישען קריגס-פיהרער, אז ער וועט אין גיכען בעקומען די קייזערליכע קרוין. ניט אזוי די דאזיגע גוטע נבואה, ווי יוספ'ס פאלקומע הכנעה האט בעוואויגען אספסינוס'ן צו פערגרינגערן זיין גורל. בכדי אבצוהיטען די מיליטערישע כללים, האט מען איהם לכתחלה געהאלטען אין תפיסה, נאר שפעטער איז דער געוועזענער אידישער קריגס-פיהרער געווארען איינער פון אספסינוס'ס אין מיטוכ'עס נאהענטסטע יועצים און האט זיך געפונען צווישען זייער סוויטע ביז'ן מאמענט פון חורבן ירושלים.

די בשורה וועגען דעם, אז יודפת איז געפאלען, האט ארויסגערופען א גרויסען טרויער אין ירושלים. לכתחלה האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז ביים איינעהמען די שטאדט איז אויך יוסף אומגעקומען; האבען די ירושלמים היים בעוויינט דעם מוטיגען פערטיידיגער פון יודפת. אבער אז זיי האבען זיך דערוואוסט, אז יוסף לעבט און אז ער האט זיך אונטערגעגעבען דעם שונא, איז זייער טרויער פערביטען געווארען אויף א ליידענשאפטליכען כעס. „די ערבימערונג פון די אידען קעגען לעבעדיגען יוספ'ן איז געווען גלייך צו זייער פריהערדיגען מיטגעפיהל מיט'ן פלמרישט געשטארבענעם". דאס פאלק האט געגעבען יוספ'ן די מיאוס'ע נעמען: בוגד און פחדן.

די ערא בערונג פון גליל.

§ 132. נאכדעם ווי ער האט געהאט איינגענומען יודפת, האט אספסינוס צוריקגעפיהרט זיין חיל, דורך עכו, קיין קיסריה ביים ים און האט איהם דארט געלאזט א קורצע צייט זיך אויסרוהען. ער גופא איז אוועק קיין קיסריה-פיליפי, וואו ער איז געוועזען צו-גאסט ביי זיין פערבינדעטען, דעם קעניג אגריפס II. אין משך פון צוואנציג טעג זענען דא פארגעקומען הוליאנקעס; אגריפס האט געמאכט גלענצענדע מאלצייטען לכבוד זיין גאסט, און ווי א קנעכטיש אונטערטעניגער וואסאל, האט ער געפייערט דעם נצחון פון די רוימער.

די יום-טוב'דיגע שטימונג פון די זיגער איז באלד געשטערט געווארען דורך בעאונרוהיגענדע ידיעות, וואס זענען געקומען פון גליל. די רעוואלוציאנערע בעוועגונג איז דארט געוואקסען, און די פערטיידיגער פונ'ם פאטערלאנד האבען וויהערע זיך געטומען פאר די געווענר. אספסינוס האט געמוזט פון דאס-ניי אנהייבען די קריגס-קאמפאניע. ער איז געשווינד אוועק מיט זיינע לעגיאנען צום ים גינוסר און האט איפגעשלאגען זיין לאגער ניט וויט פון טבריה. די דאזיגע שטאדט איז געווען א פונקט פונ'ם קלענסטען ווידערשטאנד. די מוטיגען היילעק פון די קנאים איז בטל געווארען בשעת צווישען דער צאהלרייכער מאסע בירגער, וואס זענען געוועזען קעגען דער מלחמה און האבען געוואלט איבערגע-

בען די שטאָדט די רוימער. די קנאים האָבען לכתחלה פֿערטריבען די רוימישע שלוחים, וואָס אספּסינוס האָט זיי געשיקט מיט'ן פֿאָרשלאָג, אַז די שטאָדט זאָל זיך אונטערגעבען; נאָר אַז זיי האָבען דערזעהן, אַז זיי זענען אַ מיעוט, האָבען זיי פֿערלאָזען די שטאָדט און זענען אַוועק אין די שכנישע טריכיה. דעמאָלט האָבען די פֿרידליכע איינוואוינער פֿון טבריה געעפֿענט די טויערן און האָבען אַריינגעלאָזט די רוימער אין שטאָדט אַריין. פֿאַר דער דאָזיגער הכנעה, און אויך זיין פֿריינד אַגריפּס'ן צוליעב, וואָס ער איז געוועזען דער מושל פֿון טבריה, האָט אספּסינוס געשאָנקען די איינוואוינער פֿולקומע אַמניסטיע. ער האָט פֿערזאָגט זיינע סאָלדאַטען ניט צו ראַבעווען און אָנטון געוואַלדטאַטען אין דער איינגענומענער שטאָדט.

אַ מוטיגען ווידערשטאַנד האָבען אַרויסגעוויזען קעגען די רוימער די איינ־וואוינער פֿון טריכיה, וואָס ליגט אויך ביים ים גינוסר. דאָ האָט זיך די מלחמה געפֿיהרט אויף דער יבשה און אויף דער אָזערע. ביים שטאַרקען דראַנג מצד דעם שונא, זענען די אידישע קריגסלייט אַוועק אויף שיפֿלעך ווייט פֿונ'ם ברעג און דאָרט האָבען זיי איבערגעוואַרט אַ גינסטיגען מאָמענט אויף אָנצופֿאַלען. צו־לעצט האָט דער אַבטיילונג, וואָס האָט אונטער טיטוס'ס אָנפֿיהרונג בעלעגערט טריכיה, זיך איינגעגעבען, נאָך אַ לאַנגער מאַטערניש, אַריינצודרינגען אין שטאָדט און צו מאַכען פֿון איהר אַ תל. דערנאָך האָבען די רוימער איבערגעבויט פּליטען און האָבען נאָכגעיאָגט די אידען, וואָס זענען אַנטלאָפֿען געוואָרען אויף דער אָזערע. די שלאַכט אויפֿ'ן וואַסער האָט זיך אויך געענדיגט מיט'ן נצחון פֿון די רוימער. די לעצטע האָבען געשטאָכען און געהאַקט די אידען, וואָס זענען אַוועק־געשוואומען, און האָבען זיי דערטרונקען אין ים־גינוסר. די וואַסער פֿון דער אָזערע איז אין עטליכע ערטער געווען רויט פֿון בלוט, די ברעגעס זענען געווען בעדעקט מיט הרוגים און דערטרונקענע, וואָס די וואַסער האָט אַרויסגעוואָרפֿען, און מיט ברעכשטיקער פֿון די שיפֿען.

דער רעשט פֿון די גליל'ער פּאַטריאָטען האָט זיך בעפֿעסטיגט אין גמלא, וואָס איז געלעגען קעגענאיבער טריכיה, אויף יענער זייט ים־גינוסר (אין לאַנד גולן). דאָס איז געוועזען אַ בערג־נעסט, וואוהין מען האָט לחלוטין ניט געקאָנט צוקומען; זי איז געלעגען אויפֿ'ן רוקען פֿון אַ פֿעלז, וואָס איז געוועזען אויס־געבויגען, ווי דער הויקער פֿון אַ קעמעל — און דערפֿון מסתמא האָט די שטאָדט בעקומען איהר נאָמען (גמלא הייסט אויף אַראַמיש אַ קעמעל). אספּסינוס האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע קריגס־קונסט, בכדי גובר צו זיין די נאַטירליכע הינדער־נישען — די ווילדע פֿעלזען און די אָבגרינדען אָהן אַ גרונד, וואָס האָבען פֿער־שטעלט דעם צוטריט צו דער שטאָדט. עטליכע מאָל זענען די רוימישע סאָל־דאַטען, וואָס זענען געגאַנגען אויף אַ שטורם, צוריקגעשלידערט געוואָרען דורך די מוטיגע קעמפֿער, וואָס האָבען געוואָרפֿען שטיינער און געשאָסען פֿיילען

פֿון גמלאַס פֿעלזיגן ריקן אַראָפּ. דערבײַ האָט דער קעניג אַגריפּס, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אספּסינוס׳ס אַרמײַ, בעקומען אַ וואונד אין עלנבויגן.

צולעצט, אַז די רוימער האָבן שוין דורכגעבראָכן מיט אַ שטורמבאָק אַ לאָך אין מויער און האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט, זענען זיי מיט אַמאָל אַרײַן ווי אין אַ פּאַסטקע. אין די שמאָלע גאַסן, וואָס בײַ די זײַטן פֿון זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט טיעפֿע אָבגרינדן, האָבן די בעלעגערטע צונויפֿגעפּרעסט, אַראָבגעשטופּט אין אָבגרונד און אויסגעהרג׳עט די פֿײַנד מאַסנווײַז; די רוימישע סאָלדאַטן זענען אַרויפֿגעקלעטערט אויף די דעכער פֿון די הײַזלעך, וואָס זענען געשטאַנען שורות־ווײַז, איינע איבער די אַנדערע אויפֿ׳ן זײַט פֿון באַרג; נאָר די דעכער האָבן ניט אויסגעהאַלטן די משא און זענען אײַנגעפֿאַלן אינאיינעם מיט די סאָלדאַטן; אַראָבפֿאַלנדיג אויף דער שורה הײַזער, וואָס איז געשטאַנען נידעריגער, האָבן זיי זי אויך צעשטערט. אַ סך רוימער זענען אומגעקומען, די איבעריגע זענען אַנטלאָפֿן געוואָרן צוריק אין לאַגער. אַפֿילו אספּסינוס׳ס האַרץ, וואָס איז האַרט געוואָרן אין קאַמפּף, האָט אויך אַ ציטער געטאָן, בשעת ער האָט דערזען די דאָזיגע מאַסע קרבנות.

נאָר גמלא׳ס סוף איז שוין געווען בעשטימט. די רוימער האָבן אונטערגעגראָבן איינעם פֿון די פֿעסטונגס־טורעמס פֿון שטאָט; ער איז אײַנגעפֿאַלן און האָט בעגראָבן אונטער זײַנע חורבות די וועכטערס. טיטוס׳עס אָבטײלונגען, וואָס זענען באַלד אונטערגעקומען, האָבן זיך אַרײַנגעגנב׳עט אין שטאָט — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שחיטה. די צעווילדעוועטע רוימער האָבן געטויט אַלעמען אָהן אונטערשייד. אויפֿ׳ן שאַרפֿן שפּיץ פֿון פֿעלז זענען נאָך געשטאַנען אַ סך אײַנוואוינער פֿון גמלא און האָבן זיך פֿערטיידיגט קעגן שונא מיט פֿײַלן און שטיינער; נאָר אַז עס איז פֿערשוואונדן די לעצטע האָפֿענונג ניצול צו ווערן, האָבן זיי זיך אַראָבגעוואָרפֿן פֿון פֿעלז און האָבן געפֿונען דעם טויט אינ׳ם תהום אָהן אַ גרונד.

אין דער זעלביגער צײַט האָט אַ בעזונדערע אָבטײלונג פֿון די רוימער, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון פּלאַקידוס׳ן, אײַנגענומען דעם הר־תבור. אָהן מיה האָט אויך טיטוס פֿערכאַפּט גוש־חלב, די רעזידענץ פֿונ׳ם אָנפֿירער פֿון די קנאים יוחנן. די אָרטיגע אײַנוואוינער פֿון שטאָט זענען ניט געווען דורכגעדרונגען מיט דער קריגערישער התלהבות פֿון די קנאים און זענען געווען גרייט זיך אונטערצוגעבן. אַז יוחנן האָט זיך איבערצײַגט, אַז עס איז ניט מעגליך זיך צו פֿערטיידיגן, איז ער בײַ־נאַכט שטילערהייד אַרויס מיט זײַן אָבטײלונג פֿון גוש־חלב, האָט מיטגענומען מיט זיך אויך אַ סך שוואַכע מענשן, ווײַבער און קינדער, און איז אַוועק קיין ירושלים. די איבעריגע אײַנוואוינער האָבן געעפֿנט די טויערן טיטוס׳ן. די רוימער האָבן נאָכגעיאָגט יוחנן, נאָר ער מיט׳ן פֿאַרשטען טייל פֿון זײַן אָבטײלונג האָט שוין בעוויזן אַנטקומען אין ירושלים.

האט דער שונא אויסגעלאזט זיין גאנצען כעס צו די פליטים, וואס זענען געבליבען אינטערוועגס; א סך שוואכע, ווייבער און קינדער זענען דערהרג'עט און געפאנגען געווארען.

הערמיט האט זיך פערענדיגט, צום סוף פון יאהר 67, די עראבערונג פון גאנץ-גליל. דער וועג צו ירושלים איז געוועזען אפען. נאר פריהער איידער צוצוטרעטען צו דער בעלעגערונג פון דער אידישער הויפט-שטאדט, האט אספסינוס געלאזט אויסרוהען זיינע איינגעמידעטע סאלדאטען און האט זיי פונאנדערגעשטעלט אויף ווינטער-קווארטירען ארום קיסריה.

דער בירגער-קריג אין ירושלים און דער פאל פון דער אריסטאקראטישער רעגירונג.

§ 133. די ניט-איינגעגעבענע פערטיידיגונג פון גליל האט צעשטערט דעם צוטרוי פון פאלק צו דער רעגירונג פון דער נאציאנאלער פערטיידיגונג. די ירושלמ'ער אריסטאקראטיע, וואס האט גענומען אין איהרע הענד די פיהרונג פונ'ם בעפרייאונגס-קריג, איז דעם נסיון ניט בייגעשטאנען. אויף איהר האט מען ארויפגעווארפען די שולד פאר יוספ'ס פעהלערן אין גליל און פאר זיין בגידה קעגען נאציאנאלען פאהן ביים ערשטען ניט-איינגעגעבענעם שריט. די קנאים האבען פערשטאנען, אז א רעגירונג, וואס בעשטעהט פון קאנסערוואטיווע אריסטאקראטען און פארזיכטיגע פרושים, וואס זענען ניט-ווילענדיג אריינגעריסען געווארען אינ'ם שטורעם פון דער רעוואלוציע, וועט ניט קאנען ווירקען מיט יענער ענערגיע און פאנאטישער גבורה, וואס איז נויטיג צולעב פיהרען ווייטער דעם בעפרייאונגס-קריג. זי וועט ניט דערפיהרען די זאך ביז'ן סוף, נאר זי וועט אריינטרעטען אין פאליטישע פשרות, אדער וועט זיך אונטערגעבען ביי דער ערשטער סכנה. ביי אזעלכע אנפיהרער בעדארף מען ארויסרייסען פון די הענד די פערוואלטונג און איבערגעבען די פערטיידיגונג פונ'ם פאטערלאנד אינגאנצען די איבערגעגעבענע פאטריאטען — די קנאים.

נאר די ירושלמ'ער רעגירונג פון איהר זייט האט ניט געוואלט ארויסלאזען די ממשלה פון איהר האנד, מחמת זי האט מורא געהאט, אז די קנאים — די דאזיגע מוטיגע קעמפפער, נאר שלעכטע פאליטיקער — וועלען זיך ניט אפשטעלען פאר קיינע הינדערנישען און וועלען ברענגען די מלוכה צום אונטערגאנג. די מעסיגע האבען ניט געקאנט מסכים זיין מיט'ן לאזונג פון די קנאים: „אונאבהענגיגקייט אדער טויט!“ בכן האט זיך אנגעהויבען א פערצווייפעלטער קאמפף פאר דער ממשלה צווישען דער אריסטאקראטישער רעגירונג און די אויפטוער פון דער רעוואלוציע, די קנאים.

דער אנפיהרער פון די ירושלמ'ער קנאים איז געוועזען אין יענער צייט אלעזר בן שמעון, וואס האט זיך בעטייליגט אין דער מלחמה קעגען קסטיוס'ן. נאר איהם האט באלד פערשטעלט, דורך זיין קאכעדיגער ענערגישער טעטיג-

קײַט, דער אָנפֿירער פֿון די גליל'ער קנאָים, יוחנן פֿון גוש-חלב, וואָס איז געקומען צו לויפֿן מיט זײַן אָבטײלונג אין דער הויפּט-שטאָדט. יוחנן'ס פּאַרטײ האָט מיט אַלע כּוחות אַגיטירט קעגען דער מעסיגער ירושלמ'ער רעגירונג. די אַגיטאַטאָרען האָבען אָנגערופֿען די רעגירענדע אַריסטאָקראַטען מיט די צונעמען „רוימער-פֿרײַנד“, האָבען זיי בעשולדיגט, אַז זיי האָבען בדעה זיך אָבצוזאָגען פֿון דער רעוואָלוציע און זיך ווידער אונטערצוגעבען די פּראָקוראַטאָרען, און דערבײַ האָבען זיי זיך סומך געווען דערויף, וואָס זייער מורשה אין גליל — יוסיפֿוס פֿלאַוויוס — האָט בּוגד געווען.

די לײַדענשאַפֿטליכע רייד פֿון די דעמאַגאָגען האָבען אונטערגעהיצט די געמיטער. די יוגענד האָט זיך געשטעלט אין די רייהען פֿון די פֿרײַהייטס-קעמפֿער. די צאָהל פֿון די קנאָים אין ירושלים איז מיט איטליכען טאָג געוואַקסען. פֿון דער פּראָווינץ האָבען אַלע קריגעריש-געזינטע פּאַטריאָטען זיך צונויפֿגעקליבען אין דער הויפּט-שטאָדט. שטיצענדיג זיך אויף דער דאָזיגער קראַפֿט, האָבען די אָנפֿירער פֿון די קנאָים בעשלאָסען אַראָבצו-וואַרפֿען די רעגירונג. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דער טעראָר. די קנאָים האָבען געכאַפּט און געטויט עטליכע איינפֿלוסרײַכע פּערזאָנען פֿון הורדוס'עס קעניגליכער פֿאַמיליע, אַגריפּס'ס קרובים. זיי האָבען פֿערכאַפּט דעם בעפֿעסטיגטען בית-המקדש, וואָס האָט געדאַרפֿט דינען זיי פֿאַר אַ שלאָס, פֿון וואַנען זיי האָבען געקאָנט הערשען איבער'ן שטאָדט.

הערנאָך זענען די קנאָים צוגעטראָטען אויסצוקלײַבען אַ נײַעם כּהן-גדול אָנשטאָט דעם אַריסטאָקראַטישען, וואָס אַגריפּס האָט געהאַט בעשטימט. אויסגעקליבען האָט מען, על-פּי גורל, אַ פּראָסטען ישובֿניק מיט'ן נאָמען פּ נ ח ס. דאָס איז געווען אַן אַרויספֿאָדערונג פֿאַר דער שטאָלצער גײַסטליכער אַריסטאָקראַטיע, וואָס בּראש פֿון איהר איז געשטאַנען דער מיטגליד פֿון דער צײַטווײַליגער רעגירונג חנן.

די רעגירונג האָט אָנגענומען די אַרויספֿאָדערונג. איהרע הויפּט-פֿאָרשטעהער — די געוועזענע כּהנים-גדולים חנן און יהושע בן גמלא (§ 123), יוסף בן גוריון און דער אָנפֿירער פֿון די פּרושים שמעון בן גמליאל — זענען אַרײַנגעטראָטען אין קאַמפּף מיט די קנאָים, בּכדי אָבצו-ווענדען זייער דיקטאַטור. זיי האָבען צוגערעדט דעם פֿאָלק, ניט צו פֿערלאָזען זיך אויף די דעמאַגאָגען, וואָס זענען צו-שטאַרק איינגעגלויבט אין זייער גבֿורה און וואָס פֿיהרען דאָס פֿאָטערלאַנד צום אונטערגאַנג. אַ גרויסע ווירקונג האָט געמאַכט די רעדע, וואָס חנן האָט געהאַלטען אויף אַ פֿאָלקס-פֿערזאַמלונג, וואו ער האָט גערופֿען די פֿרומע ירושלמים צו קעמפֿען מיט די צוגעקומענע קנאָים, וואָס האָבען מחלל געווען דעם בית-המקדש.

די אָנהענגער פֿון דער רעגירונג האָבען מיט אַ כּעס זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קנאָים. עס זענען געווען אַ סך געהרגעטע און פֿערוואונדעטע אויף

ביידע זייטן. צולעצט האָט זיך חנני׳ס פּאַרטיי אײַנגעגעבן אַרײַנצוטרייבן די געגנער אין אינעווייניגסטן הויף פֿון בית-המקדש און דאָרט זיי אײַנצושליסן. די זיגער האָבן פֿאַנאַנדערגעשטעלט אַרום בית-המקדש אַ צאָהלרייכע וואַך, כּדי קיינעם ניט אַרויסצולאָזען פֿון דאָרט.

נאָר פֿינעכטוועגן זענען אַ סך אַגיטאַטאָרען פֿון די קנאים געבליבען פֿריי. זיי האָבן פֿאַנאַנדערגעלאָזען אַ קלאַנג, אַז חנני׳ס פּאַרטיי האָט בדעה צו רופֿען אין שטאָדט די רוימער, כּדי מיט זייער הילף אײַנצושטילען די פּאַטריאָטען, וואָס זענען געשטאַנען פֿאַר דער מלחמה. זעהענדיג פֿאַר זיך די דאָזיגע סכּנה, האָבן די קנאים שטילערהייד אַרויסגערופֿען צו הילף די קריגערישע אדומים, וואָס האָבן מיטגעפֿיהלט דעם אידישען אויפֿשטאַנד (אדום האָט זיך דעמאָלט ניט גערעכענט פֿאַר אַ טייל פֿון דער אידישער פּראָווינץ).

באַלד האָט אַ בעדייטענדע אָבטיילונג פֿון די אדומים זיך בעוויזען פֿאַר די טויערן פֿון ירושלים, נאָר די רעגירונג האָט זיי ניט אַרײַנגעלאָזען. די אַנדערע נאַכט האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורמווינד, וואָס האָט אַרויסגערופֿען אַ צעטומלעניש צווישען די אײַנוואוינער פֿון דער הויפּט-שטאָדט. די קנאים האָבן אויסגענוצט די עובדה, וואָס די וועכטער האָבן ניט אַזוי שאַרף געהיט די טויערן, האָבן געעפֿענט אומבעמערקטערהייד די טויערן און אַרײַנגעלאָזט די אדומים.

נאָכדעם ווי זיי האָבן בעפֿרייט די קנאים, וואָס זענען געווען אײַנגעשלאָסען אין בית-המקדש, זענען די פֿערבינדעטע געוואָרען די בעלי-בתים פֿון שטאָדט. מען האָט אָנגעהויבען אָהן רחמנות פֿערטיליגען די אַריסטאָקראַטען. אַלס ערשטע קרבנות פֿונ׳ם גרימצאָרן פֿון די קנאים זענען געפֿאַלען די אָנפֿיהרער פֿון דער רעגירונג, די געוועזענע כּהנים-גדולים חנן און יהושע בן-גמלא; זייערע טויטע קערפּערס האָט מען אַרויסגעוואָרפֿען אויפֿ׳ן מיטען מאַרק, וואו זיי זענען לאַנג געלעגען אָהן קבורה. די אײַנפֿלוסרייכע און רייכע מענשען פֿון דער רעגירונגס-פּאַרטיי האָט מען געכאַפּט און אַרײַנגעוואָרפֿען אין תּפֿיסה; דאָרט האָט מען אַ סך געפּייניגט און געטויט שטילערהייד. אַמאָל פֿלעגען די קנאים אָנקלאָגען די אַרעסטירטע פֿאַר׳ן בית-דין און בעשולדיגען זיי דערין, וואָס זיי האָבן געפֿיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די רוימער; דורכדעם האָבן זיי געוואָלט פֿערגעזעצליכען דעם פּסק-דין. נאָר רעכט האָט מען ניט געקאָנט צונויפֿפּאַסען מיט טעראָר. אַז דער בית-דין, וואָס איז צונויפֿגערופֿען געוואָרען אין בית-המקדש, האָט לויט אַ רוב שטימען פֿרייגעשפּראָכען איינעם פֿון די אַרעסטירטע אַריסטאָקראַטען, זכריה בן-ברוך, זענען אַרויסגעטראָטען צוויי קנאים און האָבן דערהרג׳עט דעם בעשולדיגטען, מיט די ווערטער: „אָט האָסטו אויך אונזערע שטימען!“

די קנאים האָבן ניט אויפֿגעהערט צו פֿערטיליגען די אַריסטאָקראַטיע אויך נאָכדעם, ווי זייערע פֿערבינדעטע, די אדומים, זענען אַוועק. פֿון זייערע הענד

איז אומגעקומען אויך יוסף בן-גוריון, דער קאָמאַנדיר פֿון ירושלמער שוץ-אָב-טײלונג און אַן ענערגישער מיטגליד פֿון דער ציטווייליגער רעגירונג.

אַזוי איז פֿאָרגעקומען די מלוכה-איבערקערעניש, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפֿן די אַריסטאָקראַטישע רעגירונג און איינגעשטעלט די ממשלה פֿון די דעמאָקראַטישע קנאים. יוחנן פֿון גוש-חלב און אלעזר בן שמעון זענען געוואָרן די בעלי-בתים פֿון דער הויפּט-שטאָט. די קריגערישע דעמאָקראַטיע האָט אָבגעהאַלטן אַ נצחון. נאָר ניט אויף לאַנג האָט זי זיך אײַנגעפֿעסטיגט אויף די חורבות פֿון דער פֿריהערדיגער אָרדנונג: איהר אַליין איז אין גיכען בעשערט געווען דער אונטערגאַנג אויף די חורבות פֿון דער אידישער מלוכה.

די אַנאַרכיע אין רוים און אין יהודה.

§ 134. אספּסיאַנוס האָט מיט אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוגעקוקט פֿון קיסריה אויף דעם בלוטיגען בירגער-קריג אין ירושלים. די קריגס-הויפּטלײַט פֿון זײַן סוויטע האָבען איהם געגעבען אַן עצה, ער זאָל זיך אונטעראײַלען מיט דער בעלע-גערונג פֿון דער הויפּט-שטאָט, בכדי אויסצונוצען די מחלוקת'ען, וואָס הערשען דאָרט. נאָר אספּסיאַנוס האָט געענטפֿערט, אַז מען בעדאַרף גאָר ניט אַרויסטרעטען קעגען מענשען, וואָס ברענגען זיך אַליין אום מיט די אייגענע הענד, וואָס פֿערטיליגען זיך איינער דעם אַנדערן. ער האָט בעשטימט צו וואַרטען, ביז וואַנען די ירושלמים וועלען דורך געגענזייטיגע מחלוקת'ען און טעראָר אַזוי ווייט אָבשוואַכען זייערע כחות, אַז זיי וועלען ניט זיין בכח זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען די רוימער.

דער משך צייט צווישען דער עראָבערונג פֿון גליל און דער בעלעגערונג פֿון ירושלים האָט אספּסיאַנוס אויסגענוצט אויף אײַנצונעהמען די איבעריגע טיילען פֿון יהודה, וואו מען האָט זיך ניט געקאָנט ריכטען אויף אָרגאַניזירטען ווידערשטאַנד מצד די איינוואוינער. אין פֿריה-יאָהר 68 איז פֿערנומען געוואָרען איינע פֿון די הויפּט-שטעדט פֿון פּערעאַ (עבר-הירדן) — גדרה, און באַלד דערויף האָט דער הויפּטמאַן פּלאַקידוס איינגענומען די גאַנצע געגענד. דער קאַמפּף האָט געזידט אויף די ברעגעס פֿון ירדן. טויזענדערווייז זענען געפֿאַלען סיי די אידישע קריגסלײַט און סיי די פֿרידליכע איינוואוינער, וואָס זענען אַנטלאָפֿען געוואָרען פֿאַר די שונאים, נאָר וואָס אויפֿ'ן וועג האָט מען זיי געכאַפּט. אַ סך הרוגים האָט די גיכע שטרעמונג פֿונ'ם ירדן אַראָבגעטראָגען נאָך אונטען, אין די געדיכטע געזאַלצענע וואַסערן פֿונ'ם ים-המלח.

אין גיכען האָבען די רוימישע אָבטיילונגען זיך בעוויזען אין די געגענדען אַרום ירושלים. ס'זענען איינגענומען געוואָרען לוד און יבנה, אין מערב-זייט, יריחו אין דרומית-מזרחית-ווינקעל, ס'זענען אויסגעשטעלט געוואָרען זיכערע גאַר-ניזאָנען אינ'ם צפֿונדיגען געביט, אין שומרון. די רוימישע חילות זענען זיך דורכגעגאַנגען אויך איבער דער דרומדיגער פּראָווינץ, איבער אדום.

אויף אזא אופן זענען די הויפט־וועגן, וואס פיהרען קיין ירושלים, געווען אין די הענד פון די רוימער. ס'האט שוין גענעהנט די צייט פון דער בעלעגערונג פון דער הויפט־שטאדט. נאר דא זענען אין רוים פארגעקומען געשעענישען, וואס האבען ווידער אפגעלעגט די דאזיגע אונטערנעהמונג. אין יוני פון יאהר 68 איז געשטארבען דער קיסר נירון, און אין דער רוימישער אימפעריע זענען אויפגעשטאנען פאליטישע מהומות, וואס האבען געדויערט אנדערהאלבען יאהר. אספסינוס האט אפגעשטעלט די מיליטערישע מעשים אין יהודה, מחמת ער האט געווארט אויף בעפעהלען פונ'ם נייעם קיסר, גאלבא. זיין זוהן, טיטוס'ן האט ער אוועקגעשיקט אין רוים, בכדי צו בעקומען אינסטרוקציעס; נאר נאך אונטערוועגס האט טיטוס זיך דערוואוסט, אז גאלבא איז דערהרג'עט געווארען נאכדעם ווי ער האט רעגירט א האלב יאהר. נאך איהם האבען א קורצע צייט פערנומען דעם קייזערליכען טראָן אטא און וויטעליוס, וואס זיי האבען ארויסגעשטעלט די מערב'דיגע לעגיאנען.

ווייבאלד אז די ארמעע האט זיך שוין אריינגעמישט אין דער העכערער פאליטיק, האבען אויך די מזרח'דיגע לעגיאנען, וואס זענען געשטאנען אין אזיען און אפריקא, געהאט אנ'אויסריידע ארויסצושטעלען זייערן א קאנדידאט. זיי האבען אויסגערופען פאר אנ'אימפעראטאר זייער אנפיהרער אספסינוס'ן. וויטעליוס'ס איבערגעוואלדיגער טויט (סוף פון יאהר 69) האט אפגערייניגט אספסינוס'ן דעם וועג צום טראָן, און אין גיכען איז ער אומעטום אנערקענט געווארען פאר א קיסר.

די לאנג־דויערנדיגע אנארכיע אין דער מעטראפאליע האט אפגעריסען די אויפמערקזאמקייט פון די רוימער פון דער עראבערונג פון יהודה. מ'איז שוואכער געווארען סיי אספסינוס'ס מיליטערישע אונטערנעהמונגס־קראפט, סיי די וואכזאמקייט פון די רוימישע גארניזאנען אין דער אויפגעשטאנענער מדינה. דאס האבען אויסגענוצט די קנאים, וואס זענען צעשפרייט געווען איבער דער פראווינץ, צוליעב א פארטיזאנישען קאמפף מיט די פיינד פון פאטערלאנד. זיי האבען זיך פעראייניגט אונטער דער אנפיהרונג פונ'ם דרייסטען יונגען גבור שמעון בר־גיורא[1], וואס האט געהערט צו דער אויסערסטער פראקציע פון די קנאים, און האט זיך נאך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט קסטיוס'ן.

נאכדעם, ווי חנן'ס אריסטאקראטישע רעגירונג האט איהם אפגעריקט אן א זייט, האט ער זיך בעפעסטיגט אין דער דרום'דיגער פעסטונג מסדה, דער בעהעלטעניש פון די קנאים־סיקאריער, און איז געווארען זייער אנפיהרער. נאכדעם ווי די אריסטאקראטיע איז אראפגעווארפען געווארען, האט שמעון זיך אנגעאייגענט אין דער פראווינץ פונקט אזא דיקטאטור, ווי יוחנן פון גוש־חלב

1) דער צונעמעניש (בר־גיורא, דאס הייסט: „דער זוהן פון אגר" — בעווייזט, אז שמעון האט אפגעשטאמט פון א פרעמדען פאלק.

האָט געשטרעבט צו בעקומען אין דער הויפּט-שטאָדט. בראש פֿון בעוואָפֿענטע באַנדעס האָט ער געמאַכט אַנפֿאַלען אויף פֿרידליכע איינוואוינער, וואָס זענען ניט צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, און אויף די רוימישע גאַרניזאָנען. הגם ווי זיי האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו פֿיהרען אַ רעגעלמעסיגע מלחמה, דעריבער האָבען שמעונ'ס באַנדעס געווירקט דורך טעראָר און האָבען אָבגעטאָן גזלות און רציחות. אדאַנק דעם וואָס צייטווייליג זענען אָבגעשטעלט געוואָרען די מיליטערישע מעשים מצד די רוימער, האָט זיך שמעונ'ען איינגעגעבען איינצונעהמען דאָס לאַנד אדום, די שטאָדט חברון און אַנדערע פּונקטען ניט ווייט פֿון ירושלים.

די בשורה וועגען דעם, אַז עס גענעהנען די אָבטהיילונגען פֿון שמעונ'ס סיקאַריער, האָט אויפגערודערט דעם אָנפֿיהרער פֿון די ירושלמ'ער קנאים, יוחנן פֿון גוש-חלב. צי האָט ער מורא געהאַט דערפֿאַר, אַז אין דער הויפּט-שטאָדט זאָל זיך ניט שטאַרקען דער טעראָר, אָדער ער האָט ניט געוואָלט טיילען זיך אין דער דיקטאַטור מיט'ן אַנדער'ן פֿאָלקס-פֿיהרער — אין יעדען פֿאַל האָט ער געטאָן וואָס נאָר מעגליך, בכדי צו בעזייטיגען זיין געפֿעהרליכען קאָנקורענט. קעגען די סיקאַריער איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פֿון ירושלים אַן אָבטהיילונג פֿון קנאים. ס'איז פֿאָרגעקומען אַ געשלעג, און וועלכען עס איז געפֿאַנגען געוואָרען שמעון בן-גיורא'ס ווייב. דעמאָלט איז שמעון מיט זיינע מעכטיגע באַנדעס צוגעטראָטען צו די מויערן פֿון ירושלים; ער האָט דאָרט געווילדעוועט, „פּונקט ווי אַ פֿערוואונדעטע חיה-רעה", האָט צעשטערט און פֿערוויסט אַלצדינג אַרום און אַרום, און איז אַוועק ערשט דעמאָלט, בשעת מען האָט איהם צוריק אָבגעגעבען זיין פֿרוי.

נאָר באַלד איז אויפֿגעשטאַנען אַ טייל פֿון דער ירושלמ'ער געזעלשאַפֿט, וואָס זי האָט מעהר ניט געוואָלט אַריבערטראָגען יוחנן'ס דיקטאַטור, און האָט אַריינגעלאָזען אין שטאָדט שמעון בן-גיורא מיט זיין אָבטהיילונג (69). שמעון האָט זיך איינגעפֿעסטיגט אין דער הויפּט-שטאָדט, און צווישען איהם און יוחנן האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַ האַרטער קאַמף פֿאַר דער איבערהערשאַפֿט אין ירושלים.

אויף אַזאַ אופֿן האָט געהערשט אַנאַרכיע גלייכצייטיג כמעט אין ירושלים כמו אין רוים. נאָר אין רוים האָט זי שוין גענעהנט צום סוף. אספּסינוס, וואָס איז אויסגערופֿען געוואָרען פֿאַר אַ קיסר, איז אַוועק קיין איטאַליען, האָט איבערגעגעבען די קאָמאַנדע איבער'ן גאַנצען מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין יהודה, זיין זוהן, טיטוס'ן, און האָט איהם בעפֿוילען צו פֿערענדיגען די דאָזיגע מלחמה, וואָס האָט זיך שוין צו-פֿיעל פֿערצויגען (אין אָנהויב פֿון 70-סטען יאָהר).

ירושלים ערב דער בעלעגערונג.

§ 135. די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפֿ'ן אָרט פֿון דער אַראָבגעוואָרפֿענער אַריסטאָקראַטישער רעגירונג, האָט אַליין ניט

געקאָנט איינשטעלען קיין פעסטע פערוואַלטונגס-אָרדנונג אין דער דאָזיגער שטורמישער צייט. סהאָבען זיך צונויפגעשטויסען ניט בלויז די פערזענליכע תשוקה צו כבוד פון די אָנפיהרער פון די קנאים, נאָר אויך די פערשיידענע פאַרטייריכטונגען, וואָס זענען געווען בעדינגט דורך דער גרעסערער אָדער קלענערער מאָס פון פאַטריאָטישער התלהבות. אלעזר בן-שמעונ׳ס פאַרטיי איז אפנים בעשטאַנען פון מעסיגע קנאים; יוחננ׳ס פאַרטיי האָט זיך אויסגעצייכענט דורך אַ גרעסערן ראַדיקאַליזם, און צו שמעון בן-גיורא איז צוגעשטאַנען די עקסטרעמע טעראָריסטישע פראַקציע (צו דער לעצטער איז צוגעשטאַנען אויך די גרופּע אידומים, וואָס איז געבליבען אין ירושלים, פון די, וואָס האָבען געהאָלפען אַראָבוואַרפען די אַריסטאָקראַטען).

אין ירושלים האָט זיך געבילדעט אַ דיקטאַטור פון דריי מענשען. די דריי אָנפיהרער פון די קנאים האָבען צעטיילט צווישען זיך די הויפּט-שטאָדט. אלעזר מיט זיין גרופּע האָבען זיך בעפעסטיגט אין די הויפען אַרום בית-המקדש און אין בית-המקדש גופא, יוחנן איבער הר-הבית און אין די פּונקטען, וואָס האָבען זיך געגרעניצט מיט איהם, און שמעון בר-גיורא האָט געהערשט איבער דער אויבערשטער שטאָדט און אַ בעדייטענדען טייל פון דער אונטערשטער. צווישען די פאַרטייען האָט זיך שטענדיג געפיהרט אַ קאַמפּף; די צוזאַמענשטויסונגען פלעגען אָפטמאָלס זיין בעגלייט דורך הריגות און שרפות. איין שרפה האָט פערטיליגט די שפּייכלערס מיט גרויסע זאַפּאַסען תבואה, וואָס די פריהערדיגע רעגירונג האָט געהאַט צוגעגרייט. די פערניכטונג פון דער דאָזיגער תבואה האָט געבראַכט שרעקליכע רעזולטאַטען פאַר דער שטאָדט, וואָס איהר איז שפּעטער אויסגעקומען אַריבערצוטראָגען אַ לאַנגע בעלעגערונג.

כ׳איז אָנגעקומען דער פּסח פון יאָהר 70. ירושלים, וואָס איז מיט ווי מיט געווען אָנגעפילט מיט פליטים (אַנטלאָפענע) פון אַלע עקען לאַנד, האָט ווידער אַמאָל איינגענומען אַ נייע מאַסע עולי-רגל. אלעזר׳ס פאַרטיי, וואָס האָט געהערשט איבער׳ן בית-המקדש, איז געווען געצוואונגען צו עפענען די טויערן פון בית-המקדש פאַר די אורחים, וואָס זענען געקומען אויף יום-טוב. דעם דאָזיגען מאָמענט האָט אויסגענוצט יוחננ׳ס ענערגישערע פאַרטיי און האָט פערכאַפּט דעם קוואַרטאַל פון בית-המקדש.

זינט יענער צייט געהט אלעזר אַראָב פון סצענע, און די דיקטאַטור ווערט צעטיילט נאָר צווישען צוויי אָנפיהרער — יוחנן פון גוש-חלב און שמעון בן-גיורא. אין דער לעצטער מינוט, בשעת אַרום ירושלים האָבען זיך אָנגעהויבען די הכנות צו דער בעלעגערונג, האָבען שמעונ׳ס און יוחננ׳ס פאַרטייען אָבגעשטעלט זייערע געגענזייטיגע מחלוקת׳ען. די פּאָליטישע און פערזענליכע חלוקי-דעות זענען אַנטשווינדען געוואָרען פאַר דער גרויסער אויפגאַבע, וואָס האָט בעגייסטערט אַלעמען גלייך, פאַר דער אויפגאַבע צו פערטיידיגען די היילגע שטאָדט און צו ראַטעווען די נאַציאָנאַלע פרייהייט.

הערודיאַן האָט דער נייער רוימישער איבער-קאָמאַנדיר טיטוס זיך ענערגיש געגרייט צו דער בעלעגערונג. ער האָט צונויפגעקליבן אַרום ירושלים אַ גרויסע אַרמעע פון 80,000 מאַן. אין איהר זענען אַריין פיער לעגיאָנען פון סוריען און עגיפּטען און אַ סך הילפס-אַבטיילונגען, וואָס עס האָבען געשיקט די פער-בינדעטע מלכים, צווישען זיי אויך אַגריפּס II-טענס אַנאַבטיילונג. טיטוס'עס הויפּט-בעל-יועץ, אַ מין קאָמאַנדיר פון זיין גענעראַל-שטאַב, איז געווען דער משומד טיבעריוס-אַלכסנדר, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פּראָקוראַטאָר אין יהודה און האָט זיך דערנאָך געמאַכט אַנאייביגען שענדליכען נאָמען הרג'ן פּאָגראָם, וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיינע געוועזענע פאָלקס-ברידער אין אַלכסנדריא (§ 127). און דער סוויטע פונם רוימישען קאָמאַנדיר האָט זיך געפינען אויך דער אומגליקליכער פערטיידיגער פון גליל, יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס האָט געפונען חן אין די אויגען פון טיטוס'ן און אספּסינוס'ן, הורל'עס וואָס ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אָפען פאַר אַנאָנהענגער פון דער רוימישער איבערהערשאַפט אין יהודה.

דריי אידען (איינער פון זיי אַ געוועזענער איד) און איין אידישע טאָכטער, טיטוס'עס געליעבטע בערעניקע, האָבען געקוקט פונם פיינטליכען לאַגער אויף זייער פאָטערלאַנד, וואָס איז אַבגעלאָפען מיט בלוט. זיי האָבען אפשר ניט גלייך קאַלטבלוטיג בעצויגען זיך דערצו, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר זייערע אויגען, נאָר אויף אַלעמען גלייך האָט דער שטרענגער משפט פון דער געשיכטע אַרויפגעלעגט זיין חותם: לחראון עולם, אויף אייביגער שאַנד.

אַנ'ערך אַרום פסח-צייט פון יאָהר 70 איז די רוימישע אַרמעע שוין געשטאַנען אונטער די מויערן פון ירושלים. פאַר איהר האָט זיך דערהויבען אויף הייכע בערג אַ שטאַרק בעפעסטיגטע, ערטערווייז לחלוטין אומצוגענגליכע שטאָדט. אויפ'ן מערב'דיגען באַרג, וואָס זיין שפּיץ איז געווען פלאַך אויף אַ גאַנץ בערייטערען שטח, איז געלעגען די אויבערשטע שטאָדט. איהר קעגענאיבער, אויף יענער זייט אַ טיעפען טאָל, האָט זיך געצויגען דער מזרחדיגער באַרג, וואָס לויט זיין שטח איז ער געווען קלענער, נאָר זיינע זייטען זענען געווען גלייך כמעט ווי אַ וואַנד. דאָ האָט זיך געפינען די אונטערשטע שטאָדט (די געוועזענע אַקרא) און דער פּלאַץ פאַר'ן בית-המקדש, וואָס איז געלעגען אויף אַ בעזונדערן באַרג (הר-המוריה). מיט'ן קוואַרטאַל פון בית-המקדש האָט זיך געגרעניצט דער שלאָס אַנטאָניאַ. דער דאָזיגער גרויסער קוואַרטאַל, חוץ דעם, וואָס ער איז געלעגען אויף אַ באַרג, איז נאָך געווען אַרומגערינגעלט מיט דריי הויכע מויערן, וואָס האָבען זיך דערהויבען ווי טעראַסען, און איז געווען אַ זעלבשטענדיגע פעסטונג. די אויבערשטע און אונטערשטע שטאָדט זענען געווען אַרומגערינגעלט מיט איין פעסטונגס-מויער; מעהר ניט פון צפון-זייט, וואו די אויסווייניגסטע זייטען פון די בערג האָבען זיך אַראָבגעלאָזט און האָבען געעפענט אַ צוטריט אין דער אונטערשטער שטאָדט, האָט מען איבערגע-

בּיז נאָך צווייַ מאָנאַטען מיט אַ כּך טורעמס. אין טאָג פֿון צפֿון-זייַט האָט טיטוס, פּונקט אַזוי ווי פּומפּיוס און די אַנדערע עראָבערער, אָנגעהויבּען דעם שטורם פֿון ירושלים.

הינטער די דאָזיגע שטאַרקע מויערן האָבּען זיך געפֿונען צעהנדליגער טויזענדער אונערשראָקענע פּאַטריאָטען פֿון יוחננ׳ס און שמעונ׳ס אָבּטהיילונגען, וואָס האָבּען מיט גרויס אויפֿגעמונטערונג געוואַרט נאָכ׳ן קאַמפּף, און הונדערטער טויזענדער בּירגער, וואָס זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿען אין הויפּט-שטאָדט פֿון אַלע קאַנטען פֿון יהודה (די בּעפֿעלקערונג פֿון ירושלים איז דעמאָלט געווען העכער אַ האַלבּ מיליאָן), האָבּען מיט ציטערניש געוואַרט דעריויף, ווי עס וועט בּעשלאָסען ווערען זייַן גורל.

די בּעלעגערונג און דער שטורם פֿון די אויבּערסטע מויערן.

§ 136. נאָכדעם ווי טיטוס האָט פֿערלאָזען דעם לאַגער אַרום ירושלים, האָט ער אָנגעהויבּען דערפֿון, וואָס ער האָט פֿאָרגעלעגט די איינוואוינער, זיי זאָלען מיט׳ן גוטען ווילען אידם איבּערגעבּען די שטאָדט און ווערען אונטערטעניג דער רוימישער אויבּערהערשאַפֿט, פּונקט ווי דאָס איז געוועזען פֿאַר׳ן אויפֿשטאַנד. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דעם דאָזיגען פֿאָרשלאָג האָבּען מיט פֿעראַכטונג אָבּגעוואָרפֿען די קנאים, וואָס האָבּען געשוואָרען צו קעמפֿען פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון פֿאָטערלאַנד בּיז׳ן לעצטען טראָפּען בּלוט. די רוימער האָבּען נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגען דעם קאַמפּף-פֿייער און וועגען דעם העלדישען מוט פֿון די פֿערטיידיגער פֿון ירושלים, נאָר אין גיכען האָבּען זיי דערזעהן, מיט וועמען זיי האָבּען דאָ צו טון.

טיטוס איז איינמאָל אַרומגערייטען מיט אַן אָבּטהיילונג רייַטער אין דער סבֿיבֿה פֿון ירושלים, כּדי אויסצופֿאָרשען די געגענד, און איז צו נאָהענט צוגערייטען צו די מויערן. מיט אַמאָל האָבּען זיך אַלאָז געטאָן פֿון טויער אַרויס אידישע קריגסלייַט, האָבּען אידם אָבּגעטיילט פֿון זייַנע סאָלדאַטען און האָבּען אידם שיער ניט געכאַפּט. נאָר ער האָט בּעוויזען צו אַנטלויפֿען אין לאַגער אויף זייַן געשווינדען פֿערד.

דערנאָך האָט אַן אָבּטהיילונג אידישע קעמפֿער געמאַכט אַן אָנפֿאַל פֿון שטאָדט, האָט זיך אַוואַרף געטאָן אויפֿ׳ן רוימישען צעהנטען לעגיאָן, וואָס איז געווען פֿערטומען מיט דער בּעפֿעסטיגונג פֿון זייַן לאַגער אויפֿ׳ן הר-הזיתים[2], און האָט בּייַ אידם אָנגעמאַכט אַ מהומה. די סאָלדאַטען האָבּען געוואָרפֿען די אַרבּייט און זענען אַנטלאָפֿען און האָבּען איבּערגעלאָזט הינטער זיך אַ כּך געהרגעטע און פֿערוואונדעטע חבֿרים. מעהר ניט דאָס, וואָס טיטוס האָט זיך געשווינד

---

[2]) דער הזיתים האָט זיך געפֿונען קעגענאיבּער-שטאָדט און איז פֿון מזרח-זייַט געווען אָבּגעטיילט פֿון אידר דורכ׳ן טאָל קדרון.

אַרײַנגעמישט, האָט אָפּגעהאַלטן דעם האַזיגן שענדליכן לויפֿן און האָט געראַטעוועט דעם לעגיאָן פֿון אונטערגאַנג.

קעגן העלדישן מוט פֿון די אידישע פּאַטריאָטן איז די רוימער אויסגעקומען אַנטקעגנצושטעלן זייער גאַנצע סטראַטעגישע קונסט. אַרום ירושלים האָט געקאָכט די אַרבעט בנוגע צו די הכנות צום שטורעם. אויף אַ גרויסן שטח אַרום און אַרום זענען געוואָרן אויסגעהאַקט די וועלדער און סעדער; מען האָט אויפֿגעשאָטן דאַמבעס און אויסגעבויט בעלעגערונגס-מאַשינעס. קעגן דער דרײַפֿאַכיגער שטאָטישער מויער אין צפֿון-זײַט, האָט מען אַוועקגעשטעלט מוראדיגע גרויסע שלײַדער-מאַשינעס, וואָס האָבן געוואָרפֿן אין שטאָט אַרײַן שטיינער, וואָס האָבן אָפּטמאָלס געוואויגן אַ פּוד איטליכער. מען האָט צוגערוקט ברעך-מאַשינען אָדער שטורעם-בעק (דאָס זענען אײַזערנע קלעצער, וואָס זייער שפּיץ איז געווען פֿון אײַזן און האָט אויסגעזען ווי אַ קאָפּ פֿון אַ באַראַן).

די שטאַרקע מויערן פֿון ירושלים האָבן אַ ציטער געטאָן אונטער די מעכטיגע קלעפּ פֿון די שטורעם-בעק, נאָר ניט געציטערט האָבן די הערצער פֿון אירע פֿאַרטיידיגער. די געצמטע האָבן פֿון זייער זײַט אַוועקגעשטעלט אויף די שטאָטישע מויערן קריגס-מאַשינעס, דער עיקר פֿון די, וואָס מען האָט זיי פֿאַרכאַפּט, נאָכיאָגנדיג זיך נאָך קוסטיוסען. די, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער שטאָטישער מויער, האָבן געוואָרפֿן אויף די רוימער שטיינער, פֿײַלן און ברענענדיגע שײַטן האָלץ; די דרײַסטערע האָבן געמאַכט פֿאַרצווייפֿלטע אויספֿאַלן. אַ פֿאַראייניגטע אָפּטיילונג קעמפֿער פֿון יוחננס און שמעונס פּאַרטיי איז אונבעמערקטערהייט אַרויס פֿון שטאָט, האָט אונטערגעצונדן די נאָענטסטע בעלעגערונגס-מאַשינעס פֿון די רוימער און איז שוין געווען גרייט אַרײַנצודרינגען אינם לאַגער פֿון די פֿײַנד. אַרום די ברענענדיגע מאַשינעס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ שרעקליכער קאַמף. מיט גרויס מיה האָט זיך טיטוס'ן אײַנגעגעבן צו ראַטעווען די מאַשינעס און צו צווינגען די אידן אָפּצוטרעטן אין שטאָט.

נאָר די רוימישע בעלעגערונגס-קונסט האָט געטאָן דאָס אירע. די אומאויפֿהערליכע קלעפּ פֿון די שטורעמבעק האָבן דורכגעקלאַפּט איין לאָך נאָך דער אַנדערער אין דער אויסווייניגסטער מויער. נאָך אַ שטורעם פֿון צוויי וואָכן האָבן די רוימער פֿאַרכאַפּט די ערשטע מויער, אין צפֿון-זײַט פֿון ירושלים (אַפּריל-מאַי פֿון יאָר 70). דער נײַער אָרום האָט זיך פֿאַר די אויגן פֿון די בעלעגערער אַנטפּלעקט אַ צווייטע מויער, און טיטוס האָט תּכף געהייסן זי שטורמען.

די מוטיגע פֿאַרטיידיגונג פֿון די אידן איז ניט אָפּגעשטאַנען קעגן דער קונציגער אַטאַקע פֿון די רוימער. „בײדע צדדים — דערצײלט יוסף, וואָס האָט דאָס אַליין געזען מיט זײַנע אויגן — האָבן ניט געוווּסט פֿון מידקייט. גאַנצע טעג פֿלעגן פֿאָרקומען אָנפֿאַלן, געשלעגן אַרום די מויערן און אויספֿאַלן פֿון פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען. קיין איין אופֿן פֿון קאַמף איז ניט גע-

בלײַבען, וואָס מען זאָל איהם ניט האָבען אויסגעפּרובט. מיט'ן זיגעניאויסגאַנג האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמפּף, אָבער אויך ביי-נאַכט איז קיין רוה ניט געקומען: די נאַכט פֿלעגט פֿאַרבײַגעהן אָהן שלאָף פֿאַר בײדע צדדים און איז געווען נאָך שווערער אַריבערצוטראָגען, איידער דער טאָג, ווארום די איינע האָבען אומזיסטע תגע געריכט זיך אויף אַ שטורם אויף די מויערן, און די אַנדערע — אויף אַנ׳ אָנפֿאַל אויפֿ'ן לאַגער. אַלע פֿלעגען פֿערברענגען די נאַכט אונטער געוועהר, און ווי נאָר בעגינען זענען זיי שוין געשטאַנען גרייט צום קאַמפּף. די אידען, וואָס האָבען געוואָלט זיך אויסצייכענען פֿאַר זייערע אָנפֿיהרער, האָבען זיך געריסען איינער פֿריהער פֿאַר'ן אַנדערן און די געפֿעהרליכסטע ערטער. אַ בעזונדערן געפֿיהל פֿון אַכטונג, צוזאַמעגעמישט מיט שרעק האָבען זיי געהאַט צו שמעון (בר-גיורא)".

די פֿערטיידיגער פֿונ'ם צווייטען מויער האָבען אויפֿגעטאָן וואונדערליכע גבורות, וואָס די רוימער גופֿא זענען דערפֿון נשתומם געוואָרען. בשעת דער שונא האָט אין פֿינף טעג אַרום נאָכ'ן איינעהמען די ערשטע מויער איינגענומען אויך די צווייטע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פֿערצווייפֿעלטער קאַמפּף אונ'ם פֿאָרשטאָדט, וואָס די רוימער האָבען זיי געהאַט איינגענומען (ביציתא). די אידען זענען מיט גרימצאָרן אָנגעפֿאַלען אויף די רוימער, וואָס זענען אַהין אַרײַנגעטראָטען, און האָבען זיי צוריקגעטריבען דורכ'ן שמאָלען דורכגאַנג, וואָס דער שטורמבאַק האָט דורכגעבראָכען אין דער מויער, און דערבײַ האָבען זיי אַ כך געהרגעט און פֿערוואונדעט. בלויז אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך טיטוס'ן ווידער איינגעגעבען צו פֿערכאַפּען ווידער אַמאָל די צווייטע מויער און צו פֿערנעהמען דאָרט אַ פֿעסטע פּאָזיציע.

דער המשך פֿון דער בעלעגערונג, הונגער און דער פֿאַל פֿונ'ם שלאָס אַנטאָניא.

§ 137. די שווערסטע אַרבײַט איז נאָך געווען פֿאָרויס. מען האָט בעדאַרפֿט איינעהמען די שטאַרק בעפֿעסטיגטע איבערשטע שטאָדט און די שוץ-פֿעסטונג פֿונ'ם בית-המקדש — דעם שלאָס אַנטאָניא. קעגען די דאָזיגע צוויי פּונקטען האָט טיטוס געהייסען אויפֿבויען פֿיער וואַלען און אַוועקשטעלען אויף זיי בעלעגערונגס-מאַשינען. פֿיער לעגיאָנען האָבען אָהן אויפֿהער געאַרבײַט בײַ די דאָזיגע וואַלען. נאָר אויך די בעלעגערטע זענען ניט געזעסען צונויפֿגעלעגט די הענד. די פֿערטיידיגונג פֿון דער איבערשטער שטאָדט האָט אָנגעפֿיהרט שמעון בן-גיורא, און די פֿעסטונג אַנטאָניא האָט פֿערטיידיגט יוחנן פֿון גוש-חלב. בײדע האָבען זיי געשאָסען אויף די רוימער פֿון זייערע שלײַדער-מאַשינען און האָבען ניט דערלאָזען זיי צו בויען די וואַלען.

טיטוס האָט ווידער אַמאָל געפּרובט צו בעוועגען די העלדען פֿון דער פֿערטיידיגונג, זיי זאָלען איבערגעבען די שטאָדט, און האָט געשיקט צו זיי יוסיפֿוס

פֿלאַוויִן, אַלס אַ שליח אויף צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען. יוסף האָט זיך געשטעלט אויף אַ הויכן אָרט קעגנאיבער דער מויער און האָט צוגערעדט די בעלעגערטע, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון דער אומנוציקער פֿאַרטיידיקונג, וואָס שלינגט איין אומזיסט קרבנות. אין זיין באַשרייבונג פֿון דער אידישער מלחמה האָט יוסף אויסגעלייגט די דאָזיקע רעדע אין זייער אַ גלאַטער רעטאָרישער פֿאָרם, וואָס לאָזט זיך קוים גלייבן ביי אַזאַ מעמד. ער גופֿא באַהויפּטעט, אַז די אידען, וואָס זענען געשטאַנען אויפֿן מויער, האָבן כסדר איבערגעריסן דעם רעדנער דורך כעס־פֿולע געשרייען און האָבן אַפֿילו געשאָסן אויף אים. ווי מען האָט געקאָנט זיך ריכטן לכתחלה, האָט דער דאָזיקער פּרוּוו זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. ניט דער תוכן פֿון יוספֿס רעדע, — וואָס איז באַשטאַנען דערין, אַז מען מוז בהכנעה זיך אונטערגעבן דעם שיקזאַל און דער רוימישער ממשלה, וואָס „איז איינגעשטעלט דורך גאָט", — ניט די פּערזענלעכקייט פֿונם שליח, וואָס די פּאַטריאָטן האָבן אים פֿיינט געהאַט אַלס פּחדן און בוגד, האָבן ניט געקענט ווירקן אויף די בעלעגערטע אין דעם זין, ווי טיטוס האָט דאָס געוואָלט.

פֿון זייער זייט האָבן די ירושלמער היטמאַנען, וואָס האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ בגידה מצד די צופֿעליקע איבערלויפֿער, פֿאַרזאָגט אַלעמען אונטער טויטשטראָף ניט אַרויסצוגיין פֿון שטאָט. שמעון בר־גיורא האָט געהייסן טויטן אַ גרופּע נכבדיקע בירגער, וואָס מען האָט געהאַט געוואָרפֿן אויף זיי אַ חשד, אַז זיי האָבן בדעה צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. צווישן אַנדערע איז אויך דעמאָלט געטויט געוואָרן דער געוועזענער כהן־גדול מתתיה בן תיאופֿיל.

נאָר ס'איז געווען אַן אַנדער קראַפֿט, וואָס האָט אָפּגעצויגן אַ באַדייטענדן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון צו פֿאַרנעמען זיך ענערגיש מיט דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער בעלעגערטער שטאָט. דאָס איז געווען יענע שרעקלעכע סטיכישע קראַפֿט, וואָס איז מסוגל צו דערשטיקן אַלע העכערע געפֿילן אין דער מענטשלעכער נשמה. איהר נאָמען איז געווען: הונגער. אין דער הויפּט־שטאָט, וואָס איז געווען איבערגעפֿילט מיט מענטשן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אומער־מעסטער דוחק אין שפּייז־פּראָדוקטן. די קריגסלייט, וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט די מויערן, פֿלעגט מען נאָך פֿאַרזאָרגן מיט שפּייז, די גבירים פֿלעגן קויפֿן אימליכען מעסטיל ווייץ פֿאַר אַ שלל מיט געלט, אָבער די אָרימע לייט האָבן לחלוטין ניט געהאַט וואָס צו עסן.

די אומגליקלעכע, פֿון הונגער אויסגעמאַטערטע מענטשן, האָבן אָנגעהויבן שטילערהייט אַרויסצוגיין פֿון שטאָט, כּדי צו זוכן שפּייז אין די נאָענטסטע ערטער. אַ סך פֿון זיי פֿלעגן אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די רוימער, וואָס האָבן בעלעגערט די שטאָט, און פֿלעגן ווערן אַכזריותדיק געפּייניקט און געטויט. טיטוס האָט געהייסן אויפֿהענגען אַ גרויסע גרופּע פֿון אַזעלכע אַנטלאָפֿענע אויף קרייצן, וואָס זענען געוואָרן אויפֿגעשטעלט קעגן דער שטאָט־מויער, כּדי איינצושרעקן די בעלעגערטע און צו באַוועגן זיי זיך

אונטערצוגעבען. די הערצאָרנטע רוימישע כאַליאַטען פלעגען אַלע טאָג כאַפּען אידישע אַנטלאָפענע און קרייציגען זיי אין פערשיידענע פּאָזעס. „די צאָהל פון די געקרייציגטע איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט ניט געקלעקט קיין אָרט פאַר קרייצען און קיין קרייצען פאַר די גופים". ביי אַ כך פּליטים (אַנטלאָפענע) האָט טיטוס געהייסען אָבהאַקען די הענד און צוריקטרייבען זיי אין שטאָדט אַריין, בכדי זיי זאָלען דורך זייער אויסזעהן אַרויפיאָגען אַ שרעק אויף די איינוואוינער.

נאָר לא די וואָס די אכזריותדיגע מעשים פון די רוימער האָבען ניט איינגעשראָקען די אידישע קעמפּפער, נאָר זיי האָבען נאָך שטאַרקער געמאַכט זייער חשק צום קאַמפּף. בשעת די רוימישע לעגיאָנען האָבען, נאָך ניט-געוועהנליך הייסע אָנשטרענגונגען, פערענדיגט בויען די בעלעגערונגס-וואַלען קעגען דער אויבערשטער שטאָדט און קעגען שלאָס אַנטאָניא און האָבען אַוועקגעשטעלט אויף זיי זייערע מאַשינען, האָט זיך ווידער אָנגעהויבען די קעגען-אַטאַקע פון די אידען. יוחנן פון גוש-חלב האָט דורכגעפיהרט אַן אונטערערדישען גאַנג פון'ם שלאָס אַנטאָניא ביז צו די רוימישע בעפעסטיגונגען, וואָס זענען געשטאַנען קעגענאיבער, האָט אונטערגעשטיצט דעם דאָזיגען טונעל מיט באַלקענס און האָט געהייסען דערנאָך אַלצדינג אונטערצינדען. די שטיץ-באַלקענס זענען פערברענט געוואָרען, דער טונעל איז איינגעפאַלען און אינאיינעם מיט איהם זענען איינגעפאַלען מיט אַ מוראדיגען רעש אויך די רוימישע בעפעסטיגונגען פון אויבען. אין דער זעלביגער צייט האָט שמעון בר-גיורא'ס אָנאַבטיילונג געמאַכט אַ פערצווייפעלטען אויספאַל אונטער אַ האָגעל פון פיילען און קלעפּ פון שווערדען און האָט פערברענט די שליידער- און ברעך-מאַשינען, וואָס זענען געווען אַוועקגעשטעלט קעגען דער אויבערשטער שטאָדט.

דער ווילדער מוט פון די אידען האָט געמאַכט שטוינען די רוימער און האָט זיי אַריינגעבראַכט אין יאוש. די פרוכט פון לאַנגע אָנשטרענגונגען מצד פיער לעגיאָנען זענען צו-נישט געוואָרען אין עטליכע שעה. די רוימישע קריגספיהרער האָבען זיך אַליין מעהר בעפעסטיגט אין דער דעה, אַז דורך אַ שטורם וועט מען ניט קאָנען איינעמען אַ שטאָדט, וואָס ווערט פערטיידיגט דורך אַזעלכע גבורים. בכן האָט מען אויפ'ן קריגס-ראַט בעשלאָסען אָנצו-ווענדען אַן אַנדער סיסטעם, דאָס הייסט, אַרומרינגלען די שטאָדט דורך אַ שטיינערנער מויער מיט וואַך-פּאָסטענס, ניט צולאָזען אין דער הויפּט-שטאָדט קיין שום שפּייז-פּראָדוקטען און אויסהונגערן די בעפעלקערונג, בכדי אָבצושוואַכען זייערע מיליטערישע קרעפטען און צווינגען זיי זיך אונטערצוגעבען.

מיט גרויס חשק האָבען די רוימער זיך גענומען פאַר דער דאָזיגער אַרבייט— און אין משך פון עטליכע טעג איז די מויער געווען פאַרטיג. אין דרייצעהן פונקטען האָט מען אויסגעבויט אויף איהר טורעמס, וואו עס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען רוימישע וועכטערס.

די בעלעגערונג האָט געטאָן דאָס איהריגע. דער הונגער האָט געווילדעוועט

אין דער אײַנגעשלאָסענער שטאָדט מיט אַ שרעקלעכער קראַפֿט. איצטער האָט ער זיך שוין אַרײַנגעקליבן אין די פּאַלאַצן פֿון די גבֿירים און אין די רײַכע פּנים חיל. אָבער די גאַסן האָבן אַרומגעבלאָנקעט בלאַסע, פֿון הונגער געשוואָלענע מענטשן, און זענען געפֿאַלן אָפּטמאָלס פֿון אויסצערונג. שטיל און פּאַמעלעך זענען אויסגעגאַנגען פֿון די כּחות און געשטאָרבן מאַנסבילן, װײַבער און קינדער; ס׳איז ניט געװען קײן כּח צו באַװײנען די געשטאָרבענע. דער טויט האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגן — מען האָט זיך צו אים צוגעװױנט. אַ שטילקייט פֿון אַ בית-עולם האָט געהערשט אין שטאָדט. די קראַנקלײַט זענען געשטאַנען אויף די מויערן, אָנגעבלוזטע, טרויעריקע, גרייט צו שטאַרבן, אָבער ניט זיך אונטערצוגעבן. די רוימער האָבן מיט גרויס רשעות זיך גערייצט מיט זײ, באַװײַזנדיק זײ פֿון דערװײַטנס די פֿיל שפּײַז-פּראָדוקטן, װאָס זענען געװען צונױפֿגעקליבן בײַ זײ אין לאַגער.

שפּעטער האָט מען דערצײלט װעגן די שרעקלעכע מצבֿים, צו װעלכע דער הונגער האָט אָפּטמאָלס געבראַכט די באַלעגערטע. די מענטשן, אין זײער הונגער-משוגעת, פֿלעגן אַרױסרײַסן אײנער בײַם צװײטן דעם ביסן פֿון מויל, פֿלעגן אויפֿעסן מיט גרויס חשק אַלע מיני אָפּפֿאַלן, פֿלעגן קײַען הײ, שטרוי, לעדער. די שטאָלצע אַריסטאָקראַטין מרתא, דעם כּהן-גדול יהושעס אַלמנה (§ 126), װאָס בשעת זי פֿלעגט אַנימעלט גײן אין בית-המקדש, פֿלעגט מען פֿאַר איר אויסשפּרײטן טעפּיכן אויפֿן גאַס, — האָט איצט געקליבן אויפֿן גאַס אָפּפֿאַלן. אַ רײַכע פֿרוי מרים בת-אזובֿ פֿון פּערעאַ האָט געקוילעט און אויפֿגעגעסן איר אײגן קינד.

ס׳פֿלעגט טרעפֿן אַמאָל, אַז די מענטשן, אויסגעמאַטערט פֿון הונגער, פֿלעגן אַנטלויפֿן פֿון דער באַלעגערטער שטאָדט, נאָר אַזעלכע פּליטים פֿלעגן על-פּי-רובֿ שטאַרבן אויף יענער זײַט מויער גראָדע אין יענער מינוט, בשעת זײ פֿלעגן זיך אַװאָרף טון מיט זשעדנעקייט אויף די שפּײַז, װאָס מען פֿלעגט זײ געבן. צװישן די רוימישע סאָלדאַטן האָט זיך פֿאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז די ייִדישע פּליטים, בשעת זײ פֿאַרלאָזן די שטאָדט, שלינגען זײ אײַן אַ סך גאָלדענע מטבעות, כּדי צו באַהאַלטן זײ פֿון די רויבער. און געלטגיריקע סאָלדאַטן פֿלעגן כאַפּן די אומגליקלעכע, אויפֿשנײַדן זײ די לײַבער, צו זוכן דאָרט גאָלד.

אַז טיטוס האָט דערזען, װאָס פֿאַר חורבנות דער הונגער האָט אָנגעמאַכט צװישן די באַלעגערטע, האָט ער סוף-כּל-סוף באַשלאָסן בײַ זיך צו מאַכן אַ שטורעם אויפֿן שלאָס אַנטאָניאַ. דער נײַער אויספֿאַל, װאָס יוחננס אָפּטײלונג האָט געמאַכט פֿון דאָרט, כּדי צו פֿאַרניכטן די באַלעגערונגס-מאַשינען, האָט צו גאָרנישט ניט געפֿירט. צעטרייסלט דורך די מעכטיקע קלעפּ פֿון שטורעם-באָק, איז די מויער אַרום שלאָס אײַנגעפֿאַלן. נאָר הינטער איר האָבן די רוימער צו זײער גרויסן ערשטוינען דערזען נאָך אַ מויער, װאָס יוחנן האָט

אויף דער גיך אויפגעבויט. נאָך אַ האַרטנאַקיגען קאַמפּף האָט זיך די רוימער איינגעגעבען בײַ־נאַכט אַרײַנצודרינגען אין שלאָס, אויסצוהרגען די שומרים און צו פֿערכאַפּען די דאָזיגע פֿעסטונג פֿונ׳ם הר־הבית (5 טעג אין תמוז). יוחנן און זײַנע קנאים האָבען זיך בעפֿעסטיגט אינ׳ם קוואַרטאַל פֿון בית־המקדש, הינטער זיי האָבען זיך אַלאַז געטאָן די רוימער, נאָר זיי זענען צוריקגעטריבען געוואָרען מיט אַגאַנווער. טיטוס האָט געמוזט הערווייל זיך בעגענוגען דערמיט, וואָס ער האָט פֿערכאַפּט דעם שלאָס אַנטאָניאַ. ער האָט געהייסען אָבגראָבען דעם פֿונדאַמענט פֿונ׳ם שלאָס (געבליבען זענען מעהר ניט די זייטיגע טורעמס), בכדי אָבצורייניגען אַ פּלאַץ פֿאַר די מיליטערישע אַרבייטען קעגען בעפֿעסטיגטען קוואַרטאַל פֿון בית־המקדש.

די פֿערברענונג פֿון בית־המקדש.

§ 138. דער שונא איז דערגאַנגען ביז צום היילינגסטען שטיץ־פּונקט פֿון דער נאַציע — ביז צום בית־המקדש אין ירושלים. דער גרויסער קוואַרטאַל פֿון בית־המקדש, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט גראָבע מויערן, איז געווען אַ שטאַרקע פֿעסטונג. פֿאַזע די מויערן פֿון אינעווייניג האָבען זיך געצויגען שורות זיילען אָדער גאַלעריעס. אין מיטען דעם דאָזיגען איינגעשלאָסענעם פּלאַץ האָט זיך געפֿינען נאָך אַן אינעווייניגסטער הויף, וואָס איז אויך געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ פֿעסטען פּאַרקאַן.

דאָ האָבען זיך קאָנצענטרירט די בעסטע מיליטערישע קרעפֿטען פֿון פֿאָלק אונטער יוחנן׳ס אָנפֿיהרונג. דער בית־המקדש איז געוואָרען אַ קריגס־לאַגער. דער קרבן־תמיד, וואָס מען האָט איהם געמוזט ברענגען אַלע טאָג, האָט מען איצט אויפֿגעהערט צו ברענגען, מחמת עס האָבען געפֿעהלט כהנים אָדער בהמות צוליעב די קרבנות (שבֿעה־עשר בתמוז בטל קרבן התמיד). אַ נייער פֿאָרשלאָג יוסיפֿוס פֿלאַוויוס׳, וואָס איז געווען געווענדט צו יוחנן, ער זאָל פֿערשוינען דעם בית־המקדש און זיך אונטערגעבען — איז אָבגעוואָרפֿען געוואָרען. מעהר ניט אַ קליינע גרופּע מענשען, דער עיקר פֿון מיוחסדיגע משפחות כהנים, איז שטילערהייד אַריבער אין לאַגער פֿון די רוימער, און טיטוס האָט זיי אַריבערגעשיקט אין קליינעם שטעדטיל גופֿנית. די פּאַטריאָטען האָבען בעשלאָסען צו פֿערטיידיגען זיך ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט.

די שליידער־מאַשינעס, וואָס זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרען אויף די פֿעסטונגס־מויערן פֿון בית־המקדש, און דער קריגערישער אויסזעהן פֿון די אידישע שומרים האָבען איבערצייגט טיטוס׳ן, אַז די בעלעגערטע טראַכטען גאָרניט וועגען אונטערגעבען זיך. אַ פּרוּוו פֿון אַ רוימישער אָבגעקליבענער אָבטיילונג, אַרײַנצודרינגען אין פֿעסטונג דורך אַן אָנפֿאַל בײַ־נאַכט, האָט זיך ניט איינגעגעבען. מען האָט ווידער אַמאָל געמוזט איבער׳חזר׳ן די בעלעגערונג: ברענגען געהילץ פֿון ווייטע געגענדען (מחמת אַרום ירושלים זענען אַלע בוימער אויסגעהאַקט

געווען אין איבריגע ווענט. די אידען האָבען געקוקט אויף דער דאָזיגער ארבייט פון די העכער פון די גאַלעריעס, וואָס האָבען ארומגערינגעלט דעם הויף פון בית-המקדש.

איין מאָל האָבען זיי אַריינגענאַרט די רוימער אין א פּאַסטקע. זיי האָבען געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי פּערלאָזען כלומרשט די מערבֿדיגע גאַלעריי און געהען אַוועק אין די אינעווייניגסטע טיילען פונ'ם קווארטאַל. נאָר אונבעמערקטערהייט האָבען זיי אינטען אונטערגעלעגט האָלץ מיט אַספאַלט און סמאָלע. א סך דרייסטע מענשען פון צווישען די רוימער זענען תּכף ארויפגעקלעטערט אויף לייטערס אויפ'ן דאַך פון דער פּערלאָזטער גאַלעריי. נאָר אין יענעם מאָמענט האָבען די אידען אונטערגעצונדען דעם אונטערגעלעגטען ברען-מאַטעריאַל, — און די רוימער זענען אומגעקומען אין פייער אָדער האָבען זיך צעקלאַפּט, פאַלענדיג אינאיינעם מיט די איינגעבראָכענע ווענט.

אַז די וואַלען זענען פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך אָנגעהויבען די צעשטערונגס-ארבייט. ס'האָבען זיך דערהערט די הונגער-קלעפּ פון די שטורם-בעק, נאָר די גראָבע מויערן, וואָס זענען געווען געבויט פון גרויסע שטיינער, האָבען ניט נאָכגעגעבען. דעמאָלט איז מען פון שטורם איבערגעגאַנגען צו א ווינציגער העלדישען מיטעל — צום אונטערצינדען. לויט טיטוס'עס בעפעהל, האָבען די סאָלדאַטען אונטערגעצונדען אין די פּעסטונגס-מויערן דעם הילצערנעם טויער, וואָס איז געווען בעדעקט מיט זילבער. דער מעטאַל איז צעשמאָלצען געוואָרען, די באַלקעס האָבען זיך אָנגעצונדען, און דער פייער איז אריבער אויף די שכניש'ע גאַלעריעס און אויף אַנדערע בנינים. דער אריינגאַנג אינ'ם איבעווייניגסטען הויף פון בית-המקדש איז געווען אָפען פאַר די רוימער. די אידען זענען אריינגעשטופּט געוואָרען אינ'ם אינעווייניגסטען הויף (8 טעג אין אב).

אויפ'ן אַנדער טאָג האָט טיטוס צונויפגערופען א קריגס-ראַט. מען האָט ארומגעקלערט די פראַגע, וואָס זאָל מען טון מיט'ן בית-המקדש. איינינגע זענען געשטאַנען דערפאַר, מען זאָל פערטילגען דעם דאָזיגען הויפּטליכען „בעהעלטעניש פון די מורדים"; אַנדערע האָבען געגעבען אַן עצה, מען זאָל פערשוינען דעם דאָזיגען גרויסאַרטיגען בנין, וואָס איז בערימט איבער דער גאַנצער וועלט[3]. די צווייטע מיינונג האָט בעקומען די איבערהאַנד, און אין דעם זין איז אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס. נאָר אין דער היץ פונ'ם קאַמפּף האָט מען די דאָזיגע החלטה ניט געקאָנט אָבהיטען.

---

[3]) לויט יוסיפוס פלאַוויוס'ן, טיטוס'עס מליץ-יושר, קומט אויס, אַז טיטוס איז געשטאַנען דערפאַר, מען זאָל פערשוינען דעם בית-המקדש. נאָר אין דער „כראָניק" פונ'ם ניט-אידישען שריפטשטעלער סולפּיציוס סעווערוס (אין אָנהויב פון V יאָהרהונדערט), וואָס איז זיך סומך אויף אלטע מקורים, ווערט בעהויפּטעט פערקעהרט, אַז טיטוס איז געשטאַנען דערויף, מען זאָל חרוב מאַכען דעם בית-המקדש.

די אידען, וואָס זענען אָבגעשטופּט געוואָרען אינ׳ם אינעווייניגסטען הויף פֿון בית־המקדש, האָבען זיך ניט בעגנוגעט מיט אַ פּאַסיווען ווידערשטאַנד, נאָר זיי האָבען געמאַכט אויספֿאַלען און זענען אָנגעפֿאַלען מיט גרויס צאָרן אויף די רוימישע וועכטערס, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען אַרום הויף. בשעת איינעם פֿון אַזעלכע געשלעגען, אַז אינ׳ם אויסווייניגסטען הויף האָבען נאָך געריכערט די מפּולת׳ען פֿון די גאַלעריעס פֿון דער שׂרפֿה, וואָס איז אָקאָרשט פֿאָרגעקומען, האָבען די רוימישע סאָלדאַטען אָנגעהויבען וואַרפֿען ברענענדיגע שייטען האַלץ אינ׳ם אינעווייניגסטען הויף. איין שייט איז דורכ׳ן פֿענסטער אַריינגעפֿלויגען אין איינעם פֿון די אינעווייניגסטע חדרים פֿון בית־המקדש — און דער גראַנדיעזער בנין האָט זיך אָנגעצונדען (10 טעג אין אָב).

אויף די פֿערטיידיגער פֿון בית־המקדש און אויף די בירגער, וואָס האָבען געהאַט זיך דאָרט בעהאַלטען, איז אָנגעפֿאַלען אַ שרעקליכע פּאַניק. געשווינד איז אָנגעקומען טיטוס מיט זיין הויפּט־אַרמעע. ער האָט דערוויזען אויף דער גיך אַריינצוקוקען די אינעווייניגסטע חדרים פֿון בית־המקדש און איז געשווינד אַרויס פֿון דאָרטען. די צעווילדעוועטע רוימישע סאָלדאַטען האָבען ניט אויפֿגעהערט צו צינדען די בנינים פֿון בית־המקדש אין פֿערשיידענע ערטער, און דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען איין פֿלאַמען־ים.

דער בלוטיגער קאַמף האָט דערגרייכט ביז צו זיין העכסטען פּונקט. צווישען די ברענענדיגע און איינפֿאַלענדע הייזער האָבען זיך געוואָרפֿען אין אַלע זייטען די איינוואוינער, משוגע פֿאַר שרעק. די רוימער האָבען הרג׳עט אַלעמען, ווער עס איז זיי געקומען אין וועג, בעוואָפֿענטע און אומבעוואָפֿענטע, וואָס האָבען זיך אַנטקעגענגעשטעלט און וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען, דערוואַקסענע און קינדער. אַ סך אידען האָבען זיך אַליין אַריינגעוואָרפֿען אין פֿייער, בעגייסטערט דורכ׳ן געדאַנק, אַז זיי וועלען ווערען פֿערברענט אינאיינעם מיט זייער נאַציאָנאַלען הייליגטום. עטליכע כּהנים האָבען אָבגעבראָכען די מעטאַלישע שפּיצען אויפֿ׳ן דאַך פֿון בית־המקדש און האָבען זיך פֿערטיידיגט דערמיט קעגען די רוימער, און אַז די כּחות זענען זיי אויסגעגאַנגען, זענען זיי אומגעקומען אין פֿייער (מאיר בן־בלגה, יוסף בן־דלאי).

דער רעש פֿון די ברענענדיגע און פֿאַלענדע הייזער, די קרעכצען פֿון די דערהרג׳עטע, די זיגעס־געשרייען פֿון די רוימישע סאָלדאַטען — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפֿגעמישט אין איין טייוולישען קאָנצערט. „ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס ברענט דער גאַנצער הר־הבית, פֿונים פֿוס ביז׳ן שפּיץ, נאָר די שטראָמען בלוט זענען געווען ברייטער פֿאַר די שטראָמען פֿייער. מחמת די פֿיעל הרוגים האָט מען די ערד ניט געקאָנט זעהן, און בשעת די סאָלדאַטען האָבען נאָכגעיאָגט די אַנטלאָפֿענע, זענען זיי געשפּרונגען איבער הויפֿענס טויטע קערפּערס".

אַ מאַסע ווייבער און קינדער האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין איינער פֿון

די לשכות פון בית-המקדש, נאָר די רוימער האָבען אונטערגעצונדען די לשכה, און אַלע זענען דאָ אומגעקומען. פערשוינט האָט מען קיינעם ניט. אַז מען האָט געבראַכט עטליכע געפאַנגענע כהנים פאַר טיטוס'ן, און זיי האָבען זיך געבעטען ביי איהם, ער זאָל זיי לאָזען לעבען, האָט ער מיט אַ טויטענדער איראָניע געענטפערט: „פאַר כהנים פּאַסט עס אומצוקומען אינאיינעם מיט זייער היילגטום" — און ער האָט געהייסען זיי טויטען.

עטליכע מוטיגע מענשען האָט זיך איינגעגעבען הורכצושלאָגען זיך דורך די רייהען פון די רוימער און אַנטלויפען פון די ברענענדיגע חורבות. צווישען זיי איז געווען דער אָנפיהרער פון די קנאים יוחנן פון גוש-חלב מיט אַ הייפעל איבערגעבליבענע קריגסלייט. זיי זענען אַריבער אין דער איבערשטער שטאָדט, וואָס די רוימער האָבען נאָך ניט געהאַט זי איינגענומען און וואָס שמעון בר-גיורא'ס אַבטיילונגען האָבען זי פערטיידיגט.

נאָכדעם ווי די קנאים זענען אַוועק, האָבען די רוימישע לעגיאָנען אויפגעשטעלט זייערע פאָהנען צווישען די מויערן פונ'ם בית-המקדש, וואָס האָבען נאָך געריכערט קעגענאיבער דעם מזרחדיגען טויער. דאָ האָבען זיי, לויט אַנ-אַלטען רוימישען מנהג, אויסגערופען טיטוס'ן פאַר אַן „אימפעראַטאָר" (דאָס איז געווען דער ערענטיטעל פאַר אַ קריגספיהרער, וואָס האָט מנצח געווען). באַלד האָט טיטוס אָבגעגעבען זיינע סאָלדאַטען אויף אויסצוהיבען אַלע איינגענומענע טיילען שטאָדט. כ'זענען געוואָרען פערברענט און אויסגערויבט אַקרא, עופל, די געביי פונ'ם שטאָדטישען ראַט און דער אַרכיוו, און דערנאָך איז פערניכטעט געוואָרען די גאַנצע אונטערשטע שטאָדט ביז'ן קוואַל שלח.

די עראָבערונג פון דער איבערשטער שטאָדט און די צעשטערונג פון ירושלים.

§ 139. יוחנן'ס און שמעון'ס קנאים האָבען זיך בעפעסטיגט אין דער איבערשטער שטאָדט, וואָס איז געווען אָבגעטיילט פון דער אונטערשטער שטאָדט, וואָס די רוימער האָבען זי געהאַט איינגענומען, דורך אַ טיעפען טאָל, איבער וועלכען עס איז געווען אויסגעבויט אַ בריק קעגענאיבער דעם הר-הבית. די קנאים וואָלטען געקאָנט נאָך לאַנג זיך פערטיידיגען אין דער גוט בעפעסטיגטער איבערשטער שטאָדט, אויב זיי וואָלטען געהאַט גענוג שפּייז. נאָר אָהן פּראָוויאַנט, מיט אַ בעפעלקערונג, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון הונגער און וואָס האָט נאָך די איבערגעלעבטע קאַטאַסטראָפע אָנגעוואָרען איטליכע האָפענונג אויף צו דערווארטען דאָס פאָטערלאַנד, איז שווער געווען ווייטער צו פיהרען די פערטיידיגונג. דעריבער האָבען שמעון און יוחנן געלאָזט אָנזאָגען טיטוס'ן, אַז זיי זענען גרייט אָבצוטרעטען די איבערשטע שטאָדט, בתנאי אַז מען זאָל זיי לאָזען פריי אָבציהען מיט געווער אין די הענד. אויף טיטוס'עס פאָדערונג — זיי זאָלען אַניידערלעגען די געווער און זיך אונטערגעבען אָהן אַ שום תנאי,

האָבן די קנאים געענטפערט מיט ניין, זיך כּמעט זעענדיג דערויף, וואָס זיי האָבן געשוואָרן ניט אַנידערצולעגן די געווער, כּל-זמן זיי לעבן. די אונטערהאַנדלונגען האָבן אויפגעהערט, און דער קאַמף האָט זיך אויפסניי פונאַנדערגעפלאַקערט.

די קנאים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין הורדוס'עס געוועזענעם פּאַלאַץ. דאָס איז געווען אַ שטאַרקע פעסטונג מיט דריי מאַכטיגע טורעמס, וואָס האָבן געטראָגן די נעמען היפּיקוס, פּאַזאל און מרים. קעגן דעם דאָזיגן פונקט האָבן די רוימער אויסגעבויט וואַלן. די באַלעגערטע האָבן שוין ניט געקאָנט זיך פאַרטיידיגן מיט דער פריהערדיגער ענערגיע. די דיסציפּלין אין זייערע ריהען איז שוואַכער געוואָרן. די אָבטיילונגען אדומים, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער שמעון'ס אָנפיהרונג, האָבן אָנגעהויבן איבערצוגעהן צו די רוימער, און די שטרענגסטע מיטלען פונים אָנפיהרער האָבן ניט געקאָנט אָבהאַלטן זיי פון צו אַנטלויפן. אַ סך קנאים זענען אַוועק אין אונטערערדישע גענג, מחמת זיי האָבן געהאָפט צו באַהאַלטן זיך דאָרט פון דער קומענדיגער קאַטאַסטראָפע. די איבעריגע קעמפער האָבן מיט די לעצטע כּחות פאַרטיידיגט זייערע פּאָזיציעס. נאָר די ערשטע לעכער, וואָס די רוימישע שטורמבעק האָבן דורכגעקלאַפּט אין די מויערן, האָבן זיי איבערצייגט, אַז צו קעמפן ווייטער איז אומנוציג. זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע טורעמס און האָבן זיך באַהאַלטן אין די אונטערערדישע גענג.

די רוימער האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער אויבערשטער שטאָדט און האָבן אויפגעשטעלט זייערע פאָנען אויף די טורעמס פון הורדוס'עס פּאַלאַץ (אין אלול פון יאָהר 70). ווי ווילדע חיות האָבן זיי זיך אַוואָרף געטאָן אויף די אויסגעדאַרטע, אויסגעמאַטערטע איינוואוינער, האָבן געטויט, געצונדן הייזער, גערויבט האָב-און-גוטס. אַסך מאָל, אַריינרייסענדיג זיך אין הייזער און הויפן נאָך רויב, פלעגן די רוימער געפינען דאָרט גאַנצע הויפענס טויטע קערפּערס, די קרבנות, פון הונגער; דער דאָזיגער אָנבליק פלעגט אויף אַזוי פיעל אָנשרעקן אפילו די ווילדע סאָלדאַטן, אַז זיי פלעגן פאַרגעסן וועגן רויב און זיך פונאַנדערלויפן. אַ טאָג און אַ נאַכט האָט געברענט די אויבערשטע שטאָדט. און אויפן אַנדערן מאָרגען — באַמערקט עלעגיש יוסף, וואָס האָט דאָס אַלצדינג איבערגעלעבט — „איז די זון אויפגעגאַנגען איבער די רויכערנדיגע חורבות פון ירושלים".

נאָך אַ באַלעגערונג פון פינף חדשים איז אין די הענד פונים שונא געווען די גאַנצע שטאָדט, צעשטערט, פאַרברענט, פאַרגאָסן מיט בלוט, פול מיט הרוגים. די וואָס זענען געבליבן גאַנץ פון הונגער און שווערד און וואָס זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען, זיי האָבן די רוימער באַשטימט אויף צו פאַרקויפן פאַר

שלאָפען, צו פערשיקען אויף צוואַנגס־אַרבייטען אַדער צו נעהמען אַנ׳אַנטייל אין די גלאַדיאַטאָרען־געשלעגען[4].

פריי געלאָזט האָט מען נאָר יענע פרידליכע איינוואוינער, וואָס זענען פריהער אַנטלאָפען געוואָרען צו די רוימער און האָבען זיך אונטערגעגעבען זיי. יוסיפוס פלאַוויוס׳ן האָט זיך אויך איינגעגעבען צו פועל׳ן ביי טיטוס׳ן, ער זאָל בעגנאַדיגען אַ גרויסע געפאַנגענע, וואָס צווישען זיי האָבען זיך געפינען העכער 200 זיינע קרובים און בעקאַנטע.

פון די אַנפיהרער פון דער מרידה און פון די קנאים־קעמפפער האָט מען איינינע געטויט, די אַנדערע — די גרעסטע אין שענסטע — האָט מען געלאָזט לעבען, בכדי צו בעשיינען דורך זיי טיטוס׳עס טריומף־צוג אין רוים. אַ סך קנאים, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין די הייהלען, זענען אַרויס פון דאָרט, אויסגעמאַטערט דורכ׳ן הונגער, און זענען אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענ־שאַפט. דער אַנפיהרער פון די קנאים, יוחנן פון גוש־חלב איז אַרויס פון הייהל און האָט זיך אַליין איבערגעגעבען אין די הענד פון די רוימער.

שפעטער איז אַרויס פון זיין אונטערערדישער בעהעלטעניש אויך שמעון בן־גיורא. צווישען די חורבות פון בית־המקדש האָט זיך איין מאָל בעוויזען אַ געשטאַלט, איינגעהילט אין ווייסען. אויפ׳ן אָנרוף פונ׳ם רוימישען וועכטער האָט זיך דערהערט אַן ענטפער: „רופט אייער קאָמאַנדיר!“ דער קאָמאַנדיר פונ׳ם גאַר־ניזאָן, וואָס איז געקומען צו גיכן, האָט דערקענט אינ׳ם אונבעקאַנטען דעם גרויסען העלד, וואָס ניט לאַנג האָט ער אַרויסגעיאָגט אַ שרעק אויף די רוימער.

ביידע אַנפיהרער האָט מען געשמידט אין קייטען און אָבגעפיהרט פריהער קיין קיסריה און דערנאָך קיין רוים, בכדי צו בעצירען דעם טריומף־צוג.

ירושלים, וואָס ניט־לאַנג נאָך איז זי געווען אַ בליהענדע, גרויסאַרטיגע שטאָדט, איז איצט געוואָרען אַ הויפען חורבות. מעהר ניט דריי טורעמס פון הורדוס׳עס פאַלאַץ (היפיקוס, פזאל און מרים) זענען געבליבען אויף געדעכעניש פאַר די קומענדיגע דורות, בכדי זיי זאָלען וויסען, ווי בעפעסטיגט ס׳איז געווען

4) אין דער פאָלקס־לעגענדע (אין תלמוד און מדרש) זענען פערבליבען אַ סך עפּיזאָדען וועגען גורל פון די אונגליקליכע אידישע געפאַנגענע, וואָס מאַכען דערציטערן דורך זייער טראַגיזם. צווישען אַנדערע, איז בעוואוסט די ערצעהלונג וועגען דעם, ווי אַזוי אַ ברודער און אַ שוועסטער פון אַנ׳אַריסטאָקראַטישער ירושלמ׳ער פאַמיליע זענען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען צו צוויי פערשיידענע בעלי־בתים. ניט וויסענדיג וועגען זייער קרובה׳שאַפט, האָבען די בעלי־בתים בעשטימט חתונה צו מאַכען דעם שלאַנקען יונגלינג מיט דער שענער שקלאַפין. אַז מען האָט זיי ביי־נאַכט צונויפגעפיהרט, און זיי האָבען איינער דעם אַנדערן דערקענט, זענען די פון אימה געשטאָרבען אויפ׳ן אָרט.

די שטאָדט, וואָס די רוימישע געוועהר האָט זי איינגענומען[5]. ס'איז גאַנץ געבליבען אויך דער מערבֿדיגער טייל פון דער שטאָדטישער מויער, הינטער וועלכער כ'האָט זיך געלעגערט דער רוימישער גאַרניזאָן (דער צעהנטער לעגיאָן), וואָס איז אָבגעשטעלט געוואָרען איצט צווישען די חורבות.

דער טריומף פון די זיגער.

§ 140. רוים האָט טריומפירט. נאָך אַ סך יאָהרען פון קאַמפף, וואָס עס זענען געווען ניט קיין קליינע אָנוועהרען, נאָך אַנ'אויסערסטער אָנשטרענגונג פון אַלע איהרע מיליטערישע קרעפטען, האָט זי סוף־כל־סוף איינגענומען די קליינע יהודה, וואָס האָט זיך אַזוי העלדיש פערטיידיגט, און איהר הויפּט־שטאָדט האָט זי איינגענומען דער עיקר דורך שרפות און הונגער. דאָס איז געווען ניט אַזוי אַ העלדישער נצחון, ווי אַ נצחון איבער העלדען. זיך צו גרויסען איז גאָרניט געווען פאַרוואָס: מען האָט געקענט מעהר ניט פרעהען זיך, וואָס אַזאַ שווערע און געפעהרליכע מלחמה איז געענדיגט געוואָרען.

נאָכדעם ווי טיטוס האָט איבערגעלאָזט דעם גאַרניזאָן אין דער פערוויסטער ירושלים, איז ער מיט די איבעריגע לעגיאָנען אַוועק קיין קיסריה ביים ים. אַהין האָט מען געבראַכט צו פיהרען אויך די וויכטיגסטע אידישע געפאַנגענע. דאָ האָט מען אויך צייטווייליג בעהאַלטען די געראַבטע חפצים. אַ קורצע צייט איז טיטוס געווען צו־גאַסט אין קיסריה־פיליפי, אַגריפּס'ס רעזידענץ. לכבוד דעם זיגער האָט מען געמאַכט פרעהליכע שוישפּיעלען און גלאַדיאַטאָרען־געשלעגען. אַ סך אידישע געפאַנגענע זענען אומגעקומען דאָ אויף דער אַרענע, אין קאַמפף מיט ווילדע חיות. בשעת זיין ברודערס דאָמיציאַנוס'ס געבורטסטאָג, האָט טיטוס אַמוזירט די רוימער אין קיסריה ביים ים דורך גלאַדיאַטאָרען־געשלעגען, און העכער 2000 אידישע געפאַנגענע זענען צעריסען געוואָרען פון ווילדע חיות אָדער דערהרג'עט אין די געשלעגען. אין בעריטוס האָט טיטוס געפייערט דורך אַזעלכע בלוטיגע שפּיעלען אויך זיין פאָטערס, דעם קיסר אספּסינוס'ס געבורטסטאָג.

דאָס אַלץ איז מעהר ניט געווען אַ פאָרשפּיעל צום קומענדיגען גרויסען טריומף אין רוים. נאָך אַ נסיעה איבער סיריען און עגיפּטען איז טיטוס אָבגעפאָהרען קיין איטאַליען. אַהין האָט מען אויך איבערגעפיהרט פון קיסריה די אָנפיהרער פון די קנאים שמעון און יוחנן, און אַנ'ערך 700 אויסגעקליבענע אידישע געפאַנגענע, די גרעסטע און שענסטע. דער קייזער אספּסינוס גופא איז אַרויסגעפאָהרען אַנטקעגען דעם זוהן און האָט איהם בעגריסט.

און עטליכע טעג אַרום איז אין רוים פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער טריומף־

[5] איינער פון די טורעמס איז פערבליבען אין ירושלים עד־היום און איז בעקאַנט אונטערן נאָמען „מגדל דוד" (ביים איצטיגען יפו'ער טויער).

צוג לכבוד אספסינוס'ן, טיטוס'ן און דאָמיציאַנוס'ן, דגם דער סענאט האָט געהאַט באַשטימט פאַר אויטליכען א באַזונדערן טריומף (71). די גאַנצע באַפעלקערונג פון רוים איז אַרויס אויף די פּלעצער און גאַסען, וואס איבער זיי איז געגאַנגען דער פייערליכער צוג. די אימפּעראַטאָרען, באַקרוינט מיט אַיילבערטען-קרענץ, אַרומגערינגעלט פון'ם סענאַט און די העכסטע באַאַמטע, זענען באַגעגענט געוואָרען דורך באַגייסטערטע אָוואַציעס.

אין דער פּראַכטפולער לענגען גענאַנגען, אַראָבגעלאָזט די קעפּ, די אידישע קריגס-געפאַנגענע און צווישען זיי די לעצטע היילדען פון די העלדען פון'ם באַפרייאונגס-קאַמף. צווישען דעם קריגס-רויב, וואס מען האָט מיטגעבראַכט פון יהודה און וואס מען האָט אויף פאַר די זיגער, האָבען צוגעציגען די אויפמערקזאַמקייט די טייערע חפצים, וואס מען האָט אַרויסגענומען פון בית-המקדש אין ירושלים, א מנורה מיט זיבען רעדלען און א ספר-תורה.

אַז די פּראַכטפולע אַרונאַנגען בייז'ן טעמפעל פון יופּיטער דעם קאַפּיטאָליער, האָט זיך אָבגעשטעלט, און מען האָט געוואַרט, אַז מען זאָל אויספירען דעם טויט-שטראָף איבער'ן אָנפירער פון'ם באַזיגטען פאָלק, לויט ווי דער מנהג איז געווען. פון צווישען די געפאַנגענע, וואָס האָבען גענומען אַנטייל אין'ם צוג, האָט מען אַרויסגעפירט שמעון בר-גיורא'ן, אַרויפגעוואָרפען אויף אידם א שטריק און אַריינגעשלעפּט אידם אין טורמע ניט ווייט פון פאַרים דער שטאָדט-פּלאַץ פון רוים. דאָרט האָט מען איבערגעפירט די טויט-שטראָף איבער דעם אידישען העלד. וועגען דעם האָט מען מודיע געווען אויפ'ן פּלאַץ אונטער פרייד'ענס-געשרייען פון'ם פּובליקום. דער אַנדערער אָנפירער, יוחנן פון גוש-חלב, איז אָבגעמשפּט געוואָרען אויף צו זיצען אין תפיסה, כל-זמן ער וועט לעבען.

די טייערע חפצים, וואָס זענען איבערגעבליבען פון'ם בית-המקדש, האָט מען דערנאָך באַהאַלטען אין'ם טעמפעל פון דער „פרידענס-געטין", וואָס אַספּסינוס און טיטוס האָבען אויסגעבויט[6]. אַ'נים טריומף-בויגען, וואָס איז שפּעטער אויסגעבויט געוואָרען פון טיטוס'עס כבוד וועגען, האָבען זיך געפונען בולטע בילדער, אויסגעהאַקטע אין שטיין, פון די הייליגע כלים, וואָס זענען אַוועקגעטראָגען געוואָרען פון בית-המקדש, און אויך בילדער פון דער אידישער מלחמה[7]. צום אָנדענקען אין דעם נצחון, וואָס זיי האָבען אָבגעהאַלטען, האָבען די רוימער אָבגעגאָסען

---

6) שפּעטער בשעת רוים איז אויסגערויבט געוואָרען דורך גענזעריכ'ס וואַנדאַלען (455), האָט מען, אַפנים, די דאָזיגע הייליגע כלים אַריבערגעפירט קיין אפריקא, און פון דאָרט האָט זיי דער ביצאַנטישער הויפּטמאַן וועליזאַריוס אַריבערגעפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (534).

7) דער „טיטוס-בויגען" איז פאַרבליבען אין רוים ביז היינטיגען טאָג. די אידען, וואָס האָבען אין שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען געוואוינט אין רוים, פלעגען אויסמיידען פאַרביי צו גיין פאַרביי דעם דאָזיגען בויגען, וואָס האָט זיי דערמאָנט וועגען דער ערנידערונג פון זייער פאָטערלאַנד.

מטבעות, אויף וועלכע מ'איז געווען אויסגעקריצט די געשטאַלט פון אַ פרוי מיט געבונדענע הענד, וואָס איז איינגעבראָכען פון טרויער, און פאָלגענדע אויפשריפטען: Iudaea capta, Iudaea devicta. דאָס הייסט: געפאַנגענע מלכות־יהודה, בעזיגטע מלכות־יהודה.

דער פאַל פון די לעצטע פעסטונגען.

§ 141. נאָכ'ן חורבן ירושלים זענען אין די הענד פון די אידען נאָך פערבליבען דריי פּראָווינציעלע פעסטונגען: הורדיום, מאַכערוס, און מצדה. אין זיי האָבען זיך צונויפגעקליבען אידישע פליטים, וואָס האָבען בעשלאָסען זיך צו פערטיידיגען אונטער'ן שוץ פון די אַבטיילונגען פון קנאים. דעם רוימישען פערוואַלטער אין יהודה' באַסוס'ען, האָט מען געגעבען אַ בעפעהל איינצונעהמען די דאָזיגע פעסטונגען. הורדיום, וואָס איז געווען די נאָהענטסטע פעסטונג צו ירושלים, האָט זיך אונטערגעגעבען אָהן אַ קאַמפף.

אַנגעהרישען ווידערשטאַנד האָט אַרויסגעוויזען מאַכערוס, אויפ'ן דרומית־מזרחית'דיגען גרעניץ פון יהודה. דער אידישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער דאָזיגער פעסטונג, האָט ניט געלאָזט צו־רוה די רוימער דורך זיינע פלוצלינגדיגע אָנפאַלען און האָט זיי אָפטמאָלס אָנגעמאַכט גרויסע אָנווערהען. די בעלעגערונג וואָלט זיך געצויגען לאַנג, אויב אַ צופאַל וואָלט ניט געהאָלפען דעם שונא. בשעת אַ דרייסטען אָנפאַל מצד די בעלעגערטע האָבען די רוימער געכאַפּט אַ דרייסטען בחור אלעזר'ן, וואָס איז מיט אַ בעזונדערער גבורה אָנגעפאַלען אויפ'ן שונא און האָט צעשטערט זיינע בעלעגערונגס־וואַלען. די רוימער האָבען אויסגעטאָן דעם יונגען מאַן נאַקעט און האָבען איהם אכזריות'דיג געשלאָגען פאַר די אויגען פון די אידען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פעסטונגס־מויער. דערנאָך האָט באַסוס געדרייסען אַוועקשטעלען קעגענאיבער דער מויער אַ קרייץ און מאַכען הכנות צו קרייציגען אלעזר'ן. די געשרייען פונ'ם געפייניגטען בחור האָבען גערירט ביים האַרצען די בעלעגערטע, און די פערטיידיגער האָבען דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט איבערצוגעבען די פעסטונג, בתנאי אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבען אלעזר'ן און לאָזען זיי פריי אָבטרעטען. דעם אָבמאַך האָט מען אויסגעפילט; נאָר אַ סך פון די איינוואוינער פון שטאָדט, וואָס האָבען מורא געהאַט זיך איבערצוגעבען אין די הענד פון די רוימער, זענען אַנטלאָפען געוואָרען, און דערביי האָט זיך איינינגע איינגעגעבען דורכצושלאָגען זיך דורכ'ן לאַגער פון די פיינד, אַנדערע ווידער זענען געפאַנגען געוואָרען און אויסגעהרגעט אָדער פערקויפט פאַר שקלאַפען. אַנ'ערך 3000 אַנטלאָפענע פון ירושלים און מאַכערוס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין אַ וואַלד ניט ווייט פון ירדן. באַסוס האָט זיי אַרומגערינגעלט מיט זיינע זעלנער, און נאָך אַ פערצווייפעלטען קאַמפף האָט ער זיי צעקלאַפּט און פונאַנדערגעטריבען.

אַהעלדישען ווידערשטאַנד האָבען אַרויסגעוויזען קעגען די רוימער די אי־

דישע פּאַטריאָטען, האָבן זיך באַפעסטיקט אין מצדה, אַן אומצוטריטלעכע פעסטונג אויפן שטיינערדיקן ברעג פון ים־המלח. די דאָזיקע פעסטונג, וואָס די סיקאַריער האָבן געהאַט זי איינגענומען אין די ערשטע יאָרן פון דער אידישער מלחמה, האָט איצט געהיט אַ מוטיקע אָפּטיילונג קנאים. דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג איז געווען א ל ע ז ר ב ן ־ י א י ר, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון דער בערימטער משפחה פון יהודה הגלילי, וואָס איז געווען דער ערשטער אָנפירער פון די קנאים.

די פאַרטיידיקער פון מצדה, וואָס האָבן געהאַט גענוג שפּייז און געווער, האָבן געשוואָרן ניט אונטערצוגעבן זיך דעם שונא אויף קיין תנאי נישט. קעגן דער דאָזיקער לעצטער בעהעלטעניש פון די אידישע מורדים איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ צאָלרייכער אָפּטיילונג דער רוימישער אָנפירער ס י ל ו ו א, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּאָסטען פון פאַרוואַלטער אין יהודה נאָך באַסוסן. ער האָט אַרומגערינגלט מצדה מיט הויכע וואַלן און האָט אויפגעשטעלט אויף זיי שליידער־מאַשינען און ברעך־מאַשינען פון זעלביקן טיפּ, ווי ביי דער בעלעגערונג פון ירושלים.

אַז די בעלעגערטע האָבן באַמערקט, אַז די מעכטיקע קלעפּ פון שטורעם־באָקן ברעכן דורך אַ לאָך אין דער אויסווייניקסטער מויער, האָבן זיי געשווינד אויפגעבויט הינטער איר נאָך אַ מויער. דעם אָפּשטאַנד צווישן די מויערן האָבן זיי אָנגעפּילט מיט קלעצער און הויפנס ערד, כדי די דאָזיקע עלאַסטישע מאַסע זאָל אָפּשוואַכן די קלעפּ פון דער מאַשין.

אַז די רוימער האָבן איינגעזען, אַז זיי קאָנען ניט איינעמען די פעסטונג דורך אַ שטורעם, האָט זיי אויך דאָס מאָל זיך גענומען פאַר אונטערצינדען. פון די ברענענדיקע שייטען האָלץ, וואָס מען האָט אָהין אַנאויפהער געוואָרפען אויף דער פעסטונג, האָבן זיך אָנגעכאַפּט די הילצערנע טיילן פון דער מויער, און די איז איינגעפאַלן. די רוימער האָבן אין אַ געדיכטער מאַסע אַרומגערינגלט די פעסטונג, כדי קיינער זאָל ניט קאָנען אַנטלויפן פאַר דער קומענדיקער שחיטה.

נאָר די פאַרטיידיקער פון מצדה האָבן גאָר ניט געקלערט צו אַנטלויפן. אלעזר בן־יאיר האָט פאָרגעלעגט זיינע חברים אין קאַמף אַזאַ אויסגאַנג, וואָס איז מעגליך נאָר אין אַזאַ צייט, וואָס דער טויט האָט לחלוטין אָנגעוואָרען זיין שליטה איבער די מענשען. ער האָט זיי געשילדערט אין לעבעדיקע פאַרבן אַלע די עינוים און זלזולים, וואָס שטעהען פאָר פאַר זיי גופא, פאַר זייערע ווייבער און קינדער, אויב זיי וועלן אַריינפאַלן צו די רוימער אין די הענד, און האָט זיי צוגערעדט, זיי זאָלן בעסער שטאַרבן דורך זייער אייגענער האַנד, איידער אַריינפאַלן אין קנעכטשאַפט און שאַנד. באַגייסטערט דורך אלעזרס רעדע, האָבן די אידישע קריגסלייט אויסגעקוילעט זייערע ווייבער און קינדער, און דערנאָך איינער דעם צווייטען

אויפֿן אַנדער טאָג, אַז די רוימער זענען אַרײַנגעטראָטען אין מצדה, האָבען די אָנשטאָט לעבעדיגע מענשען אָנגעטראָפֿען הויפֿענס הרוגים און רויכערנדיגע חורבות (אין אַפּריל פֿון יאָהר 73). צוויי פֿרויען מיט פֿינף קינדער, וואָס האָבען זיך צופֿעליג אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער זעלבסטפֿערטיליגונג, זענען אַרויסגעקראָכען פֿון זייערע לעכער און האָבען דערציילט וועגען דער שרעקליכער טראַגעדיע, וואָס איז נעכטען פֿאָרגעקומען אין שטאָרט.

אַזוי זענען געפֿאַלען די לעצטע העלדען פֿון יהודה. ס'האָט זיך געענדיגט דער לעצטער אַקט פֿון דער שרעקליכער דראַמע, וואָס האָט כמעט קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פֿון די נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונגס-קריג. קיין מאָל האָט אין קאַמף פֿון אַ קליינער נאַציע קעגען דעם אַלמעכטיגען וועלט-רויבער ניט אַרויסגעוויזען זיך אַזוי פֿיל העלדישקייט, התלהבות און מסירת-הנפֿש, ווי דאָ. ניט אַזוי די קראַפֿט פֿון געווער, ווי די גרענעצלאָזע קראַפֿט פֿון גייסט האָט זיך אַרויסגעוויזען אין'ם באַגייסטערטען קאַמף פֿאַר דער נאַציאָנאַלער פֿרייהייט, אין דעם ווילען בעסער שטאַרבען איידער זיין קנעכט, אין דעם שטאָלצען באַוואוסטזיין, אַז בעסער איז אָנצו-ווערען דאָס לעבען, איידער דעם זין פֿון לעבען. די אידישע מלוכה האָט געמוזט פֿאַלען, נאָר קיין מאָל איז דער פֿאַלען פֿון אַ מלוכה ניט געווען ערהאַבענער און גרעסער.

דער גורל פֿון יהודה איז באַשטימט געוואָרען. אַספּסינוס האָט באַשטימט די איינגענומענע מדינה פֿאַר'ן אייגענטום פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע, האָט פֿונאַנדערגעטיילט אַ סך שטיקער ערד צווישען רוימער און גריכען, אָדער אָפּגעגעבען אויף אַרענדע די איבערגעבליבענע אָרטיגע איינוואוינער. די פֿריהערדיגע אָפּצאָהלונג פֿון צוויי דראַכמעס, וואָס די אידען פֿון אַלע לענדער פֿלעגען צאָהלען לטובת דעם בית-המקדש אין ירושלים, האָט איצט געמוזט אַרײַנגעטראָגען ווערען אין דער קאַסע פֿונ'ם טעמפּעל פֿון יופּיטער דעם קאַפּיטאָליער אין רוים.

די פּראָווינציעלע באַפֿעלקערונג פֿון יהודה, בדלות געשטעלט דורך די לאַנג-יאָהריגע מלחמות, איז זעהר אָרים געוואָרען. אין'ם קאַמף פֿאַר דער פּאָליטישער אומאָבהענגיגקייט האָט מען אָנגעוואָרען אויך יענע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, וואָס די אידען האָבען געהאַט אונטער'ן רעזשים פֿון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען. און איצט איז נויטיג געווען אַ ניט-געוועהנליכע אָנשטרענגונג פֿון אַלע גייסטיגע קרעפֿטען פֿון פֿאָלק, כדי נאָך אַזאַ שרעקליכען חורבן ווידער איינצושטעלען די אינעווייניגסטע נאַציאָנאַל-גייסטיגע אָרדנונג און אָפּצוהיטען די נאַציע אויף די חורבות פֿון דער מלוכה.

ש. דובנאוו

פינפטער קאפיטעל.

די גייסטיגע בעוועגונגען אינ'ם אידישען פאלק אין ערשטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכענונג.

די ענטוויקלונג פון די פרושים. — דער פאלען פון די צדוקים און די איבער-בייטונג פון די איסיים. — די תורה נישט פון דער וועלט. — די צווייטע פאזיס פון דער נייער תורה (פוילאניזם). — דער שטרעבען צו דער אידישער אמונה און דער גלות. — ידידיה האלכסנדרוני.

די ענטוויקלונג פון די פרושים.

§ 142. אויב פאר דעם היסטאריקער וואלט מעגליך געווען ארויסצוגעבן דעם פארהאנג, וואס פערדעקט דאס אינעווייניגסטע לעבען פון אידישען פאלק אין ערשטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט, דאס לעבען, וואס איז געווען אזוי רייך מיט גייסטיגער שאפונג, — דעמאלט וואלט ער געפונען א פירוש אויף די גרעסטע שאלות נישט בלויז פון דער אידישער, נאר אויך פון דער אלוועלטליכער געשיכטע. ווארום גראדע דא ליגט דער מיטעלפונקט פון די רע-ליגיעזע בעוועגונגען, וואס זענען ארויסגעגאנגען פון דער אלטער יהדות און וואס איינע פון זיי האבען אנגענומען א נאציאנאלע ריכטונג און די אנדערע — א קאסמאפאליטישע.

נאר ביז בעוויסט, אז נישט די איכות פונ'ם היסטארישען מאטעריאל, וואס איז פערבליבען, ערלויבט נישט אויסצומאלען אזא גענויעם און איבערזיכטליכען בילד פונ'ם גייסטיגען לעבען פון אידישען פאלק אין ערשטען יאהרהונדערט, ווי דאס איז מעגליך געווען ביי דער שילדערונג פון די אויסווייניגסטע פאליטישע געשעהענישען. דאס איינציגע, וואס דער היסטאריקער קאן אויפטון אינ'ם דאזיגען געביט, — דאס איז דורך א גענויער און טיפער אויספארשונג תופס זיין דעם אלגעמיינעם פראצעס פון דער קאכעדיגער גייסטיגער טע-טיגקייט אין יענער צייט, בעשטימען די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען די אידעען-שטרעמונגען, וואס האבען זיך בעגעגענט, און זייער ראלע אין דער צו-קונפטיגער געשיכטע פונ'ם אידישען פאלק. אויפ'ן דאזיגען אידעען-קאמפף ליגט דער זעלביגער חותם פון גרויסקייט און טראגיזם, וואס מיר האבען שוין גע-זעהן אינ'ם נאציאנאל-פאליטישען קאמפף, וואס ווערט בעשריבען אין די פרי-הערדיגע קאפיטלען.

די שטורמדיגע עפּאָכע פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען האָט אַרויסגערופען שאַרפע חלוקי-דעות אפילו אין די ריהען פון די פרושים, וואָס האָבען געפירעט די איינפלוסרייכסטע און שטאַנדהאַפטיגסטע נאַציאָנאַל-אידישע אָרגאַניזאַציע. אָבהענגיג פון דעם אויבערווייגסטען מצב, האָבען דאָ גובר געווען אַמאָל די אַקטיווע און אַמאָל די פּאַסיווע פרושים, אַמאָל זייער לינקער פליגעל און אַמאָל זייער רעכטער (§ 103). די קנאים און רודפי-שלום-ניקעס, די קנאים פאַר פרייהייט און די קנאים פאַר דער אמונה האָבען זיך געביטען אין זייער איינפלוס אויף די פירענדע קרייזען פון דער געזעלשאַפט. ס'פלעגט טרעפען אויך אַמאָל, אַז ביידע ריכטונגען פלעגען זיך פאַראייניגען צוליעב אַ געמיינזאַמען ענין. אין דער צייט פונ'ם רוימישען צענזוס, האָט דער פרושי צדוק איניאינעם מיט יהודה הגלילי צוגעגרייט דעם ערשטען פּראָטעסט פון די קנאים (§ 111). דער דעוויז פון די ערשטע קנאים: „נאָר גאָט איז דער מושל פון פאָלק ישראל!“ — האָט באַגייסטערט אַ סך ליידענשאַפטליכע פאַנאַטיקער פון דער אומאָבהענגיגקייט, וואָס ביי זיי איז די רעליגיעזע התלהבות גלייך געווען צו דער פּאָליטישער[1]. די פרושים האָבען מסתמא געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָל אין יענעם פאָלקס-פּראָטעסט, וואָס איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך קאַיוס קאַליגולאַ'ס אָנפאַל אויף דער רעליגיעזער פרייהייט פון די אידען (§ 117). דער איינגעגעבענער סוף פונ'ם פּראָטעסט אין דער מיראַוש פון פּאָליטישער אומאָבהענגיגקייט, וואָס איז דערנאָך געקומען, האָט בערוהיגט די אָפּאָזיציע פון די פרושים. אין אַגריפּס I-ענס צייטען געפינען זיך די פרושים אין די ריהען פון דער רעגירונג.

זיי הערשען אין סנהדרין, וואָס האָט נאָך אין דער צייט פון די ערשטע פּראָקוראַטאָרען פאַרנומען דעם צענטראַלען אָרט אין דער באַגרענעצטער אידישער אויטאָנאָמיע (§ 110). אין יענער עפּאָכע ווערט, אָפּנים, בטל די פריהערדיגע צווייאיגקייט פון סנהדרין (§ 103): די געלעהרטע קאָלעגיע פון די פרושים געהט אַריין אין'ם אָפיציעלען סנהדרין פון ירושלים, אַלס די פירענדע קראַפט אין פראַגען פון געזעצגעבונג. בראש פון דער חברה. געלעהרטע געפינט זיך (אַנ'ערך פון יאָהר 30—50) הלל הזקנ'ס אייניקעל ר' גמליאל. ער טראָגט דעם עהרען-טיטעל רבן; לויט דער מסורה האָט ער אויך געהאַט דעם טיטעל נשיא אָדער ראש הסנהדרין.

פונקט אַזוי ווי זיין גרויסער זיידע, אַזוי האָט אויך רבן גמליאל געשטרעבט צוצופּאַסען די געזעצגעבונג צום לעבען. ער האָט איינגעשטעלט די ענינים פון גטין און האָט איינגעפירט אַ סך אַנדערע געזעצגעבערישע רעפאָרמען, וואָס די דעמאָלטיגע בירגערליכע און עקאָנאָמישע פערהעלטענישען האָבען זיי געפאָדערט (תקון העולם). אין נאָמען פון ירושלמ'ער סנהדרין האָט

---

[1] אויך אין דער נייערער צייט, למשל, אין די רעפאָרמאַציאָנס-קריג אין אייראָפּאַ פון 16-טען און 17-טען יאָהרהונדערט און אין ענגלישען פּוריטאַניזם, זעהען מיר, ווי עס גיסען זיך צונויף אין איין באַוועגונג רעליגיעזע, סאָציאַלע און פּאָליטישע מאָטיווען.

רבן גמליאל פֿונאַנדערגעשיקט אין די אידישע קהלות פֿון דער פּראָווינץ און פֿון די גלות־לענדער שריפֿטליכע ידיעות, וואו ס'פֿלעגען זיין אָנגעוויזען די עיבור־יאָהרען און צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט פֿון די ימים־טובים און בעשטימט די צייטען, ווען מען בעדאַרף אָראָבנעהמען מעשר פֿון די תבואות און פּירות. די גמליאלן שילדערט די טראַדיציע פֿאַר א כבלן בנוגע צו רעליגיע און פֿאַר א פֿרידליכען טוער. צווישען אַנדערע זאַכען דערצעהלט מען וועגען איהם, אַז ער האָט איינגעפֿיהרט א תקנה, וואָס לויט איהר האָבען געדאַרפֿט דאָס רעכט צו נעהמען פּאה, דאָס הייסט, די רעשטען תבואה, וואָס בלייבען אויפֿן פֿעלד און וואָס על־פּי־דין געהערט דאָס די אָרימע לייט — אויך ניט־אידישע אָרימע לייט, וואָס וואוינען אין יהודה. דאָס איז געמאַכט געוואָרען, בכדי איינצוהיטען שלום צווישען די אידען און די פֿרעמדע (מפּני דרכי שלום).

נאָר אַנאַנדערע ריכטונג האָט אָנגענומען די טעטיגקייט פֿונ'ם סנהדרין אין דער צייט פֿון ר' גמליאלס זוהן, ר' שמעון בן גמליאל, וואָס איז געשטאַנען בראש פֿונ'ם סנהדרין אין דער צייט פֿון די לעצטע פּראָקוראַטאָרען און פֿון דער גרויסער נאַציאָנאַלער מרידה (אַנ'ערך 50—68). די צייט איז געווען אַנרוהיגע. דער גראָבער אַריינדרינגען פֿון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, ווי קומאַנוס, פֿעליקס און פֿלאָרוס, אונ'ם איינוועניגסטען לעבענספֿיהר פֿון די אידען — האָט ניט געקאָנט לאָזען גלייכגילטיג אויך די אָנפֿיהרער פֿון דער פּאַרטיי פּרושים. די אומגעוועהנליכע פּאָליטישע געשעהענישען בעוועגען זיי אַריבערצוגעהן פֿון אַקאַדעמישער געלעהרזאַמקייט צו פּראַקטישער קאַמפּף־געזעצגעבונג, וואָס איהר ציעל איז — די גייסטיגע פֿערטיידיגונג פֿון דער נאַציע.

בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 68 דער בלוטיגער פֿעלקער־קאַמפּף צווישען די אידען און די היידען אין די מזרח־לענדער (§ 127), דער קאַמפּף צווישען דער אידישער און דער גריכיש־רוימישער קולטור, — האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אין ירושלים די פּרושים אויף א פֿערזאַמלונג, וואו עס זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען אַכטצעהן צייטווייליגע כללים (י"ח דבר), בכדי אָבצושיידען שטרענג די אידען פֿון די היידען. לויט די דאָזיגע כללים איז פֿערבאָטען געוואָרען די אידען צו קויפֿען בײ די היידען ברויט, וויין, בוימל, קעז און אַלע אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטען, צונעהמען פֿון זיי קרבנות פֿאַרן בית־המקדש, רעדען אויף זייער לשון, אָננעהמען זייערע פֿאַר עדות, און אפשיטא שוין צו זיין בעפֿריינדעט אָדער זיך משדך זיין מיט זיי. דאָס איז געווען א געזעץ פֿאַר דער קריגס־צייט, א רייה פֿון שוץ־מיטלען, וואָס האָבען בעדאַרפֿט אויסמיילען פֿון אידישען פֿאָלק די פֿרעמדע, וואָס זענען געווען צו איהם פֿיינדליך און וואָס האָבען אויסגענוצט די דעספּאָטישע קראַפֿט פֿון די רוימער, בכדי צו בעליידיגען די אידען אין זייער אייגען לאַנד.

אין די מסורות פֿון תלמוד זענען צו אונז דערגאַנגען אונדייטליכע אָבקלאַנגען פֿון יענע ליידענשאַפֿטליכע ויכוחים, וואָס זענען פֿאָרגעקומען בשעת יענער אויפֿער־

ארדענטליכער פֿערזאמלונג פֿון די פּרושים. מען האט דערצעהלט, אז עס איז געווען א קאמף צווישען די אנהענגער פֿון בית-שמאי, וואס האבען מחמיר געווען, און צווישען בית-הלל, וואס האבען מקיל געווען, און אז עס איז דערגאנגען אפילו ביז צו א בלוטפֿערגיסונג. נאר סוף-כל-סוף האבען די ערשטע גובר געווען. מ'איז פֿארהאן א יסוד משער צו זיין, אז די הויפּט-אנטיילנעהמער אין דער דאזיגער פֿערזאמלונג זענען געווען די אנפֿיהרער פֿון די קנאים אלעזר בן-חנניה, (§ 126) און דער ראש פֿון די תנאים, דער מיטגליד פֿון סנהדרין, ר' שמעון בן-גמליאל.

נאכ'ן ערשטען ערפֿאלג פֿון דער רעוואלוציע, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין קעסטיוס גאלוס'עס מפלה, איז ר' שמעון בן-גמליאל צוגעשטאנען צו דער אריסטאקראטישער רעגירונג פֿונ'ם פֿאלקס-שוץ (§ 120). אלס דער ראש פֿון דעם ווידער איבערגעבליבענעם סנהדרין, האט ער געהאט א גרויסען איינפֿלוס אויף דער שטעלונג פֿון דער רעגירונג. ער האט מיט אלע כחות געזארגט פֿאר דער ארגאניזאציע פֿונ'ם פֿאלקס-שוץ און האט אונטערגעהאלטען יוחנן פֿון גוש-חלב אין זיין אגיטאציע קעגען דער פֿערברעכערישער אונטעטיגקייט פֿון יוסיפֿוס פֿלאוויוס אין גליל. נאר אין גיכען איז ר' שמעון בן-גמליאל געפֿאלען פֿאר א קרבן פֿון דער איבערקעהרעניש, וואס האט אראפּגעווארפֿען חנן'ס אריסטאקראטישע רעגירונג אין ירושלים און וואס האט איבערגעגעבען די ממשלה אין די הענד פֿון די עקסטרעמע קנאים. מ'איז ניט באוואוסט, צי ער איז אומגעקומען אינאיינעם מיט חנן'ען אדער שפּעטער א ביסעל, בשעת דער באלעגערונג פֿון ירושלים.

דעמאלט ווערט אינגאנצען איבערגעריסען דער צוזאמענבונד צווישען די פּאליטישע און גייסטיגע קנאים. היות ווי די אנפֿיהרער פֿון די פּרושים האבען איינגעזעהן, אז עס מוזען אונבעדינגט אונטערגעהן די מלוכה, דער בית-המקדש און די הייליגע שטאדט, ווייבאלד זיי האבען פֿאריכגעזעהן, אז עס מוזען פֿערשווינדען די לעצטע רעשטען פֿון דער פּאליטישער אויטאנאמיע, — דעריבער האבען זיי באשלאסען צו ראטעווען דאס, וואס מען קען נאך ראטעווען פֿונ'ם פֿאלקס גייסטיגער אויטאנאמיע. צוגלייך מיט די העלדען, וואס זענען געשטארבען פֿאר'ן פֿאלק, אינ'ם אונגלייכען קאמף מיט רוים, באווייזען זיך העלדען, וואס באשליסען ביי זיך צו לעבען פֿאר'ן פֿאלק און ארגאניזירען איהם צוליעב דער צוקונפֿט.

אין מיטען די שרעקעניסען פֿון דער מלחמה שטעהט אויף די ערהאבענע פֿיגור פֿונ'ם תנא רבן יוחנן בן זכאי, וואס איז געווען איינער פֿון די איינפֿלוסרייכסטע מיטגלידער פֿון סנהדרין און פֿון די פֿארשטעהער פֿון בית-הלל. ער איז אויך געווען פֿון די „רודפֿי-שלום-ניקעס", אבער ניט פֿון יענע, וואס זענען געגאנגען נאך אגריפּס II אדער יוסיפֿוס פֿלאוויוס'ן. ער האט גערעכענט רוים'ס איבערהערשאפֿט פֿאר א גרויסען אונגליק, נאר פֿאר נאך א גרעסערן

אומגליק האָט ער געהאַלטן, — אויב דאָס אידישע פֿאָלק זאָל פֿאַרשווינדן. ער האָט ניט אָנערקענט דעם לאָזונג פֿון די קנאים: „זיגן אָדער שטאַרבן!“ וואָרום ער האָט גערעכנט, אַז מנצח זײַן דעם שונא, די גאַנצע וועלט, וואָס איז פֿײַנדליך געזינען צום אידישן פֿאָלק, קאָן מען ניט בלויז דורכדעם, וואָס מען וועט ראַטעווען די מלוכה, נאָר אויך דורכדעם וואָס מען וועט אָפּראַטעווען די גאַנצע נאַציע, אַלס אַ גײַסטיגע איינהייט, וואָס זאָל קאָנען לעבן אַפֿילו נאָכ׳ן חורבן פֿון דער מלוכה. ר׳ יוחנן בן־זכאי שטעלט זיך אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פֿון פּאַסיווען ווידערשטאַנד. אין דער צײַט וואָס אַרום ירושלים האָט געפֿלאַקערט דער קאַמף און די אידישע קעמפֿער האָבן אָפּגעטאָן וואונדערפֿולע מעשים פֿון גבורה און מסירת־נפֿש, — האָט ר׳ יוחנן אויפֿגעטאָן אַן אַנדער גבורה: ער האָט פֿון פֿריהער צוגעגרייט די גײַסטיגע רעסטאַוראַציע פֿונ׳ם פֿאָלק, וואָס האָט געהאַלטן בײַם אונטערגעהן פּאָליטיש.

צוליעב דעם האָגען צוועק האָט ער באַשלאָסן צו ווענדן זיך אין דער קריטישער מינוט צו די רוימערס גנאָד. אין דער צײַט פֿונ׳ם טעראָר פֿון די קנאים, וואָס האָט געהערשט אין ירושלים, נאָכדעם ווי עס איז געפֿאַלן די אַריסטאָקראַטישע רעגירונג, איז ר׳ יוחנן בן־זכאי שטילערהייט אַרויס פֿון הויפּט־שטאָדט. די אגדה דערצעהלט, אַז היות ווי די רעגירונג פֿון די קנאים האָט פֿערזאָגט, אַז קיינעם זאָל מען ניט אַרויסלאָזען פֿון שטאָדט, דעריבער האָבן ר׳ יוחננ׳ס תלמידים אַרײַנגעלעגט איהם אין אַן אָרון און אַרויסגעטראָגען איהם דורכ׳ן טויער פֿאַרבײַ דער וואַך אַלס אַ בר־מינן. ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון שטאָדט, איז ר׳ יוחנן אַוועק צום רוימישן אויבערקאָמאַנדיר אספּסינוס׳ן (אין קסריה?), אַלס אַ פֿאָרשטעהער פֿון דער פּאַרטײַ רודפֿי־שלום׳ניקעס[2]. אַז דער רוימישער אָנפֿיהרער האָט איהם פֿרײַנדליך צוגענומען, האָט ר׳ יוחנן איהם געבעטען נאָר איין זאַך: ער זאָל איהם מיט זײַנע תלמידים ערלויבן צו באַזעצן זיך אינ׳ם קליינעם שטעדטיל יבנה, ניט ווײַט פֿון יפֿו, וואָס די רוימער האָבן עס געהאַט אײַנגענומען, און צו מאַכען דאָרט אַ בית־המדרש אויף צו לערנען תורה. די דאָזיגע בקשה איז אויסגעפֿילט געוואָרען, און אַ גרופּע פֿון געלעהרטע פּרושים האָט זיך געפֿונען אַ מקום־מנוחה, ניט ווײַט פֿון ירושלים, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט דער שׂרפֿה פֿון דער מלחמה.

עס איז מעגליך, אַז אין דער דאָזיגער לעגענדע איז ניט אַלצדינג גענוי און אַז די געשעהעניש, וואָס ווערט באַשריבן אין איהר, איז פֿאָרגעקומען שפּע-

2) די לעגענדע איז מוסיף, אַז ר׳ יוחנן בן־זכאי האָט באַגריסט אספּסינוס׳ן אַלס קיסר און האָט איהם פֿאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט אין גיכען אַרויף אויפ׳ן רוימישן טראָן. ווי מיר האָבן געזעהן (§ 131), דערצעהלט אויך יוסיפֿוס פֿלאַוויוס וועגען זיך, אַז ער האָט דאָס פֿאָראויסגעזאָגט.

טער אַ ביבעל, אין דער צייט וואָס טיטוס האָט בעלעגערט ירושלים. נאָר יעדענ־פאַלס איז קיין ספק ניט, אַז קורץ פאַר׳ן חורבן ירושלים האָט זיך אין יבנה איינגעפעסטיגט, אונטער ר׳ יוחנן בן־זכאי׳ס אָנפיהרונג, אַ קליינער גייסטיגער צענטער, וואָס איז געווען דער קערנדעל פאַר׳ן צוקונפטיגען סנהדרין און פאַר דער איפגעריכטער טייל־ווייזער אויטאָנאָמיע. דאָס איז געווען די רפואה פאַר דער מכה. די לעבעדיגע און לעבענסקרעפטיגע פּאַרטיי פרושים האָט צו דער רעכטער צייט צוגעגרייט דעם דאָזיגען בית־מקלט פאַר דער צוקונפטיגער איבערלעבונג אין מיטען דעם קעניגרייך פון טויט און חורבן. דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך אין זיך געהאַט באַהאַלטען אַן־אויסגעדייער גרויסען זאַפּאַס פון לעבענסקרעפטען און האָט זיך געגרייט אַריבערצוגעהן אין אַ נייער פּאַזיס פון זיין היסטאָרישען קיום.

דער פאַל פון די צדוקים און די איבערבייטונג אין דער שטה פון די אסיים.

§ 143. אין דער צייט וואָס די פרושים זענען ביי אַלע זייערע קווינקלענישען קיינמאָל ניט אַראָב פונים נאַציאָנאַלען באָדען און האָבען בשלום אַריבערגעלעבט אפילו דעם שרעקליכען היסטאָרישען קריזיס, זענען די צוויי איבעריגע ריכטונגען — פון די צדוקים און אסיים — מדרגות־ווייז זיך פונאנדערגעפאַלען. אין אָנהויב פון דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ באַשריבען, האָט די פּאַרטיי צדוקים געוועבט זיך אָפגעפרישט נאָכ׳ן קלאַפּ, וואָס זי האָט אַנגעמעלט בעקומען ביים פאַלען פון די חשמונאים (§ 103). ביים רעזשים פון די פּראָקוראַטאָרען האָבען די צדוקים אָנגעהויבען צו נעהמען אַ טעטיגען אָנטייל אין דער ירושלמ׳ער זעלבסטפערוואַלטונג. פון צווישען זיי ווערען אָפט גענומען די העכסטע פאָרשטעהער פון דער גייסטליכקייט אין בית־המקדש. אַ סך כהנים־גדולים, פון די, וואָס זענען בעשטימט דורך די פּראָקוראַטאָרען אָדער דורך די מלכים פון בית־הורדוס, האָבען געהערט צו דער פּאַרטיי צדוקים, אָדער צו זייערע געזינונגס־חברים, די ביתוסים.

אונטער אַ טעאָקראַטישער פאָרם פלעגען די דאָזיגע בעאַמטע דורכפיהרען די געוועהנליכסטע וועלטליכע פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון העררשענדע אַריסטאָקראַטען, וואָס ציהען זייער חיונה פונים בית־המקדש, נאָר זיי זאָרגען ווייניג פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון פאָלק. ס׳זענען געווען אפילו אַזעלכע כהנים־גדולים, וואָס פלעגען אויסנוצען דעם שוץ פון די פּראָקוראַטאָרען, בכדי צו אונטערדריקען די מאַסע (§ 123—124). נאָך ערב דער מרידה האָט פערנומען די כהונה־גדולה אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי צדוקים חנן בן חנן (דאָרט נביא). גראָד אַזעלכע כהנים־גדולים זענען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט׳ן אָנהענגער פון די רוימער אַגריפּס II און האָבען זיך געווענדעט צו איהם נאָך הילף קעגען די רעוואָלוציאָנערען־קנאים (§ 126).

מעהר ניט איינם מאָמענט, בשעת די קריגערישע שטימונג האָט זיך גע־

הייבן, נאָך קעסטיוס׳ס מפּלה, ווען די אַריסטאָקראַטישע צדוקים צוגעשטאַנען צו דער רעגירונג פֿונעם פֿאָלקס-שוץ. נאָר דאָס איז געווען דער לעצטער מאָמענט פֿון זייער קיום, אַלס אַן אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער קראַפֿט. אַז די קנאים וואַרפֿן אַראָפּ די אַריסטאָקראַטישע רעגירונג, דעמאָלט קומט אַ סוף צו דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון די צדוקים, און דער אונטערגאַנג פֿון ירושלים און בית-המקדש גיט דעם טויטקלאַפּ דעם עצם פּרינציפּ פֿון דער שיטה פֿון די צדוקים. אָהן דעם בית-המקדש און אָהן דעם קולט פֿון די קרבנות האָט די אָפֿיציעלע גייסטלעכקייט פֿון די צדוקים שוין ניט געהאַט קיין זכות-הקיום; און אָהן אַ מלוכה אָדער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע האָבן די רעשטן פֿון דער אַריסטאָקראַטיע זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פֿון דער נאַציע. אויף אַזאַ אופֿן גייען די צדוקים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין טיעפֿע וואָרצלען אינעם נאַציאָנאַלן באָדן, אַראָפּ פֿון דער היסטאָרישער סצענע.

די דריטע ריכטונג אין דער יהדות — די שיטה פֿון די אסיים — דערווייטערט זיך אויך מדרגות׳וויז פֿונעם נאַציאָנאַלן באָדן, אָבער זי פֿאַרשווינדט ניט אינגאַנצן, נאָר זי ווערט איבערגעאַנדערשט. אין דער שיטה גופֿא און אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון די אסיים זענען געווען באַהאַלטן יענע יסודות, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַרויסרופֿן דעם דאָזיגן איבערבוי. נאָך בשעת מלכות-יהודה האָט איבערגעלעבט אַ רויִקע צייט, אין דער צייט פֿון די חשמונאים, האָבן די אסיים זיך דערווייטערט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און איינגעשלאָסן זיך אין די ד׳ אמות פֿון זייערע אייגענע חברות (§ 61). זייער אידעאַל איז באַשטאַנען אין דער זיטלעכער השלמה פֿונעם יחיד, און ניט אין דער סאָציאַל-קולטורעלער ענטוויקלונג פֿון דער נאַציע. אַלס היפּוך צו דער קאָמפּליצירטער, פֿאַרפּלאָנטערטער פּאָליטישער געמיינשאַפֿט האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ טיפּ פֿון אַ „עדה מאמינים“ אָדער אַ געשלאָסענער חברה, וואָס האָט פֿאַר זיך איין ציל — צו ענטוויקלען די הייליקייט און ריינקייט פֿונעם פּריוואַטלעכן לעבן.

וואָס מער דער פּאָליטישער האָריזאָנט פֿון יהודה איז פֿאַרפֿינסטערט געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיך ענטוויקלט צווישן די אסיים אַנטי-סאָציאַלע טענדענצן און מיסטישע שטימונגען. די געזעלשאַפֿטלעכע פּורעניות אין דער צייט פֿון דער רוימישער איבערהערשאַפֿט, דער קאַמף פֿון די פּאַטריאָטן מיט׳ן ווילדווילען פֿון די פּראָקוראַטאָרן, די מחלוקת׳ן און מהומות אין דער אידישער געזעלשאַפֿט גופֿא, דער רעוואָלוציאָנס-פֿיבער פֿון די פֿרייהייטס-ליבענדע קנאים — דאָס אַלץ האָט געדיענט די אסיים פֿאַר אַ באַווייז, אַז עס איז געקומען דער „קץ העתים“, אַז עס איז נאָהענט אַן אַלגעמיינע קאַטאַסטראָפֿע. די מענשן האָבן איבערגעהערט צו לעבן „לויט גאָטס רצון“, דאָס פֿאָלק האָט זיך אַריינגעלאָזט אינעם תהום פֿון די פּאָליטישע תאוות, מ׳קלינגט די געווער, מ׳גיסט זיך בלוט, — ניין, לאַנג קאָן זיך אַזוי ניט ציהען. ס׳מוז ערשיינען אַן איבערנאַטירלעכער אויסגאַנג, פֿון אויבן מוז קומען די רעטונג, ס׳גענעהנט די צייט

פֿון אויסלייזער, פֿונם משיח. דאָס איז ניט דער פּאָליטישער משיח, וואָס וועגן איהם האָבן געחלומט די בעגייסטערטע פּאַטריאָטן, נאָר אַ מיסטישער משיח, אַן איבערנאַטירליכער, וואָס קומט „מיט די וואָלקנס פֿון הימעל". ער איז בערופֿן ניט ווידער אויפֿצוריכטן דאָס ערדישע קעניגרייך, נאָר אַראָפּצוברענגען אויף דער ערד אַ הימעלס־קעניגרייך, ניט ער וועט בעפֿרייען די נאַציע, וואָס קרעכצט אונטערן פֿרעמדן יאָך, נאָר אויסלייזן די פּערזענליכקייט, וואָס איז איינגעזונקען אין זינד, אויסלייזן דעם מענשנס נשמה. פֿערגיכערן דאָס קומען פֿונם דאָזיגן משיח קאָן מען בלויז דורך איין מיטעל: דורך אויפֿריכטיגן תשובה טאָן.

ביז אַהער איינגעשלאָסן פֿאַר זיך אין אינבעוועגליך, האָט די חברה פֿון די אסיים מיט אַמאָל זיך אויפֿגעכאַפּט און אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו פֿערשפּרייטן אירע אידעען צווישן פֿאָלק. אַנערך אין די 20־גער יאָהרן פֿונם ערשטן יאָהרהונדערט איז פֿונם צענטער פֿון דער חברה אסיים, פֿון „מדבר יהודה" (אין דער געגענד פֿונם ים־המלח), — אַרויסגעטראָטן עפּיס אַ משונהדיגע געשטאַלט פֿון אַ פּרוש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גראָבן איבער־בגד פֿון קעמיל־וואָל און וואָס האָט זיך דערנעהרט פֿון ווילדע קרייטכער, וואָס וואַקסן אין מדבר. דער דאָזיגער אסיי איז אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ גליל, פּאַזע די ברעגן פֿון ירדן, און האָט געדרשעט וועגן דעם, אַז די מהומה־צייט גענעט שוין צום סוף, אַז עס גענעהנט דאָס „הימעל־קעניגרייך", די ממשלה פֿון אמת און גוטסקייט, און אַז מען מוז זיך צוגרייטן דערצו דורך תשובה טאָן. דאָס הייסט, זיך אָפּוואַשן פֿון די זינד און פֿון די הבלים פֿון דער וועלט. „טוט תשובה, וואָרום עס גענעהנט דאָס הימעל־קעניגרייך!". — דאָס איז געווען דער מאמר המוסגר פֿון אַלע זיינע דרשות. אַלס אויסערליכן סימבאָל, וואָס האָט בעדאַרפֿט בעדייטן די אָפּריינינגונג פֿון זינד, האָט דער רעדנער פֿאָרגעשלאָגן דעם מנהג פֿון די אסיים זיך טובל צו זיין אין ירדן. געהייסן האָט דער דאָזיגער מענש יוחנן; שפּעטער האָט ער בעקומען דעם צונאָמען המטביל (דער טויפֿער), מחמת זיינע אָנהענגער האָבן זיך טובל געווען אָדער „געטויפֿט" אין וואַסער.

די פּשוטע בעפֿעלקערונג אין גליל, מיט איהר קינדישן געמיט און נטיה צו מיסטיק, האָט מיט אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די רייד פֿונם הייליגן מאַן. דער זעלביגער קאַנט, וואָס האָט אַרויסגערוקט די דרייסטע פּאָליטישע קעמפֿער — די קנאים, האָט געגעבן אויך שטרייטער פֿאַר דער אַרמעע פֿון גייסטיגן אויפֿשטאַנד. יוחנן המטבילס נאָמען איז בעזונדערס אויסגעוואַקסן ביים פֿאָלק נאָך זיין סכסוך מיטן גלילער טעטראַרך הורדוס אַנטיפּאַס (§ 113). דער פּראָטעסט פֿונם פֿרומען אסיי קעגן דעם טעטראַרכס פֿערברעכערישן שידוך מיט זיין ברודערס ווייב הורדיאַס, דער פּראָטעסט, וואָס איז אויפֿגעהויבן געוואָרן אינם נאָמען פֿון דער פּאַטריאַרכאַלישער ריינקייט פֿון די מדות, — האָט

געמוזט געפינען א היימען אפקלאנג ביי יענע, וואס זענען ניט געווען צופרידען מיט'ן טעטראַרכ'ס פערזענליכען אויפפיר[3]. דאס, וואס מען האט דערנאך יוחנן אריינגעזעצט אין תפיסה אין דער פעסטונג מאַכערוס, וואו ער איז געשטאָרבען (אין יאָהר 29) האט געמוזט פערשטאַרקען דעם פרסום פונ'ם רעדנער און ארומרינגלען איהם מיט א הייליגען שיין פון א מענשען, וואס איז געשטאָרבען על קדוש השם.

אזוי האט זיך אנגעהויבען צווישען די אסיים די בעוועגונג, וואס האט איבערגעמאכט זייער חברה פון אן איינגעשלאָסענער אין אן אָפענער סעקטע, וואס שטרעבט צו געפינען נייע אנהענגער. קעגען דער רעאלער שטה פון די קנאים־פרושים, וואס האבען געגאַרט נאך נאציאנאל־פאליטישער בעפרייאונג, איז געגאנגען די מיסטישע תורה, וואס האט גערופען איטליכען צו פערזענליכער השלמה, צו עניוות און תשובה טון, צו ראטעווען די נשמה. דורכדעם, וואס די דאזיגע שטה האט אפגעצויגען איהרע אנהענגער פונ'ם קאמפף פאר דער פאליטישער אומאבהענגיגקייט, האט זי געמוזט מדרגותווייז זיי ארויספיהרען פונ'ם קרייז פון די געזעלשאפטליכע און נאציאנאלע אינטערעסען בכלל, — און אויף אזא אופן איז צוגעגרייט געווארען דער וועג, וואס האט אפגעשיידט די אסיים פון דער נאציאנאלער יהדות.

די תורה ניט פון דער וועלט.

§ 144. אנשטאט דעם דרשן פון מדבר־יהודה איז געקומען זיין גרויסער תלמיד, א געבוירטיגער פונ'ם שטעדטיל נצרת אין גליל, וואס איז איבערגעשטיגען זיין רבי'ן דורך דער טיעפקייט פון זיין וועלט־אנשויאונג און דער געהויבענקייט פון זיין עטישער שטימונג. קיינמאל איז די אינדיווידועלע זיטליכע קולטור און די אינעווייניגסטע פרומקייט (וואס די אלטע אידישע נביאים האבען דאס ארויסגעשטעלט אין צוזאמענהאנג מיט דער סאציאלער רעפארם) ניט געווארען אזוי שארף אנטקעגענגעשטעלט קעגען די יסודות פון מלוכה־לעבען, סאציאלער קולטור און פראקטישער פרומקייט, ווי אין די רעדעס, וואס זענען צו אונז דערגאנגען אינ'ם נאמען פון ישו פון נצרת. קיין מאל זענען ניט ארויסגעטראטען אזוי בולט דער פסיכישער אונטערשייד צווישען אינדיווידואליזם און געזעלשאפטליכקייט, צווישען דעם קולט פון דער מאראליש פולקומענער פערזענליכקייט און דעם קולט פון דער פאליטיש פרייער נאציע, צווישען הומאניטאריזם

---

[3] אין דער דאזיגער מעשה איז כאראקטעריסטיש דאס, וואס דער פראטעסט איז געווען געווענדעט ניט קעגען דער אנטינאציאנאלער פאליטיק פונ'ם רעגירער, דעם הורדיאנער, נאר קעגען זיין פערזענליכער מאראלישער זינד, וואס ער איז עובר געווען קעגען דער ריינקייט פון פאמיליען־לעבען.

אין נאַציאָנאַליזם — ווי אין די דאָזיגע רעדעס, וואָס זייער אָפּקלאַנג איז דערגאַנגען צו אונז דורך די ווײַטע יאָרהונדערטען.

די נײַע תורה האָט אָנגערירט אַלע זײַטען פֿונם אידישען געזעלשאַפֿטליכען און רעליגיעזען לעבענספֿעלדער. איהר נײַקייט איז באַשטאַנען ניט אין די עצם פּרינציפּען, וואָס זי האָט אַרויסגערוקט און וואָס האָבען שוין געהאַט זייערע גרויסע פֿאַרשטעהער אין דער פֿריהערדיגער געשיכטע פֿון דער יהדות, נאָר דערין, וואָס זי האָט זיך אין טעאָרעטישען זין פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט און האָט דערפֿירט די פּרינציפּען ביז זייערע איבערסטע קאָנסעקווענצען. די הויפּטליבע אמת'ן, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין דער „דרשה אויפֿ'ן באַרג", זענען שוין געווען פֿאַראַן צום טייל אין דער תורה שבכתב („ואהבת לרעך כמוך" און אַנד.), צום טייל אין דער שטה פֿון די אסיים (די התפלות און דבקות, דער הויכשאַצען אָרימע און דערשלאָגענע, דער אָפּזאָגען זיך פֿון שבועות), צום טייל אין די מימרות פֿון די פרושים, ווי הלל הזקן און די ערשטע באַשעפֿער פֿונם תלמוד[4]. נאָר אין דער יהדות זענען זיי געווען צוגעפּאַסט צו די רעאַלע תכונות פֿון דער מענשליכער טבע און צו די פֿאָדערונגען פֿונם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, אין דער נײַער תורה אָבער זענען זיי אַרויסגעטראָטען אויסשליסליך אין אַנ'אידעאַליסטישער פֿאָרם, וואָס נעהמט ניט אין באַטראַכט די פּסיכישע בעזונדערהייטען פֿון דער פּערזענליכקייט און פֿון דער געזעלשאַפֿט (למשל, די תורה וועגען דעם, אַז מען מוז ליעב האָבען דעם שונא, זיך אונטערגעבען בהכנעה דעם, וואָס טוט בייז; דער יסוד וועגען מוחל זײַן אַלעמען, אַנשטאָט דעם פּרינציפּ פֿון יושר, וואָס דאָס איז דער יסוד פֿון דער ביבלישער עטיק וכדומה).

אויב מען זאָל סיסטעמאַטיש באַטראַכטען די לכתחלהדיגע תורה פֿון דער „ברית־החדשה" (ביז פּאַולוס'ן), דעמאָלט איז ניט שווער צו באַמערקען אַ רעגולמעסיגען אַנטיטעז צום גאַנצען בוי פֿונם דעמאָלטיגען אידישען לעבען, ניט בלויז אין זײַנע נעגאַטיווע, נאָר אויך אין זײַנע פּאָזיטיווע זײַטען, ניט בלויז אין זײַנע עקסטרעמיטעטען, נאָר אויך אין זײַנע נאָרמאַלע ערשײַנונגען. די צדוקים האָט די נײַע תורה געטאַדעלט מחמת צוויי טעמים: ראשית, אַלס „קטני אמנה",

4) מען זאָל פֿערגלײַכען מיט די פֿערשיידענע מימרות פֿון דער „ברית החדשה" (מת', קאַפּ. V—VII) די ענטשפּרעכענדע תלמודישע, וואָס זענען איבערגעגעבען כמעט מיט די זעלבינע אויסדרוקען: „זײַ פֿון די אונטערדריקטע און ניט פֿון די אונטערדריקער, פֿון די וואָס ווערען בעליידיגט און ענטפֿערן ניט, וואָס טוען (גוטס) מחמת ליעבשאַפֿט און טראָגען אַריבער יסורים מיט פֿרייד (שבת פ"ה, יומא כ"ג). „דו זאָגסט (דײַן חבר): נעהם אַרויס אַ שפּענדיל פֿון דײַן אויג, נאָר ער וועט דיר ענטפֿערן: נעהם אַרויס אַ באַלקען פֿון דײַן אייגענעם אויג" (ערכין ט"ז, בבא־בתרא ט"ו). די אידעע פֿון אײַנגעהאַלטענקייט און מעסיגקייט, נאָר אָהן דעם מאָנאַכישען אַסקעטיזם, איז דער עצם מהות סײַ פֿון דער ביבלישער, סײַ פֿון דער תלמודישער עטיק, און ווערט שטענדיג איבערגע'חזר'ט אין די מימרות פֿון די אידישע חכמים.

אַלס מענטשן, וואָס זענען שטאַרק אין גלויבן, וואָס ליִקענען אָפּ אַלץ מיסטישעס, און צווישן אַנדערע עיקרים אויך די אמונה אין תחית המתים, והשנית, אַלס די פֿאַרשטייער פֿון דער יחוס־ און געלט־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָבן עק־ספּלואַטירט די פֿאָלקס־מאַסן. די מימרות קעגן די גבירים („גרינגער איז פֿאַר אַ קעמל דורכצוקריכן דורך אַ לעכל פֿון אַ נאָדל, איידער פֿאַר אַ גביר אַרײַנצוקומען אין קעניגרײַך פֿון הימל" וכדומה) זענען געווען געווענדט דער עיקר קעגן די דאָזיקע האָפֿערדיקע פּלוטאָקראַטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט פֿעראַכטונג צום פּראָלעטאַריאַט.

דער בעשעפֿער פֿונעם קריסטנטום האָט אין דעם פּרט געהאַט צו די אַריסטאָקראַטן־צדוקים די זעלביקע געפֿילן, וואָס עס האָבן געהאַט צו זיי אַפֿילו פּרושים און בעזונדערס די דעמאָקראַטן־קנאים. נאָר די קנאים האָבן געהאַט נאָך אַ פּאָזיטיוון אידעאַל: די פּאָליטישע בעפֿרײַונג פֿונעם פֿאָטער־לאַנד פֿונעם רוימישן יאָך, דעם קאַמף מיט די ערָאבערער אינ'ם נאָמען פֿון אַן אומאָפּהענגיגער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דעם דאָזיקן אידעאַל האָט די נײַע תורה אָפּגעוואָרפֿן ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל מען קאָן אים ניט פֿערווירק־ליכן, נאָר ווײַל ער איז כלל ניט נויטיג. זי האָט אינגאַנצן אָפּגעלייקנט דעם פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן קאַמף, מחמת זי האָט בכלל נישט געהאַלטן דערפֿון. אירע כללים זענען געווען: מען טאָר זיך ניט אַנטקעגנשטעלן קעגן שלעכטס, מען מוז „אָפּגעבן דעם קיסר, וואָס אים קומט", דאָס הייסט, זיך אונטערגעבן דער רוימישער ממשלה. די רעליגיעז־עטישע השלמה פֿונ'ם יחיד איז מעגלעך אויך אונטער אַ פֿרעמדער ממשלה. די אמת'ע גוטע מדות בעשטייען ניט אין מרידה, נאָר אין צופֿרידן זײַן מיט זײַן מזל. „ווויל איז צו די ענוים, צו די וואָס מאַכן שלום, צו די וואָס ווערן געטריבן פֿאַר'ן אמת, מחמת זייערע איז די מלכות־השמים". גײַסטיגע פֿרײַהייט (אין מיסטישן זין) איז אַ סך העכער, איידער פּאָליטישע פֿרײַהייט, אויסבעסערן די געזעלשאַפֿט איז מעגלעך נאָר דורכדעם, וואָס מען וועט אויסבעסערן די יחידים, די איינצעלנע גאַנצע עלעמענטן, פֿון וועלכע זי בעשטייט. אַז די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע איז נויטיג געווען פֿאַר'ן פֿאָלק, בכדי אָפּצוהיטן זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיג־קייט — דאָס האָט די נײַע תורה ניט גענומען אין אַכט. זי האָט נאָך אָנגע־נומען — ניט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער, נאָר פֿון רײַן־עטישער זײַט — דעם פּרינציפּ פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט, אין דעם זין, וואָס זי האָט געשטעלט העכער די נידעריגע קלאַסן פֿאַר די העכערע, אָבער זי האָט ניט געהאַלטן פֿונ'ם ברײַ־טערן פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַליזם, וואָס פֿאָדערט אַ פֿרײַע אַנטוויקלונג פֿאַר איטלעכער פֿאָלקס־איינהייט, וואָס האָט זיך היסטאָריש געבילדעט.

דאָ איז די נײַע תורה געקומען אין צוזאַמענשטויסונג מיט די פּרושים, וואָס האָבן געבילדעט אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אין איהר טעטיגקייט געשטעלט העכער דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ פֿאַר'ן פּרינציפּ פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט. די דעמאָלטיגע

שטה פון די פרושים האט געהאט אין זיך, אינאיינעם מיט די יסודות פון העכסטען לעבענס-אמת, א סך אזעלכעס, וואס האט געמוזט אבשטויסען פון זיך דעם פרעדיגער פון אויסשליסליכער אינעווייניגסטער פרומקייט, וואס זיין שטרעבען איז געווען אויפצוקלערן די פינסטערע מאסע, וואס איז „ארים אין גייסט". חאטש, וואס די פרושים האבען צופיעל געהאלטען פון למדות, פון קענען די תורה — האט געבראכט דערצו, אז אין געוויסע קרייזען פון דער געזעלשאפט האט מען זיך בעצויגען מיט פעראכטונג צו א פראסטען מענשען, וואס איז ניט קיין יודע ספר, צו אן „עם-הארץ". ניט קיין געלערנטער, האט מען געזאגט, קאן ניט זיין אמת פרום (אין בור ירא חטא); מען האט איהם בעטראכט פאר אזא מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, וואס האט ניט אלע רעכט.

דער האזיגער גייסטיגער אריסטאקראטיזם פון די פרושים האט פונקט אזוי אויפגעבראכט די גרינדער פון קריסטענטום, ווי דער יחוס- און געלד-אריסטאקראטיזם פון די צדוקים. זיי האבען אליין אבגעשטאמט פונ'ם פראסטען המון, און דעריבער האבען זיי בעסער פערשטאנען זיין שטימונג. זיי האבען געוואוסט, אז אין פראסטע מענשען קאן מען דערוועקען אזא מעכטיגען געפיהל פון אינבעוואוסטען גלויבען, וואס לויט זיין קראפט וועט ער ניט שטעהן נידעריגער פאר'ן בעוואוסטען גלויבען פון די חכמים, און אז בכלל זענען אין דער רעליגיע דבקות און התלהבות ניט אין אנערך וויכטיגער, איידער קענטעניסען און ארום-געקלערטע און צוזאמענגעשטעלטע תקנות. און אזוי ווארפט זיך די נייע תורה אריבער אין אנדערן עק און רוהמט און לויבט די „ארימע אין גייסט", דעם חבר'ן זיך מיט „חוטאים און מוכסים", אדער זי געברויכט דעם עהרענ-טיטעל „סופר" אלס א זידעל-ווארט. דער טייל אמת, וואס איז בלי-ספק געווען אינ'ם נייעם אנטיטעז (די הייסע ליעבשאפט צו „די קליינע", צו „די פערלארענע שאף פון הויז ישראל", מתי., X, 6; XVIII, 11), איז געגאנגען פערלארען אין איהרע עקסטרעמיטעטען, וואס ליגען, א.ג.ו., אין דער טבע פון איטליכען אנטיטעז.

דער רעליגיעזער פארמאליזם און די שטרענגקייט, מיט וועלכער מען האט געמוזט, לויט דער שטה פון די פרושים, אבהיטען די צערעמאניעס, איז געווען א יסוד פאר א שארפער פלוגתא. אפטמאלס פלעגט די אויסווייניגסטע פרומקייט דערגרעהן צו צביעות, צו א שטה פון „וצדקתך", א האפערדיגער און זעלבסט-צופרידענער, וואס איהר ציעל איז עולם-הזה און איינפלוס אויף דער געזעלשאפט. אויף אזעלכע צבועקעס, וואס פאר זיי האבען מתרה געווען דאס פאלק אויך די בעסטע צווישען די פרושים („צבועים" אדער „געפארבענע", § 60), איז די נייע תורה אנגעפאלען מיט איהר גאנצען כח. נאר זי איז אוועק נאך ווייטער און האט געטאדעלט יענעם ענטוויקלונגס-פראצעס פון דער תורה פון די פרושים, וואס לויט איהם איז דער אויסווייניגסטער צערעמאניען-קולט געווארען פאר א סך אנשטאט א מיטעל א ציעל פון דער רעליגיע, און מיט זיין פערפלאנטערט-קייט האט ער פערשטעלט איהר געפיהלס-מדות. די שטרענגע געזעצען חוצ'ן

מאכלות אסורות, וועגן טהרות אָדער שבת-רוה זענען אָפטמאָלס געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די פּאָרעכענגען פֿון ריינעם געפֿיהל (די מעשיות וועגן רייסן זאַנגען אום שבת, כּדי צו געבן אָפּעסן הונגעריגע, וועגן היילען אַ קראַנקען אום שבת, וועגן וואַשען די הענד פֿאַר'ן עסן; מתי., XII, XV און אַנד.)— און דאָ איז געווען אַ מעגליכקייט אָנצופֿאַלען אויף דער שטרענגקייט פֿון די פּרושים און בכלל אויף די פֿעהלערן פֿון צערעמאָניען-סיסטעם[5].

די דאָזיגע שטרעבונג צו פֿערטיפֿען דעם רעליגיעז-זיטליכען געפֿיהל אויפֿ'ן חשבון פֿונ'ם קולט און דער אויסווייניגסטער צערעמאָניען-סיסטעם איז געווען דער וועדטפֿולסטער און דער פּאָזיטיווסטער יסוד פֿון דער נייער תורה. זי האָט שוין פֿריהער געהאַט איהרע פֿאָרשטעהער אין דער יהדות — פּיעלווייטיגע (די נביאים) אָדער איינזייטיגע (אסיים) — און נאָך אין די שפּעטערדיגע היסטאָרישע עפּאָכעס האָט זי זיך אַרויסגעוויזען אין מעכטיגע פֿאָלקסבעוועגונגען[6].

גאָר דערביי האָט מען געלאָזען איבער אַכט איין וויכטיגען פֿאַקט: אַז די תורה (שבכתב און שבעל-פּה) האָט געהאַט פֿאַר זיך ניט בלויז רעליגיעזע צילען, נאָר אויך נאַציאָנאַלע און צום טייל אויך פּאָליטישע. אַלס פּועל-יוצא פֿון אַ יאָהר-טויזענדער-לאַנגער קולטורעלער ענטוויקלונג, האָט די תורה געהאַט אין זיך פֿערשיידענע פֿאָרמען, אין וועלכע דאָס אידישע פֿאָלק האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סביבה; זי האָט רעגולירט דעם אידענס לעבען ניט בלויז אַלס מאמין, נאָר אויך אַלס בירגער און מיטגליד פֿון זיין נאַציע. מיט דער הסכּמה פֿון דער רעליגיע האָט זי אונטערגעהאַלטען אין פֿאָלק איינהייט און דיסציפּלין. פֿון דער דאָזיגער אונענדליך גרויסער קאָנ-

[5] איבעריגענס, איז אין ערנסטע פֿאַלען פֿלעגט אפילו די שטרענגע געזעצגעבונג פֿון די פּרושים אָבלאָזען, ווי עס איז צו זעהן פֿונ'ם כּלל, אַז „פּקוח נפש דוחה שבת" (אַז דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגן ראַטעווען אַ מענשען דעם לעבען, קוקט מען ניט אויף שבת). דער מאמר פֿון תלמוד: „דער שבת איז געגעבען אייך, און ניט איהר זייט געגעבען דעם שבת (מכילתא; יומא פּה) איז דאָס איינענע, וואָס די מימרא פֿון „ברית-החדשה": „דער שבת איז פֿאַר'ן מענשען, און ניט דער מענש פֿאַר'ן שבת (מאַרקוס II, 27).

[6] די דאָזיגע בעוועגונג, וואָס אין דער תורה, פֿון די אַלטע נביאים האָט זי זיך אַרויסגעוויזען אין סאָציאַל-עטישער פֿאָרם, האָט אין דער שפּעטערדיגער ח ס י ד ו ת אָנגענומען אַן אינדיווידואַל-מיסטישע פֿאָרם, מיט דער דאָגמע פֿון דבקות און מיט'ן קולט פֿון צדיקים. אין אַן אַנדער אָרט האָב איך שוין אויסמערקזאַם געמאַכט דערויף, וואָס עס וואַרפֿט זיך אין אויג די אַנאַלאָגיע צווישען אַלטען קריסטענטום און צווישען דעם חסידיזם פֿון בעש"ט, מצד די גרונדפּרינציפּען, דער אַרומיגער סביבה און דער שטימונג פֿון די גרינדער. דאָס וואָס די ווייטערדיגע געשיכטע פֿון ביידע בעוועגונגען זענען געווען פֿערשיידען, ווערט בעדינגט דורכ'ן אונטערשייד אינ'ם ווייטערדיגען גאַנג פֿון די געשעהענישען: די חסידות האָט ניט געהאַט איהר פּוילוס'ן, וואָס זאָל זי אַרויספֿיהרען הויצ'ן תחום פֿון דער יהדות.

מערווירענדער זײַן פֿעראײניגענדער קראַפֿט פֿון דער תּורה האָבען די גײַסטיגע פֿירער פֿון כּלל, די פּרושים, ניט געקאָנט זיך אָבזאָגען, בּפֿרט נאָך אין אַזאַ מאָמענט, בּשעת די אידישע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, וואָס די רוימער האָבען זי שוין געהאַט אַזוי אײַנגעשמעלט, איז געשטאַנען אין סכּנה אינגאַנצען בּטל צו ווערען. איטליכער אָנפֿאַל אויף די דאָזיגע יסודות פֿון דער נאַציאָנאַלער אײַנהײַט האָט דעמאָלט געטראָגען אויף זיך דעם כּאַראַקטער פֿון בּגידה קעגען פֿאָלק, פֿון אַ שטרעבונג אָבצושוואַכען זײַנע גײַסטיגע כּחות, מיט וועלכע ער דאַרף זיך פֿערטײדיגען.

אויף אַזאַ אופֿן האָבען ניט די קנאים און ניט די גײַסטליכע פּרושים געקאָנט אָננעמען דעם קריסטענטום אין דער צײַט, בּשעת ער איז ענטשטאַנען. די ערשטע האָבען לויט זײערע איבערצײַגונגען ניט געקאָנט צושטעהן צו אַזאַ ריכטונג, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אַלס אידעאַל „אַ מלוכה ניט פֿון דער וועלט“ (יוחנן, XVIII, 36), וואָרום דער עצם זין פֿון זײער טעטיגקײַט איז גראָד בּעשטאַנען דערין, וואָס זײ האָבען געוואָלט ווידער אויפֿריכטען אַ שטאַרקע און פֿרײַע אידישע מלוכה, וואָס זאָל זײַן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר פֿאַר דער אײַנהײטונג פֿון דער נאַציע.

די גײַסטליכע פּרושים ווידער האָבען אײַנגעזעהן אין דער נײַער תּורה אַ בּעשטימטע אַנטי־נאַציאָנאַלע טענדענץ. דער אמת פֿונם פּרינציפּ: „גאָטס קעניגרײַך איז אין אונז“ (לוקס XVII, 21) האָבען זײ גוט פֿערשטאַנען, נאָר זײ האָבען געהאַלטען, אַז אָנווענדען אידם אויף אַנאַבכאַלטען אופֿן איז ניט מעגליך. דער דאָזיגער געהײבענער פּרינציפּ איז גענוג פֿאַר דער זיטליכער שטאַרקונג פֿונם אײנצעלנעם יחיד, אָבער ניט פֿאַר דער נאַציע. מען קאָן אידם אָנווענדען צו דער פֿערזענליכקײַט, בּשעת מען נעהמט זי אַרויס פֿון דער היסטאָרישער און כאַציאַלער סבֿיבֿה און פֿון די אידעאַלען און טראַדיציעס, וואָס זענען פֿערבּונדען מיט דער לעצטער. פֿאַר אַ פֿאָלק, פֿאַר אַ קבוץ, וואָס האָט זיך היסטאָריש געקבֿורעט און וואָס וויל ווײַטער פֿיהרען זײַן אײַגענאַרטיגען קיום, איז נויטיג, אַז „גאָטס קעניגרײַך“ זאָל זיך אַרויסווײַזען אין אַ גאַנצער רײה אויסווייניגסטע כּללים און געזעצען, וואָס בּינדען צונויף אינאײנעם די בּעזונדערע מיטגליעדער פֿונם פֿאָלקס־אָרגאַניזם. אַזאַ אויסווייניגסטע פֿערקערפּערונג פֿון „גאָטס קעניגרײַך“ אין דער פֿאָרם פֿון אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער דיסציפּלין, האָבען די פּרושים געהאַלטען פֿאַר בּעזונדערס נויטיג פֿאַרן אידישען פֿאָלק אין יענער עפּאָכע, בּשעת די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דיסציפּלין איז געפֿאַלען אדאַנק דער רוימישער איבּערהערשאַפֿט. אָט דערפֿאַר האָט די נײַע תּורה זײ אויסגעוויזען ווי אַ תּורה ניט פֿון דער וועלט, וואָס פּראַקטיש קאָן מען זי ניט אָנווענדען אין יענעם מאָמענט, און וואָס בּכלל איז זי ניט צוגעפּאַסט צו די רעאַלע פֿאַכישע בּעדערפֿענישען פֿונם יחיד און פֿון דער נאַציע.

די נײַע תּורה האָט די ערשטע צײַט צוגעצויגען צו זיך דער עיקר די

אבֿות, וואָס זײַנען געווען נוטה צו הסתּכּלות אין ווײַט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַז זייערע מיסטישע אָנשויאונגען האָבן געווירקט אויף דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿונעם אַלטן קריסטנטום — דערין איז קיין שום ספֿק ניטאָ. פֿון די אבֿות זײַנען צום קריסטנטום איבערגעגאַנגען אַלע מינים מעשי נסים (אַרויס-טרײַבונג פֿון דיבוקים, היילונג פֿון קראַנקע מדרך-נס, דער זעענדיק-מאַכן בלינדע וכדומה, נאָך אַזעלכע מופֿתים), וואָס זײַנען אין די פֿאָלקסמאַסע צוגעצויגן געוואָרן צו דער נײַער תּורה, אַ כּח שטאַרקער, איידער דורך די געהויבענסטע דרשות[7].

דערפֿון באַרירט זיך אויך די פֿאַרשטאַרקטע אַנטוויקלונג פֿון דער אמונה אינעם „פֿײַערדיקן גיהנום" און אין גן-עדן, אין קערפּערלעכער תּחית-המתים, צוזאַמען מיט משיחן, וואָס איז אַן איבערמענש. אינעם לעצטן פּונקט איז שוין געלעגן דער קערנדל פֿאַר יענער דאָגמע, וואָס האָט באַדאַרפֿט אָפּשיידן דעם קריסטנטום פֿון דער יהדות. אין דער דאָזיקער פּונקט האָט אינגאַנצן באַשטימט דעם גורל פֿון דער נײַער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

דער טיטל „משיח" האָט דערוועקט חשדים אין די אידישע אָפֿיציעלע כּפֿערן, און דער טיטל „אידישער קעניג" — אינעם קרײַז פֿון דער רוימישער פֿאַרוואַלטונג. אונטער דער ווירקונג פֿונעם דאָזיקן צווייאיקן חשד אין רעליגיעזער און פּאָליטישער אַפּטרינניקײַט איז אויסגעפֿירט געוואָרן, אין דער צײַט, בשעת דער אַכזריותדיקער פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט פֿאַרוואַלטעט איבער יהודה, די טויטשטראָף איבערן גרינדער פֿון קריסטנטום, — בלי-ספֿק איינער פֿון די טראַגישסטע אַקטן אין דער געשיכטע פֿון די, וואָס האָבן געליטן פֿאַר זייער גלויבן.

די צווייטע פֿאַזיס פֿון דער נײַער תּורה (פּאַוליניזם).

§ 145. ווי ווײַט ס'איז גוט געווען די וועלטאַנשויאונג פֿונעם גלויבענס-לערער פֿון נצרת פֿון די דעמאָלטיקע נאַציאָנאַל-גײַסטיקע באַדערפֿענישן פֿון אידישן פֿאָלק, פֿונדעסטוועגן איז זי די ערשטע צײַט, פּונקט אַזוי ווי די שיטה פֿון די אבֿות, געבליבן נאָך אויפֿן באָדן פֿון דער יהדות. דער באַשעפֿער פֿון קריסטנטום גופֿא האָט אָפֿטמאָלס אַרויסגעזאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן מיט זײַן ענטפּלעקונג צו די אידן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון „אָפּצונעמען די ברויט בײַ די קינדער (די אידן) און וואַרפֿן עס פֿאַר הינט" (הײַדן; מתּי XV, 26) און האָט באַפֿוילן זײַנע תּלמידים צו „גיין ניט צו די הײַדן און די שומרונים, נאָר צו די פֿאַרלאָרענע שאָף פֿון הויז

[7] אויך דאָ וואַרפֿט זיך אין אויגן די ענלעכקייט מיט דער טעטיקייט פֿונעם גרינדער פֿון דער חסידות, ר' ישראל בעל שם טובֿ, וואָס פֿריִער איז ער באַרימט געוואָרן פֿאַר אַ „בעל-שם", וואָס טוט מופֿתים, און ערשט דערנאָך פֿאַר אַ לערער אין גלויבן. זעה מײַן „געשיכטע פֿון דער חסידות": בעש"טס לעבן (וואַרשע, 1888, בוך 7–8).

ישראל" (דאָרט גופא X, 5—6). הגם ער האָט געשטעלט די שטרענגקייט פון דער צערעמאָניען־סיסטעם, פונדעסטוועגן פאָדערט ער איבערחזר'ן, אַז ער איז געקומען ניט בכדי צו „צעשטערן די תורה, נאָר בכדי זי מקיים צו זיין", און אַז „קיין איין קוצו של יוד פון דער תורה וועט ניט פאַרגיין" (דאָרט גופא, V, 17—18). אין דעם זין האָבן געווירקט זיינע ערשטע תלמידים און אַפּאָסטעלן (שמעון כיפא אָדער פעטרוס, דער אַפּאָסטעל יעקב און אַנדערע).

די ערשטע קריסטליכע געמיינדע אָדער סעקטע אין יהודה איז לויט איהר אַרט לעבן געווען ענליך אויף אַ פרומער ברודערשאַפט פון אסיים. דאָס איז געווען אַ סעקטע „חסידים", וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרטיפען דעם רעליגיעזן געפיהל, פאַרגייסטיגען די פאָרמאַלע יהדות דורך ערהאַבענע זיטליכע געפיהלען און מיסטישע שטרעבונגען. ביי אַזעלכע תנאים, וואָלט די נייע פּראָפּאַגאַנדע זיך אָבגעשטעלט ביי די גרענעצען פון לאַנד יהודה און וואָלט געבליבען אַן אינעווייניגסטע אידישע באַוועגונג, איינע פון די פאַרשיידענע מינים אידישקייט. נאָר אַנדערע היסטאָרישע פאַקטאָרען האָבען מיטגעווירקט דערצו, אַז די דאָזיגע באַוועגונג זאָל אַרויס פון די גרענעצען פון יהודה און זאָל באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג. דער ערשטער באַשעפער פון דער דאָזיגער איבערקעהרעניש איז געווען שאול פון ת ר ס ו ס, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער אַפּאָסטעל פ ו י ל ו ס.

שאול איז געווען געבירטיג פון קליין־אַזיען (פון תרסוס אין קיליקיען) און איז געווען אַ טיפּישער פאַרשטעהער פון די אידען אין די גלות־לענדער. אַ פרושי לויט זיינע איבערצייגונגען, איז ער געווען בהבינט אין דער גריכישער שפּראַך, און איהם איז, אפנים, אויך ניט פרעמד געווען די העלענישע בילדונג. לויט דער טראַדיציע, איז ער יונגערהייד געקומען צו פאָהרען קיין ירושלים און איז געווען צווישען די תלמידים פונם אָנפיהרער פון די פרושים, רבן גמליאל (§ 142). אַלס אַ שטרענגער קנאי פאַר דער תורה, איז ער געווען אַ מתנגד פון דער נייער מיסטישער תורה, וואָס האָט דעמאָלט (אַנ'ערך אין די יאָהרען 35—45) צו־ביסלעכוויז פאַרשפּרייט זיך אין יהודה און אויך אין סוריא און קליין־אַזיען.

אין די גלות־לענדער האָט די נייע תורה געפונען אָנהענגער ניט בלויז צווישען אידען, נאָר אויך צווישען היידען. דאָס איז געווען אַ צייט, בשעת די אידען וועלכע גלויבען אין איין גאָט זענען זעהר שטאַרק פאַרשפּרייט געווען אין דער היידנישער וועלט. ס'האָט אָפטער געטראָפען, אַז היידען פלעגען זיך מגייר זיין, באַזונדערס פרויען. אַ סך היידען האָבען מיטגעפיהלט דער יהדות, נאָר זיי האָט אָבגעהאַלטען פון צו מגייר זיין זיך די פאָרמאַליטעטען, וואָס זענען געווען דערמיט פאַרבונדען, און בכלל די שטרענגקייט פון די אידישע געזעצען. די פּראָפּאַגאַנדע פון די „גליליער פישער", וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין די דאָזיגע קרייזען, האָט אַרויסגערופען אַן אויפרעגונג אין די מחנות.

שאול האט לכתחלה מיט א גלייכער היציגקייט גערודפ'ט ביי אידען און ביי העלענען, וואס האבען מיטגעהאלטען דער קריסטליכער תורה. נאר מיט אמאל איז אין איהם פארגעקומען א שנוי. מחמת עפּיס א גייסטיגער איבערקערעניש, וואס איז ארויסגערופען געווארען, לויט ווי די טראדיציע דערצעהלט, דורך א וואונדערבאפעסטיגער זעהונג, — איז דער שונא פון קריסטוסעס תורה, שאול פון תרסוס, פערוואנדעלט געווארען אין זיין ענערגישסטען פערשפרייטער — אינ'ם אפאסטעל (שליח) פאולוס. ער האט דורכגעפיהרט נייע, בריי'טערע וועגען פאר דער פראפאגאנדע און האט בעשאפען א נייע, א פראקטישע באזיס פאר דער ענטוויקלונג פון קריסטענטום.

פאולוס האט קלאר איינגעזעהן, אז פון איין זייט וועט דער קריסטענטום זיך ניט פערשפרייטען שטארק צווישען אידען, וואס האלטען טייער זייער נאציאנאלע איינענארטיגקייט אדער פאליטישע פרייהייט, און פון דער אנדער זייט — אז יענע הייידען, וואס זיי האט אבגעשטויסען פון דער אידישער אמונה איהר נאציאנאלער כאראקטער און די שטרענגקייט פון איהרע חוקים, קאן מען צוציהען צום נייעם גלויבען דורכדעם, וואס מען וועט בעזייטיגען די דאזיגע מניעות. בכן נעהמט „דער אפאסטעל פון די הייידען" דעם יונגען צווייג פון דער אידישער אמונה, רייסט איהם אב פון זיין שטאם, פערבייט די פראקטישע יסודות פונ'ם ג ע ז ע ץ דורך דאגמען פון ג ל וי ב ע ן אינ'ם גייסט פון דער נייער מיסטישער ענטפלעקונג, און אין אזא געשטאלט מאכט ער איהם צוטריטליך פאר אלעמען.

אין זיינע רעדעס און בריעף, וואס זענען געווענדעט צו גריכען און רוימער, ענטוויקעלט ער א קאמפליצירטע רעליגיעז-פילאזאפישע סיסטעם, וואס בעדארף פערענטפערן די איבערקערעניש, וואס ער מאכט. קודם כל ווערט בטל די אידעע, אז די אידישע מאסע איז אן „עם-הנבחר", מחמת זי איז די טרעגערין פון דער גאטעסערקענטעניש. די אידען און הייידען געפינען זיך גלייך „אונטער דער זינד" (רוימער III, 9). דער שטאלץ פון די אידען, זייער הייליגע תורה, לא די וואס זי האט זיי ניט אויסגעלייטערט פון זינד, נאר זי האט זיי נאך טיעפער געמאכט איינזינקען אין זינד. „פון דער תורה איז ארויסגעקומען די דערקענטעניש פון זינד"; „די תורה איז געקומען בכדי צו פערמעהרען די זינד (דארט גופא, 20; V, 20). די רעליגיעזע מיסיע (שליחות) פונ'ם פאלק ישראל האט זיך געענדיגט, ווי נאר ס'איז געקומען דער מ ש י ח — קריסטוס. ווי נאר ער איז געקומען, איז די אלטע אידישע ת ו ר ה אבגעשאפט געווארען, און אויף איהר ארט איז געווארען אוועקגעשטעלט דער פרינציפ פון ג ל וי ב ע ן. א מענש קאן אויסלייזען זיין נשמה ניט דורכדעם, וואס ער וועט מקיים זיין די מצות פון דער תורה, נאר דורכדעם, וואס ער האט גלויבען אין דער נייער קריסטליכער ענטפלעקונג (דארט גופא III, 20—20). „דער מענש ווערט א צדיק דורך זיין גלויבען, ניט אבהענגיג פון די מעשים פון דער תורה" (28). „ניט צוליעב דער תורה האט אברהם און זיינע קינדער

נאָך איהר בעקומען די הבטחה, אַז זיי וועלען ירשען דאָס לאַנד, נאָר צוליעב זיין גערעכטען גלויבען" (IV, 13). „די זינד וועט איבער אייך קיין שליטה ניט האָבען, ווייל איהר געפֿינט זיך ניט אונטער דער תורה, נאָר אונטער דער גענאָד (גלויבען)" (VI, 14). „קיין מענש קאָן ניט גערעכט ווערען פֿאַר גאָט דורך דער תורה, וואָרום דער צדיק לעבט דורך זיין גלויבען. און די תורה פֿאָדערט ניט קיין גלויבען, נאָר אַז מען זאָל מקיים זיין די מצוות. דער משיח האָט אונז אויסגעקויפֿט פֿון דער תורה'ס קללה" (גאַלאַטער III, 11—13). „שטעהט פֿעסט אין דער פֿרייהייט, וואָס דער משיח האָט אייך בעפֿרייט, און לאָזט זיך ניט ווידער אַריינטרייבען אינ'ם יאָך פֿון קנעכטשאַפֿט!" (V, 1).

די דאָזיגע בעפֿרייאונג פֿון קנעכטשאַפֿט אָדער פֿון דער דיסציפּלין פֿון דער תורה איז בעשטאַנען, דער עיקר, דערין, וואָס פּױלוס האָט מודיע געווען, אַז עס זענען אָבגעשאַפֿט די גרונד-צערעמאָניעס פֿון דער אידישער אמונה, וואָס זענען בעזונדערס שווער פֿאַר די הײדען זיי מקיים צו זיין — און קודם כל די מצות מילה. אַנשטאָט „דיך מל צו זיין קערפּערליך", פֿאָדערט ער אַ סימבאָלישע „מילה און האַרצען", עס זאָל די מצוה מקיים ווערען „לויט'ן גייסט, און ניט לויט'ן אות" (רוימער, III, 29). סיי געמל'טע און סיי ניט-געמל'טע לייט גאָט אויס דורכ'ן גלויבען (IV, 30). די מילה איז פֿערביטען געוואָרען דורך דער טויפֿונג, וואָס דאָס איז דער סימבאָל פֿון דער נייער ענטפלעקונג. דער גלויבען, וואָס האָט פֿערנומען דעם אָרט פֿון דער תורה, איז בעשטאַנען דערין, וואָס מען האָט געמוזט אָנערקענען, אַז קריסטוס איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טויט בורך גם און אַז דורך איהם איז די מענשהייט אויסגעלייזט געוואָרען פֿון אדם הראשון'ס זינד (קאָרינטער XV און אַנד.). די תורת-משה האָט געשפּיעלט די ראָל פֿון אַן ערציהער, וואָס האָט בעדאַרפֿט אויסהאָדעווען די קינדער און ברענגען זיי צו פֿיהרען צום אמת'ן משיח, און ווי נאָר ער איז געקומען, ווערט זי אָן איהר כח (גאַלאַטער III, 24—25).

די דאָזיגע שאַרפֿע איבערקערעניש, וואָס האָט אָבגעשאַפֿט אינגאַנצען די תורה אינ'ם נאָמען פֿון דער „ברית-החדשה", איז ניט מיט אַמאָל אָנערקענט געוואָרען אין די רייהען פֿון דער נייער רעליגיע. די העלענען האָבען זי בעגריסט מיט פֿרייד, נאָר צווישען די אידען-קריסטען פֿון ארץ-ישראל האָט עס אַרויסגערופֿען די ערשטע צייט שטאַרקע פּראָטעסטען. די אָנפֿיהרער פֿון דער קריסטליכער געמיינדע אין גליל האָבען זיך אַרויסגעזאָגט קעגען די אויבען-געבראַכטע סברות אין זייערע רעדעס און בריעף. „ברידער, וואָס וועט העלפֿען אַ מענשען, וואָס טענה'ט, אַז ער האָט גלויבען, נאָר קיין מעשים האָט ער ניט? צי קאָן דער גלויבען איהם העלפֿען? דער גלויבען אַליין, אויב מיט איהם זענען קיין מעשים ניטאָ, איז טויט... דורך זיינע מעשים איז דאָך אברהם אבינו גערעכט געוואָרען, בשעת ער האָט געבראַכט פֿאַר אַ קרבן זיין זוהן יצחק'ן. דער גלויבען האָט געגעבען אַ קראַפֿט זיינע מעשים, און פֿון זיינע מעשים

איז זיין גלויבען גאנץ געוואָרען... איהר זעהט, אז דורך מעשים ווערט א מענש גערעכט, און ניט דורך גלויבען אליין" (יעקב'ס בריעף II, 14—24).

די דאָזיגע חלוקי-דעות וועגען די בעציהונגען פון דער נייער רעליגיע צו דער יהדות האָבען ארויסגערופען א לאנגדויערנדיגע שפאלטונג אין די רייהען פון איהרע אנהענגער. די „אידען-קריסטען" זענען נאך לאנג געווען אבגעזונדערט פון די „היידען-קריסטען". נאָר די צוקונפט איז געווען פאר דעם אפּאָסטעל פּוילוס'עס שטה, וואָס האָט ברייט פונאנדערגעעפענט די טירען פאר נייע אנהענגער.

אויף אזא אופן זענען די נייע פּרעדיגער בנוגע צו דער רעליגיע דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבען בעזייטיגט די שליטה פון דער תורה, דאָס הייסט, די זינט יאָהרהונדערטען איינגעשטעלטע סיסטעם פון אמונות, מסורות, מנהגים און חוקים, וואָס האָבען רעגולירט דעם פּריוואטען און געזעלשאַפטליכען לעבענספיהר, און אנשטאט דעם האָבען זיי אויפגעשטעלט מיסטישע דאָגמען, וואָס זענען פרעמד פאר דער וועלטאנשויאונג פון דער יהדות. צו די פראגען פון פּאָליטיק און געזעלשאַפטליכקייט האָט דער קריסטענטום גאָר פון אנהויב זיך בעצויגען אבשטויסענד: זיין ציעל איז געווען אויסצולייזען דעם מענשען פון זינד, און ניט דאָס פאָלק פון פרעמדען יאָך.

נאָר ס'איז דאך פאָרט געווען א הייסע צייט, די צייט פון די לעצטע פּראָקוראטאָרען, ערב דעם גרויסען פאָלקס-אויפשטאנד. ניט דער רעליגיעזער בעוואוסטזיין, ניט דער אינסטינקט פון נאציאָנאלער זעלבסטאיינהיטונג, ניט דער פּאטריאָטישער געפיהל פון די אידען האָט זיי ניט ערלויבט צו בעציהען זיך צו דער נייער אמונה אנדערש, ווי מיט שטרענגסטען טאדעל. אויב דאָס אידישע פאָלק וואָלט זיך געלאָזט געהן אויף דעם וועג, וואָס עס האָט פאר איהם אויסגעצייכענט דער אפּאָסטעל פון די היידען, דעמאָלט וואָלט עס גאָר אין גיכען פערשוואונדען געוואָרען ניט בלויז אלס פּאָליטישע, נאָר אויך אלס גייסטיגע נאציע, אלס איינציגארטיגע אינדיווידואליטעט, וואָס האָט זיך געבילדעט אונטער דער ווירקונג פון א יאָהרהונדערטען-לאנגער געשיכטע. דאָס אידישע פאָלק האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אבטוהן דעם דאָזיגען אקט פון נאציאָנאלען זעלבסטמאָרד. מיט א גבורה און מסירת-נפש, וואָס האָט ניט איהר גלייכען, האָט עס דעמאָלט געקעמפּפט פאר זיין פּאָליטישער בעפרייאונג, און נאָך דער מפּלה, וואָס איז ניט געווען אויסצומיידען, הערט עס ניט אויף צו קעמפּפען שטאנדהאפטיג און קעמפט פאר זיין גייסטיג-נאציאָנאלען קיום.

דער שטרעבען צו דער אידישער אמונה און די גלות-לענדער.

§ 146. ס'איז כדאי זיך אבצושטעלען דערויף, וואָס אין דער זעלביגער צייט, בשעת צווישען אידען און די אנדערע פעלקער איז צום גרעסטען אויסגעוואקסען די נאציאָנאלע שנאה,— איז גראָד דעמאָלט האָט מען געקאָנט בעא-

מערקן די גרעסטע שטערונג צו דער אידישער רעליגיע אין פערשידענע שיכטען פון דער היידנישער געזעלשאפט. אין דער דאזיגער ערשיינונג האט זיך ארויסגעוויזען די קראפט פונם פאמעליכען גייסטיגען פראצעס, וואס איז פארגעקומען אין דער טיעפעניש פון דער היידנישער וועלט און האט געפירט פון דער פיעלגעטערייַ צום גלויבען אין איין גאט.

די געבילדעטע גריכען און רוימער, וואס זענען באקאנט געווארען מיט דער תורה פון דער יהדות פון די ווערק פון דער אידיש-העלענישער ליטעראטור, זענען אפטמאל צוגעצויגען געווארען דורך די הויכע השגות וועגען גאט, זיטליכקייט און תכלית פון לעבען, וואס געפינען זיך אין דער דאזיגער תורה. די פארשטעלונגען וועגען אן אבסטראקטען גאט, דעם בעשעפער פון דער וועלט און צוגלייך דעם מקור פונם העכסטען אמת, וועגען א לעבען, וואס איז דורכגעדרונגען מיט א זיטליכען בעוואוסטזיין און וואס געפינט אין אידעאל זיין גליק און ציעל — די דאזיגע פארשטעלונגען האבען געמוזט א סך זאגען דער נשמה פון אזא מענשען, וואס איז ניט בעפרידיגט געווארען דורכן איבערגאפיגען גלאנץ פונם היידענטום.

פון דער אנדער זייט האט דער איינזאמטיגער לעבענסשטייגער פון די אידען, וואס האבען געוואוינט אין די גלות-לענדער, געמוזט ווירקען אויף די מיטעלמעסיגע און נידעריגע קלאסען פון דער פרעמדער געזעלשאפט, וואס ארום זיי. די אומשאטערע איבערגעגעבענקייט פון די אידען צו זייער אמונה און צו זייערע מנהגים, די אידעאלע אפהיטונג פון דער שבת-רוה, די רייניקייט פונם פאמיליען-לעבען, די בערייטקייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר די רעליגיעזע איבערצייגונגען, וואס האט זיך בעזונדערס שטארק אויסגעדריקט אין זייער פראטעסט קעגען קיסרס קולט אין קאליגולאס צייטען, — דאס אלץ האט ניט-ווילענדיג איינגעפלאנצט אכטונג צו דער יהדות אפילו צווישען די יעניגע, וואס זיי האט אבגעשטויסען די פיעלקייט פון אידישע אויסווייניגסטע צערעמאניעס.

צולעצט, האט דא ניט קיין קליינע ראל געשפיעלט די אקטיווע אידישע פראפאגאנדע. אפטמאל איז די מיטגלידער פון די אידישע אוטאנאמע קהלות אין די גלות-לענדער איינגעקומען צו בעווייזען די אנדערש גלויביגע, אז זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען זענען גערעכט. מען פלעגט בעגעגענען צווישען די אידען איבערגעגעבענע מיסיאנערען. מען קאן רעכענען פאר א לשון גוזמא דאס, וואס שטעהט דערצעהלט אין מתיס עוואנגעליום (XXIII, 15), אז די „פרושים" פלעגען מיט א כיון „פאהרען איבער ימים און איבער דער יבשה, בכדי מגייר צו זיין כאטש איין מענש". נאר עס לעגט זיך גאנץ גוט אויפן שכל, אז די אידישע סוחרים, וואס פלעגען ארומפאהרען איבער פערשידענע מדינות, האבען אויסגענוצט איטליכע גינסטיגע געלעגענהייט, בכדי צו פערשפרייטען די אידעען פון דער יהדות צווישען די פרעמדע, מיט וועלכע זיי האבען געהאט געשעפטליכע פערבינדונגען.

דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען, אַז די אידישע רעליגיעזע אַנשויאונגען און מנהגים האָבען זיך שטאַרק פֿערשפּרייט צווישען דער הײדנישער מאַסע אין די גלות־לענדער: אין סיריען, קליין־אַזיען, עגיפּטען, איטאַליען, גריכענלאַנד. „אונזערע געזעצען — זאָגט יוסף פֿלאַוויוס — רופֿען אַרויס צווישען די איבעריגע מענשען אַלץ מעהר צושטימונג צו זיך". „די גריכישע דענקער האָבען אין עצם געהאַלטען די תורה פֿון אונזער מחוקק, הגם לפֿנים האָבען זיי אין פֿלוג אָבגעהיט די מנהגים פֿון זייער פֿאָלק". „דאָס איינפֿאַכע איז אויך ביים פּראָסטען המון לאָזט זיך שוין פֿון לאַנג אָן מערקען אַ גרויסע תשוקה צו אונזער פֿרומקייט. אין ערגיץ איז ניטאָ קיין איין גריכישע שטאָדט אָדער אַפּילו אַ באַרבאַרישעס פֿאָלק, ביי וועמען עס זאָל ניט זיין אַריינגעדרונגען דער מנהג צו היטען שבת, בשעת מיר רוהען אויס פֿון אונזער פּראַצע, אָדער די תעניתים אָדער ליכט אָנצינדען, און וואו מען זאָל ניט אָבהיטען אַ סך דינים אונזערע וועגען שפּייז". „אַ סך פֿון די העלענען זיינען גערן געווען אָנצונעהמען אונזער אמונה; אַ סך זיינען געבליבען איהר געטריי, נאָר סיזיינען פֿאַרהאַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבען ניט אויסגעהאַלטען איהרע גהרים און זיינען ווידער אָבגעפֿאַלען".

אין אַנטיוכיא פֿלעגט דער אידישער גאָטעסדינסט ציהען אַ סך הײדען. די פֿרויען פֿלעגען מיט אַ באַזונדערן חשק אָננעהמען די אידישע אמונה; דאָס קען ווערען דערקלערט הערכדעם, וואָס פֿאַר זיי איז גרינגער זיך מגייר צו זיין פֿון פֿאָרמאַלער זייט. אין דמשק, ווי עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען (§ 127), האָבען אַ סך פֿרויען געהאַלטען די אידישע אמונה. דער רוימישער פֿילאָזאָף סענעקאַ באַקלאָגט זיך דערויף, וואָס די אידישע מנהגים פֿערשפּרייטען זיך איבער אַלע לענדער, און אויף אַזאַ אופֿן „גיבען די באַזיגטע זייערע געזעצען די זיגער" (victi victoribus leges dederunt). יובענאַל, אין איינער פֿון זיינע סאַטירעס (XIV, 96—106) פֿאַלט אָן אויף דער „אָבערגלויבישער נטיה" פֿון א געוויסען טייל פֿון דער רוימישער געזעלשאַפֿט צו דער יהדות. אויב דער פֿאָטער — זאָגט ער — פֿאָלגט דעם אידישען געזעץ און גייט אַרום לעדיג אום שבת און עסט ניט קיין חזיר־פֿלייש, ווייל עס איז פֿאַר איהם גלייך צו מענשען־פֿלייש, איז דער זוהן חוץ דעם זיך נאָך מל; אָנשטאָט די רוימישע געזעצען שטודירען זיי מיט יראת־הכבוד די אידישע און היטען זיי שטרענג אָב.

דער גרעסטער נצחון פֿון דער יהדות איז געווען דער פֿאַקט, וואָס עס האָט זיך מגייר געווען די קעניגליכע פֿאַמיליע אין אַדיאַבענע (הדיב), אַ קליינע האַלב־גריכישע מלוכה, וואָס איז געלעגען אויפֿן גרענעץ פֿון דער רוימישער אימפּעריע און פּאַרטיען און איז געווען אָבהענגיג פֿון דער לעצטער. אַנערך אין די 30־גער יאָהרען פֿונם ערשטען יאָהרהונדערט האָבען זיך מגייר געווען דער קעניג פֿון הדיב איזאַטעס, זיין מוטער העלענע (הילני המלכה), און דערנאָך אויך זיין ברודער מונבז און זיינע נאָהענטסטע קרובים. דער קעניג

איזאטעס האט געוואלט אפילו זיך מל זיין, נים קוקענדיג אויף דער אונצופרידענקייט פון זיינע אונטערטאנען. נאר איין געבילדעטער איד חנניה האט איהם דערפון אפגערעדט און האט איהם איבערצייגט, אז מען קאן זיין א גוטער איד, אפילו מען האלט ניט די דאזיגע הארבע סימבאלישע צערעמאניע. שפעטער אבער, אז אין הויב איז אנגעקומען א פרומער איד פון גליל מיטן נאמען אלעזר און האט אנגעהויבען צו בעווייזען, אז ריכטיג איז פערקעהרט, דאס הייסט, אז אהן מילה קאן מען זיך נים מגייר זיין, — העמאלט האט איזאטעס בעהאלטענערהייד איבערגעפיהרט זיין פלאן.

אין גיכען איז די קעניגליכע פאמיליע פון הויב אריינגעטראטען אין לעבהאפטע פערבינדונגען מיט ירושלים. הילני המלכה פלעגט אפט פאהרען קיין ירושלים, בכדי דארט מתפלל צו זיין אין בית־המקדש, און פלעגט וואוינען א לאנגע צייט אין דער היילינגער שטאדט. איין מאל, בשעת אין ירושלים איז געוועזען א גרויסער הונגער (אנ׳ערך אין יאהר 48), האט זי אויסגעגעבען א שלל מיט געלד אויף צו שפייזען די הונגערנדע בעפעלקערונג; צוליעב דעם האט זי בעפוילען צו ברענגען תבואה פון מצרים און פירות פון קיפערן. הילני המלכה, איהר זוהן איזאטעס און מונבז II, וואס האט געקיניגט נאך איהם, האבען שטענדיג געזארגט פאר דער אויספוצונג פון בית־המקדש אין ירושלים און פלעגען שיקען אהין טייערע מתנות. זיי האבען געהאט אין ירושלים זייער אייגענעם פאלאץ, אין דער אונטערשטער שטאדט. אין דער אומגעגענד פון שטאדט האט מען אויסגעבויט א גרויסארטיגען פאמיליען־קבר, מיט פיראמידעס פון מירמעל־שטיין; אין דארט האט מונבז מקבר געוועזען זיין מוטער און זיין ברודער, אז די זענען געשטארבען.

די מיטגלידער פון דער קעניגליכער פאמיליע פון הויב האבען שפעטער מוטיג געקעמפפט אין די אידישע רייהען קעגען די רוימער; עטליכע פון זיי זענען נאכ׳ן חורבן־ירושלים אריינגעפאלען צווישען די געפאנגענע, וואס טיטוס האט זיי צוועקגעפיהרט קיין רוים.

דער שטרעבען אננעמען די אידישע אמונה האט געהאט פערשיידענע פארמעס און מדרגות. ס׳זענען געווען אין די גלות־לענדער אזעלכע גרים, וואס האבען נים אנגענומען די גאנצע אידישע תורה, נאר מעהר ניט עטליכע פונקטען איהרע, — למשל: זיי האבען אנערקענט די אידעע פון איין־איינציגען גאט, פלעגען קומען אין שול פון דער ארטיגער אידישער קהלה, אדער אפהיטען שבת. אזעלכע האלבע גרים, „וואס האבען געפארכט גאט“ (דעם איינציגען) אדער „געפארכט זיך פאר גאט“, זענען געוועזען א סך צווישען די העלענען און רוימער. גאנצע גרים (גרי־צדק), וואס האבען אפגעהיט די גאנצע תורה במלואה, פלעגען, אפנים, זיך טרעפען זעלטענער, מחמת א סך האבען אפגעשראקען פון דער יהדות די פיעלקייט און די שטרענגקייט פון איהרע געזעצען.

צווישען די „פלאטאנישע“ אנהענגער פון דער יהדות, צווישען די אזוי

אָנגערופֿענע „גאָטספֿערעהרער“, האָט דער עיקר געקליבען זײַנע אָנהענגער דער קריסטענטום, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבען אויפֿצוקומען. אין דריטען פֿערטיל פֿון ערשטען יאָהרהונדערט, בשעת דאָס אידישע פֿאָלק איז געווען אײַנגעשלונגען פֿונ׳ם נאַציאָנאַלען קאַמפּף קעגען רוים און האָט אָבגעצויגען זײַן אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע צווישען די הײַדען, האָבען פֿונאַנדערגעוויקעלט זייער מיסיאָנערישע טעטיגקייט אין די גלות-לענדער דער אַפּאָסטעל פּוילוס און זײַנע חברים. זיי האָבען דאָ געפֿונען אַ גרייטען באָדען. טויזענדער „גאָטס-פֿערעהרער“, וואָס האָבען ניט געקאָנט פּועל׳ן בײַ זיך אָנצונעהמען די יהדות פֿונ׳ם „אַלטען בונד“, זענען גערן געווען זי אָנצונעהמען אין דער נײַער גרינגערער פֿאָרם, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דורכ׳ן אַפּאָסטעל פּוילוס און וואָס איז געגרינדעט אויפֿ׳ן עיקר פֿון *גלויבען*, און ניט אויפֿ׳ן פּרינציפּ פֿון *געזעץ*. די נײַע תורה, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָבגעריסען פֿונ׳ם נאַציאָנאַלען שורש, האָט זיך צוגעפּאַסט און וועט זיך נאָך צופּאַסען צו דער פֿרעמדער סביבה.

פֿאַר דער יהדות אָבער איז דעמאָלט אויפֿגעשטאַנען אַנאַנדער היסטאָרישע אויפֿגאַבע: זיך צופּאַסען צו יענע אויסנאַהמליכע לעבענס-תנאים פֿון דער אידישער נאַציע, וואָס זענען געשאַפֿען געוואָרען דורך דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע — דורכ׳ן פֿאַלען פֿון דער אידישער מלוכה. מען האָט געמוזט נאָך שטרענגער צופּאַסען די רעליגיעזע געזעצגעבונג צו די אויפֿגאַבען פֿון דער נאַציאָנאַלער אָבזונדערונג, און בײַ אַזעלכע תנאים איז נאָך שווערער, כמעט אוממעגליך, געוואָרען צוצולאָזען פֿרעמדע גרים. זינט יענער צײַט האָט אפֿשר אָנגעהויבען צו הערשען צווישען די גײַסטיגע פֿיהרער פֿון פֿאָלק די מיינונג, אַז דער שטרעבען צוצוציהען גרים שטימט ניט מיט דער נאַציאָנאַלער יהדות, — אָדער ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס — אַז „די גרים זענען שווער פֿאַר די אידען, ווי אַ בלאָטער“ (קשים גרים לישראל כספחת).

יהודיה האלכסנדרוני.

§ 147. אין יענעם בעדײַטונגספֿולען יאָהרהונדערט איז געמאַכט געוואָרען נאָך אַ גראַנדיעזער פּרוב צוצוגעבען דער יהדות אַן אַלמענשליכען כאַראַקטער. איין פֿילאָסאָפֿ׳עס שטה האָט געשטרעבט צו מאַכען די יסודות פֿון דער אידישקייט (אגב, בעדייטענד איבערגעאַנדערשט) צוטריטליך פֿאַר דער הײַדנישער מאַסע, דורכדעם וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿ׳ן אָרט פֿון געזעץ דעם גלויבען אָדער די מיסטישע דאָגמע. האָט פֿילאָן פֿון אלכסנדריא געהאַט בדעה אויפֿצוקלערען די העכערע קלאַסען פֿון דער גריכיש-רוימישער געזעלשאַפֿט, דורכדעם וואָס ער האָט אַרײַנגעפֿיהרט אין דער יהדות ראַציאָנאַליסטישע יסודות אינ׳ם גײַסט פֿון דער גריכישער פֿילאָזאָפֿיע.

אין פֿילאָנ׳ס פּערזאָן האָט די גײַסטיגע טעטיגקייט פֿון דער אידיש-העלענישער

בילדונג, וואס איהר צענטער איז געווען אלכסנדריא (§ 79), דערגרייכט צו איהר העכסטען פונקט. דא גיסט זיך די יהדות אריין אלס א ברייטער שטראם אין די גריכישע פילאזאפיע, בייט איבער איהר שטרעמונג, נאר זי גופא פון איהר זייט לעבט אויך איבער שנויים. די צוזאמענמישונג פון די אידעען דערגרייכט צו איהר העכסטער מדרגה. דאס, וואס האט זיך געטראגען אין משך פון יאהר־הונדערטען אין די מחות פון דער אידישער אינטעליגענץ, וואס האט בעקומען א העלענישע בילדונג; וואס האט זיך ענטוויקעלט אין א סך ליטעראטור־ווערק, וואס זענען שפעטער פערלארען געגאנגען אדער וואס בלויז קליינע שטיקלעך זענען פון זיי איבערגעבליבען, — דאס אלץ האט בעקומען א קלארען סינטעז אין די געניאלע שאפונגען פונ'ם דאזיגען דענקער, וואס פערנעהמט אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון דער פילאזאפיע ניט קיין נידעריגערן פלאץ, איידער אין דער געשיכטע פונ'ם אידישען פאלק.

פון פילאנ'ס פערזענליכען לעבען איז בעוואוסט נאר דאס, וואס האט א שייכות צו זיין אנטיילנעהמען אין דער דעפוטאציע צו קאליגולא'ן און אין דער פערטיידיגונג פון די אויטאנאמע רעכט פון די אלכסנדרינישע אידען (§ 116). פילאן האט, אפנים, געהערט צו א מיוחס'דיגער אידישער פאמיליע אין אלכסנדריא; זיין ברודער אלכסנדר האט דארט פערנומען די שטעל פון אנ'אלאבארך. פילאן האט געהאט סיי א טיפע ידיעה אין דער אידישער ליטעראטור און סיי א ברייטע גריכישע בילדונג. פלאטאנ'ס און אריסטאטעלעס'ס פילאזאפיע האט אויפגעהאדעוועט זיין געדאנק אין דער זעלביגער מאס, ווי די תורת משה און די נביאים. הגם ער האט פערשטאנען די העברעאישע שפראך, פונדעסטוועגען האט ער געשריבען זיינע ווערק אויף גריכיש, וואס איז געווען די ליטעראטור־ און געברויכס־שפראך פון די אידען אין אלכסנדריה.

אויף דער עלטער איז פילאנ'ען אויסגעקומען איבערצולעבען דעם שרעקליכען פאגראם אויף די אלכסנדרינישע אידען, וואס דער גריכישער המון האט געמאכט מיט דער הילף פונ'ם פערוואלטער פלאקוס (אין יאהר 38). די דאזיגע קאטאסטראפע און פילאנ'ס נסיעה קיין רוים, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורכ'עם, — ווארום ער איז געווען אין דער אידישער דעפוטאציע, — זיין אייגענארטיגע אודיענץ ביי קאליגולא'ן און דער קאמפף קעגען די אלכסנדרינער אידען־פיינד פון אפיונ'ס לאגער — דאס אלץ האט געמוזט האבען א בעוואוסטע ווירקונג אויף דער וועלטאנשויאונג פונ'ם אידישען פילאזאף. די היסטארישע און פילאזאפישע בעטראכטונגען, וואס זענען ארויסגערופען געווארען ביי פילאנ'ען דורך די דאזיגע געשעהענישען, זענען איבערגעגעבען אין זיינע צוויי ביכער: „קעגען פלאקוס'ן" און „די דעפוטאציע צו קאליגולא'ן". דא ווערט ענטוויקעלט דער הויפט־געדאנק, אז אלע שונאי־ישראל וועלען האבען א טרויעריגען און מיאוס'ען סוף. ס'איז בעשיינפערליך, אז אפילו די איבערגעלעבטע פורעניות האבען ניט אבגעשוואכט ביים פילאזאף זיין אפטימיסטישע איבערצייגונג.

זײַנע רעליגיאָנס־פֿילאָזאָפֿישע אידעען האָט פֿילאָן ניט אײַנגעלעגט סיסטעמאַטיש; די זענען פֿונאַנדערגעוואָרפֿן מאַכמענדאַס צווישן צוויי גרויסע גרופּעס פֿון זײַנע ווערק, וואָס אײנע פֿון די ענטהאַלט אַנאַלעגאָרישן פּירוש צו דער הייליגער געשיכטע („אַלעגאָריע פֿון די הייליגע געזעצן" און אַנד.), און די אַנדערע — אױסטײַטשונגען פֿון דער אידישער געזעצגעבונג פֿון פֿילאָזאָפֿישן און עטישן שטאַנדפּונקט („וועגן דער וועלט־בעשאַפֿונג לויט תורת משה" און אַנד.). צו די געהערן נאָך בעזונדערע חבורים מיט אַ היסטאָריש־דידאַקטישן אײַנהאַלט, ווי, למשל, „משה־רבנו'ס לעבענס־בעשרײַבונג".

דער אַלעגאָרישער מעטאָד איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון פֿילאָנ'ס שטה. לויט דעם דאָזיגן מעטאָד זענען אַלע קאָנקרעטע פֿאַקטן אָדער השגות, וואָס געפֿינען זיך אין דער תורה, רמזים אויף געוויסע אַבסטראַקטע אידעען, און אַזוי האָט דער מחבר די מעגליכקײַט צו פֿעראײניגן די העלענישע מעטאַפֿיזיק מיט דער רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג פֿון דער יהדות. למשל, דעם פּסוק פֿון דער תורה: „ויכלו השמים והארץ וכל צבאם" (און עס זענען פֿערענדיגט געוואָרען די הימלען און די ערד און זייער גאַנצער חיל) — טײַטשט פֿילאָן אויס אַזוי: „על־פּי רמז (סימבאָליש) הייסט אָן משה דעם שכל (נוס, פֿערנונפֿט) הימעל, און דעם געפֿיהל — ערד. די שכל־וועלט בילדעט אַלין אומקערפּערהאַפֿטיגעס און אידעאַלעס, און די געפֿיהלס־וועלט — אַלין קערפּערהאַפֿטיגעס, וואָס קאָן בעקומען ווערען דורך די חושים. דאָ רעדט זיך אַדאַי ניט וועגן שכל אָדער געפֿיהל פֿון (קאָנקרעטע) יחידים, נאָר מעהר ניט וועגן אידעען פֿון ביידעס".

די דאָזיגע מעטאַפֿיזישע תורה פּלאַטאָנס וועגן די „אידעען" אָדער די אַבסטראַקטע פֿאָרבילדער פֿון אַלע בעשעפֿענישן ענטוויקעלט פֿילאָן אין אַלע זײַנע ווערק. גאָט האָט בעשאַפֿען — זאָגט ער — די וועלט, וואָס מען קאָן זעהן און משיג זײַן מיט די חושים, לויט אידעאַלע, גײַסטיגע מוסטערן, פּונקט אַזוי ווי אַן אַרכיטעקטאָר בויט אויף אַ שטאָדט לויט אַ פֿריהערדיגן פּלאַן, וואָס ער האָט צוגעשטעלט בײַ זיך אין קאָפּ. די זיכטבאַרע וועלט האָט איהר פֿאָרבילד אין גאָטס שאַפֿענדען געדאַנק. אין דעם דאָזיגן זין בעדאַרף מען פֿערשטעהן דעם אױסדרוק פֿון דער תורה, אַז דער מענש איז בעשאַפֿען בצלם אלהים. ניט נאָר דער מענש אַליין, נאָר אויך די גאַנצע וועלט איז בעשאַפֿען לויט גאָטס פֿורעם, אָדער גענויער — לויט זײַן מוסטער.

פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין, אַז פֿילאָן האָט ניט אױסגעטײַטשט פּשוטם כמשמעם יענע ערטער אין תנ"ך, וואו עס ווערט גערעדט וועגן גאָט כביכול ווי וועגן אַ מענשן (אַנטראָפּאָמאָרפֿיזמען). אַזעלכע אױסדרוקן וועגן אַן עצם מופֿשט, וועגן אַן אַבסטראַקטן וועזן ווערען געברויכט נאָר אַלס פֿערגלײַכונגען, וואָס זענען נויטווענדיג מחמת דער שוואַכקײַט פֿון מענשליכען שכל, כּדי לשבר את האזן, ווי די תלמודיסטען דריקען זיך אויס. דערפֿון איז

געזעהונגען, אז דער אלעגארישער מעטאָד איז ריכטיג אויך אין די איבעריגע טיילען. איטליכער איסור פון דער תורה איז מעורר ניט א לבוש, אנ׳איינהילונג פאר א העכסטען פילאזאפישען אמת.

אין איין שורה מיט דער מעטאפיזישער אלעגאריע געהט די עטיקע. די פיער טייכען פון גן עדן, וואו אדם הראשון האט געוואוינט, זענען די פיער הויפּטליכע מדות טובות: חכמה, איינגעהאלטענקייט, גבורה און יושר. אדם און חוה שטעלען פאר די צוויי יסודות: גייסט און זינליכקייט; אזוי ווי די פרוי איז אונטערטעניג דעם מאן, אזוי מוז די זינליכקייט אונטערטעניג זיין דעם גייסט, די תאוות — דעם שכל, ווארום ביי אזא רעגעלמעסיגען מעמד פון די כחות פון דער נשמה איז מעגליך אנ׳אמת זיטליך לעבען. צונויפבינדענדיג די טעאָריע פון גאטעסערקענטעניש מיט דער עטיק, קומט פילון צו פאלגענדער אלגעמיינער מסקנה: „דער וואס האט איינגעפּעסטיגט ביי זיך אין נשמה פאלגענדע אמת׳ען: אז גאט איז פאראַן, אז ער איז איינציג, אז ער האט בעשאפען די וועלט, אז די וועלט איז אויך איינציג און אז גאט זארגט שטענדיג פאר זיין בעשעפעניש, — יענער וועט פיהרען א גליקליכען לעבען, לויט די געבאָטען פון פרומקייט און גאטספארכטיגקייט".

נאכדעם ווי פילון האט געגעבען א פילאזאפישע בעשטעטיגונג פון די עיקרי הדת פון דער יהדות, מיהט ער זיך אויך צו בעגרינדען פילאזאפיש די פּראַקטיק פון דער יהדות. אין די „עשרת הדברות" (וואס זיי אליין, האלט ער, זענען ענטפלעקט געווארען דירעקט פון גאט, אלע איבעריגע חוקים פון דער תורה זענען, לויט זיין מיינונג, משה־רבנו׳ס שאפונג) — זעהט ער איין א טיעפען סימבאלישען זין און א פערזעהענדע קראפט אין אלע צערעמאניעס פון דער יהדות. משה־רבנו׳ס סאציאלע געזעצען (די גלייכהייט פון די בירגער, די זארג פאר ארימע לייט, שמיטה און יובל) רופען ארויס ביי פילונען דעם בעגייסטערטען אויסרוף: „צי דען קאן מען ניט פאלען כורעים פאר געזעצען, וואס געווענדען צו די רייכע אבצוטיילען פון זייער אייגענס פאר די נצרכים און צו טרייסטען ארימע לייט? צי דען איז ניט ראוי, עס זאל הויך געשאצט ווערען אזא געזעץ, וואס לויט איהם ווערט איין מאל אין זיבען יאהר צוריק אבגעגעבען דער פערמעגען אלמנות, יתומים און אזעלכע, וואס האבען אנגעוואָרען זייער ערח?" די שבת־רוה, וואס מאכט געזונד דעם גוף און די נשמה, די פעריאדישע תעניתים, וואס געוועהנען צו איינגעהאלטענקייט, די געזעצען וועגען הייליגקייט און ריינקייט — דאס אלץ ווערט געלויבט פאר אלע געבילדעטע מענשען אהן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט.

פילון גלויבט, אז דאס פאלק ישראל איז אנ׳„אויסדערוועהלט" פאלק, אז עס איז בערופען צו דינען פאר די איבעריגע מענשען אלס פערשפּרייטער פון דער ריינער גאטעסערקענטעניש. אבער אויך די העכסטע פילאזאפישע גייסטער פון אנדערע פעלקער האבען זיך דערנעהנטערט צו דער ריכטיגער גאָ־

שעכערקענטעניש. זײ האָבען אויסגעאַרבײט אַ סך גרויסע אמת׳ען, וואָס בילדען אַ זעלבשטענדיגע הוספה צו תורת־משה. פֿילאָן, וואָס איז פֿון אײן זײט דורכגעדרונגען מיט׳ן גריכישען פֿילאָזאָפֿישען געדאַנק, און פֿון דער אַנדער זײט — מיט׳ן גלויבען, אַז די ביבלישע יהדות נעהמט אַרוּם אַלצדינג, קומט צו דער איבערצײגונג, אַז די הױפּט־דאָקטרינעס פֿון די גריכישע דענקער געפֿינען זיך באַהאַלטענערהײט אין דער תורה. משה האָט פֿאַרקערפּערט אין סימבאָלישע געשטאַלטען אָדער איבערגעזעצטע צערעמאָניעס הערקליט׳ס מעטאַפֿיזיק, פּלאַטאָנ׳ס און פּיטאַגאָראַס׳ס טעאָסאָפֿיע און די עטיק פֿון די סטאָיקער. פֿון דער צוזאַמענשטעלונג פֿון די דאָזיגע עלעמענטען, וואָס זענען אין דער אמת׳ען פֿערשידענאַרטיג, האָט פֿילאָן געשאַפֿען זײן רעליגיאָנס־פֿילאָזאָפֿישע תורה, וואָס האָט געהאַט אַן אויסנאַהמליכע גרויסע בעדײטונג אויף דער ענטוויקלונג פֿון די שפּעטערדיגע דענקער. פֿילאָנ׳ס פֿילאָזאָפֿישע סכעמע קען בקיצור פֿאָרגעשטעלט ווערען אויף פֿאָלגענדען אופֿן:

אין געביט פֿון דער טעאָסאָפֿיע געהט פֿילאָן אַרוּס פֿון דער אַבסאָלוט פֿערשטאַנענער אידישער אידעע וועגען דעם, אַז גאָט עצם איז אַבסטראַקט און אַז מען קען איהם להלוטין ניט משיג זײן. גאָט איז עפּעס אונענדליכעס, פֿאָלקאָמענעס, און האָט קײן שום מאַטעריעלען המון ניט. מיר קענען נאָר דערגעהן, אַז גאָט עקזיסטירט, אָבער ניט ווי אַזוי ער עקזיסטירט. אַלס אַ עצם מפֿשט (אַבסטראַקטער וועזען) קען גאָט זיך ניט בעריהרען דירעקט מיט דער ענדליכער און מאַטעריעלער וועלט. גאָטס ווירקונג אויף דער וועלט קומט פֿאָר מיט דער הילף פֿון פֿערמיטעלנדע קרעפֿטען, וואָס טײלען זיך אויס פֿון איהם דורך עמאַנאַציע (אויסשטראַהלונג). די דאָזיגע כחות אָדער תכונות (גוטס, ממשלה און אַנדערע) זענען אַ צונויפֿמישונג פֿון די אויבענדערמאָנטע אידעען־פֿאָרבילדער פּלאַטאָנ׳ס, די אידישע „מלאכים" און די גריכישע „דעמאָנעס". זײ פֿעראײניגען זיך אין אײן העכסטען געטליכען כח, אינעם לאָגאָס, וואָס בעטײט דאָס וואָרט (המאמר) אָדער דער געטליכער שכל (השכל הפועל), וואָס ווײזט זיך אַרויס אין דער יצירה. דער לאָגאָס איז דער געצײַג, וואָס דורך איהם האָט גאָט בעשאַפֿען די וועלט. דער פֿערמיטלער פֿון דער געטליכער ענטפּלעקונג, אַ מין צווישענגליד צווישען גאָט און מענש לויט זײנע תכונות; דאָס איז גאָטס העכסטער שליח, דער מלאך ה׳ צבאות.

פֿילאָנ׳ס שיטה, וואָס איז בעגרינדעט אויפ׳ן כלל גדול, אַז גאָט און די מאַטעריע זענען צוויי בעזונדערע זאַכען, איז ווײט פֿון פּאַנטעאיזם (די שיטה, וואָס האַלט, אַז גאָט און די נאַטור איז אײנס). גאָט האָט דורכ׳ן לאָגאָס געבילדעט פֿון דער מאַטעריע די זאַכליכע וועלט, אָבער ער האָט ניט פֿערניכטעט די שלעכטע תכונות פֿון דער מאַטעריע. אויב פֿון גאָט געהען אַרויס אַלע שאַפֿענדע גוטע כחות, איז פֿון דער גראָבער און בלינדער מאַטעריע שטאַמט אָב אַלץ שלעכטע, אַל־דאָס־בײז.

איינס קאמפף פון די דאזיגע צוויי יסודות בעשטעהט דער זין פונם מענשליכען לעבען; דעם מענשענס אינשטערבליכע נשמה, וואס געהערט צום קהל פון די געטליכע „שאפענדע כחות", איז בעהיפען גובר צו זיין די גראבע זינליכע נטיות, וואס זענען איינגעווארצעלט אין גוף, וואס איז א טייל פון דער מאטעריע. להלוטין זיך פריי מאכען פון דער מאטעריע איז ניט מעגליך, נאר עס איז דעם מענשענס חוב — שטענדיג צו שטרעבען צו די העכסטע גייסטיגע פארמען פון קיום. דערין העלפט איהם דער רעליגיעזער בעוואוסטזיין, די אויסשטראהלונג (עמאנאציע) פונם געטליכען שכל.

דערנעהענטערנדיג זיך אויף אזא אופן צו דער שטה פון די סטאאיקער, טרעט אבער פילונס עטיק ניט אראב פון רעליגיעזען באדען. פונם נאכמאכען גאט, פיהרט זי דעם מענשען אריבער צו פערטיפען זיך אין דער הסתכלות פון גאט. מיט דער דאזיגער הסתכלות, וואס קאן זיך דערהויבען אין מאמענטען פון התלהבות ביז צו רוח־הקודש, צייכענען זיך אויס די העכסטע גייסטיגע נאטורען.

איינס נצחון פונם גייסט איבער'ן קערפער, אין דער פערגייסטיגונג פון דער פערזענליכקייט בעשטעהט דער העכסטער גליק אויף דער ערד. צו א פולען גליק דערגרייכען אזעלכע צדיקים נאכ'ן טויט, בשעת די נשמה רייסט זיך ארויס פון דער תפיסה פונם גוף און קעהרט זיך אום צוריק אינ'ם קרייז פון די אבסטראקטע שאפענדע כחות.

פילונס שטה, וואס איז צונויפגעוועבט פון אידישע און העלענישע אנשויאונגען, האט געהאט א טיעפע ווירקונג אויף דער רעליגיעזער ענטוויקלונג פון דער היידנישער וועלט, וואס האט זיך דערנעהנטערט דעמאלט צום גלויבען אין איין גאט, און אויך אויף דער קריסטליכער דאגמאטיק. אין דער תלמודישער יהדות פון פילונס צייט איז דער דאזיגער איינפלוס ניט צו בעמערקען. נאר ער וועט זיך נאך ארויסווייזען אין דער שפעטערדיגער צייט, אין מיטעלאלטער, בשעת פילונס שטה וועט לאזען טיעפע סימנים אויף דער אידישער וועלטאנשויאונג אין דער פארם פון דער קבלה און רעליגיעזען מיסטיציזם.

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

זעקסטער טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאַלטערליכער פעריאָד (א).

פון דער צייט פון די סנהדרין אין יבנה ביז דער ירידה פון דער נשיאות.

ווילנע, תר"ף — 1920.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראַקער גאַס, 13.

אינהאלט פון זעקסטען טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאלטערליכער פעריאָד (א).

ערשטע אָבטיילונג.

די פאַלעסטינישע העגעמאָניע זינט דער גרינדונג פונ׳ם גייסטיגען צענטער אין יבנה. — בר־כוכבה׳ס אויפשטאַנד (73—138).

זייט

אַלגעמיינער איבערבליק 5

די גייסטיגע רעסטאַווראַציע און די סנהדרין אין יבנה (קאַפּיט. I) . 8

די סעקטעס, די ליטעראַטור, דער גלות (קאַפּיט. II) 32

דער אויפשטאַנד פון די אידען אין טריגוסעס און הדרינוסעס צייטען (קאַפּיט III) . . 49

צווייטע אָבטיילונג.

אַלגעמיינער איבערבליק 67

די נשיאות אין גליל און די חתימת־המשנה (קאַפּיט. I) 72

די נשיאות און די ישיבות אין ארץ־ישראל פאַר׳ן לעצטען יאָהרהונדערט פונ׳ם היידענטום אין רוים (קאַפּיט. II) 98

דער אווטאָנאָמער צענטער אין בבל (קאַפּיט. III) 120

ארץ־ישראל אונטער דער ממשלה פון דער קריסטליכער רוים און די ירידה פון דער נשיאות (קאַפּיט. IV) 139

ערשטע אבטיילונג.

די פאלעסטינישע העגעמאָניע: זינט דער גרינדונג פונ'ם גייסטי־גען צענטער אין יבנה, ביז בר־כוכבא'ם אויפשטאנד (73—138).

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 1. ס'האָט זיך געענדיגט דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער קאַמף און ס'האָט זיך אויפ'סניי אָנגעהויבען דער נאַציאָנאַל־גייסטיגער קאַמף. מ'האָט מנצח געווען די קנאים פון דער פּאָליטישער פרייהייט, וואָס האָבען געקאָנט שטארבען פאר'ן פאָטערלאנד; ס'שטייהען אָבער אויף די קנאים פון דער גייסטיגער פרייהייט, וואָס ווילען לעבען פאר דער נאציע און בעלעבען זי, וואָס ווילען צופאסען איהר אייגענאַרטיגען קיום צו די אויסווייניגסטע תנאים.

ווי שרעקליך די דאָזיגע תנאים זאָלען ניט זיין, געווען פונדעסטוועגען האָבען זיי פאָרט געמאַכט מעגליך צו ביסלעכווייז איינצושטעלען דאָס נאַציאָנאַלע לעבען. דער שטראָפענדיגער היסטאָרישער גורל האָט בהדרגה אָבגענומען ביים אידישען פאָלק די אַלע זאכען, וואָס געוויינליך לעבט אַ נאַציע דורך זיי. ער האָט אָבגענומען ביי די אידען די מלוכה, ער האָט זיי אָבער איבערגעלאָזט זייער פאָטערלאנד, די טעריטאָריע, הגם זי איז געוואָרען געשמעלערט און דערקלערט שוין אלס אייגענס פון די רוימישע קיסרים. דאָס אידישע פאָלק — אין זיין פּאלעס־טינישען צענטער — איז איצט געוואָרען אַ פאָלק אָהן אַ מלוכה, אָבער ניט אָהן ערד: איינגאַנצען זיין ערד אָנגעוואָהרען האָט עס ערשט שפּעטער. עס האָט אָנגעוואָהרען ירושלים און בעקומען אַ קלענערן גייסטיגען צענטער אויף דער אייגענער טעריטאָריע — יבנה; עס האָט אָנגעוואָהרען דעם בית־המקדש, און אויף זיין אָרט האָט עס אוועקגעשטעלט די שול אויף צו דאַוונען און דעם בית־המדרש אויף צו לערנען תורה; עס האָט מעהר ניט געהאַט דעם סנהדרין, אלס אַ מלוכה־איינריכטונג, נאָר עס האָט איהם אויפ'ס־ניי בעשאַפען, אלס אַן אָרגאַן פון דער געזעלשאַפטליכער זעלבסטפערוואַלטונג און נאַציאָנאַלער געזעצגעבונג.

די דאָזיגע רעסטאַווראַציע האָט אויפגעטאָן בלויז אַ קלעינער טייל פון פאָלק, וואָס איז געבליבען אין דער האַלב־חרוב'ער יהודה, און צווישען דעם — אַ קליי־נער הייפעל גייסטיגע אָנפיהרער, די תנאים. צו זיי זיינען געווען געווענדעט די

אויגען פון דער גאַנצער נאַציע. די גייסטיגע העגעמאָניע (אָנפיהרערשאַפט) פון די אידען אין ארץ־ישראל איז געוואָרען נאָך אַלץ אָנערקענט אין די גלות־לענדער. עולי־רגל פון אַנדערע לענדער האָבען אויפגעהערט צו קומען אין דער הייליגער שטאָדט, וואָס פון איהר איז געוואָרען אַ הויפען חורבות. איצט איז געווען, פערקעהרט, אַ בעוועגונג אויף צוריק: מאַסען פערטריבענע זיינען אַוועק פון דער פערוויסטער יהודה אין די אידישע קהלות פון די גלות־לענדער — אין סיריען, קליין־אַזיען, מעסאָפּאָטאַמיען, איטאַליען און נאָך ווייטער, קיין מערב. נאָר אויך די דאָזיגע געצוואונגענע איבערוואַנדערונג האָט געדיענט פאַר אַ מעכטיגען מיטעל צו פעראייניגען גייסטיג די פערשיידענע טיילען פון אידישען פאָלק. ווי אַנטיילנעמער אָדער עדות פונ׳ם העלדישען נאַציאָנאַלען קאַמף, וואָס איז אָקאָרשט פאָרגעקומען, האָבען די אידישע פערטריבענע ביז־ווינציג מיטגעווירקט דערצו, אַז צווישען זייערע ברידער אין דער פרעמד זאָל געהויבען ווערען דער נאַציאָנאַלער גייסט. דער זיטליכער צונויפבונד צווישען די צעשפּרייטע טיילען פון דער נאַציע מיט׳ן צענטער, וואָס איז געבליבען אין דער געוועזענער מעטראָפּאָליע, איז נאָך אַ לאַנגע צייט אונטערגעהאַלטען געוואָרען. אַלס אַ באַדען פאַר דעם דאָזיגען צונויפבונד האָט געדיענט די אויבערהערשאַפט פונ׳ם געזעץ, פון דער תורה, וואָס אַלע האָבען זי אָנערקענט.

די אויבערהערשאַפט פונ׳ם געזעץ ווערט איצט דער שטאַרקסטער פעראייניגענדיגער יסוד אין אידישען לעבען. אין משך פון יאָהרהונדערטען איז די גייסטליכקייט געווען צעטיילט אויף צוויי טיילען: פון איין זייט די כהנים, וואָס זיי האָבען געפיהרט די עבודה אין בית־המקדש, און פון דער אַנדער זייט די סופרים, אָדער חכמים, וואָס זייער עסק אין געווען אויסצוטייטשען די תורה. איצטער איז דער דאָזיגער דואַליזם בטל געוואָרען, וואָרום וויבאַלד דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, איז שוין במילא אָבגעשאַפט געוואָרען דער שטאַט פון די כהנים. ס׳איז מעהר ניט געבליבען איין גייסטליכקייט, וואָס איז אין דערזעלביגער צייט געווען די דעמאָלטיגע „אינטעליגענץ״: דאָס איז דער קלאַס פון די תנאים, וואָס ווערט זינט יענער צייט דער איינציגער געזעצגעבערישער אויטאָריטעט.

פאַר אַ נאַציע אָהן אַ מלוכה האָט די מאַכט אָדער דיסציפּלין פונ׳ם אַוטאָנאָמען געזעץ די זעלבע בעדייטונג און ווערט, וואָס די בעוואָפענונג און די מיליטערישע דיסציפּלין — פאַר אַ מלוכה, דאָס הייסט: דאָס איז אַ מיטעל אויף צו פערטיידיגען איהר גאַנצקייט, די אומבעריהרליכקייט פון איהר גייסטיגער טעריטאָריע. שוין זינט לאַנג אָן ווערט צוגעגרייט די דאָזיגע גייסטיגע געוועהר, אין דער פאָרם פון די פיל „סייגים״ און „דינים שבעל־פה״, נאָר איצטער ווערט זי געשמידט מיט אַ צווייענדיגער קראַפט. די דאָזיגע סייגים און דינים קלייבען זיך אָן אַלץ מעהר, ביז זיי ווערען צונויפגענומען אין דעם גרויסען גייסטיגען געוועהר־אוצר, וואָס ווערט אָנגערופען „תורה שבעל־פה״. מיט טויזענדער פעדים ווערט די תורה שבעל־פה, נאַטירליך אָדער געקינצעלט, לאָגיש אָדער פּלפּוליסטיש, צונויפגעבונדען מיט דער „תורה שבכתב״, מיט דער געשריבענער תורה, און ווערט אין איהר בע־

גרינדעט און בעקומט דורך איהר אַן אָפיציעלע בעשטעטיגונג. ס׳ווערט צוגעגרייט דער מאַטעריאַל פאַר דער משנה, דאָס הייסט, צווייטער תורה.

בּרייט אָנגעווענדט די אויסטייטשונגס-מעטאָדע, וואָס הלל האָט איינגע-שטעלט און וואָס לויט איהר ווערען פּאַקטישע הוספות צו דער תורה פּערוואַנ-דעלט אין פאָרמאַלע מסקנות, וואָס ווערען ארויסגעדרונגען פון איהר (II, § 79). אויפ׳ן דאָזיגען באָדען ווירקען די נייע גייסטיגע אָנפיהרער, הלל׳ס תלמידים אָדער אוראייניקלעך: ר׳ יוחנן בן-זכאי, ר׳ גמליאל דער II, ר׳ עקיבא און אַ סך אַנ-דערע אין יבנה, אינ׳ם נייעם צענטער פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג, גייהט די קאָכיגע אַרבייט פון דער קאָלעגיע תנאים און פונ׳ם סנהדרין, וואָס איהר ציעל איז איינצושמידען דורכ׳ן אייזערנעם פּאַנצער פון געזעץ די שוצלויזע נאַציע, די דאָזיגע „שאָף, וואָס שטייהט צווישען זיבעציג וועלף“ (לויט אַ לעגענ-דאַרישען אויסדרוק פון איינעם פון די דאָזיגע וועלף — דעם קיסר הדרינוס).

אין מיטען דער דאָזיגער קאָכעדיגער אינעווייניגסטער אַרבייט האָט אויפ׳סניי אַ בליץ געטאָן דער גייסט פון אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע. אויף אַ רגע האָט ווידער אויפ-געוואַכט די אַלטע פּאָליטישע קנאות און האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין איין שורה מיט דער גייסטיגער. די פונקען פון דער גרויסער פּאָליטישער שרפה, וואָס איז איינגעלאָשען געוואָרען אין אַספּסינוס׳עס און טיטוס׳עס צייטען, האָבען נאָך גע-טליעט אונטער דעם אַש און האָבען זיך אַרויסגעריסען אויף דרויסען אין דער צייט פון די קיסרים טריינוס און הדרינוס. אַן אומקלאָרע האָפענונג אויף אויפצו-ריכטען די חרוב׳ע שטאָדט ירושלים און דעם בית-המקדש האָט נאָך געקלאַפּט אין די הערצער פון די פּעראומגליקטע, וואָס האָבען מיט הארצקלעמעניש געקוקט אויף די הייליגע חורבות. דעם קיסר דאָמיציאַנוס׳עס אכזריות׳דיגער רעזשים און טריינוס׳עס קריגסצוג איבער אַזיען האָבען אומגעביטען די דאָזיגע הארצקלעמעניש אין אַ כעס, די האָפענונג אויף משיח׳ן — אין אַ פלאַמענדיגען פערלאַנג.

בשעת טריינוס׳עס מלחמות האָבען אויפגערודערט דעם שלאָפענדיגען אָריענט (116), דעמאָלט האָט ביי די אידען אויפגעבליהט דער לאַנג פערבאָרגע-נער חלום. ס׳האָט זיך דורכגעטראָגען דאָס בעפליגעלטע וואָרט: „אין גיכען וועט אויסגעבויט ווערען דער בית-המקדש“ (מהרה יבנה המקדש). אין יהודה איז מען אין גיכען דערגאַנגען דעם טרויעריגען אמת. דער נייער קיסר הדרינוס (זינט דעם יאָהר 117) האָט געטראַכט וועגען אַן אַנדער רעסטאַוראַציע: ער האָט געוואָלט אויסבויען אויפ׳ן אָרט פון בית-המקדש אַ טעמפּעל פאַר׳ן קאַפּיטאָלישען יופּיטער, די צעשטערטע ירושלים ווידער אויפבויען אַלס אַ היידנישע שטאָדט אונטערן נאָמען עליאַ קאַפּיטאָלינאַ.

דעמאָלט איז פאָרגעקומען די אויפרייסונג. דער גרויסער אויפשטאַנד אין הדרינוס׳עס צייטען און דער בעפרייאונגס-קריג פון בר-כוכבא (132—135) דער-מאָנט די רוימער אָן דער נאַציע פון העלדען, אָן דער נאַציע פון קנאים. נאָר די רעוואָלוציע איז איינגעשטילט געוואָרען דורך שטרוימען בלוט. נאָכ׳ן איינ-שטילען די מרידה, וואָס איז געווען די לעצטע צווישען די פּרובען צו בעפרייען

יהודה, האָבען די רוימער זיך אַכזריות'דיג אָבגערעכענט מיט די אידען; עס חזר'ן זיך איבער די רעפּרעסיעס פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס'עס צייטען. ס'הויבט זיך ווידער אָן אַ גאַנצע רייה פון הריגות אויף קדוש השם, וואָס ענדיגט זיך ערשט נאָך הדרינוס'עס טויט (138).

ס'ווערט פערלאָשען דער לעצטער פונק פון פּאָליטישער האָפנונג, און אַנשטאָט דעם הויבט אָן שעמערירען דער אומקלאָרער חלום וועגען משיח'ן. עס הויבט זיך אָן פון דאָס-ניי די איבערגעריסענע אַרבייט פאַר דער אינעווייניג-סטער רעסטאַווראַציע, פאַר'ן גייסטיגען זעלבסטשוץ. אויף דער דאָזיגער אַרבייט גייהט אַוועק די גאַנצע ענערגיע פון די פאָלקס-פיהרער אין דער ווייטערדיגער היסטאָרישער עפּאָכע.

ערשטער קאַפּיטעל.

די גייסטיגע רעסטאַווראַציע און דער סנהדרין אין יבנה (73—115).

די פּאָליטישע לאַגע. — רבן יוחנן בן-זכאי און דער צענטער אין יבנה. — דער ראש הסנהדרין רבן גמליאל דער II. — דער קאַמף קעגען די מחלוקת'ען פון די תנאים. — די רעפאָרם פון באַטעסדיענסט און ר' גמליאל'ס בעזעלשאַפטליכע טעטיגקייט. — ר' עקיבא און זיינע חברים.

די פּאָליטישע לאַגע.

§ 2. אין דער פערוויסטעטער יהודה, וואָס האָט געהאַט אָנגעוואָהרען איהר הויפּט-שטאָדט און וואָס איז געווען אַזוי ווי מען וואָלט געהאַט ביי איהר אָראָב-גענומען די קאָפּ, איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ מיליטערישע פערוואַלטונג. אין לאַנד האָט זיך געפונען אַ רוימישער גאַרניזאָן, וואָס איז בעשטאַנען פון איין גאַנצען לע-גיאָן און עטליכע בעזונדערע אָבטיילונגען. דער קאָמאַנדיר איבער די דאָזיגע אָבטיילונ-גען איז צוגלייך געווען דער פערוואַלטער פון יהודה. נאָך סילבאַ'ן, וואָס האָט איינגענו-מען מצדה (II, § 115), איז געווען אין משך פון פערציג יאָהר אַ גאַנצע שורה פערוואַל-טער, וואָס זייערע נעמען זיינען ניט פערבונדען מיט קיין איין וויכטיגער געשעהעניש אין דער אידישער געשיכטע. אַלס רעזידענץ פון די פערוואַלטער איז געבליבען, ווי פרי-הער, קיסריא ביים ים, וואָס אספּסינוס האָט זי געמאַכט פאַר אַ „קייזערליכער קאָלאָניע".

ירושלים איז געווען אַזוי שרעקליך חרוב, אַז לויט ווי יוסף פלאַוויוס דערציילט — הגם דאָס איז בעשיינפערליך שוין צופיעל מגוזמ'דיג — „האָט זיך שווער געגלויבט, אַז דער דאָזיגער אָרט זאָל ווען עס איז זיין געווען בע-וואוינט". פונדעסטוועגען האָט די רוימישע רעגירונג געפונען פאַר נויטיג צו

האַלטען דאָרט אַ פערשטאַרקטע מיליטערישע וואַך. צי האָט זי מורא געהאַט, טאָמער וועלען די אידען קומען עולה-רגל זיין צו די דאָזיגע הייליגע חורבות, צום דאָזיגען קבר פונ׳ם אַמאָליגען רוהם, וואו־אַהין ס׳האָבען זיך נאָך געצויגען די קרעכצען און די בייןקשאַפט פון דער בערויבטער נאַציע? אָדער איהר האָט זיך געדוכט, אַז דער גייסט פון בר-גיורא און פון די העלדען-קנאים קאָן נאָך אויפלעבען צווישען די חורבות, וואו אַפילו די שטיינער האָבען אַזוי־ ויעל גערעדט צום האַרצען פון פאָלק?...

די געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פופציג יאָהר אַרום, האָבען בעוויזען, אַז אַזעלכע חשדים זיינען ניט געווען אָהן אַ יסוד. נאָר אין דער ערשטער צייט נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָבען די אידען ניט געטראַכט וועגען אַ מרידה. זיי האָבען געמוזט אָנשטריינגען זייער גאַנצע ענערגיע, בכדי אויפצוריכטען זייער עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע לעבענס-אָרדענונג, וואָס איז אונטערגעגראָבען געוואָרען פאַר דער צייט פון דער מלחמה.

דער תחום, וואו די אידען האָבען געוואוינט, איז געבליבען דער פריהער־ דיגער, חוץ ירושלים און חוץ די שטיקער ערד, וואָס די נייע רוימישע קאָלאָ־ ניסטען האָבען זיי איינגענומען. אין קאָמפּאַקטע מאַסען האָבען די אידען גע־ וואוינט בלויז אין דרומית-מערבית-טייל פון יהודה, אין קליינע שטעדטלעך (יבנה, לוד און אַנד.) אָדער אין דערפער, אויף דער ערד, וואָס האָט זיך איצט גערע־ בענט פאַר׳ן אייגענס פונ׳ם רוימישען קייזערליכען הויז און וואָס מ׳האָט אָבגעג־ געבען די ערד־אַרבייטער אויף די יסודות פון אַרענדע. אויפ׳ן חשבון פונ׳ם אי־ דישען ערדבעזיץ אין יהודה איז שטאַרקער געוואָרען דער פרעמדער, אונטער׳ן שוץ פון דער רוימישער רעגירונג.

בעזונדערס גרויס איז געוואָרען די צאָהל גריכען און רוימער אין דער געגענד פון שמרון, וואו די אָרטיגע איינוואוינער זיינען בטל געוואָרען בששים אין דער אומגעהייער גרויסער צאָהל צוגעקומענע היידען. נעבען דער הייליגער שטאָדט פון די שמרונים, שכם, ביים פוס פון באַרג גריזים, איז געגרינדעט געוואָרען די בליהענדיגע רוימישע קאָלאָניע נעאַפּאָליס (איצטער, נאַבלוס), וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט שכם און האָט איהר געגעבען איהר נאָמען. דאָ איז געשטאַנען אַ טעמפּעל פון צוים, און עס פלעגען פאָרקומען אָלימפּישע שפּיעלען.

אין דער צייט, וואָס עס האָבען געקיניגט אַספּסינוס (70—79) און טיטוס (79—81), האָבען די אידישע קהלות, וואָס זיינען ווידער אויפגעריכט געוואָרען נאָכ׳ן סוף פון דער אומגליקליכער מלחמה, ניט געהאַט אויסצושטייהן קיין שטאַרקע רדיפות. נאָר דעם רוימישען יאָך האָט מען געפיהלט אינ׳ם אַלטעגלי־ כען לעבען: בשעת׳ן צונויפנעמען די מלוכה-שטייערן, ביי צוזאַמענשטויסען מיט רוימישע בעאַמטע און צוגעקומענע אויסלענדער. די אידישע אָבצאָהלונג (fiscus judaicus), וואָס האָט בעטראָפען אַ האַלבען שקל אָדער צוויי דראַכ־ מעס פון מענשען, פלעגט אַלע יאָהר ווערען שטרייננ אויפגעמאָנט ביי אַלע אידען פון דער רוימישער אימפעריע. די דאָזיגע אָבצאָהלונג איז געווען בע־

זונדערס שווער פאר די אידען, מחמת זי האט זיי דערמאנט אן זייער ביז'ן (ווי עס איז שוין דערציילט געווארען, איז די אבצאהלונג איינגעשטעלט געווארען לטובת דעם טעמפעל פונ'ם קאפיטאלישען יופיטער אין רוים. אנשטאט דעם, וואס פריהער פלעגט מען צאהלען דעם האלבען שקל פאר'ן בית-המקדש; II, § 115). איטליכס יאהר, בשעת מען פלעגט אויפמאנען די דאזיגע אבצאה-לונג, פלעגען די אידען זיך דערמאנען וועגען זייער נאציאנאלער ערנידערינג. ס'פלעגט אויך טרעפען אמאל, אז די רוימער פלעגען איבערגעוואלד אבנעמען ביי אידען זייער ערד (סיקריקון).

אויב אין אספינוס'עס און טיטוס'עס צייטען איז די לאגע אין יהודה ניט געווען נאך שווערער, קאן דאס אפשר דערקלערט ווערען דורך דער השפעה, וואס עס האבען געהאט ביים רוימישען קייזערליכען הויף די לעצטע פארשטייהער פון הורדוס'עס די-נאסטיע—אגריפס דער II און זיין שוועסטער בערעניקע. אלס א געטרייען וואסאל און פערבינדעטען פון רוים — האבען די רוימער איבערגעלאזט אגריפס'ן אויך נאכ'ן חורבן-ירושלים זיין „קיניגליכען" טיטעל און זיין געביט אין צפונית-מזרחית-טייל פון פאלעסטינע, וואס דערצו האבען אויך געהערט עטליכע געגענדע פון גליל וואו ס'האבען געוואוינט אידען.

נאר אגריפס האט ווינציג וואס רעגירט איבער זיין קיניגרייך. דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט האט ער פערבראכט אין רוים, ביי אספסינוס'ען און טיטוס'עס הויף, אינאיינעם מיט זיין שוועסטער בערעניקע. צי האט אגריפס אויסגענוצט זיינע הויפישע פערבינדונגען, בכדי צו פערגרינגערן די לאגע פון זיינע ברידער אין יהודה נאכ'ן איינשטילען דעם אויפשטאנד? ס'איז מעגליך, אז אין קריטישע מאמענטען האבען די פארשטעהער פון די אידישע קהלות זיך געווענדעט צו אגריפס'ן, ער זאל זיך משתדל זיין פאר זיי אין רוים, און אז ער האט זיך ניט אבגעזאגט זיי צו העלפען, — נאר זיין איינפלוס ביים הויף האט קיין לאנגען קיום ניט געהאט. ער האט זיך געענדיגט, משמעות, אינאיינעם מיט זיין שוועסטערס איינפלוס.

אין רוים האט זיך ווייטער געצויגען דער ראמאן פון דער שיינער אידי-שער פרינצעסין מיט טיטוס'ן, וואס האט זיך געהאט אנגעהויבען אין יהודה (II, § 105). בערעניקע, אלס טיטוס'עס א כלה, האט זיך בעזעצט אין זיין פא-לאץ אויפ'ן פאלאטינוס. אין רוים האט מען זיך געריכט, אז אין גיכען וועט ביי זיי פארקומען א פארמאלע חתונה. נאר דער קיסר אספיסנוס און די רוימישע אריסטאקראטיע זיינען געווען קעגען דעם, אז דער קרוין-יורש זאל חתונה הא-בען מיט א אידישער ווייב, און טיטוס איז געווען געצוואונגען צו דערווייטערן זיין געליעבטע. אז אספסינוס איז געשטארבען, איז בערעניקע געקומען צוריק קיין רוים, מחמת זי האט געהאפט, אז טיטוס, וואס איצט געווארען קיסר, וועט זי צונעמען מיט אפענע ארעמס. נאר זי האט זיך אבגענארט אין חשבון: טיטוס האט שוין בעוויזען קאלט צו ווערען צו איהר און האט ניט גערעכענט פאר נויטיג צו טון כנגד דער רוימישער געזעלשאפטליכער מיינונג. די ענ-

טוישטע בערעניקע האָט פערלאָזען רוים און אומגעקעהרט זיך צוריק קיין פאַ־לעסטינע, אין איהר ברודערס געביט.

וואָס איז געווען בערעניק׳עס און אַגריפּאַ׳ס סוף, איז ניט בעוואוסט. זייערע נעמען זיינען פערבליבען מעהר ניט אויף עטליכע סירא־פּאַלעסטינישע מטבעות.

אַגריפּאַ דער II האָט געלעבט אַן ערך ביז׳ן סוף פון דאָמיציאַנוס׳עס קיניגען. נאָך זיין טויט איז זיין פּאַלעסטינישער געביט צוגעגעבען געוואָרען צו דער רוי־מישער פּראָווינץ סיריען. די לעצטע פּאָרשטייהער פון הורדוס׳עס דינאַסטיע זיינען אַראָב פון דער היסטאָרישער סצענע אומבעמערקטערהייד, ווייט פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון אידישען פאָלק, פערגעסען פון דער פאָלקס־טראַדיציע.

די אידישע לעגענדע האָט פעראייביגט טיטוס׳עס טויט. דער דאָזיגער רע־גירער, וואָס די רוימישע טראַדיציע האָט איהם צוגעלייגט דעם אומפּערדיענטען עפּיטעט „דער טרייסט פאַר׳ן מענשען־געשלעכט“, טרעט אַרויס אין די תּלמוד׳ישע אגדות אונטערן נאָמען „טיטוס הרשע“. פאַר די אידען איז ער געווען בלויז דער פערהאַסטער צעשטערער פון ירושלים און פון בית־המקדש. די לעגענדע האָט אויסגעקלערט פאַר איהם אַ שרעקליכע שטראָף: זי דערציילט, אַז נאָכ׳ן חורבן בית־המקדש איז אַריינגעפלויגען טיטוס׳ן אין נאָז אַ פליגעלע (יתוש) און האָט געגעבערט זיין מוח אַ סך יאָהרען, ביז וואַנען ער איז געשטאָרבען. אין דער דאָזיגער נאַאיווער אויסגעטראַכטער מעשה האָט די בערויבטע פאָלקסמאַסע געפונען זיך אַ טרייסט און אַ בעוויז, אַז גאָט האָט ניט געלאָזט דעם שרעקליכען היסטאָרישען פערברעכען אָהן אַ שטראָף.

טיטוס׳עס ברודער, וואָס איז געווען דער קיסר נאָך איהם, דער דעספּאָט דאָמיציאַנוס (81—96), האָט זיך פערהאַלטען זייער פיינדליך צו די אידען. אין זיינע צייטען פלעגט מען אויפמאָנען די דערנידעריגענדיגע „אידישע אָבצאָהלונג“ מיט אַ בעזונדער שטרייגקייט פון אַלע אידען, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער דער רוימישער אימפּעריע. די רוימישע בעאַמטע האָבען איינגעפּאַסט, אַז קיינער זאָל זיך ניט אַרויסמאַכען פון צו צאָהלען די דאָזיגע אָבצאָהלונג, דורכדעם וואָס ער וועט פערלייקענען, אַז ער שטאַמט אַרויס פון אידען. די קריסטען זיינען דערביי געדעכענט געוואָרען גלייך צו די אידען, מחמת אָפּיציעל האָט מען זיי געהאַלטען פאַר אַ אידישע כעקטע.

די רעגירונג פלעגט שטריינג רודף זיין סיי די רוימער, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַ נטיה צו אידישקייט אָדער קריסטענטום, סיי די יעניגע, וואָס האָבען זיי „אַראָבגעפיהרט פון וועג“. יענע, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַ נטיה צו אידישקייט, פלעגט מען בעשולדיגען אין „אַטעאיזם“, דאָס הייסט, אַז זיי לייקענען אָב דעם היידנישען קולט, און מען פלעגט זיי אָב׳משפט׳ן אויף צו פערטרייבען אָדער טויט־שטראָף. דאָמיציאַנוס האָט פערמשפּט זיין קרוב, דעם קאָנסול פלאַוויוס קלעמענס, צום טויט, און זיין פרוי דאָמיציללא צום פערשיקען דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געגלויבט אין די געטער און האָבען מיטגעפיהלט דער אידישער רעליגיע (95—96).

ס׳איז פאַרהאַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז אין דאָמיציאַנוס׳עס צייטען זיינען די אידען פון דער רוימישער אימפּעריע געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה. לויט

איין זייהר אומדייטליכער מסורה, זאָל די רוימישע רעגירונג האָבען געזוכט, צי עס איז ניט געבליבען צווישען די אידען עמיצער פון דוד המלכ׳ס משפחה, וואָס זאָל קאָנען אַלס פּרעטענדענט אויפהויבען אַן אויפשטאַנד. אַן אַנדער לעגענדע דערצייהלט, אַז בשעה דער קיסר האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל „צו פערטיליגען אַלע אידען״, אין דער רוימישער אימפּעריע, זיינען אַוועק קיין רוים פיער תנאים און מיט דער הילף פון איינעם אַ הויכען בעאַמטען (אפשר דער דערמאָנטער פלאַוויוס קלעמענס?) האָט זיך זיי איינגעגעבען צו פּועל׳ן. מען זאָל מבטל זיין די שלעכטע גזרה. פון די דאָזיגע מטושטש׳ע, האַלב-פאַנטאַסטישע מעשיות קאָן מען נאָר אַרויסדרינגען, אַז אין דאָמיציאַנוס׳עס צייטען, האָבען די אידען איבער-געלעבט זייהר אַן אומרוהיגע צייט.

בערוהיגט האָבען זיי זיך נאָר נאָך דעם טיראַנס איבערגעוואַלדיגען טויט. אין די צוויי יאָהר, וואָס עס האָט געקיניגט נערוואַ (96—98), איז די לאַגע פון די אידען געוואָרען גרינגער אַ ביסעל. מען האָט אויפגעהערט זיי רודף צו זיין פאַרן „אַראָבפיהרען פון וועג״ היידען און מיט מעהר חסד האָט מען אויפ-גענומען די „אידישע אָבצאָהלונג״.

נאָר טריאַנוס (טראיאַנוס), וואָס איז געווען קיזער נאָך נערוואַ׳ן (98 — 117), האָט זיך געפיהרט פונקט אַזוי ווי דאָמיציאַנוס. צום סוף פון זיין קיניגען האָט זיך צווישען די אידען פון פאָדער-אַזיען אָנגעהויבען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, בכדי אַראָבצוואַרפען דעם רוימישען יאָך, וואָס עס איז געוואָרען אַלץ אוממעגליכער איהם אַריבערצוטראָגען.

רבן יוחנן בן-זכאי און דער צענטער אין יבנה.

§ 3. אין דער צייט פון׳ם טיעפען נאַציאָנאַלען טרויער איז אין אַ שטילען ווינקעלע פון יהודה פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון דער גייסטיגער אויפריכטונג פון׳ם אידישען פאָלק. דער צענטער פון דער ווידער איינגעשטעלטער אַוטאָנאָמיע איז געוואָרען יענע שטעדטיל יבנה, ניט ווייט פון יפו, וואו עס האט קורץ פאַר׳ן חורבן-ירושלים זיך בעזעצט אַ קליינע קאָלאָניע רודפי-שלום׳ניקעס, וואָס בראש פון זיי איז געשטאַנען רבי יוחנן בן-זכאי (II, § 116). דאָ האָט דער אַלטער תנא מיט זיינע איבערגעבענע תלמידים איבערגעוואַרט דעם סוף פון דער גרויסער מלחמה מיט די רוימער. היות ווי זיי זיינען געווען זיכער, אַז די מלחמה וועט האָבען אַן אומגליקליכען סוף, דעריבער האָבען זיי אין די טעג פון דער בעלעגערונג פון ירושלים מיט צער צוגעקוקט פון זייער בעהעלטעניש אויף דער ווייהטאָגפולער גסיסה פון זייער פאָטערלאַנד.

אַז אין יבנה איז אָנגעקומען די בשורה, אַז די הויפּט-שטאָדט איז חרוב געוואָ-רען, און דער בית-המקדש איז פערברענט, האָבען רבי יוחנן און זיינע תלמידים — אַזוי דערצייהלט די טראַדיציע — צעריסען זייערע קליידער און געוויינט אויפן קול: אַזוי בעוויינען אַ טייערן מת אויך די, וואָס האָבען פאָראויסגעזעהן זיין טויט. די תלמידים זיינען אינגאַנצען אַראָבגעפאַלען ביי זיך; זיי האָט זיך אויס-געדוכט, אַז וויבאַלד דער בית-המקדש איז פערברענט און די קרבנות האָבען אויפגעהערט, זיינען דערמיט גופא געפאַלען די הויפּט-יסודות פון דער אידישער

רעליגיע. נאָר דער רבי האָט זיי אויפגעמונטערט און האָט בעוויזען, אַז די יהדות קאָן בלייבען עקסיסטירען אַפילו, ווען ס'איז שוין ניטאָ די פריהערדיגע עבודה אין בית-המקדש. ער האָט זיי דערמאָנט די ערטער פון תנ"ך, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דער אמת'ער דיענסט צו גאָט בעשטייהט גאָרניט אין קרבנות, נאָר אין פרומקייט און מעשים טובים: „גאָט וויל האָבען גוטע מדות, און ניט קרבנות"; „פרומקייט הויבט אויף אַ פאָלק, און די מדות טובות פון די אומות דיענען פאַר זיי אַלס קרבן".

מען האָט נאָך בעדאַרפט לאַנג אויסטייטשען דעם פשט פון אַזעלכע ערטער אין תנ"ך כדי צו בעזייטיגען די פאַרשטעלונג וואָס האָט זיך איינגעוואָרצעלט זינט יאָהרהונ-דערטען און וואָס האָט צונויפגעבונדען דעם עצם מהות פון דער רעליגיעזער פראַקטיק מיט דערע עבודה אין ביר-המקדש. די ערשטע צייט האָט דאָס פאָלק ניט אַזוי שטאַרק געפיהלט דעם אָנווערער, וואָס עס איז ניטאָ קיין בית-המקדש, ווייל עס האָט גערעכענט, אַז דאָס איז נאָר צייטווייליג אַזוי. עס האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז די אַלטע עבודה וועט פריהער אָדער שפעטער ווידער אײנגעשטעלט ווערען. פונ'ם דאָזיגען גלויבען האָבען געהאַלטען, אין פערשיידענע פאָרמעס און מדרגות, אויך די תנאים; מיט איהר האָבען זיך געמוזט רעכענען אויך ר' יחנן בן-זכאי און די איבעריגע טוער פון דער רעסטאַווראַציע.

נאָר אויב אין דער אויפריכטונג פון דער הייליגער שטאָדט און פון בית-המקדש האָט מען געדאַרפט נאָר גלויבען און האָפען, — האָט אָבער די אויפ-ריכטונג פון דער אינעוויינינגסטער זעלבסטפערוואַלטונג, די סאַמע קלענסטע אַפילו, געפאָדערט, אַז מען זאָל זי תיכף דורכפיהרען אין לעבען. דאָס פאָלק האָט ניט געקאָנט בלייבען אָהן אַ צענטראַלען אָרגאַן פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, וואָס זאָל פערבייטען דעם סנהדרין פון ירושלים און וואָס זאָל זיך צופאַסען צו דער נייער לאַגע.

און אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט זיך טאַקע איינגעגעבען ר' יוחנן בן-זכאי צו שאַפען אין יבנה. ער איז נאָך ניט לאַנג געווען אַ טעטיגער מיטגליד פונ'ם ירושלמ'ער סנהדרין, און האָט געוואוסט, וואָס מען בעדאַרף טון, בכדי ווידער איינצושטעלען די אינעוויינינגסטע אָרדענונג אין דעם קריטישען מאָמענט, וואָס דאָס אידישע פאָלק לעבט איבער. די קאָלעגיע תנאים, וואָס האָט זיך צונויפגעקלי-בען אין יבנה, האָט געבילדעט דעם העכסטען ב י ת - ד י ן, וואָס האָט פאַקטיש אויסערפילט די התמנות פון אַ סנהדרין, דאָס הייסט, דער העכסטער געזעצגעבערישער, אַדמיניסטראַטיווער און געריכטליכער אַנשטאַלט. היות ווי די רוימישע רעגירונג האָט געקוקט אויף רבן יוחנן בן-זכאי ווי אויף אַ „רודף-שלומ'ניק", דעריבער האָט זי איהם ניט געשטערט ווידער איינצושטעלען דעם סנהדרין אַלס אַ צענט-ראַלען אָרגאַן פון דער ג ע מ יי נ ד ע-פערוואַלטונג, וואָס האָט ניט קיין פאָלי-טישע פאַרבונג.

אונטער ר' יוחנן בן-זכאי'ס אָנפיהרונג, האָט דער סנהדרין פון יבנה אויס-געאַרבייט אַ גאַנצע רייה געזעצען, וואָס זייער ציעל איז געווען צוצופאַסען דעם רעליגיעזען און בירגערליכען לעבענספיהר צו די אומגעאַנדערשטע פאָליטישע תנאים. צווישען אַנדערע זאַכען, זיינען אויך איינגעשטעלט געוואָרען די מנהגים

פון די ימים-טובים אָהן קרבנות; ס'זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען גענויע כּללים בנוגע צו דעם, ווי אַזוי איינצושטעלען ראש-חודש, בכדי פעסטצושטעלען די צייט פון די ימים-טובים. פון דער עבודה אין בית-המקדש האָט מען איבערגעלאָזען אַ סך מנהגים אַלס אַ זכר פון דער פערגאַנגענהייט (למשל, די פייערליכע צע-רעמאָניע פון ברכת-כּהנים, דעם מנהג פון שופר בלאָזען אום ראש-השנה און טראָגען לולבים אום סוכּות וכדומה); דערביי האָט יבנה בנוגע צו עטליכע בע-זונדערהייטען פון'ם גאָטעסדיענסט, וואָס פלעגען פריהער אָבגעהיט ווערען בלויז אין ירושלים, פערנומען דאָס אָרט פון דער פריהערדיגער הויפּט-שטאָדט. ס'זיי-נען אויך געבליבען גילטיג די ביבּלישע געזעצען וועגען די מתּנות פאַר די כּהנים און לויים, אַלס אַ סימן, אַז זיי וועלען נאָך צוריקקעהרען צו זייער דיענסט, אַז ירושלים און דער בית-המקדש וועלען ווידער אויסגעבויט ווערען.

אַן אַנדער וויכטיגער אויפטו רבן יוחנן בן-זכּאי'ס איז געווען די גרינדונג פון אַן אַקאַדעמישען צענטער אין יבנה. דער בית-המדרש האָט גע-האָט אַן אייגענעם, אָרגאַנישען צונויפבונד מיטן בית-דין אָדער סנהדרין, מחמת פון דער טעאָרעטישער בעאַרבייטונג פון די פיעל כּללים פאַר'ן רעליגיעזען לעבענס-פיהר און פאַר דאָס בירגערליכע רעכט איז געווען אָבהייננגיג זייער פּראַקטישע אָנווענדונג. איין און דיזעלביגע קאָלעגיע תּנאים האָט גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין ביידע אַנשטאַלטען, וואָס זיינען בעצם געווען צוויי אָבטיילונגען פון איין און דערזעלביגער אַנשטאַלט.

זינט דער רעפאָרם פון דער תּורה שבעל-פּה אין הלל'ס און שמאי'ס צייטען (II, § 80 — 09) איז אַלץ מעהר געוואַקסען דער אייַנפלוס פון דער שול, פון די געלערנטע אויף דער געזעצגעבונג, די ווירקונג פונ'ם געזעץ-פאָרשער אויף דער געזעלשאַפטליכער זעלבסטפערוואַלטונג. די מעטאָדע פון „אויסטייטשען די תּורה" (מדרש התּורה), וואָס לויט איהר זיינען נייע געזעצגעבערישע כּללים אַרויסגעדרונגען געוואָרען לאָגיש אָדער פּלפּול'יסטיש פונ'ם טעקסט פון דער תּורה, האָט געשאַפען אַ ברייטען פלאַץ פאַר דער אַרבייט פון די טעאָרעטיקער און אַרויסגערופען צווישען זיי פערשיידענע ריכטונגען. די לאַנגאָניגע חלוקי-דעות צווישען בית-הלל אין בית-שמאי (די אָנהייגער פון הלל'ס און פון שמאי'ס שטות) האָבען ניט אויפגעהערט. די פון בית-הלל האָבען געשטרעבט „אַרומצוצאַמען די תּורה", ניט צו-פיל איינשפּאַנענדיג אין כּללים דעם וואָכעדיגען לעבען; פערקעהרט, די פון בית-שמאי, די מחמירים, האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר קיין שום עקס-טרעמיטעטען אין דער ריכטונג.

רבן יוחנן בן-זכּאי האָט געהערט צו בית-הלל, און אין דעם גייסט האָט ער אויך געמיהט זיך צו פיהרען די טעטיגקייט פון דער קאָלעגיע תּנאים. אַדאַנק זיין אַוטאָריטעט, זיינען אַ סך ספקות פון דער געזעצגעבונג פערענטפערט גע-וואָרען לויט די מיינונגען פון בית-הלל.

אין די אַקאַדעמישע קרייזען פון יבנה איז אויך אַוועקגעלייגט געוואָרען אַ התחלה צו ברייגען אין אָרדענונג און סיסטעמאַטיש צו שטודירען דעם אָנגע-

קליבענעם מאַטעריאַל פון דער „תורה שבעל-פה", וואָס איז שפּעטער אַריין אין דער משנה. דער דאָזיגער מאַטעריאַל איז בעשטאַנען פון צוויי פערשיידענע טיילען — הלכה און אגדה. „הלכה" ווערט אָנגערופען איטליכע מיינונג פון די תנאים, וואָס איז זיך סומך אויף אַ יורידישער אויסטייטשונג פון דער תורה און וואָס איז שוין גילטיג אַלס אַלגעמיין צווינגענדיגער געזעץ אָדער פּרעטענ־דירט עס צו ווערען. די „אגדה" ווייטער איז בעשטאַנען פון מאָראַלישע, טעאָ־לאָגישע און אַנדערע מימרות, וואָס זיינען אויך געווען על-פי-רוב געגרינדעט אויף דער אויסטייטשונג פון דער תורה, נאָר די בעדייטונג פון אַן אַלגעמיין גילטיגען געזעץ האָבען זיי ניט געהאַט.

אין דער אגדה האָט ר' יוחנן בן-זכאי זיך אויך געהאַלטען פאַר הלל'ס אידעאַליסטישער און הומאַנער וועלטאָנשויאונג. ר' יוחנג'ס מאמרים, וואָס זיינען פערבליבען אין תלמוד, זאָגען עדות וועגען די הויכע זיטליכע מעלות פון זייער מחבר. איין מאָל האָט ער געפרעגט זיינע תלמידים: „וואָס, האַלט איהר, איז דאָס בעסטע פאַר'ן מענשען אין לעבען?" איינער האָט געענטפערט: „אַ גוטע אויג" (גוטגינציגקייט); אַן אַנדערער האָט געזאָגט: „אַ גוטער חבר"; אַ דריטער: „אַ גוטער שכן"; אַ פערטער: „צו זעהן דאָס וואָס וועט זיין" (ווייטזיכטיגקייט); נאָר דער פינפטער האָט געזאָגט: אַ גוט הארץ". צום לעצטען ענטפער, וואָס איהם האָט אַרויסגעזאָגט רבי אלעזר בן-ערך, האָט ר' יוחנן צוגעשטימט. „זיינע רייד זיינען שוין כולל אייערע אַלעמענס רייד", האָט ער געזאָגט צו די אַנדערע תלמידים. ר' יוחנן האָט מתרה געווען די געלעהרטע, זיי זאָלען ניט זיין האָפערדיג ביי זיך, ווי דאָס טרעפט זיך אָפט. „אויב דו האָסט געלערנט אַ סך תורה — פלעגט ער זאָגען—זאָלסטו ניט האַלטען, אַז עס קומט דיר דערפאַר אַ דאַנק, וואָרום צוליעב דעם ביזטו דאָך בעשאַפען געוואָרען" (פרקי אבות). בעקלאָגענדיג די אונטערדריקטע לאַגע פונ'ם אידישען פאָלק, האָט רבן יוחנן איינגעזעהן דערין אַ פועל-יוצא ניט בלויז פון אויסווייניגסטע, נאָר אויך פון אינעווייניגסטע סבות: „איהר האָט ניט געוואָלט זיין אונטערטעניג אייער גאָט, זייט איהר איצט אונטערטעניג פרעמדע, וואָס דיענען צו פאַלשע געטער. איהר האָט ניט געוואָלט צאָהלען קיין האַלבען שקל פאַר'ן בית-המקדש, צאָהלט איהר איצטער פופצעהן שקלים פאַר דער מלוכה פון אייערע שונאים!"

פאַר'ן טויט האָט ער געבענשט זיינע תלמידים מיט די ווערטער: „זאָל די מורא פאַר גאָט האָבען אַן איינפלוס אויף אייערע מעשים ניט ווינציגער, איידער די מורא פאַר אַ בשר-ודם!" אין די דאָזיגע ווערטער איז חוץ זייער רע־ליגיעזען זין, געווען איינגעשלאָסען אויך אַ נייע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם: דאָס פאָלק, וואָס האָט אָנגעוואָהרען זיין מלוכה-דיסציפּלין, מוז זיך אונטערגעבען זיין גייסטי־גער דיסציפּלין אַזוי, גלייך ווי זי וואָלט געוואָרען אונטערשטיצט דורכ'ן כח פון אַ מלוכה-מאַכט.

ר' יוחנן בן-זכאי איז געשטאָרבען זייהר אַלט, אַרומגערינגעלט פון זיינע תלמידים. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער ניט לאַנג געלעבט נאָכ'ן פאַלען פון דער אידישער מלוכה (ער איז געשטאָרבען אַן ערך אין די יאָהרען 80—85), נאָר

פאַר דער דאָזיגער קורצער צייט האָט ער בעוויזען אָוועקצולייגען אַ יסוד פאַר דער קומענדיגער אינעווייניגסטער אַווטאָנאָמיע פונ׳ם אידישען פאָלק.

דער ראש הסנהדרין רבן גמליאל דער צווייטער.

§ 4. די שטרעבונג פון די פיהרער פון דער אידישער נאַציע צו בעפעסטיגען איהר אינעווייניגסטע אַווטאָנאָמיע און גייסטיגע איינהייט וואָלט קיין פעסטען ערפאָלג ניט געהאַט, אויב נאָך דער קורצער פערוואַלטונג רבן יוחנן בן־זכאי׳ס וואָלט ניט געקומען די ליינגערע און ענערגישערע פערוואַלטונג פון רבן גמליאל דעם II, וואָס איז אויך בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען רבן גמליאל דיבנה. ער האָט אַרויסגעשטאַמט פון הלל׳ס משפחה, וואָס איהרע פאָרשטייער זענען אין משך פון דריי דורות געשטאַנען בראש פון דער קאָלעגיע תנאים און האָבען פערנומען אַ גרויסען אָרט אין סנהדרין.

אַן אייניקעל פון רבן גמליאל דעם I און אַ זוהן פונ׳ם פאַטריאָט ר׳ שמעון בן־גמליאל, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון ירושלמ׳ער רעוואָלוציאָנערן סנהדרין און איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה (II, § 107), — איז ר׳ גמליאל דעם II בשעת׳ן חורבן ירושלים געווען נאָך צו יונג, אַז ער זאָל קאָנען פערנעמען דעם אָרט פון אַן אָנפיהרער אין דער נייער זעלבסטפערוואַלטונג פון יבנה. ער האָט זיך געפונען אונטער רבן יוחנן בן־זכאי׳ס אפוטרופסות, און איז געווען איינער פון זיינע תלמידים. נאָכ׳ן טויט פון זיין רבי און אַפּוטרופּסות, איז רבן גמליאל, וואָס איז שוין געקומען צו די ריכטיגע יאָהרען, געוואָרען דער אָנפיהרער פונ׳ם בית־דין אָדער סנהדרין אין יבנה. די געזעלשאַפט איז, משמעות, גערן געווען צו אָנערקענען פאַר איהר ראש אַזאַ מענשען, וואָס האָט געהאַט דערויף רעכט לויט זיין יחוס. ס׳האָט זיך אויסגעוויזען פאַר נאַטירליך, אַז בראש פונ׳ם אויפגעריכטען סנהדרין זאָל שטייהן אַ מיטגליד פון דער אויפגעריכטער גייסטליכער הלל׳ס דינאַסטיע.

ס׳איז מעהר ווי בעשיינפערליך, אַז די רוימישע רעגירונג, האָט בעשטעטיגט די וואַהל פון פאָלק. די טראַדיציע בעהויפּטעט, אַז ר׳ גמליאל איז אָפיציעל בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער רוימישער רעגירונג אַלס דער אויבערשטער איבער די אידישע קהלות, אָדער נ ש י א. צי האָט רבן גמליאל געהאַט דעם דאָזיגען טיטעל אָדער ניט, אין יעדען פאַל האָט ער פאַקטיש אויסערפילט די התמנות׳ען פון אַ נשיא; ניט איין מאָל איז ער אַרויסגעטראָטען אַלס פאָרשטייהער און שתדלן פון דער אידישער געזעלשאַפט פאַר דער רוימישער רעגירונג, און אין די ענינים פון דער אינעווייניגסטער פערוואַלטונג, האָט ער אין אַ פולער מאָס פערווירקליכט די מאַכט פון אַן אָנפיהרער און אַ ראש.

ר׳ גמליאל האָט מעהר געפּאַסט צו דער שטעל פון אַן אַדמיניסטראַטאָר, איידער זיין רבי ר׳ יוחנן בן־זכאי. ער איז אַפילו געווען פיזיש אַ שוואַכער מענש, נאָר ער האָט פערמאָגט אַ שטאַרקע ווילענסקראַפט און האָט פערשטאַנען, ווי צו בעפעהלען. ער האָט געהאַט אַ טיעפע ידיעה אין די אידישע געזעצען און רעליגיעזע מסורות, און צו דער זעלביגער צייט האָט ער אויך געהאַט אַ וועלטלי־

כע בילדונג, וואָס איז געווען בעדייטענד פאַר זיין צייט: ער האָט געקענט די גריכישע און לאַטיינישע שפּראַך און געהאַט ספּעציעלע ידיעות אין אַסט-ראָנאָמיע. אַזאַ פּערזיינלעכע פון א וועלטליכען אויטאָריטעט מיט א גייסטליכען איז געווען נויטיג פאַר'ן פאָרשטייהער פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג אין יענער שווערער צייט.

ר' גמליאל'ס געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט איז אויסגעקומען אין דאָמיציא-נוס'עס און טריינוס'עס צייטען, בשעת די אידען אין דער רוימישער אימפּעריע האָ-בען געהאַט אויסצושטייהן רדיפות. ניט אין א קליינער סכנה האָט דעמאָלט געשוועבט דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט געהאַט געגנער סיי צווישען די היי-דען און סיי צווישען די אָנהייגער פון קריסטענטום. די לעצטע האָבען זיך סומך געווען אויפ'ן חורבן ירושלים אַלס א ראיה דערצו, אַז עס איז געקומען א סוף צו דער לעבענס-אָרדענונג, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען לויט תורת-משה, און אַז פון איצט אָן בעדאַרף די נייע אמונה געבען יענע מיטלען אויף מכפר זיין די זינד, וואָס ביז איצט האָבען דאָס געגעבען די קרבנות. צווישען יענעם טייל פון דער אידישער מאַסע, וואָס האָט זיך נאָך ניט געהאַט צוגעוויינט גייסטיג צו פאָרשטייהן די יהדות, זיינען אויפגעקומען נייע סעקטעס, וואָס זיינען מעהר אָדער ווייניגער צוגעשטאַנען צו די אָנהייגער פונ'ם נייעם גלויבען. די סעקטע פון די אידען-קריסטען, וואָס האָבען זיך אָבגעטיילט פונ'ם אַפּאָסטעל פּוילוס'עס אָנהייגער דערפאַר, וואָס יענע האָבען זיך בעצויגען נעגאַ-טיוו צו די גרונד-געזעצען פון אידישקייט (II, § 127), האָט גרינג געקאָנט צו-נויפקלייבען אָנהייגער צווישען אידישען המון-עם, וואָס צו איהם איז די דאָ-זיגע סעקטע געשטאַנען נאָהענט לויט איהר גוף און לויט איהר אַרט לעבען.

ביי אַזא מצב האָט דער סנהדרין געמוזט האָבען א אויסערגעוועהנליכע מאַכט, וואָס זאָל איהם געבען די מעגליכקייט אַנטקעגענצווירקען קעגען די סכנות, וואָס זיינען פאָרגעשטאַנען הן מצד דעם אויסווייניגסטען דרוק, הן מצד דער אינעווייניגסטער צעשפּאַלטונג. די דאָזיגע מאַכט האָט געדאַרפט זיין דער עיקר קאָנצענטרירט אין די הענד פון דעם נשיא, וואָס איז דער פּאָרזיצענדער פון סנהדרין. און גראַד צו אַזא קאָנצענטרירונג פון דער ממשלה, צוליעב דער טובה פון דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, האָט געשטרעבט ר' גמליאל דער II.

נאָר איהם איז ניט גרינג געווען צו פּערווירקליכען די דאָזיגע אויפגאַ-בע. אין ר' יוחנן בן-זכאי'ס בית-המדרש האָבען זיך אַרויסגערוקט א סך תנאים בר-סמכא'ס, וואָס האָבען געגרינדעט אין פּעדשיידענע ערטער זייערע אייגענע בתי-מדרשים, אויסער דעם קאָנטראָל פון סנהדרין אין יבנה. ר' יוחנן בן-זכאי'ס געליעבטער תלמיד, ר' אלעזר בן-ערך, האָט זיך אינגאַנצען צוריקגעצויגען אין פּריוואַט לעבען און האָט זיך אַריבערגעקליבען קיין עמאוס (דמסות), און ר' אליעזר בן-הורקנוס און ר' יהושע בן-חנניה האָבען געגרינדעט אייגענע ישיבות, — איי-נער אין דער שטאָדט לוד, און דער אַנדערער אין פּקיעין, צווישען לוד און יבנה.

איז צוזאַמענהאַנג מיט דער צושפּאַלטונג פון דער קאָרפּאָראַציע תנאים

זיינען שטאַרקער געוואָרען די מחלוקת צווישען בית-הלל און בית-שמאי. אַ סך וויכטיגע פראַגען פון בירגערליכען רעכט און רעליגיעזען לעבענספיהר האָבען די פאַרשטייהער פון די צוויי קאָנקורירענדיגע פאַרטייען פערשיידען פערענט-פערט. דאָס וואָס איין תנא אַ בר-סמכא האָט גע'אסר'ט, האָט דער אַנדערער מתיר געמאַכט, און פערקעהרט. „די איינציגע תורה — זאָגט די טראַדיציע — איז שיער, חס-ושלום, ניט געוואָרען צו צוויי תורות". די דאָזיגע מחלוקות צווישען די תנאים האָט געצוואונגען דעם נשיא ר' גמליאל'ן אָנצווענדען שטרייגגע מיטלען, בכדי צו פערפעסטיגען די אַלייגהערשאַפט פונ'ם סנהדרין.

דער קאַמף קעגען דער מחלוקת צווישען די תנאים.

§ 5. בכדי צו מאַכען אַ סוף פון די חלוקי-דעות צווישען די תנאים אין די פראַקטישע פראַגען פון רעליגיע און פון רעכט און דורכדעם צו פערהיטען פון אַ שפּאַלטונג, איז ר' גמליאל צוגעטראָטען איבערצוקוקען די עיקר הלכות, וואָס אין זיי איז פאַרהאַן אַ מחלוקת צווישען בית-שמאי און בית-הלל. ער האָט איבערגעגעבען די אַלע מחלוקת'ען אויף צו בעטראַכטען צום סנהדרין, וואָס איז בעשטאַנען פון אָנהייגגער פון ביידע צדדים, און אַזוי ווי דער רוב וועט פסקנ'ען און בעשטימען, אַזוי וועט עס דאַרפען בלייבען אַ חוק ולא יעבור. איטליכער פּרוב מצד דעם מיעוט אַנטקעגענצווירקען קעגען אַ החלטה, וואָס דער רוב האָט בעשטעטיגט, איז פון איצט אָן בעשטראָפט געוואָרען, ווי פאַר'ן צעשטערען די דיסציפּלין, און דערביי האָט ר' גמליאל זיך ניט אָבגעהאַלטען פון אַרויפצולייגען די האַרבסטע שטראָפען אַפילו אויף די גרעסטע תנאים.

דורך אַזעלכע מיטלען האָט ער זיך פערשאַפט שאַרפע געגנער, נאָר קיין זאַך האָט איהם ניט געקאָנט אָבשטעלען אויפ'ן וועג צו זיין געווינשטען ציעל — צו בעשאַפען אַן איינהייטליכע געזעצגעבונג. בכדי צווישען די תנאים זאָלען זיך ניט געפינען קיין אומאָרענטליכע עלעמענטען, האָט ער בעפוילען, אַז עס זאָלען ניט צוגעלאָזען ווערען צו די זיצונגען פון סנהדרין אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען ניט גענוג קאָמפּעטענט דערצו, אָדער וואָס זייער אַרט דיינקען איז מוטל בספק. בכדי איינצוהאַלטען אין צאַם די געגנער פון סנהדרין, וואָס האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען זיין דיסציפּלין, האָט ר' גמליאל געהאַט איין שטרייגגען מיטעל — אַריינלייגען אין חרם (נדוי, שמתא), וואָס דורכדעם איז דער שולדיגער אויסגע-שלאָסען געוואָרען פון קהל, כל-זמן ער האָט ניט תשובה געטאָן. אין חרם זיינען דעמאָלט אַריינגעלייגט געוואָרען אויך עטליכע תנאים, וואָס האָבען זיך ערלויבט פאַלש אויסצוטייטשען די כתבי-הקדש אָדער וואָס האָבען אָבגעלייקענט דעם חיוב פון געוויסע מנהגים.

בעזונדערס אַ גרויסען רעש האָט אָנגעמאַכט דאָס, וואָס ר' גמליאל האָט אַרויפגעלייגט אַ חרם אויפ'ן בעריהמטען תנא ר' אליעזר בן-הורקנוס, דעם ראש-הישיבה אין לוד. ר' אליעזר האָט זיך געהאַלטען פאַר דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג בנוגע צו דער אויסטייטשונג פון דער תורה. היות ווי ער האָט גע-הערט צו דער פאַרטיי פון בית-שמאי, האָט ער געהאַלטען טייער איטליכע אַלטע

טראַדיציע און האָט ניט דערלאָזען, מען זאָל אויף אַ האָר אָבטרעטען דערפון, ניט קוקענדיג אויף דער החלטה פונ'ם רוב פון סנהדרין.

איין מאָל, בשעת ר' אליעזר האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען דער החלטה פונ'ם סנהדרין אין אַ שאלה וועגען טומאות און טהרות, האָט ר' גמליאל געהייסען איהם אַריינוואַרפען אין חרם. דער נשיא האָט אין דעם פאַל ניט געקוקט אַפילו דערויף, וואָס ר' אליעזר איז זיין שוועסטערס מאַן — און אַז עטליכע האָבען איהם אויפגעוואָרפען, אַז ער האָט צו-פיעל אייגענליבע, האָט ער אויסגערופען: „רבונו של עולם, ס'איז בעוואוסט פאַר דיר, אַז איך האָב אַזוי געטאָן ניט פון מיין כבוד וועגען און ניט פון מיין פאָטערס הויז כבוד וועגען, נאָר אַליין פון דיין כבוד וועגען, בכדי ס'זאָל זיך ניט מעהרען צווישען פאָלק קיין מחלוקת!" (בבלי, בבא מציעא נ"ט). דער פועל יוצא פונ'ם שטרייִנגען מיטעל, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרען קעגען ר' אליעזר'ן, איז דאָס, וואָס ער איז אינגאַנצען אַרויס פון דער קאָלעגיע תנאים אין יבנה און האָט מעהר ניט געשטערט ר' גמליאל'ן אין זיין פעראייניגונגס-אַרבייט.

פונקט אַזוי שטרייִנג איז זיך בעגאַנגען ר' גמליאל מיט ר' יהושע בן-חנניה, וואָס איז געווען איינער פון די געלעהרנטסטע מיטגלידער פון דער קאָלעגיע אין יבנה. ר' יהושע האָט געלעבט זייער אָרים און האָט זיך מפרנס געווען דורך פיזישע אַרבייט. ער האָט זיך אויסגעצייכענט דורך ניט געוויינליכער גוטמוטיגקייט און ענוות, און דערפאַר האָבען איהם אַלע ליעב געהאַט. פון אויסוויינינג איז ר' יהושע געווען זייער ניט קיין שיינער, נאָר מיט זיינע טיפזיניגע און צוגלייך שאַרפזיניגע רייד פלעגט ער מאַכען אַ זעלטענעם איינדרוק אויף אַלעמען, מיט וועמען ער פלעגט שמועסען. ער האָט ליעב געהאַט צו פיהרען ויכוחים מיט היידנישע פילאָזאָפען וועגען רעליגיעזע פראַגען און האָט מיט פערשטאַנד אָבגעפרעגט זייערע טענות קעגען דער יהדות. בנוגע צו אַ סך פראַגען פון רעכט און רעליגיעזע מנהגים איז ר' יהושע ניט געווען איינשטימיג מיט ר' גמליאל'ן און האָט דאָס ניט געהאַלטען בסוד. דער ערשטער גרויסער סכסוך צווישען איהם און דעם נשיא איז פאָרגעקומען מכח פאָלגענדער מעשה.

זינט שנים קדמוניות איז געווען איינגעפיהרט, אַז נאָר דער סנהדרין האָט געהאַט דאָס רעכט פעסטצושטעלען די צייט פון די ימים-טובים אויפ'ן סמך דערפון, וואָס מען פלעגט אַלע חודש אויפפאַסען אויפ'ן מולד און מאַכען אויסרעכענונגען אין לוח. איינמאָל האָט ר' גמליאל בעשטימט דעם טאָג פון ראש-חודש תשרי, לויט דער אָנווייזונג פון צוויי ניט גאָר בעגלויבטע עדות. היות ווי אין חודש תשרי קומען אויס אַלע גרויסע הארבסטיגע ימים-טובים — ראש-השנה, יום-כפור און סוכות, דעריבער איז אַ טייל פון די תנאים אַרויסגעטראָטען קעגען דעם נשיא'ס בעשטימונג און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אַנדערש פונאַנדערטיילען די טעג פון די ימים-טובים, לויט מעהר זיכערע בעאָבאַכטונגען איבער דער לבנה. דער אָנפיהרער פון דער דאָזיגער אָפּאָזיציע איז געווען ר' יהושע בן-חנניה. דער פועל-יוצא פון אַזעלכע חלוקי-דעות האָט געקאָנט זיין, אַז איין און דעם זעלביגען יום-טוב זאָלען פערשיידענע טיילען פון דער עדה פייערן אין פערשיידענע טעג.

דעמאָלט האָט ר׳ גמליאל, בכדי אונטערצוהאַלטען זיין אַווטאָריטעט אַלס נשיא, געשיקט צו ר׳ יהושע׳ן אַ בעפעהל — ער זאָל קומען צו איהם מיט׳ן שטעקען און זעקעל גראָד אין יענעם טאָג, ווען לויט זיין, ר׳ יהושע׳ס, חשבון קומט אויס יום-כפור (צעהן טעג אין תשרי). ר׳ יהושע, דער גרויסער עניו, האָט זיך שטאַרק מצער געווען דעריבער, וואָס ער וועט מוזען פערשטערען די הייליג-קייט פונ׳ם גרעסטען תענית; נאָר פונדעסטוועגען האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו פאָלגען דעם בעפעהל פונ׳ם ראש-הסנהדרין און איז אַוועק צו איהם אין דעם בעשטימטען טאָג מיט׳ן שטעקען און זעקעל אין די הענד. די דאָזיגע עניוות — דערציילט די לעגענדע — האָט אַזוי געריהרט ר׳ גמליאל׳ן, אַז ער איז אַרויס אַנטקעגען ר׳ יהושע׳ן און האָט איהם בעגריסט מיט די ווערטער: „שלום צו דיין קומען, מיין רבי און תלמיד! מיין רבי—אין חכמה, און מיין תלמיד — וואָס דו האָסט געפאָלגט מיינע רייד״ (בבלי ראש-השנה כ״ה).

די איבערקעהרעניש אינ׳ם סנהדרין פון יבנה.

§ 6. ר׳ גמליאל׳ס האָפערדיגער אויפיהרען זיך בנוגע צו די אַנדערע תנאים האָט סוף-כל-סוף, דערוועקט אַ שטאַרקע אומצופרידענקייט קעגען איהם אין סנהדרין און האָט געבראַכט צו אַן איבערגעוואַלדיגער איבערקעהרעניש. פאַרגעקומען איז דאָס אַזוי.

ר׳ גמליאל האָט דורכגעפיהרט דורכ׳ן סנהדרין אַ רייהע הלכות, וואָס האָבען איינגעשטעלט, אַז דריי מאָל אין טאָג אין בעשטימטע שעה׳ן מוז מען זאָגען געוויסע תפלות. בנוגע צו דער מעריב-תפלה האָבען ניט אַלע תנאים מסכים געווען מיט׳ן נשיא, אַז זי איז אַ חוב זאַך. צו דער דאָזיגער אָפּאָזיציע האָט געהערט ר׳ יהושע, וואָס האָט אין איינצעלנעם פאַל גע׳פסק׳נט, אַז די מעריב-תפלה איז ניט קיין חוב.

אַז ר׳ גמליאל האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער ווידער אַ מאָל פאָרגעלייגט די פראגע דעם סנהדרין, קיינער האָט זיך ניט אַרויסגעזאָגט קעגען דעם נשיא׳ס מיינונג, אַז די מערב-תפלה איז אַ חוב; ס׳האָט אויך געשוויגען ר׳ יהושע. דעמאָלט האָט ר׳ גמליאל עפענטליך בעשולדיגט זיין געגנער דערין, וואָס ער איז ניט געווען אָפּענהאַרציג. ר׳ יהושע איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַר איהם, ווי אַן אָנגעקלאָגטער, און האָט שווייגענדיג אויסגעהערט זיינע שאַרפע פאָרוואורפען.

דער דאָזיגער זלזול-הכבוד פון אַזאַ אָנגעזעהענעם תלמיד-חכם האָט אַריינגעבראַכט דעם סנהדרין אין כעס. ס׳האָבען זיך געלאָזט הערען פערשיידענע פראָטעסטען, מען האָט געשריען צו ר׳ גמליאל׳ן: „צו ווען איז ניט אויסגעגאַנגען זיין שלעכטקייט!״ ס׳האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער פערזאַמלונג אַ סך תלמידים, וואָס מען האָט זיי פריהער ניט אַריינגעלאָזען אינעווייניג, לויט׳ן בעפעהל פונ׳ם נשיא. ס׳איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אינ׳ם סנהדרין. מען האָט

זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען ר׳ גמליאל׳ן און מען איז צוגעטראָטען אויסצוקלייבען א נייעם פאָרזיצענדען פון סנהדרין.

אויסגעקליבען האָט מען דעם יונגען רבי אליעזר בן-עזריה, א רייכען און מיוחס׳דיגען תּנא, וואָס האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער קומט אַרויס פון עזרא הסופר. די בעגרעניצונגען, וואָס ר׳ גמליאל האָט אַיינגעשטעלט בנוגע צום צוטריט אין סנהדרין, זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען. ביים אַרומקלערען יורידישע און רעליגיעזע פראַגען האָט אָפטמאָל אָנגעהויבען גובר צו זיין די ריכטונג פון די געגנער פון פריהערדיגען פאָרזיצענדען. אַסך מחלוקת׳ן האָט מען פערענטפערט אינ׳ם גייסט פון בית-שמאי; די איבעריגע זיינען פערענטפערט געוואָרען דורך אַ פשרה צווישען די מיינונגען פון בית-שמאי און בית-הלל. צווישען אַנדערע זאַכען, זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער קדושה פון צוויי ספרים פון תּנ״ך, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען אין שפּעטערדיגען פּעריאָד („שיר-השירים“ און „קהלת“), און צי מעג מען אַרייננעמען אין אידישען כּלל גרים פון די בני-מואב און בני-עמון. דער פראָטאָקאָל פון די ויכּוחים, וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען אין סנהדרין אין די טעג, וואָס נאָך דער איבערקעהרעניש, זיינען פערבליבען אין דער משנה מסכתּא עדיות.

אין דער לאַגע פון אַן אַראָבגעזעצטען מושל האָט ר׳ גמליאל אַרויסגעוויזען די גאַנצע איידעלקייט פון זיין כאַראַקטער: פונקט אַזוי ווי פריהער, האָט ער גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין די זיצונגען פון סנהדרין; נאָר פערטיידיגענדיג זיינע אייגענע איבערצייגונגען, פלעגט ער פונדעסטוועגען אָהן טענות זיך אונטערגעבען די החלטות פונ׳ם רוב, בשעת זיי פלעגען גייהן קעגען זיינע אייגענע מיינונגען. ר׳ גמליאל האָט איצט פערשטאַנען, אַז זיין כּונה צו פעראיינהייטליכען די געזעצגעבונג איז טאַקע געווען אַ גוטע, נאָר אין זיין שטרעבונג זי אויסצופיהרען האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט געבעטען מחילה ביי ר׳ יהושע בן-חנניה׳ן, וועמען ער האָט געהאַט בעליידיגט.

די טראַדיציע דערציילט, אַז בשעת ר׳ גמליאל, וואָס האָט געלעבט אין עשירות, איז געקומען צו ר׳ יהושע׳ן און האָט איהם אָנגעטראָפען אין זייער אַן אָרימען מעמד, ביי זיין מלאכה — נאָדעל-מאַכעריי—איז ער נשתּומם געוואָרען. „שוין זשע דערמיט בּיזטו זיך מפרנס?“ — האָט ער מיט אַ געפיהל פון רחמנות אַ פרעג געטאָן זיין חבר. און ר׳ יהושע האָט מיט ביטערניש געענטפערט: „ווייה איז צו דעם דור, וואָס דו ביזט זיין פיהרער! שוין זשע האָסטו ביז איצט ניט געוואוסט, ווי עס קומען אָב די תּלמידי חכמים?“ פונדעסטוועגען האָט ער מוחל געווען ר׳ גמליאל׳ן און האָט שלום געמאַכט מיט איהם (ירושלמי ברכות פ״ד אין סוף, בבלי ברכות כ״ט).

אין גיכען האָבען אויך די איבעריגע תּנאים געמאַכט שלום מיט׳ן געוועזענעם נשיא. זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז ר׳ גמליאל האָט אָנגענומען אַזעלכע שטרייננגע מיטלען ניט דערפאַר, ווייל ער איז אַ רודף-כּבוד, נאָר ווייל ער זאָרגט מיט אַן אמת פאַר דער גייסטיגער איינהייט און וויל פערהיטען פון אַ

צעשפּאַלטונג. מען האָט איהם ווידער אַוועקגעזעצט אויף זיין שטעל. הגם ניט מיט דער גאַנצער פריהערדיגער מאַכט: דער נייער אויסגעקליבענער ר׳ אליעזר בן-עזריה איז אויך געבליבען פּאָרזיצענדער אין סנהדרין.

ר׳ גמליאל׳ס וייטערדיגע טעטיגקייט איז פערביי אָהן שאַרפע סכסוכים מיט די איבעריגע תנאים; ווי ס׳ווייזט אויס, איז ער אײנגעגאַנגען אויף געווּיסע הנחות. ר׳ גמליאל׳ן האָט זיך ניט גאָר אײנגעגעבען אינגאַנצען זיין בעמיהונג אונטערצוּוואַרפען די פערשיידענע הלכות און דרשות פון די תנאים אונטער׳ן שטריינגעו קאָנטראָל פונ׳ם סנהדרין. דער טעאָרעטישער קאַמף פון די פערשיי-דענע מיינונגען האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די שטרעבונגען פונ׳ם פּראַקטישען עסקן צו פּראייגינען און פערפעסטיגען די גייסטיגע נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. די בתי מדרשים האָבען זיך צעשפּאָלטען. ר׳ גמליאל׳ן האָט זיך אײנגעגעבען בלויז צום טייל שוואַכער צו מאַכען די דאָזיגע שפּאַלטונג, אָבער ניט אינגאַנצען זיי צו בעזייטיגען.

די רעפאָרם פון גאָטעסדינסט און ר׳ גמליאל׳ס געזעלשאַפט-ליכע טעטיגקייט.

§ 7. צווישען די סך רעפאָרמעס, וואָס ר׳ גמליאל דער II און דער סנהדרין אין יבנה האָבען געמאַכט, איז געווען די וויכטיגסטע די רעפאָרם פונ׳ם גאָטעסדינסט. כל זמן עס איז געשטאַנען דער בית-המקדש און עס האָט עקסיסטירט די עבודה פון די קרבנות, האָט די תפילה פערנומען אינ׳ם גאָ-טעס-דינסט בלויז דעם צווייטען אָרט. אין בית-המקדש אין ירושלים איז זי געווען נאָר אַ צוגאָב צום אָפיציעלען קולט פון די קרבנות וואָס דערצו איז געווען צוגעפּאַסט סיי דער סדר, סיי דער תוכן פון די תפלות. אין די שולען, „בתי-כנסיות“, וואָס זיינען דעמאָלט געווען נאָך זעלטען, זיינען די תפלות געווען בלויז אַ הוספה צו די קאַפּיטלעך פון דער תורה, וואָס מען פלעגט דאָרט ליי-ענען. פרומע לייט האָבען אַוודאי געקאָנט מתפלל זיין ביחידות, געברויכענדיג די זאַמלונגען פון קאַפּיטלעך תהלים אָדער ספּעציעלע ברכות. נאָר אינ׳ם עפענט-ליכען גאָטעסדינסט האָבען די תפילות קיין זעלבסטענדיגע בעדיי-טונג ניט געהאַט.

איצטער, וויבאַלד אַז די עבודה פון די קרבנות איז בטל געוואָרען, האָט די תפלה געמוזט ווערען דער מיטעלפּונקט פונ׳ם געזעלשאַפטליכען גאָטעס-דינסט, די „עבודה שבלב“. היות ווי זי האָט בעדאַרפט בעפרידיגען גלייכצייי-טיג סיי די ריין-רעליגיעזע סיי די נאַציאָנאַלע בעדערפנישען, דעריבער האָט זי געמוזט כולל זיין אין זיך וואָס מעהר עלעמענטען, וואָס זיינען צונויפגעבונדען מיט׳ן זכר וועגען דער געוועזענער פרייהייט, וועגען ירושלים און בית-המקדש, וואָס זייער אויפריכטונג איז געווען דער טייערסטער חלום פון פאָלק.

צו דעם דאָזיגען צוועק איז ר׳ גמליאל׳ס רעפאָרם געווען טאַקע פולקום צוגעפּאַסט. צוזאַמען מיט זיינע חברים און תלמידים האָט ער אויסגעאַרבייט אַ

פולשטענדיגען נוסח פון די טעגליכע תפלות. ער האָט מוסיף געווען און איבער־געמאַכט די ברכות פון דער הויפּט־תפלה שמונה־עשרה, וואָס שטאַמט נאָך, לויט דער מסורה, פון דער צייט פון דער כנסת הגדולה (I, § 82). די דאָזיגע תפלה איז איצט בעשטאַנען, לויט איהר נאָמען, פון אַכטצעהן ברכות, וואָס צווי־שען זיי זיינען געווען איינאיינעם מיט אַזעלכע תפלות, וואָס האָבען געטראָגען אַ פּערזענליכען כאַראַקטער, אויך תפלות וועגען דער פּאָליטישער אויפלעבונג, ווע־גען דער אויפריכטונג פון ירושלים און וועגען „קבוץ גליות“ (צונויפקלייבען די פערטריבענע).

אינאיינעם מיט דער אַלטער „קריאת־שמע“, וואָס איז בעשטאַנען פון פּסוקים פון דער תורה („שמע ישראל“—דאָס איז די פאָרמעל פון גאָטס איינהייט און פון זיין השגחה איבער׳ן פּאָלק ישראל), איז די „שמונה־עשרה“ זינט יענער צייט דער רעכטער עיקר פונ׳ם גאָטעסדינסט. די דאָזיגע תפלות זיינען אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ חוב סיי ביים דאַוונען ביחידות, סיי ביים דאַוונען בצבור. „די אַכטצעהן ברכות“ מוזען ווערען געזאָגט, לויט די שעה׳ן, בשעת עס פלעגט פאָר־קומען די עבודה אין בית־המקדש, דריי מאָל אין טאָג: אין דער פריה (שחרית, אַ זכר צום דערפריהענדיגען קרבן־תמיד), פאַר־נאַכט (מנחה, אַ זכר צום פאַר־נאַכטיגען קרבן־תמיד) און אין אָבענד (ערבית אָדער מעריב, אַ זכר צום פער־ברענען די טיילען פון די קרבנות אויפ׳ן מזבח, וואָס דאָס פלעגט געשעהן ביי־נאַכט).

ווי עס איז אויבען דערציילט געוואָרען, האָט ר׳ גמליאל געמוזט פיהרען אַ קאַמף, בכדי דורכצופיהרען די דאָזיגע רעפאָרם: עטליכע תנאים זיינען געווען קעגען דעם, אַז עס מוז זיין אַ פעסט־איינגעשטעלטער נוסח. אַנדערע ווידער זיינען געווען קעגען אַ פעסט־איינגעשטעלטער צייט. ר׳ אליעזר בן־הורקנוס, וואָס איז געבליבען אין דער אָפּאָזיציע, האָט בעהויפּטעט, אַז אַ תפלה, וואָס דאַרף אויסדריקען אַ געפיהל און שטימונג, טאָר ניט ווערען פעסט איינגעשטעלט (העושה תפלתו קבע, אין תפלתו תחנונים). נאָר ר׳ גמליאל האָט גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אומגעהייער גרויסע בעדייטונג פאַר דער אחדות פון פאָלק דאָס וועט האָבען, אויב אַלע אידען וועלען אין בעשטימטע שעה׳ן זיך אינאיינעם צונויפקלייבען מתפלל זיין, און די תפלות זייערע וועלען זיין גע־האַלטען אין גלייכע פאָרמען. און מיט זיין גאַנצער ענערגיע האָט ער דורכגע־פיהרט די דאָזיגע רעפאָרם, וואָס איז געווען דער אבן־הפנה פון דעם סדר־בתי־כנסיות אין די שפּעטערדיגע צייטען.

אַ צווייטער פעראייניגונגס־כח אין אידישען לעבען זיינען געווען די נאַ־ציאָנאַלע ימים־טובים. ס׳איז נויטיג געווען, אַז די אידען, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער אַלע לענדער, זאָלען וויסען גענוי די טעג, ווען עס קומט אויס דער אָדער יענער יום־טוב. דער סנהדרין אין יבנה האָט אויפגעפּאַסט דעם גאַנג פון דער לבנה און בעזונדערס דעם מולד, וואָס דעמאָלט הויבט זיך אָן דער אידישער חודש. אָבהייניגיג דערפון, פלעגט מען בעשטימען די טעג פאַר די ימים־טובים אין איטליכען חודש. וועגען די טעג פונ׳ם מולד פלעגען די קהלות אין ארץ־

ישׂראל בעקומען צו וויסען דורך בעזונדערע סיגנאַלען — דאָס זיינען געווען פייערן, וואָס מען פלעגט אָנצינדען אויף די שפּיצען בערג. די קהלות, וואָס האָבען געוואוינט אויף אַ גרעסערן מהלך, האָט מען דאָס אָנגעזאָגט דורך שלוחים. נאָר היות ווי עס האָבען געקאָנט פאָרקומען טעות׳ען, אָדער איינצעלנע קהלות האָבען געקאָנט בעקומען די ידיעות ניט צו דער רעכטער צייט, דעריבער האָט מען איינגעשטעלט, אַז די אידישע קהלות אין חוץ־לארץ זאָלען פייערן די גרויסע ימים־טובים: פּסח, שבועות, סכות, ראש־השנה, אָן איבעריגען טאָג (יום טוב שני של גליות). אַזוי איז אַיינגעפיהרט געוואָרען דער מנהג — פון אַן איבעריגען, צווייטען, טאָג יום־טוב, וואָס עס היטען אָב די אידען פון אַלע לענדער, חוץ ארץ־ישראל.

פונקט אַזוי ווי רבן גמליאל האָט געזאָרגט פאַר דער בעפעסטיגונג פון דער אינעווייניגסטער אָרדענונג פון די אידישע קהלות, אַזוי האָט ער אויך ווי עס געהער צו זיין אויסערפילט זיינע התחייבות׳ען אַלס „פּאַטריאַרך" אָדער אָפיציעלער פאָרשטייהער פון די אידען פאַר דער רוימישער רעגירונג. בשעת אין דאָמיציאַנוס׳עס צייט האָט מען אַרויסגעגעבען קעגען די אידען שלעכטע גזרות, איז ר׳ גמליאל געפאָהרען קיין רוים, בכדי זיך משתדל צו זיין, מען זאָל מבטל זיין אָדער שוואַכער מאַכען די דאָזיגע גזרות.

וועגען איין נסיעה אַזעלכע, דערצייהלט אַ פאָעטישע פאָלקס־אגדה פאָלגענדעס. דער קיסר האָט בעשטעטיגט דעם סענאַטס אַ דעקרעט וועגען דעם, אַז אין משך פון דרייסיג טעג זאָל אין דער רוימישער אימפּעריע ניט איבערבלייבען קיין איד. אַז ר׳ גמליאל הנשיא האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, איז ער אַוועק אין רוים אינאיינעם מיט זיינע חברים, ר׳ אלעזר בן־עזריה, ר׳ יהושע בן־חנניה און ר׳ עקיבא. אַז די אידישע חכמים זיינען צוגעפאָהרען צו דער הויפּט־שטאָדט און האָבען דערהערט די קולות, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון קאַפּיטאָליום, האָבען זיי ניט ווילענדיג געמוזט פערגלייכען דעם שונא׳ס רעש׳דיגע, פרייהליכע הויפּט־שטאָדט מיט ירושלים, וואָס איז געווען חרוב און אָהן מענשען. האָבען ר׳ גמליאל, ר׳ אלעזר בן־עזריה און ר׳ יהושע זיך פונאַנדערגעוויינט. נאָר ר׳ עקיבא, דער צוקינפטיגער אָנפיהרער פון דער נאַציע, איז ניט אַראָבגעפאַלען ביי זיך און האָט געזאָגט צו זיינע חברים: „וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו וויינען? אויב גאָט גיט אַזוי פיעל אַ פאָלק, וואָס טוט ניט זיין רצון, הייגט וויפיעל וועט ער געבען אַזעלכע, וואָס טוען יאָ זיין רצון!"

נאָכדעם ווי די תנאים זיינען אָנגעקומען אין רוים, האָבען זיי זיך געווענדט נאָך הילף צו אַ רוימישען סענאַטאָר, וואָס איז געווען נוטה צו דער אידישער אמונה; דעם סענאַטאָרס ווייב, וואָס האָט אויך געהאַלטען פון דער אידישער אמונה, האָט גע׳פּועל׳ט ביים מאַן, ער זאָל טון פאַר די שתדלנים אַלצדינג, וואָס ער וועט קאָנען. היות ווי דער סענאַטאָר האָט געוואָלט ראַטעווען די אידען און האָט קיין אַנדער מיטעל ניט געהאַט, דעריבער האָט ער בעשלאָסען מקריב צו זיין זיין לעבען. אין רוים זאָל האָבען עקסיסטירט אַ מנהג, אַז אויב ס׳פלעגט שטאַרבען אַ סענאַטאָר, פלעגט מען אויף אַ שטיקעל צייט זיך אָבהאַלטען פון אויסצופיהרען

די בעפעהלען פון סענאַט. בכדי אַרויסצורופען אַזאַ אָבהאַלט, האָט דער סע־נאַטאָר, וואָס איז געווען אַן אוהב־ישראל, זיך פּער׳סמ׳ט און פּאַר׳ן טויט האָט ער אָנגענומען די אידישע אמונה (לויט אַן אַנדער נוסח הייסט עס, אַז דער קיסר האָט געהייסען טויטען דעם דאָזיגען סענאַטאָר גראָד דערפאַר, וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די אידען). דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז די אויספיהרונג פון דער גזרה איז אָבגעלייגט געוואָרען, און דערנאָך איז זי אינגאַנצען בטל געוואָרען.

די דאָזיגע צוגעפּוצטע לעגענדע האָט, אַ פּנים, אַ געוויסען פאַקטישען יסוד אין די רדיפות פון דאָמיציאַנוס׳ן אויף די אידען און אין דעם טרויעריגען סוף פון׳ם רוימישען שר פלאַוויאוס קלעמענס און זיין פרוי, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַ נטיה צו דער אידישער אמונה און וואָס זיינען געפאַלען פאַר אַ קרבן פון׳ם קיסר דאָמיציאַנוס׳עס גרים־צאָרן אין לעצטען יאָהר פון זיין קיניגען (אויבען, § 2). די פּראָיעקטירטע נייע רדיפות זיינען מסתמא אָבגעשטעלט גע־וואָרען מחמת דעם, וואָס דאָמיציאַנוס איז געשטאָרבען, און עס איז געוואָרען אַ קיסר נערוואַ, וואָס האָט זיך בעצויגען מיט גערעכטיגקייט צו אידען.

וועגען דעם בעזוך פון די אידישע חכמים אין רוים איז אין דער תּלמוד'י־שער אגדה פאַרהאַן אַ סך לעגענדעס, וואָס דערציילען וועגען זייערע רעלי־גיעזע ויכוחים מיט רוימישע פילאָזאָפען. צווישען אַנדערע זאַכען, האָבען די רוי־מער פאָרגעלייגט די אידישע „זקנים“ אַזאַ פראַגע: „אויב גאָט איז ניט וואויל געפעלען דער געצענדינסט, טאָ פאַרוואָס פערטיליגט ער ניט די געצען“? די זקנים האָבען געענטפערט: אויב גאָט זאָל וועלען אויף אַזאַ אופן אויפווייזען די מענשענס טעות׳ן, וואָלט ער בעדאַרפט פערטיליגען ניט בלויז די אוננוציגע געצענבילדער, נאָר אויך די זון, די לבנה און די שטערען, וואָס אַ סך געצענ־דינער בוקען זיך צו זיי. בכן, שוין־זשע וועט גאָט חרוב מאַכען די וועלט צו־ליעב די אומפערשטאַנדיגע? אַז די סאָפיסטען האָבען זיי דערויף געענטפערט, אַז גאָט וואָלט געקאָנט פערניכטען דאָס אוננוציגע און איבערלאָזען דאָס נוצי־גע, האָבען די זקנים געזאָגט: „אויב גאָט וואָלט אַזוי געטאָן, וואָלט ער נאָך מעהר בעפעסטיגט דעם פאַלשען גלויבען פון די, וואָס בוקען זיך צו דער זון און צו די מאורות פון הימעל, וואָרום זיי וואָלטען געקאָנט זאָגען: די „געצענבילדער האָט ער טאַקע פערטיליגט, אָבער די מאורות פון הימעל האָט ער געלאָזט“ (בבלי עבודה־זרה).

איינער פון די „מינים“ (אַן אַפּיקורס צווישען די קריסטען), וואָס האָבען אָבגעלאַכט פון די אידישע דינים וועגען שבת, האָט געפרעגט ביי ר׳ גמליאל׳ן און זיינע חברים אין רוים: „איהר זאָגט, אַז גאָט גיט די מענשען געזעצען און היט זיי אַליין אָב; טאָ פאַרוואָס־זשע היט ער ניט אָב די דינים פון שבת“? — „וואָס־זשע זאָל ער אָבהיטען? — האָבען די חכמים געענטפערט מיט אַ שמיי־כעל. דעם דין, אַז מען טאָר ניט אַריבערטראָגען חפצים פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערן? איז דאָך אָבער די גאַנצע וועלט גאָטס הויז, און אין זיין אייגענער שטוב, אין רשות היחיד, מעג איטליכער טראָגען אום שבת“.

אַן אַנדער אפיקורס האָט געזאָגט צו ר׳ גמליאל׳ן: „אייער גאָט איז אַ גנב, וואָרום ער האָט אין שלאָף אַרויסגע׳גנב׳עט ביי אדמ׳ען אַ ריפּ!" דערויף האָט געענטפערט ר׳ גמליאל׳ס טאָכטער: „גאָט האָט געטאָן, ווי יענער גנב, וואָס איז אַריין אין אַ שטוב, האָט צוגענומען אַ זילבערנעם כּוס און איבערגעלאָזט אַ גאָל־דענעם. גאָט האָט גענומען ביי אדמ׳ען אַ ריפּ, נאָר געגעבען האָט ער איהם דערפאַר אַ שיינע פרוי און מיטאַרבייטערין. אַזאַ מין גנבים לוינט צו האָבען ביי זיך וואָס אָפטער".

ס׳זיינען נאָך פערבליבען ערציילונגען וועגען די שאַרפזיניגע ויכּוחים צווישען ר׳ יהושע בן־חנניה, איינעם פון די פיר חכמים, מיט׳ן קיסר הדרינוס און די רוימישע סאָפיסטען. אין אַלע די דאָזיגע לעגענדעס קאָן מען אויסגעפי־נען מטושטש׳ע אָבקלאַנגען פון יענע רעליגיאָנס־פילאָזאָפישע שמועסען, וואָס זיינען דעמאָלט געפיהרט געוואָרען צווישען די אידישע דיינקער און צווישען די פאָרשטייהער פון דער גריכיש־רוימישער געזעלשאַפט.

ר׳ גמליאל הנשיא האָט געלעבט אַן ערך ביז׳ן סוף פון טרינוס׳עס קיניגען, נאָך איהם איז, אפנים, ביט אויסגעקומען צו זעהן יענע סימנים פונ׳ם אידישען אויפשטאַנד, וואָס האָבען זיך שוין געלאָזט מערקען אינ׳ם לעצטען יאָהר פון דער דאָ־זיגער רעגירונג. פאַר׳ן שטאַרבען האָט ר׳ גמליאל אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל איהם מקבר זיין אָהן אַ שום פּאַראַד, אין פּראָסטע לייוועגטענע תּכריכים. דערמיט האָט ער געגעבען אַ גוטען ביישפּיעל אויף נאָכצוטון.

פריהער איז געווען אָנגענומען ביי אידען מקבר צו זיין בר־מינגם מיט גרויס פּאַראַד. דער דאָזיגער מנהג האָט זיך געהאַט אַזוי ווייט איינגעוואָרצעלט ביים פּאָלק, אַז אָרימע מענשען פלעגען לאָזען איינגאַנצען זייערע מתים אָהן קבורה, ווייל די לויות האָבען אָבגעקאָסט אַ שלל מיט געלד. נאָכ׳ן ביישפּיעל, וואָס דער נשיא האָט בעוויזען, זיינען ביי אַלע אידען, אָהן אונטערשייד פון קלאַסען און פערמעגענס, פאַרגעקומען די לויות זייהר בעשיידען, און די בר־מינג׳ס פלעגט מען אַראָבלאָזען אין די קברים אין ווייסע תּכריכים, אָהן ארונות.

רבי עקיבא און זיינע חברים.

§ 8. צווישען די פיעל תּנאים, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען אַרום דעם סנהדרין אין יבנה און האָבען געפיהרט די גרויסע אַרבייט פון דער נאַציאָנאַלער רעסטאַווראַציע, איז אין אָנהויב פון II יאָהרהונדערט געוואָרען דער גרעסטער בעל השפּעה דער אויבענדערמאָנטער ר׳ עקיבא. דער אומגעוויהנלי־כער פּרסום, וואָס דער דאָזיגער פאָלקס־פיהרער האָט שפּעטער בעקומען, האָט געבראַכט דערצו, אַז די געשיכטע פון זיין לעבען איז בעשריבען געוואָרען דורך אַ פּאָעטישער לעגענדע.

רבי עקיבא בן־יוסף איז יונגערהייד געווען זייהר אָרים און האָט געדיענט אַלס פּאַסטוך אין די מאַיאָנטקעס פון אַ רייכען ירושלמ׳ער בירגער

כלבא-שבוע. דעם לעצטענס טאָכטער, רחל, האָט ליעב בעקומען דעם אָרימען פאַסטוך און איז מוסכם געוואָרען צו ווערען זיין ווייב בתנאי, אַז ער זאָל זיך מקדיש זיין צו לערנען תורה. רחל׳ס פאָטער, וואָס האָט דעם דאָזיגען שדוך ניט געוואָלט, האָט גענומען און אַרויסגעטריבען די טאָכטער פון שטוב, און זי האָט געלעבט מיט איהר מאַן אין גרויס דחקות. איין מאָל האָט די נויט זי געבראַכט דערצו, אַז זי האָט בעשלאָסען אָבצושערען איהרע לאַנגע צעפּ און צו פערקויפען די האָר, בכדי צו קויפען ברויט פאַר זיך און פאַר איהרע קינדער.

נאָכדעם ווי רבי עקיבא האָט זיך צושיידט מיט דער ווייב, האָט ער זיך געלאָזט אַרומגייהן איבער די „ערטער פון דער תורה״ (גולה למקום תורה), איז געווען אין די ישיבות פון די בעריהמטע תנאים, צווישען דעם אויך אין דער ישיבה פון ר׳ אליעזר אין לוד, און סוף-כל-סוף איז ער אַליין געוואָרען אַ גרויסער תלמיד-חכם. ווען ער איז געוואָרען אַ בעריהמטער תנא, איז ר׳ עקיבא אין אַ סך יאָהרען אַרום געקומען צוריק צו זיין פרוי, בעלייט פון אַ סך תלמידים. ער איז געוואָרען איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון׳ם סנהדרין אין יבנה און פון ר׳ גמליאל הנשיא׳ס נאָהענטע מיטאַרבייטער. ר׳ עקיבא האָט אַליין געעפענט אַ ישיבה אין בני-ברק, אַ שטעדטיל ניט ווייט פון יבנה, און האָט צו זיך צוגעצויגען אַ סך תלמידים.

אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער תורה שבעל-בעל פערנעמט ר׳ עקיבא אַזאַ אָרט ווי הלל. דעם מעטאָד פון אויסטייטשען די תורה, וואָס הלל האָט איהם געשאַפען און וואָס אין ר׳ יוחנן בן-זכאי׳ס בית-המדרש איז ער ווייטער ענטוויקעלט געוואָרען, האָט ר׳ עקיבא דערפיהרט ביז צו זיינע אויסערסטע קאָנסעקווענצען. היות ווי ער האָט געוואָלט צונויפקניפען די תורה שבעל-פה מיט דער תורה שבכתב אין איין פעסטען בונד, דעריבער האָט ר׳ עקיבא זיך ניט בעגעגנוגט דערמיט, וואָס ער האָט לאָגיש אָדער פלפול׳יסטיש איינגעטייטשט דעם פשט פון דער תורה, בכדי אַרויסצודרינגען פון איהר געוויסע מסקנות, נאָר ער פלעגט אָפטמאָלס דרש׳ען צוליעב דעם די אותיות פון דער תורה, איהרע אופנים זיך אויסצודריקען און אפילו די גראַמאַטיקאַלישע אייגענטימליכקייטען פון דער שפּראַך אין תנ״ך. דאָרט, וואו דער טעקסט פון דער תורה האָט ניט געגעבען קיין דירעקטען לאָגישען יסוד פאַר די אָדער יענע הלכות שבעל-פה, פלעגט ער זיך פלייסען צו געפינען כאָטש אַ שוואַכען סמך, אַ רמז אין דער ווענדונג פון די רייד אָדער אין איינצעלנע ווערטער. דער תלמוד זאָגט וועגען ר׳ עקיבא׳ן: „ער פלעגט אָנהייגען אויף איטליכען צווייגעל גאַנצע בערג פון הלכות״ (על כל קוץ וקוץ תלי תלין של הלכות).

אויף אַזאַ אופן האָט זיך איהם איינגעגעבען צונויפקניפען די תורה שבעל-פה מיט די כתבי-הקדש, אַזוי אַז פון איין זייט זאָל זיך אויסדוכטען, אַז איטליכע הלכה פון דער תורה שבעל-פה איז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, און פון דער אַנדער זייט — אַז די דינים שבעל-פה זאָלען פערבלייבען אין זכרון אין צוזאַמענהאַנג מיט די געהעריגע פסוקים פון דער תורה, וואָס אויף זיי זיינען זיי זיך סומך. דורכדעם האָט ער מיט אַמאָל דערגרייכט צוויי ציעלען: עס איז בטל

בגעוואָרען דער אונטערשיד צווישען דער תורה שבכתב און דער תורה שבעל-פה צווישען חומש און משנה, און אין דער זעלביגער צייט זיינען די הלכות פון דער משנה אויף אַזאַ אופן אָבגעהיט געוואָרען, זיי זאָלען ניט פערגעסען ווערען.

„איך וויל מאַכען אזוי אַז די רייד פון די רביים זאָל בלייבען אויף איי-ביג", — האָט געזאָגט רבי עקיבא. ר' עקיבא'ס חבר, ר' טרפון, האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „דו בענייסט מיט דיינע דרשות דאָס, וואָס די מסורה גופא האָט פערגעסען" (דאָס הייסט, וואָס זי האָט דערפון אָנגעוואָהרען דעם גרונד). ר' יהושע בן-חנניה איז איין מאָל אַזוי נשתומם געוואָרען איבער ר' עקיבא'ס שאַרפ-זיניגע דרושים, אַז ער האָט אויסגערופען: „אָ, ווער קען אָבדעקען די ערד פון דיינע אויגען, רבי יוהנן בן-זכאי! אַנומעלט ביזטו געווען מסופק איינצושטעלען אַ הלכה דערפאַר, ווייל דו האָסט ניט געפונען פאַר איהר קיין יסוד אין דער דער תורה; איצט איז געקומען ר' עקיבא און האָט געפונען דעם יסוד".

ס'איז מעגליך, אַז דערביי איז מען נאָך אויסען געווען אַ זייטיגען צוועק. היות ווי די פערשפרייטער פון קריסטענטום האָבען אָבגעלייקענט, אַז די תורה שבעל-פה איז אַ געטליכע תורה, זיך סומך זייענדיג דערויף, וואָס די אידישע תנאים שטעלען איין דינים אַזעלכע, וואָס זיי ווילען — דעריבער האָבען די תנאים געוואָלט בעווייזען, אַז אַלע פונקטען פון דער תורה שבעל-פה האָבען אַ וואָרצעל אין תנ"ך אָדער, לכל הפחות, אַז זיי גייהן ניט קעגען איהם.

דער דאָזיגער אויסטייטשונגס-מעטאָד האָט געהאַט, ווי עס האָט זיך שפּע-טער אַרויסגעוויזען, אויך זיינע שלעכטע, נעגאַטיווע זייטען ער האָט אָפטמאָלס מיטגעווירקט דערצו, ס'זאָלען זיך פערמעהרען אַזעלכע דינים, וואָס פראַקטיש בּווייטיגט מען זיך ניט אין זיי. חוץ דעם, האָט ער מיטגעווירקט דערצו, אַז אין די ישיבות האָט זיך ענטוויקעלט אַ צו-גרויסער חשק צו פּלפּול. ס'האָבען זיך בעוויזען סאָפיסטען פון דער תורה שבעל פה, וואָס האָבען דערמאָנט אָן די אַלטע פילאָזאָפישע סאָפיסטען פון גריכענלאַנד. איין תנא האָט אויפ'ן סמך פון אַ „קל-וחומר" (אַרויסדרינגען פון אַ האַרבערער זאַך אויף אַ גרינגער) בעוויזען ר' גמליאל'ן אַזאַ מין סאָפיסטישען סילאָגיזם: „וויבאַלד אַז איך טאָר ניט חתונה האָבען מיט דער טאָכטער פון מיין פרוי, וואָס מיט איהר מעג איך לעבען על-פי דין, הייבט אַ פשיטא שוין, אַז איך טאָר ניט חתונה האָבען מיט דער טאָכ-טער פון אַ פרעמדער אידענע, וואָס מיט איהר טאָר אַ איד על-פי דין ניט לעבען". פאַר אַזאַ געפעהרליכען סאָפיזם האָט מען דעם תנא אויף אַ צייט אַריינגעוואָר-פען אין חרם. נאָר די נטיה צו פלפּולים איז שווער געווען אויסצוואָרצלען אין די ישיבות, וואו מען האָט געשאַרפט דעם שכל, כדי ער זאָל קאָנען אויסזוכען פערשיידענע אופנים צו בעווייזען די אָדער יענע מסקנות אָדער הנחות.

ר' עקיבא'ס גרויסער פערדיענסט איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט גע-מאַכט דעם ערשטען פרוב צו ברייגגען אין אָרדענונג דעם גאַנצען געזעצגעבע-רישען מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעקליבען, די גאַנצע מאַסע „הלכות". ער האָט גרופּירט די הלכות לויט זייער אינהאַלט (למשל, די וואָס זיינען שייך

צו פאַמיליען-רעכט, צו פּראָצעסען וועגן פּערמעגענס-זאַכען, צו די דינים וועגען שבת און יום-טוב), און אין איטליכער גרופּע האָט ער פעסטגעשטעלט די בע-שטימטע צאָהל פאַלען, וואָס קאָנען פאָרקומען ביי איטליכען געזעץ (למשל: „ארבעה אבות נזיקין" — דאָס הייסט, ס'זיינען פאַרהאַן פיער הויפּט-מינים פון שאָ-דענס, וואָס מען קאָן אָנטון אַ מענשען, אין זיין פערמעגען און זיין גוף; אָדער: מ"ט מלאכות בשבת, דאָס הייסט, 49 הויפּט-מלאכות, וואָס מען טאָר זיי ניט טון אום שבת וכדומה). די דאָזיגע סיסטעמאַטישע זאַמלונג פון די דינים, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין אַ שריפטליכער אָדער מינדליכער פאָרם איז אָנגערופען געוואָרען „משנת ר' עקיבא", און שפּעטער איז זי אַוועקגעלייגט געוואָרען אַלס אַ יסוד פון דער לעצטער רעדאַקציע פון אונזער משנה.

ווייניגער שטאַרק איידער אין הלכה איז ר' עקיבא געווען אין אגדה אָדער אין מאָראַל-פילאָזאָפישע בעלעהרונגען. נאָר די מימרות פון אגדה, וואָס זיינען דערגאַנגען ביז אונז אין זיין נאָמען, בעווייזען די טיעפקייט פון זיין וועלטאַנשויאונג. „אַלצדינג איז פאָראויסגעזעהן, נאָר פרייהייט איז געגעבען" (הכל צפוי והרשות נתונה) — מיט דער דאָזיגער קורצער מימרא פערענטפערט ר' עקיבא די אייביגע סתירה צווישען ווילענספרייהייט און פאָראויסבעשטימונג (בחירה און ידיעה). „די וועלט ווערט רעגירט דורך גוטס, און דער שכר איז לויט די (גוטע) מעשים". „טייער איז דער מענש, וויל ער איז געשאַפען געוואָ-רען אין גאָטס פורעם, בעזונדערס טייער זיינען די קינדער ישראל, וויל זיי ווערען אָנגערופען גאָטס קינדער און זיי איז געגעבען געוואָרען אַ טייערע כלי— די תורה" (פרקי אבות).

דער נאַציאָנאַלער קולט האָט דייטליך און בולט בעשטימט ר' עקיבא'ס גאַנצע וועלטאַנשויאונג. איבערצייגט אין דער לחלוטינ'דיגער גערעכטיגקייט פונ'ם אויבערשטענס השגחה, פאַלט ער קיינמאָל ניט אריין אין אַ ספק בנוגע צום גלוי-בען אין דער פּאָליטישער אויפלעבונג פונ'ם אידישען פאָלק. מיר האָבען דאָס געזעהן פונ'ם אויבענגעבראַכטען ענטפער זיינעם צו ר' גמליאל'ן און זיינע חברים, בשעת זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום רעש'דיגען רוים. אַ פּאַראַלעלע ערצייהלונג גיט די אייגענע אגדה.

איינמאָל איז ר' עקיבא אינאיינעם מיט ר' גמליא'ן ר' יהושע בן-חנניה און ר' אלעזר בן-עזריה אַרומגעגאַנגען אין דער אומגעגענד פון דער חרוב'ער ירושלים. אַז זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום שטאָדט, האָבען זיי קריעה געריסען. מיט טיעפער עצבות זיינען די רייזענדע צוגעגאַנגען צום הר-הבית און דאָ האָבען זיי דערזעהן, ווי פון די חורבות פונ'ם געוועזענעם הייליגטום איז אַרויסגעלאָפען אַ שאַקאַל. אַז ר' עקיבא'ס חברים האָבען דערזעהן די פערוויסטונג, האָבען זיי זיך פונאַנדערגעוויינט. ר' עקיבא, פערקעהרט, האָט געשמייכעלט. „וואָס שמייכעלסטו?" — האָבען זיי איהם געפרעגט. — „וואָס וויינט איהר?" — האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ שאלה. „ווי זאָלען מיר ניט וויינען, זעהענדיג, אַז דער הייליגער אָרט, וואו קיינער, חוץ דעם כהן-גדול, האָט ניט געטאָרט אַריינגייהן, איז געוואָרען אַ דירה פאַר ווילדע חיות פון מדבר?" — „דעריבער שמייכעל איך

טאַקע — האָט ר׳ עקיבא געענטפערט. אויב ס׳איז מקוים געוואָרען די נבואה, אַז ירושלים וועט ווערען אַ הויפען חורבות, הייסט דאָס, אַז ס׳מוז מקוים ווערען אויך די אַנדערע נבואה פון אונזערע נביאים, — אַז זי וועט ווידער אויסגעבויט ווערען״. אין די דאָזיגע ווערטער פיהלט זיך יענע קראַפט פונ׳ם גלויבען אין דער בעפרייאונג פון פאָלק, וואָס האָט אין גיכען אַרויסגערוקט ר׳ עקיבא׳ן פונ׳ם וויסענשאַפטליכען געביט אויף דער אַרענע פון פּאָליטישען קאַמף און האָט איהם געמאַכט פאַר׳ן גייסטיגען אָנפיהרער פון דער גרויסער מרידה, וואָס איז אויסגעבראָכען אין דעם קיסר הדריאנוס׳ס צייטען.

אַרום ר׳ עקיבא׳ן, אַלס דער צענטראַלער פיגור פונ׳ם „כרם שביבנה״ (ווייִנגאָרטען אין יבנה), האָבען זיך גרופּירט אַ גאַנצע חבורה פון תנאים פון פערשיידענער בעדייטונג. דער גרעסטער צווישען ר׳ עקיבא׳ס חברים איז געווען רבי ישמעאל בן-אלישע, אַ געוועזענעם כהן-גדול׳ס אַ זוהן. קינדווייז האָט מען איהם נאָכ׳ן חורבן-ירושלים אַוועקגעפיהרט אַלס געפאַנגענעם קיין רוים. דאָרט האָט איהם צופעליג געפונען ר׳ יהושע בן-חנניה, האָט איהם אויסגעקויפט און מיטגענומען קיין יהודה. דער יונגלינג האָט זיך גענומען מיט גרויס חשק פאַר׳ן לערנען און שפּעטער האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין די אַרבייטען פון סנהדרין אין יבנה.

ר׳ ישמעאל, וואָס האָט געהאַט אַ קלאָרען שכל, איז ניט געווען איינשטימיג מיט ר׳ עקיבא׳ס קינסטליכען מעטאָד אייִנצוטייטשען די ווערטער און אותיות פון די כתבי-הקדש און האָט אויפגעוויזען, אַז דער דאָזיגער מעטאָד קאָן ברייִנגען צו מיסברויכען. ער האָט געהאַלטען, אַז בעסער איז אַרויסדרינגען די דינים שבעל-פה פון די געשריבענע דורכ׳ן דרש׳ען ניט די אויסווייניגסטע פאָרם, נאָר דעם אינהאַלט און דעם זין פון די לעצטע. צו די זיבען לאָגישע כללים אויף אייִנצוטייטשען די תורה (מדות שהתורה נדרשת בהן), וואָס הלל האָט אייִנגעשטעלט (II, § 76), האָט ר׳ ישמעאל מוסיף געווען נאָך ביז דרייצעהן. ער האָט געהאַט זיין אייגענע ישיבה, און אַ סך הלכות אין תלמוד טראָגען דעם נאָמען פון דער דאָזיגער ישיבה (תנא דבי רבי ישמעאל).

צווישען אַנדערע תנאים פון יענער צייט האָט פערנומען אַ בכבוד׳יגען אָרט אין סנהדרין ר׳ טרפון. ער איז געווען אַליין אַ כהן און האָט נאָך גענומען אַן אָנטייל אין דער עבודה פון בית-המקדש; ער איז געווען ר׳ יוחנן בן-זכאי׳ס תלמיד און שפּעטער איז ער געווען אַ ראש-ישיבה אין יבנה און אין לוד. ער האָט גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין דער איבערקעהרעניש, בשעת ר׳ גמליאל הנשיא איז צייטווייליג דערווייטערט געוואָרען פון זיין נשיאות אין סנהדרין. בנוגע צו אַ סך פראַגען פון דער געזעצגעבונג איז ר׳ טרפון געווען מחולק מיט ר׳ עקיבא׳ן און איין מאָל האָט ער איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער „וואַרפט זיך נאָר מיט ווערטער״ (פון דער תורה) צו בעגרינדען זיין הנחה. ער איז געווען אַ גרויסער קנאי בנוגע צו דער אמונה און האָט בעזונדערס פיינט געהאַט די אידיש-קריסטליכע סעקטירער פון יענער צייט.

צווישען די תנאים, וואָס האָבען געלעבט אין ר׳ עקיבא׳ס צייטען, האָבען זיך אויסגעצייכענט צוויי: בן-עזאי און בן-זומא, וואָס האָבען זיך פערנומען, חוץ „הלכה״, אויך מיט „סתרי תורה״, וואָס איז אויך בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען פרדס (לוסט-גאָרטען), האָבען געשטרעבט אַריינצודרינגען אין די סודות פון דער יצירה, האָבען זיך פערטיעפט אין חקירות, ווי אַזוי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט (מעשה בראשית) און וואָס פאַר אַ סדר הערשט אין דער הימעל-מלוכה (מעשה מרכבה). דער גרעסטער רוב פון די געלערנטע האָבען זיך אָבגעהאַלטען פון חקירות וועגען אַזעלכע איבערנאַטירליכע זאַכען, וואָס דער שכל קאָן זיי ניט תופס זיין, מחמת זיי האָבען געהאַלטען, אַז לא די וואָס עס איז אומנוציג זיך צו פערנעהמען דערמיט, נאָר עס איז אַפילו נאָך שעדליך פאַר׳ן גלויבען און אַפילו פאַר׳ן געזונטען פערשטאַנד. און ווי עס דערציילט די טראַדיציע, האָט בן-זומא זיך אַזוי פערטיעפט אין די סתרי-תורה, אַז ער האָט אָנגעוואָהרען זיין פערשטאַנד. בן-עזאי איז געשטאָרבען יונגערהייד מחמת זיין אסקעטישען אָרט לעבען.

אַנמערקונג: דער וואָס וויל נאָכזעהן די פערשיידענע ערטער פון משנה און תלמוד, וואָס ווערען געבראַכט אין דעם און אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלעך, וועט ער געפינען אין צווייטען טייל פון׳ם ספר „סדר-הדורות״, אין „סדר תנאים ואמוראים״ פערצייכענט נאָכ׳ן אַלף-בית אַלע תנאים און אמוראים, און ביי איטליכענס נאָמען זיינען אָנגעוויזען אַלע ערטער אין תלמוד, וואָס זיינען שייך צו איהם.

צווייטער קאפּיטעל.

די סעקטעס, ליטעראַטור, דער גלות.

די אַלטע און די נייע אמונה. — דער ביבלישער קאַנאָן און די אַפּאָקריפען. — יוסיפוס פלאַוויוס'עס געשיכטסשרייבונג. — די קהלות אין דער רוימישער אימ־פעריע און אין בבל.

די אַלטע און די נייע אמונה.

§ 9. אין דער צייט, וואָס אין יבנה האָט זיך געפיהרט די אָנגעשטריינגטע אַרבייט אויף צו פעראייניגען און פערפעסטיגען דאָס פאָלק פון אינעווייניג—האָט אין לאַנד יהודה און אין אַלע לענדער אַרום דעם מיטעללענדישען ים פערשפּרייט זיך אַלץ מעהר יענע רעליגיעזע בעוועגונג, וואָס האָט טאַקע געהאַט איהר שורש אין דער יהדות, נאָר זי האָט געמוזט פונאַנדערדרייסען דאָס פאָלק, און איז דערמיט גופא געווען אַ סתירה צו די נאַציאָנאַלע פעראייניגונגס־שטרעבונגען פון די פאָלקס־מנהיגים. אַז די דאָזיגע בעוועגונג וויל פונאַנדערדרייסען דאָס פאָלק, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען אין דער ריכטונג, וואָס עס האָט צוגעגעבען דעם קריסטענטום פּוילוס (II. § 126), וועלכע האָט זיך באַלד פון אָנהויב אָן אָבגעטיילט פון אידישען שטאַם. „דער אַפּאָסטעל פון די היידען" און זיינע מיטהעלפער האָבען דורכגעפיהרט אַ שאַרפע מחיצה צווישען קריסטענטום און דער נאַציאָנאַלער יהדות, דער יהדות פון „תורת משה". די גריכען, רוימער און העלעניזירטע אידען האָט צוגעצויגען צו דער נייער תורה דוקא דו״ס, וואָס האָט זי אָבגעשיידט פון דער אַלטער: פון איין זייט, וואָס זי האָט אָבגעלייקענט די מאַכט פון'ם געזעץ און פון די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, און פון דער אַנדער זייט — וואָס זי האָט אַריינ־געפיהרט די דאָגמע וועגען גאָט־מענש, וואָס איז אַזוי נאָהענט געווען צו די אַלטע פאָרשטעלונגען פון די היידען.

דער דאָזיגער צווייג פון קריסטענטום, וואָס האָט אין אָנהויב פון דעם II יאָרהונדערט זיך בעדייטענד פערשפּרייט אין די מזרח־לענדער, האָט אינעווייניג צעריסען אַלע פעדים מיט דער יהדות. מעהר ניט די רוימישע רעגירונג און די היידנישע מאַסע האָבען צונויפגעמישט אַזעלכע קריסטען מיט אידען אויף דעם סמך, וואָס סיי די און סיי יענע האָבען אָנערקענט (הגם אין פאַרשיידענע פאָרמען)

דעם גלויבען אין איין גאָט און האָבען געלייקענט אין דער רוימישער מלוכה-רעליגיע. אָפּטמאָלס האָבען די קריסטען געהאַט אויסצושטייהן דיזעלביגע ביר-גערליכע בעדריקונגען, וואָס די אידען אין דער רוימישער אימפּעריע, בעזונדערס אין דאָמיציאַנוסע'ס צייט (§ 2). די דאָזיגע בעדריקונגען האָבען גורם געווען, אַז זיי זאָלען זיך דערווייטערן פון די אידען, אַזוי ווי די אידען האָבען זיך דערווייטערט פון זיי איך זייער אמונה.

נאָר אויב די פיהרער פונ'ם אידישען פאָלק האָבען אין זייער נאַציאָנאַלער אַרבייט ניט געקאָנט נעמען אין בעטראַכט די דאָזיגע גרופּע קריסטען, וואָס איז „גע-שטאַנען חוץ למחנה", דערפאַר אָבער איז געווען אַן אַנדער גרופּע, וואָס מיט איהר האָט מען געמוזט זיך ערנסט רעכענען. איין צווייג פונ'ם נייעם גלויבען האָט נאָך ניט געהאַט זיך אינגאַנצען אָבגעריסען פונ'ם אַלטען שטאַם; זיינע אָנהייגער האָבען געלעבט אין יהודה, צווישען זייערע פאָלקסברידער, אַלס אַ אידישע סעקטע. זיי האָבען נאָך אָבגעהיט די טראַדיציעס פון דער ערשטער קריסטליכער געמיינדע, וואָס איז נאָך אַלע איהרע אָבווייכונגען פאָרט געבליבען שטייהן אויפ'ן באָדען פון דער פּראַקטישער אידישקייט. די אַזוי אָנגערופענע „אידען-קריסטען" האָבען זיך אָבגעשיידט פון די „היידען-קריסטען" אין צוויי הויפּט-פּונקטען: 1) זיי האָבען געהאַלטען קריסטוס'ן ניט פאַר גאָטס זוהן, נאָר פאַר אַ משיח פון בית-דוד, וואָס ער האָט געבראַכט די מענשען אַ אידעאַל פון אַ הייליגען לעבען און האָט בעוויזען אַ וועג אויף מכפּר צו זיין די זינד; 2) זיי האָבען ניט אָבגעלייקענט די מאַכט פונ'ם געזעץ אין זיינע גרונד-פאָרמען און האָבען נאָך אַלץ אָבגעהיט די דינים פון מילה, שבת און ימים-טובים.

דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס צונויפגעבונדען די סעקטירער מיט זייערע אָרטאָדאָקסישע פאָלקסברידער, בפרט מיט'ן המון-עם, וואָס איז ניט אַזוי בהבינה אין די פּרטים פון דער דאָגמאַטיק און פון די דינים. די פאָלקספיהרער האָבען אָבער געמוזט בעמערקען דעם טיעפען אונטערשייד, וואָס איז אין דער אמת'ן געווען צווישען די אָנשויאונגען פון די סעקטירער און צווישען די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פון די עכטע אידען. דער דאָזיגער אונטערשייד האָט זיך מעהר פון אַלץ אַרויסגעוויזען אינ'ם געביט פון די געזעלשאַפטליכע אידעאַלען.

דער גרויסער אומגליק, וואָס האָט געטראָפען מיט'ן אידישען פאָלק ביים חורבן ירושלים, האָט געדיענט פאַר די סעקטירער (וואָס זיינען אין דער צייט פון דער בעלעגערונג אַנטלאָפען געוואָרען פון ירושלים קיין פּעלאַ, אויף יענער זייט ירדן) נאָר פאַר אַן איבעריגער ראיה דערצו, אַז דער אידעאַל פון אַ פּאָלי-טישען משיח מוז אָבטרעטען זיין אָרט דעם אידעאַל פון אַ מיסטישען משיח, פון אַן אויסלייזער פון זינד. צו יענעם מאָמענט געהערען אַזעלכע מימרות פון „ברית-החדשה", ווי אַ שטייגער: „ירושלים, ירושלים, וואָס דו שלאָגסט די נביאים (פון דער נייער אמונה), וואָס דו פערוואַרפסט מיט שטיינער די, וואָס זיינען געשיקט צו דיר!.. אָט איז אייך אייער הויז (דע[illegible]ית-המקדש) געבליבען ליידיג". אינ'ם חורבן פון ירושלים און פון בית-המקדש האָבען די אידען-קריסטען איינגעזעהן

אַ שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס די פאָלקספיהרער האָבען ניט דערלאָזט צו פערשפרייטען די נייע אמונה. אין דער דאָזיגער ריכטונג האָבען זיי נאָך דער מלחמה געפיהרט זייער פראָפּאַגאַנדע צווישען המון-עם אין גליל, עבר-הירדן און יהודה.

אַ סך זאַכען האָבען צוגעצויגען דעם מענשען פון המון צום לעבענספיהר פון די סעקטירער. איהם זיינען געפעלען געווען זייערע געגענזייטיגע ברידערליכע בעציהונגען, דאָס, וואָס זיי לעבען זייהר פשוט, וואָס זיי פעראַכטען רייכקייט און בעציהען זיך זייהר גוט צו אָרימקייט (איין גרופּע פון אידען-קריסטען איז געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען אביונים אָדער עביאָניטען, דאָס הייסט: אָרימע לייט). צוגעצויגען האָט אויך די אָבערגלויבישע מאַסע דאָס, וואָס די אָנפיהרער פון דער סעקטע האָבען בעקומען אַ שם פון בעלי-מופת, וואָס האָבען געהיילט פערשיידענע קראַנקהייטען דורך לחשים און אָבשפּרעכענישען. אָפטמאָלס פלעגען אַפילו מענשען, וואָס האָבען געהערט צו די געבילדעטע קרייזען פון דער געזעלשאַפט, ניט קאָנען ביישטייהן דעם נסיון צו לאָזען היילען זיך פון די דאָזיגע בעלי-מופת. דעם תנא ר' ישמעאל'ס אַ קרוב, אַ געוויסען בן-דימא, האָט אַ ביס געטאָן אַ שלאַנג, און ער האָט געוואָלט זיך ווענדען נאָך הילף צו אַ בעל-מופת פון די אידען-קריסטען, יעקב פון כפר-סכניה, וואָס פלעגט היילען מיט אָבשפּרעכענישען אין נאָמען פון ישו; נאָר די אַרומיגע האָבען אָבגעהאַלטען דעם קראַנקען פון אויסצופיהרען זיין מיין. מיט דעמזעלביגען יעקב — משמעות, דעם אָנפיהרער פון דער סעקטע, האָט געפיהרט רעליגיעזע ויכוחים ר' אליעזר בן-הורקנוס.

דער סנהדרין פון יבנה האָט פערשטאַנען די גרויסע סכנה, וואָס קאָן אַרויסקומען דערפון, וואָס די אידען וועלען האָבען בעציהונגען מיט די אפיקורסים אָדער מינים, ווי מען פלעגט אָנרופען די אידען-קריסטען. די סכנה איז בעשטאַנען ניט בלויז אין זייערע פאַלשע דאָגמעס, נאָר אויך דערין, וואָס עס האָט געקאָנט אָבגעשוואַכט ווערען יענע נאַציאָנאַלע ווענדונג, וואָס איז געלעגען אין יסוד פון דער גאַנצער אַרבייט פון סנהדרין. דער פלאַם-פייערדיגער גלויבען אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג — צי אין דער געשטאַלט פון אַ מלוכה אָדער טעאָקראַטישער אָרדענונג — האָט ניט געקאָנט מסכים זיין דערויף, אַז דער רעאַלער, ממשות'דיגער אידעאַל פון אַ משיח-אויסלייזער זאָל ווערען פערביטען דורך אַ מיסטישען, נעפּעלהאַפטיגען אידעאַל פון אַ משיח „מכפר-עוון“.

רבן גמליאל און זיינע חברים האָבען באַשטעלט אין'ם דאַווענען פון אַלע טאָג תפלות וועגען דער אויפריכטונג פון ירושלים און פון דער מלוכה (§ 7), און די „מינים“ האָבען ניט אָנגענומען די דאָזיגע תפלות, און לויט ווי עס איז צו זעהן פון אומדייטליכע אָנצוהערענישען פון תלמוד, זיינען צווישען די אמת'ע אידען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען גוטה געווען זיי נאָכצוטון. בכדי צו בעזייטיגען די סכנה, האָט מען בעדאַרפט דורך ערגיץ אַן עפענטליכען אַקט אויסטיילען די „מינים“ פון די קהלות, פערצאַמען זיי דעם צוטריט אין די שולען. צוליעב דעם צוועק איז פערפאַסט געוואָרען אין ר' גמליאל הנשיא'ס צייט די

תּפלה „ברכת המינים“, וואָס איז אריינגעשטעלט געוואָרען אין „שמונה עשרה“ און וואָס איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די תּפלות וועגען דער בעפרייאונג פון דער אידישער נאַציע.

היות ווי אין דער שפּעטערדיגער צייט, ווען די מינים זיינען פערשוואונדען, איז די דאָזיגע תּפלה אָבגעשאַפט געוואָרען, דעריבער איז איהר טעקסט ניט בעוואוסט גענוי. אויב מען זאָל אָננעהמען די וואָהרשיינליכע הנחה, אַז איהר תּוכן איז שפּעטער אריין אין דער תּפלה קעגען מוסרים (ולמלשינים), דעמאָלט קאָן זיין, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „ולמינים אל תהי תקוה!“— דאָס הייסט: די מינים זאָלען ניט האָבען קיין האָפענונג (אויף דער אויפלעבונג פון דער נאַציע).

שפּעטער האָבען די קריסטליכע שריפטשטעלער פאָרגעוואָרפען די אידען, אַז זיי האָבען כּלומר׳שט אין זייערע תּפלות אַלע טאָג געשאָלטען די קריסטען. נאָר דאָס איז ניט אמת: די אידען האָבען אין אַ ספּעציעלער ברכה זיך אָבגעזאָגט בלויז פון יענע צווישען זייערע אייגענע פאָלקסברידער, וואָס האָבען כּלומר׳שט אונטער׳ן מאַנטעל פון אידישקייט געפּריידיגט אַן אַנדער אמונה, וואָס איז ניט איינשטימיג מיט דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער וועלטאָנשויאונג פון אידישען פאָלק.

איבער דיזעלביגע טעמים האָבען עטליכע תּנאים זיך געמיהט אויסצוטיילען פון דער אידישער ליטעראַטור די ווערק פון דער עוואַנגעלישער ליטעראַטור, וואָס האָבען אין יענער צייט ערשיינט. בשעת אין סנהדרין פון יבנה האָט מען אַרומגעקלערט די שאלה, צי האָבען די נייע שריפטען אַ רעליגיעזען ווערט, ווייל דאָרט ווערט דערמאָנט גאָטס נאָמען, — האָט דער קנאי פון גלויבען רבי טרפון גע׳פּסק׳ענט, אַז זיי האָבען קיין שום ווערט ניט, און האָט ערלויבט צו פערברענען אַזעלכע ספרים פון די מינים. דערביי האָט ער מוסיף געווען: אויב נאָך עמיצען לויפט נאָך אַ גזלן, איז בעסער פאַר איהם צו בעהאַלטען זיך אין אַ הויז פון אַ הייד, איידער פון אַ מין. וואָרום די מינים לייקענען אָב די אידישע רעליגיע, הגם זיי ווייסען זי, און די היידען טוען דאָס מעהר ניט דערפאַר, ווייל זיי ווייסען זי ניט.

ס׳איז פאַרהאַן אַ סברה, אַז ר׳ טרפון האָט געדיענט פאַר אַ מוסטער פון׳ם אידען טריפאָן, וואָס טרעט אַרויס אַלס געגנער פון קריסטענטום אינ׳ם עלטסטען אַפּאָלאָגעטישען „דיאַלאָג“ פון יוסטינוס מאַרטיר, וואָס האָט געלעבט אַן ערך אין מיטען פון צווייטען יאָהרהונדערט.

אַלס יסוד פון אַלע די דאָזיגע בעציהונגען פונ׳ם אַלטען גלויבען צום נייעם זיינען געלעגען ניט שטרעבונגען אָנצופאַלען, נאָר בלויז צו פערטיידיגען זיך. אָבצאַמענדיג זיך דורך אַ שטאַרקער גייסטיגער דיסציפּלין פון די אויסוויינגסטע תּנאים, וואָס זיינען געווען פיינדליך דער זעלבשטענדיגער ענטוויקלונג פון דער נאַציע, האָט דאָס אידישע פאָלק געמוזט זיך אָבצאַמען אויך פון דער

אינעוויינגסטער סעקטירער-בעוועגונג, וואָס אין איהר איז געלעגען אַ סכנה פאַר זיינע אייביגע יסודות — פאַר דער רעליגיע און פאָלקסטום.

דער ביבלישער קאַנאָן און די אַפּאָקריפען.

§ 10. אין יענער עפּאָכע פון נאַציאָנאַלען זעלבסטשוץ האָט מען אויך אָנגענומען מיטלען אויף צו פערהיטען, אַז אין די אידישע הייליגע ספרים זאָלען ניט אַריינדרינגען קיין פרעמדע עלעמענטען. די נאָהענטסטע סבה דערפון איז געווען, וואָס ס'האָבען זיך בעוויזען די ווערק פון דער עוואַנגעלישער ליטעראַטור. שוין פון לאַנג אָן האָבען די פאָרשטייהער פון פאָלק געפיהלט, אַז עס איז נויטיג אָבצוהיטען די אַלטע ביבלישע ליטעראַטור פון פערשיידענע נייסען, מחמת עס זיינען געווען פערשפרייט פערשיידענע אַפּאָקריפישע ספרים, וואָס האָבען זיך אַרויסגעגעבען ווי הוספות צו די כתבי-הקדש.

אין די צייטען פון עזרא און פון דער כנסת הגדולה איז דער ביבלישער קאַנאָן, דאָס הייסט, דער געזעצליך איינגעשטעלטער און אָבגעשלאָסענער קרייז פון די הייליגע ספרים, בעשטאַנען פון דריי אָבטיילונגען: די תורה, די עלטסטע כראָניקעס (ביז גלות-בבל; די איצטיגע נביאים ראשונים) און די ספרי הנביאים (I, § 84—85). אינאיינעם זיינען די דאָזיגע גרונדטיילען געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „תורה ונביאים“. די לעצטע גרופּע פון די ספרים פון תנ"ך, די אַזוי אָנגערופענע „כתובים“, האָבען דעמאָלט געהאַלטען ערשט אין בעשאַפען ווערען. אין איהר זיינען מדרגות'ווייז אַריינגעשטעלט געוואָרען די אויסגעקליבענע ווערק פון דער אידישער גייסטיגער שאַפונג אין משך פון פינף יאָהרהונדערטען, דאָס הייסט, פאַר דער צייט פון דער פערסישער און גריכישער אויבערהערשאַפט, דער רעפּובליק פון די חשמונאים און פון דער רוימישער אויבערהערשאַפט. די שיכטענווייז אָנגעוואַקסענע ליטעראַטור פון די קאַפּיטלעך תהלים, משלים, רעליגיעז-פילאָזאָפישער „חכמה“, לירישער פּאָעזיע, כראָניקעס, מיסטישער נבואה אָדער „אַנטפּלעקונגען“ (אַפּאָקאַליפּטיק) — איז צום טייל אַריינגענומען געוואָרען צווישען די „כתובים“, צום טייל איז זי געבליבען פון „אויסווייניג“, אין דער אָבטיילונג פון די „אויסווייניגסטע“ ביכער (ספרים חיצונים) אָדער אַפּאָקריפען (I, §§ 84—88, II §§ 24 — 26, 51).

נאָר עס איז נאָך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען קיין גענויער גרעניץ צווישען די פון געזעץ אָנערקענטע ביבלישע „כתובים“ און צווישען די ניט-אָנערקענטע אַפּאָקריפען, צווישען די אינעוויינגסטע און „אויסווייניגסטע“ ספרים, וואָס זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון דער אידישער שאַפונג אין משך פון פינף יאָהרהונדערטען. פון איין זייט זיינען די פרושים און געלערנטע אָפטמאָלס קשה געווען די דרייסטע מימרות פון אַזעלכע ספרים, וואָס האָבען זיך שוין גערעכענט צווישען די „כתובים“ („איוב“ און „קהלת“), און פון דער אַנדער זייט — זיינען געווען אַזעלכע „ספרים חיצונים“, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַלץ בהסכם צום גייסט פון פרומקייט און זיינען געווען ראוי, אַז מען זאָל זיי אָנערקענען פאַר הייליג („חכמת בן-סירא“ און אַנדערע).

אין אַזאַ אומבעשטימטען צושטאַנד האָט זיך די זאַך געפונען, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבען די קריסטליכע פּראָפּאַגאַנדע. דער אויפגעריכטער סנהדרין אין יבנה האָט געמוזט אָבגעבען דער דאָזיגער פראַגע זייער אַן ערנסטען אָרט. מען האָט בעדאַרפט שליסען דעם קרייז פון די ביבלישע ביכער אין זייער לעצטען חלק, בכדי אויף אַזאַ אופן צו פערצאַמען דעם צוטריט פאַר זייטיגע ספרים. נאָר דאָ איז אַרויסגעטראָטען די פראַגע וועגען יענע ספרים צווישען די „כתובים", וואָס די שטרייגע אָרטאָדאָקסען האָבען געפונען אין זיי סתירות צו דער רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג פון תנ"ך. צו די ספרים, וואָס זיינען מוטל בספק, האָבען זיך גערעכענט בעזונדערס: „קהלת", וואָס איז דורכגעדרונגען מיט'ן פילאָזאָפישען סקעפּטיציזם און מיט די יסודות פון עפּיקורייאישער מאָראַל, און „שיר-השירים", וואָס איז דער לירישער אַפּאָטעאָז פון דער ליעבע. די פראַגע וועגען די דאָזיגע ספרים האָט אַרויסגערופען הייסע ויכוחים אין סנהדרין. מען האָט אָנגעוויזען דערויף, אַז אויך פריהער האָט מען געוואָלט „בעהאַלטען" אַזעלכע ביכער (בקשו לגנוז), דאָס הייסט אויסשליסען זיי פון די כתבי-הקדש. אין משנה זיינען פערבליבען אומדירעקטע ידיעות וועגען די דאָזיגע פלוגתות, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגען טהרות. בית-הלל האָבען אָנערקענט, אַז דער ספר „קהלת" איז פונקט אַזוי הייליג, ווי אַנדערע ספרים פון תנ"ך, און בית-שמאי האָבען אָבגעלייקענט זיין הייליגקייט. דיזעלביגע פלוגתא איז פאָרגעקומען צווישען אייניגע געלערנטע מכּח „שיר-השירים".

די פלוגתא איז געלייזט געוואָרען אין דעם זין, אַז מען האָט אָנערקענט די קדושה פון ביידע ספרים, אין דער בעריהמטער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יבנה באַלד נאָכדעם, ווי מען האָט אַראָבגעזעצט דעם פּרעזידענט פון סנהדרין, רבן גמליאל דעם II (§ 6). רבי עקיבא האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגען דעם, אַז מען קאָן זיין מחולק בנוגע צו „קהלת", אָבער ניט בנוגע צו „שיר-השירים". „ס'איז ניט געווען — האָט ער געזאָגט — אויף דער וועלט נאָך אַזאַ גרויסער טאָג, ווי דער טאָג, בשעת „שיר-השירים" איז געגעבען געוואָרען. אויב אַלע „כתובים" זיינען הייליג, איז דער דאָזיגער ספר — קודש קדשים". מען מוז משער זיין, אַז שוין אין יענער צייט האָט מען שוין אָיינגעטייטשט „שיר-השירים" אַזוי, אַז דאָס איז אַן אַלעגאָרישע פּאָעמע וועגען דער ליעבשאַפט פון דער כנסת ישראל צום רבונו של עולם, און אויף אַזאַ אופן איז דער דאָזיגער ספר אַריינגענומען געוואָרען צווישען דער רעליגיעזער ליטעראַטור.

נאָכדעם ווי די גייסטיגע אָנפיהרער פון פאָלק האָבען אין אָנהויב פון צווייטען יאָהרהונדערט געשלאָסען די אָבטיילונג „כתובים" אין דער געשטאַלט, ווי זי איז איצט אָנגענומען אין ביבלישען קאַנאָן, וואָס איז אָנערקענט ביי די אידען, — האָבען זיי זיך בעצויגען זייער שטרענג צו דער איבעריגער ליטעראַטור פון דער „עפּאָכע פון בית-שני". אַזעלכע ווערק, ווי „חכמת בן-סירא" אָדער „דער ערשטער ספר מכבּיים", זיינען געבליבען חוץ'ן ביבלישען קאַנאָן, מחמת זיי האָבען זיך ניט פערשטעלט, אַז זיי שטאַמען אָב פון אַ שפּעטערדיגער צייט. אַנדערע ספרים, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען אין דערזעלביגער צייט אָדער נאָך שפּע-

טער („קהלת", „דניאל" און אַנדערע), זיינען יאָ אַריינגענומען געוואָרען צווי־שען די „כתובים", ווייל זיי האָבען זיך אָנגערופען אַלס די ווערק פון אַלטע בעריהמטע חכמים.

אין דער תקופה פון די חשמונאים און פון דער רוימישער אויבערהער־שאַפט האָבען נאָך אַ סך מחברים געפּרובט אַרויסצוטרעטען אונטער די פּסעוודאָ־נימען פון אַלטע אַווטאָריטעטען („שלמה המלכ'ס מזמורים", ספר „חנוך" און אַנדערע; II, § 51), אָדער זיי פלעגען זייערע ערציילונגען בעציהען אויף דער צייט פון אַלטע מלכים („יהודית", „טוביה"). נאָר לויט דער נייקייט פון'ם סטיל אָדער פון דער טענדענץ איז ניט שווער געווען אויפצודעקען אַזעלכע „פּסעוודאָ־עפּיגראַפען" אָדער שריפטען, וואָס בענוצען זיך מיט אַ פאַלשען טיטעל,—און זיי זיינען פערבליבען צווישען די „ספרים חיצונים".

צו דער דאָזיגער וועלטליכער ליטעראַטור זיינען אויך געוואָרען צוגערע־כענט אַלע גריכיש געשריבענע ווערק פון דער אידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור. הגם זיי זיינען געווען קונציג נאָכגעמאַכט לויט די ביבלישע מוסטערן, ווי למשל: דער צווייטער און דריטער „ספר המכבּיים", „שושנה" מיט די איבעריגע הוספות צום ספר „דניאל" (II, § 52), און די גרויסע זאַמלונג פון רעליגיעז־פילאָזאָפישע מימרות אונטער'ן נאָמען „חכמת־שלמה", וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין אַלכּסנדריא אַן ערך אין ערשטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט. אַלע אַזעלכע ווערק, סיי זיי זיינען פערפאַסט געוואָרען אין ארץ־ישראל, סיי אין אַלכּסנדריאַ, האָבען געשפּיעלט אַ ראָל, ווי שטיפקינדער פון דער ליטעראַטור. היות ווי מען האָט זיי ניט געהיט, אַזוי ווי די הייליגע ספרים, דעריבער זיינען אַ סך פון זיי פערלאָרען געגאַנגען אינגאַנצען אָדער צום טייל, און יענע, וואָס זיינען לכתחלה אָנגעשריבען געוואָרען אויף העברייאיש, זיינען דערגאַנגען צו אונז נאָר אין גריכישע איבערזעצונגען. ניט יהודה, נאָר די גלות־לענדער האָבען צוגענומען צו זיך די דאָזיגע אויסגעשלאָסענע „ספרים חיצונים" און אָבגעהיט זיי אויף זייער געברויכס־שפּראַך — גריכיש.

אויב די טוער פון'ם סנהדרין אין יבנה האָבען זיך בעצויגען אַזוי שטרייג צו די אַלטע „ספרים חיצונים", וואָס על־פּי־רוב איז זייער אינהאַלט געווען אַ כּשר'ער פון קאָנסערוואַטיווען שטאַנדפּונקט, — הייסט אַ פשיטא שוין, אַז זיי האָבען געמוזט זיך בעציהען שטרייגג צו דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור פון זייער צייט, וואָס אין איהר האָבען זיך אָפט אַרויסגעוויזען טענדענצען, וואָס זיינען וויים פון אידישקייט. אין פאַלעסטינע און אין די גלות־לענדער האָט זיך דעמאָלט בעזונדערס ענטוויקעלט די ליטעראַטור פון „אַפּאָקאַליפּסען", דאָס הייסט, אַלעגאָרישע זעהונגען מיט נבואות אויף דער צוקונפט, לויט'ן מוסטער פון ספר „דניאל".

צו דער דאָזיגער ליטעראַטור געהערען, צווישען אַנדערע ספרים, צוויי ביכער, וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען באַלד נאָכ'ן חורבן ירושלים: „דער עפּרטער ספר עזרא" און „די אַנטפּלעקונג פון ברוך". דאָרט ווערען בעשריבען

די זעהונגען פון עזרא אין בבל און פון ברוך׳ן (ירמיה הנביא׳ס תּלמיד) אויף די חורבות פון ירושלים — בנוגע צום עתיד פונ׳ם אידישען פאָלק. אין סודות׳פולע אַלעגאָרישע בילדער ווערט דאָ פאָראויסגעזאָגט די צוקונפט פון דער נאַציע, וואָס האָט נאָר־וואָס איבערגעלעבט די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע. די מחברים פון „עזרא“ און „ברוך“ טרייסטען דאָס פאָלק דערמיט, אַז די פורעניות זיינען אויף איהם געשיקט געוואָרען, בכדי איהם אויסצולייטערן פון זינד, און זיי זעהען פאָראויס אַ גלענצענדיגע צוקונפט. „דער איצטיגער יאָהרהונדערט וועט זיך ענדיגען מיט עשו׳ס ממשלה, און דער קומענדיגער וועט זיך אָנהויבען מיט יעקב׳ס ממשלה“ („עזרא“ VI, 9). „ציון וועט חרוב ווערען, דערנאָך ווידער אויפגעבויט, דערנאָך וועט זי ווידער פאַלען און בלייבען חרוב ביז אַ צייט; נאָר סוף־כּל־סוף וועט זי אויפגעריכט ווערען אין כבוד און וועט ווערען געקרוינט אויף אייביג“ („ברוך“ III, 31—34).

די דאָזיגע צוויי „אַנטפּלעקונגען“, וואָס שטאַמען פון ארץ־ישראל, האָבען געלייענט אויך די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין חוץ־לארץ, אין די גלות־לענדער. ס׳האָט ערשיינט אַ גריכישע איבערזעצונג פונ׳ם ספר „ברוך“, און אין „פערטען ספר עזרא“ זיינען שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרען הוספות מיט קריסטליכע טענדענצען. אין אַזאַ געשטאַלט זיינען די דאָזיגע אַפּאָקריפען אַריינגענומען געוואָרען אין ביבלישען קאַנאָן פון דער קריסטליכער קירך, אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע ספרים־חיצונים, וואָס די פאָרשטייהער פון דער סינאַגאָגע האָבען זיי אָבגעשטויסען.

צוליעב דעמזעלביגען צוועק — צו בעזייטיגען פרעמדע השפּעות און טענדענצען פון דער הייליגער ליטעראַטור — האָט מען אָנגעהויבען, מיט דער מיטווירקונג אָדער מאָראַלישער אונטערשטיצונג פונ׳ם סנהדרין אין יבנה, פון דאָס ניי איבערזעצען דעם תּנ״ך אויף גריכיש. די אַלטע איבערזעצונג — דער תּרגום השבעים (II, § 27) — איז אין משך פון דריי יאָהרהונדערטען זייהר פערשפּרייט געווען צווישען די אידען פון עגיפּטען און קליין־אַזיען, וואָס האָבען גערעדט אויף גריכיש. זינט עס איז אויפגעקומען דער קריסטענטום, האָבען בעזונדערס פיעל בענוצט די דאָזיגע איבערזעצונג יענע אָנהייגער פון דער נייער אמונה, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען דעם אידישען אָריגינאַל־טעקסט. זינט יענער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אין די קאָפּיעס פונ׳ם „תּרגום השבעים“ פערשיידענע שנויים און הוספות, וואָס זייער ציעל איז געווען צו דערנעהענטערן געוויסע ערטער פונ׳ם ביבלישען טעקסט צו יענע ספּעציעלע פּירושים, וואָס מען האָט געמאַכט אויף זיי אין די קריסטליכע קרייזען און אין די עוואַנגעלישע ביכער. מחמת דעם גרויסען אַווטאָריטעט, וואָס דער „תּרגום השבעים“ האָט געהאַט אין די אויגען פון די אידען אין די גלות־לענדער, האָבען אַזעלכע שנויים אין טעקסט געקאָנט דיענען פאַר אַ מיטעל אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון די סעקטירער. די דאָזיגע סכּנה האָבען בעמערקט די פּאַלעסטינישע פיהרער פון אידישען פאָלק און האָבען אָנגענומען מיטלען, בכדי זי צו בעזייטיגען.

אין יענער צייט האָט זיך געפונען צווישען דעם קרייז פון די תּנאים אַ

געבילדעטער גריך עקילס, וואָס האָט זיך געהאַט מגייר געווען. אַ געבירטיגער פון פּאָנטוס, פון אַ רייכער היידנישע משפחה (לויט דער טראַדיציע איז ער געווען דעם קיסר הדריאַנוס'עס אַ קרוב), איז עקילס לכתחילה אַרונטערגעפאַלען אונטער'ן איינפלוס פון דער קריסטליכער פּראָפּאַגאַנדע און האָט אָנגענומען די נייע אמונה; נאָר שפּעטער האָט ער געמאַכט נאָך אַ שריט און האָט זיך מגייר געווען. הו.ז. ווי ער האָט זיך בעפריינדעט מיט ר' גמליאל דעם II, רבי עקיבא'ן און אַנדערע מיטגלידער פונ'ם סנהדרין אין יבנה, האָט ער זיך אָנגעשאַפט טיפע ידיעות אין תורה שבכתב און שבעל-פה. אויפגעמונטערט דורך די דאָזיגע תנאים, איז עקילס צוגעטראָטען צו מאַכען אַ נייע איבערזעצונג פון תנ"ך אויף גריכיש. ער האָט איבערזעצט דעם אידישען אָריגינאַל-טעקסט אות באות, ווייל ער האָט גערעכענט, אַז מען טאָר קיין איין וואָרט אין דער תורה ניט אָנריהרען; אַפילו אַזעלבע הילפס-ווערטער, וואָס קאָנען ניט איבערזעצט ווערען אויף אַן אַנדער שפּראַך, האָט ער אויך איבערגעגעבען דורך בעזונדערע ווערטער, און אָפטמאָלס האָט דערפון אפילו געליטען דער גריכישער סטיל. דערין האָט מסתמא געהאַט אַ השפעה אויפ'ן איבערזעצער דער אײַנטייטשונגס-מעטאָד פון רבי עקיבא, וואָס פלעגט אויסנוצען איטליכען וואָרט פונ'ם ביבלישען טעקסט, בכדי צו בעגרינדען די הלכות.

היות ווי עקילס'עס איבערזעצונג האָט בעקומען די הסכמות פון די תנאים, דעריבער האָט ער צו-ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט דעם „תרגום השבעים" ביי די אידען פון די גלות-לענדער; נאָר אין די ווייטערדיגע יאָהרהונדערטען האָבען זיך אויך זעלטענער געטראָפען קאָפּיעס פון איהר, און צולעצט איז זי פערלאָרען געגאַנגען. געבליבען זיינען קליינע פרקים, וואָס געפינען זיך אין די כתבים פון די קריסטליכע קירכען-פּאָטערס. די שפּעטערדיגע אַרמישע איבערזעצונג פון חומש איז, ווי עס ווייזט אויס, געמאַכט געוואָרען לויט'ן מוסטער פון עקילס'עס גריכישער איבערזעצונג און איז אָנגערופען געוואָרען מיט זיין נאָמען. דאָס איז דער תרגום-אונקלס, וואָס איז זינט דעם מיטעלאַלטער געוואָרען אַזוי פערשפּרייט צווישען די אידען און וואָס ביז היינטיגען טאָג ווערט עס געדרוקט אין אַלע אויסגאַבען פון חומש אינאיינעם מיט'ן העברייאישען טעקסט.

די געשיכטס-שרייבונג פון יוסיפוס פלאַוויוס.

§ 11. אין יענע יאָהרען, בשעת דער סנהדרין אין יבנה איז געווען פערנומען מיט דער אויפהיטונגס אַרבייט פון אידישען פאָלק נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע מיט דער פערזיכערונג פון זיין נאַציאָנאַלען עתיד — איז אַן אַנדער אידישער טוער, וואָס האָט אַליין מיטגעלעבט און מיטגעווירקט אין דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע, זיך געזעסען רוהיג אין רוים, און אונטער'ן שוץ פון די קיסרים וואָס האָבען אומגליקליך געמאַכט יהודה, האָט ער געשריבען די געשיכטע פון דער לעצטער אידישער מלחמה און האָט בכלל געשילדערט דעם עבר פונ'ם אידישען פאָלק. דאָס איז געווען דער העלד פון דער טרויעריגער גליל'ער מלחמה יוסף, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבען די רוימער און האָט מוסיף געווען צו זיין נאָמען אַספּסיאַנוס'עס פאַמיליען-נאָמען — פלאַוויוס.

נאָכדעם ווי יוסף האָט זיך אַזוי קלײנמוטיג אָבגעזאָגט פון צו בעשיצען זײן פאָטערלאַנד, האָט ער זיך געפונען אין אַספּסינוס'עס און טיטוס'עס סוויטע; פון רוימישען לאַגער אויס האָט ער צוגעקוקט דעם העלדישען קאַמף פון די פערטיידיגער פון ירושלים. מען קאָן ניט זאָגען, אַז ער איז געווען אַ קאַלטבלוטיגער צושויער פון דער דאָזיגער שרעקליכער דראַמע: בלי שום ספק האָט איהם געקאָכט די הארץ, בשעת ער האָט געזעהן, ווי דאָס פאָלק גייהט אויס מיט בלוט, ווי די הויפּט-שטאָדט ווערט חרוב, ווי דער בית-המקדש ברענט. נאָר אין אַלע די דאָזיגע אומגליקען האָט ער בעשולדיגט די איבערגעגעבענע קעמפער — די קנאים, וואָס ער האָט זיי נאָך אַלץ בעטראַכט ניט ווי העלדען, נאָר ווי „רויבער", ווי מורדים, וואָס קאָנען ניט איינרוהען און וואָס פיהרען דאָס פאָטערלאַנד צום אונטערגאַנג. פונ'ם שטאַנדפונקט פון זײן „פערשטאַנדיגען פאַטריאָטיזם" האָט יוסף גערעכענט, אַז אויב דאָס פאָלק וואָלט אָנגענומען די רוימישע איבערהערשאַפט ווי אַ פאַקט, וואָס מען קאָן איהם ניט אומאַנדערשען, דעמאָלט וואָלט עס ניט געקומען צו אַזאַ חורבן. ער האָט ניט פערשטאַנען די הייליגע שטרעבונגען פון דער אונטערדריקטער נאַציע, וואָס שטייהט אויף קעגען איהרע גראָבע אונטערדריקער אינ'ם נאָמען פון פרייהייט און יושר, הגם אָהן אַ האָפענונג אויף ערפאָלג.

דער דאָזיגער פאָליטישער אָפּאָרטוניזם יוסף'ס האָט איהם געגעבען אַ הארץ, נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט, אַוועקצופאָהרען פון זײן חרוב'ען פאָטערלאַנד אין דער הויפּט-שטאָדט פון די זיגער און געניסען די טובות פון די געקרוינטע תליונים פון יהודה. אין דערזעלביגער צייט, וואָס די גאַנצע ערד פון די אידען איז קאָנפיסקירט געוואָרען פאַר דער קייזערליכער קאַסע, האָט מען יוסף'ן איבערגעלאָזען זײן חלק ערד; אָנשטאָט זײן נחלה נעבען ירושלים, וואָס דער רוימישער גאַרניזאָן האָט געהאַט פערנומען, האָט ער בעקומען אַן אַנדער נחלה „אין טאָל". שפּעטער האָט אַספּסינוס איהם געשאָנקען אין יהודה נאָך אַ מאַיאָנטעק. בשעת יוסף איז אַוועק פון זײן פאָטערלאַנד, האָט ער, אַפּנים, די דאָזיגע ערד אָבגעגעבען אין אַרענדע.

אַז ער איז מיט'ן ערָאָבערער פון ירושלים, טיטוס'ן, אָנגעקומען אין רוים, האָט איהם דער קייזער אַספּסינוס זייהר גוט צוגענומען. אַספּסינוס האָט אָבגעגעבען יוסף'ן אויף צו וואוינען יענע שטוב, וואו ער אַליין האָט געוואוינט, איידער ער איז געוואָרען קייזער, האָט איהם געשאָנקען אַלע רעכט פון אַ „רוימישען בירגער" און בעשטימט אַ יעהרליכע פּענסיע. נאָך אַספּסינוס'עס טויט האָט יוסף גענאָסען דעם שוץ פון די קיסרים, וואָס זײנען געווען נאָך איהם — טיטוס'ן און אפילו דאָמיציאַנוס'ן. נאָך דאָמיציאַנוס'עס טויט האָט יוסף פלאַוויוס געלעבט נאָך עטליכע יאָהר און איז, אַפּנים, געשטאָרבען אין אָנהויב פון צווייטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט, אַן ערך אין 30 יאָהר אַרום נאָכ'ן חורבן ירושלים.

אין משך פונ'ם דאָזיגען דרייסיג-יאָהריגען פעריאָד האָט יוסיפוס פלאַוויוס זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. יוסף האָט בלי שום

ספק פערמאָגט אַ גרויסען טאַלאַנט פון אַ היסטאָריקער־קינסטלער און איז דערצו געוועזען גוט געניט אין אַלע קינסטליכע גיינג פון די גריכישע און רוימישע געשיכטס־שרייבער — אַזוי האָט ער זיך גענומען פאַר דער שילדערונג פון׳ם יאָהר־הונדערטען־לאַנגען עבר פון׳ם אידישען פאָלק. אָנגעהויבען האָט ער פון דער תקופה פון דער רוימישער איבערהערשאַפט, וואָס איז געווען די נאָהענטסטע צו זיין צייט. אויפ׳ן סמך דערפון, וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט און וואָס ער האָט געפונען פערשריבען, און אויך אויפ׳ן סמך פון אַנדערע מקורים האָט ער אָנגעשריבען אַ גרויסע ווערק מיט׳ן נאָמען „וועגען דער אידישער מלחמה“.

דעם דאָזיגען ספר האָט דער מחבר געהאַט פריהער אָנגעשריבען אויף זיין „מוטערשפּראַך“, דאָס הייסט אויף העברייאיש אָדער ארמיש (דער דאָזיגער לכתחלה׳דיגער טעקסט איז שפּעטער פערלאָרען געגאַנגען). נאָר דערנאָך, האָבענדיג אין זינען ניט־אידישע לעזער, האָט יוסף, מיט דער הילף פון מיטאַרבייטער־גריכען, איבערגעזעצט דעם דאָזיגען בוך אויף גריכיש (אַן ערך אין די יאָהרען פון 75—79). פריהער, איידער ער האָט פערעפענטליכט זיין ווערק, האָט דער מחבר עס בעוויזען אַספּסינוס׳ן, טיטוס׳ן, אַגריפּס דעם II־טען און נאָך אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער אידישער מלחמה, און זיי האָבען בעשטעטיגט דעם אמת פון זיינע בעשרייבונגען.

דאָס גאַנצע ווערק בעשטייהט פון זיבען ביכער, וואָס דערפון ווערט אין ערשטען בעשריבען בקצור די עפּאָכע פון די חשמונאים און הורדוס דעם I, אין צווייטען — די רוימישע איבערהערשאַפט ביז׳ן אויפשטאַנד פון די אידען אין פּלאָרוס׳עס צייטען, און אין די איבעריגע ווערט אויספיהרליך דערציילט די געשיכטע פון׳ם זיבען־יאָהריגען קאַמף פון יהודה פאַר דער אומאָבהיינגיגקייט. יוסף האָט נאָך געהאַט דעם מוט מודיע צו זיין אין דער הקדמה צום ספר, אַז ער איז אויסען צו געבען אַן אמת׳ע און אָהן־פּניות׳דיגע בעשרייבונג פון דער מלחמה, בכדי אָבצולייקענען די פאַלשע ערצייהלונגען פון יענע היידנישע שריפטשטעלער, וואָס, „ווילענדיג אַרויסשטעלען די גרויסקייט פון די רוימער, בעמיהען זיי זיך צו מאַכען קלענער די גבורות פון די אידען“. נאָר פלוצלונג דערמאָנט ער זיך אָן דער רוימישער צענזור, גיט זיך אַ חאַפּ צוריק און איילט זיך מוסיף צו זיין, אַז גראָד דעריין, וואָס מען וועט אָנערקענען די גבורות פון די אידישע קעמפער, בעשטייהט דער גאַנצער כבוד פון׳ם נצחון, וואָס די רוימער האָבען אָבגעהאַלטען.

די דאָזיגע צווייזייטיגע שטרעבונג — אין איין און דערזעלביגער צייט אונטערהאַלטען סיי דעם נאַציאָנאַלען כבוד פון די אידען סיי די גדולה פון די רוימער — האָט אַרויפגעלייגט אַ בעזונדערע חתימה אויף יוספ׳ס גאַנצען אופן שרייבען. די אָנפיהרער פון די קנאים, רוימ׳ס דם־שונאים, וואַרפט ער אינגאַנצען אַראָב און שטעלט זיי אַרויס פאַר אומזיניגע דעמאַגאָגען, מורדים און אפילו „רויבער“, און דורכדעם פערדרייהט ער אינגאַנצען די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. דערביי בעמערקט ער ניט די אינעווייניגסטע סתירה אין זיין אייגענעם פּלאַן: פון איין זייט זעהט ער איין, אַז דאָס פאָלק, אַלס גאַנצעס, האָט אין דעמבע־

פרייאונגס-קריג אַרויסגעוויזען אַ הויכע העלדישקייט, נאָר פון דער אַנדער זייט — אָנערקענ'ט ער ניט די העלדישקייט פון יענע, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פונ'ם פאָלק, דאָס הייסט די אָנפיהרער פון די קנאים.

נאָר אויב מען זאָל אַראָבנעמען אַזעלכע בפירוש-טענדענציעזע ערקלערונגען פון די געשעהענישען, און אויך די תהלות ותשבחות, וואָס יוסף צעגייהט זיך אין זיי איבער דער „וויכהאַרציגקייט" און „רדיפת-שלום" פון די בעצווינגער פון יהודה, טיטוס'ן און אספסינוס'ן, — דעמאָל'ט בעקומט זיך אַ לעבעדיג, קינסטלעריש בילד פון דער אידישער נאַציאָנאַלער מלחמה, וואָס זיין גלייכען איז שווער צו געפינען אפילו צווישען די קונציגסטע שילדערונגען פון פרייהייטס-קריג, וואָס זיינען ווען עס איז געווען. לויט דער קינסטלערישער שילדערונגס קראַפט איז יוסף ראוי צו זיין דער יורש פון די ביבלישע און אַפּאָקריפישע היסטאָריקער; דער חלוק איז נאָר דערין, וואָס ביי די פריהערדיגע היסטאָריקער זיינען סיי דער אינהאַלט און סיי די פאָרם דורכאויס נאַציאָנאַל, און ביי יוסף'ן האָבען אויפ'ן אינהאַלט שטאַרק געווירקט די רוימישע פּאָליטישע חשבונות, און אויף דער פאָרם — די גייסט פון די גריכישע געשיכטסשרייבער.

נאָכדעם ווי יוסף האָט געענדיגט זיין געשיכטע פון דער אידישער מלחמה, איז ער צוגעטראָטען צו נאָך אַ גרעסערן ווערק — צו דער שילדערונג פון דער אידישער געשיכטע פון די עלטסטע צייטען ביז צו דער דערמאָנטער מלחמה. דאָס דאָזיגע ווערק, וואָס איז אָנגעשריבען אויף גריכיש אין צוואַנציג ביכער, איז פערענדיגט געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון דאָמיציאַנוס'עס קיניגען (אין די יאָהרען 93—94) און האָט בעקומען דעם נאָמען „אידישע אַלטערטימער" (קדמוניות היהודים). די ערשטע צעהן ביכער נעמען אַרום די ערצייהלונג פון דער ביבלישער געשיכטע ביז גלות-בבל, מיט עטליכע לעגענדאַרישע הוספות, מיט דערקלערונגען, וואָס ענטהאַלטען אין זיך אַ מוסר-השכל, און לאַנגע רעדעס, וואָס ווערען צוגעשריבען די העלדען פון דער געשיכטע, לויט'ן שטייגער פון דער רעטאָרישער געשיכטסשרייבונג. אין די לעצטע צעהן ביכער האָט דער מחבר שוין אויסגענוצט, חוץ די לעצטע ביבלישע כראָניקעס און די אַפּאָקריפען, נאָך אַ סך אַנדערע ווערק פון אידישע און גריכישע געשיכטסשרייבער, וואָס זיינען על-פי-רוב צו אונז ניט דערגאַנגען.

דער ווערט פון יענע טיילען פון די „קדמוניות", וואו עס ווערט דערצייהלט די געשיכטע פונ'ם אידישען פאָלק זינט דער גרינדונג פון דער רעפּובליק דורך די חשמונאים ביז דער צייט פון דער גרויסער רוימיש-אידישער מלחמה, איז ניט אָבצושאַצען, וואָרום אָהן זיי וואָלטען די שפּעטערדיגע דורות כמעט גאָרנישט ניט געוואוסט וועגען דעם דאָזיגען צווייהונדערט-יאָהריגען פעריאָד (פונ'ם יאָהר, 140 פאַר דער קריסט. צייט ביז 66 פון דער קריסט. צייט), וואָס וועגען איהם זיינען אין דער תלמוד'ישער ליטעראַטור פערבליבען ניט מעהר ווי מטושטש'ע לעגענדעס. טרויעריג איז אוודאי דאָס, וואָס יוסף'ס ווערק איז פאַר יענעם פעריאָד דער איינציגער מקור פון היסטאָרישע ידיעות, און מען קאָן זיי דעריבער ניט קאָנטראָלירען לויט אַנדערע מקורים. נאָר אָהן דעם דאָזיגען ווערק וואָלט

איינע פון די בולט'סטע צייטען פון דער אידישער געשיכטע געבליבען ניט בעקאַנט, פונקט אַזוי ווי די עפּאָכעס פון דער פּערסישער און מאַקעדאָנישער איבערהערשאַפט.

אין דער צייט, וואָס יוסף האָט געשריבען זייגע גרויסע היסטאָרישע ווערק, פאַרזיכטיג האַלטענדיג זיך אין די געפעהרליכע ערטער ביים מיטען צווישען דעם רוימישען מלוכה־פּאַטריאָטיזם און דעם אידישען נאַציאָנאַלען געפיהל — האָט זיך בעוויזען אַ בוך, וואָס איז עלול געווען צו מאַכען צו־נישט זיין גאַנצע מיה. יוסטוס פון טבריא, אַ געבילדעטער איד, וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אין'ם גליל'ער אויפשטאַנד און וואָס דער מושל פון טבריא, אַגריפּס דער II, האָט איהם דערנאָך מוחל געווען און צוגענומען פאַר אַ סעקרעטאַר — האָט פערעפענטליכט זיינע זכרונות וועגען דער אידישער מלחמה. דאָרט האָט יוסטוס געשילדערט יוסף'ן פאַר דעם הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין גליל און פאַר אַ פיינד פון די רוימער.

די דאָזיגע זכרונות האָבען יוסף'ן שטאַרק בעאומרוהיגט. אונטער דאָמיציאַנוס'עס אכזריות'דיגען רעזשים, בשעת גרויסע פּאָליטישע טוער זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט טויט אָדער פערשיקונג פאַר'ן קלענסטען חשד אָדער לויט אַ פאַלשער מסירה, האָט דער אידישער געשיכטסשרייבער געקאָנט זיך ריכטען, אַז יוסטוס'עס אַנטפּלעקונגען וועלען איהם אָנטון די גרעסטע צרות. בכן טרעט יוסף אַרויס מיט זיין „לעבענסבעשרייבונג". דאָס איז אַ קליין ביכעל, וואו וועגען זיין לעבען בכלל רעדט ער ווייניג, נאָר ער דערציילט דער עיקר וועגען זיין אָנטיילנעמען אין די הכנות אויף צו פערטיידיגען גליל. בכדי זיך צו פערענטפערן פאַר די רוימער, לאָזט דער היסטאָריקער זיך אַראָב ביז צו דער נידעריגסטער מדרגה און פערזיכערט, אַז נאָך דעמאָלט, בשעת ער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פונ'ם גליל'ער חיל, איז ער אין האַרצען געווען אויפ'ן צד פון די רוימער, און נאָר די אויסווייניגסטע תנאים האָבען איהם געצוואונגען צייטווייליג צו קעמפען קעגען זיי. אויסמיידען זיך אָבער אין די אויגען פון די רוימער, וואָלט געהייסען פערשוואַרצען זיך, אַלס איד, אַרויפלייגען אויף זיך דעם פלעק פון אַ בוגד, נאָר דאָס האָט זיך יוסף'ן אויך ניט געוואָלט. בכן פערפּלאָנטערט ער זיך אין סתירות און גיט אַ טונקעל'ע, פערדרייהטע בעשרייבונג, וואָס מאַכט אַן איינדרוק, אַז זי איז ניט אמת און אויסגעטראַכט.

די דאָזיגע זינד פאַר'ן אידישען פאָלק האָט דער היסטאָריקער אויסגעקויפט אין אַן אַנדער קליינעם ווערק, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז אונטער'ן נאָמען „קעגען אפּיון" אָדער „וועגען עלטער פון אידישען פאָלק". דאָס איז אַ הייסע אַפּאָלאָגיע (סניגוריה) אויף דער יהדות און אויף דער אידישער נאַציע קעגען די פאַלשע בעשולדיגונגען, וואָס עס האָבען אַרויסגעשטעלט אַלע אידען־פיינד פון אַלטערטום, פון עגיפּטישען כהן מאַנעטאָ ביז צום אלכסנדרינישען אַגיטאַטאָר אפּיון, וואָס האָט זוכה געווען צום כבוד צו האָבען פאַר זיין בעל־מחלוקת דעם אידישען פילאָזאָף פילון'ען.

דאָ האָט יוסף ווידער בעוויזען זיין טיעפע צוגעבונדענקייט צו די רעלי־גיעז־זיטליכע אידעאַלען פון אידישען פאָלק, וואָס איז לחלוטין ניט געמינערט געוואָרען פון זיין התפעלות פאַר די בעסטע זייטען פון דער גריכיש־רוימישער קולטור. ניט האָבענדיג קיין פּאָליטישען קאַמפּס־פּאַטריאָטיזם, איז ער דאָך גע־ווען איינגעזאַנצען דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסטיגען פּאַטריאָטיזם, מיט דער איבער־ציינונג, אַז די אידישע וועלטאַנשויאונג און לעבענס־אָרדענונג שטייהט אָהן אַ שיעור העכער פאַר דער וועלטאַנשויאונג און לעבענספיהר פונ׳ם געבילדעטען הייזענטום. אַ סך פּאָליטישע און אפילו מאָראַלישע פעהלערן וועט, מען יוסף׳ן מוחל זיין פאַר דער דאָזיגער הייסער ליעבשאַפט צו דער יהדות און דערפאַר, וואָס אין זיינע היסטאָרישע ווערק האָט ער פערזייביגט אַזעלכע מאָמענטען פון אונזער עבר, וואָס וואָלטען זיי אָהן איהם געבליבען אומבעקאַנט.

די פאָרשטייהער פון אידישען פאָלק האָבען אין משך פון יאָהר־הונדער־טען ניט פערגונען זיך מיט יוסף׳ן און מיט זיינע ווערק. זיינע ביכער זיינען געבליבען גאַנץ נאָר אַ דאַנק די בעמיהונגען פון די קריסטליכע שריפטשטעלער (אויב מען זאָל ניט רעכענען די העברייאישע בעאַרבייטונג פון „די אידישע מלחמות״, וואָס איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „יוסיפון״ און וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין מיטעלאַלטער). ערשט אין דער שפּעטערדיגער צייט האָבען אויך די פאָרשטייהער פון אידישען פאָלק אָנגעהויבען צו שאַצען יוסף׳ס ליטעראַרישע טעטיגקייט. זיי האָבען אָנערקענט, איגאַיינעם מיט די פעהלערן פונ׳ם פּאָליטישען טוער, די גרויסע פערדיענסטען פונ׳ם געשיכטסשרייבער און ווידער אויפגעריכט זיין נאָמען אינ׳ם אוצר פון דער אידישער ליטעראַטור.

די פערשפּרייטונג פון די אידען אין דער רוימישער אימ־פּעריע און אין בבל.

§ 12. זינט ירושלים איז צעשטערט געוואָרען דורך די רוימער, זיינען די אידען מורא׳דיג צעזייהט און צעשפּרייט געוואָרען איבער אַלע לענדער פון מזרח און פון מערב. דער גלות וואַקסט אַלץ מעהר: דער גרעסטער טייל פון אידישען פאָלק איז פערטריבען געוואָרען פון זיין לאַנד. צעהנדליגער טויזענדער אידען, וואָס זיינען מיט זייער אייגענעם ווילען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר די שרעק פון מלחמה און קנעכטשאַפט, אָדער וואָס זיינען אַוועקגעשלעפט געוואָרען פון יהודה אַלס קריגס־געפאַנגענע, האָבען זיך צעזעצט אין קליינע אָדער גרויסע גרופּעס צווישען זייערע פאָלקסברידער אין די רוימישע פּראָווינצען: סיריען, קליין־אַזיען, מצרים, צפון־אפריקאַ, און אויך אויסערהאַלב די גרעניצען פון דער אימפּעריע, אינ׳ם קיניגרייך פון די פּאַרטער, דער עיקר אין בבל.

די נייע פערטריבענע, וואָס צווישען זיי זיינען געווען ניט ווינציג קנאים, האָבען אַריינגעטראָגען אינ׳ם לעבען פון די ווייטע קהלות פון די גלות־לענדער אַ פרישען שטרום פון נאַציאָלער ענערגיע. אין זיי האָט נאָך געברענט די הייסע שנאה צו די רוימער פאַר זייער אכזריות אינ׳ם לעצטען קריג. און די דאָזיגע שנאה האָבען זיי איבערגעגעבען אויך זייערע ברידער, וואָס זיינען שוין פריהער

געווען אָבגעריסען פון געבאָרענלאַנד און האָבען איצט אָנגעוואָהרען אפילו דעם לעצטען טרייסט — צו קאָנען עולה-רגל זיין אין דער הייליגער שטאָדט. דער דאָזיגער אויפגערייצטער צושטאַנד פון די געמיטער האָט אין עטליכע ערטער געבראַכט צו פאָלקס-מהומות, וואָס האָבען אויפגערודערט די רוימישע רעגירונג.

בשעת אין יהודה האָט זיך פערענדיגט דער שלוס-אַקט פון דער גרויסער מלחמה, אינ׳ם יאָהר, בשעת עס איז אַיינגענומען געוואָרען די פעסטונג מצדה (73), — האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין אלכסנדריא, אינ׳ם צענטער פון דער אידישער קולטור אין מצרים. אַ גרויסע גרופּע קנאים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ארץ-ישראל, האָבען פערשפּרייט קלאַנגען וועגען דער מורא׳דיגער אכזריות פון די רוימער און האָבען גערופען די אידען פון אלכסנדריא צו אַן אויפשטאַנד. די אויפגערעגטע פאָלקס-מאַסע איז שוין געווען גרייט צוגייהן נאָך די אַגיטאַטאָרען און אויפהויבען אַ מרידה, נאָר די אידישע אַריסטאָקראַטיע אין אלכסנדריא איז אַרויס קעגען דעם. די מיטגלידער פון דער אָרטיגער אי-דישער „געְרוסיאַ״, אָדער ראַט פון די זקנים, האָבען צוגעֿרעדט דאָס פאָלק זיך צו בערוהיגען און האָבען איהם אָנגעוויזען, וואָס פאַר אַ שלעכטע רעזולטאַטען עס קאָן געבען אַזאַ אומגלייכער קאַמף, וואָס זיי ווילען אָנהויבען.

די דאָזיגע קעגען-אַגיטאַציע האָט אָבגעצויגען אַ בעדייטענדען טייל פון פאָלק פון דער מרידה, און די קנאים זיינען געבליבען אָהן אַן אַרמיי. אַ סך פון זיי זיינען אַנטלאָפען געוואָרען טיעף אין מצרים אַריין און אין די שכנ׳ישע לענדער; די אַנדערע האָט מען געחאַפּט און איבערגעגעבען אין רשות פון דער רוימישער רעגירונג. און די רוימער האָבען זיי געפּייניגט, פאָדערנדיג, אַז זיי זאָלען זיך אָנערקענען פאַר אונטערטאַנען פון די רוימישע קיסרים; נאָר די קנאים, וואָס האָבען געשוואָרען אַן אייביגע שנאה צו רוים, האָבען העלדענמוטיג אַריבערגעטראָגען אַלע עִנויים קשים, נאָר זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט אַרויסצוזאָגען זייער אונטערטעניגקייט דעם שונא.

דער רוימישער פערוואַלטער אין אלכסנדריא האָט תיכף געגעבען צו וויסען אספּסינוס׳ן וועגען דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג צווישען די אָרטיגע אידען. זייענדיג נאָך אונטער׳ן איינדרוק פון דער נאָר-וואָס געענדיגטער אידישער מלחמה, איז אַספּסינוס אַריין אין אַ מורא׳דיגען כעס: איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די רע-וואָלוציאָנערע שרפה וועט קיינמאָל ניט אַיינגעלאָשען ווערען צווישען די אידען. און ער האָט געהייסען זיין פערוואַלטער שרטיינג בעשטראָפען די בעפעלקערונג און פערמאַכען דעם בית-חוניו איז לעאָנטאָפּאָליס (II, § 52), וואָס איז מעהר איידער צוויי יאָהרהונדערטען געווען דער רעליגיעזער צענטער פון די עגיפּטישע אידען און וואָס האָט ביז צו אַ געוויסער מדרגה פערביטען פאַר זיי דעם בית-המקדש אין ירושלים. אַלע כלים פונ׳ם טעמפעל האָבען די רוימער קאָנפיסקירט, דעם בנין גופא פערשלאָסען און דעם גאָטעסדיענסט אָבגעשאַפט (אין די יאָהרען 73–74).

אין דערזעלביגער צייט זיינען פאָרגעקומען אומרוהען אין קירענאאי-

קע, אָדער אינ'ם ליבישען געביט, וואָס ליגט בשכנות פון מצרים. אַן אַנטלאָ-פענער קנאי יונתן האָט אויפגעוועקט די אידישע איינוואוינער פון דער שטאָדט קירענע צו אַמרידה. צו איהם זיינען צוגעשטאַנען אַן ערך צוויי טויזענד מאַן. דער רוימישער פערוואַלטער פון דער ליבישער געגענד, קאַטולוס, האָט דער-שטיקט דעם אויפשטאַנד דורך דער קראַפט פון געוועהר, און יונתן האָט ער געחאַפט און אַוועקגעפיהרט קיין רוים. קאַטולוס האָט געפּרובט אַריינציהען אין דעם דאָזיגען עסק די איינפלוסרייכסטע אידען פון אלכסנדריא און רוים, צווי-שען אַנדערע אויך דעם „רודף-שלום'ניק" יוסיפוס פלאַוויוס און האָט זיי בע-שולדיגט, אַז זיי האָבען שטילערהייד אונטערגעהאַלטען די אידישע רעוואָלוציאָ-נערע אָרגאַניזאַציע; נאָר דערפון האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזט. אַספּסינוס האָט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזט טויטען יונתנ'ען: דעם העלד האָט מען פריהער געגעבען מלקות און דערנאָך פערברענט לעבעדי-גערהייד.

די לאַגע פון די אידען, וואָס זיינען געוועזען צעזייהט און צעשפּרייט איבער דער רוימישער אימפּעריע, איז אַלץ ערגער געוואָרען. דאָס, וואָס עס האָבען זיך אָנגעקליבען נייע איבערוואַנדערער פון יהודה, האָט אַרויסגערופען אומצו-פרידענקייט צווישען דער היידנישער בעפעלקערונג פון סיריען און קליין-אזיען. נאָכ'ן סוף פון דער אידישער מלחמה האָבען די גריכען פון אנטיוכיא זיך משתדל געווען פאַר טיטוס'ען, מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען פון שטאָדט. אַז מען האָט זיי דאָס אָבגעזאָגט, האָבען זיי געבעטען, אַז מען זאָל לכל-הפחות אָבנעה-מען ביי די אידען די בירגער-רעכט, וואָס זיי האָבען געהאַט זינט צעזאַר'ס צייט, לויט ווי עס איז געווען אויסגעקריצט אויף קופערנע טאָוולען. די פרובען פון די אידענפיינד פון אנטיוכיא און פון זייערע חברים אין אַנדערע שטעדט האָ-בען זיך ניט איינגעגעבען: די אידען זיינען געבליבען אין זייער פריהערדיגען מצב און האָבען געהאַט אַ געוויסע אַווטאָנאָמיע. נאָר די אָנגעצויגענע בעציהונגען צווישען זיי און צווישען דער היידנישער בעפעלקערונג האָבען קיין גוטס ניט בעדייט.

דער שווערער מצב פון די אידען אין דער רוימישער אימפּעריע האָט אַרויסגערופען ביי זיי אַ פערשטאַרקטע עמיגראַציע אין די שכנ'ישע לענדער פון די פּאַרטער, בעזונדערס אין בבל (II, § 82). דאָ, וואו עס זיינען געבאָרען גע-וואָרען עזרא און הלל, האָבען די אידען זיך געפיהלט זיכער פאַר די קלעפּ פונ'ם „פעלקער-בייטש" — פון רוים. אויסנוצענדיג די שוואַכקייט פון דער פּאַר-טי'שער אדמיניסטראַטיווער סיסטעם, האָבען די אידען פערברייטערט די אַווטאָ-נאָמע אָרגאַניזאַציע פון זייערע געמיינדעס. זייערע גרעסטע קולטור-צענטרען זיינען געווען צוויי שטעדט — נהרדעא און נציבין. דאָ האָבען זיך געפונען בתי-מדרשים, וואו מען האָט געלערנט תורה שבעל-פה, און דאָס זיינען געווען די קערנדלעך פון די צוקונפטיגע ישיבות, וואו עס איז בעשאַפען געוואָרען דער תלמוד.

דער גייסטיגער צונויפבונד צווישען די גלות-לענדער און דעם אַלטען

צענטער אין יהודה איז ניט איבערגעריסען געוואָרען אויך נאָכדעם, ווי עס איז פערשוואונדען געוואָרען דער אויסוויינינסטער בונד — דער בית־המקדש אין ירושלים. די בליקען פון די „בני־הגולה” (קינדער פון גלות) זיינען נאָך אַלץ געווען געווענדט צו די פיהרער פון פאָלק, וואָס האָבען, ניט געקוקט אויף די חורבות פון דער מלוכה, געטאָן זייער גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבייט פון אויפלעבען און פעראייניגען דאָס פאָלק. דער סנהדרין אין יבנה האָט געלויכטען ווי אַ העלער פאַקעל פאַר אַלע אידען פון די גלות־לענדער. פון דאָרט איז אַרויסגעגאַנגען סיי די תורה, סיי די אַוטאָריטעטע אָנפיהרונג בנוגע צו די דינים; פון דאָרט פלעגען אָנקומען צו בעשטימטע צייטען די ידיעות וועגען די טעג פון די ימים־טובים (אויבען, § 7) און עס פלעגען קומען משולחים פונ׳ם נשיא׳ס נאָמען אויף צו קלייבען געלד פאַר די הצטרכות׳ען פון די געזעלשאַפטליכע מ[illegible]כדים. אַדאַנק דער עמיגראַציאָנס־בעוועגונג איז צווישען די גלות־לענדער און יהודה אונטערגעהאַלטען געוואָרען אַ שטענדיגע פערבינדונג אויפ׳ן באָדען פון די סאָציאַלע און גייסטיגע אינטערעסען. די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער פערבינדונג האָבען זיך אַרויסגעוויזען אין גיכען, בשעת די מהומות, וואָס זיינען אויסגעבראָכען אין טריינוס׳עס און הדרינוס׳עס צייטען.

דריטער קאפיטעל.

דער אויפשטאַנד פון די אידען אין טרינוס'עס און הדרינוס'עס צייט.

(138—115)

טרינוס'עס מלחמות און דער אויפשטאנד אין די גלות-לענדער.—אומרוהען אין יהודה.—בר-כוכבא'ס אויפשטאנד.—יאָהרען פון רדיפות און פון הריגות.

טרינוס'עס מלחמות און דער אויפשטאַנד אין די גלות-לענדער.

§ 13. נאָכדעם ווי דער קייזער טרינוס האָט אונטערטעניג געמאַכט די דאַקער, וואָס וואוינען ביים טייך דאָנוי, האָט ער אין די לעצטע יאָהרען פון זיין קיניגען קאָנצענטרירט זיינע מיליטערישע אונטערנעמונגען אין ווייטען מזרח פון דער רוימישער אימפעריע. איהם האָבען געררייצט און געצויגען די טיפענישען פון אַזיען: די לענדער צווישען פרת און חדקל, וואָס האָבען זיך געפונען אונ- טער דער ממשלה פון די פאַרטער, און די ווייטע אינדיען. איהם האָבען זיך גע'חלומ'ט אַלכסנדר מוקדונ'ס נצחון-קרענץ. אין יאָהר 114 האָט טרינוס'ן זיך איינגעגעבען איינצונעמען מעסאָפּאָטאַמיען (בבל) און אַרמעניען און אַריינצודרינ- גען ביז צו דער הויפּט-שטאָדט פון פאַרטיען, קטעסיפאָן.

דער אָנפאַל פונ'ם מערב'דיגען עראָבערער האָט אויפגערודערט אַלע פעל- קער פון אַזיען, נאָר מעהר פון אַלעמען זיינען געוועזען אויפגערעגט די אידען, וואָס האָבען געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסען אין בבל און אַנדערע לענדער פון די פאַרטער. ביז איצט האָבען זיי זיך געלעבט צווישען די פאַרטער רוהיג און פריי, געניסענדיג אַ פולקומע אינעווייניגסטע זעלבסט-פערוואַלטונג, — און איצט איז זיי פאָרגעשטאַנען צו ווערען אונטערטעניג דעם שווערען רוימישען יאָך, צו ווערען די אונטערטאַנען פון די, וואָס האָבען חרוב געמאַכט יהודה, צעשטערט די הייליגע שטאָדט און דעם בית-המקדש און האָבען ניט אויפגעהערט צו אונ- טערדריקען די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זייער ממשלה. און די אידען פון בבל האָבען זיך גענומען פאַר זייער געוועהר, בכדי צו פערטיי- דיגען זייער פרייהייט.

הינטער'ן רוקען פון רוימישען חיל, וואָס איז אַוועק טיף אין פאַרטיען אַריין, איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסער אידישער חיל. דער צענטער פונ'ם אויפ-

שטאַנד זיינען געווען די געגענדען פון נציבין און נהורדעא (§ 12), וואָס זיינען געווען געדיכט בעזעצט מיט אידען. ס'איז אויפגעשטאַנען קעגען די רוימער אויך דאָס קעניגרייך הדייב, וואָס זיינע מושלים האָבען אין פערגאַנגענעם יאָהר־הונדערט געהאַט אָנגענומען די אידישע אמונה. טריגוס האָט לכתחלה דערשטיקט די מרידה און בראש פון זיין זיגרייכען חיל האָט ער זיך אומגעקעהרט קיין אַנטיוכיא אויף'ן ווינטער־קוואַרטיר (115). נאָר בשעת דער דאָזיגער הפסקה האָט זיך די איינגענומענע מעסאָפּאָטאַמיען, אַ דאַנק דער ענערגישער פערטיידיגונג פון די פּאַרטער און אידען, פון דאָס־ניי אָבגעריסען פון די רוימער, און טריגוס'עס מזרח'דיגער קריגס־צוג האָט זיך פערצויגען אויף לאַנג.

די אויפרודערונג פון די געמיטער, וואָס טריגוס'עס קריגס־צוג האָט אַרויסגערופען צווישען די אידען אין די גלות־לענדער, האָט זיך אַלץ מעהר פערשפרייט. די אַנטירוימישע בעוועגונג איז אַריבער אין די אַזיאַטישע, און דערנאָך אין די אַפריקאַנישע פּראָווינצען פון דער רוימישער אימפּעריע. איבער'ן גאַנצען אידישען מזרח האָט געהילכט, ווי אַ דונער, דער רוף: זיך בעפרייען פון רוים! דער גרימצאָרן פון די מורדים איז געווען געווענדעט ניט בלויז קעגען די פּאַרשטייהער פון דער רוימישער רעגירונגס־מאַכט, נאָר אויך קעגען דער אָרטיגער היידנישער בעפעלקערונג, וואָס איז געווען פיינדליך געזונען צום אידישען פאָלק. אין מצרים און אין ליביען (קירענע) האָט די אידען — לויט'ן אויסדרוק פון'ם כראָניקען־שרייבער—„בעהערשט אַ מין ווילדער גייסט פון מרידה און זיי זיינען אויפגעשטאַנען קעגען זייערע העלענישע מיטבירגער".

דער רוימישער פערוואַלטער אין עגיפּטען לופוס האָט ניט געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען קעגען דער מעכטיגער בעוועגונג. ביי דער ערשטער צוזאַמענשטויסונג מיט די אידען, האָבען די גריכען און רוימער, אונטער לופוס'עס אָנפיהרונג, געהאַט אַ מפלה און זיינען אָבגעטראָטען קיין אַלכסנדריא (116). דאָ האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אידישער בעפעלקערונג און האָבען זי איינגאַנצען צעשלאָגען.

דערפאַר האָבען די אידען גענומען נקמה פון זייערע געגנער אין אַנדערע ערטער. אין קירענע זאָלען די אידישע מורדים, אויב מען זאָל גלויבען דעם כראָניקען־שרייבער פון יענער צייט, האָבען פערטיליגט אַן ערך 200,000 היידען. בראש פון די אַלע מורדים איז געשטאַנען אַ מוטיגער איד מיט'ן נאָמען לוקואַס (לויט אַן אַנדער מקור — אַנדרעאַס). אויפ'ן אינזעל קיפּראָס האָבען די אידען, אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ געוויסען אַרטעמיאָן, חרוב געמאַכט די הויפּט־שטאָדט סאַלאַמיס און האָבען אויסגע'הרג'עט, לויט אַ גוזמא'דיגער ערציילונג, 240,000 גריכען.

דער דאָזיגער בלוטיגער בירגער־קריג, וואָס אין איהם האָט זיך אויסגעגאָסען דער גאַנצער כעס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין די הערצער פון די אידען אין די גלות־לענדער קעגען דער גריכיש רוימישער אונטערדריקונג, האָט בעוואויגען טריגוס'ען אָנצונעמען שטרענגע מיטלען. איינצושטילען די אידען

אין אפריקאַ האָט טריַנוס איבערגעגעבן איינעם פון זיינע קריגס-הויפּטלייט טורבאָ, און אין אַזיען — זיין ליעבלינג, דעם מאַוריטאַנישען פירשט קוויעטוס׳ן.

דער ערשטער האָט, „נאָך אַ סך געשלעגן אין משך פון אַ לאַנגער צייט", דערשטיקט די מרידה אין עגיפּטען און קירענע און האָט פאַרטיליגט דערביי אַ סך טויזענדער אידען. בשעת דער דאָזיגער מלחמה איז, לויט דער טראַדיציע, צעשטערט געוואָרען די אַלטע שול אין אַלכסנדריאַ, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר אַן אַנטיק-זאַך בנוגע צו איהר אַרכיטעקטור. די מענשען פון יענעם דור פלעגען זאָגען: „ווער עס האָט ניט געזעהן די שול פון אלכסנדריאַ, דער האָט אויף זיין לעבען קיין שיינעם בנין ניט געזעהן". זי איז געווען אויס-געבויט אין דער פאָרם פון אַ באַזיליקע מיט לאַנגע שורות זיילען און האָט גע-האַט אין זיך אַ סך אָבטיילונגען פאַר פערשיידענע גרופּעס פון דער אידישער בעפעלקערונג. בעלי-מלאכות פון איטליכען פאַך פלעגען זיך צונויפקלייבען אין די אָבטיילונגען, וואָס זיינען געווען בעשטימט פאַר זיי, און אַז עס פלעגען קומען אידישע בעלי-מלאכות פון אַנדערע שטעדט, פלעגען זיי שוין וויסען, וואו צו געפינען זייערע חברים. אויף אַזאַ אופן האָט דאָס געדיענט פאַר אַ מין אַר-בייטס-נאָכוויז. די שול איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די עקען האָט מען ניט געקאָנט הערען דעם קול פון׳ם בעל-תפלה, און איטליכס מאָל, בשעת דער עולם פלעגט דאַרפן ענטפערן „אמן" אויף אַ ברכה, פלעגט דער שמש (חזן הכנסת) אַ פאָכע טון מיט אַ טוך (ירושלמי, סוכה, פ"ה).

די גרויסע אידישע קהלה פון אַלכסנדריאַ, וואָס האָט זינט דער צייט פון דער רוימישער אויבערהערשאַפט אַריבערגעטראָגען ניט ווינציג פּאָגראָמען, האָט בעזונדערס געליטען פון׳ם לעצטען קלאַפּ. זינט יענער צייט הויבט זיך אָן פאַר איהר אַ צייט פון ירידה. זי ווערט אָן ביסלעכוויז איהר בעדייטונג אַלס הויפּט-ליכער קולטור-צענטער פון די גלות-לענדער. אין די קומענדיגע יאָהר-הונדער-טען איז דער דאָזיגער צענטער אַריבערגעטראָגען געוואָרען קיין בבל.

נאָכדעם ווי די מרידה אויף קיפּראָס איז איינגעשטילט געוואָרען, זיינען פערטיליגט געוואָרען אַלע אידען אויפ׳ן דאָזיגען אינזעל. זייער שנאה צו די אידען האָבען די איינוואוינער פון׳ם אינזעל פעראייביגט אין אַ בעזונדערען גע-זעץ, וואָס לויט איהם האָט קיין איין איד ניט געטאָרט אַראָבגייהן אויפ׳ן ברעג פון קיפּראָס, און אַ איד, וואָס אַ שטורעם אויפ׳ן ים האָט איהם אַהין פערוואָר-פען, מוז ווערען געטויט.

מטושטש׳ע אָבקלאַנגען פון דער דאָזיגער בלוטיגער עפּאָכע זיינען דער-גאַנגען צו אונז אין דער פאָרם פון אַ לעגענדע, וואו עס איז פאַרהאַן מעהר פּאָעזיע, איידער אמת.

טריַנוס׳עס ווייב — אַזוי דערציילט אַ תלמוד׳ישע לעגענדע — האָט געבוי-רען אַ קינד אין דער נאַכט אויף תשעה-באב, בשעת די אידען זיינען געזעסען אין תענית און האָבען בעקלאָגט דעם חורבן ירושלים. דאָס קינד איז געשטאָר-בען אום חנוכה, בשעת די אידען האָבען אָנגעצונדען ליכט צום זכר פון׳ם נצחון

פון די חשמונאים. האָבען זיך געפונען שלעכטע מענשען, וואָס האָבען דאָס גע׳מסר׳ט דער קייזערין און האָבען געזאָגט: „בשעת דו האָסט געבוירען אַ קינד, האָבען די אידען געמאַכט אַ טרויער, און בשעת דיין קינד איז געשטאָרבען, האָבען זיי אָנגעצונדען פייער פאַר שמחה". האָט די קייזערין אָנגעשריבען צום מאַן: „איידער דו שטילסט איין די באַרבאַרען, וואָלסטו גיכער בעדאַרפט איינשטילען די אידען, וואָס האָבען קעגען דיר מורד געווען". האָט זיך טרינוס אַריינגעזעצט אין שיף, רעכענענדיג אָנצוקומען אין ארץ-ישראל אין צעהן טעג אַרום, נאָר אַ גינסטיגער ווינט האָט פערגיכערט זיין אָנקומען אויף פינף טעג. ער האָט געטראָפען די אידישע חכמים, ווי זיי זיינען געזעסען און געלייענט דעם פסוק פון דער תורה: „גאָט וועט אויפהויבען קעגען דיר אַ פאָלק אַ ווייטס פון עק וועלט, וואָס וועט קומען צו פליהען גיך, ווי אַן אָדלער". האָט דער קיסר צו זיי געזאָגט: „איך בין דאָס דער אָדלער, ווארום איך האָב גערעכענט צו קומען אין צעהן טעג, און בין געקומען אין פינף טעג". און ער האָט אַרומגערינגעלט די אידען מיט זיינע לעגיאָנען און האָט זיי אויסגע׳הרג׳עט. דערנאָך האָט דער קיסר געזאָגט צו די אידישע פרויען: „גיט זיך אונטער מיינע לעגיאָנען, אויב ניט, וועל איך זיך בעגייהן מיט אייך, ווי איך בין זיך בעגאַנגען מיט אייערע מענער!" און די ווייבער האָבען געענטפערט: „טו מיט די נידעריגערע אַזוי, ווי דו האָסט געטאָן מיט די העכערע!" האָבען די רוימישע לעגיאָנען זיי אַרומגערינגעלט און אויסגע׳הרג׳עט אַלעמען, און די בלוט פון פרויען האָט זיך צונויפגעמישט מיט די בלוט פון מענער, און איהר שטראָם איז געגאַנגען ווייט און האָט דערגרייכט ביז צום אינזעל קיפּראָס (ירושלמי סוכה פ"ב און אין די מדרשים איכה און אסתר).

אין דער צייט, וואָס טורבאָ האָט איינגעשטילט די מרידה אין אַפריקא און קיפּראָס, האָט קוויעטוס געפיהרט אַ פערטיליגונגס-קריג קעגען די אידען אין מעסאָפּאָטאַמיען און האָט געמאַכט מעגליך פאַר די רוימישע חיילות זיך פריי צו בעוועגען. דערפאַר האָט טרינוס בעשטימט קוויעטוס׳ן פאַר׳ן פערוואַלטער איבער פּאַלעסטינע, וואו עס האָבען זיך, אפנים, אויך אָנגעהויבען בעוויזען סימנים פון אַ רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג צווישען די אידען. נאָר אין גיכען האָט טרינוס געמוזט אַרויסטרעטען פון פּאַרטיען. ענטווישט אינ׳ם אויסגאַנג פון זיין אָריענטאַלישער קאַמפּאַניע, איז דער קייזער קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען אין קליין-אַזיען (117). נאָך איהם איז געוואָרען קייזער **עליוס הדרינוס**

מהומות אין יהודה.

§ 14. אין אַ מהומה-צייט איז הדרינוס געוואָרען קייזער. דער מזרח איז געווען אויפגערודערט, די אונטערדריקטע פעלקער האָבען געשטרעבט אַראָבצוּוואַרפען דעם יאָך פון רוים, און אין יהודה זיינען שוין אויך געווען צו ערקען סימנים פון אַ רעוואָלוציע. די אָבגעריסענע ידיעות פון די רוימישע כראָניקען-שרייבער און די פּאָעטישע לעגענדעס פון דער אידישער אגדה גיבען זייהר ניט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען כאַראַקטער און גרייס פון דער דאָזיגער פאָלקס-

בעוועגונג. זי איז בעוואוסט אין תלמוד אונטער'ן נאָמען „פּולמוס של קיטוס", דאָס הייסט דער קאַמף קעגען קוויעטוס'ן.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דער שטרייַנגער רעזשים, וואָס טרינוס'עס משולח, קוויעטוס, האָט אַיינגעפיהרט אין יהודה, נאָך מעהר צעררייצט די אויפגערעגטע בעפעלקערונג. די טראַדיציע ווייס וועגען צוויי אַגיטאַטאָרען פון דער מרידה, די ברידער לוליַנוס און פּפּוס, וואָס נאָך אין טרינוס'עס צייטען האָבען די רוימער זיי געהאַט געהאַפּט אין לודקיא (לאַאָדיקעאַ). טרינוס זאָל האָבען געוואָלט זיי לאָזען טויטען, נאָר ער האָט ניט בעוויזען אויסצופיהרען זיין פּלאַן און איז דער'הרג'עט געוואָרען. די דאָזיגע פּלוצלונגדיגע ישועה האָט געגעבען די אידען אַ געלעגענהייט אַיינצושטעלען ביי זיך נאָך אַ נאַציאָנאַלען יום-טוב, „טרינוס'עס טאָג" (12 טעג אין אדר).

אין יסוד פון דער דאָזיגער טונקעלער לעגענדע ליגט מסתמא ערגיץ אַן עפּיזאָד פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וואָס איז פערבונדען מיט דער פערוואַלטונג פון קוויעטוס'ן, טרינוס'עס פערוואַלטער. קוויעטוס האָט אָנגעווענדט אכזריות'דיגע מיטלען, אויף אַיינצושטילען דעם פאָלקס אונצופרידענקייט, נאָר אין גיכען האָט דער נייער קייזער הדרינוס איהם אַראָבגעזעצט פון שטעל, ווייל ער האָט איהם פיינט געהאַט.

הדרינוס, וואָס האָט בעקומען פון זיין פאָרגייהער אַ שווערער ירושה, אין דער געשטאַלט פון מהומות אין די מזרח'דיגע פּראָווינצען, האָט ווינציגער פון אַלץ געוואָלט אין יענער צייט אַיינרייצען די אידען דורך אונטערדריקונגס-מיטלען. די שטרעבונג צו בערוהיגען דעם אויפגערעגטען אָריענט, וואו דער קייזער האָט זיך אַליין דעמאָלט געפונען, איז אפשר געווען איינער פון די טעמים, פאַרוואָס דער אַכזריות'דיגער בעצווינגער קוויעטוס איז אַראָבגעזעצט געוואָרען פון זיין שטעל אַלס פערוואַלטער פון פּאַלעסטינע (117 — 118).

אין זיין פּאָליטיק פון שלום מאַכען איז הדרינוס אַוועק אפשר נאָך ווייטער. ער (אָדער זיין פערוואַלטער) האָט געגעבען די אידען די גוטע האָפענונג, אַז אין גיכען וועט מען צוטרעטען אויסצובויען די חרוב'ע ירושלים און דעם בית-המקדש. אין וואָס פאַר אַ פאָרם האָט מען געהאַט בדעה אויסצופיהרען דעם דאָזיגען פּלאַן — האָט זיך אַרויסגעוויזען שפּעטער. דער קיסר, וואָס האָט געהאַט אַ תאוה צו בויען נייע שטעדט, האָט געוואָלט טאַקע אויסבויען די געוועזענע הויפּט-שטאָדט פון יהודה, אָבער ניט אַלס אידישע, נאָר אַלס רומישע שטאָדט. נאָר אין דער אידישער מאַסע, וואָס האָט ליידענשאַפטליך גע'חלומ'ט וועגען דער אויפבויאונג פון דער הייליגער שטאָדט, האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז דער דאָזיגער חלום האַלט ביים מקוים ווערען. די, וואָס האָבען געגלויבט אין אַזעלכע קלאַנגען, זייַנען באַלד ענטוישט געוואָרען.

די פאָלקס-טראַדיציע בעהויפּטעט, אַז הדרינוס זאָל טאַקע מיט אַן אמת האָבען געהאַט גוטע כוונות בנוגע צו ירושלים און צום בית-המקדש, נאָר איבערגעפיהרט האָבען אַלצדינג מיט זייערע מסירות די אַלטע שונאים פון די אידען,

די שומרונים. זיי האָבען בעוויזען דעם קייזער, אַז אויב מען וועט אויסבויען די הייליגע שטאָדט און דעם בית־המקדש פון די אידען, וועט דאָס פיהרען דערצו, אַז די אידישע נאַציע וועט פּאָליטיש שטאַרקער ווערען. און הדרינוס, נאָכדעם ווי ער האָט בעשלאָסען זיך אָבצוזאָגען פון זיין הבטחה אָדער פּלאַן, זאָל האָבען פאָרגעלייגט די אידען צו בויען דעם בית־המקדש אויף אַן אַנדער אָרט אָדער אין אַן אַנדער געשטאַלט. אָבגענאַרט אין זייערע האָפענונגען, זיינען די אידען געוואָרען אויפגעבראַכט. ס'האָט זיך צוגעגרייט אַ מרידה. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער קלוגער און שטילער תנא ר' יהושע בן־חנניה, וואָס איז נאָך ר' גמליאל הנשיא'ס טויט געשטאַנען בראש פון סנהדרין. אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין בית־רמון, אין טאָל יזרעאל, האָט זיך צונויפגע־קליבען אַ בעוואָפענטע מאַסע אידען, בכדי אָנצופאַלען אויף די רוימער, איז ר' יהושע געשווינד אַוועק אַהין צו בעווייזען די מורדים, ווי ווייט אומפערשטאַנדיג עס איז זייער בעשלוס. בכדי צו ווירקען אויף דער מאַסע, האָט ער זיך גע־ווענדעט צו איהר מיט פאָלגענדען משל. ביי אַ מעכטיגען לייב, בשעת ער האָט פערצוקט זיין רויב, האָט זיך געשטעלט אַ ביין אין האַלז. האָט ער אָנגעהויבען צו רופען צו זיך די חיות און האָט צוגעזאָגט אַ מתנה דעם, וועמ עס וועט אַרויסשלעפען פון זיין שלונד דעם ביין. דאָס האָט דערהערט דער קראַניך, איז געקומען צו פליהען, האָט אַריינגעשטעקט זיין לאַנגען שנאָבעל דעם לייב אין גאָרגעל אַריין און האָט אַרויסגעשלעפט דעם ביין. אַז דער קראַניך האָט אָנגעהויבען מאָנען די צוגעזאָגטע מתנה, האָט דער לייב מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל געענטפערט: טראָג זיך אָב און זיי צופרידען, וואָס דו האָסט גאַנצער־הייד אַרויסגענומען דיין קאָפּ פון'ם לייבס מויל. „אויך פאַר אונז — האָט ר' יהושע מוסיף געווען — וואָס מיר זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער דאָזיגער אומה (די רוימער), איז גענוג, וואָס זי האָט אונז נאָך ניט אַיינגעשלונגען" (מדרש בראשית־רבה פרק ס"ד).

ס'זיינען פאַרביי נאָך עטליכע יאָהר, — און דאָס פאָלק האָט זיך דערוואוסט דעם טרויעריגען אמת וועגען די פּלענער פון'ם רוימישען קייזער בנוגע צו ירושלים און צום בית־המקדש. דאָס איז געווען אין די יאָהרען 130 און 131. די אומרוהען אין די מזרח־לענדער האָבען זיך שוין געהאַט איינגעשטילט, און הדרינוס האָט דורכגעמאַכט זיין פייערליכען צוג איבער סיריען, פּאַלעסטינע און עגיפּטען. אין פערשיידענע ערטער האָט מען, לויט זיין בעפעהל, אויסגעבויט גרויסאַרטיגע בנינים און דיינקמעלער, געבויט שטעדט און איינגעפיהרט יום־טוב'דיגע שפּיעלען. אומעטום האָט מען איהם געריהמט אַלס „אויפריכטער" (restitutor), און צו די נעמען פון אַ סך שטעדט האָט מען מוסיף געווען דעם עפּיטעט „הדריניש'ע" (Adrianeion). אין פּאַלעסטינע האָבען בעקומען אַזאַ טיטעל די שטעדט קיסריא, טבריא און עזה. לכבוד דעם קיסר'ס אויפהאַלטען זיך אין יהודה האָט מען אויסגעגאָסען מטבעות מיט דער אויפשריפט Adventui Augusti Judaeae, דאָס הייסט: „צום אַווגוסטוס'עס (דער קיסר'ס טיטעל) קומען אין יהודה".

בשעת דער קיסר איז דעמאָלט געווען אין פּאַלעסטינע, איז אויך פּערווירקליכט געוואָרען זיין אַלטער פּלאַן ווידער אויסצובויען ירושלים, אַלס צענטער ניט פון דער אידישער, נאָר פון דער רוימישער קולטור. פּאַר הדרינוס'ן איז דער דאָזיגער פּלאַן געווען בעזונדערס טייער. אויפצוריכטען פון די חורבות די אַלטע הויפּט-שטאָדט פון יהודה, „די בעריהמטסטע שטאָדט אין די מזרח-לענדער" (לויט ווי עס דריקט זיך אויס דער בעריהמטער רוימישער שריפטשטעלער פּליניוס), וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ סודות'פולען שלייער, די שטאָדט, וואָס פאַר איהרע מויערן איז פערגאָסען געוואָרען אַזוי פיעל רוימישע בלוט, — אויפריכטען זי אַלס רוימשע פעסטונג און אַלס צענטער פונ'ם היידנישען קולט — דאָס איז דאָך באמת אַ גלענצענדע אויפגאַבע! אויסבויען אַ טעמפּעל פאַר'ן קאַפּיטאָלינישען יופּיטער אויף דעמזעלביגען אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען דער בית-המקדש — צי בעדייט דען דאָס ניט נאָך אַמאָל אָבהאַלטען אַ נצחון איבער די אידען, אַ נצחון פון דער רוימישער מלוכה-רעליגיע איבער דער אידישער, פון דער מערב'דיגער קולטור איבער דער מזרח'דיגער? די החלטה איז געוואָרען אָנגענומען, און צו איהר אויספיהרונג האָט מען שוין אָנגעהויבען ענערגיש זיך גרייטען.

וואָס האָבען געמוזט פיהלען די אידען, בשעת זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען קייזערס בעשלוס? פאַר זיי איז דאָס געווען אַ נייער אָנפאַל אויף ירושלים, אַ נייער נאַציאָנאַלער אומגליק. כּל-זמן די הייליגע שטאָדט איז געלעגען אין חורבות, איז נאָך אין די הערצער געווען בעהאַלטען אַ האָפענונג אויף איהר אויפלעבונג. וועגען דעם האָבען טאָג-טעגליך די קינדער פון דער בערויבטער נאַציע מתפלל געווען, געווענדט מיט זייער פנים אין יענער זייט, וואו עס זיינען געלעגען די טייערע חורבות. דערין זיינען געווען קאָנצענטרירט די האָפענונגען אויף משיח'ן מצד דעם פאָלק, וואָס האָט אין די שווערסטע תנאים ניט אָנגעוואָרען דעם גלויבען אינ'ם נצחון פונ'ם וועלט-יושר, וואָס בעדאַרף איהם צוריק אָבגעבען די אַוועקגענומענע פרייהייט. און איצט גייהט אונטער די דאָזיגע לעצטע האָפענונג. די אידישע הויפּט-שטאָדט וועט ווערען אַ פעסטונג פאַר'ן שונא. דאָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער הייליגער מזבח, וועט איצט שטייהן דער אַלטאַר פון צויס-יופּיטער. ס'חזר'ן זיך איבער די שרעקליכע צייטען פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס. שוין-זשע וועט אין אַזאַ צייט ניט אויפלעבען דער גייסט פון די חשמונאים? שוין-זשע וועט דער געפיהל פון הייליגען צאָרן ווידער אַמאָל ניט פיהרען די זיהן און די אייניקלען פון די חשמונאים אין קאַמף מיט'ן וועלט-רויבער? ס'איז אַוועק מעהר פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט זינט דעם לעצטען בעפרייאונגס-קריג, נאָר דאָס פאָלק האָט נאָך ניט געהאַט פערגעסען די פרייהייטס-אידעאַלען. אַספּסינוס און טיטוס האָבען טאַקע אַיינגעלאָשען די גרויסע שרפה פונ'ם אויפשטאַנד, נאָר די פונקען איהרע האָבען נאָך אַלץ געטליעט אונטער דעם אַש — און הדרינוס האָט זיי פונאַנדערגעבלאָזען. ווי נאָר דער קייזער האָט פערענדיגט זיין נסיעה און האָט זיך אומגעקעהרט קיין רוים, האָט זיך אין יהודה אויפגעהויבען אַ מרידה.

בר־כוכבא'ס אויפשטאַנד.

§ 15. אין גאַנץ יהודה האָבען זיך געבילדעט קליינע בעוואָפענטע אָבטיילונגען, כדי צו פיהרען אַ פּאַרטיזאַנישען קאַמף מיט די רוימער. אין ווילדע געגענדען, אין הייהלען און אונטערערדישע גיינג זיינען געווען בעהאַלטען לאַגערס פון געוועהר. דאָרט האָבען זיך אויך בעהאַלטען די גרופּעס מורדים, וואָס האָבען, כדי צו פערטיליגען די רוימער, געלויערט נאָך די רוימישע קליינע מחנות, וואָס פלעגען דורכגייהען ערגיץ אין דער נאָהענט. דער דעמאָלטיגער פערוואַלטער פון יהודה טינעאוס רופוס (אין די אידישע מקורים ווערט ער אָנגערופען טורנסרופוס, דאָס הייסט „דער טיראַן רופוס") האָט געזוכט צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד דורך שטריינגע מיטלען. נאָר די מורדים, וואָס האָבען געפיהרט די מלחמה אין פערשיידענע ערטער און פלעגען אָנפאַלען פּלוצלונג, אין אומצוגיינגליכע בערג־שטעגלעך, האָבען זיך אַרויסגעוויזען שטאַרקער, איידער רופוס'עס רעגולערער מיליטער. דאָס איז געווען דער אַלטער, זיכערער אופן צו פיהרען די מלחמה, וואָס די חסידים האָבען איהם בענוצט אין אָנהויב פון דער מרידה פון די חשמונאים און די גליל'ער קנאים אין די שפּעטערדיגע רעוואָלוציעס.

צווישען די גייסטיגע אָנפיהרער פון דער מרידה האָבען זיך געפונען עטליכע בעדייטענדע תנאים פון דער ישיבה אין יבנה. צו די קעמפער פאַר פרייהייט איז צוגעשטאַנען דער בעריהמטער רבי עקיבא, וואָס האָט נאָך ר' יהושע בן־חנניה'ס טויט זיך גערעכענט פאַר'ן גייסטיגען פיהרער פון פאָלק. שטענדיג דורכגעדרונגען מיט'ן טיפען גלויבען אין דער פּאָליטישער אויפלעבונג פון דער אידישער נאַציע, האָט רבי עקיבא בעטראַכט די נייע פרייהייטס־בעוועגונג אַלס דעם ערשטען אָנזאָג פון דער גרויסער איבערקעהרעניש. דער גלויבען איז געוואָרען צו אַ ממשות'דיגער מעשה, און פון בלויזער התלהבות איז מען אַריבער צו פּראָפּאַגאַנדע. רבי עקיבא איז אַ סך אומגעפאָהרען איבער פּאַלעסטינע, קליינאַזיען און בבל, און עס איז פאַרהאַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז די דאָזיגע נסיעות זיינען געווען פערבונדען מיט דער געהיימער אַגיטאַציע, וואָס מען האָט געפיהרט צווישען די אידישע קהלות, בכדי צוצוגרייטען די מרידה.

ניט אַלע תנאים זיינען געווען מוסכם מיט רבי עקיבא'ן. פונקט אַזוי ווי בשעת דער מלחמה קעגען אספּסינוס'ן און טיטוס'ן, אַזוי זיינען אויך איצט געווען „רודפי־שלום'ניקעס", וואָס האָבען געהאַלטען די מרידה פאַר אַ משוגעת. יוחנן בן־תורתא האָט געזאָגט צו רבי עקיבא'ן, וואָס האָט געגלויבט אין אַ גיכער גאולה: „ס'וועלען נאָך גרעזער אויסוואַקסען אויף דיינע באַקען, עקיבא, און בן־דוד (משיח) וועט נאָך אַלץ ניט זיין געקומען". די רוימישע אויבערהערשאַפט האָבען אַ סך בעטראַכט פאַר אַ גזר מן השמים, און נאָר דורך אַ נס, אויף אַן איבערנאַטירליכען אופן קאָן זי בטל ווערען, און ניט דורך אַ פּאָליטישער איבערקעהרעניש.

נאָר דאָס פאָלק איז געגאַנגען נאָך רבי עקיבא'ן, און אין גיכען האָט זיך

געשטעלט אין איין שורה מיט דעם דאָזיגען גייסטיגען פיהרער-און אויף א געוויסער צייט האָט ער איהם אפילו פערשטעלט—דער מיליטערישער אָנפיהרער פון דער אויפגעשטאַנענער נאַציע, וואָס לויט זיין לייבען-מוט האָט ער דערמאָנט דעם אָנפיהרער פון די קנאים בר-גיורא. דאָס איז געווען בר-כוכבא.

זיין אמת'ער צונאָמען איז געווען בר-כוזיבא, דאָס בעטייט דער „זוהן פון כוזיבא" אָדער געבירטיגער פון דער שטאָדט כוזיבא. זיין נאָמען איז געווען, לויט ווי מען איז משער, שמעון (אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דאָס וואָרט „שמעון", וואָס איז אויסגעקריצט אויף די אידישע מטבעות פון יענער צייט, בעציהט זיך אויף בר-כוכבא'ן). דאָס פאָלק האָט אומגעביטען דעם פאַמיליען-נאָמען פון זיין העלד אויף בר-כוכבא, דאָס הייסט: „שטערן-זוהן". די לעגענדע דערציילט, אַז דאָס האָט רבי עקיבא אומגעביטען דעם נאָמען. רבי עקיבא זאָל זיין אַזוי נתפעל געוואָרען פונ'ם העלדישען אויסזעהן פונ'ם נייעם אָנפיהרער, אַז ער זאָל איהם האָבען אָנגערופען „מלך המשיח" און האָט גע'-דרש'עט אויף איהם דעם בעוואוסטען פסוק: „ודרך כוכב מיעקב... והיה אדום ירשה", דאָס הייסט: און עס וועט ערשיינען אַ שטערען פון יעקב... און עס וועט זיין אדום (רוים) זיין אַרב. אין די ניט-אידישע כראָניקעס ווערט דער אָנפיה-רער פון דער מרידה אָנגערופען „בר-כוכבא". נאָר אין די תלמודישע אגדות איז פערבליבען זיין פריהערדיגער צונאמען בר-כוזיבא, און נאָך דעם אומגליקליכען סוף פון דער מרידה האָבען אַנדערע עס אויסגעטייטשט לגנאי (ליגען-זוהן).

בר-כוכבא'ס פערזענליכקייט איז איינגעהילט אין אַ מיסטישען נעפיל. אין די זכרונות פון פאָלק ווערט ער געשילדערט אַלס אַן איבערנאַטירליכער גבור. מיט איין קניה זאָל ער האָבען צוריקגעשליידערט די אומגעהייער גרויסע שטיי-נער, וואָס די רוימער פלעגען שליידערן פון זייערע באַליסטען אָדער וואָרף-מאַשינעס, און האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעהרג'עט אַ מאַסע פיינד. בכדי אויס-צופרובען דעם מוט פון זיינע קריגס-לייט, זאָל ער האָבען מודיע געווען, אַז ער וועט צונעמען אין זיין חייל נאָר די יעניגע, וואָס וועלען אָהן מורא זיך לאָזען אָבהאַקען אַ פינגער, — און אַ סך זיינען דערויף מוסכם געוואָרען. האָבען די תנאים פראָטעסטירט קעגען אַזאַ באַרבאַרישען אופן אויסצופרובען די מענ-שען און האָבען פאָרגעלייגט בר-כוכבא'ן אַן אַנדער מיטעל: אַז אין חייל זאָל מען צונעמען די יעניגע, וואָס זיינען אין שטאַנד אויסצורייסען מיט די וואָרצלען אַ צעדער אין די וועלדער פון לבנון. פון אַזעלכע גבורים האָט זיך צונויפגע-קליבען ביי בר-כוכבא'ן אַ חייל פון פיר מאָל הונדערט טויזענד מאַן. אַז דער אָנפיהרער פון דער מרידה האָט דערזעהן די דאָזיגע גבורים, זאָל ער האָבען אויסגערופען: „רבונו של עולם! העלף נאָר אונזערע פיינד: אונז ברויכסטו ניט צו העלפען!"

פון די דאָזיגע אומגלויבליכע מעשיות קאָן מען מעהר ניט אַרויסדרינגען, אַז בר-כוכבא האָט זיך אויסגעצייכענט מעהר דורך זיין פיזישער קראַפט און דורך זיינע מיליטערישע טאַלענטען, איידער דורך זיינע גייסטיגע מעלות. ער איז

געווען די שטאַרקע האַנד פון פאָלק, און ר׳ עקיבא איז געווען דער קאָפּ פון פאָלק. מענשען, אַזעלכע ווי רבי עקיבא, האָבען בעגייסטערט, און בר-כוכבא מיט זיינע „גבורים״ זיינען אומערשראָקען געגאַנגען אין קאַמף.

ווי אַ שטרוים פון ברענענדיגער לאַווע, האָבען זיך פונאַנדערגעגאָסען איבער גאַנץ יהודה בר-כוכבא׳ס אָבטיילונגען, וואָס האָבען זיך געריסען אין קאַמף. זיי האָבען גענומען איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער, איין פעסטונג נאָך דער צווייטער. די רוימישע גאַרניזאָנען זיינען אין שרעק אָבגעטראָטען פאַר דער דאָזיגער מעכטיגער סטיכישער קראַפט. צו די אויפגעשטאַנענע אידען זיינען צוגעשטאַנען די אומצופרידענע עלעמענטען צווישען אַנדערע פעלקער פון פאַלעסטינע און סיריען, אַזוי אַז „די גאַנצע (מזרח׳דיגע) וועלט איז גע-ווען אין בעוועגונג״ — ווי עס דריקט זיך אויס דער כראָניקען-שרייבער.

נאָכ׳ן פערלויף פון אַ יאָהר צייט האָבען זיך שוין איינגעפונען אין די הענד פון די מורדים ביז פופציג בעפעסטיגטע ערטער און 985 שטעדט און דערפער אין יהודה, גליל און שמרון. ס׳איז מעגליך, אַז אויך די חרוב׳ע שטאָדט ירושלים איז געווען צווישען די ערטער, וואָס די מורדים האָבען זיי געהאַט איינגענומען. פאַר דער דאָזיגער השערה בעווייזען די קופערנע און בראָנזענע מטבעות, וואָס זיינען פערבליבען פון יענער צייט. אויף עטליכע פון זיי איז פאַרהאַן אויף איין זייט די אויפשריפט: „שמעון״, און אויף דער אַנדערער — „לחרות ירושלים״, דאָס הייסט, „צו דער בעפרייאונג פון ירושלים״. די דאָזיגע מטבעות האָט בר-כוכבא, משמעות, געלאָזט אויסקריצען צום זכר פון דער בעפרייאונג פון פאָלק, לויט׳ן מוסטער פון די מטבעות פון שמעון חשמונאי.

דער פערוואַלטער פון פאַלעסטינע רופוס איז ניט געווען בכח אָבצושטע-לען דעם זיגעס-צוג פון די מורדים. איהם איז געקומען צו הילף דער פער-וואַלטער פון סיריען מאַרצעלוס מיט זיינע לעגיאָנען, נאָר אויך ער האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג. דעמאָלט האָט הדרינוס געשיקט אין יהודה זיין מוטיגסטען קריגס-הויפטמאַן יוליוס סעווערוס, וואָס איז געוואָרען בעריהמט אין דער בריטאַנישער מלחמה.

ווענען אַ גענעראַל-שלאַכט מיט די אידישע קליינע מחנות, וואָס זיינען געווען צעזייהט און צעשפרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, איז ניט געווען וואָס צו טראַכטען. סעווערוס האָט בעדאַרפט פריהער פערטיליגען די קליינע גרופּעס מורדים אין זייערע בעהעלטענישען, אין די בעפעסטיגטע ערטער אָדער אויף די בערג, און ערשט דערנאָך געבען דעם לעצטען קלאַפּ דער גרויסער מאַסע פון די מורדים, אויב זיי וועלען זיך קאָנצענטרירען אין וואָסער עס איז בע-פעסטיגטען פונקט.

די מלחמה האָט זיך געצויגען זייהר לאַנג. די רוימער האָבען מיט גרויס מיה אַרויסגעשטופּט די אידען פון זייערע פּאָזיציעס. דאָס האָט זיי אָבער גע-קאָסט אַ סך מענשען-קרבנות. די פרטים פון דער דאָזיגער מלחמה זיינען ניט

בעוואוסט. אַן אומקלאָרע לעגענדע איז פערבליבען וועגען דעם, ווי אַזוי די רוימער האָבען איינגענומען דעם בעפעסטיגטען אָרט „טור מלכא" (דעם קעניגס באַרג), וואָס איהם האָט פערטיידיגט מיט מסירת-נפש דער אידישער העלד בר-דרומא. אַ שרעקליכע שלאַכט איז, אַפּנים, פאָרגעקומען אין טאָל רמון, פון וואַנען עס איז צום ערשטען אַרויס דער אויפרוף צו דער רעוואָלוציע (§ 14); די וואַסערן פונ'ם טייך קישון, וואָס פליסט דאָרט דורך, זיינען רויט געוואָרען פון די בלוט פון די פרייהייטס-קעמפער. אויף אַזאַ אופן האָבען די רוימער איינגענומען כמעט אַלע בעפעסטיגטע ערטער און האָבען פערטיליגט אַ סך אידישע פּאַרטיזאַנישע אָבטיילונגען.

בר-כוכבא איז מיט זיין הויפּט-אַרמיי און מיט אַ מאַסע פּליטים אָבגעטראָטען קיין ירושלים און האָט בעשלאָסען זיך צו פערטיידיגען אין דער בשכנות געלעגענער באַרג-פעסטונג ביתּ-טור אָדער ביתר. דעם דאָזיגען פּונקט האָט ער, משמעות, אויסגעקליבען דערפאַר, ווייל ירושלים, וואָס איז געווען חרוב און האָט ניט געהאַט קיין בעפעסטיגונגען, האָט ניט געקאָנט דינען אַ צענטער פאַר מיליטערישע אָפּעראַציעס.

די רוימער האָבען בעלעגערט ביתר. נאָכדעם ווי זיי האָבען אַריינגעטריבען די מורדים אין דער דאָזיגער פעסטונג, זיינען זיי שוין געווען זיכער אינ'ם נצחון, וואָרום אויב מען זאָל ניט קאָנען איינעמען די שטאָדט דורך אַ שטורעם, וועט מען דורך אויסהונגערן צווינגען די איינוואוינער זיך אונטערצוגעבען. די בעלעגערונג האָט לאַנג געדויערט, און די פערטיידיגונג פון די בעלעגערטע איז געווען אַ הארטנאַקיגע, נאָר קיין היסטאָרישע בעשרייבונג פונ'ם דאָזיגען לעצטען קאַמף איז צו אונז ניט דערגאַנגען.

די לעגענדע דערציילט מעהר ניט וועגען אַ סכסוך, וואָס איז אַרויסגעקומען אין יענער צייט צווישען בר-כוכבא און דעם תנא ר' אליעזר המודעי. דער ערשטער האָט פערטיידיגט די שטאָדט דורך זיין געוועהר, דער צווייטער האָט אונטערגעהאַלטען דעם גייסט פון די קריגסלייט דורך זיינע תפלות. איין מאָל איז בשעת דער תפלה צוגעגאַנגען צו ר' אליעזר'ן אַ שומרוני און האָט איהם עפּיס אַ זאַג געטאָן אין אויער. דעם שומרוני האָט מען אַרעסטירט, מחמת מען האָט איהם חושד געווען, אַז ער איז אַ שפּיאָן, און מען האָט איהם געפרעגט, וואָס האָט ער געזאָגט ר' אליעזר'ן; נאָר דער אַרעסטירטער האָט זיך אָבגעזאָגט צו אַנטפּלעקען דעם „סוד". דעמאָלט האָט בר-כוכבא געלאָזט רופען צו זיך ר' אליעזר'ן. נאָר פון איהם האָט ער ניט געקאָנט דערגייהן קיין ענטפער, מחמת דער זקן, וואָס איז געווען פערטיפט אין זיין תפלה, האָט ניט דערהערט דעם שומרוני'ס ווערטער. בר-כוכבא האָט דאָ חושד געווען אַ בגידה, און דעריבער איז ער אַריין שטאַרק אין כעס און האָט מיט אַזאַ כח אַ קלאַפּ געטאָן ר' אליעזר'ן, אַז דער זקן איז אַנידערגעפאַלען טויט. די אידישע לעגענדע איז מוסיף, אַז באַלד נאָך דעם דאָזיגען פערברעכען איז ביתר איינגענומען געוואָרען (ירושלמי תענית, פ"ד ה"א, מדרש איכה פ"ב).

ס'איז פאַרהאַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז ביים איינעמען ביתר האָבען

געהאָלפען שומרונישע שפּיאָנען, וואָס האָבען בעוויזען די רוימער אַן אונטערער-דישען גאַנג. נאָכ'ן איינעמען ביתּר (135) איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע שחיטה. ס'זיינען אומגעקומען בר-כוכבא און זיין גאַנצער חיל. אַלע פרידליכע איינוואוינער, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין פעסטונג, זיינען געוואָרען אויסגע'הרג'עט אָדער גענומען געפאַנגען. איינצעלנע אידישע אָבטיילונגען, וואָס האָבען זיך נאָך געהאַלטען אין עטליכע ערטער, האָט יוליוס סעווערוס צו ביס-לעכווייז פערטיליגט.

דריי מיט אַ האַלב יאָהר האָט געדויערט די מלחמה, און פאַר דער צייט זיינען אומגעקומען אַן ערך אַ האַלב מיליאָן אידען. נאָר גרויס זיינען אויך געווען די אָנווערען פון די רוימער. דאָס קאָן מען דרינגען דערפון, וואָס דער קייזער הדריינוס (וואָס אַ געוויסע צייט האָט ער אַליין גענומען אַן אָנטייל אין דער אידישער מלחמה), איז זיין ראַפּאָרט צום רוימישען סענאַט וועגען דעם אָבגעהאַלטענעם נצחון לאָזט דורך די געוויינליכע פראַזע פון דער הקדמה: „איך און דער חיל געפינען זיך אין אַ גוטען צושטאַנד". לכבוד דעם נייעם נצחון איבער די אידען האָט דער סענאַט ווידער אַמאָל אונטערגעטראָגען הדריינוס'ן דעם טיטעל „אימפּעראַטאָר", יוליוס סעווערוס האָט בעקומען „טריאומפס-צירונגען", און אַ סך סאָלדאַטען און אָפיצירען — מתּנות און מעדאַלען.

די לאַנגדויערנדיגע מלחמה האָט פערוויסט יהודה און האָט זי אויסגע-ליידיגט פון מענשען. חוץ די, וואָס זיינען אומגעקומען פון שווערד, זיינען געווען אַ סך געפאַנגענע, וואָס זיינען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען. מען דער-צייהלט, אַז אויפ'ן יריד ביי חברון, נעבען אברהמ'ס דעמב, האָט מען צונויפגע-פיהרט אַזוי פיעל אידישע געפאַנגענע, אַז איטליכען פון זיי פלעגט מען אויס-בייטען פאַר אַ פערד. די שקלאַפען, וואָס זיינען געבליבען ניט פערקויפט, האָט מען אַוועקגעפיהרט קיין עזה און אויף די מערק פון מצרים, און דערביי זיינען אַ סך אומגעקומען אונטערוועגס פון הונגער און פון שטורעמס אויפ'ן ים. אַ סך אידען האָבען זיך בעהאַלטען אין די הייהלען פון פאַלעסטינע, און אַנדערע האָבען זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפען קיין קליין-אַזיען, בבל און אַראַביען.

יאָהרען פון רדיפות און פון הריגות (135—138).

§ 16. נאָכדעם ווי דער קייזער הדריינוס האָט דערשטיקט די מרידה פון די אידען, האָט ער געקאָנט פערווירקליכען זיין אַלטען פלאַן: מאַכען ירושלים פאַר אַ היידנישער שטאָדט. ער האָט בעפויהלען אויסצובויען אויפ'ן אָרט פון דער אַלטער חרוב'ער הויפּט-שטאָדט אַ נייע שטאָדט און צו גרינדען דאָרט אַ רוימישע „קאָלאָניע". די דאָזיגע קאָלאָניע האָט בעדאַרפט בעשטייהן פון סאָל-דאַטען, וואָס האָבען אויסגעדינט זייער צייט, און פון אַנדערע קאָלאָניסטען — רוימער, גריכען און סיריער, בכלל מענשען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, חוץ דער אידישער. די נייע שטאָדט האָט בעקומען דעם נאָמען עליא קאַפּיטאָלינא

לכבוד דעם קייזער עליוס הדרינוס און דעם קאַפּיטאָלישען יופּיטער. דער הר־הבית איז אָבגערייניגט געוואָרען פון די חורבות, וואָס האָבען איהם בעדעקט זינט טיטוס'עס צייטען; דער פּערוואַלטער האָט בעפויהלען, מען זאָל איבעראַקערן דעם גאַנצען שטח מיט אַן אַקער־אייזען און אויסמעקען יעטווידער סימן, וואָס דערמאָנט אַן אַמאָליגען הייליגטום פון יהודה. אויפ'ן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען פריהער דער אידישער בית־המקדש, איז אויסגעבויט געוואָרען אַ טעמפּעל פאַר'ן קאַפּיטאָלישען יופּיטער; דאָרט האָט זיך אויך געפונען הדרינוס'עס דיינקמאָל.

ירושלים האָט בעקומען דעם אויסזעהן פון אַ גריכישער שטאָדט — מיט אַ טעאַטער, עפענטליכע בנינים און סטאַטועס פון די געטער. לויט דער קריסטליכער טראַדיציע, איז אויפ'ן אָרט פון ישו'ס קבר געוואָרען אויסגעבויט אַ געצענהויז פאַר ווענוס. אויפ'ן טויער אין דרום־זייט, אויפ'ן וועג קיין בית־לחם, איז געווען אויסגעמאָלט אַ חזיר. די אידען האָבען ניט געטאָרט אַפילו ווייזען זיך אין תחום פון שטאָדט; ווער עס האָט עובר געווען אויפ'ן דאָזיגען פערבאָט, דעם האָט געקומט טויט־שטראָף. דאָס פאָלק, וואָס איז צוויי מאָל בעזיגט געוואָרען אין בלוטיגען קאַמף, האָט ניט געטאָרט צוטרעטען נאָהענט צו זיין געוועזענער הויפּט־שטאָדט, וואָס פון איהרעטוועגען האָט עס בעוויזען אַזוי פיעל גבורה און געבראַכט אַזוי פיעל קרבנות.

נאָר הדרינוס האָט זיך ניט געוואָלט בעגענוגען דערמיט, וואָס ער האָט ד ע ר נ י ד ע ר י ג ט די אידען: ער האָט געשטרעבט צו פערטיליגען זיי אויך אין נאַציאָנאַלען זין. ער האָט געוואָלט אויסוואָרצלען יענעם גייסט, וואָס האָט אָבגעזונדערט די אידען פון דער היידנישער וועלט און האָט זיי געגעבען כח זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען דער אַרומיגער סביבה. צוליעב דעם צוועק האָט ער זיך גענומען פאַר דער אַלטער פּאָליטיק פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, עוקר מן השורש צו זיין די י ה ד ו ת, אַלס די לעבענס־קראַפט פון דער אידישער נאַציע. דער אונטערשייד צווישען אַנטיוכוס'ן און דעם רוימישען קיסר איז בעשטאַנען נאָר דעריין, וואָס דער לעצטער האָט ניט געצוואונגען דירעקט די אידען, זיי זאָלען אָננעמען דעם היידנישען קולט, ער האָט זיי נאָר ניט דערלאָזט אָבהיטען זייער אידישען קולט.

הדרינוס האָט אָבגעפרישט דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דאָמיציאַנוס'עס צייט, וואָס לויט איהם איז בכלל פערבאָטען געוואָרען אין די מזרח־רוימישע פּראָווינצען מל צו זיין די קינדער, מחמת דאָס האָט זיך גערעכענט אַזוי ווי מאַכען אַ מום. דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם געזעץ האָט איצט דער קייזער בעשטעטיגט פאַר די אידען דורך אַ בעזונדערן דעקרעט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ביי זיי עכענט זיך די מצוה פון מילה אַלס אַ סימבאָל פאַר'ן אַריינטרעטען אין „בריתו של אברהם אבינו". דער וואָס וועט עובר זיין אויפ'ן דעקרעט, דעם האָט געקומט טויט־שטראָף. חוץ דעם האָט מען פערבאָטען אָבצוהיטען שבת און צו לערנען תורה אין די בתי־מדרשים.

אַכטונג צו געבען, אַז די אידען זאָלען ניט עובר זיין אויף די אַלע אויבענדערמאָנטע פערבאָטען און גזירות, האָט מען איבערגעגעבען דעם פּער־

וואלטער פון יהודה, רופוס׳ן. דער דאָזיגער בעאַמטער, וואָס איז געווען צו שוואַך אין דער מלחמה מיט׳ן אויפגעשטאַנענעם פאָלק, האָט איצט געקאָנט אויסלאָזען זיין כעס צום בעזיגטען פאָלק. רופוס איז געווען גוט בעקאַנט מיט׳ן אידישען לעבענספיהר, ווייל ער האָט זייהר אַ לאַנגע צייט געדיענט אין פאַלעסטינע, און דעריבער האָט ער געקאָנט אויספיהרען די שליחות, וואָס איהם איז געגעבען געוואָרען, מיט דער אויסערסטער אכזריות. ער האָט ברייט אויסגעטייטשט דעם פשט פונ׳ם קייזער׳ס דעקרעט און האָט איהם אָנגעווענדט כמעט בנוגע צום גאַנצען אידישען קולט און גייסטיגען לעבען. אומעטום האָבען, לויט רופוס׳עס בעפעהל, אַרומגעגישטערט רוימישע שפּיאָנעס, האָבען אויסגעזוכט די מענשען, וואָס האָבען מקיים געווען אידישע רעליגיעזע מנהגים אָדער וואָס האָבען גע-האַלטען געהיימע שולען פאַר קינדער, און פלעגען זיי איבערגעבען אין די הענד פון דער רעגירונג, וואָס האָט זיי געלאָזט טויטען אָהן רחמנות. די צאָהל פון די שפּיאָנעס און מוסרים איז אַלץ גרעסער געוואָרען, און קיין איין איד, בעזונדערס אויב ער איז געווען אַן אָנגעזעהענער כלל-טוער, איז ניט געווען כ בַר, אַז מען זאָל איהם ניט פּלוצלונג אַרעסטירען.

די צייט איז געווען אַ שרעקליכע. אין תלמוד ווערט זי אָנגערופען: „שעת השמד” אָדער „שעת הסכנה”, דאָס הייסט, די צייט פון רעליגיעזע רדיפות אָדער די צייט פון סכנה. מחמת דער גרויסער סכנה, וואָס אין איהר האָט געשוועבט די יהדות, איז פאָרגעקומען אין דער שטאָדט לוד אַ געהיימע בעראַטונג פון די תנאים, וואו ס׳איז אַרומגעקלערט געוואָרען די שאלה: צי מעג אַ איד זיך אָבזאָגען צייטווייליג פון זיין אמונה, בכדי צו ראַטעווען זיין לעבען, אין פאַל, אויב אָבהיטען אידישקייט איז אַ סכנה פאַר איהם, אָדער ער מוז זיך לאָזען טויטען אפילו איבער דער קלענסטער מצוה (יעבור ואל יהרג, או יהרג ואל יעבור). די מיינונגען זיינען געווען פערשיידען: אייניגע האָבען געהאַלטען, אַז איטליכער איז מחויב מקריב צו זיין זיין לעבען צוליעב דער אמונה; אַנ-דערע ווייטער האָבען אָנגעוויזען דערויף, אַז דאָס וואָלט געווען גלייך צו אַ זעלבסטמאָרד, און אַז בכן קאָן מען ניט אָנרופען מיט׳ן נאָמען „משומד” אַזאַ אידען, וואָס איז געווען געצוואונגען על-פי אונס זיך אָבצוזאָגען צייטווייליג פון זיין רעליגיע. נאָך לאַנגע און הייסע ויכוחים צווישען די צוויי מיינונגען, זיינען זיי געקומען צו אַ פשרה-בעשלוס, אַז איטליכער איד איז מחויב מקריב צו זיין זיין לעבען בלויז אין דריי פאַלען: אויב מען וועט איהם צווינגען צו דינען געצענבילדער, עובר צו זיין די געזעצען פון זיטליכקייט און צו פער-גיסען בלוט (על כל המצוות שבתורה יעבור ועל יהרג, חוץ מעבודת כוכבים, גלוי עריות ושפיכות דמים, שעליהם יהרג ועל יעבור; בבלי סנהדרין, ע״ד, עבודה-זרה, כ״ז).

אין דער פּראַקטיק אָבער האָט איטליכער געטאָן אַזוי, ווי איהם איז דאָס ניחא געווען: אייניגע האָבען אין שעת הסכנה זיך געמאַכט כלומר׳שט ווי זיי זאָגען זיך אָב פון דער רעליגיע, אַנדערע ווידער האָבען ווייטער אָפען אָדער

בעהאַלטענערהייד מקיים געווען אַלע מצוות און מנהגים פון דער אידישער אמונה, ביז וואַנען דער רוימישער תליון האָט זיי גענומען דאָס לעבען.

אַ בעזונדערע העלדישקייט האָט אַרויסגעוויזען רבי עקיבא, וואָס אויף זיין אויפפיהר האָט די רוימישע רעגירונג מעהר פון אַלץ אויפגעפּאַסט. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעוואָהרען די האָפנונג אויף אַ גיכער פּאָליטישער אויפלעבונג פון פון זיין פאָלק, האָט ער ווייטער געפיהרט מיט גרויס ענערגיע זיין גייסטיגע אַרבייט, און ניט געקוקט אויף די התראות פון זיינע גוטע פריינד, האָט ער עפענטליך געלערענט תורה מיט זיינע תלמידים.

אַז איינער פון זיינע גוטע פריינד האָט איהם אַ פרעג געטאָן: „צי דען האָסטו ניט קיין מורא פאַר דער רוימישער רעגירונג?" — האָט איהם ר׳ עקיבא געענטפערט מיט אַזאַ משל: איין מאָל איז אַ פוקס געשטאַנען ביי אַ טייך און האָט געזעהן, ווי די פיש שווימען אַרום געשווינד אין וואַסער פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערן. „פאַר וועמען אַנטלויפט איהר?" — האָט דער פוקס געפרעגט. „מיר אַנטלויפען פאַר די נעצען, וואָס די מענשען האָבען אויסגעשטעלט, בכדי אונז צו כאַפּען", האָבען געענטפערט די פיש. דעמאָלט האָט דער פוקס געזאָגט: „קומט אַרויס אויף דער יבשה און לאָמיר לעבען אינאיינעם, ווי עס האָבען געלעבט אייערע עלטערן מיט אונזערע". נאָר די פיש האָבען געענטפערט: „וועגען דיר, פוקס, זאָגט מען, אַז דו ביזט די קליגסטע פון די חיות; נאָר דיין עצה בעווייזט פונקט דעם היפוך דערפון. וואָרום אויב אין וואַסער, אין אונזער לעבענס-סטיכיע, שוועבען מיר אין אַ שטענדיגער סכנה, היינט ווי זאָלען מיר ניט מורא האָבען פאַר דער יבשה, וואו מיר קאָנען בכלל ניט לע-בען!" — „אָט דאָס איז — האָט רבי עקיבא ווייטער גערעדט — אויך אונזער לאַגע. אויב פאַר אונז איז אַ סכנה, בשעת מיר לערנען תורה, וואָס וועגען איהר איז געזאָגט געוואָרען, אַז „היא חייך ואורך ימיך" (זי איז דיין לעבען און די פער-לייגערונג פון דיינע טעג), היינט וואָס וועט שוין ווערען פון אונז, אַז מיר וועלען אַוועקלאָזען די דאָזיגע לעבענס-תורה!"

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען ר׳ עקיבא׳ן געכאַפּט און אַריינגע-וואָרפען אין תפיסה. רופוס האָט בעשלאָסען צו בעשטראָפען אויף זייהר אַ האַרבען אופן דעם גייסטיגען אָנפיהרער פון די אידען, וואָס האָט דער ער-שטער אויפגעמונטערט בר כוכבא׳ן צום קאַמף. נאָכדעם ווי ער האָט אָבגע-האַלטען ר׳ עקיבא׳ן אַ לאַנגע צייט אין תפיסה, האָט רופוס איהם אַרויסגעפיהרט אויפ׳ן פלאַץ איהם צו טויטען און האָט געריסען זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען. ר׳ עקיבא האָט אויסגעהאַלטען די דאָזיגע שרעקליכע ענויים מיט אַ וואונדערהאַפטיגער פעסטיגקייט און אונטער דעם תליונ׳ס הענד האָט ער ניט אויפגעהערט איבער׳צוחזר׳ן דעם פסוק: „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!"

און די אגדה איז מוסיף: אַז רבי עקיבא האָט דערזעהן זיינע תלמידים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: „כל ימי, אַז איך פלעג קומען צום פסוק אין דער תורה: „ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל

נפשך ובכל מאדך״ (און דו זאָלסט ליעב האָבען גאָט מיט דיין גאַנצען האַרצען, מיט דיין גאַנצער נשמה, מיט דיין גאַנצען אייגענס), — פלעג איך זיך שטאַרק מצער זיין. איך האָב ליעב געהאַט גאָט מיט׳ן גאַנצען האַרצען און האָב צוליעב איהם מקריב געווען מיין גאַנצען אייגענס, נאָר דעם דריטען פונקט האָב איך נאָך ניט מקיים געווען: ׳מיין לעבען האָב איך נאָך ניט אָבגעגעבען פאַר גאָט. איצט האָב איך זוכה געווען אויך דאָס מקיים צו זיין״. און ר׳ עקיבא האָט ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין, ביז די נשמה איז איהם אויסגעגאַנגען, בשעת ער האָט געהאַלטען ביים „אחד״.

ר׳ עקיבא איז געווען איינער פון די צעהן תנאים, וואָס זיינען אומגעקומען אין איין צייט מיט איהם פאַר׳ן עובר זיין דעם קייזערס דעקרעט וועגען דער יהדות. דאָס זיינען די בעוואוסטע „ע ש ר ה ה ר ו ג י - מ ל כ ו ת״. צווישען זיי איז געווען אויך ר׳ עקיבא׳ס חבר, וואָס האָט מיט זיינע אויגען געזעהן נאָך די מלחמה מיט אספסינוס׳ן, דער אַלטער ר׳ ישמעאל בן-אלישע (§ 8). דורך זיין טויט אויף קדוש-השם איז בעריהמט געוואָרען רבי ח נ נ י ה ב ן - ת ר ד י ו ן. פונקט אַזוי ווי ר׳ עקיבא, האָט רבי חנניה עפענטליך געלערנט מיט זיינע תלמידים און געהאַלטען דרשות, האָבענדיג אין דער האַנד אַ ספר תורה. איינער פון זיינע חברים, יוסי בן-קסמא, האָט צו איהם געזאָגט: „שוין-זשע, ברודער זעהסטו ניט, אַז מן השמים שיצט מען די רוימישע מלוכה? די דאָזיגע אומה האָט חרוב געמאַכט אונזער בית-המקדש, דער׳הרג׳עט אונזערע צדיקים און פערטיליגט די בעסטע — און פונדעסטוועגען שטייהט זי פעסט. צוליעב וואָס בעדאַרפסטו לערנען תורה קעגען דעם דעקרעט? ס׳וועלען דאָך קומען די רוימישע בעאַמטע און וועלען פערברענען דיך אינאיינעם מיט דער ספר-תורה!״

די התראות פונ׳ם שרעקעדיגען „רודף-שלומ׳ניק״ האָבען אָבער ניט גע־ווירקט אויף ר׳ חנניה׳ן, און ער האָט ווייטער געטאָן זיין זאַך, ביז מען האָט איהם אַרעסטירט. ר׳ חנניה׳ן האָט מען אָנגעטאָן אַ שרעקליכען טויט: מען האָט איהם אַרויפגעוואָרפען אויף אַ שייטערהויפען פון נאַסע האָלץ, און דערביי האָט מען איהם אַרומגעוויקעלט דעם גוף מיט דער ספר-תורה, וואָס מען האָט ביי איהם געפונען, און אויפ׳ן האַרצען האָט מען איהם אַרויפגעלייגט נאַסע שוואָמען, בכדי ער זאָל פאַמעליך פערברענט ווערען. זיין טאָכטער, וואָס האָט געוויינט און געקלאָגט, שטייהענדיג ביים שייטערהויפען, האָט דער תנא געטרייסט מיט די ווערטער: „דער וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַר דער דערנידעריגונג פון דער הייליגער תורה, דער וועט זיך אויך פאַר מיר נוקם זיין!״

דער לעצטער פון די „עשרה הרוגי-מלכות״, דער אַלטער ר׳ י ה ו ד ה ב ן - ב ב א, איז געשטאָרבען דערפאַר, ווייל ער האָט געזאָרגט פאַר דער צוקונפט פון דער קאָלעגיע תנאים. נאָכדעם ווי אַ סך פון ר׳ עקיבא׳ס חברים און תלמידים זיינען אומגעקומען בשעת דער מרידה אָדער זיינען געפאַלען פאַר קרבנות פון די רעליגיעזע רדיפות, האָט רבי יהודה צונויפגעקליבען די, וואָס זיינען נאָך גאַנץ געבליבען, און איז אַוועק מיט זיי אין אַן אָבגעלעגענעם טאָל, צווישען די שטעדט א ו ש א און ש פ ר ע ם. דאָרט האָט ער, אַלס דער עלטסטער

פון ר׳ עקיבא׳ס חברים, וואָס זײנען לעבען געבליבען, געגעבען „סמיכה״ זעקס תּלמידים און געמאַכט זײ פאַר תּנאים און איבערגעגעבען זײ בצוואה, אַז זײ זאָלען אָנפיהרען דאָס פאָלק, אויפ׳ן אָרט פון די געטויטעטע גײסטיגע פיהרער. אַז ר׳ יהודה האָט דערזעהן פון װײטענס קומענדיג די רוימישע סאָלדאַטען, האָט ער אַ געשרײ געטאָן צו זײנע חברים: „קינדער, ראַטעװעט זיך!״ — און אַלײן איז ער געבליבען אויפ׳ן אָרט. די סאָלדאַטען האָבען איהם דערשטאָכען מיט זײערע שפּיזען און געמאַכט זײן קערפּער, „װי אַ זיפּ״ (ועשוהו ככברה).

דאָס איז געװען דער טראַגישער סוף פונ׳ם פאָלקס־אויפשטאַנד אין הדריגוס׳עס צײט. דער שונא, װאָס האָט אײנגעבראָכען די פּאָליטישע קראַפט פון אידישען פאָלק, האָט איצט געפּרובט אויך צעברעכען זײן גײסטיגע מאַכט, זײן נאַציאָנאַלע אײגענאַרטיגקײט. דאָס ערשטע האָט זיך די רוימער אײנגעגעבען, דאָס צװײטע האָט זיך ניט אײנגעגעבען ניט זײ און ניט די, װאָס זײנען געװען נאָך זײ אויף דער אַרענע פון דער װעלטגעשיכטע. איבער דער גײסטיגער גבורה פון די אידען זײנען אַפילו זײערע שונאים נשתּומם געװאָרען. דער דאָזיגער בעל־כּרחו׳דיגער אַכטונגס־געפיהל איז גוט געשילדערט אין אַ לעגענדאַרישער מימרא הדריגוס׳עס, װאָס זאָל האָבען געזאָגט אין אַ שמועס מיט ר׳ יהושע בן־חנניה: „גרויס מוז זײן די שאָף, װאָס שטײהט צװישען זיבעציג װעלף״.

די געשעהענישען פון הדריגוס׳עס עפּאָכע בעשטימט דעם גורל פון די אידען־קריסטען. בשעת בר־כּוכבא׳ס מרידה האָבען די סעקטירער זיך געפונען אין אַ שװערער לאַגע. צושטײהן צו די פּאַטריאָטען, װאָס האָבען געקעמפט אין נאָמען פון פרײהײט און װאָס האָבען בעטראַכט בר־כּוכבא׳ן פאַר׳ן פּאָליטישען משיח, דאָס האָבען זײ ניט געקאָנט, מחמת זײ האָבען שוין פון לאַנג אָן אָבגעלײקענט אין אַ פּאָליטישען משיח און געגלויבט נאָר אין אַ מיסטישען, װאָס בעדאַרף אויסקויפען די זינד. דאָס פאָלק, װאָס איז געװען אַרומגענומען מיט רעװאָלוציאָנערער התלהבות, האָט גע׳רודפ׳ט די סעקטירער פאַר זײער גלײכגילטיגקײט בנוגע צו דער פאָלקס־זאַך, און אַ סך פון זײ זײנען אַנטלאָפען געװאָרען פאַר די דאָזיגע רדיפות אויף יענער זײט ירדן. דער אומגליקליכער סוף פון דער מרידה האָט אין פלוג בעדאַרפט געבען די אידען־קריסטען אַ בעפרײדיגונג און בעפעסטיגען זײער גלויבען אין אַ מיסטישען משיח. נאָר דאָס, װאָס ירושלים איז געװאָרען אַ הײדנישע שטאָדט, און װאָס די הײליגע ערטער זײנען פערשװעכט געװאָרען, האָט געמאַכט אויף זײ זײהר אַ שװערען רושם. די רעליגיעזע רדיפות, װאָס זײנען דערנאָך געקומען, האָבען אָנגעריהרט אויך די סעקטירער, װײל הדריגוס׳עס בעאַמטע האָבען אָפטמאָלס ניט געמאַכט קײן אונטערשײד צװישען זײ און צװישען די אמת׳ע אידען.

דאָס האָט בעװאויגען די אידען־קריסטען זיך אָבצוזאָגען פון זײער אָנגעהעריגקײט צום אידישען פאָלק און אַרויסצוטרעטען פון די אידישע קהלות. די אָנפיהרער פון דער קריסטליכער אָרגאַניזאַציע זאָלען האָבען אַװעקגעשיקט צום קײזער הדריגוס אַ שריפטליכע ערקלערונג, אַז דער קריסטענטום האָט גאָרנישט

צו טון מיט דער יהדות. זינט יענער צייט דערנעהנטערן זיך די אידען-קריסטען אַלץ מעהר צו די געמיינדעס פון די היידען-קריסטען, וואָס האָבען זיך שוין זינט לאַנג געהאַט אָבגעזאָגט פון די אידישע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. פון אַ אידישער סעקטע ווערט דער קריסטענטום בהדרגה פערוואַנדעלט אין אַ זעלבשטענדיגער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַ געווויסע קרוב'עשאַפט מיט דעם אידין שען רעליגיעזען פערבאַנד, נאָר אין תוך גענומען איז ער גאַנץ פערשיידע און איהם.

צווייטע אבטיילונג.

די העגעמאָניע פון ארץ־ישראל: פון בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד ביז׳ן אונטערגאַנג פון דער נשיאות.

(395 — 138)

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 17. דאָס לעצטע מאָל איז אַרויסגעפאַלען די שווערד פון די הענד פון די קעמפער פאַר דער פרייהייט פון יהודה. בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד איז געווען די לעצטע פאָליטישע מלחמה אין דער אידישער געשיכטע. וואָס־זשע וועט איצט טון די נאַציע, וואָס איז בעזיגט געוואָרען אויפ׳ן שלאַכט־פעלד? שוין־זשע וועט זי אַוועקלייגען די געוועהר און וועט אויפהערען צו קעמפען? ניין, זי וועט בלייבען בעוואָפענט, אָבער ניט מיט גשמיות׳דיגע כלי־זין. זי וועט ווייטער פיהרען איהר קאַמף, אָבער אין דער געשטאַלט, וואָס זי איז געווען צוגעפאַסט צו איהר אין משך פון איהר געשיכטע. דאָס אידישע פאָלק קעהרט זיך איצט ווידער אום צו יענער סיסטעם פון פאַסיווען ווידערשטאַנד, וואָס נאָר אין זעלטענע מאָמענטען איז עס געוואָרען אָבגעצויגען דערפון און איז געווען געצוואונגען אַריינצולאָזען זיך אין בלוטיגע מלחמות. די דאָזיגע מלחמות האָבען די אידען געמוזט פערשפּילען, ווייל זיי זיינען געווען צו שוואַך אין פערגלייך מיט זייערע שונאים. רוים האָט אַרויסגעריסען ביים פאָלק פון די הענד די מיליטערישע געוועהר, נאָר זי האָט ניט געקאָנט אָבנעמען יענע גייסטיגע געוועהר, וואָס אין איהר איז דער איד געווען איינגעשמידט פון קאָפּ ביז די פיס. הדרינוס האָט געפּרובט אַפילו דאָס צו טון, ער האָט געפּרובט דורכצושלאָגען דעם פעסטען פאַנצער פון דער יהדות, וואָס האָט געשיצט דאָס אידישע פאָלק,—נאָר ער האָט גאָרנישט ניט אויפגעטאָן: ער האָט נאָר געשאַפען מענשען, וואָס זיינען געשטאָרבען אויף קדוש־השם אָבער ניט קיין בוגדים.

זינט יענער צייט הערען די אידען אויף אַקטיוו מלחמה צו האַלטען מיט זייערע שונאים. אָנשטאָט דעם האָבען זיי, בכדי צו פערטיידיגען זייער קיום אַלס נאַציע, זיך בעפעסטיגט אין יענער סיסטעם פון פאַסיווען ווידערשטאַנד, וואָס די פרושים האָבען אויסגעאַרבייט און די טוער פון׳ם סנהדרין אין יבנה און די שפּעטערדיגע דורות האָבען זי אויסגעבעסערט. שטרעב צו דער גרעסטער

אינעוויינעגסטער אויטאָנאָמיע, וועלכע איז נאָך מעגליך ביי דער פּאָליטישער אָבהיינגיגקייט! — אָט דאָס איז דער ערשטער לאָזונג פון דער דאָזיגער סיסטעם. שטעל זיך ארויס קעגען אַלץ, וואָס קאָן פיהרען צו דער צונויפגיסונג אָדער אסימילירונג מיט די אַרומיגע פעלקער! — דאָס איז דער צווייטער לאָזונג.

אין דער צייט, ווען אַלע פעלקער פון דער רומישער מלוכה זיינען מעהר אָדער ווייניגער ראָמאַניזירט געוואָרען, בלייבט דאָס אידישע פאָלק אַן אויסנאַם אין דעם פּרט. דאָס אידישע פאָלק בעשיצט זיך מיט נאַטירליכע און קינסטליכע פעסטונגען און בלייבט פעסט און אומבעריהרט אין זיין אינעווייניגסטען לעבען. דאָס פאָדערט אָבער צו זיין שטענדיג בעוואָפענט און שטייהן תמיד אויף דער וואַך צו שיצען זיך.

די אידישע נאַציע ווערט אַרומגערינגעלט מיט אַזעלכע עלעמענטען, וואָס זיינען איהר פיינדליך און פרעמד לויט זייער גייסט, און דאָס ברייננגט זי דער־צו, אַז זי ווערט אַ גייסטיגע אַרמיי, וואו דער עיקר איז דיסציפּלין, גע־הארכזאַמקייט און אַ פעסטגעשטעלטע אָרדענונג. די פאָרמען פון דער דאָזיגער אָרדענונג ווערען ביז אין די קלענסטע פּרטים אויסגעאַרבייט אין דער געזעצגע־בונג פון דער משנה און תלמוד, וואָס האַלט אין איין וואַקסען. בנוגע צו מי־ליטערישער דיסציפּלין פרעגט קיינער ניט: פאַרוואָס איז דאָס אָדער יענץ נויטיג אָדער אַ חוב? ס'איז נויטיג שוין דערפאַר אַליין, וואָס עס דיסציפּלינירט. דעריבער פרעגט ניט קיין קשיות, צוליעב וואָס בעדאַרף מען האָבען אַלע די דאָזיגע אומצייהליגע רעליגיעז־צערעמאָניעלע געבאָטען, די גאַנצע אומגעהייערע מאַסע כללים פאַר'ן לעבענספיהר, וואָס רעגולירען איין איטליכען שריט אין דעם אידענס לעבען: דאָס איז נויטיג צוליעב דער דיסציפּלין. דער סך־הכל פון אַלע די דאָזיגע דינים, צערעמאָניעס און מנהגים איז געווענדט דערויף, בכדי צו ברייננגען צו אַ שטרייננגער איינאַרטיגקייט די גאַנצע לעבענסאָרדענונג פון דער צעזייהטער און צעשפּרייטער נאַציע, בכדי אַ איד זאָל קאָנען אומעטום דערקע־נען אַן אַנדער אידען לויט'ן אייגענאַרטיגען לעבענספיהר. דאָס איז די אוניפאָרם, וואָס לויט איהר דערקענען איינער דעם אַנדערן די סאָלדאַטען פון איין אַרמיי, וואָס איז צעוואָרפען איבער אַ גרויסער טעריטאָריע. אויפ'ן גאַנצען אָהן־שעור'די־גען שטח פון די גלות־לענדער, צווישען אַלע ראַסען און פעלקער בילדען די אידען איין אָרגאַניזירטען גייסטיגען חיל, וואָס פאָלגט פּינקטליך די בעפעהלען פון זיין מיליטערישען קאָדעקס. ער פערטיידיגט זיך, נאָר ער פאַלט ניט אָן; ער צאַמט אַרום זיין אינעווייניגסטען לעבען, אַזוי אַז עס זאָלען ניט קאָנען אַריינדרינגען צו איהם די פרעמדע עלעמענטען, וואָס זיינען פאַר איהם געפעהר־ליך; ער פערטיידיגט זיין אינדיווידואַליטעט, זיין רעכט אויף אַ פרייער, אייגענ־אַרטיגער ענטוויקלונג.

די דאָזיגע סיסטעם האָט געפאָדערט גרויסע קרבנות פון איטליכען יחיד, אויב זיין פּערזענליכקייט איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט. די אינדיווידועלע פרייהייט פונ'ם מענשען האָט אויף שריט און טריט געמוזט געבראַכט ווערען פאַר אַ קרבן דער אינדיווידועלער פרייהייט פון דער נאַציע. דער יחיד איז גע־

ווען איינגעאיינגט ניט בלויז אין פּראַקטישען לעבען, נאָר אויך אין געביט פון גייסטיגער שאַפונג. אַלצדינג, וואָס איז אַריבער איבער די גרעניצען פון רעליגיעז-נאַציאָנאַלער וויסענשאַפט און האָט זיך דערנעהנטערט צו דער פרייער פילאָזאָפישער חקירה, איז געווען פערבאָטען. ווייל דאָס איז „חכמת יון" (גריכישע חכמה). וויפיעל טראַגישע צוזאַמענשטויסונגען האָט געבראַכט מיט זיך דער דאָזיגער שטריינגער רעזשים? צו אונז איז דערגאַנגען נאָר איין פערשטיקטער פּראָטעסט — פון'ם פריידיינקער אלישע-אחר, וואָס אויף זיין נאָמען ליגט דער חותם פון שאַנד, דערפאַר וואָס ער איז אַוועק פון דער תורה צו „חכמת יון", — ס'קאָן זיין, אַז צום האַלב-קריסטליכען גנאָסטיציזם. ניט איין מאָל האָט זיך מסתמא אָבגעהאַקט דער דרייסטער פליהען פון פערשטאַנד, וואָס האָט זיך געריסען אין דער ווייטער וועלט אַרויס, נאָר דורך דער קראַפט פון אַן אייזערנער דיסציפּלין איז ער צוגעשמידט געווען צו אַ בעשטימטער פאָרם. ניט איין מאָל איז דער געשריי פון'ם פרייען געדאַנק פערשטיקט געוואָרען דורכ'ן אומרוהיגען אויטרוף: אַ בגידה!

אין דער דאָזיגער צוזאַמענשטויסונג פון דער פרייהייט פון דער פּערזענליכקייט מיט דער פרייהייט, דאָס הייסט, אייגענאַרטיגקייט פון דער נאַציע— בעשטייהט די טיפע טראַגעדיע פון אַ סך יאָהרהונדערטען פון דער אידישער געשיכטע. ווען אַ פאָלק געפינט זיך כסדר אינ'ם צושטאַנד פון זעלבסטשוץ, מוזען זיינע מיטגלידער מיט געדולד אַריבערטראָגען אַלע שווערע זעלבסטבעגרעניצונגען פון מלחמה-צייט. די גייסטיגע דיקטאַטאָרען פון פאָלק, זיינע אָנפיהרער אין קאַמף, פלעגען אָפטמאָלס אַריבערטרעטען די גרעניצען פון דער נויטווענדיגער איינרעגולירונג און צושווער מאַכען דעם „יאָך פון דער תורה". אָבער די אַלגעמיינע ריכטונג פון זייער טעטיגקייט איז געווען אַרויסגערופען דורך די מעכטיגע פאָדערונגען פון לעבען, דורך דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט.

די עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען (138–395), ציהט זיך צווישען צוויי שווערע קריזיסען פאַר'ן אידישען פאָלק: צווישען די רדיפות פון הדריינוס'ן, וואָס איז געווען דער העכסטער פאָרשטייהער פון היידנישען רוים, און צווישען דעם רעזשים פון געזעצגעבערישע בעגרעניצונגען, וואָס די ערשטע קריסטליכע קיסרים פון רוים האָבען איינגעפיהרט פאַר אידען. צווישען די דאָזיגע צוויי אומרוהיגע מאָמענטען בעוועגט זיך דער ראָד פון דער געשיכטע. אין מיטען די צוויי מאָמענטען איז געווען לפי ערך רוהיג. דאָס איז געווען אַ צייט פון קלענערע צרות, וועלכע זיינען אפילו ניט אַריין אין דער אידישער געשיכטע, וואָרום— ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון די הויפּט-טוער פון יענער צייט —„ס'וואָלטען ניט געקלעקט קיין כחות דאָס אַלצדינג צו פערשרייבען".

הדריינוס'עס אונטערדריקונגען זיינען אָבגעשוואַכט געוואָרען אין דער צייט פון די קיסרים, וואָס זיינען געווען נאָך איהם — די אַנטונינוס'עס. אין דער דאָזיגער צייט פון שטילשטאַנד ווערען אַלע כחות פון פאָלק אויסגענוצט אויף דער גרויסער אַרבייט אויפצוריכטען די צעטרייסעלטע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג. די נאַציאָנאַלע אָנפיהרערשאַפט איז נאָך אַלץ פערבונדען מיט'ן געבאָרען-לאַנד —

מיט ארץ־ישראל, נאָר דער צענטער פון דער פערוואַלטונג רוקט זיך אַריבער פון דער פּערוויסטער יהודה אין גליל. אַהין ווערט אַריבערגעטראָגען דער אויפגעריכטער סנהדרין, די רעזידענץ פונ׳ם נשיא און די גרעסטע ישיבות (אושא, צפורי, טבריא). די טעטיגע כחות פון דער נאַציע קאָנצענטרירען זיך אַרום דעם נשיא, וואָס איז דער סימבאָל פון דער אינעווייניגסטער אווטאָנאָמיע.

אין דער צייט פון רבי יהודה הנשיא, ר׳ גמלאל דיבנה׳ס אייניקעל, דערגרייכט די נשיאות צו איהר העכסטער מדרגה. לויט׳ן אויפטו פונ׳ם דאָזיגען נשיא, ווערט געמאַכט דער ערשטער שריפט אויף פעסטצוהאַלטען די „תורה שבעל־פה" אין אַ שריפטליכען קאָדעקס. די חתימת המשנה (אַן ערך אין יאָהר 200) בילדעט אַ ווענדונגס־פּונקט אינ׳ם גייסטיגען לעבען פון אידישען פאָלק; די רופט אַרויס אַן אויפלעבונג אין גייסטיגען שאַפען, וואָס איהר גלייכען איז נאָך נים געוועזען.

נאָך דער עפּאָכע פון די תנאים, די בעשעפער פון דער משנה, קומט די עפּאָכע פון די אמוראים, די מפרשים פון דער משנה און די בעשעפער פונ׳ם תלמוד. די טראַדיציע אָנערקענט, אַז די אמוראים שטייהען מיט אַ מדרגה נידעריגער פאַר די תנאים; נאָר לויט זייער גרויסער צאָהל און לויט דער שטאַרקייט און טיעפקייט פון זייער אַרבייט שטייגען זיי אַריבער די תנאים. אַ ברייטער שטרוים פון גייסטיגער שאַפונג גיסט זיך אַריבער פון די ברעגעס פון ירדן צו די ברעגעס פון פרת און חדקל. עס וואַכען אויף די גלות־לענדער.

פון היסטאָרישען חושך טרעטען אַרויס אין III־טען יאָהרהונדערט די אידען פון בבל, וואָס זיינען שטאַרק דורך זייער אַווטאָנאָמער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וואָס האָבען זייערע ראשי הגולה (רישי־גלותא), זייער געריכטליכע און אַדמיניסטראַטיווע אַנשטאַלטען, זייערע ישיבות. זיי געפינען זיך אויסערהאַלב דעם ווירקונגס־קרייז פון רוים און פיהלען נים אַזאַ פּאָליטישען דרוק, ווי די אידען פון ארץ־ישראל. בנוגע צו דער קולטור שטייהען זיי נאָך פאָרמאַל אונטער דער העגעמאָניע פון פאַלעסטינע, נאָר דאָס איז נאָר אַ העגעמאָניע לשם כבוד. אין דער אמת׳ן קאָנקורירען די אידען פון בבל מיט ערפאָלג קעגען זייערע פאַלעסטינישע ברידער אין אַלע געביטען פון געזעלשאַפטליכער און גייסטיגער טעטיגקייט, און בנוגע צום לערנען תורה יאָגען זיי זיי סוף־כל־סוף אַריבער.

סיי אין פאַלעסטינע, סיי אין בבל איז איצט דער בית־המדרש, וואו מען לערנט תורה, דער הויפּט־בעוועגער פון לעבען. פאַר די אמוראים פון ביידע לענדער ווערט די משנה אַ „צווייטע תורה", אַ מקור פאַר גרויצגעבערישע פירושים און טיעפע וויסענשאַפטליכע חקירות. אויסאַרבייטענדיג די עקסיסטירענדע כללים פונ׳ם רעכט, דרינגט די ישיבה אַרויס פון זיי אויפ׳ן וועג פון פלפול אַ סך נייע כללים, וואָס ווערען אָנגענומען פאַר אַלגעמיין־גילטיגע, ווערען פון זייער זייט אַ מקור פאַר וויטערדיגער פאָרשונג.

מדרגות׳ווייז פערשווינדט דער גרעניץ צווישען ציעל און מיטעל, צווישען פראַקטישער בעאַרבייטונג פון די דינים און טעאָרעטישע חקירות, צווישען געזעצגעבונג און געזעצפאָרשונג. די מסקנות פון די געלערנטע אין די ישיבות ווערען אָנגענומען אין פראַקטישען לעבען פאַר אַלגעמיין-גילטיגע דינים אָפטמאָלס ניט דערפאַר, ווייל דאָס לעבען פאָדערט דאָס, נאָר ווייל די געלערנטע בר-סמכא׳ס האָבען זיי אויסגעאַרבייט. די שולע הערשט איבער׳ן לעבען, גייהט פאָרויס פאַר איהם, אָנשטאָט צו דיענען איהם און צו גייהן נאָך איהם. די טעטיגקייט פון די פאָרשטייהער פון דער געזעלשאַפטליכער זעלבסטפערוואַלטונג— פון די נשיאים און פון די ראשי הגולה — ווערט אָבגעשטופט אויפ׳ן הינטערשטען פלאַן דורך דער רעש׳דיגער בשותפישער אַרבייט פון די געלעהרנטע געזעצפאָרשער און מפרשים, וואָס גרייטען צו דורך דער תלמוד-וויסענשאַפט (דער אייגנפאַכער פשט פונ׳ם וואָרט „תלמוד״ איז „וויסענשאַפט״, „לערנען״) דעם תלמודגעזעץ-בוך, וואָס אין דער שפּעטערדיגער צייט האָט ער רעגולירט אַלע לעבענספונקציעס פונ׳ם יחיד און פון דעם כלל.

זינט דעם אָנהויב פון IV-טען יאָהרהונדערט זעהט מען בעשיינפערליך, ווי דער פּאַלעסטינישער צענטער גייהט צו זיין אונטערגאַנג. ס׳ווערען קלענער סיי די פאָרשטייהער פון דער נשיאות, סיי די טוער פון די ישיבות. ס׳איז ניט גרינג צו לעבען און איינצוהיטען די אַוטאָנאָמיע אונטער׳ן דרוק פון דער היידנישער רוים; נאָר נאָך שווערער ווערט עס אונטער׳ן רעזשים פון דער נייער קריסטליכער רוים. דער קריסטענטום, וואָס איז אין קייזער קאָנסטאַנטינס צייטען געוואָרען די מלוכה-רעליגיע, איילט זיך אָבצורעכענען זיך מיט דער יהדות פאַר אַלטע חשבונות. די הערשענדע קירך עפענט אויף פאַר די אידען אַ תקופה פון רעכטליכע בעגרעניצונגען, וואָס לאָזען זיך ניט ווינציגער פיהלען, איידער די אויסערגעוועהנליכע רדיפות פון דער פריהערדיגער צייט. איבעריגענס, זאָגט זי זיך ניט אָב אויך פון די לעצטע מיטלען, נאָר זי לאָזט זיי אין רעזערוו. פאַר בעזונדערס פייערליכע מאָמענטען (למשל, די איינשטילונג פון דער גליל׳ער מרידה אין יאָהר 351). די קיסרים קאָנסטאַנטין, קאָנסטאַנציוס און טעאָדאָסיוס דער גרויסער (312—395) לייגען אַוועק דעם יסוד פאַר דער קירכען-פּאָליטיק, וואָס האָט געשפּיעלט אַזאַ טרויעריגע ראָל אין דער וויטערדיגער געשיכטע פון די אידען.

די אַוטאָנאָמיע פון די אידען אין ארץ-ישראל — זייער לעבענסנערוו און דער יסוד פון זייער נאַציאָנאַלער העגעמאָניע — ווערט אַלץ מעהר איינגעשמעלט און פערקירצט. ס׳קומט פאַר די פאַמעליכדיגע גסיסה פונ׳ם נאַציאָנאַלען צענטער אין אידישען פאָטערלאַנד. די העגעמאָניע ווערט צו ביסלעכווייז אַריבערגעטראָגען אין אַן אַנדער צענטער — קיין בבל, וואָס די השגחה האָט איהם אַזוי ווי צוגעגרייט איבערצונעמען די גייסטיגע ירושה פון דער אָבשטאַרבענדיגער יהודה. קיין בבל עמיגרירען די בעסטע קרעפטען פון דער אַלטער היים, דאָרט שטאַרקט זיך און פערברייטערט זיך די אידישע זעלבסטפערוואַלטונג, דאָרט ווידט און קאָכט דאָס לעבען אין די ישיבות און עס שלאָגט אַ לעבעדיגער קוואַל, דער מקור פון נאַציאָנאַלער ענערגיע אויף אַ סך יאָהרהונדערטען.

ערשטער קאפיטעל.

די נשיאות אין גליל און חתימת המשנה.

(210—138)

דער פּאָליטישער מצב פאַר דער צייט פון די אנטונינוס'עס. — דער סנהדרין אין גליל און דער נשיא רבן שמעון. — רבי מאיר. — רבי שמעון בן־יוחאי און די טוער פון דער ישיבה אין אושא. — רבי יהודה הנשיא. — חתימת המשנה.

דער פּאָליטישער מצב פאַר דער צייט פון די אַנטונינוס'עס.

§ 18. בר־כוכבא'ס אויפשטאַנד, דער לאַנגער קריג און די רדיפות, וואָס זיינען געקומען דערנאָך, האָבען געבראַכט יהודה צו אַ פולקומען חורבן. די בעפעלקערונג, וואָס איז געבליבען גאַנץ פון שווערד און געפאַנגענשאַפט, איז זייהר פערהאָרימט געוואָרען. אַ סך זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר די רעליגיעזע רדיפות אין אַנדערע לענדער, בעזונדערס קיין בבל. צווישען די עמיגראַנטען זיינען געווען אויך תנאים, וואָס האָבען ניט געוואָלט האָבען דעם סוף פון רבי עקיבא'ן און זיינע חברים, וואָס זיינען געשטאָרבען אויף קדוש־השם.

דער דרום'דיגער טייל פון פּאַלעסטינע (דאָס הייסט דאָס לאַנד יהודה), וואָס איז געווען דער הויפּט־פּלאַץ פון דער מלחמה, האָט פאָרגעשטעלט דעם טרויעריגען בילד פון אַ חורבה. חוץ ירושלים, וואָס איז מגולגל געוואָרען אין „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ" און וואָס אַהין האָבען די אידען ניט געטאָרט אַריינטרעטען, האָט מען דאָ אָנגעטראָפען האַלב־חרוב'ע שטעדט, וואָס זייער בעפעלקערונג איז שטאַרק שיטער געוואָרען. צווישען די דאָזיגע שטעדט איז, אַ פנים, געווען אויך יבנה, דער געוועזענער צענטער פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג. זינט יענער צייט הערט מען אויף צו געברויכען אפילו אין די רוימישע אָפיציעלע דאָקומענטען דעם נאָמען יהודה, וואָס האָט בעדייט דעם דרום־טייל פון ארץ־ישראל; אָנשטאָט דעם ווערט געברויכט דער אַלגעמיינער נאָמען פון דער פּראָווינץ: סיריאַ־פּאַלעסטינאַ (Syria-Palaestina), דאָס הייסט די „פּלשת'ישע סיריען".

אַ בעדייטענדער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג פון דער דרום'די־

גער יהודה רוקט זיך אַריבער קיין צפון-זייט, אין דער ווינציגער פּערוויסטער גליל. דאָ האָט בעדאַרפט פאַרקומען די אויפריכטונג פון דער אידישער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וואָס איז געווען שטאַרק צעשלאָגען דורך דער לעצטער קאַטאַסטראָפע.

די רעאַקציע קעגען הדרינוס׳עס רדיפות האָט זיך אָנגעהויבען תיכף נאָך זיין טויט, אַז אויפ׳ן טרוין איז אַרויף דער קייזער אַנטונינוס פּיוס (138—161). הדרינוס׳עס אוממענשליכע דעקרעטען קעגען דער אידישער רעליגיע זיינען גע-וואָרען אָבגעשאַפט. צווישען אַנדערע זאַכען, איז דער אידישער מנהג פון מילה געוואָרען אַרויסגענומען פונ׳ם כּלל פון רוימישען געזעץ, וואָס לויט איהם איז קאַסטראַציע פערבאָטען געוואָרען. די אידען איז ערלויבט געוואָרען אָבצוהיטען דעם דאָזיגען מנהג, ס׳איז זיי מעהר ניט פערבאָטען געוואָרען אָנצווענדען איהם צו „מענשען פון אַן אַנדער אמונה״ — צו גרים. נאָר דער פערבאָט, אַז די אי-דען טאָרען ניט אריינקומען אין ירושלים, איז געבליבען גילטיג.

דאָס, וואָס הדרינוס׳עס גזרות זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען דורך זיין יורש, איז געשעהן, משמעות, ניט אָהן השתדלות מצד די אידען. אַן אומדייטליכע תּלמוד׳ישע לעגענדע דערציילט וועגען דעם פאָלגענדעס. די פאָרשטייהער פון פאָלק, וואָס איז אויסגעמאַטערט געוואָרען דורך די רדיפות, דער תּנא רבי יהודה בן-שמוע און זיינע חברים, האָבען זיך געווענדט נאָך אַן עצה צו איין רוימישער מאַטראָנע (שרות׳טע), וואָס האָט געהאַט גרויסע פערבינדונגען אין די רעגירונגס-קרייזען. די מאַטראָנע האָט זיי געקאָנט געבען נאָר די עצה, אַז זיי זאָלען בע-טען ביי די רעגירער, זיי זאָלען אויף זיי רחמנות האָבען. רבי יהודה און זיינע חברים זיינען ביי-נאַכט געקומען צו די פאָרשטייהער פון דער רוימישער רעגי-רונג (ס׳איז ניט בעוואוסט — צי פון דער אָרטיגער אין קיסריא, אָדער פון דער צענטראַלער אין רוים) און האָבען אויסגערופען מיט גרויס געוויין: „אָ, הימעל! צי דען זיינען מיר ניט אייערע ברידער, צי דען זיינען מיר ניט די קינדער פון איין פאָטער און פון איין מוטער? מיט וואָס זיינען מיר ערגער פאַר אַלע פעלקער, וואָס איהר רודפ׳ט אונז אָהן רחמנות?״ די בקשה פונ׳ם אונטערדריקטען פאָלק איז דערהערט געוואָרען: אין גיכען זיינען בטל געוואָרען די פערבאָטען צו היטען שבת, מל צו זיין די קינדער און צו לערנען תורה. די פרייהליכע בשורה וועגען דעם איז אָנגעקומען אין ארץ-ישראל 28 טעג אין אדר, און דער דאָזיגער טאָג איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אין רייסטער פון די היס-טאָרישע ימים-טובים (ראש השנה י״ט; תענית י״ח; מגלת תענית, פּרק י״ב).

די קלאַנגען וועגען דעם, אַז הדרינוס׳עס גזרות זיינען בטל געוואָרען, זיי-נען דערגאַנגען צו די אידישע פּליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אין בבל און אין אַנדערע לענדער, און אַ סך פון זיי האָבען אָנגעהויבען זיך אומ-צוקעהרען צוריק אין דער אַלטער היים. דאָס, וואָס מען האָט מבטל געווען די אויסערגעוויינליכע רדיפות, האָט נאָך ניט געהייסען, אַז ס׳איז גרינגער געוואָ-רען דער אַדמיניסטראַטיווער דרוק, וואָס איז געלעגען תּמיד אויף די אידען אונטער דער רוימישער ממשלה און וואָס איז נאָך שטאַרקער געוואָרען נאָך

בר-כוכבא׳ס מרידה. דער הויפט-פאָרשטייהער פון דער דאָזיגער עפּאָכע, דער נשיא ר׳ שמעון בן-גמליאל דער צווייטער, כאַראַקטעריזירט אַזוי דעם דעמאָלטי-גען מצב: „אונזערע עלטערן האָבען נאָר פון דערווייטענס געהאַט אויסצושטייהן דעם יאָך פון פרעמדע מושלים, און פונדעסטוועגען זיינען זיי אַראָבגעפאַלען ביי זיך; היינט ווי זאָלען מיר שוין ניט ווערען מוטלויזיג, אַז די פרעמדע מלוכה האָט אונז איינגאַנצען איינגעשלונגען?... אויב מיר זאָלען וועלען פערשרייבען אונזערע צרות אין אַ ספר הזכרונות, וואָלטען מיר מיט דער דאָזיגער אַרבייט ניט פאַרטיג געוואָרען״.

אין די רוימישע כראָניקעס איז געבליבען עפּיס אַ מטושטש׳ע ידיעה וועגען דעם, אַז צום סוף פון אַנטונינוס פּיוס׳עס קיניגען איז צווישען די אידען אויסגע-בראָכען אַן אויפשטאַנד, און אַז דער קייזערליכער פּערוואַלטער האָט איהם דער-שטיקט. די תלמוד׳ישע מסורות בעהויפּטען, אַז אַן ערך אין יענער צייט האָט די רוימישע רעגירונג געפּרובט איינצושמעלען די איינוויינינגסטע זעלבסטפער-וואַלטונג פון די אידען, דורכדעם וואָס זי האָט אָבגענומען ביי זיי דאָס רעכט צו האָבען אַן אייגענעם ציווילען געריכט.

אַן אַנדער לעגענדע גיט אַ יסוד משער צו זיין, אַז פאַר דער צייט פון איינעם פון די אַנטוניגוס׳עס — אַנטונינוס אָדער זיין יורש מאַרקוס אַורעליוס — זיינען ווידער אָבגעפרישט געוואָרען עטליכע הדריגוס׳עס גזרות אויף אידען. דער בע-ריהמטער תנא פון יענער צייט, רבי שמעון בן-יוחאי, האָט געמוזט פאָהרען קיין רוים, בכדי זיך משתדל צו זיין, אַז מען זאָל מבטל זיין די נייע גזרות, און דאָס האָט זיך איהם איינגעגעבען.

אָט אַלע די דאָזיגע אומדייטליכע און אָבגעריסענע ידיעות זיינען, ווי עס ווייזט אויס, שוואַכע אָבקלאַנגען פון די פּאָליטישע קריזיסען, וואָס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין פאָדער-אַזיען און וואָס אין זיי האָבען זיך בעטייליגט אויך די אידען. ס׳איז מעגליך, אַז די לאַנג-דויערנדיגע מלחמה צווישען די רוימער און די פּאַרטער, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרען בשעת אַנטונינוס פּיוס׳עס קיניגען און וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּיעלט אין דער צייט פון מאַרקוס אַורעליוס (161—180), האָט אויפ׳ס ניי אויפגעוועקט אין די הערצער פון די אידען אין ארץ-ישראל די האָפענונג, אַז זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען פון רוימישען יאָך. דאָס אונטערדריקטע פאָלק האָט געחלומ׳ט, אַז אויב די פּאַרטער וועלען אַרויס-שטופען די רוימער פון אַזיען, דעמאָלט וועט זיין לאַגע ווערען בעסער. דער דאָזיגער חלום איז גאַנץ דייטליך אויסגעדריקט אין רבי שמעון בן-יוחאי׳ס מימרא: „אַז דו וועסט זעהן אַ פּערסישען (פּאַרטישען) פערד צוגעבונדען צו אַ מצבה אין ארץ-ישראל, דעמאָלט קענסטו וואַרטען, אַז משיח וועט קומען״. נאָך בעשטימטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַן אַנדער תנא פון יענער צייט, רבי יהודה בן-אלעי: „די, וואָס האָבען חרוב געמאַכט (ירושלים), וועלען פאַלען פון די פּערסער (פּאַרטער)״ (מדרש איכה).

די דאָזיגע סימפּאַטיעס צו די פּאַרטער זיינען מסתמא ניט געבליבען אַ סוד פאַר דער רוימישער רעגירונג. מאַרקוס אַורעליוס׳עס מיטרעגירער, לוקיוס

ווערוס, וואָס האָט געפיהרט די מלחמה מיט די פּאַרטער, האָט געהאַט אַ גרונד אָנצוווענדען רעפּרעסיווע מיטלען, בכדי איינצוהאַלטען אין צאַם די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון די אידען און דערמאָנען זיי וועגען רוים׳ס אויבערמאַכט.

נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט צום גוטען, און בפרט נאָכדעם ווי ווערוס איז געשטאָרבען (169), זיינען די אויסערגעוויינליכע גזירות אָבגעשאַפט געוואָרען. דער קייזער מאַרקוס אַורעליוס, דער דאָזיגער געקרוינטער פילאָסאָף, איז ניט געווען קיין אָנהייגער פון נאַציאָנאַלע רדיפות, און ער האָט מסתמא בעפרידיגט די השתדלות פון די אידישע פאָרשטייהער, אַז מען זאָל איבערלאָזען זייער פאָלק די פריהערדיגע אינעוויינ׳גסטע אַווטאָנאָמיע.

וועגען די ספּעציעלע בעציהונגען פונ׳ם קייזער דעם פילאָסאָף צו די אידען זיינען דערגאַנגען צו אונז סותר׳דיגע מיינונגען. פון איין זייט שטעלט די תלמוד׳ישע לעגענדע אַרויס דעם צווייטען אַנטונינוס׳ן אַלס זייהר אַ נאָהענטען גוטען פריינד פון דעם תנא ר׳ יהודה הנשיא, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט (דאָרט, וואו אין תלמוד ווערט דערמאָנט „אַנטונינוס קיסר”, בעדאַרף מען גיכער פון אַלץ פערשטייהן מאַרקוס אַורעליוס, וואָס ער האָט געקיניגט גראָד אין רבי יהודה הנשיא׳ס צייטען). פון דער אַנדער זייט לאָזט וויסען די רוימישע כראָניק, אַז מאַרקוס אַורעליוס איז געווען פיינדליך געשטימט אַנטקעגען אידען. אַז ער איז איין מאָל דורכגעפאָהרען דורך יהודה (175), האָט איהם שטאַרק פערדראָסען, וואָס די אידען האָבען איהם ניט מקבל פנים געווען, אָנגעטאָן אין זייערע יום-טוב׳דיגע מלבושים, און וואָס זיי האָבען איהם בכלל ניט אָבגעגעבען קיין כבוד, ווי געהעריג, און ער האָט אויסגערופען: „אָט האָב איך בעקומען צו זעהן אַ פאָלק, וואָס איז נאָך ערגער פאַר די מאַרקאָמאַנען, קוואַדען און סאַרמאַטען” (די דעמאָלטיגע ווילדע פעלקער, וואָס האָבען אַרומגעוואַנדערעוועט אין די סטעפּעס אויף די ברעגעס פון דאָנוי און דניעפּר).

די טרויעריגע צייט אין דער רוימישער אימפעריע, וואָס איז געקומען נאָך מאַרקוס אַורעליוס׳עס טויט, האָט קיין גוטס ניט געבראַכט די אידען. דער פערברעכערישער קייזער, דער גלאַדיאַטאָר קאָמאָדוס (180—192), דער זוהן פונ׳ם קייזער דעם פילאָסאָף, איז געווען אַן עכטער פאָרשטייהער פון דער דעמאָראַליזירטער רוים. נאָך איהם, אין דער צייט צווישען איין רעגירונג ביז דער צווייטער, ווען פשוטע סאָלדאַטען און פאָליטישע שווינדלער האָבען זיך געיאָגט נאָך דער מלוכה-קרוין — האָט מען געקאָנט בעשיימפערליך זעהן, ווי ווייט עס איז דערגאַנגען אין דער דאָזיגער מעכטיגער אימפעריע דער פּראָצעס פון פוילעניש.

איינער פון די דאָזיגע פּראָווינציעלע פּרעטענדענטען, דער סירישער פערוואַלטער פעסצעניוס ניגער, האָט אַזוי געענטפערט די איינוואוינער פון ארץ-ישראל, וואָס האָבען געבעטען ביי איהם, ער זאָל פערגרינגערן זיי די משא פון אָבצאָהלונגען: „איהר ווילט, אַז איך זאָל פערקלענערן די אָבצאָהלונגען אין אייער לאַנד, און איך וואָלט געוואָלט אַרויפלייגען אַן אָבצאָהלונג אַפילו אויף

דער לופט, וואָס איהר אָטעמט!״ ביי אַזעלכע געלדגיריגע סאַטראַפּען האָט אין די פּראָווינצען ניט געקאָנט זיין קיין רוה.

בשעת ניגער איז געפאַלען אין קאַמף מיט׳ן אַפריקאַנער ספּטימיוס סעווערוס, וואָס האָט זיך דערשלאָגען צו דער קייזערליכער קרוין (193—211), דעמאָלט האָבען די פּאַלעסטינישע שטעדט, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן ער־שטענס צד, בעקומען אַ געהעריגע שטראָף. אין יהודה איז דעמאָלט געווען אומ־רוהיג. באַנדעס מורדים האָבען פּערוויסט דאָס לאַנד. בשעת מען האָט די דאָזיגע באַנדעס איינגעשטילט, האָבען ניט ווייניג געליטען די אידען, וואָס עטליכע פון זיי האָבען מסתמא געהאַט אַ שייכות צו דער דאָזיגער בעוועגונג.

בשעת סעפּטימיוס סעווערוס איז געווען אין ארץ־ישראל (200), האָט ער אַרויסגעגעבען אַ רייה גזעצען פאַר דער דאָזיגער פּראָווינץ. צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער ערלויבט „די יענינע, וואָס האַלטען דעם אידישען אָבערגלויבען״, צו פּערנעמען עהרענשטעלעס אין דער שטאָדטישער פּערוואַלטונג (מאַגיסטראַט), נאָר בתנאי אַז זיי זאָלען, לויט׳ן מנהג, אויסגעבען בעדייטענדע סומעס אויף איינצואָרדענען עפענטליכע שפּיעלען, אויב דאָס לעצטע בעליידיגט נאָר ניט זייער רעליגיעזען געפיהל.

דער סנהדרין אין גליל און דער נשיא ר׳ שמעון בן גמליאל.

§ 19. פּאָליטיש צונויפגעבונדען מיט רוים, האָט דאָס אידישע פּאָלק געמוזט אָנשטרייגען אַלע זיינע כחות, בכדי זיך צו פּערהיטען פון דער געזעלשאַפטליכער דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט צעגעסען דעם אָרגאַניזם פון דער אימפּעריע. ווידער אויפצוריכטען די זעלבסטפּערוואַלטונג און די אָבגעזונדערטע נאַציאָנאַלע לעבענס־אָרדענונג — אָט דאָס איז געווען די ערשטע מחשבה פון די פאָלקספיהרער, ווי נאָר הדריאנוס׳עס רדיפות האָבען זיך געענדיגט. אַ סך תנאים, וואָס האָבען עמיגרירט קיין בבל און אין אַנדערע ערטער, בשעת זיי האָבען דערהערט, אַז די רדיפות האָבען אויפגעהערט, האָבען אָנגעהויבען צוריק אומצוקעהרען זיך אַהיים. צווישען זיי איז געווען אַ גרופּע פון ר׳ עקיבא׳ס תלמידים, וואָס פון זיי האָבען אין גיכען זיך קונה שם געווען אַלס כלל־טוער רבי מאיר, רבי שמעון בן־יוחאי און רבי יהודה בן־אלעי.

מען האָט בעדאַרפט אויסזוכען אַן אָרט, וואו עס זאָל זיך צונויפקלייבען די קאָלעגיע תנאים, בכדי אַרומצוקלערען די פראַגען, וואָס זיינען שייך צום גאַנצען פאָלק, נאָר אין דער פּערוויסטער יהודה איז קיין איין פּאַסיגער אָרט ניט געווען. די געוועזענע רעזידענץ פון׳ם נשיא און פון סנהדרין, יבנה, האָט צוליעב דעם צוועק ניט געטויגט, מחמת זי האָט צופיעל געהאַט געליטען בשעת בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד, וואָס אין זיין תחום האָט זי זיך געפונען. בכן האָבען די תנאים זיך צונויפגעקליבען אין דער גליל׳ער שטאָדט אושא. אַהין האָט מען צונויפגעקליבען די געלערנטע און די ראשי הקהלות פון גאַנץ גליל, בכדי זיך צו האַלטען אַן עצה וועגען דעם, ווי אַזוי ווידער איינצושטעלען די

רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע אָרדענונג, וואָס האָט שטאַרק געליטען פאַר דער צייט פון דער מרידה. די איינוואוינער פון אושא האָבען פריינדליך מקבל פנים געווען די מיטגלידער פו׳גם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר און האָבען געזאָרגט פאַר זייער חיונה אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זייערע זיצונגען.

דער פועל-יוצא פון די זיצונגען איז געווען, אַז די קאָלעגיע תנאים האָט געבילדעט אַ נייעם סנהדרין און האָט ווידער אויפגעריכט די נשיאות אין הלל׳ס הויז (אַן ערך אין יאָהר 140). נשיא איז געוואָרען רבי שמעון, אַ זוהן פונ׳ם געוועזענעם נשיא רבן גמליאל דער II-טער פון יבנה, וואָס איז בעוואוסט אינ׳ם סדר פון הלל׳ס דינאַסטיע אונטער׳ן נאָמען רבן שמעון בן-גמליאל דער צווייטער (דער ערשטער ר׳ שמעון בן-גמליאל איז געווען דער טוער אין דער צייט פון דער מלחמה מיט אספסינוס׳ן, וואָס ווערט דערמאָנט איז צווייטען טייל).

ר׳ שמעון בן-גמליאל איז געבליבען אַ יונגער יתום נאָך זיין פאָטערס טויט, און אַז ער איז אויסגעוואַקסען, האָט ער ניט געקאָנט אָננעמען זיין פאָטערס טיטעל דערפאַר, ווייל עס איז אָנגעקומען די מהומה-צייט. נאָך בר-כוכבא׳ס אויפשטאַנד האָט זיך איהם איינגעגעבען זיך אַרויסצודרייהען פון הדרינוס׳עס שפּיאָנעס. עטליכע יאָהר האָט ר׳ שמעון בן-גמליאל זיך בעהאַלטען אין חוץ-לארץ — מסתמא, אין בבל — און אַהיים האָט ער זיך אומגעקעהרט דעמאָלט, אַז די סכּנה איז שוין געווען פאַרביי. די גרויסע גייסטיגע און וועלטליכע בילדונג, וואָס ר׳ שמעון בן-גמליאל האָט בעקומען יונגערהייד (ער האָט שטודירט ניט בלויז די תורה, נאָר אויך „חכמת יונית״), האָט איהם געגעבען דאָס רעכט צו פערנעמען די שטעל פון אַ נשיא, אפילו ווען ער וואָלט ניט געהאַט דאָס רעכט אויף נשיאות, ווי אַ יורש. און די קאָלעגיע תנאים אין אושא, וואָס האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ סנהדרין, האָט נאָר געטאָן אַ פּאָליטיש קלוגען טריט, דורכדעם וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט ר׳ שמעון בן-גמליאל בראש פון דער אויפגעריכטער זעלבסט-פערוואַלטונג.

אַלס העלפער צום נייעם נשיא זיינען אויסגעקליבען געוואָרען צוויי גרויסע תנאים: דער אויבען דערמאָנטער רבי מאיר און רבי נתן הבבלי, דער ערשטער מיט׳ן טיטעל חכם (געלערנטער רעפערענט) און דער אַנדערער — אב בית-דין (פאָרזיצענדער פונ׳ם בית-דין).

ר׳ שמעון בן-גמליאל׳ס אַדמיניסטראַטיווע און געזעצגעבערישע טעטיגקייט איז געווען אייגג פערבונדען מיט דער טעטיגקייט פון דער קאָלעגיע תנאים, נאָר זי האָט אויך געהאַט איהרע אינדיווידועלע בעזונדערהייטען. פונקט אַזוי ווי זיין פאָטער, אַזוי האָט אויך ר׳ שמעון בן-גמליאל געפלייסט זיך איינצוצאַמען און איינצוהאַלטען דעם שטרעבען צו פּלפּול, וואָס פערשיידענע תנאים האָבען אַרויסגעוויזען, און דורכצופיהרען אומעטום דעם יסוד פון צוועקמעסיגקייט. די כללים פון געוויינהייטס-רעכט, וואָס דאָס פאָלקס-לעבען האָט זיי אויסגעאַרבייט, האָט ער געשטעלט העכער פאַר די מסקנות פון די געלערנטע. דעם אַווטאָריטעט פון בית-דין אָדער פון סנהדרין האָט ער אונטערוואָרפען די מיינונגען

פון איינצעלנע מענשען. אין דער געזעצגעבונג האָט ער זיך געהאַלטען פאַר פאָלגענדע הומאַנע פּרינציפּען: „דער בית-דין טאָר ניט אַרויסגעבען אַזעלכע תקנות, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער געזעלשאַפט איז ניט בכח זיי צו האַלטען. „ר' שמעון בן-גמליאל'ס עטישע וועלט-אַנשויאונג איז אויסגעדריקט אין דער קורצער מימרא: אויף דריי זאַכען שטייהט די וועלט: אויף אמת, גערעכטיגקייט און שלום".

ר' שמעון'ס פרידליכער כאַראַקטער האָט איהם פונדעסטוועגען ניט אָבגעהיט פון אַ סכסוך מיט די איינפלוסרייכע מיטגלידער פון סנהדרין. ס'האָט זיך איבערגע'חזר'ט כמעט די אייגענע מעשה, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען רבן גמליאל הנשיא און די תנאים אין יבנה. פונקט אַזוי ווי זיין פאָטער, האָט ר' שמעון געשטרעבט צו פערשטאַרקען די מאַכט און דעם אויטאָריטעט פונ'ם נשיא, מחמת ער האָט דערין איינגעזעהן דעם סימבאָל פון דער קאָלעקטיווער מאַכט פון סנהדרין און דעם יסוד פון דער איינהייטליכער זעלבסטפערוואַלטונג.

בכדי אויפצוהויבען אין די אויגען פון פאָלק די בעדייטונג פונ'ם נשיא'ס מאַכט, האָט ר' שמעון איינגעשטעלט דריי פערשיידענע אופנים, ווי אַזוי מען בעדאַרף אָבגעבען כבוד דעם נשיא און זיינע צוויי געהילפען אין פּרעזידיום פון סנהדרין. אַז דער נשיא גייהט אַריין אין אַ געריכטליכע, אָדער געזעצגעבערישער פערזאַמלונג, דעמאָלט מוזען אויפשטייהן פון די ערטער אַלע, וואָס זיינען דאָ, אָבער אַז דער אב בית-דין און דער חכם גייהען אַריין, דעמאָלט דאַרפען נאָר אַ טייל אויפשטייהן.

דורך דער דאָזיגער פעראָרדענונג האָבען זיך בעליידיגט ר' שמעון'ס געהילפען — דער אב בית-דין רבי נתן און דער חכם רבי מאיר, וואָס האָבען בעדייטענד בעסער געקאָנט לערנען פאַר ר' שמעונ'ען. בכדי צו בעווייזען, אַז זיי שטייהען העכער פאַר'ן נשיא, האָבען זיי צונויפגערעדט זיך פאָרצולייגען אין דער פערזאַמלונג אַזעלכע האַרבע און פערפּלאָנטערטע שאלות, וואָס רבי שמעונ'ען זאָל זיין שווער צו ענטפערן אויף זיי (לקפחהו בהלכות), און דערמיט וועלען זיי אַראָבוואַרפען זיין אויטאָריטעט אַלס למדן. דערנאָך זאָל מען האָבען געהאַט בדעה אַראָבצוזעצען ר' שמעון בן-גמליאל'ן פון שטעל און אויסקלייבען פאַר אַ נשיא רבי נתנ'ען, וואָס איז געווען דער זוהן פונ'ם ריש-גלותא אין בבל, און פאַר אַן אב בית-דין — רבי מאיר'ן.

די פּלענער פון דער אָפּאָזיציע זיינען אויפגעדעקט געוואָרען, און אויף איהרע פיהרער איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אַ שטראָף. רבי נתן און רבי מאיר זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון סנהדרין.

נאָר אין גיכען האָט זיך געלאָזט פיהלען דאָס, וואָס די דאָזיגע גרויסע תנאים זיינען מעהר ניטאָ. „מיר זיינען אינעווייניג, און די תורה איז אויסוויי-ניג!" — האָט אויסגערופען איינער פון די מיטגלידער פון סנהדרין (רבי יוסי בן-חלפתא), געבענדיג אַן אָנצוהערעניש וועגען דעם, וואָס די חברים זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען. לויט דער השתדלות פון עטליכע מיטגלידער, האָט

מען ווידער געמוזט צולאָזן די אויסגעשלאָסענע צו נעמען אַן אָנטייל אין די ויכּוחים, נאָר מיט דער בּעגרעניצונג, אַז די הלכות אָדער מיינונגען, וואָס זיי וועלן אַרויסזאָגן, זאָלן איבּערגעגעבּען ווערען אין די ישיבות ניט אונטער זייער נאָמען, נאָר אַנאָנים. רבּי נתנ׳ס הלכות זיינען געבּליבּען אונטער׳ן נאָמען „יש אומרים" — „ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגען", און רבּי מאיר׳ס — אונטער „אחרים אומרים" — „אַנדערע זאָגען".

רבּי נתן האָט שלום געמאַכט מיט׳ן נשיא, נאָר רבּי מאיר איז נאָך אַ לאַנגע צייט געבּליבּען אין אָפּאָזיציע און האָט געבּראַכט דערצו, אַז מען האָט איהם אַריינגעלייגט אין חרם. רבּי מאיר האָט פּראָטעסטירט קעגען דער אומגעזעצליכקייט פון׳ם דאָזיגען אַקט מיט פאָלגענדע ווערטער, וואָס מיט זיי האָט ער זיך געווענדט צום נשיא און צו די תּנאים: „איך וועל אייך ניט הע־רען, בּיז איהר וועט מיר זאָגען, ווען האָט איהר אַריינגעלייגט אין חרם, פאַרוואָס און פאַר וואָסערע מעשים!" (בּבלי, צום סוף פון הוריות; ירושלמי, בּכּורים פ״ג). דער פועל־יוצא פון די דאָזיגע סכסוכים איז אפנים געווען דאָס, אַז אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבּען האָט רבּי מאיר זיך אָבּגעטיילט פון׳ם סנהדרין אין אושא און האָט געפיהרט אַן אייגענע ישיבה.

די שטרעבּונגען פון׳ם נשיא ר׳ שמעונ׳ען צו צענטראַליזיר׳ען די ממשלה זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער דעמאָלטיגער אַלגעמיינער לאַגע פון די אידען, וואָס האָט געשאַפען אַ באָדען פאַר סעפּאַראַטיסטישע טענדענצען. אין דער צייט פון בּר־כּוכבא׳ס אויפשטאַנד און הדריינוס׳עס רדיפות, בּשעת דער שטול פון׳ם נשיא איז געבּליבּען ליידיג, און דער סנהדרין האָט גאָרנישט ניט געטאָן, איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו גרינדען אַ מין סנהדרין אין בּבל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ בּית־מקלט פאַר די פּאַלעסטינישע עמיגראַנטען. אַ געוויסער חנינה (אָדער חנניה), אַ פּלימעניק פון׳ם תּנא ר׳ יהושע בּן־חנניה, איז געוואָרען דער אָנפיהרער פון׳ם דאָזיגען סנהדרין אין בּבל, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרען אין נהר־פּקוד, אין דער געגענד פון נהרדעא. די ערשטע זאַך, וואָס חנניה האָט געטאָן, אין געווען איינצושטעלען די צייטען פון די ראשי־חדשים און פון די ימים־טובים, וואָס פריהער איז דאָס געלעגען אין רשות פון׳ם סנהדרין אין ארץ־ישראל און פון נשיא.

די קהלות פון בּבל האָבּען מיט פרייד בּעגריסט דעם נייעם מוסד, נאָר אין ארץ־ישראל האָט מען איינגעזעהן דערין אַ דירעקטען אָנפאַל אויף דער העגעמאָניע פון׳ם הייליגען לאַנד. דערין, וואָס אין בּבל, וואו ניט לאַנג האָבּען נאָך די אידען געפאָלגט די בּעשלוסען פון׳ם סנהדרין אין יבנה, איז אויפגע־שטאַנען אַ בּעזונדערע גייסטיגע פערוואַלטונג, איז געווען אַ סכּנה פאַר דער איינהייט פון דער אידישער נאַציע און פון דער יהדות. די אידען פון בּבל האָבּען געקאָנט נאָכטון אויך אַלע אַנדערע אידען, וואָס זיינען צעשפּרייט איבּער אַלע לענדער: ס׳וואָלטען אויפגעקומען עטליכע סנהדרינ׳ס, וואָס איטליכער פון זיי וואָלט אויסגעטייטשט די תּורה אויף זיין שטייגער — און דעמאָלט וואָלט עס זיכער געבּראַכט צו אַ צעשפּאַלטונג.

דעם נשיא רבי שמעון׳ען האָט זיך איינגעגעבען דורך קלוגע מיטלען אָבּ־צווענדען די דאָזיגע סכּנה. ער האָט אַוועקגעשיקט שלוחים קיין נהר־פּקוד, צו חנינה׳ן, און געפאָדערט פון איהם, ער זאָל מבטל זיין דעם דאָזיגען סנהדרין, ווייל די מהומות אין ארץ־ישראל האָבען זיך שוין געענדיגט, און דער סנהדרין אין אושא האָט בעניית זיין טעטיגקייט.

בשעת אַן עפענטליכען גאָטעסדינסט, וואו חנינה איז אויך געווען דערביי, איז איינער פון די שלוחים אַרויף אויפ׳ן בימה און האָט אָנגעהויבען אין דער פאָרם פון אַ פּאַראָדיע לייענען אַ קאַפּיטעל פון דער תורה אויף אַזאַ שטייגער: „אלה מועדי חנינה" (דאָס זיינען חנינה׳ס ימים־טובים), אָנשטאָט „אלה מועדי ה׳" (דאָס זיינען גאָטס ימים־טובים), — דערמיט האָט ער געגעבען אַן אָנצוהערעניש, אַז דער ראש הסנהדרין אין בבל האָט ניט על־פּי־דין איינגעשטעלט די ימים־טובים. דער אַנדער שליח האָט פּאַראָדירט דעם פּסוק פון די נביאים: „כּי מבבל (אָנשטאָט מציון) תצא תורה ודבר ה׳ מנהר־פּקוד" (אָנשטאָט: מירושלים) (דאָס הייסט: וואָרום פון בבל גייהט אַרויס די תורה, און גאָטס וואָרט פון נהר פּקוד). אויף חנינה׳ס טענה, אַז ארץ־ישראל איז חרוב געוואָרען, און אַז עס זיינען שוין ניטאָ די אַמאָליגע גרויסע תנאים, האָבען די שלוחים געענטפערט: „די יונגע לעמעלעך זיינען שוין געוואָרען בעק" (דאָס הייסט, די פריהערדיגע תלמידים זיינען שוין איצט געוואָרען רביים). נאָך אַ געוויסען ווידערשטאַנד האָט חנינה נאָכגעגעבען. דער סנהדרין אין נהר־פּקוד איז בטל געוואָרען — און די אידען פון בבל האָבען זיך ווידער אונטערגעגעבען דעם סנהדרין אין ארץ־ישראל.

מיט אַזעלכע מניעות האָבען געהאַט צו קעמפען די אויפריכטער פון׳ם נאַציאָנאַלען צענטער אין ארץ־ישראל נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ הפסקה אין זיין טעטיגקייט. זיי האָבען גובר געווען די דאָזיגע מניעות: די מאַכט פון׳ם אַלטען סנהדרין אין יבנה און די קאָכיגע טעטיגקייט פון די ישיבות איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרען אין גליל. נאָך צוויי דורות תנאים — רבן יוחנן בן־זכאי׳ס און ר׳ עקיבא׳ס, איז געקומען אַ דריטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון רבי מאיר, וואָס איז רבי עקיבא׳ס גייסטיגער יורש.

רבי מאיר.

§ 20. לויט דער טראַדיציע איז רבי מאיר אַרויסגעקומען פון אַ היידנישער משפּחה, וואָס האָט אָנגענומען די אידישע אמונה. די גרעסטע תנאים פון׳ם פריהערדיגען פעריאָד — רבי ישמעאל און רבי עקיבא — האָבען זיך גערעכענט פאַר זיינע רביים, און נאָך בשעת זיי האָבען געלעבט, האָט דער יונגער תלמיד אַרויסגעוויזען ניט־געוויינליכע פייהיגקייטען. ר׳ עקיבא האָט איהם פאָראויסגעזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפט, און די דאָזיגע נבואה איז מקוים געוואָרען.

בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד און די רדיפות, וואָס זיינען געקומען דערנאָך, האָבען איבערגעריסען רבי מאיר׳ס קאַריער און האָבען איהם געצוואונגען צו זיין נע־ונד אין פרעמדע לענדער. נאָכדעם ווי די מהומות אין ארץ־ישראל האָבען

זיך געענדיגט, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אַהין, און ווי עס איז שוין דערצייהלט געוואָרען, איז ער געווען איינער פון די הויפט-אָרגאַניזאַטאָרען פונ'ם צוזאַמענפאָהר אין אושא, וואָס האָט ווידער אויפגעריכט דעם סנהדרין און די נשיאות.

ביז דער מחלוקת מיט'ן נשיא ר' שמעונ'ען, איז ר' מאיר געווען זיין סטיגער געהילף אין סנהדרין. דערנאָך איז ער אַוועק פון אושא און האָט געגרינדעט זיין אייגענע ישיבה ניט ווייט פון טבריא. פאַר דער תורה האָט ער אָבגעגעבען דער גרעסטען טייל פון זיין צייט, נאָר אין דער פרייער צייט פלעגט ער זיך פערנעמען מיט אַן „אומנות, נקיה וקלה" (אַ זויבערע און גרינגע מלאכה). ער פלעגט איבערשרייבען ספרים, און דערפון האָט ער געצויגען זיין חיונה. ער האָט ערפונדען עפּיס אַ בעזונדער מין טינט, און מחמת דעם פלעגט זיין שרייבען זיין בעזונדערס קונציג.

בנוגע צו דרש'ען די תורה איז רבי מאיר געווען רבי עקיבא'ס אַ גע-ניאַלער תלמיד, וואָס איז געגאַנגען אין זיינע וועגען, און איז אפילו אַוועק נאָך ווייטער, איידער דער רבי, בנוגע צום פערענטפערן פערפלאָנטערטע יורידישע שאלות. ער האָט צוגעצויגען תלמידים דורך זיין שאַרפזיניגען מעטאָד צו לער-נען. די קאָמפּליצירטסטע און פערפלאָנטערטסטע „הלכות" האָט ער פערשטאַנען צו מאַכען אינטערעסאַנט פאַר זיין אודיטאָריע, דורכדעם וואָס ער פלעגט אַריינ-פלעכטען אין זיינע דרשות שאַרפזיניגע גלייכענישען, שיינע לעגענדעס און משלים. פאַר זיינע משלים פלעגט רבי מאיר נעמען אָפּט דעם תוכן פונ'ם לעבען פון בהמות און חיות: ער האָט פערפאַסט אַן ערך דריי הונדערט פאַ-בעלן, וואָס דער הויפּט-העלד פון זיי איז געווען דער פוקס, וואָס די פאַבעל-שרייבער בכלל האָבען ליעב זיך מיט איהם צו פערנעמען (משלי שועלים).

איבעריגענס, איז שוין רבי מאיר'ס שאַרפזיניגער פּלפּול'יסטישער מעטאָד אויף איינצוטייטשען די תורה אַליין בענוג געווען אויף צוצוציהען מענשען, וואָס האָבען שפּיציגע מחות. רבי מאיר פלעגט בעלייכטען איטליכע זאַך פון פערשיידענע שטאַנדפונקטען; איין און די זעלביגע מיינונג האָט ער פערשטאַ-נען צו בעווייזען און אָבצופרעגען (ער האָט געקאָנט בעווייזען אי פאַר אי קעגען), און דורך אַזעלכע אַלזייטיגע ויכוחים האָט ער געשטרעבט אַרויסצוגע-פינען דעם אמת. דער דאָזיגער פערפיינערטער פּלפּול, וואָס איז שפּעטער אין תלמוד דערפיהרט געוואָרען ביז צו עקסטרעמע גרעניצען, האָט געמאַכט ערשטוי-נען די מענשען פון זיין דור. זיי פלעגען זאָגען, אַז „בשעת רבי מאיר דרש'עט, איז שווער צו דערגייהען, ווי האַלט ער אין דער אמת'ן".

ס'איז ניט געווען קיין איין גרויסע פראַגע פון דער געזעצגעבונג, וואָס רבי מאיר זאָל ניט האָבען בעטייליגט זיך דערין. זייהר אַ פולע מיינונגען זיינע (הלכות) זיינען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרען אין משנה, צום טייל אונטער זיין נאָמען, צום טייל אַלס אַנאָנימע מאמרים.

אין זיינע תקנות און פּסקים איז ער אָפּטמאָלס אַ מחמיר, בפרט בנוגע

צום פאַמיליען-רעכט און ציוויל-רעכט. איבעריגענס, זיינען פון אַ סך זיינע חומרות געווען געווענדט אויף צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די עקאָנאָמיש אָבהייגיגע קלאַסען. ער האָט, למשל, געפאָדערט שטרייגגערע גאַראַנטיעס אין געלד מצד דעם מאַן בנוגע צו דער כתובה, בכדי פאַר איהם זאָל זיין שווערער צו גט'ען זיך מיט דער ווייב. ער איז אויך בעשטאַנען דערויף, אַז אַ מלוה, וואָס מאָנט אויף אַ וועקסעל מיט פּראָצענט, זאָל גע'קנס'עט ווערען דערמיט, אַז מען זאָל איהם אַפילו דעם קרן אויך ניט בעצאָהלען.

פונקט אַזוי ווי רבי עקיבא, האָט אויך רבי מאיר זיך געמיהט צו בריינ-גען אין אַ סיסטעם דעם גרויסען מאַטעריאַל פון דער „תורה שבעל-פה". זיין זאַמלונג פון הלכות האָט שפּעטער געדיענט פאַר אַ הויפּט-מקור רבי יהודה הנשיא'ן, דעם צוקונפטיגען רעדאַקטאָר פון דער משנה, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז.

צווישען דעם קרייז נאָהענטע מענשען, וואָס אַרום רבי מאיר'ן, איז כדאי זיך אָבצושטעלען אויף צוויי מערקווירדיגע פיגורען, וואָס קאָנען אונז אין אַ געוויסער מאָס בעלייכטען אויך דעם דעמאָלטיגען אינעווייניגסטען קולטורעלען לעבענספיהר; דאָס זיינען די פיגורען פון אַ דרייסטען פריידייגקער און פון אַ פרוי מיט אַ שטאַרקען גייסט. ביידע זיינען זיי איינגעהילט אין אַ נעפּיל פון לעגענדעס, אָבער אין זיי איז ניט שווער צו דערקענען די רעאַלע שטריכען פון מענשען, וואָס זייער לעבען איז פול געווען מיט דראַמאַטיזם.

איינער פון רבי מאיר'ס רביים איז געווען **אלישע בן-אבויה**. אלישע בן אבויה איז געווען ר' עקיבא'ס בן-גילו און חבר, יונגערהייד האָט ער גע-לערנט תורה און דערנאָך איז ער אריינגעטראָטען אין דער ישיבה פון יבנה; פאַר איהם איז געלעגען דער גלייכער וועג צו ווערען אַ תנא, וואָס האָט אַי כבוד אַי גייסטיגע בעפרידיגונג. נאָר ער איז אַוועק אָן אַ זייט: ער האָט זיך פערטיעפט אין די פערפלאָנטערטע מעטאַפיזישע און טעאָלאָגישע פראַגען, וואָס לאָזען זיך ניט פערענטפערן.

דער תלמוד דערציילט: „פיער (תנאים) זיינען אַריין אין **פרדס** (דאָס הייסט לוסטגאָרטען — אַזוי ווערט אָנגערופען על-פי-רמז דער געביט פון מעטאַ-פישיזע פאָרשונגען) — בן-עזאי, בן-זומא, רבי עקיבא און אלישע בן-אבויה. בן-עזאי האָט אַ קוק געטאָן און איז געשטאָרבען, בן-זומא האָט אַ קוק געטאָן און איז געוואָ-רען געריהרט (פון זינען: הציץ ונפגע), רבי עקיבא איז אַריין בשלום און איז אַרויס בשלום, און אלישע בן-אבויה האָט אַראָבגעהאַקט די פלאַנצונגען (קצץ בנטיעות).

אין דערזעלביגער צייט וואָס רבי עקיבא, וואָס איז „אַרויסגעגאַנגען בשלום" פון תחום פון די אייביגע פראַגען, איז געווען אינגאַנצען אַריינגעטאָן אין זיין נאַציאָנאַל-גייסטיגער טעטיגקייט, איז אלישע געשטרויכעלט געוואָרען איז זיין גלויבען, ענטוישט געוואָרען אין זיינע פריהערדיגע אידעאַלען און האָט איבערגעלעבט אַ שווערען גייסטיגען קריזיס. די גריכישע פילאָסאָפיע און מסתמא אויך די מיסטישע שיטה פון די גנאָסטיקער האָבען איהם אַראָבגעפיהרט פון

גלייכען וועג. די גנאָסטישע טעאָריע פון דואליזם (פון העכסטען עצם און דעמיאורג), אפשר דערצו נאָך מיט אַ קריסטליכער פאַרבונג, האָבען געמאַכט אין איהם שוואַנקען דעם הויפּט-עיקר פון דער יהדות, און די גריכישע פילאָסאָפיע האָט אַריינגעוואָרפען אין איהם ספקות וועגען תחית-המתים און וועגען שכר ועונש. ער האָט געלייקענט, אַז עס איז פאַרהאַן אַ נוצען דערין, וואָס מען לערנט תורה, און, ווי עס דערציילט די טראַדיציע, איז ער געגאַנגען איבער די שולען, וואו עס האָבען געלערנט קינדער, און האָט געשריען: „וואָס טוען זיי דאָ? צוליעב וואָס איז דער דאָזיגער לערנען? זאָל בעסער איינער ווערען אַ בוימייסטער, דער אַנדערער אַ טישלער, דער דריטער אַ שניידער!"

מען האָט אלישע'ן גע'רודפ'ט פאַר זיין פרייד־יינקעריי, און ער האָט זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון זיינע פריהערדיגע גוטע פריינד און חברים; ער האָט זיך גערעכענט פאַר אויסגעשלאָסען פונ'ם קהל פון די גלויביגע. שווער איז געווען זיין לאַגע אין דער צייט פון בר-כוכבא'ס אויפשטאַנד און הדריאנוס'עס רדיפות. דער אומגליקליכער סקעפּטיקער, וואָס האָט אומזיסט געזוכט דעם אמת, האָט איהם ניט געקאָנט געפינען אין יענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אידעאַלען, וואָס פאַר זיי האָבען זיינע ברידער מקריב געווען זייער לעבען טויזענ־דערווייז און וואָס האָבען בעגאָסען מיט אַ ליכטיגען שיין דעם מערטירער-טויט פון זיין חבר רבי עקיבא. אַלע האָבען זיך אָבגעקעהרט פון אזא מענשען, וואָס האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין גרויסען נאַציאָנאַלען קאַמף. צום צונעמע־ניש „חוטא" איז נאָך צוגעקומען די צונעמעניש „בוגד". וועגען אלישע'ן זיינען פערשפרייט געוואָרען שרעקליכע קלאַנגען. מען האָט דערציילט, אַז ער פיהרט אַראָב אידישע קינדער צו געצענדיענעריי און אַז ער מסר'ט פאַר דער רומישער מלוכה די אידען, וואָס היטען אָב זייער תורה קעגען די בעפעהלען פון די אימפּעראַטאָרען. דאָס, וואָס אלישע איז געווען פערזענליך בעקאָנט מיט עטליכע גריכישע אָדער רוימישע פילאָזאָפען, אין צוזאַמענהאַנג מיט רופוס'עס אכזריות־דיגע מעשים און מיט דער סיסטעם פון שפּיאָנעריי, וואָס ער האָט איינגעפיהרט, האָבען געקאָנט געבען אַ יסוד צו מיינען, אַז די דאָזיגע אויסגעטראַכטע מעשיות זיינען טאַקע אמת.

אַז די רדיפות האָבען זיך געענדיגט, און עס האָט זיך געשטאַרקט די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלען זעלבסטשוץ און צו דער דיסציפּלין פון דער תורה, האָט אלישע נאָך מעהר געמוזט אָבגעפרעמדט ווערען פון דער געזעלשאַפט פון די מאמינים. ער איז געבליבען איינזאַם, פערשטויסען. מען האָט איהם געגעבען די צונעמעניש אחר, דאָס בעטייט: „דער אַנדערער", „בוגד".

מעהר ניט איין רבי מאיר האָט זיך ניט אָבגעקעהרט פונ'ם דאָזיגען פריידיינקער, וואָס אַלע האָבען איהם פערשטויסען. היות ווי רבי מאיר האָט געקאָנט אלישע'ן פון לאַנג-אָן, ווייל ביי איהם האָט ער געלערנט תורה, דערי־בער האָט ער אַיינגעזעהן אין איהם ניט אַ פערברעכערישע פערזענליכקייט, נאָר אַ טראַגישע, און האָט געשאַצט דאָס גוטע, וואָס איז געבליבען אין דעם דאָזי־גען אָריגינעלען דיינקער. „איך האָב געפונען אַ מילגרוים, די פרי גופא האָב

איך אויפגעגעסען און די שאָלעכץ האָב איך אוועקגעוואָרפען" — אזוי האָט געענטפערט רבי מאיר, בשעת מען פלעגט איהם פאָרוואַרפען, וואָס ער האָט צו טון מיט אַן אפיקורס.

צוויי מעשיות, וואָס זיינען פערבליבען אין דער תלמוד'ישער טראַדיציע, זאָגען עדות אויף דעם טראַגישען קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין אלישע'ס נשמה.

איין מאָל איז אלישע געפאָהרען רייטענדיג אום שבת, און רבי מאיר איז געגאַנגען הינטער איהם צו-פוס און האָט געהערט זיינע קלוגע רייד. מיט אַמאָל איז אלישע געבליבען שטייהן און האָט געזאָגט צו זיין תלמיד: מאיר, גייה צוריק, וואָרום לויט מיין חשבון ביזטו שוין אַריבער אַ תחום שבת". „קעהר זיך דו אויך אום (אויפ'ן ריכטיגען וועג)!" — האָט אויסגערופען רבי מאיר אַלס ענטפער. „ניין, — האָט געענטפערט אלישע — פאַר מיר זיינען די טויערן פון תשובה שוין פערשלאָסען, וואָרום שוין לאַנג האָב איך געהערט אַ בת-קול: „טוט תשובה אַלע פערווילדערטע, חוץ אַחר'ן, וואָרום ער האָט מיין כח דערקענט און פונדעסטוועגען האָט ער קעגען מיר ווידערשפעניגט."

אַז אלישע איז געלעגען אויפ'ן טויטען-בעט, איז רבי מאיר געקומען איהם מבקר חולה זיין. „טו תשובה" — האָט ער געזאָגט צום שטאַרבענדען. „שוין-זשע וועט איצט מיין תשובה אָנגענומען ווערען? — האָט אלישע מיט ביטערניש געפרעגט. דעריוף האָט רבי מאיר געענטפערט, אַז אפילו פאַר'ן אָפענעם קבר איז ניט שפעט צו טון תשובה. אלישע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און אין עטליכע מינוטען אַרום איז איהם אויסגעגאַנגען די נשמה. דער גרויסער סקעפּטיקער איז געשטאָרבען, בעוויינענדיג זיין פערלאָרענעם גלויבען, די אידעאַלען פון זיין יוגענד-צייט, די צעשטערטע רוהה פון זיין נשמה. דאָס לעצטע מאָל האָט זיך פאַר רבי מאיר'ן אַנטפּלעקט די מורא'דיגע טראַגעדיע פון אַ פּערזענליכקייט, וואָס אַ גאַנץ לעבען האָט זי געטראָגען ביי זיך די בייַנקשאַפט נאָך אַן אידעאַל, וואָס דער ווידערשפעניגער שכל האָט ניט געוואָלט גלויבען אין איהם. „דוכט זיך, ער איז געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער האָט תשובה געטאָן — האָבען געשעפּטשעט רבי מאיר'ס לעפּצען, בשעת ער איז געשטאַנען נעבען טויטען אלישע'ן,—ער וועט אויסגעלייזט ווערען"...

אין איין רייהע מיט דער דאָזיגער טראַגישער געשטאַלט פונ'ם אמת-זוכער, טרעט אַרויס די ליכטיגע געשטאַלט פון רבי מאיר'ס ווייב ב ר ו ר י ה, וואָס אין איהר האָט זיך צונויפגעגאָסען די געמיטס-שיינקייט פון אַן אידעאַלער פרוי מיט דער אינטעלעקטועלער קראַפט פון די מאַנסבילען פון איהר קרייז. אַ תנא'ס (ר' חנניה בן-תרדיונ'ס) אַ טאָכטער און אַ תנא'ס אַ ווייב, האָט ברוריה אַליין אויך געהאַט טיעפע ידיעות אין דער תורה און בנוגע צו פלפול אין הלכות האָט זי געקאָנט בעשטייהן אַנטקעגען אַ סך חכמים פון די ישיבות. לויט איהר וועלט-אָנשויאונג דערמאָנט זי אָן די איידעלסטע פילאָסאָפען-סטאָאיקער.

ברוריה האָט איבערגעלעבט אַלע שרעקענישען פון הדריינוס'עס עפּאָכע.

איהר פאָטער איז געשטאָרבען אויף קדוש-השם (§ 16), איהר מוטער איז דער-הרג׳עט געוואָרען, און איהר יונגע שוועסטער האָט מען אוועקגעפיהרט אין א רוימישער שטאָדט און אָבגעגעבען אין א שאַנד-הויז. לויט ברוריה׳ס בקשה, האָט ר׳ מאיר מיט סכנת נפשות אַרויסגעראַטעוועט איהר שוועסטער פון שאַנד און אַרויסגעחאַפּט זי פון איהר תפיסה. די יאָהרען פון צרות און וואָגלענישען האָבען נאָר פעסטער געשמידט ברוריה׳ס כאַראַקטער. זי פלעגט פּראָטעסטירען קעגען דער פערשפרייטער מימרא, אַז „פרויען זיינען לייכטזיניג״ (נשים דעתן קלות), און האָט אָפטמאָלס אַרויסגעוויזען אַזאַ שטאַנדהאַפטיגקייט פון כאַראַקטער און אַזאַ ברייטקייט פון קוק, אַז עס פלעגען נשתומם ווערען דעריבער די שטאָלצע תנאים, וואָס זיינען געווען געוויינט צו קוקען אויף פרויען פון אויבען אַראָב.

איהר מאַן האָט זי איינמאָל געמאַכט אַ בעמערקונג אויפ׳ן סמך פון אַן עטישער אויסטייטשונג פון תנ״ך. ר׳ מאיר׳ן זיינען שטאַרק דערעסען געוואָרען שלעכטע שכנים, און ביי איהם זיך אַרויסגעריסען אַ קללה אויף זיי. ברוריה האָט איהם דערמאָנט דעם פסוק פון תהלים (קאַפּיטעל ק״ד): „יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם״ („זאָלען פערטיליגט ווערען די זינד פון דער ערד — וועלען קיין רשעים ניט זיין). דו האָסט בעדאַרפט — האָט זי געזאָגט — ניט פערשילטען די שלעכטע שכנים, נאָר מתפלל זיין צו גאָט, אַז זיי זאָלען פטור ווערען פון זייערע זינד״.

וועגען ברוריה׳ס פעסטקייט אין גלויבען ווערט דערציילט אַזאַ מעשה. איין מאָל, ס׳איז געווען שבת, איז ר׳ מאיר געזעסען אין בית-המדרש און גע-לייענט דעם שיעור; דערווייל איז זיין ווייב געזעסען אין שטוב ביי זייערע צוויי קראַנקע זיהן. ביז ער איז געקומען אַהיים פון בית-המדרש, זיינען די אינגלעך געשטאָרבען. היות ווי ברוריה האָט ניט געוואָלט פערשטערען דעם שבת, דעריבער האָט זי צוגעדעקט די טויטע קינדער מיט אַ ליילעך, און אַליין איז זי אַרויסגעגאַנגען צו ר׳ מאיר׳ן רוהיג און מונטער, און איהר צער האָט זי פערבעהאַלטען טיעף אין האַרצען. דעם גאַנצען טאָג האָט זי פערהוילען פאַר׳ן מאַן דעם שרעקליכען אמת און האָט אַלץ אויסגעטראַכט פערשיידענע אויסריידען, בכדי צו דערקלערען פאַרוואָס די קינדער זיינען ניטאָ. אַז ס׳איז געוואָרען אָבענד, און רבי מאיר האָט געמאַכט הבדלה, איז זיין ווייב צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געזאָגט: „רבי, איך וויל ביי דיר פרעגען אַ שאלה. אַנומעלט האָט מיר עמיצער געגעבען אַ פקדון צו היטען, איצט איז ער געקומען און מאָנט זיין פקדון, — צי בין איך מחויב איהם אָבצוגעבען?״ — אַודאי ביזטו מחויב — האָט געענפערט רבי מאיר. דעמאָלט האָט ברוריה אַריינגעפיהרט דעם מאַן אין חדר, וואו עס זיינען געלעגען די געשטאָרבענע קינדער, און האָט אַראָבגענומען פון זיי דעם דעקטוך. רבי מאיר האָט זיך צעוויינט אויפ׳ן קול. נאָך די פרוי׳ האָט צו איהם געזאָגט: „האָסט דען ניט אַליין מיר אָקאָרשט געזאָגט, אַז דער וואָס האָט גענומען אַ פקדון, איז מחויב עס אָבצוגעבען, ווי נאָר דער בעל-הבית קומט מאָנען? גאָט האָט אונז געגעבען קינדער; גאָט האָט זיי איצט גענומען: געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען!״

רבי שמעון בן־יוחאי און די טוער פון סנהדרין אין אושא.

§ 21. איין מאָל זיינען דריי וויכטיגע תנאים פון דער קאָלעגיע אין אושא: רבי שמעון בן־יוחאי, ר׳ יהודה בן־אלעאי און ר׳ יוסי בן־חלפתא, געזעסען אין אַ קאָמפּאַניע און האָבען געשמועסט צווישען זיך וועגען דער בעדייטונג פון דער רוימישער קולטור. ר׳ יהודה האָט בעהויפּטעט, אַז די רוימישע אויבערהערשאַפט האָט אויך איין גוטע זייט, דאָס איז דאָס, וואָס זי פלאַנצט איין ציוויליזאַציע און העלפט ברייגגען אין אָרדענונג די אויסווייניגסטע זייט פון לעבען. „זעהט — האָט ער געזאָגט — וויפיעל גוטע זאַכען די דאָזיגע אומה (די רוימער) האָט אויפגעטאָן: זיי האָבען פעררייכט די פּלעצער אין די שטעדט, אויסגעבויט בריקען און פער־שענערט די באָד־שטיבער!״ רבי יוסי האָט געשוויגען, נאָר ר׳ שמעון בן־יוחאי, וואָס האָט מיט׳ן גאַנצען הארצען פיינט געהאַט אַלצדינג, וואָס איז שייך צו די רוימער, האָט אויסגערופען: „אַלצדינג, וואָס די רוימער האָבען אויפגעטאָן, האָבען זיי געטאָן בלויז צוליעב זייער אייגענער הנאה וועגען. זיי האָבען אויסגעפּוצט די פּלעצער, בכדי צו בעזעצען דאָרט זונות; זיי האָבען געמאַכט מרחצאות, בכדי צו פּיעשטשען זייער גוף; זיי האָבען אויסגעבויט בריקען, בכדי צו נעמען אויף זיי אָבצאָהלונגען״.

וועגען דעם דאָזיגען שמועס האָט מען גע׳מסר׳ט דער רוימישער רעגירונג. האָט דער פּאָליטיש זיכערער רבי יהודה בעקומען אַ בעלוינונג, ר׳ יוסי איז פאַר זיין שוויגען פערשיקט געוואָרען קיין לודקיא, און ר׳ שמעון בן־יוחאי איז פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע רייד פער׳משפט געוואָרען צום טויט. ר׳ שמעון איז אַנט־לאָפען געוואָרען, און עטליכע יאָהר האָט ער זיך בעהאַלטען פאַר דער רוימישער פּאָליציי. די לעגענדע איז מוסיף, אַז דרייצעהן יאָהר זאָל ער זיין געווען בע־האַלטען מיט זיין זוהן אין אַ הייהל און האָט זיך דערנעהרט פון טייטלען און באָקסער.

ערשט שפּעטער, בשעת עס זיינען איבערגעביטען געוואָרען די פאָרשטיי־הער פון דער רוימישער אַדמיניסטראַציע אין יהודה, דעמאָלט האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין די ישיבות פון גליל. דורך די וואָגלונגען, וואָס ער האָט געמוזט דורכמאַכען, איז זיין געזונדהייט שטאַרק געשעדיגט געווען, און ער האָט זיך ווידער אויסגעהיילט דורך באָדען זיך אין די הייסקוואַלען פון טבריא. דערנאָך האָט ער געוואוינט אין טבריא, מירון (ניט ווייט פון צפת) און אין תקוע און האָט גענומען אַן אַנטייל אין דער טעטיגקייט פונ׳ם סנהדרין אין אושא. לויט דעם סנהדרינ׳ס אַן אויפטראַג איז ער אין דער צייט פון איינעם פון די אַנטונינוס׳עס געפאָהרען קיין רוים זיך משתדל זיין, מען זאָל מבטל זיין די נייע גזרות קעגען דער יהדות (אויבען, § 16).

דאָס זיינען די ווינציג געשעהענישען, וואָס די לעגענדע האָט אָבגעהיט פונ׳ם לעבען פון איינעם פון די הויפּט־פאָרשטייהער פונ׳ם דריטען דור תנאים. די שטורמישע צייט האָט אַרויפגעלייגט אַ חותם פון פּאָליטישען מערטירערטום אויפ׳ן דאָזיגען דור, וואָס האָט איבערגענומען די ירושה פונ׳ם סנהדרין אין יבנה.

אויפגעהאָדעוועט אין דער יבנה'ער ישיבה און ר' עקיבאַ'ס אַ תּלמיד, האָט רבי שמעון בן-יוחאי אין זיין גרויסן איבערגעגעבענער און וויסנשאַפטליכער טעטיגקייט זיך געהאַלטן פעסט פאַר די טראַדיציעס פון דער פערגאַנגענער עפּאָכע. נאָר אין דעם אופן, ווי אַזוי צו דרש'ען די תורה, איז ער אָפּטמאָלס אָבגעטראָטן פון די פּלפּול'יסטישע גיינג פון ר' עקיבאַ'ס שול. רבי שמעון האָט ליעב געהאַט אַרויסצוגעפינען דעם זין און דעם טעם פון די געזעצן (טעמא דקרא) און ער פלעגט זיי אויסטייטשען ניט לויט'ן אות נאָך, נאָר לויט'ן גייסט. דעם לאו פון דער תּורה, אַז מען טאָר זיך ניט משדך זיין מיט די זיבען פעלקער פון כּנען (שבעה עממין), האָט ער אָנגעווענדט אויך אויף אַנדערע פעלקער, וואָרום דער עצם טעם פונ'ם דאָזיגען לאו איז בעשטאַנען דעריין, וואָס ער האָט בעדאַרפט ניט דערלאָזען קיין געמישטע שדוכים בכלל, בכדי איינצוהיטען די ריינקייט פונ'ם אידישען נאַציאָנאַלען טיפּ. דאָרט אָבער, וואו דער גייסט פונ'ם געזעץ האָט דאָס דערלאָזט, האָט רבי שמעון זיך ניט אָבגעשטעלט אויך פאַר קולות.

אין די פיעל מימרות פון אגדה, וואָס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין זיין נאָמען, געפינט זיך אַ גאַנצע וועלט-אָנשויאונג, וואָס צייכענט זיך אויס דורכ'ן נאַציאָנאַל-קאָנסערוואַטיווען גייסט. דער שווערער רוימישער דרוק, וואָס ר' שמעון האָט אַזוי לאַנג געליטען פון איהם, האָט אַרויסגערופען ביי איהם עטליכע שאַרפע אויסדרוקען קעגען דער היידנישער וועלט, וואָס אין איהר האָט ער איינגעזעהן די פערקערפּערונג פון אַלע חטאים. דעם העכסטען אידעאַל פון אַ „מענשען" איז, לויט זיין מיינונג, בערופען צו פערווירקליכען בלויז די אידישע נאַציע, און די יהדות איז אַ וועג צום דאָזיגען אידעאַל.

ר' שמעון בן-יוחאי'ס היסטאָרישע פּערזענליכקייט איז אין די פאָרשטעלונגען פון די שפּעטערדיגע דורות פערשטעלט געוואָרען דורך דער פאַנטאַסטישער געשטאַלט, וואָס די שפּעטערדיגע לעגענדעס האָבען געשאַפען. אויפ'ן סמך פון די מעשׂות, אַז ר' שמעון איז דרייצעהן יאָהר געזעסען אין אַ הייהל, האָט די מיטעלאַלטערליכע לעגענדע אויסגעטראַכט אויף איהם, אַז ער איז געווען אַ בעל-מופת און דער בעשעפער פון דער „חכמת הנסתר". אין XIII יאָהרהונדערט האָט מען איהם ערקלערט פאַר'ן מחבר פונ'ם סודות'פולען ספר „זוהר", וואָס זאָל דעמאָלט זיין געפונען געוואָרען און וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער הויפּט-בוך פאַר די מקובלים. בעזונדערס גרויס איז געוואָרען זיין נאָמען זינט דעם XVI יאָהרהונדערט, אַז די מקובלים אין ארץ-ישראל האָבען אָנגעהויבען צו פּאָפּולאַריזירען דעם „זוהר". זינט יענער צייט האָבען אָנגעהויבען צו קומען פרומע לייט מתפּלל זיין אויף ר' שמעון בן-יוחאי'ס קבר אין מירון, און נאָך עד היום קומען אַהין מאַסען מענשען יאָהר-אויס, יאָהר-איין.

דער אויבען-דערמאָנטער חבר רבי שמעון בן-יוחאי'ס, רבי יהודה בן-אלעאי, וואָס האָט זיך פערדיענט אַ דאַנק מצד דער רוימישער רעגירונג פאַר זיין פּאָליטישען אָפּאָרטוניזם, האָט אויך געהערט צו די גרעסטע תּנאים אין סנהדרין פון אושא. ער איז געווען דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פונ'ם גרינ-דונגס-צוזאַמענפאָהר אין אושא, וואָס איז געווען זיין געבאָרען-שטאָדט (§ 19)

און האָט געהאַט אַ שם פאַר'ן „ערשטען רעדנער" (ראש המדברים) אין אַלע פערזאַמלונגען. אין זיינע פיעל הלכות האָט ר' יהודה זיך שטריינג געהאַלטען פאַר רבי עקיבא'ס מעטאָד און האָט געמאַכט אַ סך גוזעצגעבערישע מסקנות אויפ'ן סמך פון פאָרמאַלע אויסטייטשונגען פון די ווערטער און אותיות פון דער תורה. פון זיינע עטישע מימרות קאָן מען אַרויסזעהן, אַז ער האָט הויך בעשאַצט פיזישע אַרבייט. „ווער עס לערנט ניט זיין זוהן קיין מלאכה — זאָגט ער — דער לערנט איהם רויבעריי" (כל מי שאינו מלמד לבנו אומנות הרי זה כאלו מלמדו לסטות).

דער דריטער פון די תנאים, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אינ'ם דערמאָנ־טען שמועס, ר' יוסי בן־חלפתא, וואָס איז בעשטראָפט געוואָרען פאַר זיין שוויי־גען, האָט געוואוינט אין דער גליל'ער שטאָדט צפורי. ער איז געוועזן אַ רודף־שלום און אַ סבלן בנוגע צו אַ פרעמדענס מיינונג. ער איז געוועזן קעגען די שאַרפע פלוגתות אין די ישיבות, וואָרום, לויט זיין מיינונג, קאָנען זיי גרינג פיה־רען, חלילה, צו אַ רעליגיעזער שפּאַלטונג, און אָפטמאָלס פלעגט ער די בעלי מחלוקת בריינגען דערצו, זיי זאָלען איינער דעם אַנדערן נאָכגעבען.

ר' יוסי האָט זיך פערנומען מיט פאָרשונגען וועגען דער כראָנאָלאָגיע פון אידישער געשיכטע, און לויט דער טראַדיציע איז ער דער מחבר פונ'ם ספר „סדר עולם רבא", וואו עס זיינען אויסגערעכענט אין אַ כראָנאָלאָגישען סדר די געשעהענישען זינט דער וועלט־בעשאַפונג ביז דער צייט פון דער פערסישער אויבערהערשאַפט. אין לעצטען קאַפּיטעל זיינען דערמאָנט די געשעהענישען ביז בר־כוכבא'ס אויפשטאַנד, נאָר חוץ עטליכע מאָגערע דאַטען איז דאָרט גאָרנישט ניטאָ. אין דער אויסלייגונג פונ'ם ביבלישען פעריאָד בייטען זיך כראָנאָלאָגישע קאָמבינאַציעס מיט דרשות אינ'ם גייסט פון דער אגדה. פאַר דער געשיכטס־שרייבונג אין ברייטען זין האָט דער „סדר עולם" כמעט קיין שום ווערט ניט, וויל ער האָט ניט קיין נייע פאַקטישע מאַטעריאַלען.

אין יענע צייטען האָבען אויפגעהערט צו זיין צווישען אידען כראָניקען־און געשיכטס־שרייבער. מיט די געשעהענישען פונ'ם עבר האָט זיך פערנומען באָר די אגדה אַזוי ווייט, אויף וויפיעל זיי האָבען איהר געדיענט פאַר אַ משל צוליעב אַ גוטען מוסר־השכל, און די געשעהענישען פון יענער צייט גופא זיי־נען אפילו ניט פערשריבען געוואָרען און זיינען פערשוואונדען אינ'ם נעפּיל פון די פאָלקס־לעגענדעס.

רבי יהודה הנשיא.

§ 22 די אָנגעשטריינגטע אַרבייט פונ'ם סנהדרין, פון די ישיבות און פון דער נשיאות אין משך פונ'ם ערשטען יאָהרהונדערט זינט דעם חורבן פון מלכות יהודה (73—170) — האָט געפונען סוף־כל־סוף איהר העכסטען סינטעז אין דער טעטיגקייט פון אַ שטאַרקען מאַן, וואָס האָט פעראייניגט אין זיין פער־זאָן דעם אַוטאָריטעט פון אַלע די דאַזיגע דריי יסוד'ען. רבי יהודה הנשיא,

וואָס האָט איבערגענומען די נשיאות נאָכ׳ן טויט פון זיין פאָטער רבי שמעון בן-גמליאל (אַן ערך אין יאָהר 170), איז געווען דער איינפלוסרייכסטער צווישען די פאָרשטייהער פון הלל׳ס דינאַסטיע, וואָס האָבען געטראָגען דעם דאָזיגען טי-טעל.

ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער צייט פון הדריאנוס׳עס רדיפות. זיינע זיין פריהער יוגענד האָט ער זיך געפונען צווישען די תנאים, וואָס האָבען אַרומגערינגעלט זיין פאָטער, און האָט בעקומען זיין אויסבילדונג אין די ישיבות פון רבי שמעון בן-יוחאי און פון די אַנדערע תנאים. אין די דאָזיגע קרייזען האָט רבי יהודה שוין יונגערהייד געקאָנט זיך בעקאָנען מיט דער נייער סיס-טעם פון דער אידישער גרזעלשאַפטליכער זעלבסטפערוואַלטונג, וואָס איהר צוועק איז דער עיקר געווען אָבהיטען און פערשטאַרקען די אינעווייניגסטע אונאָב-הייגגיגקייט אַפילו ביי די ערגסטע פּאָליטישע תנאים.

אַז רבי יהודה האָט בעקומען די נשיאות, האט ער זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַן אויסגעצייכענטען אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט פערשטאַנען אונטערצוהאַל-טען גוטע בעציהונגען מיט די רוימישע רעגירונגס-ספערען און צו פערטיידיגען, בשעת דאָס איז נויטיג געווען, די אינטערעסען פון זיין פאָלק. אויב מען זאָל גלויבען דער טראַדיציע, האָט ער זיך געפונען אין פריינדשאַפטליכע בעציהונ-גען מיט אַ קיסר אַנטונינוס — מסתמא מיט׳ן פילאָסאָף מארקוס אורעליוס (§ 18). רבי יהודה הנשיא איז געווען זייהר רייך, און האָט זיך געפיהרט גאָר ווי א פירשט: דאס האט ער בעדאַרפט טון צוליעב זיין שטעל און צוליעב די אָפי-ציעלע בעציהונגען מיט דער רוימישער רעגירונג.

אויף אַזא אופן האבען אינ׳ם נייעם נשיא זיך הארמאָניש צונויפגעפּארט גרויסע למדות פון איין זייט מיט גלענצענדע אַדמיניסטראַטיווע פייהיגקייטען פון דער אַנדער זייט. זיינע ידיעות אין דער אידישער גרזעצגעבונג האָבען געהאט אַ סיסטעמאַטיש׳ען כאראַקטער. ער איז געווען קעגען דעם גריבלען זיך און אַנאַליזירען אַלע קלייניגקייטען, ווי ס׳איז געווען איינגעפיהרט אין די ישיבות פון יענער צייט, בשעת מען פלעגט זיך מתוכח זיין אין הלכה. זיין שכל איז מעהר נוטה געווען צו אַלגעמיינע כללים, צו סינטעזען. די שטרעבונג צו פעראייניגען די תורה מיט׳ן לעבען איז ביי רבי יהודה הנשיא׳ן געווען ענטוויקעלט נאָך מעהר, איידער ביי זיין פאָטער און זיין זיידען, וואָס האָבען געקעמפט קעגען דעם סעפּאַראַטיזם אין די ישיבות. נאָר איהם איז שוין ניט אויסגעקומען צו פיהרען אַזא קאַמף: ער האָט געהערשט גלייך, סיי אין דער ישיבה און סיי אין סנהדרין.

פאַר די תנאים איז דער נשיא געווען ניט בלויז אַ בר-סמכא אין לער-נען, נאָר אויך אַ נדבן און בעשיצער. ר׳ יהודה האָט אויף זיין חשבון אויסגע-האַלטען אַ סך אָרימע תלמידים און האָט געגעבען תמיכה ישיבות. ער האָט זיך אויך קונה שם געווען דורך זיין צדקה געבען. בשעת אין מאַרקוס אורעליוס׳עס צייטען איז דאָס לאַנד געפּלאָגט געוואָרען מיט הונגער און פעסט, האָט רבי יהודה הנשיא געהייסען טיילען פון זיינע אייגענע שפּייכלערס תבואה אַלעמען,

ווער עס האָט זיך נאָר געגויטיגט. לכתחלה האָט ער געהאַט געהייסען, אַז מען זאָל געבען הילף נאָר תּלמידי-חכמים, אָבער עמי-הארצים ניט. נאָר דעם נשיא׳ס בעסטע תּלמידים זיינען געווען שטאַרק אומצופרידען מיט׳ן דאָזיגען אומגערעכ-טען בעפעהל. איינער פון זיי, יונתן בן-עמרם, האָט דערקלערט, אַז ער וויל ניט אויסנוצען זיין קענטשאַפט, בכדי צו האָבען דערפון מאַטעריעלע טובות, און האָט געבעטען דעם נשיא, ער זאָל איהם שפייזען „ווי אַ הונט אָדער ווי אַ קראָהע״, און ניט ווי אַ תּלמיד-חכם. האָט רבי יהודה פערשטאַנען, אַז בנוגע צו געבען הילף אָרימע לייט טאָר מען ניט איינטיילען מענשען אין קלאַסען, און האָט געהייסען געבען תּבואה אַלע נצרכים אָהן אונטערשייד.

איין מאָל האָבען זיך געווענדט צום נשיא נאָך הילף אלישע-אחר׳ס טעכ-טער, נאָר ער האָט זיי אָבגעזאָגט, ווייל זייער פאָטער איז געווען גערעכענט פאַר אַן אפיקורס און פאַר אַ פאָלקס-פיינד. „רבי! — האָבען אויסגערופען די אומגליקליכע יתומות — פערגעס אָן אונזער פאָטערס אויפפיהר און דערמאָן זיך אָן זיין למדות!״ האָט דער נשיא זיך פונאַנדערגעוויינט און געהייסען געבען די יתומות אונטערשטיצונג.

למדות און עשירות אינאיינעם מיט זיין הויכען טיטעל האָבען געגעבען רבי יהודה׳ן אַן אומבעגרעניצטע, כּמעט אַליינהערשענדע מאַכט אין דער געזעל-שאַפט. דער סנהדרין האָט אין זיינע צייטען דערגרייכט צו אַ בליהענדען צו-שטאַנד און האָט געהאַט זיין פולע צאָהל מיטגלידער (זיבעציג), נאָר דער נשיא וואָלט געקאָנט זאָגען: „דער סנהדרין — דאָס בין איך!״ — וואָרום לויט זיין רצון האָט זיך געפיהרט די גאַנצע טעטיגקייט פון דער געזעצגעבערישער אַנשטאַלט. פונ׳ם נשיא איז געווען אָבהייניגיג צו בעשטימען, צי דער אָדער יענער תּנא איז ראוי אַריינגענומען צו ווערען אין סנהדרין. אַלס פאָרזיצענדער פון סנהדרין האָט ער געהאַט דאָס רעכט לויט זיין גוטען ווילען, ניט אָנפרעגענדיג ביי די איבע-ריגע מיטגלידער, צו בעשטימען אין די קהלות דיינים און לעהרערס; פערקעהרט אָבער, די דיינים און לעהרערס, וואָס זיינען בעשטימט געוואָרען דורכ׳ן סנהדרין, האָבען נאָך בעדאַרפט בעשטעטיגט ווערען דורכ׳ן נשיא. די עלטסטע פון דער קהלה אין סימוניא (ניט ווייט פון צפורי) האָבען זיך געווענדט צום נשיא מיט דער בקשה, ער זאָל זיי צושיקען אַ מענשען, וואָס זאָל לערנען מיט זיי תּורה שבכתב און שבעל-פה און זאָל זיין אַ דיין; האָט רבי יהודה בעשט׳מט דאָרט זיין תּלמיד, לוי בר-סוסי, און האָט געזאָגט צו די עלטסטע: „איך גיב אייך אַ מענשען, וואָס קאָן מיך פערבייטען״.

אויך די קהלות אין חוץ-לארץ פלעגען זיך ווענדען צו ר׳ יהודה הנשיא מיט בקשות, ער זאָל בעשטימען לעהרערס און דיינים. צווישען די תּלמידים אין די גליל׳ער ישיבות זיינען דעמאָלט געווען ניט ווינציג אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פון בבל ספּעציעל צוליעב דעם, בכדי צו לערנען אונטער ר׳ יהודה׳ס אָנפיהרונג. דער גרעסטער צווישען זיי איז געווען **רבי חייא**, וואָס איז גע-ווען דעם נשיא׳ס ליבלינגס-תּלמיד און זיין געהילף.

פון רבי חייא׳ן און די איבעריגע תּלמידים פון בבל האָט רבי יהודה

געקאָנט דערגייהן אַ סך זאַכען וועגען דעם לעבענס-פיהר און וועגען דער אָר-דענונג אין די קהלות ביי די אידען פון בבל. זיי האָבען איהם דערציילט, ווי אַזוי דער פאָרשטייהער פון די אידישע קהלות אין בבל — דער ריש גלותא — פערנעהמט זייהר אַ גלענצענדע געזעלשאַפטליכע אָפיציעלע שטעלע. דאָס האָט אפשר ביי איהם אַרויסגערופען אַ ביסעל קנאה.

אַ ריש-גלותא איז געוועזען דעמאָלט אַ מיוחס'דיגער איד מר הונא. איין מאָל האָט ר' חייא אָנגעזאָגט דעם נשיא אַ נייס, אַז אין גיכען וועט אָנקומען פון בבל דער ריש-גלותא מר הונא. דער נשיא איז רויט געוואָרען פון אויפ-רעגונג, נאָר רבי חייא האָט איהם באַלד דערקלערט דעם ענין, אַז אָנקומען וועט בלויז מר-הונא'ס ארון, ווייל דער ריש-גלותא האָט פאַר'ן טויט איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מען זאָל איהם מקבר זיין אין ארץ-ישראל. פאַר'ן אומפאַסיגען קאָ-טאָוועס-שטיק האָט דער נשיא שטרייננ אויסגערעדט רבי חייא'ן און האָט איהם דערווייטערט פון זיך אויף דרייסיג טעג.

בכלל, איז רבי יהודה הנשיא געוועזען שטרייננ מיט זיינע תלמידים און מקורבים און האָט געהאַלטען, אַז עס איז זייהר וויכטיג, די נידעריגע זאָלען פאָלגען די העכער געשטעלטע. ער איז געוועזען זייהר פאָרזיכטיג ביים אויסטיי-לען טיטלען די תלמידים; טיטלען זיינען דעמאָלט געוועזען צוויי: אַ העכערע מדרגה — רבי, און אַנידעריגערע — חכם.

אין פרט פון אַרויסגעבען און בעשאַפען נייע דינים איז רבי יהודה ניט געוועזען קיין מחמיר. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר דער אַלטער טראַדיציע פון בית-הלל און האָט זיך געמיהט צו פערגרינגערן דעם יאָך פון די מצוות דאָרט וואו עס האָט געבראַכט שאָדען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון די מאַסען. ער האָט געוואָלט מבטל זיין דעם דין פון „שמיטה", דאָס הייסט, אַז איטליכען זיבעטען יאָהר מוז די ערד אין ארץ-ישראל זיך אויסרוהען און טאָר ניט בעאַרבייט ווערען, מחמת ביי דער רוימישער סיסטעם צו נעמען שטייערן האָט דער אָבהיטען דעם דאָזיגען דין געקאָנט בדלות שטעלען די דאָרפישע בעלי-בת'ישקייט. ער האָט אויך געהאַט בדעה צו בעגרעניצען די אָבצאָהלונגען אין פירות, וואָס מען פלעגט נעמען לטובת די כהנים (תרומה, מעשר און אַנדערע) און וואָס נאָכ'ן חורבן בית-המקדש האָבען זיי אָנגעוואָהרען זייער זין.

נאָר די אויסערסטע קאָנסערוואַטאָרען האָבען זיך אַרויסגעשטעלט קעגען דעם, מען זאָל מבטל זיין די דאָזיגע זכרונות פון דער אַלטער צייט. בראש פון די דאָזיגע קאָנסערוואַטאָרען איז געשטאַנען רבי פנחס בן-יאיר. וועגען דעם דאָזיגען הייליגען מאַן, וואָס האָט זיך קונה שם געוועזען דורך זיין צו-גרויסער פרומקייט, פלעגט מען דערציילען בדרך הלצה, אַז ער האָט אַזוי שטרייננ אָבגעהיט די דינים וועגען תרומה און מעשר, אַז אַפילו זיין אייזעל פלעגט ניט עסען אַזעלכע גריינסען, וואָס דערפון איז ניט געגומען געוואָרען קיין מעשר.

דער נשיא האָט ניט געקאָנט טון כנגד רבי פנחס'ן, וואָס איז געוועזען אַזוי אָנגענומען ביים עולם, און קעגען זיינע אַנהייננער, און האָט זיך געמוזט בע-

גענוגען מיט טיילווייזע קולות. ער האָט ערקלערט, אַז יענע פּאַלעסטינישע גע-גענדען, וואָס האָבען געהערט לכתחלה צו געצענדיענער (ווי למשל, בית-שאָן, קיסריא און אַנדערע), געהערען צו חוץ-לארץ, און דעריבער זיינען די אידען, וואָס וואוינען דאָרט, ניט מחויב אָבצוהיטען די דינים וועגען שמיטה און מעשר. רבי יהודה הנשיא איז אויך בעשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל מאַכען געוויסע קולות בנוגע צו אַ סך דינים פון שבת, וואָס צוליעב זיי איז די שבת-רוה געוואָרען אַ צושווערע זאַך (למשל, די דינים וועגען מוקצה, וואָס לויט זיי טאָר מען ניט אפילו זיך צוריהרען צו אַ סך זאַכען).

אין רבי יהודה הנשיא'ס צייטען האָט דער סנהדרין זיך אַריבערגעקליבען אין דער געוועזענער הויפּט-שטאָדט פון גליל—צפּורי. די פריהערדיגע רעזי-דענץ פון'ם נשיא און פון סנהדרין, אושא, האָט אָנגעוואָהרען איהר בעדייטונג שוין צום סוף פון רבי שמעון בן-גמליאל'ס נשיאות. אַ קורצע צייט פלעגט דער סנהדרין זיך צונויפקלייבען אין שפרעם און בית-שערים, נאָר צולעצט האָט ער זיך בעזעצט אויף שטענדיג אין צפּורי. אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט ריינע לופט און אַ געזונטען קלימאַט, האָט רבי יהודה הנשיא זיך בעזעצט, בכדי צו פערריכטען זיין געזונד.

חתימת המשנה.

§ 23. דער גרעסטער היסטאָרישער פערדיענסט רבי יהודה הנשיא'ס איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט, מיט דער הילף פון די תנאים, וואָס אַרום איהם, מסדר געוועזן, געבראַכט אין אָרדענונג דעם גאַנצען געזעצגעבערישען מאַ-טעריאַל, וואָס איז ניט אַריין אין דער תורה שבכתב און וואָס האָט זיך אָנגע-קליבען כסדר אָהן אַן אויפהער אונטער'ן נאָמען פון „תורה שבעל-פה" זינט די צייטען פון עזרא און פון דער כנסת-הגדולה ביז דער עפּאָכע פון'ם לעצטען סנהדרין אין יבנה, אושא און צפּורי. אַ דאַנק דער אונאויפהערליכער אַרבייט אין די ישיבות, וואָס איז בעזונדערס שטאַרק געוואָרען אין משך פון לעצטען יאָהר-הונדערט, איז דער דאָזיגער מאַטעריאַל אויסגעוואַקסען אין אַזאַ מאָס, אַז בע-האַלטען איהם אין זכרון און איבערגעבען איהם אויסווייניג דורך די פּאַרשטייהער פון דער וויסענשאַפט פון איין דור צום אַנדערן—איז געוואָרען כמעט אוממעגליך. די אַלטע טראַדיציע, וואָס האָט צוליעב דער גרויסער ווערדע פון דער תורה-שבכתב געפּאָדערט, אַז אַלע שפּעטערדיגע געזעצען, אַלע כללים פון געווייהנהייטס-רעכט און די פירושים פון די חכמים זאָלען ווערען אָבגעהיט ניט אין געשרי-בענע ספרים, נאָר אין דער פאָרם פון מסורות שבעל-פה,—די דאָזיגע טראַדיציע איז געקומען אין אַ סתירה מיט די פאָדערונגען פון לעבען און מיט די הצטרכות'ען פון די ישיבות. אין לעבען האָט אַ דאַנק די נייע פערהעלטענישען זיך געמוזט איינשטעלען אַלס הוספה צו דער תורה אַ נייער געזעץ-בוך — די משנה. אויך אין די ישיבות האָבען די גרויסע בקיאים, די דאָזיגע לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיעס, געמוזט אָבטרעטען זייער אָרט פאַר אַ זיכערע'ן געצייג פון זכרון— דער געשריבענער ענציקלאָפּעדיע.

די דאָזיגע בעדערפעניש האָט מען שוין געפיהלט אין די דורות, וואָס פאַר רבי יהודה הנשיא. די גרויסע תנאים פון די פריהערדיגע דורות האָבען געפּרובט צו מאַכען זאַמלונגען פון פערשיידענע דינים, וואָס פלעגען איבערגעגעבען ווער׳ען אויסווייניג, און פון פירושים, וואָס פלעגען ווערען געמאַכט אין די ישיבות — בכדי די תלמידים זאָלען האָבען אַ געוויסען מורה-דרך אין זייער למוד. דער פועל-יוצא פון די דאָזיגע פּרובען זיינען געווען די טיילווייזע משנות אָדער זאַמלונגען פון הלכות, וואָס רבי עקיבא און רבי מאיר האָבען צונויפגעשטעלט (§§ 8, 20), נאָר וואָס צו אונז זיינען זיי ניט דערגאַנגען. אינגאַנצען פערווירקליכען די דאָזיגע אויפגאַבע האָט זיך איינגעגעבען ערשט רבי יהודה הנשיא׳ן.

לכתחלה האָט אויך רבי יהודה הנשיא געהאַט פאַר זיך דער עיקר אַ טעאָרעטישען צוועק: ער האָט געוואָלט צונויפשטעלען אַ זאַמלונג פון דינים און וויסענשאַפטליכע מיינונגען, בכדי מען זאָל זיך קאָנען האַלטען אָן זיי ביים לערנען אין די שולען און ישיבות. נאָר דער פלאַן און דער מעטאָד פון דער דאָזיגער זאַמלונג זיינען געווען ביי איהם ברייטער, איידער ביי די פריהערדיגע זאַמלער. רבי יהודה האָט צונויפגעקליבען אַן אומגעהייער גרויסע מאַסע פון איינגעשטעלטע דינים און פלוגתות, וואָס זיינען שייך צו אַלע צווייגען פון דעם געזעץ-שטודיום און פון דער רעליגיעזער פּראַקטיק, און האָט דאָס איינגעטיילט אין נרופּעס לויט׳ן אינהאַלט נאָך. אויף אַזאַ אופן האָט ער בעקומען זעקס גרויסע גרופּעס אָדער אָבטיילונגען (סדרים).

די סדרים פון דער משנה גייהען אין פאָלגענדען סדר: 1) ז ר ע י ם (דאָס הייסט, זייהונגען): דאָס איז אַ זאַמלונג פון אַגראַר-געזעצען — וועגען יענע טיילען פונ׳ם תבואה-שניט, וואָס מען בעדאַרף לאָזען פאַר אָרימע לייט (פאה, מעשר עני וכדומה), וועגען תרומה און מעשר און אַנדערע מתנות-כהונה, וועגען שמיטה-יאָהר און אַנדערע; 2) מ ו ע ד (יום-טוב): וועגען שבת, ימים-טובים און תעניתים; 3) נ ש י ם (פרויען): וועגען חתונות און גט׳ען, וועגען פאַמיליען-רעכט; 4) נ ז י ק י ן (בעשעדיגונגען): וועגען ציוויל-און קרימינאַל-רעכט און וועגען דער אָרדענונג פון די בתי-דינים; 5) ק ד ש י ם („הייליגקייטען"): וועגען די קרבנות און דער עבודה אין בית-המקדש, די דינים וועגען שחיטה און טרפות; 6) ט ה ר ו ת („ריינקייטען"): וועגען דער ריינקייט פון מענשען, דירות און כלים אין צוזאַמענהאַנג מיט כללים פון היגיענע און סאַניטאַריע.

איבעריגענס, איז אין אַלע די דאָזיגע סדרים, וואָס פון זייער זייט זיינען זיי געווען איינגעטיילט אין קלענערע אָבטיילונגען — מ ס כ ת ו ת — די קלאַסיפיקאַציע ניט געווען שטרייננ אויסגעהאַלטען. אַזוי, למשל, געפינט זיך אין אָנהויב פונ׳ם סדר זרעים די גרויסע מסכת וועגען די תפלות און דער אָרדענונג אין בתי-כנסיות (מס׳ ברכות); אין סדר נשים געפינען זיך די מסכתות „נדרים" און „נזיר"; אין סדר „נזיקין" זיינען אַריינגעשטעלט די מסכת „עבודה-זרה", וואו עס ווערען אַרומגערעדט די בעציהונגען צו די געצענדיענער, און די מסכת „פרקי אבות", וואָס איז אַ זאַמעלבוך פון די עטישע מימרות פון די תנאים.

פונדעסטוועגען האָט אפילו די דאָזיגע אומפולקומענע קלאַסיפיקאַציע אַריינ-געטראָגען ליכט אינ׳ם כאַאָס פון דער תורה שבעל-פה. אין איטליכער מסכת ווערט דער מאַטעריאַל איינגעטיילט אין פרקים, און איטליכער פרק — ווערט ווידער איינגעטיילט אין אַרטיקלען אָדער „משנות" (אַלע זעקס סדרים אינאיינעם הייסען משניות).

אין איטליכער משנה ווערט געוויינליך געבראַכט אַ גרונד-טעזיס אָדער עס ווערט אַוועקגעשטעלט אַ פראַגע, און דערנאָך גייהען די פערשיידענע מיי-נונגען פון די בעזונדערע שיטות אָדער פון איינצעלנע תנאים בנוגע צו דער געשטעלטער פראַגע. אָפטמאָלס ווערט די מיינונג פונ׳ם רוב געבראַכט אַנאָנים (סתם משנה), אַלס אָנגענומענע ביי אַלעמען, און דערנאָך ווערט דערמאָנט די בעזונדערע מיינונג פון דעם אָדער יענעם תנא; ס׳בעגעגענען זיך אָבער אויך בעזונדערע מיינונגען, וואָס ווערען געבראַכט אָהן אַ נאָמען (לויט דער טראַדיציע געהערען זיי על-פי-רוב אָדער רבי מאיר׳ן אָדער רבי יהודה הנשיא׳ן). אַזעלכע הלכות, וואָס קיינער איז אויף זיי ניט מחולק, זיינען פערצייכענט דאָגמאַטיש, אַזוי ווי אין אַ געזעץ-בוך.

דער סטיל פון דער משנה איז זייער אַ קורצער און אַ שאַרפער. דער דין אָדער די בעזונדערע מיינונג ווערט געוויינליך פאָרמולירט קורץ, אָהן אַ מאָ-טיווירונג, ווייל עס ווערט גערעכענט פאַר אַן אָנגענומענעם כלל גדול, אַז די מקורים און מאָטיווירונגען זיינען בעוואוסט די ספּעציאַליסטען. די שפּראַך פון דער משנה איז ניי-העברייאיש, וואָס שיידט זיך אָב פונ׳ם ביבלישען פּאָעטישען דיאַלעקט דורך דעם, וואָס איהר בוי איז פשוט׳ער, די אויסדרוקען זיינען ווי-סענשאַפטליך גענוי און קלאָר. חוץ דעם איז ניי-העברייאיש בעהענטער צו דער אַר׳מישער שפּראַך, וואָס די אידישע מאַסען האָבען דעמאָלט גערעדט אויף איהר. ערטערעווייז בעגעגענט מען אויך טעכנישע אויסדרוקען און ווערטער, וואָס זיי-נען אַריבערגענומען פון גריכיש און לאַטייניש. דאָס איז, אפנים, געווען די דע-מאָלטיגע שפּראַך פון די געלערנטע; אַלס טעגליכע געברויכסשפּראַך האָט שוין זינט לאַנג אָן געדיענט די אַרמ׳ישע שפּראַך.

אַן אַלגעמיינעם בעגריף וועגען סטיל און אינהאַלט פון משנה קאָנען גע-בען פאָלגענדע מוסטערן, וואָס זיינען גענומען פון פערשיידענע מסכתות.

„די צייט פונ׳ם דאַוונען אין דערפריה איז ביז האַלבען טאָג; רבי יהודה זאָגט: ביז דער פערטער שעה. די צייט פון מנחה דאַוונען איז ביז׳ן אָבענד, און רבי יהודה זאָגט: ביז דער העלפט פון מנחה (דאָס הייסט, די העלפט פון דער צייט וואָס בין מנחה למערב). די צייט פון מעריב דאַוונען האָט ניט קיין גרעניץ. די מוספין (דאָס הייסט, צוגעלייגטע תפלות) — אין משך פון גאַנצען טאָג; רבי יהודה זאָגט: ביז דער זיבעטער שעה (ברכות פרק ד׳, משנה א׳)".

„אָט דאָס זיינען די זאַכען, וואָס האָבען קיין שיעור ניט (דאָס הייסט, וואָס מעהר מען טוט זיי, אַלץ בעסער איז): די פאה (די תבואות

אויף די קאַנטען פעלדער, וואָס מען בעדאַרף איבערלאָזען פאַר אָרימע לייט), די בכורים (די פריהצייטיגע פירות, וואָס מען בעדאַרף ברייננגען אין בית-המקדש), דער עולה-רגל זיין אין בית-המקדש, גמילות חסדים, און לערנען תורה" (פאה פרק א׳).

„דער וואָס בויט אום שבת, איז חייב אין פאָלגענדע פאַלען: אויב ער האָט עפּיס וואָס געבויט, אַרומגעהאַקט, אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ האַמער, אַרומגעהובעלט מיט אַ הובעל, דורכגעעגבערט. אָט דאָס איז דער אַלגע-מיינער כלל: ווער עס האָט געטאָן אום שבת אַן אַרבייט, וואָס האָט אי-בערגעלאָזט אַ סימן, איז חייב. ר׳ שמעון בן-גמליאל זאָגט: אַפילו דער וואָס האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט׳ן האַמער אויף דער קאָוואַדלע, איז חייב בשעת דער אַרבייט, וואָרום ס׳איז אַזוי ווי ער וואָלט צוגרייטען (דעם געצייג) צו דער אַרבייט" (שבת, פרק י״ב, משנה א׳).

„אַ מאַנסביל קאָן מקדש זיין (אַ פרוי) אָדער אַליין, אָדער דורך אַ שליח. אַ פרוי קאָן ווערען מקודש אָדער אַליין, אָדער דורך אַ שליח. אַ פאָטער קאָן אָננעמען קדושין פאַר זיין טאָכטער, בשעת זי איז נאָך אַ נערה (דאָס הייסט, ווי נאָר זי איז אַרויס פון קינדערשען עלטער) אָדער אַליין, אָדער דורך זיין שליח" (קדושין, פ״ב, מ״א).

„דער וואָס שיקט זיין ווייב אַ גט, און דערנאָך האָט ער דעריאָגט דעם שליח אָדער ער האָט געשיקט נאָך איהם אַן אַנדערן און האָט גע-זאָגט: דער גט, וואָס איך האָב דיר געגעבען, איז פסול, — דעמאָלט איז דער גט קיין גט ניט. אויב ער (דער מאַן) האָט זיך געפעדערט און איז געקומען צו זיין ווייב אָדער ער האָט געשיקט אַן אַנדערן און געזאָגט צו איהר: דער גט, וואָס איך האָב געשיקט צו דיר, איז פסול, — דעמאָלט איז דער גט קיין גט ניט. נאָר אויב מען האָט שוין דעם גט אָבגעגע-בען דער פרוי, דעמאָלט קאָן שוין דער מאַן איהם ניט מבטל זיין. אין אַמאָליגער צייט פלעגט דער מאַן אין אַזעלכע פאַלען צונויפרופען אַן אַנדער בית-דין און דערקלערען, אַז דער גט איז בטל, נאָר ר׳ גמליאל הזקן האָט דאָס פערבאָטען צו טון איבער „תקון העולם" (גטין, ד׳ א׳).

„דיני ממונות (פראָצעסען וועגען געלד-זאַכען) ווערען בעהאַנדעלט דורך אַ בית-דין פון דריי מענשען. איין צד קלייבט אויס איין דיין, דער אַנדער צייט קלייבט אויס דעם צווייטען, אוןביידע צדדים אינאיינעם קלייבען אויס דעם דריטען, — אַזוי זאָגט רבי מאיר. די חכמים זאָגען, אַז די צוויי דיינים, וואָס ביידע צדדים האָבען אויסגעקליבען, קלייבען אויס צו זיך אַ דריטען (סנהדרין פ״ג, מ״א).

„סיי ביי דיני ממונות און סיי ביי דיני נפשות (קרימינעלע פראָ-צעסען) איז נויטיג אַ חקירה ודרישה (אויספאָרשונג און אויספרעגונג פון די עדות), וואָרום עס שטייהט געשריבען: „איין אייבציגע גערעכטיגקייט זאָל זיין ביי אייך". אַ וואָס-זשע איז דער חלוק צווישען דיני ממונות

און דיני נפשות? — דיני ממונות ווערען בעהאַנדעלט דורך דריי דיינים, דיני נפשות — דורך דריי און צוואַנציג.ביים פונאַנדערקלייבען די ערשטע קאָן מען אָנהויבען אַלץ איינס סיי פון די טענות פּאַר (נתבע) און סיי פון די טענות קעגען, אין דיני נפשות אָבער הויבט מען אָן דעם פּראָצעס נאָר פון די טענות פּאַר (דעם בעשולדיגטען). דיני ממונות ווערען בעשלאָסען דורך אַ רוב פון איין שטים סיי לטובה און סיי לרעה (פונ'ם נתבע); אין דיני ממונות איז דער רוב פון איין שטים גענוג אויף פּרייצושפּרעכען, אָבער אויף בעשולדיגען איז נויטיג אַ רוב פון צוויי שטימען און אַזוי ווייטער (דאָרט גופא, ד' א').

„ווער עס האָט געדונגען אַרבייטער, בתנאי אַז זיי זאָלען אויפשטייהן פריה און לייגען זיך שפּעט, האָט ער ניט דאָס רעכט זיי צו צווינגען דערצו, אויב אין יענעם אָרט איז (ביי די אַרבייטער) ניט אָנגענומען אויפצושטייהן פריה און לייגען זיך שפּעט. אויב אין יענעם אָרט איז אָנגענומען דער מנהג, אַז דער בעל-הבית דאַרף געבען עסען די פּועלים, דעמאָלט איז דער דינגער מחויב צו געבען עסען; אויב ס'איז אָנגענומען צו געבען זיסע זאַכען, איז ער אויך מחויב צו געבען, — אַלצדינג לויט'ן מנהג המדינה" (בבא-מציעא, פ"ז, מ"א).

„ס'זיינען פאַרהאַן אַזעלכע מענשען, וואָס (לויט'ן-געזעץ) קאָנען זיי ירש'ען און איבערלאָזען ירושות; ס'זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס ירש'ען, נאָר קיין ירושה לאָזען זיי ניט איבער; ס'זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס לאָזען איבער ירושה, נאָר ירש'ען זיי ניט; ס'זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס ניט זיי ירש'ען און ניט זיי לאָזען איבער קיין ירושה. אָט זיינען די, וואָס ירש'ען און לאָזען איבער ירושות: אַ פאָטער זיינע זיהן, זיהן זייער פאָטער, ברידער פון אַ פאָטער (געגענזייטיג). אַ מאַנסביל זיין מוטער, אַ מאַן זיין פרוי און זיהן פון שוועסטער ירש'ען, אָבער לאָזען ניט איבער קיין ירושה. אַ אידינע איהרע זיהן, אַ פרוי איהר מאַן און דער מוטערס ברידער לאָזען איבער ירושה, אָבער ירש'ען, ירש'ען זיי ניט. די ברידער פון דער מוטער — ניט זיי ירש'ען און ניט זיי לאָזען איבער קיין ירושה" (בבא-בתרא, פ"ח, מ"א).

לויט איהר פערשיידענאַרטיגען אינהאַלט און לויט דעם אופן, ווי די משנה איז צונויפגעשטעלט, איז זי אַ בונטע ענציקלאָפּעדיע פון דער תורה שבעל-פה. אין איהר זיינען אויסגעמישט הלכה און אגדה, יוריספּרידענץ און מאָראַל, אַלגעמיינע געזעצען און פּריוואַטע מיינונגען. אינאיינעם מיט דער עקסיסטירענדער געזעצגעבונג — דער רעליגיעזער און ציוויל-קרימינעלער — זיינען דאָ צונויפגעקליבען אַלע כללים פון דער אָבגעשאַפטער געזעצגעבונג, למשל, די דינים וועגען די קרבנות און דער עבודה אין בית-המקדש, מחמת אויך דאָס האָט מען שטודירט אין די ישיבות. בשעת עס ווערען איבערגעגעבען פערשיידענע מיינונגען וועגען אַ שטרייט-פראַגע, איז געוועהנליך ניט אָנגעוויזען, פאַר וואָס פאַר אַ מיינונג בעדאַרף מען זיך האַלטען אין פּראַקטישען לעבען.

פון דאָס אַלץ איז קלאָר, אַז לויט רבי יהודה הנשיא'ס לכתחילה'דיגע

פלאַן האָט די משנה בעדאַרפט דיענען אַלס אַ הילפס-מיטעל פאַר די תלמידים אין די ישיבות, בכדי אונטערצושטיצען זייער זכרון. דעם דאָזיגען ציעל האָט זי טאַקע שפעטער פולקום דערגרייכט. אין משך פון אַ סך יאָהרהונדערטען האָבען געלערנטע זי אויסגעפאָרשט אין אַלע איהרע ווינקעלעך און האָבען געמאַכט צו איהר פירושים, וואָס האָבען געשפייזט די אידישע וויסענשאַפט אין משך פון כמה וכמה דורות.

נאָר אין פערלויף פון דער צייט האָט די משנה דערגרייכט אויך צו אַן אַנדער ציעל, וואָס איהר מסדר האָט אפשר לכתחלה גאָר ניט געשטעלט זיך: זי איז געוואָרען אַ געשריבענער קאָדעקס, אַ מקור פאַר געזעצגעבונג, אַ צווייטע תורה. זי איז אַזוי ווי אַריינגענומען געוואָרען צווישען די כתבי-הקדש.

אַלע געלערנטע, וואָס זייערע נעמען ווערען אין איהר געבראַכט, פון רבן יוחנן בן-זכאי ביז ר׳ יהודה הנשיא, בעקומען דעם עהרענטיטעל תנאים (דאָס הייסט, לעהרער), און די געלערנטע פון די שפעטערדיגע דורות זיינען מעהר ניט די מפרשים פון זיי, און ווערען אָנגערופען אמוראים.

די גרויסע פערדיענסטען פונ׳ם מסדר המשנה זיינען אָבגעשאַצט געוואָרען נאָך פאַר זיין לעבענסצייט. ר׳ יהודה הנשיא׳ס פּאָפּולאַריטעט איז געוועזען ניט קלענער, איידער ר׳ יוחנן בן-זכאי׳ס און רבי עקיבא׳ס רוהם. מען פלעגט איהם רופען פשוט רבי, אָהן זיין אייגענעם נאָמען. שפעטער האָט מען דערצו מוסיף געוועזען דעם טיטעל הקדוש (הייליגער), און מען פלעגט איהם רופען „ר׳ יהודה הקדוש” אָדער „רבנו הקדוש”.

רבי יהודה הנשיא האָט פערנומען די נשיאות אַן ערך פערציג יאָהר (אַן ערך ביז׳ן יאָהר 210). די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען זיינען געוועזען פערפינסטערט דורך פיזישע ווייהטאָגען, וואָס אַ שווערע קראַנקהייט האָט אָנגעמאַכט דעם נשיא. פאַר׳ן טויט האָט ער געבעטען, אַז מען זאָל איהם ניט צו-פיעל מספיד זיין און אַז תיכף נאָך שלשים זאָל מען ווידער אָנהויבען צו לערנען אין די ישיבות.

אַז עס האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט די ידיעה, אַז דער נשיא האַלט ביים שטאַרבען, האָבען אַ סך מענשען אין גרויס אויפרעגונג זיך אַוועקגעלאָזט קיין צפורי, בכדי צו דערגייהן, וואו עס האַלט מיט׳ן חולה. אַז רבי יהודה איז נפטר געוואָרען, האָט קיינער ניט געקאָנט בעשליסען ביי זיך אָנצוזאָגען דעם אויפגערעגטען המון דעם שרעקליכען אמת. דעמאָלט איז דעם נפטר׳ס אַ תלמיד, שמעון בר-קפרא, אַרויס צום פאָלק, אָנגעטאָן אין בגדי אבלים, און האָט געזאָגט: „מלאכים און שטערבליכע האָבען געשטריטען צווישען זיך פאַר׳ן ארון הקודש; האָבען די מלאכים גובר געוועזען די שטערבליכע — און דער אָרון-הקודש איז געפאַנגען געוואָרען!” (אראלים ומצוקים אחזו בארון הקדש, נצח אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקדש). האָט דאָס פאָלק פערשטאַנען, וואָס דער דאָזיגער משל בעדייט — און אין גאַנץ צפורי און איהר סביבה האָבען זיך געלאָזט הערען וויינען און קלאָגען. די גאַנצע וועג פון צפורי ביז בית-שערים, וואו מען האָט געפיהרט מקבר זיין דעם נשיא, איז געוועזען געדיכט בעזעצט מיט מענשען. אין די שולען האָט מען געהאַלטען דרשות וועגען די גרויסע פערדיענסטען פונ׳ם נשיא, וואָס האָט פעראייביגט די תורה שבעל-פה.

צווייטער קאפּיטעל.

די סיאות און די ישיבות אין ארץ־ישראל פאַר'ן לעצטען יאָהרהונדערט פונ'ם היידענטום אין רוים (210—312).

די פּאָליטישע לאַגע. — די נשיאים אין טבריא. — די תּנאים פון תּוספתּות. — די ערשטע אמוראים פון ארץ־ישראל. — די דריטע גרופּע פון די אמוראים פון ארץ־ישראל. — די רבנן דאגדתּא און די ויכּוחים מיט אנדערשגלויביגע.

די פּאָליטישע לאַגע.

§ 24. וועגען דער פּאָליטישער לאַגע פון די אידען אין דער רוימישער אימפּעריע פאַר'ן לעצטען יאָהרהונדערט, בשעת דער היידענטום האָט נאָך גע. הערשט אַלס מלוכה־רעליגיע, — איז פאַרהאַן זייהר ווינציג ריכטיגע ידיעות.

דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונ'ם דאָזיגען פּעריאָד אין דער געשיכטע פון רוים, איז דאָס, וואָס די פּראָווינץ בעקומט אַלס אַ גרעסערע השפּעה אויפ'ן צענטער און דורכדעם דרינגט אַריין די קולטור פון מזרח אין ציוויליזירטען מערב. אויפ'ן טראָן פון די קיסרים זיצען אָפט אַזיאַטען אָדער אַפריקאַנער, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט דורך די פּראָווינציעלע לעגיאָנען; זיי פיהרען אַריין די בילדער פון די מזרח'דיגע געטער אין די רוימישע טעמפּלען און די מזרח'דיגע מנהגים אין רוימישען לעבען. דער קייזער קאַראַקאַלאַ, סעפּטימיוס סעווערוס'עס זוהן פון דער סירערין יוליאַ דאָמנאַ, האָט זיך קונה שם געווען דערמיט, וואָס ער האָט געגעבען אַלע פּראָווינציאַלען די רעכט פון רוימישער בירגער, און דורכדעם האָט ער מבטל געווען דעם הויפּט־אונטערשייד צווישען פּראָווינץ און מעטראָפּאָליע.

וועגען קאַראַקאַלאַ דערציילט מען, אַז קינדווייז האָט ער געהאַט צווישען זיינע חברים, מיט וועמען ער פלעגט זיך שפּיעלען, אַ אידישען יונגעל. איין מאָל, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט בעליידיגט זיין חבר, אַ אידען, אין די הויפּישע קרייזען, איז דער צוקונפטיגער קייזער שטאַרק אָנגעשטויסען געווען אויף זיין פאָטער און אויף די איבעריגע, וואָס האָבען אָבגעטאָן אַזאַ עולה. צי ער גופא האָט זיך בעצויגען געגענכטער צום אידישען פאָלק גרויסערהייד — דאָס איז ניט בעוואוסט.

ס׳איז אויך ניט בעוואוסט, ווי עס האָט זיך פערהאַלטען צו אידען קאַראַקאַלאַ׳ס יורש, וואָס האָט געטראָגען דעם סעמיטישען נאָמען **אלגאבעל** (העליאָגאַבאַל), און וואָס איז געווען אַ פערדאָרבענער יונגערמאַן, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ כהן פון סירישען זונען-גאָט. בעוואוסט איז מעהר ניט דאָס, אַז אין יענער עפּאָכע האָט די משא פון די מלוכה-שטייערן זיך געלאָזט פיהלען אויף די אידען אין ארץ-ישראל נאָך מעהר, איידער פריהער. אין פריהערדיגע צייטען פלעגען די אידישע ערדאַרבייטער, אויפ׳ן סמך פון אַלטע פּריווילעגיעס, בעפרייט ווערען פון דער אָבצאָהלונג מיט נאַטור-פּראָדוקטען — דאָס איז: אָבגעבען אַ טייל פון זייערע תבואה-שניט לטובת די אָרטיגע רוימישע מיליטער — אין שמיטה-יאָהרען, בשעת די פעלדער ווערען ניט פערזייהט. איצטער פלעגט מען די דאָזיגע אָבצאָהלונג מאָנען אויך אין די שמיטה-יאָהרען. מחמת די געדריקטע לאַגע פון די ערדאַרבייטער, האָבען די דעמאָלטיגע געזעץ-לעהרער (רבי ינאי, רבי יהודה הנשיא׳ס תלמיד, און אַנדערע) ערלויבט צו אַקערן די ערד אין שמיטה, כל-זמן ס׳וועט ניט בטל ווערען די גזרה.

אַ הומאַנע בעציהונג צו אידען האָט אַרויסגעוויזען דער קייזער **אלכסנדר סעווערוס** (222 — 235). ער האָט בעפעסטיגט די אַלטע פּריווילעגיעס, וואָס די ערשטע קיסרים האָבען זיי געהאַט געשאָנקען. דאָס קאָן ווערען דערקלערט סיי דורך דער אַלגעמיינער ליבעראַלער ריכטונג פונ׳ם קייזער דעם סירער און סיי דורכדעם, וואָס ער איז געווען נוטה צו דער אידישער אמונה. אין אלכסנדר סעווערוס׳עס געצענשטיבעל, וואו ער פלעגט מתפלל זיין אַלע אין דערפריה, זיינען געווען צונויפגעקליבען די בילדער פון די געטער און פון די פערגעטערטע העלדען פון אַלע פעלקער פון דער אימפּעריע. אינאיינעם מיט אָרפעאוס און אַפּאָלאָ האָבען זיך געפונען די בילדער פון אברהם אבינו און פון קריסטוס.

פון די אידען אָדער קריסטען האָט אויך דער קייזער אַריבערגענומען זיין ליעבלינגס-דעוויז: „טו ניט אַן אַנדערן דאָס, וואָס דו וואָלסט פאַר זיך ניט געוואָלט!״ (הלל׳ס מימרא). דעם דאָזיגען דעוויז פלעגט ער רעקאָמענדירען זיינע בעאַמטע אַלס אַ ריכטיגען מיטעל, בכדי אויסצומיידען עולות בנוגע צו מענשען. די ווערטער פונ׳ם דאָזיגען דעוויז זיינען געווען אויסגעקריצט איבער׳ן פּראָנטאָן פונ׳ם קייזערליכען פּאַלאַץ און פון אַנדערע געזעלשאַפטליכע בנינים.

בשעת זיינע אָפטע קריגס-צוגען אין אַזיען קעגען די פערסער, האָט אַלכסנדר סעווערוס געקאָנט זיך דערנעהענטערן צו די פאָרשטייהער פונ׳ם אידישען פאָלק, צו די נשיאים אָדער די עלטסטע פון די קהלות, און פערזיכערן זיי זיין שוץ. די אָרטיגע גריכען און רוימער איז ניט געפעלען געווען די דאָזיגע פריינדשאַפט פונ׳ם קייזער צו די אידען. די איינוואוינער פון אלכסנדריא און אַנטיוכיא פלעגען חוזק מאַכען פון איהם דערפאַר און אָנרופען: „סירישער סינאַגאָגען-עלטסטער און אויבערשטער כהן״ (סירוס אַרכיסינאַגאָגוס עט אַרכיערוס).

וואָס איז געשעהן אין ארץ-ישראל פאַר דער צייט פון דער לאַנג-יאָהרי-

גער אַנאַרכיע, וואָס האָט געהערשט אין רוים נאָך אַלכסנדר סעווערוס׳עס טויט? דער צענטער איז געוואָרען צעריסען דורך די בלוטיגע קריג צווישען די פּרעטענדענטען, וואָס פלעגען גיך פערבייטען איינער דעם אַנדערן אויפ׳ן טרוין. „דער היינטיגער קיסר פלעגט אַראָבשטופּען פון טרוין דעם נעכטיגען". פערשיידענע באַנדיטען פלעגען פערנעמען דעם קייזערליכען פּאַלאַץ אויף אַ קורצער צייט, אַזוי ווי מען פערנעמט אַ חדר אין אַן אכסניה, און פלעגען תיכף אָבטרעטען זייער אָרט אַנדערע אַוואַנטיוריסטען. ביי אַזאַ מצב, האָט די צענטראַלע רעגירונג ניט-ווילענדיג געמוזט אָבווענדען איהר אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם אינעווייניגסטען לעבען פון די ווייטע פּראָווינצען, — און אָבגעזונדערטע נאַציעס, אַזעלכע ווי די אידישע, האָבען דאָס מסתמא אויסגענוצט, בכדי צו פערברייטערן זייער אַווטאָנאָמיע.

דער פּרינציפּ פון „שטאַרקער מאַכט" האָט ווידער גובר געווען אין דער אימפּעריע, זינט עס איז געוואָרען קיסר דער ענערגישער דאַלמאַטינער ד י אָ ק ל ע ט י אַ נ ו ס (285 — 305), וואָס האָט אַריבערגעטראָגען דעם רעגירונגס-צענטער פון דער שטאָדט רוים אין דער פּראָווינץ. דער דאָזיגער קייזער האָט אכזריות׳דיג גע׳רודפ׳ט די קריסטען, וואָס זייער מיסיאָנערישע טעטיגקייט האָט ער גערעכענט פאַר איינע פון די סבות, פאַרוואָס די רוימישע מלוכה-רעליגיע איז געפאַלען. נאָר די אידען האָט ער געלאָזט צורוה. לויט אַ תלמוד׳ישער ידיעה האָט דיאָקלעטיאַנוס, בשעת ער איז געקומען אין ארץ-ישראל, אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, אַז אַלע פעלקער זאָלען ברייגגען קרבנות צו די רוימישע געטער; דעם דאָזיגען דעקרעט האָבען בעדאַרפט פאָלגען אויך די כותים, דאָס הייסט, די שומרונים; מעהר ניט די אידען זיינען בעפרייט געוואָרען פון צו דיענען די געצען.

איבעריגענס, זיינען געמאַכט געוואָרען פּרובען אָנצו׳מסר׳ן אויף די אידען פאַר׳ן קיסר. דיאָקלעטיאַנוס׳עס נידעריגער יחוס (ער איז געווען אַ דאַלמאַטישען שקלאַפס אַ זוהן) האָט געגעבען אָפּטמאָלס די געלעגענהייט אַרויסצוזאָגען בעליידיגענדע בעמערקונגען וועגען איהם. אַ תלמוד׳ישע לעגענדע, וואָס מישט צונויף אמת׳ע מיט אויסגעטראַכטע מעשיות, בעהויפּטעט, אַז דיאָקלעטיאַנוס איז יונגערהייד געווען אַ חזיר-היטער און ניט איין מאָל האָבען אידישע חדר-אינגלעך מיט איהם קאַטאָוועס געטריבען (דערביי ווערט אַרויסגעזאָגט אַ מוסר השכל, אַז מען טאָר קיין מאָל ניט בעציהען זיך מיט פעראַכטונג אפילו צום קלענסטען רוימער, וואָרום ער קאָן מיט דער צייט ווערען אַ קיסר). ווען דיאָקלעטיאַנוס איז געוואָרען אַ קייזער און איז אָנגעקומען אין ארץ-ישראל, האָט מען איהם גע׳מסר׳ט, אַז די אידען מאַכען פון איהם חוזק און רופען איהם אָן חזיר-היטער. איז דער קייזער געוואָרען שטאַרק אין כעס און האָט געשיקט אַ שליח קיין טבריא מיט׳ן בעפעהל, אַז עס זאָלען קומען צו איהם דער נשיא רבי יהודה און אַנדערע בכבוד׳ע אידען אין דער שטאָדט פּמייס (פּאַנעאַס), שבת פאַר נאַכט. דער בעפעהל איז אָנגעקומען פרייטאָג נאָך מיטאָג, בשעת דער נשיא איז געווען אין מרחץ, און דער בדחן פונ׳ם מרחץ האָט איהם געוויילט דורך זיין פלוידעריי-

לכתחלה איז דער נשיא צעטומעלט געוואָרען, מחמת ער האָט ניט איינגעזעהן קיין מעגליכקייט צו בעווייזען צו קומען ביז אָבענד קיין פמייס. נאָר דער בדחן האָט זיך גענומען צו ברייגגען איהם און די דעפוטאַטען צו דער בע־שטימטער צייט, — און האָט געהאַלטען זיין צוזאָג. אַז די דעפוטאַטען האָבען אויסגעהערט דיאָקלעטיאַנוס'עס טענות, האָבען זיי איהם פערזיכערט, אַז די אידען בעציהען זיך מיט'ן געהעריגען כבוד צום קייזער, און אַז מען האָט נאָר אויף זיי אויסגעטראַכט אַ בלבול.

אין דער דאָזיגער לעגענדאַרישער ערצייהלונג איז בעשיימפערליך בע־האַלטען אַ קערנדיל פון היסטאָרישען אמת. אין די צייטען, בשעת דיאָקלעטיאַנוס האָט בעזוכט ארץ־ישראל, אין יאָהר 286 און שפעטער, האָט ער געקאָנט זעהן זיך מיט'ן נשיא רבי יהודה דעם II־טען אָדער מיט זיין יורש און מיט די פאָרשטייער פון די אידישע קהלות; דאַן האָט ער געקאָנט אויסהערען זייערע אונטער־טעניגקייטס־ערקלערונגען אָדער זייערע השתדלות'ען, וואָס האָבען געטראָגען אַ געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער.

אין יענער צייט האָט מען נאָך אָבגעהיט אַדריאַנוס'עס בעפעהל, ניט אַריינ־צולאָזען אידען אין עליאַ קאַפּיטאָלינאַ, אין דער געוועזענער ירושלים; נאָר אָפטמאָלס, משמעות, פלעגט מען דעם פערבאָט שוואַכער מאַכען. אַדאַנק דער צוגעלאָזטקייט פון די רוימישע שומרים, פלעגען אידען אַריינדרינגען אַמאָל אין זייער געוועזענער הויפּט־שטאָדט, בכדי זיך אויסצוויינען אויף יענעם אָרט, וואו אַמאָל איז געשטאַנען דער בית־המקדש. דער בעריהמטער קריסטליכער שריי־בער פון דריטען יאָהרהונדערט אָריגענעס, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין ארץ־ישראל, ווענדט זיך אין איינעם פון זיינע ווערק מיט פאָלגענדען מוסר השכל צו „אַ אידען”: אויב דו, איד, בשעת דו וועסט קומען אין דער ערדישער שטאָדט ירושלים, וועסט זי געפינען צעשטערט און פערוואַנדעלט אין אַש, דע־מאָלט זאָלסטו ניט וויינען, ווי איהר טוט עס איצט און לאָזט זיך בעוועלטיגען פונ'ם געפיהל, אַזוי ווי קליינע קינדער, — נאָר אָנשטאָט אַן ערדישער שטאָדט, זוך אַ הימלישע”.

די נשיאים אין טבריא.

§ 25. נאָך דער טומעלדיגער און פרוכטבאַרער עפּאָכע פון רבי יהודה הנשיא, איז אין דער טעטיגקייט פון דער נשיאות אַריינגעטראָטען אַ צייטוויי־ליגער שטילשטאַנד. דער זוהן און יורש פונ'ם גרויסען מסדר המשנה, ר' גמליאל דער III־טער (אַן ערך צווישען 230—210) האָט, אַפנים, ניט געהאַט ניט זיין פאָטערס אויטאָריטעט אַלס געלערנטער, ניט זיינע אַדמיניסטראַטיווע פייהיגקייטען, און האָט איבערגעלאָזט גאָר ווינציג סמנים פון זיין טעטיגקייט. ס'זיינען פערבליבען מעהר ניט עטליכע מימרות פונ'ם דאָזיגען נשיא, וואָס זאָגען עדות אויף דער קלאָרקייט און עהרליכקייט פון זיינע אָנשויאונגען. „גוט איז — זאָגט ער — ווען למ־ות פעראייניגט זיך מיט וועלט־זאַכען, וואָרום אַזאַ צווייענדיגע אַרבייט (אין

טעלעקטועלע און פיזישע) דערוויטערט פון זינד. תורה לערנען אליין אָהן אַ מלאכה ברייינגט סוף-כל-סוף צו גאָרנישט ניט און פיהרט אפילו צו זינד. ווער עס פערנעמט זיך מיט כלל-זאכען, דער מוז עס טון לשם שמים (דאָס הייסט, אָן דער כונה עס אויסצונוצען צוליעב זייגע פריוואַטע צוועקען). זייט אָבגעהיט מיט די רעגירענדע קרייזען (די רוימישע), וואָרום זיי דערנעהענטערן צו זיך אַ מענשען, בשעת ער איז זיי נויטיג; די וואָס האָבען די מאכט, פערשטעלען זיך פאַר פריינד, בשעת דאָס ברייינגט זיי נוצען, נאָר זיי העלפען ניט דעם מענשען אין דער צייט פון אַ נויט" (פרקי אבות). די לעצטע עצה איז, משמעות, געווען דער פועל-יוצא פון אַ ביטערער לעבענס-ערפאַהרונג, וואָס דער נשיא האָט זי אָנגעאייגענט זיך ביי די בעציהונגען מיט דער רוימישער פראָקוראַטור אין ארץ-ישראל.

אַ נייע בליהונגס-צייט פאַר דער נשיאות איז אָנגעקומען אין דער צייט פון ר' גמליאל'ס זוהן, ר' יהודה II נשיאה (נשיאה איז די אַרמישע פאָרם פונ'ם וואָרט נשיא). ער האָט פערנומען זיין שטעל נאָך בשעת ער א"ז געווען אַ יונגער מאַן, און העכער פופציג יאָהר איז ער געשטאַנען בראש פון דער געזעלשאַפטליכער זעלבסטפערוואַלטונג (אַן ערך 230 — 286, אויב מען זאָל זיך סומך זיין אויף כראָנאָלאָגישע השערות).

ר' יהודה דער II-טער האָט ניט געהאַט קיין פרעטענזיע צו זיין אַזא בר-סמכא אין די ענינים פון געזעצגעבונג, ווי זיין זיידע, מחמת ער איז בעדייטענד קלענער געווען פאַר איהם אין למדות; אָבער די רעכט פונ'ם נשיא'ס ממשלה האָט ער שטענדיג פערטיידיגט מיט אַלע כחות. אַז ר' יהודה איז געוואָרען נשיא, האָט ער אַריבערגעטראָגען זיין רעזידענץ פון צפורי קיין טבריה, וואוהין עס האָט זיך אויך געהאַט אַריבערגעקליבען דער סנהדרין. די דאָזיגע שטאָדט, וואָס איז געלעגען אין זייהר אַ שיינער געגענד, אויפ'ן ברעג פון ים גינוסר, איז זינט יענער צייט געוואָרען די שטענדיגע רעזידענץ פון די נשיאים און דער מיטעלפונקט פון די אידען אין ארץ-ישראל אין III און IV יאָהרהונדערט.

טבריה איז געווען בעשערט צו זיין דער לעצטער גרויסער צענטער פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג און פאַר'ן לעבען פון די ישיבות אין דער עפּאָכע פון דער פאַלעסטינישער העגעמאָניע. דאָרט האָט רבי יהודה נשיאה געלעבט אַלס האַלב-וועלטליכער, האַלב-גייסטליכער בעאַמטער. צווישען טבריה און קיסריה, דער רעזידענץ פונ'ם רוימישען פערוואַלטער, זייגען געוואָרען אונטערגעהאַלטען שטענדיגע פערבינדונגען. דעם נשיא איז, אַפנים, אויסגעקומען צו האָבען צו טון ניט בלויז מיט דער אָרטיגער רוימישער רעגירונג, נאָר אויך מיט דער צענטראַלער. אין די ערשטע יאָהרען, זינט ער איז געוואָרען אַ נשיא, האָט ר' יהודה דער II-טער געקאָנט אונטערהאַלטען פערזענליכע בעציהונגען מיט'ן ליבעראַלען קייזער אַלכסנדר סעווערוס, וואָס אין די יאָהרען 231 — 233 האָט ער זיך געפונען אין סיריען צוליעב דער מלחמה מיט די פערסער; און צום סוף פון זיין לעבען האָט ער נאָך געקאָנט זיך בעגעגענען מיט'ן קיסר דיאָקלעטיאַנוס, וואָס איז געקומען צו פאָהרען קיין פאַלעסטינע (אויב מען זאָל משער זיין,

אַז דער נשיא פונ׳ם עפּיזאָד, וואָס ווערט דערצייהלט אויבען, § 24, איז דאָס געווען רבי יהודה דער II-טער

און היות ווי דער נשיא און זיין הויזגעזינד זיינען געווען „קרוב למלכות״, האָבען די שטריינגע אידישע געזעצלעהרער געמאַכט בנוגע צו זיי עטליכע קולות אין זייער אַרט לעבען, בנוגע צום אויסזעהן פון זייערע דירות און שניט פון זייערע קליידער. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט מען די מיטגלידער פון דעם נשיא׳ס משפחה ערלויבט צו לערנען „חכמת יונית״, דאָס הייסט, גריכישע שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס פאַר אַנדערע יונגע לייט איז דאָס געווען שטרייגג פערבאָטען.

דער ליבעראַלער יונגער נשיא האָט זיך אָבער ניט צופרידען געשטעלט מיט עטליכע קולות בנוגע צום לעבענס-פיהר פאַר זיך אַליין: ער האָט געהאַלט אַראָבנעמען פון פאָלק דעם יאָך פון יענע חומרות, וואָס זיינען איהם צו שווער געפאַלען. ער האָט געפּרובט אָבצושאַפען עטליכע פון די „אַכטצעהן כללים״ (י״ח דבר), וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין דער צייט פונ׳ם פעלקער-קריג אין יהודה (II טייל, § 142), בכדי אָבצוזונדערן די אידען פון פרעמדע פעלקער. די דאָזיגע כללים האָבען זייהר שווער געמאַכט פאַר אידען צו קויפען שפּייז-פּראָדוקטען ביי ניט-אידען און דאָס האָט געדריקט, ווי אַ שווערע משא, אויף די פּלייצעס פונ׳ם פערברויכער. בכן האָט רבי יהודה מתיר געמאַכט צו קויפען ביי ניט-אידען איינעם פון די וויכטיגסטע געברויכס-מיטלען — בומיל. די תנאים האָבען זייהר ניט גערן אָנגענומען די נייע תקנה, נאָר בנוגע צו ווייטערדיגע קולות זיינען זיי לחלוטין געווען קעגען.

נאָר ניט האַלטענדיג קיין סך פון אַלע קליינע חומרות, האָט רבי יהודה דער II-טער דאָך געזאָרגט שטאַרק פאַר יענע יסוד׳ען, וואָס אין זיי האָט ער איינגעזעהן די הויפּט-יסודות פון דער יהדות. ער האָט אָבגעגעבען אַ סך כחות צוליעב אויסבעסערן די ערציהונג אין די שולען און צוליעב פערשפּרייטען בילדונג צווישען דער פאָלקס-מאַסע. „די גאַנצע וועלט — זאָגט ער — האַלט זיך אויפ׳ן אָטעם פון די תינוקות של בית-רבן, פון די קליינע קינדער, וואָס לערנען אין חדר. די הייליגע אַרבייט צו לערנען מיט קינדער טאָר מען ניט אָוועקלאָזען אפילו צוליעב דעם, בכדי צו בויען דעם בית-המקדש״. ער האָט געשיקט איבער די שטעדט די גרעסטע געלערנטע, וואָס האָבען בעדאַרפט דרש׳ען פאַר׳ן פאָלק, ווי וויכטיג עס איז, מען זאָל לערנען מיט קינדער, און אייגאָרדענען די למודים אין די עקסיסטירענדע שולען.

די געריכטליכע און אַדמיניסטראַטיווע בעשלוסען פון דער קאָלעגיע געלערנטע אָדער סנהדרין פלעגט אויספיהרען דער נשיא, וואָס איז געווען דער פאָרשטייהער פון דער עקזעקוטיווער מאַכט. צוליעב דעם צוועק האָט ער געהאַט משרתים און בעאַמטע. אין שעת הצורך פלעגט ער זיך ווענדען נאָך הילף צו דער רוימישער אַדמיניסטראַציע.

נאָר היות ווי עס איז ניט געווען גענוי אָבגעגרעניצט דער טעטיגקייטס-

קרייז פון דעם נשיא פון דעם טעטיגקייטס־קרייז פון די אמוראים, דעריבער זיינען ניט געווען אויסצומיידען קיין סכסוכים צווישען דעם נשיא'ס וועלטלי־כער מאַכט און די אמוראים'ס גייסטליכען אויטאָריטעט. ר' יהודה דער II האָט צו־בריט אויסגענוצט דאָס רעכט, וואָס ער האָט בעקומען בירושה פון זיידען — צו בעשטימען אויפ'ן אייגענעם חשבון דיינים און לעהרערס אין די קהלות. מען האָט איהם בעשולדיגט, אַז פאַר געלט בעשטימט ער אָפטמאָלס אויף אַזעלכע שטעלעס מענשען עמי־הארצים און נישטווערדיגע. די איינפלוסרייכע אמוראים פלעגען זיך בעמיהען צו דערנידעריגען אַזעלכע נישטווערדיגע קאָלעגעס און מבייש זיין זיי פאַר'ן גאַנצען עולם.

איין מאָל האָט דער נשיא בעשטימט פאַר אַ דיין אַ מענשען, וואָס האָט ווינציג געקאָנט לערנען, און דעם אמורא רבי יהודה בר נחמני האָט ער געהייסען זיין זיין „מתורגמן" 1) בשעת זיין דרשה אין שול. דער נייער דיין איז אַרויף אויפ'ן בימה, נאָר היות ווי ער איז מבולבל געוואָרען אָדער ניט צוגעגרייט געווען, דעריבער האָט ער קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברייגגען. דער געלערנטער מתורגמן, נאָכדעם ווי ער האָט אומזיסט געוואַרט, ביז זיין בעל־דבר וועט אָנהויבען צו ריידען, האָט אויסגערופען די ווערטער פונ'ם נביא: „וויה געשריען צו דעם, וואָס זאָגט צו אַ האָלץ: וואַך אויף! און צו אַ שטיין: שטייה אויף! אַזעלכער וועט לערנען? ער איז דאָך אַרייגגעזעצט אין גאָלד און זילבער, אָבער קיין גייסט איז אין איהם ניטאָ!"

בכלל האָט מען זיך בעצויגען מיט פעראַכטונג צו אַזעלכע, וואָס האָבען געקויפט גייסטליכע שטעלעס. זיי פלעגט מען ניט אָנרופען מיט'ן טיטעל „רבי" און מען פלעגט ניט אויפשטיהן, אַז זיי פלעגען קומען צו גייהן אויף פערזאַמ־לונגען. „זייער טלית איז אַ זאָטעל פון אַן אייזעל" — פלעגען זאָגען די אויפגע־בראַכטע אמוראים.

די איינפלוסרייכע אמוראים האָבען ניט געשוינט אַפילו דעם נשיא גופא און אָפטמאָלס פלעגען זיי איהם פאָרוואַרפען, וואָס ער נעמט זיך צופיעל ממשלה אָדער ער בעריסט צופיעל דאָס פאָלק מיט אָבצאָהלונגען. אין רבי יהודה דעם II־טענס צייטען האָט מען צונויפגעקליבען ספעציעלע שטייערן אויף אויסצוהאַלטען דעם נשיא'ס הויף אַ סך מעהר, אַפנים, איידער פאַר דער צייט פון די פריהערדיגע נשיאים. און אַז דער נשיא האָט זיך איין מאָל בעקלאָגט פאַר'ן בעוואוסטען אמורא ריש לקיש'ן אויף די גזלות מצד די רוימישע בעאַמטע, האָט ער בעקומען דעם שטרייגגען ענטפער: „נעם ניט — וועט מען ביי דיר ניט נעמען!"

דער אייגענער אמורא האָט געהאַט אַ סכסוך מיט'ן נשיא בנוגע צו פאָל־בענדען ענין. בשעת מען האָט פונאַנדערגעטיילט די שטייערן אויף צו פערריכטען

1) דער מתורגמן האָט בעדאַרפט איבערזעצען און אויסטייטשען פאַר'ן פאָלק די עפענטליכע רעדעס פון די דרשנים, וואָס ניש שטענדיג האָבען זיי געהאַט אַ רעדנער־טאַלאַנט

די שטאָדטישע מויערן אין טבריא און אויף אויסצוהאַלטען די שטאָדטישע וועכטערס, האָט רבי יהודה דער II-טער אַרויפגעלייגט די אָבצאָהלונג אויך אויף די מיט-גלידער פון די ישיבות, וואָס פריהער פלעגען זיי זיין פריי דערפון. האָט ריש לקיש קעגען דעם פּראָטעסטירט. איין מאָל, בשעת אין דער ישיבה האָט מען אַרומגעקלערט די יורידישע פראַגע וועגען די פערברעכענס פון הויכע בעאַמטע, האָט ריש לקיש געשטעלט אַזאַ שאלה: „אויב דער נשיא האָט אָבגעטאָן אַן עבירה, צי קאָן ער ווערען בעשטראָפט מיט מלקות אָדער ניט?" די פערזאַמלונג האָט געענטפערט, אַז יאָ. האָט דער נשיא אײַנגעזעהן דערין אַן אומדירעקטע בעליידיגונג פאַר זיך און האָט געשיקט אַ משרת מיט'ן בעפעהל צו אַרעסטירען ריש לקיש'ן. נאָר יענער האָט זיך פון פריהער דערוואוסט וועגען דער סכנה און איז אַנטלאָפען געוואָרען אין דער שכנ'ישער שטעדטיל.

אויפ'ן אַנדערן טאָג איז דער נשיא אַליין געווען אויף דער זיצונג פון דער ישיבה, וואו עס האָט בעדאַרפט זאָגען דעם שיעור דער עלטסטער פון די אמוראים, רבי יוחנן. אַז דער נשיא האָט געזעהן, אַז דער לעקטאָר שווייגט און פיהרט זיך אויף אַזוי, ווי ער וואָלט עפּיס וואָס זוכען, האָט ער איהם אַ פרעג געטאָן, וואָס זוכט ער. האָט רבי יוחנן געענטפערט, אַז ער זוכט אַ שלי-סעל צו זיין שיעור — און דאָס איז זיין חבר ריש לקיש, וואָס אָהן איהם קאָן מען ניט פיהרען קיין ויכוחים אין הלכות. „וואו זשע איז ער?" — האָט גע-פרעגט דער נשיא. — אין מגדלא — האָט מען איהם געענטפערט. איז דעם נשיא'ס כעס פערגאַנגען, און לא די וואָס ער האָט ערלויבט דעם אַנטלאָפענעם אמורא צוריקצוקומען, נאָר ער האָט אַפילו אַרויסגערופען זיך אַליין צו גייהן איהם מקבל פנים זיין.

בשעת זיי האָבען זיך בעגעגענט, האָט ריש-לקיש געדאַנקט רבי יהודה'ן פאַר זיין ענוות און צוגעלאָזטקייט, נאָר דאָרט גופא אויפ'ן אָרט, אַז דער נשיא האָט איהם אַ פרעג געטאָן וועגען אינצידענט אין דער ישיבה, האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטען פון אַרויסצוזאָגען זיין שאַרפען ענטפער: „שוין-זשע מיינסטו, אַז מחמת מורא פאַר דיר וועל איך פערשווייגען דעם אמת פון דער תורה?"

אַן אַנדערש מאָל האָט רבי יוסי, בשעת אַ דרשה אין טבריא'ער שול, אָנגעריהרט דעם נשיא'ס כבוד דורך דער פראַזע, אַז דעם נשיא'ס הויזגעזינד נעמט איצט צו די מתנות, וואָס פלעגען אַנומעלט גייהן לטובת די כהנים. רבי יהודה האָט געוואָלט בעשטראָפען דעם העזה'דיגען דרשן, נאָר ער האָט נאָכגעגעבען רבי יוחנן'ס און ריש לקיש'עס בקשות און האָט איהם מוחל געווען.

ביי אַ בעגעגעניש מיט ר' יוסי'ן האָט דער נשיא צווישען אַנדערע זאַכען געפרעגט ביי איהם: „וואָס בעדייט דער פסוק: כאמה כן בתה" (ווי די מוטער אַזוי די טאָכטער)? — און האָט בעקומען אַן ענטפער: „ווי דער דור, אַזוי דער נשיא, ווי דער מזבח, אַזוי דער כהן". דער נשיא האָט געמאַכט זיך ניט הע-רענדיג די דאָזיגע בעליידיגענדע אָנצוהערעניש און האָט אָבגעלאָזט דעם אמורא דעם עקשן.

פון דאָס אַלץ איז צו זעהן, אַז רבי יהודה דער I-טער האָט זיך אויסגעצייכענט בכלל דורך אַ ווייכען כאַראַקטער און האָט ניט מיסברויכט זיין מאַכט, לכל הפחות בנוגע צו די אמוראים, וועלכע ער האָט געאַכט. אַלע אַזעלכע סכסוכים זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורכ'ן אינעווייניגסטען אַנטאַגאָניזם צווישען דער וועלטליכער און גייסטליכער מאַכט, וואָס דערמיט האָבען זיך געמוזט רעכענען אויך אייניגע נשיאים, וואָס זיינען געווען פאַר ר' יהודה דעם II-טען.

נאָך ר' יהודה דעם II-טענס טויט הויבט אָן פאַלען די נשיאות אין ארץ-ישראל. זיינע יורשים, ר' גמליאל דער IV און ר' יהודה דער III-טער (אַן ערך פון 286—330) האָבען כמעט קיין שום זכר ניט געלאָזען נאָך זיך אין דער אידישער געשיכטע. אין דער תלמוד'ישער געזעצגעבונג איז אין זייער נאָמען קיין איין זאַך צו אונז ניט דערגאַנגען. זיי האָבען, אפנים, אויסערפילט מעהר ניט זייערע אָפיציעלע התחייבות'ען און האָבען געזאָרגט וועגען צונויפקלייבען די שטייערן פאַר דער מלוכה און פאַר די געמיינדעס. אין זייערע צייטען פלעגט מען אָפטער שיקען משולחים אין אַנדערע לענדער, אויפצוקלייבען נדבות פאַר'ן נשיא'ס הויף.

ר' יהודה דעם III-טענס נשיאות איז אויסגעקומען אין דער צייט פונ'ם גרויסען קריזיס אין דער רוימישער אימפעריע, בשעת דער קריסטענטום איז געוואָרען אַנשטאָט אַ גע'רודפ'טער רעליגיע אַ הערשענדע, אַ מלוכה-רעליגיע.

די תנאים פון די ברייתות און תוספתות.

§ 26. אין צוויי ריכטונגען האָט זיך ענטוויקעלט די גייסטיגע אַרבייט אין ארץ-ישראל נאָך דער חתימת-המשנה. אַ טייל געלערנטע האָבען זיך פאַרנומען מיט'ן צונויפקלייבען יענע פיעל מסורות שבעל-פה, וואָס ר' יהודה הנשיא האָט זיי ניט אַריינגענומען אין זיין משנה, און האָבען דערפון צונויפגעשטעלט פערשיידענע זאַמעלביכער, אַלס הוספות צו דער דאָזיגער זאַמלונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין אַלע ישיבות. אַנדערע ווידער האָבען זיך פערנומען מיט מאַכען פירושים צום טעקסט פון דער משנה, זיי האָבען דערקלערט די טעמים פון די הלכות אין דער משנה, ווי אויך פון די פערשיידענע דעות און פלוגתות אין אַ סך ענינים. זיי האָבען חוץ דעם דורך לאַנגע שקלא-וטריא'ס אַרויסגעדרינגען אַסך נייע מסקנות פון די אַלטע הלכות.

בשעת רבי יהודה האָט צונויפגעקליבען אין זיין משנה די הלכות, דאָס הייסט געזעצען אָדער פראָיעקטען פון געזעצען און מיינונגען פון בר-סמכא'ס, — האָט ער ניט געקאָנט אויסשעפען דעם גאַנצען אומגעהייערן מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין משך פון עטליכע יאָהרהונדערטען. אַ סך האָט דער געלערנטער נשיא אינגאַנצען ניט בעמערקט, און אַ סך פון די, וואָס ער האָט יאָ געוואוסט, האָט ער ניט אַריינגעשטעלט אין משנה, אָדער דערפאַר, ווייל זיי זיינען די מיינונגען ניט פון בר-סמכא'ס, אָדער ווייל ער האָט עס גערעכענט פאַר איבעריגע איינצעלהייטען, וואָס וואָלטען ניט געפּאַסט צו דער קורצער און שאַרפער פאָרם פון דער משנה.

נאָר רבי יהודה הנשיא האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך ניט בלויז אַ טויטען זאַמעלבוך, נאָר אויך אַ סך חברים און תלמידים, וואָס האָבען אונטער זיין פיהרונג אַלזייטיג אויסגעפאָרשט די מקורים פון דער מסורה שבעל-פה און האָבען איהם געהאָלפען אין דער אַרבייט מסדר צו זיין די משנה. די דאָזיגע גע-לערנטע: רבי חייא, רבי אושעיה, בר-קפרא, רבי לוי, אבא אריכא (דער לעצטער, אַ געבירטיגער פון בבל, האָט זיך שפּעטער אומגע-קעהרט אַהיים) — האָבען צונויפגעקליבען די הלכות און פירושים, וואָס זייער רבי האָט דורכגעלאָזט, און האָבען דערפון צונויפגעשטעלט נייע זאַמלונגען. אַזוי זיינען ענטשטאַנען גרויסע זאַמעלביכער מיט׳ן נאָמען „ברייתות" און „תוספתות" — דאָס איז טייטש: „אויסווייניגסטע הלכות" און „הוספות".

די דאָזיגע ליטעראַטור שטייהט צו דער משנה אין דעם ערך, ווי ד׳ „ספרים חיצונים" אָדער „אַפּאָקריפען" צום תנ"ך. איהר בעדייטונג איז געווען פון אַ צווייטען גראַד און ווערט געברויכט דער עיקר אַלס הילפס-מקור ביים שטודירען די משנה. פּונקט אַזוי ווי די ביבלישע אַפּאָקריפען, איז זי אויס-געוואַקסען מדרגות׳וויז, אין משך פון׳ם גאַנצען תלמוד׳ישען פּעריאָד. די אָנ-גערופענע מיטהעלפער רבי יהודה הנשיא׳ס, דורכדעם וואָס זיי האָבען צונויפ-געקליבען די איבערגעלאָזטע הלכות און פירושים אין דער „תוספתא" און „ברייתא", האָבען מעהר ניט געמאַכט די התחלה פאַר דער דאָזיגער נאָך משנה-ליטעראַטור; די ווייטערדיגע דורות אמוראים האָבען ווייטער געפיהרט די אַרבייט סיי אין ארץ-ישראל און סיי אין בבל; די לעצטע רעדאַקציע פון ביידע אָנ-גערופענע זאַמעלביכער איז געמאַכט געוואָרען, מסתמא, בלויז צום סוף פון IV יאָהרהונדערט.

די גרינדער פון דער „תוספתא" און „ברייתא", דער דור וואָס תיכף נאָך רבי יהודה הנשיא, זיינען געשטאַנען אויפ׳ן גרעניץ צווישען דער משנה און איהרע שפּעטערדיגע פירושים אָדער „גמרא", צווישען די תנאים און אמוראים. דעריבער איז מען זיך נוהג זיי אָנצורופען „האַלבע תנאים". דאָס זיינען געווען די עפּיגאָנען פון דער משנה, דער אַריערגאַרד פון יענער אַרמיי תנאים, וואָס פיער דורות פון איהר (די דורות פון ר׳ יוחנן בן-זכאי, ר׳ עקיבא, ר׳ מאיר און רבי יהודה הנשיא) האָבען זיך געמיהט אויפצובויען דעם דאָזיגען מאָנומענט פון דער אידישער געזעצגעבונג.

צוגלייך מיט די אַפּאָקריפען פון דער תורה שבעל-פה האָבען זיך בעוויזען אויך פּסעוודאָ-עפּיגראַפען, דאָס הייסט זאַמלונגען פון הלכות און צום טייל אגדות, וואָס פאַר די מחברים פון זיי האָט מען געהאַלטען די גדולים פון פריהערדיגע דורות. די דאָזיגע זאַמלונגען זיינען צונויפגעשטעלט אין דער פאָרם פון פירושים צו דער תורה. דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון דער משנה, האָבען זיי צונויפ-געבונדען די תורה שבעל-פה מיט דער תורה שבכתב. זייערע מסדרים האָבען געוואָלט אָבהיטען פאַר די שפּעטערדיגע דורות ניט בלויז די מסקנות פון דער תורה שבעל-פה, נאָר אויך דעם פּראָצעס, ווי אַזוי די דאָזיגע מסקנות זיינען געבילדעט געוואָרען פון די ענטשפּרעכענדע פּסוקים פון דער תורה. דעריבער

האָבען זיי דעם מאַטעריאַל פונאַנדערגעטיילט אינ׳ם סדר פון די פערשיידענע פרשיות פון חומש, צוגעבענדיג צו איטליכען פסוק די מסקנות פון דער משנה, וואָס זיינען שייך צו איהם.

אַזוי זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרען דריי זאַמעלביכער: 1) מכילתא — דאָס איז אַ פירוש צו ספר „שמות", וואָס ווערט צוגעשריבען ר׳ ישמעאל׳ן, רבי עקיבא׳ס בן-דור; 2) ספרא אָדער תורת כהנים — פירושים צו ספר „ויקרא", וואָס צום טייל ווערען זיי צוגעשריבען רבי יהודה בן-עלאי און צום טייל — אבא אריכא׳ן; 3) ספרי — פירושים צום ספר „במדבר" און ספר „דברים"; פאַר איינעם פון די הויפט-מחברים פון דער לעצטער קאָלעקציע רעכענט מען רבי שמעון בן-יוחאי.

די טראַדיציע בעשטימט, אַז דער אָדער יענער פון די אויבענדערמאָנטע חכמי התלמוד איז דער מחבר פון די דאָזיגע ביכער, דורכדעם וואָס זי בעהויפטעט, אַז די „סתמות", דאָס הייסט, די הלכות און פירושים, וואָס ווערען געבראַכט אָהן נעמען, געהערען אָן דעם אָדער יענעם תנא. דערין איז אפשר פאַראַן אַ קערנדיל אמת: ס׳איז מעגליך, אַז די עלטסטע טיילען פון אַלע די דריי זאַמעלביכער געהערען אין דער אמת׳ען צו די תנאים, וואָס האָבען געלעבט אין ר׳ עקיבא׳ס, רבי מאיר׳ס און רבי יהודה הנשיא׳ס צייטען. נאָר זיי זיינען ניט געווען די מסדרים פון די דאָזיגע זאַמעלביכער, וואָס נאָך דער חתימת המשנה זיינען זיי נאָך אַלץ געבליבען אָפען און אין זיי זיינען געוואָרען אַריינגענומען די פירושים און מיינונגען פון די שפּעטערדיגע חכמים. די אמוראים פון בבל און ארץ-ישראל האָבען בענוצט אין זייערע ישיבות אַזעלכע זאַמעלביכער, וואָס די דינים פון דער תורה און משנה זיינען געווען אין זיי פעראייניגט, און פלעגען פון זייער זייט מאַכען הוספות צו זיי און רעדאַקטירען זייער טעקסט. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ קאָלעקטיווער אַרבייט, וואָס איז געטאָן געוואָרען אין משך פון צוויי-דריי יאָהרהונדערטען.

די ערשטע אמוראים פון ארץ-ישראל.

§ 27. פאַראַלעל מיט דער דאָזיגער אַרבייט פון צונויפקלייבען, וואָס האָט געמאַכט דעם סך-הכל פון עבר, איז געגאַנגען אַן אָנגעשטרענגטע שאַפונגס-אַרבייט פון די בעלי-הלכה און בעלי-אגדה, וואָס פאַר זיי האָט די משנה געדיענט אַלס באַזיס צוליעב נייע וויסענשאַפטליכע קאָמבינאַציעס, אויף אויפבויען נייע גאָרענס פון דער „תורה שבעל-פה". די דאָזיגע געלערנטע האָבען געטראָגען דעם בעשיידענעם טיטעל אמוראים — דאָס הייסט, אויסטייטשער, נאָר אין עצם האָבען זיי ווייטער געפיהרט די אַרבייט פון די תנאים, וואָרום דורך פירושים און שקלא-וטריא׳ס אין די ישיבות האָבען זיי בעדייטענד פערברייטערט דעם געביט פון דער געזעצגעבונג און געזעץ-שטודיום. פונקט אַזוי ווי די תנאים האָבען אויסגעאַרבייט נייע געזעצען אויפ׳ן סמך פון דער תורה שבכתב, אַזוי האָבען די אמוראים אָנגעהויבען זיי אויסצואַרבייטען (אָפטער טעאָרעטיש, איי-

דער פּראַקטיש) אויפ׳ן סמך פון דער געשריבענער משנה, וואָס איז געוואָרען פאַר די ישיבות אַ צווייטע תורה.

די נייע „תורה שבעל פה" צו דער משנה האָט זיך אונטערשיידט פון דער אַלטער „תורה שבעל פה" צו דער „תורת משה" דורך דעם, וואָס די משנה איז געווען אַסך פערוויקעלטער און קאָמפּליצירטער לויט׳ן תוכן, איידער „תורת משה", און דעריבער האָבען די פירושים אויף דער משנה אויך געמוזט זיין פער-וויקעלטער און קאָמפּליצירטער. דער שאַרפער מח האָט געפונען פאַר זיך גענוג שפּייז אין דער קורצער שאַרפער שפּראַך און אין דער אָבגעהאַקטער קאַטעגאָ-רישער פאָרם פון דער משנה, אין דעם, וואָס ס׳פעהלט שטענדיג דער טעם סיי פון די פעסטגעשטעלטע הלכות סיי פון די, וואו ס׳איז פאַרהאַן אַ מחלוקת. איינינגע פלעגען אויסטייטשען דעם זין פון די קורץ געפאַסטע און אָפטמאָלס אומבע-שטימטע אויסדרוקען פון דער משנה, אַנדערע פלעגען זוכען אויסצוגעפינען אַ לאָגישע בעגרינדונג אָדער אַ סמך אין דער תורה פאַר איהרע דינים, די דריטע פלעגען זיך מיהען צו ברייגנען אין הסכם דעם טעקסט פון דער משנה מיט׳ן טעקסט פון די טראַדיציעס און פירושים, וואָס געפינען זיך אין די „תוספתות" און „ברייתות", די פערטע פלעגען קאָמבינירען אַלע די דאָזיגע מקורים, בכדי אויסצודרינגען אַלערליי מסקנות צוליעב טעאָרעטישע און פּראַקטישע ציעלען. אויף דער דאָזיגער אַרבייט גייהט אַוועק די אינטעלעקטועלע ענערגיע פון עט-ליכע דורות אמוראים.

די ערשטע אמוראים זיינען אַרויסגעגאַנגען דירעקט פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס ישיבה. נאָך זייער גרויסען רבי׳ס טויט האָבען זיי געגרינדעט ישיבות אין גליל, יהודה און בבל, און האָבען אָנגעהויבען צו בעאַרבייטען די משנה, איטליכער אויף זיין שטייגער. אין I-טען יאָהרהונדערט האָבען געווירקט אין ארץ-ישראל צוויי גרופּעס אמוראים: אַן עלטערע און אַ אינגערע. די טעטיגקייט פון דער עלטערער גרופּע קומט אויס לפי ערך אין דער צייט פון דער נשיאות פון ר׳ גמליאל דער III, רבי יהודה הנשיא׳ס זוהן, און די טעטיגקייט פון דער אינגערער — בשעת ר׳ יהודה דער II איז געווען נשיא (§ 25). דער הויפּט-פאָרשטייהער פון דער ערשטער איז געווען **רבי חנינא בר-חמא**, און פון דער צווייטער — **רבי יוחנן בר-נפחא.**

לויט ר׳ יהודה הנשיא׳ס צוואה, האָט רבי חנינא בר-חמא פערנומען נאָך זיין טויט די שטעל פון אַ ראש-ישיבה אין דער שטאָדט צפורי, וואו עס האָט געוואוינט אויך דער נשיא ר׳ גמליאל III-טער. איז געווען, אָפּנים, אַ טעטיגער מיטאַרבייטער פונ׳ם נייעם נשיא, וואָס איז ניט געווען אַזוי געלערנט ווי זיין פאָטער, דער פריהערדיגער נשיא. אין זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און פּראַקטישע החלטות פלעגט רבי חנינא זיך שטענדיג סומך זיין אויף דער משנה; ער האָט זיך אויך נוהג געווען שטענדיג צו ברייגנען די מיינונגען, וואָס ער האָט געהערט פערזענליך פונ׳ם פערשטאָרבענעם מסדר המשנה, און בעטראַכטען זיי פאַר אמת׳ען, וואָס קאָנען ניט בעשטריטען ווערען. די טראַדיציע און דעם אַווטאָריטעט פון די פריהערדיגע דורות האָט ער געשעטצט העכער, איידער די

פירושים, וואָס זיינען געגרינדעט אויף פלפול, הגם ניט זעלטען פלעגט ער אליין אויך אָנווענדען פלפול.

חוץ פיעל הלכות, זיינען פון רבי חנינא׳ס נאָמען פערבליבען אין תלמוד אויך עטליכע פילאָסאָפיש-עטישע מימרות, וואָס זאָגען עדות אויף זיין ברייטער וועלט-אָנשויאונג. די פראַגע וועגען ווילענס-פרייהייט (בחירה וידיעה) האָט רבי חנינא פערענטפערט דורך פאָלגענדער קורצער מימרא: „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" (אלץ איז אין גאָטס האַנד חוץ גאָטספאָרכטיגקייט), דאָס הייסט — אַלצדינג איז בעשטימט פון פאָראויס חוץ די זיטליכע אויפפיהרונג, וואָס זי איז אָפּהענגיג פון דעם מענשען׳ס פרייען ווילען. ... ר׳ חנינא איז געווען בהביג׳ט אין מעדיצינישער וויסענשאַפט און האָט געטאַדעלט כשוף-מאַכעריי און אָבשפרעכענישען.

אַלס גייסטליכער געהילף פונ׳ם נשיא, האָט ער איין מאָל, אינאיינעם מיט נאָך אַן אמורא, ר׳ יהושע בן-לוי, זיך פאָרגעשטעלט דעם רוימישען פער-וואַלטער אין קיסריא. דער פערוואַלטער איז מיט יראת הכבוד אויפגעשטאַנען פאַר די אמוראים, און אַז די אַרומיגע האָבען ביי איהם געפרעגט; וואָס איז די מעשה, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אַזאַ כבוד „די דאָזיגע אידען", האָט ער געענטפערט: „זיי האָבען מיר דערמאָנט פנימ׳ער פון מלאכים" (ירושלמי ברכות, פ״א, ה״א).

דער אָקאָרשט דערמאָנטער ר׳ יהושע בן-לוי האָט געהאַט זיין ישיבה אין „דרום", דאָס הייסט, אין יהודה גופא, אין דער שטאָדט לוד. אין די שטעדט פון דרום, וואָס זיינען פערוויסט געוואָרען נאָך בר-כוכבא׳ס אויפשטאַנד, האָט ווידער, אַפנים, זיך דערוועקט דאָס לעבען. דאָרט האָבען זיך בעזעצט און גע-לערנט עטליכע פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס תלמידים. ר׳ יהושע בן-לוי האָט אַ סך געאַרבייט דאָרט וועגען אַיינשטעלען די אידישע געמיינדע-אָרדענונג; צייטענווייז פלעגט ער פאָהרען צוליעב כלל-ענינים צום פערוואַלטער אין קיסריא. עס איז פערבליבען אַן אומקלאָרע מסורה וועגען זיינער אַ נסיעה קיין רוים. אין דרום-זייט פון ארץ-ישראל האָט ר׳ יהושע בן-לוי געשפּיעלט די ראָל פון דעם נשיא׳ס אַ ממלא-מקום און האָט אפילו זיך גענומען דאָס רעכט צו בעשטימען רבנים און דיינים אין די קהלות.

די לעגענדעס פון תלמוד און פון מיטעלאַלטער שילדערן ר׳ יהושע בן-לוי׳ן אַלס יודע עתידות, וואָס האָט געוואוסט דעם סוד פון קץ און פון יענער וועלט (מען שרייבט איהם צו צוויי אַפּאָקריפישע קבלה-ספרים, וואו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַרויף אויפ׳ן הימעל און וואָס ער האָט דאָרט גע-זעהן). איבעריגענס, איז פאַרהאַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז עס איז געווען אין אַ שפּעטערדיגער צייט נאָך אַן אמורא מיט׳ן נאָמען ר׳ יהושע בן-לוי, וואָס האָט זיך פערנומען דער עיקר מיט אגדה.

צווישען די גליל׳ער אמוראים פון דער עלטערער גרופּע האָט אויך פער-נומען אַ גרויסען אָרט רבי ינאי פון צפורי, דאָס איז דער זעלביגער, וואָס מחמת דער צרה׳דיגער לאַגע פון פאָלק האָט ער צייטווייליג מתיר געווען צו בעאַרבייטען די פעלדער אום שמיטה (§ 24). ער איז געווען רייך און האָט, ווי

עס ווייזט אויס, קאָנקורירט מיט רבי חנינא׳ן וועגן דעם ערשטען אָרט אין די קרייזען פון די ישיבה-לייט.

ר׳ ינאי׳ס תלמיד איז געווען ר׳ יוחנן בר-נפחא, דער פאָרשטייהער פון דער יונגער גרופע אמוראים פון III-טען יאָהרהונדערט (האָט געווירקט אַן ערך פון יאָהר 230—286). רבי יוחנן האָט אין זיין פריהערסטער יוגענד בעוויזען צו זיין אין ר׳ יהודה הנשיא׳ס גרויסער ישיבה קורץ פאַר זיין טויט; ער דערמאָנט זיך, ווי אינגעלוויז איז ער דאָרט געזעסען צווישען די תלמידים פון הער 17-טער שורה, האָט געהערט די טיעפזיניגע ויכוחים צווישען נשיא און די חכמים און האָט גאָרנישט ניט פערשטאַנען. זיין ווייטערדיגע וויסענשאַפטליכע צוגרייטונג האָט רבי יוחנן בעקומען אין די ישיבות פון רבי חנינא, רבי ינאי, רבי אושעיה (דאָס איז איינער פון די מסדרים פון דער „תוספתא״) און פון אַנדערע תלמידים פונ׳ם מסדר המשנה. די יאָהרען, וואָס ער האָט זיך געלערנט, האָט ער געליטען פון דחקות און נויט. איין מאָל איז ער אַפילו געווען געצוואונגען צו וואַרפען דעם לערנען און צו פערנעמען זיך מיט מסחר. נאָר אין גיכען האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו זיין בערוף, און האָט אַפילו פערקויפט אַ קליינע נחלה, וואָס האָט צו איהם געהערט, בכדי זיך אָבצוגעבען אינגאַנצען דער וויסענשאַפט.

נאָך לאַנגע וואָגלענישען האָט ער געגרינדעט זיין ישיבה אין טבריא. דאָס איז געווען אַן ערך אין יענער צייט, בשעת רבי גמליאל דעם III-טענס אָרט האָט פערנומען זיין זוהן רבי יהודה II נשיאה, וואָס האָט אַריבערגעטראָגען זיין רעזידענץ פון צפורי קיין טבריא. אין צפורי האָט רבי יוחנן ניט געקאָנט לעבען בשלום מיט׳ן אָרטיגען ראש ישיבה, זיין רבי׳ן רבי חנינא, וואָס ער איז געווען מחולק מיט איהם בנוגע צו די מעטאָדען, ווי אַזוי אייגצוטייטשען די משנה; אין טבריא אָבער איז ער געווען אונאָבהייניגיג (ירושלמי שביעית פ״ט; ביצה פ״ג). דאָ איז ער געוואָרען דעם יונגען נשיא׳ס רעכטע האַנד, זיין געהילף אין דער גייסטליכער פערוואַלטונג, און האָט בעקומען שכירות פון דעם נשיא׳ס קאַסע. מען פלעגט איהם אָפט רופען: „רבי יוחנן דבי נשיאה״ (פון נשיא׳ס הויז).

רבי יוחנן איז געווען איינער פון ד הויפט-בעשעפער פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „תלמוד ירושלמי״ אָדער גמרא פון ארץ-ישראל. פאַר איהם איז די משנה געווען אַ צווייטע תורה, וואָס איטליכען אויסדרוק איהרען בעדאַרף מען אַנאַליזירען, פונאַנדערקלייבען און אויסטייטשען. פון די דאָזיגע אויסטייטשונגען האָט ער אַרויסגעדרונגען די ברייטסטע מסקנות מיט אַ וויסענשאַפטליכען און פראַקטישען כאַראַקטער. אָפטמאָלס פלעגט ער אויסנוצען צוליעב דערקלערען דעם טעקסט פון דער משנה די פיעל הוספות צו איהר — די „ברייתות״ אָדער „אויס-ווייניגסטע משנות״, און פון אַזעלכע צונויפשטעלונגען פלעגט ער אַרויסדרינגען פערשיידענע קאָמבינאַציעס. דערביי האָט ער, פערשטייהט זיך, געמאַכט אַ חלוק צווישען די הנחות פון דער משנה, ביי וועלכע ס׳איז קיין פלוגתא ניטאָ, און צווישען אַזעלכע, וואו עס איז יאָ פאַרהאַן אַ פלוגתא. דאָרט, וואו אין טעקסט

פון דער משנה פלעגט ווערען געבראַכט סותר'דיגע מיינונגען פון עטליכע תנאים, האָט ער פעסטגעשטעלט כּללים, וואָס לויט זיי קאָן מען וויסען, וועמענס מיינונג שטייהט העכער. דאָס איז געווען נויטווענדיג צוליעב דער געזעצגעבערישער פּראַקטיק. אויף אַזאַ אופן האָט די משנה געדיענט גלייכצייטיג סיי אַלס געזעץ-בוך און סיי אַלס ענציקלאָפּעדיע פון דער אידישער וויסענשאַפט.

דער דאָרשט נאָך וויסענשאַפט און דער פערלאַנג זיך צוצוגרייטען צו געזעלשאַפטליכער אַרבייט האָבען צוגעצויגען צו רבי יוחנן'ס ישיבה אַ גרויסע מאַסע תּלמידים ניט נאָר פון ארץ-ישראל, נאָר אויך פון בבל.

רבי יוחנן'ס געזעצגעבערישע החלטות פלעגען אונטערגעהאַלטען ווערען דורך דעם נשיא'ס עקזעקוטיווער מאַכט. דורך זייערע ביידענס בעמיהונגען האָט זיך, צווישען אַנדערע זאַכען, איינגעגעבען איינצושטעלען די מנהגים פון די תּפלות אין די שולען. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס רבי יוחנן האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטען פון די אויטאָריטעטען פון דער אַלטער צייט, פונדעסטוועגען אין דער פּראַקטיק איז ער ניט געווען שטריינג קאָנסערוואַטיוו; אָפט האָט ער מסכּים געווען מיט די ליבעראַלע שטרעבונגען פונ'ם נשיא רבי יהודה דעם II: אין געוויסע פאַלען האָט ער מתּיר געווען צו לערנען די גריכישע שפּראַך און האָט געזאָגט די „חכמת יונית", נאָר ער האָט געטאַדעלט יענע גייסטיגע שטרעבונגען, וואָס האָבען געקאָנט ברייגנען צו דער צונויפמישונג מיט אַנ-דערע פעלקער.

די דעספּאָטישע מאַכט פון רוים האָט אַרויסגערופען אין איהם אַ צאָרן; ער האָט צוגעגליכען רוים צו דער חיה-רעה אין ספר „דניאל", וואָס האָט אײַ-זערנע צייהנער און קופּערנע נעגעל, בכדי צו צעטרעטען אַלע פעלקער. ער האָט געגעבען אַן עצה די אידען, זיי זאָלען ניט אַריינטרעטען אַלס מיטגלידער אין די רוימישע מאַגיסטראַטען, וואוהין די רעגירונג פלעגט איינלאַדען רייכע לייט, בכדי זיי זאָלען אָנפילען די געזעלשאַפטליכע קאַסע. „אויב מען לאַדט דיך איין אין בולע (ראַט), — פלעגט ער זאָגען — דעמאָלט גיב אַ טראַכט וועגען דעם גרעניץ פון ירדן (דאָס הייסט, גייה אַריבער אויף יענער זייט ירדן — ירושלמי, סנהדרין פ"ח).

רבי יוחנן'ס חבר און מיטאַרבייטער אין דער אויסאַרבייטונג פון דער משנה, און אָפט אויך זיין בר פלוגתּא אין דער ישיבה, איז געווען זיין שוואָגער, רבי שמעון בן לקיש, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן פערקירצטען נאָמען ריש-לקיש. דער דאָזיגער אמורא האָט אַ סך דורכגעמאַכט אין זיין לעבען. יונגערהייד איז ער געווען נע-ונד און האָט געליטען נויט, און איז איין מאָל דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז צוליעב חיונה איז ער אַריינגעטראָטען אין אַ צירק אַלס בעצאַהמער פון ווילדע חיות (נמכּר ללודאים), מחמת ער האָט זיך אויסגע-צייכענט דורך אַ גרויסער פיזישער קראַפט און פלינקייט. רבי יוחנן, ריש-לקיש'עס אַן אַלטער חבר פון דער ישיבה, האָט איהם געראַטעוועט פון נויט און פון זיין נע-ונד לעבען און האָט איהם געגעבען פאַר אַ ווייב זיין שוועס-

טער. ריש-לקיש האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט און האָט אין גיכען זיך קונה שם געווען אַלס זייהר אַ שאַרפזיניגער מפרש פונ׳ם געזעץ.

היות ווי ער האָט געהאַט גלענצענדע פייהיגקייטען, פלעגט ער אָפטמאָלס מנצח זיין אין ויכוח אַפילו זיין געלערנטען שוואָגער. די וויסענשאַפט איז געווען זיין וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט. „אויב דו וועסט פערלאָזען די תורה אויף איין טאָג — פלעגט ער זאָגען — וועט זי דיך פערלאָזען אויף צוויי טעג". נאָר ביי אַלע די דאָזיגע מעלות האָט זיך ריש-לקיש׳ן ניט איינגעגעבען צו פערנעמען אַ זעלבשטענדיגען מעמד אין דער געזעלשאַפט, און ביז צום סוף פון זיין לעבען איז ער פערבליבען מעהר ניט ר׳ יוחנג׳ס געהילף. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען מחמת זיין קפדנות, וואָס פלעגט איהם ברייגגען צו סכסוכים מיט׳ן נשיא ר׳ יהודה דעם II (§ 25) און מיט אַנדערע איינפלוסרייכע לייט. ס׳איז אויך מעגליך, אַז עטליכע פריידיינקערישע מימרות ריש-לקיש׳עס האָבען דערוועקט ביי די אמוראים אַן אומצוטרוי צו איהם. ריש-לקיש האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט, למשל, אַז דער גאַנצער ספר „איוב" איז נאָר אַ „משל", דאָס הייסט, אַן ערצייהלונג, פון וועלכער מען בעדאַרף זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל, אָבער ניט קיין אמת׳ע מעשה (איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה; ירושלמי סוטה פ"ה צום סוף; בבלי, בבא בתרא, ט"ז). ער האָט אויך בעהויפטעט, אַז די נעמען פון די מלאכים זיינען „אַראָבגעבראַכט געוואָרען פון בבל" (ירושלמי, ראש-השנה פ"א), דאָס הייסט, אַריבערגענומען פון די פערסער, און אַז דער גאַנצער גלויבען אין די פערשיידענע מדרגות מלאכים איז פרעמד דעם גייסט פון דער אַלטער יהדות.

ריש-לקיש׳עס טויט, איז, אויב מען זאָל גלויבען דער לעגענדע, פאָרגעקומען נאָך אַ גרויסען וויסענשאַפטליכען ויכוח אין דער ישיבה מיט ר׳ יוחנג׳ען. רבי יוחנן האָט זיך צעהיצט בשעת דעם ויכוח און האָט דורך אַ בייזען וואָרט בעליידיגט זיין שוואָגער; יענער איז פון האַרצקלעמעניש קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. דער אַלטער רבי יוחנן האָט זיך שטאַרק מצער געווען איבער זיין חבר און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אויך געשטאָרבען.

די דריטע גרופּע אמוראים פון ארץ-ישראל.

§ 28. רבי יוחנן פערנעמט צווישען די אמוראים פון ארץ-ישראל פונקט אַזאַ צענטראַלען אָרט, ווי רבי עקיבא האָט אַמאָל פערנומען צווישען די תנאים. דער גרעסטער טייל פון די אויסטייטשער פון דער משנה זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגען. פון דער ישיבה אין טבריא זיינען אַרויסגעקומען די הויפּטטוער פון III יאָהרהונדערט: געזעץ-לעהרער, דיינים און אַנדערע כלל-טוער. רבי יוחנג׳ס חברים און תלמידים, וואָס זיינען געווען פונאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ ארץ-ישראל, האָבען ווייטער געפיהרט זיין אַרבייט, הגם מיט ווינציגער ערפאָלג: זיי האָבען געהאַט מעהר בקיאות און התמדה, איידער אָריגינאַליטעט.

די דריטע גרופּע אמוראים פון ארץ-ישראל (האָט געווירקט אַן ערך צווישען 280—315) האָט אַרויסגערוקט בלויז ווינציג גרויסע טוער אינ׳ם געביט פון דער הלכה.

נאָך בשעת רבי יוחנן האָט געלעבט, האָט אין דער ישיבה פון טבריא פּערנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט זיין יונגער חבר רבי אלעזר בן-פדת, אַ געבירטיגער פון בבל. נאָך ריש-לקיש׳עס טראַגישען טויט האָט ער פּערנומען זיין אָרט ביי ר׳ יוחנן. נאָר דער אַלטער רבי איז ניט געווען צופרידען מיט זיין נייעם געהילף, וואָס פלעגט על-פּי-רוב אויף די שיעורים ניט מתווכח זיין זיך מיט איהם, נאָר שטענדיג מסכים זיין. „דו ביזט גאָרניט דאָס, וואָס ריש-לקיש, — האָט ער געזאָגט צו ר׳ אלעזר׳ן — ס׳פלעגט טרעפען, אַז איך פלעג אַוועקשטעלען אַ הנחה, ער פלעגט פרעגען פיער-און-צוואַנציג קשיות, איך פלעג ענטפערן פונקט אַזוי פיעל תירוצים, און פון אַזעלכע ויכוחים ווערט קלאָר דער אמת״.

נאָך ר׳ יוחנן׳ס טויט איז ר׳ אלעזר אַ געווויסע צייט געשטאַנען בראש פון דער ישיבה אין טבריא; ער האָט אויך אויסערפילט די התמנות פון אַ דיין און האָט זיך פערנומען מיט כלל-ענינים. זיינע לאַנדסלייט, די אידען פון בבל, פלעגען מיט יראת-הכבוד אָנרופען ר׳ אלעזר׳ן „דער רבי פון ארץ-ישראל״ און פלעגען זיך ווענדען צו איהם, בשעת מען פלעגט דאַרפען פערענטפערן הארבע שאלות.

די גייסטיגע פערבינדונג צווישען ארץ-ישראל און בבל איז אין יענער צייט בעדייטענד שטאַרקער געוואָרען. אַ סך אמוראים זיינען געפאָהרען פון איין לאַנד אין אַנדערן, בכדי צו הערען תורה אין בעוואוסטע ישיבות, וואָס זיינען געווען מפורסם איןביידע לענדער. פון די געבירטיגע אין בבל האָבען געווירקט אין ארץ-ישראל נאָך רבי יוחנן׳ס טויט זיינע דריי תלמידים: ר׳ חייא בר-אבא, רבי אמי און רבי אסי. אָרימקייט האָט געצוואונגען ר׳ חייא׳ן צו נעמען אויף זיך אַזאַ פרנסה, וואָס האָט ניט געפּאַסט פאַר אַזאַ למדן: ער איז געפאָהרען איבער בבל און אַנדערע מדינות, בכדי צו קלייבען נדבות פאַר׳ן נשיא רבי יהודה III. רבי אמי און רבי אסי זיינען נאָך ר׳ אלעזר בן-פדת געווען די ראשי-ישיבה׳עס פון טבריא; זיי האָבען געטראָגען דעם טיטעל „דייני ארץ-ישראל״ און האָבען געדיענט דעם נשיא אַלס זיינע נאָהענטסטע יועצים און מיטאַרבייטער.

לויט דעם נשיא׳ס שליחות, זיינען זיי אינאיינעם מיט ר׳ חייא׳ן אַרומגעפאָהרען איבער די שטעדט פון ארץ-ישראל, בכדי צו רעווידירען די פאָלקס-שולען און די שולען פאַר תלמוד. איין מאָל זיינען די דריי אמוראים אָנגעקומען אין אַ שטאָדט, וואו עס איז ניט געווען ניט קיין לעהרער און ניט קיין דיין. „וואו זשע זיינען די שומרים פון שטאָדט?״—האָבען די אמוראים געפרעגט. האָט מען צו זיי געבראַכט צו פיהרען די שטאָדטישע וועכטערס. „ניין — האָבען אויסגערופען די אמוראים — ניט די דאָזיגע שומרים מיינען מיר, נאָר די גע-

לערנטע און לעהרערס, וואָס פערשפּרייטען גאָטס וואָרט, וואָרום עס שטייהט געשריבען: „אויב גאָט היט ניט אַ שטאָדט, וואַכט אומזיסט דער היטער!"

פון די בעדייטענדע אַמוראים פון יענער צייט איז נאָך כדאי צו דער-מאָנען ר' אבהו פון קיסריא. געלערנט זיך האָט ר' אַבהו אין רבי יוחנן'ס ישיבה אין טבריא און האָט זיך אויסגעצייכענט פונ'ם גרעסטען טייל פון זיינע בני-גילו דורכדעם, וואָס זיין פערשטאַנד איז געווען אַ ניכטערער, קלאָרער און פּראַק-טישער און וואָס ער האָט פיינט געהאַט דעם קליינליכען פּלפּול פון די ישיבות. אַלס דיין און ראש-הקהל פלעגט ער זיך היטען, ניט צו בעגרינדען זיינע בעשטימונ-גען אויף אַבסטראַקטע אויספיהרונגען, נאָר ער פלעגט זיך בעסער סומך זיין אויף דער ערפאַהרונג.

אין דער רעזידענץ פונ'ם רוימישען פּערוואַלטער, אין קיסריא ביים ים, האָט אין III יאָהרהונדערט עקסיסטירט אַ אידישע קהלה, וואָס צום סוף פון יאָהרהונדערט האָט זי דערגרייכט צו אַ בליהענדען צושטאַנד און האָט געקאָנט קאָנקורירען מיט דער קהלה אין טבריא. בראש פון איהר איז געשטאַנען ר' אַבהו, אַ מענש מיט וועלטליכער בילדונג, וואָס האָט גערעדט פריי גריכיש און געהאַט עסקים מיט די בעאַמטע. די מענשען פון יענער צייט שטרייכען אונטער אַלס אַ סימן פון אויסערסטען ליבעראַליזם דאָס, וואָס ר' אַבהו האָט אפילו זיין טאָכטער געלאָזט לערנען גריכיש; קעגען די טענות פון די אָרטאָדאָקסען האָט ער זיך פערענטפערט דערמיט, וואָס פאַר אַ מיידעל איז קענען די גריכישע שפּראַך אַ „צירונג".

ער פלעגט, אַ פּנים, אָפטמאָלס פערבייטען דעם נשיא, אַז מען פלעגט זיך דאַרפען פאָרשטעלען פאַר דער רוימישער רעגירונג, און די רוימער האָבען זיך צו איהם בעצויגען מיט גרויס אַכטונג. די אַריסטאָקראַטישע רוימישע מאַטראָנעס פלעגען איהם אָנרופען: „דער אָנפיהרער פון אידישען פאָלק", „דער אָראַטאָר פון דער אידישער נאַציע" (סנהדרין י"ד, כתובות י"ז). אין דער תלמוד'ישער ליטעראַטור איז ר' אַבהו בעוואוסט ניט בלויז אַלס בעל-הלכה, נאָר נאָך מעהר אַלס בעל-אגדה, וואָס האָט זיך פערטיעפט אין די פראַגען פון רעליגיעזער דאָגמאַטיק, מאָראַל און פילאָסאָפיע.

די בעלי-האגדה און די ויכוחים מיט אַנדערשגלויביגע.

§ 29. ניט די גאַנצע אינטעלעקטועלע ענערגיע פון די אַמוראים פון ארץ-ישראל איז אַוועק אויף אויסטייטשען די משנה און בעאַרבייטען די פראַגען פון די צערעמאָניעס און געזעצען. ס'פלעגען זיך טרעפען צווישען זיי אויך דיינקער, וואָס האָבען זיך פערנומען דער עיקר מיט רעליגיעז-עטישע פאָרשונ-גען. צוגלייך מיט די בעלי-הלכה, וואָס האָבען בלויז אגב-אורחא זיך אינטערעסירט מיט אגדה, זיינען אויך געווען ספּעציעלע בעלי-אגדה (רבנן דאַגדתא), וואָס פלעגען דורכפיהרען זייערע אָנשויאונגען דער עיקר דורך דרשות אין די שולען.

פון די אַמוראים פון רבי יוחנן׳ס צייט איז געווען בעריהמט אלס בעל-אגדה ר׳ שמלאי פון לוד, וואָס איז געווען אַ מין אַרומפאָהרענדיגער דרשן. ר׳ שמלאי פלעגט זוכען צו געפינען אין דער אידישער רעליגיע דער עיקר איהרע דאָגמאַטישע און זיטליכע יסודות. אַלע תּרי״ג (613) מצוות פון דער אידישער רעליגיע האָט ער איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: 240 (רמ״ח) „מצוות עשה״ (געבאָטען, וואָס מען מוז זיי טון) — אַרמז קעגען דער צאָהל פון די אברים אין מענשענס גוף (רמ״ח אברים), און 365 (שס״ה) „לאוו׳ען״ (פערבאָטען, וואָס מען טאָר ניט טון) — אַנטקעגען די 365 טעג פון אַ זונען-יאָהר. אָט אַלע די דאָזיגע תּרי״ג מצוות — זאָגט ר׳ שמלאי — האָבען אויסשליסליך איין צוועק: די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע השלמה פונ׳ם מענשען. דער דאָזיגער היכער צוועק איז אויסגעדריקט אין פאָלגענדען אַלטען קאַפּיטעל תהלים, וואו אַלע געזעצען פון דער יהדות זיינען איינגעשלאָסען אין עלף הויפּט-געבאָטען פון אַ ריין מאָראַלישען מהות:

„ווער קאָן וואוינען אין דיין געצעלט? ווער קאָן רוהען אויף דיין הייליגען באַרג: א) דער וואָס גייהט אין אַ רעכטשאַפענעם וועג; ב) דער וואָס טוט גערעכטיגקייט ג) און רעדט אמת אין זיין האַרצען; ד) דער וואָס זאָגט קיין רכילות ניט מיט זיין צונג; ה) טוט זיין חבר קיין בייז ניט ו) און לייגט ניט אַרויף קיין שאנד אויף זיין נאָהענטען מענשען; ז) וואָס פעראַכט דעם, וואָס איז ראוי מען זאָל איהם פעראַכטען ח) און גאָטספאָרכטיגע לייט טוט ער אָפּ-געבען כבוד; ט) דער וואָס בייט ניט זיין וואָרט, אַפילו ווען ער האָט געשוואָרען זיך צו אַ רעה; י) וואָס זיין געלד האָט ער ניט אָפּגעגעבען אויף וואָכערס און צינז יא) און קיין שוחד קעגען אומשולדיגע נעמט ער ניט״ (תהלים, קאַפּ. ט״ו).

ישעיה הנביא האָט געבראַכט אַלע מצוות פון דער יהדות צו זעקס; ער זאָגט: „דער וואָס גייהט אין גערעכטע וועגען און רעדט לויט׳ן יושר, דער וואָס פעראַכט דעם געווינס פון רויב, ציהט צוריק זיינע הענד פון שוחד, פערשטאָפּט זיינע אויערן פון צו הערען וועגען בלוטפערגיסונג און פערמאַכט די אויגען, בכדי ניט צו זעהן שלעכטס — דער וועט רוהען הויך, און פעלזען זיינען זיין פעסטונג״ (ישעיה, ל״ג, 15—16).

מיכה הנביא האָט אויסגעדריקט דעם עצם מהות פון דער יהדות אין דריי געבאָטען: „מען האָט דיר געזאָגט, אָ מענש, וואָס איז גוטס און וואָס גאָט פאָדערט פון דיר: בייערט טון גערעכטיגקייט און ליעב האָבען גוטסקייט און גייהן עניוות׳דיג פאַר דיין גאָט״ (מיכה, ו׳, 8).

דער נביא ישעיה II האָט פעסטגעשטעלט אין דער יהדות צוויי עיקרים: „היט אָב גערעכטיגקייט און טוט גוטס״ (ישעיה, נ״ו, 1).

עמוס הנביא און חבקוק הנביא האָבען כולל געווען אַלע מצוות אין איין געבאָט: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט צום הויז ישראל: זוכט מיך — און איהר וועט לעבען״ (עמוס, ה׳ 4); „דער צדיק וועט לעבען דורך זיין גלויבען״ (חבקוק ב׳ 4).

אויף אַזאַ אופן זיינען די יסודות פון דער יהדות: גאָטסדערקענטעניש און זיטליכע השלמה.

צו די סאַמע בעריהמטע דרשנים פון II יאָהרהונדערט האָבען געהערט נאָך ר׳ שמואל בר-נחמני, ר׳ לוי בר-חמא און ר׳ אבא בר-כהנא. די אַגדה פונ׳ם תלמוד און בעזונדערס דער מדרש איז פול מיט זייערע מימרות און דרשות אויף פסוקים פון תנ״ך. פון זייערע קורצע אַפאָריזמען זיינען כדאי צו דערמאָנען פאָלגענדע: „די אויג און דאָס האַרץ — זיינען צוויי מעקלערס פון זינד״; „ס׳איז ניטאָ אַזאַ אומגליק, וואָס טרעפט מיט אַ מענשען, וואָס דער אַנדערער זאָל דערפון ניט אַרויסציהען קיין נוצען״; „דריי אברים דיענען דעם מענשען לויט זיין רצון, און דריי — אָהן זיין רצון; די ערשטע דריי זיינען — דער מויל, די הענד און די פיס; די לעצטע דריי — די אויג, דער אויער און די נאָז״; „די זון גייהט אויף און גייהט אונטער: אַז עס שטאַרבט איין גרויסער מענש, ווערט געבאָרען אויף זיין אָרט אַן אַנדערער״; „כל-זמן אין די שולען און בתי-מדרשים לאָזט זיך הערען יעקב׳ס קול, וועהרען אָן עשו׳ס הענד זייער כח (דאָס איז אַ דרש אויפ׳ן פסוק „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״).

אונטער׳ן נאָמען „עשו״ אָדער „אדום״ פערשטייהען די בעלי-האגדה געוויהנליך די רוימער. דער צאָרן קעגען די רוימער רייסט זיך זייהר אָפט אַרויס אין די דעמאָלטיגע דרשות. „אויב אין מצרים איז געווען חושך, איז אין רוים תהו ובהו״ — זאָגט ר׳ אבא מכח די דעמאָלטיגע מהומות אין דער אימפעריע. „די רוימישע רעגירונג ווייסט נאָר איין זאַך צו פאָדערן: מעסט אָב און גיב (אָבצאָהלונגען)״.

מען קאָן אויך געפינען שטראָף-רייד אויף די אינעוויינינגסטע חסרונות פון אידישען לעבען. די פרומע דרשנים זיינען אויפגעבראַכט דעריבער, וואָס אידישע בחורים, אַפילו צווישען די לערנערס, בעזוכען אָפטמאָלס היידנישע טעאַטערן און צירקען; זיי בעקלאָגען זיך אויך אויף די מוטערס, וואָס ערציהען ניט ווי געהעריג זייערע קינדער.

אין יענער עפּאָכע האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען ויכוחים צווישען אידישע און קריסטליכע געלערנטע. אַזעלכע ויכוחים פלעגען ווערען געפיהרט דער עיקר צווישען די פאָרשטייהער פון דער קירך און צווישען די דרשנים בעלי-האגדה, וואָרום סיי די און סיי יענע האָבען זיך פערנומען מיט אויסטייטשען די פסוקים פון תנ״ך אין אַ רעליגיעז-זיטליכען גייסט. עטליכע צווישען די קירכען-לעהרערס האָבען ספּעציעל שטודירט דעם העברייאישען טעקסט פון תנ״ך, בכדי בעהענטער בעקאַנט צו ווערען מיט יענע פסוקים פון די נביאים, וואָס אויף זיי האָט זיך סומך געווען די קריסטליכע דאָגמע.

דער בעריהמטער קריסטליכער טעאָלאָג אָריגענעס האָט שטודירט דעם תנ״ך אויף העברייאיש, בשעת ער איז געווען אין ארץ-ישראל (אַן ערך צווישען 230—250), ביי הלל׳ן, דעם נשיא׳ס ר׳ יהודה דעם II-טענס ברודער. לייענענדיג דעם אָריגינאַל פון תנ״ך, האָט אָריגענעס אַרויסגעטראָגען די איבערצייגונג

אז די אַלטע גריכישע איבערזעצונג–די „סעפּטואַגינטאַ" איז אין אַסך ערטער פערדאָרבען געוואָרען. דאָס האָט איהם בעוואויגען צונויפצושטעלען אַ „זעקס-פאַכיגע ביבעל" (העקסאַפּלאַ), וואו פאַראַלעל מיט'ן העברייאישען טעקסט און מיט זיין טראַנסקריפּציע דורך גריכישע אותיות זיינען אַוועקגעשטעלט געווען די גריכישע איבערזעצונגען פון דער סעפּטואַגינטאַ, פון עקילס, תיאודוטיון און סומכוס. פונ'ם דאָזיגען ווערק זיינען פערבליבען נאָר קליינע פּרקים.

לעבענדיג אין קיסריא האָט אָריגענעס געהאַט אָפּט די געלעגענהייט צו שמועסען מיט אידישע געלערנטע. צו אַזעלכע שמועסען זיינען שייך די „תשובות המינים" פון ר' שמלאי, ר' אבהו דקיסרין און פון אַנדערע בעלי-אגדה, וואָס זיינען פערבליבען אין תלמוד און מדרש.

די קירכען-געלערנטע, בכדי צו בעווייזען די דאָגמע פון דער דריי-אייניגקייט, פלעגען אָפּטמאָלס זיך סומך זיין דערויף, וואָס אין דער תורה ווערט גאָט אָנגערופען אלהים, און דאָס איז אַ וואָרט, וואָס האָט די ענדונג פון לשון רבים, מעהרצאָהל: „ים". בכדי אָבצופרעגען די דאָזיגע טענה, פלעגט ר' שמלאי אויפצייהלען אַלע פּסוקים פון תנ"ך, וואו עס שטייהט געשריבען דער דאָזיגער שם, און בעווייזען, אַז דער פּרעדיקאַט, דער אויסזאָג פונ'ם זאַץ, ווערט שטענדיג געברויכט אין לשון יחיד, אין איינצאָהל; למשל; „ברא אלהים"–גאָט האָט בעשאַפען און ניט „האָבען בעשאַפען".

בנוגע צו דעם איין איינציגען פּסוק פון דער תורה, וואו גאָט זאָגט: „נעשה אדם בצלמנו בדמותנו"–לאָמיר מאַכען אַ מענשען לויט אונזער געשטאַלט און לויט אונזער גלייכעניש",–האָט דער בעל-האגדה ר' שמואל בר-נחמני געבראַכט פאָלגענדען משל: בשעת משה רבנו האָט געשריבען די תורה און איז געקומען צו דעם דאָזיגען פּסוק, האָט ער געזאָגט צו גאָט: „רבונו של עולם! דורך דעם דאָזיגען פּסוק (וואו עס ווערט געברויכט די פאָרם פון לשון רבים) גיסטו דאָך די מינים אַן אויסרייד צו האַלטען זיך פעסט פאַר זייער טעות!" האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „שרייב, און ווער עס וויל אַ טעות האָבען, דער זאָל האָבען אַ טעות".

מכח די פערשיידענע נעמען פון גאָט, וואָס ווערען געבראַכט אין תנ"ך (אל, אלהים, אדני און אַנדערע) און וואָס מען פלעגט זיי אויסטייטשען, אַזוי ווי עס וואָלט זיך גערעדט פון אַ סך געטער, האָט ר' שמלאי געזאָגט, אַז אפילו דער רוימישער קיסר, להבדיל, האָט פערשיידענע נעמען: קיסר, אווגוסטוס, באַזילעווס וכדומה.

נאָך מיט מעהר פעסטקייט האָט פאָלעמיזירט מיט די „מינים" ר' אבהו פון קיסריא. „אויב אַ מענש וועט דיר זאָגען: איך בין אַ גאָט–גלויב ניט; אויב ער וועט זאָגען: איך בין „אדמ'ס זוהן", וועט ער סוף-כל-סוף חרטה קריגען; אויב ער וועט זאָגען: איך וועל אַרויפפליהען אין הימעל אַרויף–וועט ער דאָס קיינמאָל ניט אויספיהרען". „גאָט איז ניט גלייך צו אַן ערדישען קעניג: ער האָט ניט ניט קיין פאָטער, ניט קיין זוהן, ניט קיין ברודער. דאָס איז דער פשט

פונ׳ם פסוק: „איך בין דער ערשטער, איך בין דער לעצטער, און חוץ מיר איז ניטאָ קיין גאָט״.

אום צובעפעסטיגען די דאָגמע, אַז קריסטוס איז אַרויף אוי׳פן הימעל, פלעגען די מינים אָנווייזען אויף חנוכ׳ן, וואָס וועגען איהם שטייהט געשריבען: „כי לקח אותו אלהים״—גאָט האָט איהם צוגענומען. דערויף האָט ר׳ אבהו געענטפערט מיט פסוקים פון תנ״ך, וואו דער אויסדרוק: „גאָט האָט גענומען״ ווערט געברויכט אינ׳ם זין: גאָט האָט געשיקט אויפ׳ן מענשען דעם טויט.

אזעלכע פרידליכע און פרייע ויכוחים זיינען געווען מעגליך נאָר אינ׳ם III יאָהרהונדערט, בשעת די קריסטען האָבען זיך נאָך געפונען אין דער לאַגע פון אַ גע׳רודפט׳ער סעקטע. אין שפּעטערדיגען יאָהרהונדערט, בשעת דער קריסטענ-טום, אונטער׳ן קיסר קאָנסטאַנטין און זיינע יורשים, איז געוואָרען אַ מלוכה-רעליגיע, האָבען די אידישע און קריסטליכע טעאָלאָגען שוין ניט געקאָנט מעהר זיך מתווכח זיין, ווי גלייכבערעכטיגטע. די קירך האָט זיך אָנגעגורט מיט׳ן רוימישען שווערד, און די אומבעשיצטע אַנדערשגלויביגע האָבען שוין ניט גע-קאָנט אומבעשטראָפטערהייד בעשטרייטען זייגע דאָגמעס.

דריטער קפיטעל.

דער אווטאָנאָמער צענטער אין בבל.

די פּאַרטער און די נײַ-פּערסישע הערשאַפט. — דער ריש-גלותא און די אווטאָנאָמיע פון די קהלות. — רב און שמואל; די אָרגאַניזאַציע פון די ישיבות. — דער צווייטער דור פון די אמוראים אין בבל. — דער דריטער דור פון די אמוראים אין בבל.

די פּאַרטישע און נײַ-פּערסישע ממשלה.

§ 30. דאָס אַלטע לאַנד צווישען פרת און חדקל, די וויג פון דער אָרי-ענטאַלישער ציוויליזאַציע, וואו דער אידישער שבט האָט פאַר בעגינען פון דער געש־כטע געהערט זיינע ערשטע קינדערשע מעשה׳לעך, וואו שפּעטער זיינען די געפאַנגענע פון יהודה געזעסען און געוויינט, זיך דערמאָנענדיג אָן ציון״, — דאָס דאָזיגע לאַנד איז אין III-טען יאָהרהונדערט פון דער קריסטלי-כער צייט געוואָרען דער גרעסטער קולטור-צענטער פון׳ם צעשפּרייטען אידישען פאָלק. העכער זיבען יאָהרהונדערטען זיינען אַוועק זינט יענער צייט, בשעת די אידען זיינען פּערטריבען געוואָרען קיין בבל, האָבען אין כּרוש׳עס צייטען זיך אומגעקעהרט און האָבען איבערגעלאָזט אַ קאָלאָניע פון זייערע פאָלקסברי-דער אין דעם „לאַנד פון געפאַנגענשאַפט״. די דאָזיגע קאָלאָניע איז געוואַקסען און האָט זיך ענטוויקעלט ווייט פון דער טומעלדיגער אַרענע פון דער געשיכ-טע, לפי-ערך ווינציג אָנגעריהרט דורך די גרויסע פּאָליטישע איבערקעהרענישען, וואָס האָבען אומגעביטען דעם פּנים פון אַזיען אין די שפּעטערדיגע יאָהר-הונדערטען.

די אַלט-פּערסישע ממשלה פון די אַכעמענידען איז פערביטען געוואָרען דורך דער גריכיש-סירישער ממשלה פון די סעלעווקידען (אין יאָהר 312 פאַר דער קריסטליכער צייט); די לעצטע האָט אָבגעטראָטען איהר אָרט, דער ממשלה פון די פּאַרטער, — און די אידישע בבל האָט ניט אויפגעהערט זיך צו ענטוויקלען, אָבהיטענדיג מיט אַלע כּחות איהר נאַציאָנאַלע קולטור, ניט איבער-רייסענדיג איהר גייסטיגען צוזאַמענבונד מיט׳ן צענטער אין יהודה. די גריכישע קולטור פון דער עפּאָכע פון די סעלעווקידען האָט איבערגעלאָזען בירושה די אידען פון בבל בלויז די „סעלייקידישע ערא״ (מנין שטרות; II טייל, § 3), וואָס נאָך אין משך פון כּמה יאָהרהונדערטען האָבען זיי זי געברויכט

אַלס אָפיציעלע צייטרעכענונג. ס'איז אויך כדאי צו בעמערקען אָט דעם פאַקט, וואָס סיי יהודה און סיי בבל זיינען כמעט אין איין צייט (אין דער העלפט פונ'ם II-טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס) בעפרייט געוואָרען פון דער ממשלה פון די סעלעווקידען — די ערשטע אַדאַנק די גבורות פון די חשמונאים, די לעצטע — אַדאַנק דעם אָנפאַל פון די פאַרטער און די נצחונות פון זייער קעניג מיטרידאַטעס דעם I-טען.

אונטער דער ממשלה פון די פאַרטישע מלכים פון דער דינאַסטיע אַר־סאַקידען, האָבען די אידען געלעבט זיך רוהיג אין משך פון יענע שטורעמדיגע יאָהרהונדערטען, בשעת אין יהודה זיינען גיך פאַרבייגעלאָפען אויף דער געשיכטליכער אַרענע: די מלוכה פון די חשמונאים, דער רוימישער פּראָטעקטאָראַט, די הערשאַפט פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, די צעשטערונג פון דער אידישער מלוכה און חורבן-ירושלים, בר-כוכבא'ס אויפשטאַנד און די נייע מפלה פון דער נאַציע. בשעת ס'איז געפאַלען די מלוכה פון די חשמונאים, האָבען די אידען אין בבל געהאַט ביי זיך אַ חשוב'ען אורח פון יהודה: דעם אומגליקליכען קעניג-כהן-גדול הורקנוס דעם II-טען, וואָס די פאַרטער האָבען איהם געהאַט אוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט; אין הורדוס דעם I-טענס צייטען האָבען זיי געגעבען דער מעטראָפּאָליע איין כהן-גדול (חננאל) און דעם גרויסען תנא הלל'ן, דעם רעפאָרמאַטאָר פון דער תורה שבעל-פה (II-טער טייל, §§ 79, 64, 60).

פופציג יאָהר פאַר'ן פאַלען פון ירושלים האָט פאַרטיען אויסגעטיילט פון זיך אַ קליינע אָבהייניגע מלוכה הדייב (אַדיאַבענע), וואָס איהרע מלכים האָבען אָנגענומען דעם אידישען גלויבען (II טייל, § 146). אַן ערך אין דער זעלביגער צייט איז די געגענד פון נהרדעא, וואָס איז געווען בעזעצט פון אידען, געוואָרען אַ מיטעלפונקט פאַר אידישע קריגערישע באַנדעס אונטער דער אָנפיהרונג פון צוויי ברידער — אַנילאַי און אַזינאַי, וואָס האָבען אין משך פון פופצעהן יאָהר בעאומרוהיגט די אַרומיגע בעפעלקערונג און די פאַרטישע רעגירונג (יוסיפוס פלאַוויוס אין קדמוניות היהודים, ספר 13, קאַפּיטעל 9). צולעצט, בשעת טריינוס'עס קריגסצוג, זיינען די אידען פון בבל געקומען אין אַ צוזאַמענשטויסונג מיט די רוימער; זיי האָבען געהאָלפען זייערע פאַרטישע מיטבירגער צוריקשלאָגען דעם אָנפאַל פונ'ם וועלטרויבער, און אין די הערצער פון זייערע פאָלקסברידער אין יהודה האָבען זיי אָנגעצונדען אַ בעגייסטערונג פאַר דער פרייהייט, וואָס האָט געגעבען דעם ערשטען שטופ דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין הדריינוס'עס צייטען (אויבען, § 13—14).

בר-כוכבא'ס מפלה און הדריינוס'עס רדיפות האָבען אַריבערגעצויגען פון יהודה קיין בבל אַ נייעם שטראָם עמיגראַנטען, וואָס אַ סך פון זיי האָבען געהערט צו די געבילדעטע, פיהרענדע קלאַסען פון דער אידישער געזעלשאַפט. דאָס האָט אַריינגעטראָגען אַ פרישען לעבענס-שטרום אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון די אידען אין בבל און האָט זיי אַפילו געגעבען די דרייסטקייט צו חלומ'ען וועגען אונאָבהייניגקייט פון דער פאַלעסטינישער נאַציאָנאַלער הע-

געמאַניע. חנניה'ס פּרוב צו גרינדען אַ בעזונדערן סנהדרין פאַר בבל אין נהר-פּקוד האָט זיך ניט איינגעגעבען (§ 19), נאָר עס איז שוין געווען קלאָר, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט די אידישע בבל בעשאַפען איהר אונאָבהייגיגען נאַציאָנאַל-גייסטיגען צענטער.

אין דער עפּאָכע פון רבי יהודה הנשיא און דער חתימת המשנה (אין יאָהר 200) פלעגט בבל שיקען גאַנצע מאַסען אידישע יונגע לייט, וואָס האָבען געלערנט תורה אין די דאָרטיגע ישיבות און דערנאָך זיינען זיי געקומען צוריק אַהיים, אָנגעלאָדען מיט אַ סך ידיעות און געניטקייט בנוגע צו דער געזעלשאַפטליכער זעלבסטפערוואַלטונג.

די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין דער מלוכה פון די פּאַרטער האָט געגעבען זיי די מעגליכקייט זיך פריי צו ענטוויקלען אין געזעלשאַפטליכען און עקאָנאָמישען געביט און צו געניסען אַ ברייטע זעלבסטפערוואַלטונג. די פרייהייטס-ליעבענדע פּאַרטער, די קריגערישע געגנער פון די רוימער אין די מזרח-לענדער, האָבען זיך בכלל בעצויגען טאָלעראַנט צו די אונטערטעניגע פעלקער, און זייער צונויפגעמישטע האַלב-פּערסישע, האַלב-גריכישע קולטור האָט אַודאי ניט געקאָנט ווירקען צעשטערענד אויף דער גאַנצער איינהייטליכער נאַציאָנאַלער קולטור פון די אידען, וואָס האָבען געלעבט אין לאַנד אין געדיכטע מאַסען. די בעפעלקערונג פון עטליכע באַבילאָנישע שטעדט איז בעשטאַנען דער עיקר פון אידען, וואָס האָבען זיך געפיהלט דאָרט, ווי תושבים און ניט ווי גרים. די שטאָדט נהרדעא, ביים טייך פּרת, איז געווען בעוואוינט כמעט אויסשליסליך פון אידען און האָט אַ לאַנגע צייט געשפּיעלט די ראָל פון אַ „ירושלים דבבל". בשעת דער בית-המקדש איז נאָך געשטאַנען, האָט זיך דאָרט געפונען די קאַסע וואו עס פלעגען זיך צונויפקלייבען אַלע נדבות פון די בבליים לטובת דעם בית-המקדש. ניט ווייט פון נהרדעא, ביים פּרת, זיינען געלעגען צוויי שטעדט: פומבדיתא און סורא (מתא מחסיא), וואו עס האָבען זיך אויך געפונען אַלטע אידישע קהלות. די נאָהענטסטע שטאָדט צו דער פּאַרטישער הויפּט-שטאָדט קטעסיפאָן — מחוזא, ביים טייך חדקל, איז אויך געווען איבערפולט פון אידען.

חוץ די דאָזיגע פיער הויפּט-קהלות, האָבען די אידען געוואוינט אין גרויסע מאַסען אויך אין אַנדערע באַבילאָנישע שטעדט און דערפער. אין דער מלוכה-קאַסע פלעגען זיי אריינטראָגען קאָפּ-שטייער און ערד-שטייער (כרגא און טסקא) — און דאָס זיינען געווען כמעט די איינציגע אַלגעמיין-בירגערליכע התחייבות'ען. אויף אַלע איבעריגע געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע הצטרכות'ען האָבען זיי געהאַט זייערע אַוטאָנאָמע אָנשטאַלטען, אַדמיניסטראַטיווע, געריכטליכע און מוניציפּאַלע, און אויך זייער אייגענעם פּאַרשטייהער — דעם „ריש-גלותא" (זעה ווייטער, § 31).

אין דער צייט, וואָס די אידען אין בבל האָבען דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה פון וואוילשטאַנד און פון סאָציאַלער אונאָבהייגיגקייט, איז פאָרגעקומען

א פּאָליטישער קריזיס, וואָס איז עלול געווען בעדייטענד צו פערערגערן זייער מצב. נאָך א ממשלה פון פיער יאָהרהונדערטען איז די פּארטישע דינאַסטיע אַרסאַקידען געפאַלען. די איינגעבאָרענע פערסער, וואָס האָבען זיך פערהאַלטען פיינדליך צו דער דאָזיגער פרעמדער דינאַסטיע און האָבען גע'חלומ'ט וועגען אויפריכטונג פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור, האָבען מורד געווען קעגען דעם קעניג אַרטאַבאַנעס דער IV-טער. דער אָנפיהרער פון די מורדים איז געווען א מיטגליד פון דער אַלט-פערסישער משפחה סאַסאַנידען, מיט'ן נאָמען אַרדאַשיר (אַרטאַקסערקסעס). ער האָט איינגענומען די געביטען פון דער אייגענטליכער פערסיען, און דערנאָך בבל און די איבעריגע לענדער פון די פּארטער, האָט דער'הרג'עט דעם קעניג אַרטאַבאַנעס (אין יאָהר 226) און האָט אָנגענומען דעם טיטעל: „מלך פון די מלכים פון איראַן, אַן אָבשפּראָצונג פון דער הימלישער משפחה, פערעהרער פון הורמיז".

אויף אַזאַ אופן איז אויף די חורבות פון דער פּארטישער מלוכה געגרינדעט געוואָרען די ניי-פערסישע, אונטער דער ממשלה פון די סאַסאַנידען. אַרדאַשיר האָט געשטרעבט צו בריינגען די מלוכה פון פרס צוריק צו דער גרויסקייט, וואָס זי האָט געהאַט אין די צייטען פון כורש און דריוש און ווידער אויפצוריכטען די הערשאַפט פון דער אַלט-פערסישער רעליגיע פון זאָראָאַסטער. די גלחים אָדער „מאַגיער" (אמגושים) האָבען בעקומען אַן אומגעהייערן איינפלוס אויף די מלוכה-ענינים. דער איינפלוס פון דער גייסטליכקייט האָט, ווי דאָס קומט פאָר שטענדיג, זיך אָבגערופען צום שלעכטען אויף דער לאַגע פון די אַנדערשגלויביגע. די פאַנאַטישע פערסישע גלחים, די קנאים פאַר'ן פייער-דיענסט, האָבען אויפגעהויבען רדיפות קעגען די גריכען, וואָס האָבען געדיענט צו צויס, קעגען די קריסטען און צום טייל אויך קעגען די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין בבל. אַזוי, למשל, האָבען די אידען ניט געטאָרט אָנצינדען קיין פייער אין זייערע הייזער אין די טעג פון די פערסישע חגאות, בשעת מען פלעגט דיענען דעם גאָט פון ליכט הורמיז'ן (אָרמוזד), און אין די געצענהייזער האָט מען אונטערגעהאַלטען דעם הייליגען פייער. ביי די אידישע דיינים האָט מען אָבגענומען דאָס רעכט צו פסק'ען דיני נפשות; מען האָט אויפגעהערט צוצולאָזען אידען צו עהרען-שטעלעס אין דער געזעלשאַפט.

נאָר די דאָזיגע אונטערדריקונגען האָבען אין גיכען אויפגעהערט. די אידען האָבען שוין בעוויזען צו-פיעל איינצוואָרצלען זיך אין בבל, וואו זיי האָבען געבילדעט די הויפּט-מאַסע פון דער בעפעלקערונג, — אַז מען זאָל קאָנען קעמפען קעגען זיי דורך אַדמיניסטראַטיווע רעפּרעסיעס. צו-ביסלעכוויז האָט דער פאַנאַטיזם פון די ניי-פערסער נאָכגעלאָזען, און די אידען פון זייער זייט האָבען זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער אָרדענונג. דער צווייטער קעניג פון דער ניי-פערסישער דינאַסטיע שאַפּור I-טער (שבור מלכא, 241—272) האָט זיך פערהאַלטען צו די אידען מיט מעהר יושר. דער דאָזיגער קעניג האָט זיך גוט בעצויגען צום אמורא שמואל פון נהרדעא, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט-פאָרשטייהער פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג אין בבל.

די אידען האָבען זיך בערוהיגט פון די אינעווייניגסטע סכסוכים. זיי איז אָבער דערפאַר בעשערט געווען אויסצושטייהן אין יענער צייט די פורעניות פון אַ לאַנג-דויערנדיגער מלחמה. שבור I האָט ווייטער געפיהרט די אַלטע מלחמה מיט די רוימער פאַר מעסאָפּאָטאַמיען און אַרמעניען און האָט לכתחילה אָבגעהאַלטען גלענצענדע נצחונות איבער זיינע געגנער; אויף אַ געוויסער צייט האָט ער געהאַט אַפילו איינגענומען אַנטיוכיא און גענומען געפאַנגען דעם רוי-מישען קייזער וואַלעריאַנוס'ן. אין קאַפּאַדאָקיען (קפוטקיא) האָט שבור בעגעגענט אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד מצד דער אָרטיגער אידישער בעפעלקערונג, און 12 000 אידען האָבען בעצאָהלט מיט זייער לעבען, בשעת די פערסער האָבען איינגענומען די דאָזיגע רוימישע פראָווינץ.

די רוימער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון אומגליק אָ ד י נ ת, אַן אָנפיהרער פון'ם קריגערישען סירישען שבט, וואָס האָט געוואוינט אין'ם אָאַזיס פּ אַ ל מ י ר אַ (תדמור), צווישען דמשק און חדקל. אָדינת איז געווען אַ פערבינדעטער פון די רוימער און האָט בעקומען פון זיי דעם טיטעל „קאָנסול און קאָמאַנדיר פון די מזרח-לענדער"; ער איז אַרויסגעטראָטען קעגען די ניי-פערסער, וואָס האָבען פערפלייצט סיריען, און האָט זיי פערטריבען אויף יענער זייט פרת. אדאַנק דעם דאָזיגען נצחון איז ער געוואָרען אַן אונאָבהייניגער קעניג פון פּאַלמיראַ, און בראש פון זיין חיל האָט ער אָנגעהויבען מאַכען אָנפאַלען אויף די שכני'שע פערסישע פראָווינצען. ער איז אַריינגעדרונגען אין בבל, האָט איינגענומען און חרוב געמאַכט די שטאָדט נהרדעא (259). די צענטראַלע אידישע קהלה פון בבל איז אינגאַנצען חרוב געוואָרען; די אמוראים און ישיבה-לייט זיינען אַנטלאָפען געוואָרען; אין אַנדערעשטעדט, דער עיקר קיין מחוזא און פומבדיתא.

נאָך אָדינת'ס איבערגעוואַלדיגען טויט (267) האָט איבער פּאַלמיראַ רעגירט זיין קלוגע פרוי זענאָביאַ, וואָס האָט פערוואַנדעלט איהר הויפּט-שטאָדט אין אַ נייער אַטען, דורכדעם וואָס זי האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט פילאָסאָפען, גע-לערנטע און קינסטלער. די געצענדיענערין זענאָביאַ האָט זיך פערהאַלטען מיט גלייכער סבלנות סיי צו קריסטען און סיי צו אידען, נאָר די לעצטע זיינען עפּיס ניט געווען צופרידען מיט דער „מלכות-תדמור" און האָבען, אַפּנים, זיך ווינציג וואָס מצער געווען, אַז אין עטליכע יאָהר אַרום איז די דאָזיגע מלוכה אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די רוימער און די שטאָלצע זענאָביאַ איז אין קייטען אַוועקגעפיהרט געוואָרען קיין רוים.

דער קעניג ש ב ו ר II (309–379) האָט ווידער אויפגעריכט די מאַכט פון די פערסער אין די מזרח-לענדער, דורכדעם וואָס ער האָט צוריק אָבגענומען ביי די רוימער די בעשטריטענע טיילען פון מעסאָפּאָטאַמיען און אַרמעניען. ער האָט גע'רודפ'ט די קריסטען אין די דאָזיגע פראָווינצען און האָט זיך, אַפּנים, פערהאַלטען אומפריינדליך אויך צו די אידען פון בבל. נאָר זיין מוטער, די קעניגין איפרא-הורמיז, האָט די אידען געשיצט.

נאָר וואָסערע עס זאָלען ניט געווען זיין די פערזענליכע בעציהונגען פון

די אָדער יענע רעגירער צו די אידען, — האָט דאָס אַלץ ניט געקאָנט אונטער-גראָבען יענע פעסטע יסודות, וואָס אויף זיי האָט גערוהט די אידישע זעלבסט-פערוואַלטונג אין בבל. די קאָמפּאַקטע מאַסען פון די אידען, וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט אין פערשיידענע שטעדט און האָבען דאָרט געבילדעט די הער-שענדע בעפעלקערונג, האָבען יורידיש אָדער פּאַקטיש געהאַט אַן אינעווייניגסטע אַויטאָנאָמיע, — און דער פּערסישער רעגירונג איז אויסגעקומען זיך צופרידען צו שטעלען מיט׳ן דאָזיגען הייליגען רעכט פון אַ פאָלק, וואָס האָט געשפּיעלט אַזאַ בעדייטענדע ראָל אין סאָציאַל-עקאָנאָמישען לעבען פון דער מלוכה.

דער ריש-גלותא און די אווטאָנאָמיע פון די קהלות.

§ 31. בראש פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג אין בבל איז גע-שטאַנען אַן אָפיציעלע פּערזאָן, וואָס האָט געטראָגען דעם טיטעל: **ריש גלותא**, דאָס הייסט, דער אָנפיהרער פון די פערטריבענע; די אייראָפּייער רופען איהם אַן **עקזילאַרך**. אויפגעקומען איז דער דאָזיגער פּאָסטען שוין אין דער צייט, ווען דער צווייטער בית-המקדש איז נאָך געשטאַנען. אַן אַלטע טראַדיציע, וואָס איז פערבליבען אין די אידישע כראָניקעס, דערציילט, אַז זינט גלות-בבל האָבען די אידען, וואָס זיינען געבליבען אין בבל, געהאַט אָנפיהרער, וואָס האָבען אָבגעשטאַמט פון בית-דוד — דאָס זיינען געווען די אוראייניקלעך פון׳ם אידישען קעניג יהויכין, וואָס נבוכדנצר האָט איהם געהאַט אַוועקגעפיהרט אין געפאַנגענ-שאַפט, און פון זיין אייניקעל זרבבל. היות ווי די אידען פון בבל האָבען נאָך אַ לאַנגע צייט געטראָגען זייער אַלטען נאָמען „בני הגולה”, דאָס הייסט, די זיהן פון דער געפאַנגענשאַפט, בכן האָט מען זייער אָנפיהרער אָנגערופען „ראש הגולה” אָדער אויפ׳ן אַרמ׳ישען דיאַלעקט: „ריש-גלותא”.

מען קאָן אַודאי מסופק זיין, ווי ווייט ס׳זיינען אמת די פּרטים, וואָס די טראַדיציע דערציילט וועגען אַ כסדר׳דיגער שורה פון רישי-גלותא פון יהויכינ׳ס און זרבבל׳ס משפחה, וואָס האָבען פערוואַלטעט איבער די קהלות אין בבל פאַר׳ן גאַנצען משך צייט פון דער אַלט-פּערסישער און פּאַרטישער אויבערהער-שאַפט; נאָר צוויי פּונקטען האָבען בלי-ספק אַ היסטאָרישען יסוד: 1) אַז רישי-גלותא זיינען געווען אַ סך פריהער פאַר׳ן III-טען יאָהרהונדערט פון דער קריסט-ליכער צייט, הגם ערשט דעמאָלט ווייס די געשיכטע וועגען זייער בעשטימטער בעזונדערער טעטיגקייט, און 2) אַז דער טיטעל „ריש-גלותא” איז איבער-געגאַנגען בירושה אין איין משפחה, וואָס האָט געפיהרט איהר יחוס פון מלכות בית-דוד.

אינ׳ם פּעריאָד פון בית שני, בשעת דאָס לעבען פון די אידען פון בבל איז געבליבען אין שאָטען, אויסערהאַלב דעם קאָנטראָל פון די כראָניקען-שרייבערס, האָט גאָרנישט ניט געקאָנט זיין בעוואוסט וועגען דער טעטיגקייט פון זייערע אָנפיהרער—דאָס איז די פּאָרהיסטאָרישע צייט פון די רישי-גלותא. די טונקעלע

צייט ציהט זיך נאָך ביז בר-כּוכבא'ס אויפשטאַנד, בשעת עס זיינען לעבעדיגער געוואָרען די בעציהונגען צווישען בבל און יהודה, און די אידישע קהלות אויף יענער זייט טייך פּרת זיינען אַרויסגעשוואוּמען פון דער היסטאָרישער פינסטערניש. דאָ הויבען אָן אַרויסצוטרעטען די אומדייטליכע סילועטען פון די רישי-גלותא, אַלס שרים, וואָס פאַרנעמען צווישען די אידען אין בבל אַזאַ אָרט ווי די נשיאים אין ארץ-ישראל. בשעת חנניה, וואָס איז אַראָבגעקומען פון יהודה, האָט געוואָלט גרינדען אַן אונאָבהייניגיגען סנהדרין אין בבל, האָט ער געהאַט אויף זיין צד אַ געוויסען שר אחיה אָדער נחוניה, וואָס איז, אַפּנים, געווען אַ ריש-גלותא. אין דער זעלביגער צייט האָט זיך קיין ארץ-ישראל אַריבערגעקליבען אַ תנא ר' נתן, וואָס האָט געהערט צו דער משפּחה פונ'ם ריש-גלותא אין בבל, און האָט פאַרנומען דעם אָרט פון אַ געהילף ביים נשיא אין ארץ-ישראל, רבן שמעון בן-גמליאל דער II-טער (§ 19). אין רבי יהודה הנשיא'ס צייט איז געווען בעריהמט דער ריש-גלותא פון בבל מר הונא, וואָס זיין אָרון האָט מען אַריבער-געפיהרט קיין ארץ-ישראל, בכדי איהם דאָרט מקבר צו זיין (§ 22).

זינט יענער צייט הויבט זיך אָן דער היסטאָרישער פּעריאָד פאַר די רישי-גלותא. מיר ווייסען ניט אַלע מאָל גענוי דעם כראָנאָלאָגישען סדר, אין וועלכען זיי האָבען געלעבט, נאָר מיר זעהען אומעטום סימנים פון זייער טעטיגקייט, וואָס איז אָפטמאָלס געקומען אין בעריהרונג מיט דער טעטיגקייט פון די גרויסע אמוראים, וואָס זייערע נעמען זיינען פאַראייביגט אין תלמוד.

דער פּאָסטען פון אַ ריש-גלותא אין בבל איז צום טייל גלייך געווען צום פּאָסטען פונ'ם נשיא אין ארץ-ישראל, נאָר ער האָט זיך אָבגעשיידט פון איהם דורך דער גרעסערער ברייטקייט און זעלבשטענדיגקייט פון דער מאַכט און דורך איהר מעהר וועלטליכען, פּאָליטישען כּאַראַקטער. אין פּערסיען האָט איטליכע פּראָווינץ געהאַט איהר סאַטראַפּ, און דער ריש-גלותא איז געווען אַ מין סאַטראַפּ איבער'ן אידישען פאָלק, וואָס האָט געבילדעט דעם גרונד-קערן פון דער בעפעלקערונג אין די הויפּט-ראַיאָנען פון דער באַבילאָנישער פּראָווינץ. נאָר דאָס איז געווען אַ סאַטראַפּיע, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צום זוהן: די רעגירונג האָט ניט בעשטימט איהרע מענשען, זי האָט מעהר ניט בעשטעטיגט די ממשלה פון די רישי-גלותא און די ירושה, בשעת זי פלעגט איבערגייהן פון אַלטען ריש גלותא צום נייעם.

דער ריש-גלותא האָט לויט זיין גראַד געהערט צו די ערשטע שרים פון דער מלוכה און האָט געטראָגען בעזונדערע קליידער: אַ זיידענעם אויבער-בגד מיט אַ גאָלדענעם גאַרטעל. צייטענווייז פלעגט ער זיך פאָרשטעלען דעם קעניג אין פייערליכע אודיענציעס. אין דער שפּעטערדיגער צייט האָבען די רישי-גלותא געלעבט גרויסאַרטיג, ווי די פירשטען, זיי האָבען געהאַט זייער „הויף", אַן עהרען-סוויטע, אַ סך משרתים און פלעגען אַרויספאָהרען אין גרויסאַרטיגע קאַראָטען. די הכנסות פון די רישי-גלותא האָבען זיך געבילדעט, משמעות, פון בעזונדערע אבצאָהלונגען, אין געלד און נאַטור-פּראָדוקטען, וואָס מען פלעגט זיי אויפמאָנען ביי די אידישע קהלות פון בבל. אין עפענטליכע פערזאַמלונגען

פלעגט מען דעם ריש-גלותא אָפּגעבען כּבוד, ווי עס פּאַסט פאַר זיין גראַד. ביים לייענען די תּורה אין די שולען פלעגט מען איהם אונטערטראָגען די ספר-תּורה אויף זיין אָרט, אַנדערע מענשען אָבער פלעגט מען „אופירופען" אויף דער במה.

די פונקציעס פונ'ם ריש-גלותא זיינען געווען זעהר ברייטע. דער ריש-גלותא האָט זיך גערעכענט פאַר'ן העכסטען דיין אין דיני ממונות און אין דיני נפשות פאַר אַלע אידען פון בבל. די וויכטיגסטע פּראָצעסען פלעגט ער אַליין פונאַנדערקלייבען, אויף בעהאַנדלען געוויהנליכע ענינים פלעגט ער בעשטימען דיינים אין פערשיידענע ערטער. ער איז אויך געווען דער אידישער הויפּט-אַדמיניסטראַטאָר: ער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער אָרדענונג אין די שטעדט, וואָס זיינען געווען בעוואוינט פון אידען, ער האָט געגעבען השגחה אַז מען זאָל עהרליך האַנדלען, אַז די מאָס און וואָג זאָלען ריכטיגע, זיין. צוליעב דעם פלעגט ער בעשטימען בעזונדערע האַנדעלס-משגיחים (אין תּלמוד ווערען זיי אַנגערופען אגרונומוס — ד. ה. אויפזעהער איבערן מארק-פּלאַץ). דער ריש-גלותא האָט געהאַט דאָס רעכט צו בעשטראָפען לויט זיין אַיינזעהן אַלע די, וואָס האָבען איהם ניט געפאָלגט, און ווען דאָס איז נויטיג געווען, למשל, ביים אויפמאָהנען די אָבצאָהלונגען לטובת דער מלוכה-קאַסע, האָט ער געקאָנט גע-ברויכען צוואַנגס-מיטלען. ס'איז קיין ספק ניט, אַז האָבענדיג אַזאַ ברייטע מאַכט האָט דער ריש-גלותא געקאָנט אָפטמאָל טיילמאָל עוולות. מען פלעגט טאַקע טייל-מאָלס בעשולדיגען די רישי-גלותא און זייערע משרתים דערין, אַז זיי נעמען זיך צו-פיעל רעכט, איידער וויפיעל עס קומט זיי, אַז זיי אונטערדריקען דאָס פאָלק און זיינען מבזה תּלמידי-חכמים. אַ טייל פון די רישי-גלותא האָט מען גע-האַלטען פאַר ניט גענוג גרויסע לומדים אָדער אַפילו פאַר גאַנצע עמי-הארצים. נאָר ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס פונקט אַזוי ווי די ארץ-ישראל'דיגע נשיאים, האָבען זיי בנוגע צו למדות געקאָנט בעשטייהן אַנטקעגען די ראשי-ישיבות. צו זיי געהערען עטליכע רישי-גלותא פון III-טען און IV-טען יאָהרהונדערט, יורשים פונ'ם אויבען דערמאָנטען מר הונא, וואָס האָבען געטראָגען די פאַמי-ליען-נעמען מר עוקבא און מר הונא. זיי האָבען געלעבט אין פריינדשאַפט מיט די גרויסע אמוראים פון יענער תּקופה, און מיט זייער הילף האָבען זיי פער-בּרייטערט די אַווטאָנאָמיע פון די אידישע קהלות, פונקט ווי די ארץ-ישראל'דיגע נשיאים און אַמוראים האָבען עס געטאָן ביי זיך. נאָר אין בבל, אונטער דער ממשלה פון די פּאַרטער און ניי-פּערסער, האָט די דאָזיגע אַווטאָנאָמיע געהאַט גינסטיגערע בעדינגונגען פאַר איהר ענטוויקלונג, וואָרום די צענטראַלע מלוכה-מאַכט האָט זיך דאָ נאָך ווינציגער אריינגעמישט אינ'ם אינעווייניגסטען לעבען פון די פּראָווינצען, איידער דאָס איז געווען אין דער רוימישער אימפּעריע. דערפאַר האָט זיך טאַקע דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען און די גייסטיגע טעטיג-קייט אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט ביי די אידען פון בבל, און זיי זיינען פון איצט אַן אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויפן ערשטען פלאַץ פון דער געשיכטע. אַזוי איז צוגעגרייט געוואָרען זייער נאַציאָנאַלע העגעמאָניע פאַר דער צוקונפט.

§ 32. רב און שמואל. די אָרגאַניזאַציע פון די ישיבות.

צוויי מענשען האָבען אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דער ברייטער ענטוויקלונג פון דער תלמוד׳ישער וויסענשפט און פונ׳ם למוד אין די ישיבות אין בבל. דאָס זיינען געווען אבא אריכא (אָדער רב) און שמואל בר אבא. געבירטיגע פון בבל, מענשען מיט גרויסע כשרונות, האָבען זיי יונגערהייד ניט געקאָנט שטילען זייער דאָרשט נאָך וויסענשאַפט ביי זיך אין דערהיים, וואו ס׳זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען ניט קיין גרויסע ישיבות, ניט קיין גרויסע רביים. פונקט ווי אַנדערע זייערע לאַנדס-לייט, זיינען זיי אַוועק קיין ארץ-ישראל און זיינען געקומען אַהין אין יענער צייט, בשעת רבי יהודה הנשיא האָט זיך פערנומען מיט צונויפשטעלען די משנה, און אין די ישיבות פון צפורי און טבריא האָט געקאָכט די גייסטיגע טעטיגקייט. רב און שמואל זיינען געוואָרען תלמידים ביי רבי יהודה הנשיא, און אין גיכען האָבען זיי פערנומען אַ חשוב׳ן אָרט צווישען די יונגע ישיבה-לייט. בעזונדערס האָט זיך רב אויסגעצייכענט דורך זיין חריפות. ביים אַרומקלערען האַרבע שאלות פון דער געזעצגעבונג פלעגט ער אָפטמאָלס מחולק זיין מיט רבי יהודה הנשיא אַליין.

היות ווי רב און שמואל זיינען געווען דערביי, בשעת די משנה איז געוואָרען צונויפגעשטעלט, — און אפשר טאַקע האָבען זיי אַליין גענומען אַן אָנטייל אין דער אַרבייט, דעריבער האָבען זיי געהאַט די מעגליכקייט זיך צו פערטיפען אין אַלע סודות פון דער תורה שבעל-פה. בעלאָדען מיט אַ סך וויסענשאַפט האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צו זיך אַהיים, דורכגעדרונגען מיט׳ן הייסען פערלאַנג איינצופלאַנצען אין בבל דאָס, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערעכענט פאַר אמת׳ער בילדונג (אַן ערך אין יאָהר 210).

רב האָט פערנומען די ערשטע צייט די שטעל פון אַ „מתורגמן” אין דער ישיבה פון נהרדעא, וואו דער ראש ישיבה (ריש-סידרא) איז געווען רבי שילא. דער מתורגמן האָט בעדאַרפט איבערחזר׳ן די שיעורים פונ׳ם ראש ישיבה. נאָר רב איז געווען אַ פיעל גרעסערער למדן פאַר׳ן ראש-ישיבה, און ס׳איז שוין פון פריהער געווען בעשטימט, אַז נאָך זיין טויט, וועט רב פערנעמען זיין אָרט. נאָר רב האָט זיך אָבגעזאָגט פונ׳ם דאָזיגען כבוד, וואָרום די שטעל פון ראש-ישיבה אין נהרדעא האָט זיך גערעכענט פאַר דעם בכבוד׳סטען פאָסטען אין בבל. ער האָט אָבגעטראָטען דעם אָרט שמואלן, וועלכער איז אַליין געווען אַ געבירטיגער פון נהרדעא, און האָט דערפאַר געהאַט מעהר רעכט אויף דער דאָזיגער שטעל. רב ווידער האָט, לויט׳ן פאָרשלאָג פונ׳ם דעמאָלטיגען ריש-גלותא, אָנגענומען די שטעל פון אַן „אַגרנומוס”, דאָס הייסט אויפזעהער איבער׳ן האַנדעל, וואָס אויף איהם איז געלעגען אַכטונג צו געבען אויף דער ריכטיגקייט פון די וואָגען און מאָסען און אויפצופאַסען, אַז די הענדלערס זאָלען ניט איבערנעמען אויפן מקח פאַר די נויטיגסטע לעבענס-פראָדוקטען. אויף דער דאָזיגער שטעל, וואָס האָט ווינציג געפאַסט פאַר אַ גרויסען למדן, האָט רב אָפטמאָלס געהאַט אויסצושטייהן אונאָנגענעמענע סכסוכים מיט׳ן ריש-גלותא. דער לעצטער האָט

אפילו איינמאָל אַריינגעזעצט אין תּפיסה זיין אַגרנומוס דערפאַר, וואָס ער האָט ניט ווי געהעריג אָבגעהיט זיין דיענסט. נאָר די דאָזיגע דיענסט האָט רבֿ׳ן געבראַכט אויך אַ גרויסען נוצען. היות ווי איהם איז אויסגעקומען אומצופאָהרען איבער דער מדינה און זיך צו בעגעגענען מיט פערשיידענע מענשען, האָט ער געהאַט די מעגליכקייט זיך צוצוקוקען צו די מנהגים און דעם אַרט לעבען פון דער פאָלקס-מאַסע. דאָס, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו זעהן, האָט פאָרגע-שטעלט זייהר אַ טרויעריג בילד: אין אַ סך ערטער איז דער פּראָסטער המון גע-ווען שטאַרק פערגרעבט און עם-הארציש און האָט ניט אָבגעהיט אַ סך רעליגיעזע דינים. פיעל האָבען ניט געוואוסט די דינים פון כשר און טריף, און האָבען דעריבער געגעסען טרפות. אין איין שטאָדט האָט רבֿ געהערט, ווי איין אידינע פרעגט ביי איהר חבר׳טע, וויפיעל מילך בעדאַרף מען אַריינגיסען אין טאָפּ אויף אַזאַ און אַזאַ פאָרציע פלייש. ס׳איז מעגליך, אַז אין דער צייט, בשעת ער איז געווען אין געזעלשאַפטליכען דיענסט, האָט רבֿ געהאַט די געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט׳ן לעצטען פּאַרטישען קעניג אַרטאַבאַן II, וועלכער האָט, לויט ווי די טראַדיציע דערצייהלט, זייהר געאַכט דעם אידישען געלערנטען און האָט איהם איינמאָל געשיקט אַ ווערטפולע מתנה. רבֿ האָט געגאָסען דעם שוץ פונ׳ם דאָזיגען קעניג ביז יענעמס טויט. אַז רבֿ איז געוואָר געוואָרען וועגען דעם, אַז אַרטאַבאַן איז געשטאָרבען אין דער מלחמה קעגען די אויפגעשטאַנענע פּערסער, האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען און האָט אויסגערופען: „דער בונד איז צע-ריסען געוואָרען!״ ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט נאָכ׳ן פאַלען פון דער פּאַרטישער דינאַסטיע ערגער ווערען דער מעמד פון די אידען. און לכתּחילה האָט טאַקע אַזוי אויסגעוויזען, וואָרום אין דער צייט פון דעם ערשטען מושל פון דער פּערסישער דינאַסטיע, אַרדשיר, האָבען די מאַגען אויפגעהויבען רדיפות קעגען אידען.

נאָכדעם ווי רבֿ האָט אויף אַזאַ אופן דורכגעמאַכט אי די שול פון דער תּורה אין די האַרטע שול פון לעבען, האָט ער סוף-כּל-סוף געפונען זיין ריכ-טיגען וועג: ער האָט זיך איינגאַנצען אָבגעגעבען מיט פערפלאַנצען די תּלמודישע בילדונג ביי זיך אין דערהיים. אין דער שטאָדט סורא האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה לויטן מוסטער פון די ישיבות אין ארץ ישראל (אין יאָהר 219). די דאָזיגע ישיבה (ארמיש מתיבתא, אויך סידרא) האָט אין גיכען צוגעצויגען אַזאַ מאַסע תּלמידים פון בבל און פון אַנדערע לענדער, אַז אינ׳ם הויז פון דער ישיבה האָט פערפעהלט אָרט, און מ׳האָט געמוזט נאָך צונעמען דערצו דעם גרויסען גאָרטען ביים הויז, וואָס האָט געהערט צו רבֿ׳ן. היות ווי רבֿ איז געווען אַ מענש מיט אַ גאַנץ גרויסען פערמעגען, דעריבער האָט ער אויפ׳ן אייגענעם חשבון אויסגעהאַלטען אַ סך תּלמידים. בכדי צו געבען די מעגליכקייט צו לער-נען אויך פאַר מענשען, וואָס זיינען פערנומען מיט זייערע עסקים, און קאָנען דעריבער ניט קומען אַלע טאָג אין דער ישיבה לערנען, — זיינען געמאַכט גע-וואָרען צוויי מאָל אין יאָהר, אין חודש אדר און אין חודש אלול, גרויסע פערזאַמלונגען, וואָס זיינען בעוואוסט אונטערן נאָמען כּלה. אויף די דאָזיגע

פערזאַמלונגען פלעגען נעמען אָן אָנטייל, חוץ די שטענדיגע תלמידים פון די ישיבות, אויך אַ סך זייטיגע צוהערער, און מ'פלעגט איבער'חזרן בקיצור אַלצדינג, וואָס מ'האָט געלערנט אין דער ישיבה אין משך פון פערגאַנגע־נעם זמן.

אַזוי האָבען אַלע, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, געקאָנט הערען שיעורים אין תלמוד. אין דער לעצטער וואָך פון איטליכען כלה־חודש, וואָס פלעגט אויסקומען אָדער ערב ראש־השנה אָדער ערב פסח, פלעגט רב האַלטען לעזונגען נאָר פאַרן פאָלק. אויף די דאָזיגע ערב־יום־טוב'דיגע לעזונגען פלעגען זיין אַזוי פיעל מענשען פון פערשיידענע מקומות פון בבל, אַז אין סורא האָט ניט גע־קלעקט קיין דירות פאַר אַלע אורחים, און דעם גרעסטען רוב פלעגט אויסקומען צו נעכטיגען אונטערן פרייען הימעל, אויפן ברעג פון דער סורער אָזערע.

איבעריגענס, איז אין רב'ס צייטען נאָר געוואָרען אַוועקגעלייגט דער יסוד פאַר דער דאָזיגער מוסטערהאַפטער אָרגאַניזאַציע פאַר רעליגיעזער פאָלקס־בילדונג. ברייט ענטוויקעלט און בעפעסטיגט זיך אין אַנדערע גייסטיגע צענטרען האָט זי זיך ערשט אין אַ שפּעטערדיגער צייט.

פערשפרייטענדיג אויף אַזאַ אופן צווישען פאָלק די קענטשאַפט פון דער תורה, האָט רב צוגלייך מיטגעהאָלפען דער פעראייניגונג צווישען תורה און לעבען. פון איהם גופא זיינען פאַרהאַן אַ סך געזעצגעבערישע פירושים, וואָס זיינען בעוואוסט אונטערן נאָמען „מימרות". זיי צייכענען זיך אויס דורך זייער שטרייגג קאָנסערוואַטיווער טענדענץ. רב איז על־פי רוב געווען ניט אַמקיל, נאָר אַ מחמיר אין דין, אינ'ם גייסט פון בית־שמאי. בעזונדערס שטרייגג זיינען געווען זיינע בעשטימונגען אין די דינים וועגען גט'ען, וואָס האָבען געהאַט דעם צוועק אויפצוהויבען דעם זיטליכען צושטאַנד פונ'ם פאַמילען־לעבען צווישען די אידען אין בבל. בנוגע צום שטודיום פונ'ם תלמוד איז רב געווען אין בבל דאָס איי־גענע, וואָס זיין אינגערער חבר רבי יוחנן איז געווען פאַר ארץ־ישראל: ער איז געווען דער ערשטער פון די בבלישע אמוראים, די אויסטייטשער פון דער משנה. ער האָט געבראַכט מיט זיך פון ארץ־ישראל דעם טעקסט פון דער משנה, וואָס איז אָקאָרשט געווען צונויפגעשטעלט, און האָט עס גענומען אַליין זעלב־שטענדיג איבעראַרבייטען. דורכדעם האָט ער אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר'ן תלמוד בבלי, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען פאַראַלעל מיט'ן תלמוד ירושלמי און האָט איהם צולעצט אַפילו אַריבערגע־שטייגט. דער שטייגער, ווי אַזוי מען האָט בעאַרבייט די משנה אין רב'ס ישיבה, האָט זיך בכלל וויכציג אונטערשיידט פונ'ם שטייגער לערנען פון די ארץ־ישראל־דיגע אמוראים. אין רב'ס שטייגער איז נאָר קענטיג אַ גרעסערע נטיה צו פער־פיינערטען פלפול, וואָס דורכדעם האָבען זיך אויסגעצייכענט די שפּעטערדיגע ישיבות פון בבל. אין די פלוגתות אין הלכה צווישען רב און שמואל'ן זיינען פאַרהאַן אַ סך כאַראַקטעריסטישע פלפוליסטישע גייגג.

אין דער פרייער צייט פון דער אַרבייט אין הלכה האָט רב זיך פערנומען

מיט אַגדה און רעליגיעזער פּאָעזיע. מען רעכענט איהם פאַר'ן מחבר פון אַ סך תפלות, וואָס זיינען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרען אין סדר התפלות (למשל, אין מוסף פון ראש השנה). פון רב'ס דרשות זיינען פערבליבען אַ סך עטישע מימרות. אָט זיינען עטליכע פון זיי: „די מצוות פון דער תורה זיינען געגעבען געוואָרען נאָר, בכדי זיטליך צו רייניגען דעם מענשען“; „ווער עס האָט קיין רחמנות ניט אויף זיין חבר, דער געהערט ניט צו אַברהם אבינו'ס קינדער“; „אַ פּאָטער טאָר ניט מבכר זיין איין קינד איבער'ן אַנדערן: יעקב אבינו האָט ליעב געהאַט יוספן מעהר פון זיינע אַנדערע ברידער — און וויפיעל צרות איז דערפון אַרויסגעקומען!“ רב האָט הויך געאַכט פיזישע אַרבייט און בעזונדערס ערד-אַרבייט: „בעסער אַ קליין שטיקעל ערד, איידער אַ גרויסער לאַגער פון סחורות“ — האָט ער געזאָגט צו זיין זוהן; „ציה אַראָב די פעל ביי אַ נבלה אין מאַרק (צוליעב פרנסה), און זאָגט ניט: איך בין אַ כהן, איך בין אַ מיוחס!“

אַן ערך דרייסיג יאָהר האָט רב געפיהרט זיין ישיבה אין סורא און איז געשטאָרבען אין יאָהר 247. בשעת די יודען אין בבל זייגען געוואָר געוואָרען וועגען זיין טויט, האָבען זיי אויף זיך גענומען אַבילות אויף צוועלף חדשים. אין זכרון פון פאָלק איז דער דאָזיגער ערשטער אמורא פון בבל געבליבען ניט אונטער זיין אייגענעם נאָמען אבא אריכא, נאָר מיט זיין טיטעל „רב“ (ד. ה. לעהרער),—פּונקט אַזוי ווי רבי יהודה הנשיא האָט מען גערופען פשוט רבי.

רב'ס חבר און טעטיגער מיטאַרבייטער, שמואל, וואָס האָט געהאַט דעם צונאָמען ירחינאי, איז געווען ראש ישיבה אין נהרדעא, נאָכדעם ווי עס איז געשטאָרבען רבי שילא, דער פריהערדיגער ראש-ישיבה. לויט זיין כאַראַקטער און זיינע גייסטיגע נטיות איז שמואל געווען אַ זעלטענע ערשיינונג צווישען די דעמאָלטיגע אמוראים. ער האָט זיך ניט בעגענוגענט מיט דער תלמודישער וויסענשאַפט, נאָר ער האָט זיך אויך פערנומען מיט מאַטעמאַטיק, נאַטור-וויסענשאַפטען און מעדיצין. ווי אַ מעדיקער, האָט שמואל דערקלערט, אַז דער גרעסטער טייל פון די קראַנקהייטען נעמט זיך פון פערדאָרבענער לופט. זיין ליעבסטע וויסענשאַפט איז געווען אַסטראָנאָמיע אין צוזאַמענהאַנג מיט די חשבונות פון לוח. ער פלעגט זאָגען: „די וועגען פון די הימלען זיינען מיר פונקט אַזוי בעקאַנט, ווי די גאַסען פון נהרדעא; מעהר ניט וועגען די קאָמעטעס ווייס איך ניט, וואָס זיי זיינען אַזוינס“. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ לוח, וואו עס זיינען געווען גענוי אויסגערעכענט די טעג פון די ימים טובים, נאָר ער האָט איהם ניט פערעפענטליכט, וואָרום צו בעשטימען די צייט פון די ימים טובים איז געווען די פּריווילעגיע פונ'ם סנהדרין אין ארץ-ישראל, און דאָס האָט דער עיקר געדיענט פאַר'ן פערבינדונגס-מיטעל צווישען די צעוואָרפענע טיילען פון אידישען פאָלק און צווישען ארץ-ישראל.

בנוגע צו די ספּעציעלע ידיעות אין די צערעמאָניעלע דינים איז שמואל געשטאַנען נידעריגער פאַר רב'ן, דערפאַר אָבער איז ער געווען מעהר בקי אין דיני ממונות. שמואל האָט אויך אײַנגעשטעלט דעם בעריהמטען יורידישען פּרינציפּ פון תלמוד, וואָס לויט איהם זיינען די אַלגעמיינע בירגערליכע געזעצען

פון איטליכער מלוכה א חוב פאַר די אידען, וואָס וואוינען אין דער דאָזיגער מלוכה, און דאָס אידישע גלייכבערעכטיגונגס-רעכט מוז זיך צופּאַסען צו זיי. דעם דאָזיגען פּרינציפּ האָט ער אויסגעדריקט אין דער קורצער מימרא: „דינא דמלכותא דינא" (דער מלוכה-געזעץ איז א געזעץ). אויף אַזאַ אופן האָט שמואל געפּרובט צו ברייגגען אין הסכם דעם פּרינציפּ פון דער אידישער אינעווייניגסטער זעלבסט-פערוואַלטונג מיט דעם פּרינציפּ, אַז אידען מוזען זיך אונטערגעבען די אַלגעמיינע געזעצען פון יענע מלוכות, וואו זיי קומט אויס צו וואוינען. דאָס האָט אודאי געהאַט א גרויסע בעדייטונג פאַר דער צוקונפט פון אידישען פאָלק אין גלות.

שמואל איז ניט געווען קיין שונא פון דער ניי-פּערסישער דינאַסטיע, ווי רב. ער האָט זיך אַפילו בעפריינדעט מיטן קיניג שפור דעם I-טען, וואָס האָט בערימהמט געמאַכט די דינאַסטיע פון די סאַסאַנידען, און האָט געגאַסען זיין שווערד. שמואל האָט געהאַט אויפטראָגען אויך מיט די געלערנטע פּערסישע מאַגען, וואָס האָבען געהאַט ידיעות אין אַסטראָנאָמיע, און האָט ניט געקוקט אויף די התראות פון רב, וואָס האָט געהאַלטען פאַר מסוכן צו לערנען עפּיס ביי די מאַגען, די פאַנאַטיקער פון זאָראָאַסטערס רעליגיע. בכלל האָט שמואל אַרויסגעוויזען געוויסע נטיות צו פריידיינקעריי. ער האָט בעהויפּטעט, אַז די משיחס-צייטען, וואָס לויט דער פאָרשטעלונג פון פאָלק האָט דאָס בעדאַרפט זיין א צייט פון נסים, וועלען זיך אונטערשיידען פון דער יעצטיגער צייט נאָר דורכדעם, וואָס דעמאָלט וועט דאָס אידישע פאָלק קומען צו פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט. ס'וויזט אויס, אַז מחמת דער דאָזיגער פריידייגקעריי האָבען די איבעריגע תּלמודיסטען ווייניגער געהאַלטען פון שמואלס אוטאָריטעט אין דער הלכה. בשעת רבי יוחנן, דער ראש פון די ארץ-ישראל'דיגע אמוראים, האָט געקראָגען פון שמואל'ן זיין לוח, וואו די ימים-טובים זיינען געווען אויסגערעכענט אויף 60 יאָהר אין פאָראויס, האָט ער געזאָגט אַזוי ווי מיט א בטול: „יאָ, חשבונ'ען קאָן ער". אין זיינע בריעף צו רב'ן פלעגט רבי יוחנן זיך ווענדען צו איהם מיט'ן טיטעל: „צו אונזער רבי'ן אין בבל"; צו שמואל'ן ווידער פלעגט ער זיך ווענדען מיט די ווערטער: „צו אונזער חבר". — שמואל איז געשטאָרבען אַן ערך מיט צעהן יאָהר ארום נאָך רב'ס טויט (אַן ערך אין יאָהר 257).

§ 33. דער צווייטער דור פון די אמוראים אין בבל.

דער אויפטו, וואָס רב און שמואל האָבען אויפגעטאָן פאַר'ן גייסטיגען לעבען פון די אידען אין בבל, האָט געבראַכט צו זייהר וויכטיגע רעזולטאַטען. פון די ישיבות פון נהרדעא און סורא זיינען אַרויסגעגאַנגען ניט נאָר געלערנטע לויט זייער פּראָפעסיע. דורך עפענטליכע שיעורים האָבען זיי דערוועקט אַן אינטערעס צום תּלמוד אויך אין די ברייטע שיכטען פון פאָלק. די אידען אין בבל האָט אָנגענומען א גרויסער חשק צום לערנען. די ישיבה האָט געקראָגען א ווירקונג אויף אַלע געביטען פון לעבען. דעם גרעסטען כבוד אין דער געזעלשאַפט האָט געהאַט א איד א למדן (צורבא מרבנן). דער וואָרט „עם הארץ" איז דאָ

געוואָרען, פונקט אַזוי ווי פריהער אין ארץ-ישראל, אַ זידעל-וואָרט. ס'האָט זיך פעסט איינגעשטעלט די מיינונג, אַז אָהן אַ גרינדליכער קענטשאַפט פון דער תורה און איהרע פירושים קאָן מען ניט זיין קיין אמת פרומער איד. לערנען די משנה האָט מען שוין געמוזט דערפאַר, ווייל איהרע דינים זיינען געווען גילטיג אין דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג. די רישי גלותא, דיינים, ראשי ישיבות, דרשנים האָבען געבילדעט אַ גאַנצע היעראַרכיע פון וועלטליכע און גייסטליכע בעאַמטע, וואָס האָט פערוואַלטעט איבער די אינעווייניגסטע ענינים פון די קהלות אין בבל אינ'ם גייסט פון דער נאַציאָנאַלער געזעצגעבונג. טייל-מאָלס פלעגט איין-און דיזעלביגע פערזאָן פערנעמען צוויי פערשיידענע פאָסטענס. די ראשי ישיבות (רישי מתיבתא) פלעגען זיין פאַר-איינס אויך דיינים; אויף אַזאַ אופן פלעגען זיי פראַקטיש אָנווענדען די דינים, וואָס פלעגען טעאָרעטיש בעאַרבייט ווערען אין די ישיבות. די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען, וואו מען פלעגט לייענען שיעורים פאַרן פאָלק אין די ערב-יום-טוב'דיגע חדשים, האָבען געהאַט זייערע בעזונדערע פיהרערס (רישי-כלה). דורך דער דאָזיגער קעגענזייטיגער ווירקונג צווישען דער ישיבה און דער געזעלשאַפטליכער פראַקטיק זיינען זיי ביידע פערשטאַרקט געוואָרען, דורך דעם איז שטאַרק בעלעבט געוואָרען די טעטיגקייט פונ'ם צווייטען דור אמוראים, וואָס זיינען געקומען נאָך רב און שמואל'ן.

נאָך שמואל'ס טויט איז געוואָרען אַ ראש ישיבה אין נהרדעא רב נחמן בר יעקב. הגם ער איז געווען דער איינגסטער צווישען שמואל'ס תלמידים, פונדעסטוועגען האָט ער געקראָגען דעם דאָזיגען וויכטיגען פאָסטען אַדאַנק זיינע קרובים. רב נחמן האָט געהאַט פאַר אַ ווייב די טאָכטער פונ'ם ריש-גלותא, ילתא, און האָט געהערט צו דער איינפלוסרייכער אַריסטאָקראַטיע. דער שוועהר האָט איהם געגעבען נאָך אַ בכבוד'ע שטעל: ער האָט איהם בעשטימט פאַר'ן הויפט-דיין פון אַלע אידען אין בבל. אין די ערשטע יאָהרען פון רב נחמנס טעטיגקייט איז פאָרגעקומען די אויבען דערמאָנטע קאַטאַסטראָפע: אודינת, דער פירשט פון פאַלמירע (לויט די תלמודישע מקורים הייסט ער פפא בר נצר) איז אָנגעפאַלען אויף נהרדעא און האָט זי חרוב געמאַכט (אין יאָהר 250). דעמאָלט האָט רב נחמן אַריבערגעטראָגען זיין רעזידענץ קיין מחוזא, וואו ס'האָט זיך אויך געפונען אַ ישיבה.

ווי אַ רייכער מענש, וואָס האָט אַ וועלטליכע מאַכט און איז נאָהענט צום ריש גלותא, האָט רב נחמן זיך געפיהרט צו האָפערדיג און פלעגט זיך בעגייהן מיט זיינע חברים ווי אַן אויבערשטער מיט זיין אונטערגעבענע. נאָר ער האָט צוגלייך געהאַט אויך גרויסע פערדיענסטען. די בני הדור האָבען אָנערקענט רב נחמנ'ען פאַר אַ גרויסען בר-סמכא אינ'ם געביט פון הלכה, און בעזונדערס אין דיני ממונות. דערין גראָד האָט ער געהאַט אויסגעאַרבייט, אויפ'ן סמך פון זיין לאַנגיעהריגער ערפאַהרונג, אייניגע גרונד-הנחות, וואָס זיינען געבליבען אין דער אידישער בית-דין-פראַקטיק ביז אין די שפּעטעסטע צייטען. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט ער מבטל געווען דעם דין, אַז אַ כופר הכל, ד. ה. אַן אָנגעקלאָגטער,

וואָס לייקענט אָב א י נ ג א נ צ ע ן אַ געלד-טענה, וואָס דערויף איז קיין בעוויז ניטאָ, איז פטור אַפילו פון אַ שבועה צו בעשטעטיגען זיינע רייד; רב נחמן האָט איינגעשטעלט, אַז אין אַזעלכע פאַלען מוז דער אָנגעקלאָגטער שווערען. סומך געווען האָט ער זיך אויף דער סברה, אַז קיינער וועט ניט מאָנען קיין געלד בלאָט אומזיסט. פערקעהרט, די בעשעפער פונ׳ם אָבגעשאַפטען דין זיינען אַרויס-בעגאַנגען פון דער הנחה, אַז קיין מענש וועט ניט האָבען אַזאַ העזה צו לייקענען אין גאַנצען אין די אויגען פון זיין קרעדיטאָר.

דער עלטסטער צווישען די אמוראים אין יענער צייט איז געווען רב הונא, וואָס איז געוואָרען ראש ישיבה אין סורא נאָך רב׳ס טויט. רב הונא איז געווען יונגערהייד אַן ערד-אַרבייטער. אַפילו נאָכדעם ווי ער האָט שוין געקראָגען סמיכה, האָט ער נאָך אַלץ אַליין בעאַרבייט די ערד. אָפטמאָלס פלעגט מען איהם זעהן גייהענדיג אין אָוועגד אַהיים פון פעלד, מיט אַ רידעל אויפן אַקסעל. שפּעטער איז ער רייך געוואָרען און האָט זיך איינגאַנצען פערנומען מיט לערנען. ווי אַ געזעץ-פאָרשער און אַ מפרש פון דער משנה, האָט רב הונא פערנומען די בכבודע שטעל פון אַ ראש ישיבה אין סורא און האָט זי געפיהרט אין רב׳ס גייסט. ער פלעגט אויסהאַלטען אויף זיין חשבון אַ סך צוהערער, וואָס פלעגען זיך צונויפ-קומען קיין סורא אין די ערב-יום-טוב׳דיגע חדשים, בשעת מען פלעגט איבערחזרן דאָס געלערנטע אין משך פון זמן און לייענען עפענטליכע שיעורים. פאַר׳ן טויט האָט רב הונא געמאַכט אַ צוואה, אַז מען זאָל איהם אָבפיהרען קיין ארץ-ישראל מקבר זיין. די אמוראים פון ארץ-ישראל האָבען ביי דער קבורה בעוויזען גרויס כבוד זייער חבר פון בבל.

רב הונא׳ס אַ חבר איז געווען ר ב ח י ס ד א, וועלכער איז נאָך רב הונא׳ס טויט געוואָרען ראש ישיבה אין סורא. זייביידען פלעגט מען רופען „זקני סורא״.

נאָכדעם ווי נהרדעא איז חרוב געוואָרען און די דאָרטיגע ישיבה איז בטל געוואָרען, איז אויפגעקומען אַ נייער צענטער פון תורה, וואָס האָט ממלא געווען דעם שאָדען. אין פּ ו מ ב ד י ת א איז געוואָרען געגרינדעט אַ ישיבה, וואו עס האָבען זיך קאָנצענטרירט די בעסטע קרעפטען פון נהרדעא. בראש פון דער ישיבה איז געשטאַנען רב י ה ו ד ה ב ר י ח ז ק א ל, רב און שמואל׳ס אַ תלמיד. די רביים און די חברים האָבען אָנגערופען רב יהודה׳ן „שיננא״ אָדער „חריף״ (שאַרפער למדן), און מיט רעכט. ער איז געווען איינער פון די הויפט-בעשעפער פון יענעם פערדרייהטען פלפול, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן תלמוד בבלי. אויפדעקען דורך אַ פיינעם אַנאַליז די עהנליכקייטס-שטריכען צווישען ערשיי-נונגען, וואָס זיינען ווייט פערשיידען פון אַנאַנד, און געפינען שאַרפע חילוקים צווישען ערשיינונגען, וואָס זיינען דורכאויס גלייך אָדער עהנליך; אויסגראָבען אמת׳ע אָדער כלומרשטיגע סתירות צווישען די מיינונגען פון פערשיידענע תנאים און אמוראים נאָר צוליעב דעם, בכדי דערנאָך אויסצוגלייכען די דאָזיגע סתירות דורך זייהר שאַרפזיניגע, אָבער ניט זעלטען שטאַרק געקינצעלטע פערגלייכונגען, בעשטימונגען און סברות — דאָס זיינען די הויפט-שטריכען פונ׳ם דאָזיגען תלמודי-

שען שטייגער. רב יהודה בר יחזקאל האָט זיך מעהר פון אַלץ פערנומען מיט דיני ממונות און מיט האַרבע שאלות פונ׳ם גאָטעסדיענסט, וואו דער פלפּוליס-טישער שטייגער האָט געקאָנט זייהר ברייט אָנגעווענדט ווערען. יענע אמוראים, וואָס זיינען ניט געווען צופרידען מיט דער דאָזיגער צו-שטרייגער מעטאָדע, פלעגען זאָגען בדרך הלצה, אַז אין פומבדיתא פערמאָגט מען די קונסט „דורכצו-פיהרען אַ העלפאַנד דורכ׳ן לעכיל פון אַ נאָדעל״.

34. דער דריטער דור פון די אמוראים אין בבל (300—350).

אין דער ערשטער העלפט פון IV יאָהרהונדערט האָט די ישיבה אין סורא אָבגעטראָטען דעם ערשטען אָרט איהר קאָנקורענטין — דער ישיבה אין פומבדיתא. נאָך רב יהודה בר יחזקאל איז געווען ראש ישיבה אין פומבדיתא רבה בר נחמני, וואָס פאַר זיינע גלענצענדע כשרונות צו פלפול האָט מען איהם געגעבען דעם צונאָמען „עוקר הרים״ (בערג-אויסרייסער). בשעת מען האָט געקליבען דעם ראש ישיבה, האָבען אַ סך אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון אַן אַנדער אמורא, רב יוסף בר חייא, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעל זכרון און אַ בקי אין גאַנץ משנה, ברייתות און תוספתות. לאַנג האָט מען זיך מתוכח געווען, וועמען זאָל מען בעסער נעמען: צי דעם גרויסען חריף, דעם „עוקר הרים״, צי דעם גרויסען בקי? האָט מען זיך געווענדט צו די אמוראים אין ארץ-ישראל, אַז זיי זאָלען פסק׳ען. יענע האָבען געענטפערט לטובת רב יוסף׳ן, וואָרום אין ארץ-ישראל איז מען ניט געווען צופרידען מיט דעם צו-שאַרפען פלפוליסטישען שטייגער, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין בבל. נאָר רב יוסף האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פונ׳ם כבוד, וואָס מען האָט איהם געוואָלט אָנטון, וואָרום, ווי עס דערציילט די פאָלקס-טראַדיציע, האָט איהם אַ שטערנ-זעהער פאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט לאַנג ניט לעבען, אויב ער וועט אָננעמען די שטעל פון אַ ראש ישיבה. אין דער אמתן האָט רב יוסף, משמעות, פער-שטאַנען, אַז זיין חבר רבה פּאַסט זיך בעסער פאַר אַ ראש-ישיבה אין פומבדית׳ער ישיבה, וואו מען האָט מעהר ווי אַלץ געשאַצט אַ קונציגען פלפול. און באמת אויף רבה׳ס שיעורים איז שטענדיג געווען איבערפולט, וואָרום ער האָט פער-שטאַנען איינצונעמען די צוהערער דורך דער גלענצענדער שקלא-וטריא און פונאַנדערוויקלען די האַרבסטע און פערפּלאָנטערטסטע הלכות. בכדי אַ מאָל אויפצומינטערן זיינע איינגעמידעטע צוהערער, פלעגט ער טיילמאָלס אין מיטען שיעור אַריינשטעלען אינטערעסאַנטע אַנעקדאָטען, לעגענדעס און מוסר-שפּראָכען אין גייסט פון דער אַגדה. פומבדיתא איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן העכסטען שפּיץ פון פרסום. אויף די ערב-יום-טוב׳דיגע פערזאַמלונגען (כלה) פלעגען זיך צונויפקומען צו די עפענטליכע שיעורים אַן ערך צוועלף טויזענד תלמידים און צוהערער. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פּערסישע רעגירונג האָט אָנגעהויבען אָנצונעמען מיטלען קעגען אַזאַ אָפּטער און שטאַרקער איבערוואַנ-דערונג פון די פאָלקס-מאַסען, וואָס האָט פערשווירגט דעם איינמאָנען די

מלוכה-שטייערן, ווארום אַ סך מענשען פלעגען ווערען אָבגעצויגען פון זייערע פרנסות, פלעגען לעבען אויפן חשבון פון רייכע מנדבים און האָבען סוף-כל-סוף ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו צאָהלען זייערע אָבצאָהלונגען אין דער מלוכה-קאַסע. רבה'ן האָט מען פערמסר'ט, אַז ער איז דער הויפט-אָרגאַניזאַטאָר פון די דאָזיגע פאָלקס-פערזאַמלונגען, און דער קעניג שפור דער II-טער האָט גע-הייסען איהם אַריינוואַרפען אין תפיסה. איז רבה אַנטלאָפען געוואָרען פון פומבדיתא און האָט זיך בעהאַלטען אין ווילדע זומפיגע מקומות פאַר די קעניגס דינער, וואָס האָבען איהם געזוכט. בשעת די דאָזיגע וואָגלונגען איז ער געשטאָרבען.

זיין אָרט האָט פערנומען זיין חבר און פריהערדיגער קאָנקורענט רב יוסף בר חייא. נאָר מיט רב יוסף'ן האָט אין גיכען געטראָפען אַ גרויס אומגליק: מחמת אַ שווערער קרייגק האָט ער אָנגעוואָרען אינגאַנצען זיין ניט-געוויהנליכען זכרון, וואָס דורך דעם איז ער געווען בעריהמט. די תלמידים האָבען איהם בעדאַרפט כסדר דערמאָנען די אָדער יענע פערגעסענע הלכה, און דאָס האָט דעם זקן פערשאַפט גרויס צער. רב יוסף איז געווען בעליידיגט פון דער גרינגשאַצונג צו איהם מצד זיינע חברים און תלמידים, וואָס האָבען געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ „שברי כלי”, און ער פלעגט מיט ביטערניש זאָגען: „אינ'ם אָרון קודש זיינען אויפגעהיט געוואָרען ניט נאָר די גאַנצע לוחות, נאָר אויך די שטיקער פון די צעבראָכענע לוחות. דעריבער זאָלט איהר ניט מבזה זיין אַ תלמיד חכם, וואָס האָט פערגעסען זיין לערנען”.

זיין העכסטע ענטוויקלונג האָט דער פלפול-שטייגער דערגרייכט ביי די אמוראים א ב י י און ר ב א, וואָס דער ערשטער פון זיי איז געווען ראש ישיבה אין פומבדיתא, און דער צווייטער — אין מחוזא. דאָס וואָרט „פלפול” קלינגט כמעט ווי דער העברייאישער נאָמען פאַר פעפער (פלפל), און אפשר נעמט עס זיך טאַקע דערפון. די לומדים פון יענער צייט האָבען געשמעקט נאָר אַזעלכע שטאַרקע געווירצען, ווי פערפלאָנטערטע און קאָפדרייהעריש חקירות, אַנדערש האָט דער לערנען פאַר זיי קיין טעם ניט געהאַט. זיי פלעגען זאָגען: „בעסער איין קערנדיל שאַרפע פעפער, איידער אַ גאַנצע קאָרב זיסע גרינסען”. אביי און רבא זיינען די כאַראַקטעריסטישע אויסדריקער פון יענער אייגענאַרטיגער ריכטונג, וואָס פון איהר הויבט זיך אָן די שפּעטערדיגע אומפרוכטבאַרע סכאָלאַסטיק פונ'ם מיטעלאַלטער. דער פלפוליסטישער שטייגער לערנען איז ביי זיי דערגאַנ-גען ביז צו זיינע עקסטרעמסטע גרעניצען. די וכוחים אין די ישיבות האָבען געהאַט נאָר איין צוועק: לאָזען פריי שפּיעלען דעם שכל, שאַרפען דעם לאָ-גישען דיינקען. מען איז ניט אויסען געווען ניט אויפצוקלערען די שטרייט-פראַגען פון געזעץ און איינשטעלען געוויסע דינים, וואָס זאָלען נוצען פאַר'ן פראַקטישען לעבען; דער עיקר צוועק איז בעשטאַנען אינ'ם וכוח גופא, אין די שאַרפזיניגע חקירות, אין אַרויסווייזען בקיאות. מיט דערזעלביגער התמדה פלעגט מען אין די ישיבות אַרומקלערען וויכטיגע פערפלאָנטערטע פראַגען פון דיני ממונות און דיני נפשות און די קלענסטע פרטים פון דער עבודה און די

קרבנות אין בית־המקדש, וואָס זיינען שוין לאַנג בטל געוואָרען. אביי׳ס שטענ־דיגער מיטאַרבייטער און בר־פּלוגתא איז געווען רבא, און זייערע פּלוגתא׳ס הייסען אין תלמוד „הויות דאביי ורבא".

נאָך אַביי׳ס טויט זיינען אַ סך פון זיינע תלמידים איבערגעגאַנגען פון פּומבדיתא קיין מחוזא, צו רבא׳ן. רבא איז געווען אַ גביר און אַן איינפלוסריי־כער מענש און האָט גענומען אַן אָנטייל אויך אין דער געזעלשאַפטליכער זעלבסט־פערוואַלטונג. ער פלעגט אָפטמאָלס זיין דער פאַרשטייהער פון אידען פאַר דער פּערסישער רעגירונג. ניט איין מאָל איז איהם אויסגעקומען אונטערצוטראָגען די קיניגליכע בעאַמטע רייכע מתנות, בכדי מבטל צו זיין די אָדער יענע גזרה. דער פּרוב צו בעגרענציצען די רעכט פון די אידען איז אויסגעגאַנגען, משמעות, פון׳ם קעניג שפּור דעם II־טען. מעהר ניט די קיניגין־מוטער איפרא הורמי׳ן פלעגט איינהאַלטען איהר זוהן, ער זאָל ניט אויספיהרען זיינע גזרות. זי פלעגט איהם זאָגען: „לאָז אָב פון די אידען, ווארום זייער גאָט איז ממלא אַלע זייערע בקשות". באַלד נאָך רבא׳ס טויט האָט מיט מחוזא געטראָפען אַן אומגליק: בשעת דער רוימישער קייזער יולינוס אַפּאָסטאַטאַ האָט געהאַלטען מלחמה מיט׳ן פּער־סישען קעניג שפּור דעם II־טען, איז די שטאָדט צעשטערט געוואָרען (אין יאָהר 363).

די אַמוראים, וואָס זיינען געקומען באַלד נאָך אַביי און רבא, זיינען געשטאַנען נידעריגער פון זיי אין כמה פּרטים. דער ראש־ישיבה אין נריש (ניט ווייט פון סורא), רב פּפּא בר חנן, האָט ווייטער ענטוויקעלט די פּלפּולי־סטישע מעטאָדע פון זיין רבי׳ן רבא׳ן, נאָר ער האָט עס געטאָן מיט אַ סך ווינציגער ערפאָלג. רב פּפּא איז געווען נאָר אַ מיטעלמעסיגער למדן און פלעגט טיילמאָלס אַליין זיך אָנוועהרען אין די פערפּלאָנטערטע שקלא־וטריא׳ס, וואָס ער האָט בעדאַרפט זיי אָנפיהרען. זיינע שאַרפזיניגערע חברים פלעגען אָפט־מאָלס פון איהם חוזק מאַכען און איהם שטעלען האַרבע קשיות, וואָס ער האָט ניט געקאָנט געפינען אויף זיי קיין תירוצים. איבעריגענס, איז דער תלמוד אין יענער צייט זיך שוין אויף אַזוי פיעל פונאַנדערגעוואַקסען, אַז עס איז שווער געווען ניט צו פערפּלאָנטערן זיך אין זיינע אָהנצאָהליגע אויספיהרונגען, וואָס זיינען געווען אַזוי פערפּלאָנטערט און סותר׳דיג.

דער פריהערדיגער גלייכגעוויכט צווישען ישיבה און לעבען איז אַלץ מעהר געשטערט געוואָרען, און די ישיבה האָט געקראָנקען די איבערהאַנד. די אמוראים האָבען בעקומען אַ צו גרויסען איינפלוס אויף דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג. וואָס שטאַרקער די ישיבה איז געוואָרען, האָט זי אַלץ מעהר נאָך זיך געצויגען דאָס לעבען. די פּלפּולים פון די לערנער האָבען אַרויסגעבראַכט אַ סך ניט־נויטיגע דינים, וואָס האָבען שווער געמאַכט דאָס לעבען. דאָס פאָלק האָט אָנגעג־הויבען צו ווערען אומצופרידען מיט דער דאָזיגער ממשלה פון די וואויל־לער־נער, וואָס האָבען געקוקט פון אויבען אַראָב אויפן פּראָסטען המון. אין דער געזעלשאַפט האָבען זיך געלאָזט הערען צאָרנדיגע רייד: „וואָס פאַר אַ נוצען האָבען מיר פון די תלמידי חכמים? זיי לייענען און לערנען נאָר פון זייער

הנאה ווענען". נאָר די דאָזיגע אָפּאָזיציע איז געווען צו שוואַך, בכדי אומצופיי-
טען די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג, די הערשאַפט פון די געלערנטע האָט גע-
מוזט ממלא זיין די וועלטליכע מאַכט פון די רישי גלותא. ביי אַלע איהרע
חסרונות האָט די אידישע אווטאָנאָמיע אין בבל געהאַט אַן אומגעהייער גרויסע
בעדייטונג פאַר'ן צונויפשמידען די צעוואָרפענע טיילען פון אידישען פאָלק אין
גלות. זי האָט אויך נאָך בעדאַרפט דיענען דעם אידישען קבוץ אין ארץ-ישראל,
ווען גרויסע היסטאָרישע קריזיסען האָבען אָנגעמאַכט אין איהם חורבנות.

פערטער קאפיטעל.

ארץ ישראל אונטער דער ממשלה פונ'ם קריסטליכען רוים און די ירידה פון דער נשיאות (312—395).

קאָנסטאַנטין, קאָנסטאַנציוס און דער אָנהויב פון דער קירכען-פּאָליטיק. — דער אויפשטאַנד אין צפורי. — דער נשיא הלל דער II-טער. — יוליִנוס אַפּאָסטאַטאַ.— טעאָדאָסיוס דער I-טער און די קירכען-פאַטערס. — די ירידה פון דער נשיאות און פון די ישיבות.

§ 35. קאָנסטאַנטין, קאָנסטאַנציוס און דער אָנהויב פון דער קירכען-פּאָליטיק.

אַ נייער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין דער וועלט-געשיכטע. די רוימישע רעגירונג, וואָס האָט אין משך פון יאָהרהונדערטען אַכזריות'דיג גערודפ'ט די קריסטען, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט אין דער אימפּעריע, און האָט גאָר ניט לאַנג, אין דיקליטינוס'עס צייטען, זיי סיסטעמאַטיש אונטערדריקט — די דאָזיגע רעגירונג האָט זינט דעם IV יאָהרהונדערט אָנגעהויבען צו שטיצען דעם קריס-טענטום, און דערנאָך האָט זי איהם געמאַכט פאַר דער מלוכה-רעליגיע. דער קייזער קאָנסטאַנטין דער גרויסער און זיין זוהן קאָנסטאַנציוס (312 — 361) זיינען די גרינדער פון דער רוימיש-ביזאַנטינישער קריסטליכער מלוכה. צי איז זי געוואָרען „קריסטליך" לויט דעם לכתחילה'דיגען גייסט פון דער דאָזיגער רעליגיע, ווי עס האָבען זי געלערנט מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק די פרומע ענוים פון גליל? ניין, ניט דאָס איז געווען די סביבה און ניט אַזעלכער איז געווען דער גייסט פון דער צייט, בשעת עס איז פאָרגעקומען דער דאָזיגער קריזיס אין דער רוימישער אימפּעריע. ניט אַזוי רעליגיעזע, ווי פּאָליטישע טעמים האָבען געמאַכט פאַר אַ בעשיצער פון קריסטענטום דעם קייזער קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט אַליין ערשט אויפ'ן טויטען בעט אָנגענומען די קריסטליכע רעליגיע. אין מיטען דער בלוטיגער שלאַכט קעגען זיין מיטרעגירער און קאָנקורענט מאַקסענציוס (312) האָט זיך צו קאָנסטאַנטינ'ען בעוויזען אַ פאָהן מיט אַ בילד פון קרייץ אויף איהר און מיט אַן אויפשריפט: „מיט דעם וועסטו מנצח זיין!" און ער האָט טאַקע אין אַ געוויסער מאָס געהאַט צו פערדאַנקען

דעם נצחון זיינע קריסטליכע זעלנער. בכלל האָבען שוין די קריסטען צו יענער צייט געהאַט אַ גאַנץ גרויסען פּאָליטישען איינפלוס אין לאַנד. פונם בונד צווישען קאָנסטאַנטין און דער קריסטליכער קירך האָבען ביידע צדדים געהאַט טובות. שפּעטער האָט דער דאָזיגער בונד געהאָלפען קאָנסטאַנטינ׳ען אין דער מלחמה קעגען אַנדערן מיטרעגירער, ליציניוסן, וואָס נאָכדעם ווי יענער איז געפאַלען, איז קאָנסטאַנטין געבליבען דער אַליינהערשער איבער דער רוימישער מלוכה (323).

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע פּאָליטיש-רעליגיעזע טעמים און סברות זיינען געשטאַנען די בעציהונגען פון קאָנסטאַנטין צו די אַלטע קרובים פונ׳ם קריסטענטום, צו די אָנהייגער פון דער אידישער רעליגיע. אין די ערשטע יאָהרען פון זיין רעגירונג, בשעת דער קייזער האָט זיך געמיהט נאָר גלייך צו שטעלען דעם קריסטענטום לויט זיינע רעכט מיטן היידענטום, האָט ער זיך בנוגע צו דער יהדות געהאַלטען פאַר׳ן פּרינציפּ פון גלייכבערעכטיגונג. זיין „מילאַנער עדיקט" (313), וואָס האָט געגעבען גלויבענס-פרייהייט אַלע בירגער פון דער רוימישער אימפּעריע, איז געווען גילטיג אויך בנוגע צו אידען. ס׳זיינען געוואָרען אָפיציעל אָנערקענט די רעכט פונ׳ם אידישען נשיא, ווי פון דעם אויבערשטען „עפּיסקאָפּאָס פון דער סינאַגאָגע", ווי פונ׳ם פאָרשטייהער פון די אידען אין דער גאַנצער מלוכה; די אידישע גייסטליכקייט איז געוואָרען בעפרייט פונ׳ם שווערען דיענסט אין די שטאָדטישע פערוואַלטונגען. נאָר באַלד דערויף ווייזען זיך אַרויס סימנים פון פיינדשאַפט צו אידען, וואָס עס האָבען בעשיימפערליך איינגעפליסט דעם קייזער די פאָרשטייהער פון דער קריסטליכער גייסטליכקייט, בעזונדערס דער בישוף עווסעביוס פון קיסריא, דער בעוואוסטער קירכען-היסטאָריקער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס ביים הויף *). זינט דעם יאָהר 315 איז די אידען פערבאָטען געוואָרען צוצונעמען גרים פון קריסטען, און ס׳איז געוואָרען דערפאַר איינגעשטעלט אַ שטראָף פאַר ביידע צדדים. פון דער אַנדער זייט איז געוואָרען בעשטימט טויט-שטראָף (פערברענען) פאַר אידען, וואָס זיינען זיך בוקם אָן זייערע געוועזענע גלויבענס-ברידער, וואָס האָבען אָנגענומען די קריסטליכע רעליגיע.

דער פּרינציפּ פון גלייכבערעכטיגונג פון די רעליגיעס איז נאָך מעהר געשטערט געוואָרען אין לעצטען יאָהרצעהנדליג פון קאָנסטאַנטינס רעגירונג. ווען ער האָט איינער אַליין געוועלטיגט איבער דער גאַנצער אימפּעריע און האָט איבערגעטראָגען די הויפּטשטאָדט פון רוים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (ביזאַנץ). אין

*) „דער פאָטער פון דער קירכען-געשיכטע" עווסעביוס פון קיסריא האָט זייער שאַרף פּאָלעמיזירט קעגען דער יהדות אין זיין ווערק Demonstratio Evangelica. נאָר ער האָט אַ גרויסען פערדיענסט פאַר דער אידישער ליטעראַטור, וואָס אין אַן אַנדער ווערק זיינעם (Praeparatio Evangelica) האָט ער צונויפגעקליבען אַ סך פראַגמענטען פון דער אידיש-העלעניסטישער ליטעראַטור פון דער פאַר-קריסטליכער צייט (מוסטערן פון עווּפּאָלעמאָס, דימיטריאָס, אַרטאַפּאַנעס און אַנדערע שריפטשטעלער), וואָס זיינען געקומען צו אונז נאָר אַ דאַנק דעם.

יענער צייט האָט ער זיך געלאָזט פיהרען דורכאויס דורך די סברות פון קירכען-פאָליטיק. דער מלוכה-געזעץ האָט ערלויבט נאָר די קריסטען צוצוציהען נייע אָנהייגער פון צווישען היידען און אידען; פערקעהרט, די אידען איז געווען שטריינג פערבאָטען צו פערשפרייטען זייער רעליגיע. א איד האָט ניט געהאַט קיין רעכט מל צו זיין זיינע היידנישע שקלאַפען, בעת מאַכען אַזעלכע שקלאַפען פאַר קריסטען האָט זיך גערעכענט פאַר א גרויסער מצוה.

די שנאה צו אידען האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אָפיציעלע פאַפירען, וואו דאָס אידישע פאָלק פלעגט ווערען אָנגערופען „א זינדיגע, שעדליכע סעקטע". ווי וויט עס איז דערגאַנגען די אומטאָלעראַנץ פון דער קירך און איהר שטרע-בונג זיך אָבצוזאָגען פון וואָסער עס איז קרוב׳עשאַפט מיט דער יהדות, האָט בעוויזען די ערשטע אַלוועלטליכע קירכען-פערזאַמלונג אין ניקעא (325). צווישען די וכוחים וועגען דער „דרייאייניגקייטס-דאָגמע און וועגען דעם, צי איז גאָטס זוהן „איין עצם" מיטן גאָט דעם פאָטער (לויט אַריוס׳עס אַפּיקורסישער שיטה), — איז געוואָרען אָנגענומען א בעשלוס, וואָס האָט ענדגילטיג אָבגעטיילט דעם קריס-טענטום פון דער יהדות אויך בנוגע צו די רעליגיעזע צערעמאָניעס. פריהער האָבען א סך קריסטען, בעזונדערס אין די מזרח-לענדער, געפייערט זייער פסחא גלייכצייטיג מיטן אידישען פסח, ד. ה. פופצעהן טעג אין ניסן. די קירכען-פערזאַמלונג און ניקעא האָט בעשלאָסען, אַז די קריסטען זאָלען פייערן זייער פסחא ניט אָנדערש בעזונדער פון די אידען, — אין דעם ערשטען זונטאָג, וואָס קומט אויס נאָכ׳ן פופצעהנטען טאָג אין ניסן (ווי דאָס פלעגען טון די מערב׳דיגע קריסטליכע געמיינדעס). דעם מאָטיוו פון דער דאָזיגער החלטה האָט דער הויפּט-טוער פון דער קירכען-פערזאַמלונג אין ניקעא עווסעביוס אַריינגעלייגט אין מויל דעם קייזער קאָנסטאַנטין: „ס׳וואָלט געווען ניט פאַסיג פאַר אונז אין דעם דאָזיגען הייליגען יום-טוב נאָכצוגייהן נאָכן מנהג פון די אידען. ס׳וואָלט געווען אומזיניג צו דערלאָזען, אַז די אידען זאָלען זיך בעריהמען, אַז מיר קאָנען אָבהיטען פסחא אָהן זייער תורה (אָדער אָנווייזונג)".

דער אויפשטאַנד אין צפורי; דער נשיא הלל II.

§ 36. ווי אַזוי האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער נייער קריזיס אינ׳ם הארץ פון אידישען פאָלק, אין ארץ-ישראל? צווישען דער יהדות און קריסטענטום איז אויסגעוואַקסען געוואָרען א טיעפער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער תהום. זיי זיינען געווען צופיעל אויפגעבראַכט איינע אַנטקעגען די אַנדערע, און ס׳האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגען א שלום צווישען דער אידישער סינאַגאָגע און דער קריסטליכער קירך.

אין קאָנסטאַנטינ׳ס צייטען איז ירושלים מעהר ניט געווען א היידנישע עליא קאַפּיטאָלינא, נאָר זי האָט בעקומען איהר פריהערדיגען נאָמען און איז געוואָרען א הייליגע שטאָדט פאַר די קריסטען, וואָרום דאָרט, האָט מען דערציילט,

געפינט זיך „דער הייליגער קבר". אין ירושלים, אויפ'ן הר הזיתים, האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיגע קירך, און אַהין פלעגען זיך צונויפקומען מאַסען קריסטליכע פילגערס.

דער היידענטום איז געוואָרען פערניכטעט, נאָר הדריאנוס'עס אַלטער דעקרעט צו פערבאָטען די אידען אריינצוטרעטען אין זייער געוועזענער הויפּט-שטאָדט איז נאָך געבליבען גילטיג. נאָר איין מאָל אין יאָהר, אום תשעה באב, פלעגען די רוימישע שומרים אריינלאָזען אין ירושלים די אידען, וואָס זיינען געגאַנגען אַהין זיך אויסצוויינען אויפ'ן אָרט פון זייער חרוב'ען בית-המקדש. דערפאַר פלעגען די רוימישע בעאַמטע נעמען ביי די מתפללים אַ גרויסען שוחד. די קנאים פון דער קירך פלעגען טייטלען מיט די פינגער אויפ'ן אידישען בייז-וואונדער און זאָגען, אַז דאָס האָבען זיי בעקומען כלומרש'ט אַלס שטראָף פאַר זייער בעציהונג צו קריסטוס'ן און צו די אַפּאָסטעל'ן.

די פּראָפּאַגאַנדע פון קריסטענטום צווישען די אידען, וואָס האָט זיך גע-האָט פערשטאַרקט אַ ביסעל, האָט קיין בעדייטענדען ערפאָלג ניט געהאַט; עס זיינען געווען בלויז וויניגע פאַלען פון שמד. אַ געוויסער יוסף פון טבריא, וואָס פלעגט אַרומפאָהרען איבער קליין-אַזיען אַלס משולח, וואָס האָט בעדאַרפט צונויפקלייבען די אָבצאָהלונגען פאַר'ן אידישען נשיא, האָט זיך דאָרט בעקענט מיט אַ ביסקופ און האָט אָנגעהויבען צו שטודירען בעהאַלטענערהייד די ביכער פון עוואַנגעליע. אַז די אידען פון קיליקיען האָבען אָנגעהויבען איהם רודף זיין פאַר זיין צוויי־פנים'דיגקייט, האָט ער זיך עפּענטליך גע'שמד'ט און איז גע-וואָרען אַן איבערגעגעבענער מיסיאָנער פון דער נייער אמונה.

יוסף, וואָס איז געווען בטבע אַ קריכער, האָט אין גיכען זיך דערשלאָגען דערצו, אַז הויכע בעאַמטע האָבען איהם גענומען אונטער זייער שוץ, און אַפילו דער קייזער קאָנסטאַנטין האָט איהם געגעבען דעם הויכען טיטעל קאָמעס (דאָס הייסט, הויפּטמאַן). זיינע בעשיצער פלעגט ער דערציילען גאַנצע בבא-מעשיות וועגען די סבות, פאַר וואָס ער האָט זיך גע'שמד'ט, וועגען דעם, אַז אין חלום און אויף דער וואָהר האָט זיך איהם בעוויזען קריסטוס. ער האָט פערזיכערט, אַז אויך דער אידישער נשיא האָט געפיהלט אַ נטיה צום קריסטענטום און אַז אויפ'ן טויטען-בעט האָט ער זיך בעהאַלטענערהייד גע'שמד'ט. די דע-מאָלטיגע קירכען-שריפטשטעלער האָבען איבערגעלאָזט פאַר די שפּעטערדיגע דורות עטליכע פון די דאָזיגע מעשיות, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאַר אַ ריינעם אמת.

נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען פון קייזער אַן ערלויבעניש צו בויען קירכען אין גליל, האָט יוסף זיך גענומען מיט גרויס חשק צו בויען קירכען אין'ם צענטער פון דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג, אין טבריא, אין צפורי און נצרת. דערביי האָט ער אָנגעטאָן ניט קיין ביסעל עגמת נפש זיינע געוועזענע גלויבענס-ברידער.

אין גיכען האָבען די אידען פון ארץ-ישראל אָנגעהויבען צו פיהלען די

גאַנצע שווערקייט פונ'ם אַדמיניסטראַטיווען דרוק פון דער נייער רוים. בשעת דער קייזער קאָנסטאַנציוס האָט געהאַלטען מלחמה מיט די פּערסער, האָט ער געשיקט אין פאָדער-אַזיען אַ חיל אונטער דער אָנפיהרונג פון זיין מיטרעגירער אָדער „קיסר" גאַלוס (351). אַ בעדייטענדען טייל פון דער דאָזיגער אַרמיי אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם לעגאַט אורסיקינוס (ארסקין אין תלמוד) האָט מען פונאַנדערגעשטעלט אין די שטעדט פון ארץ-ישראל, און ער האָט אין משך פון צוויי יאָהר בדלות געשטעלט די אָרטיגע אידישע בעפעלקערונג. די אידען האָבען געמוזט געבען די סאָלדאַטען קוואַרטירען אין זייערע הייזער און פערזאָרגען זיי מיט עסענוואַרג. די קאָמאַנדירען האָבען געצוואונגען די אידען צו באַקען ברויט פאַר די סאָלדאַטען אַפילו אום שבת און אום פסח און האָבען אויף אַלערליי אופנים בעליידיגט זייער רעליגיעזען געפיהל. לויט ווי די טראַדיציע גיט איבער, האָט אורסיקינוס אין איין שטאָדט ניט ווייט פון טבריה פערברענט אַ ספר-תורה.

אין דערזעלביגער צייט פלעגען אַנדערע אָבצאָהלונגען פאַר דער מלוכה, שטענדיגע און אויסערגעוויינהליכע, איינגעמאָנט ווערען מיט דער גרעסטער שטרייגקייט. „ווי אַ בגד, וואָס האָט זיך פערטשעפּעט אָן אַ דאָרן — ווערט געזאָגט אין אַ דעמאָלטיגער דרשה: — דו בעווייזט ניט פריי צו מאַכען איין עק, ערשט עס פערטשעפּעט זיך דער אַנדערער, — אַזוי זיינען אויך אונזערע עסקים מיט עשו'ן (רוים) דו בעוויזט ניט צו בעצאָהלען איין שטייער, ערשט ער פאָדערט שוין אַן אַנדערן". די שטייערן האָבען געהאַט ביי אידען פערשיידענע נעמען, דער עיקר לאַטיינישע: ארנוניה, אַנגריה, גולגלת, דימוסיה (נאַטוראַל-שטייער, קאָפּ-שטייער אָדער פיסקוס יודאַאיקוס און אַנד.).

דער גלייכצייטיגער דרוק אי מצד דער ציווילער אי מצד דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעבראַכט דאָס פאָלק פון געדולד. די אידען אין גליל זיינען אויפגעשטאַנען. דער צענטער פון דער מרידה איז געווען די שטאָדט צפורי, וואָס די רוימער האָבען איבערגעמאַכט איהר נאָמען אויף דיאָקעסאַריאַ. ביינאַכט זיינען די אידען אָנגעפאַלען אויפ'ן אָרטיגען רוימישען גאַרניזאָן, האָבען איהם פערטיליגט און צוגענומען זיינע כלי-זיין. פון דאָרט האָבען אָבטיילונגען מורדים געמאַכט אָנפאַלען אויף די רוימער אין די אַרומיגע שטעדט. דער אויפשטאַנד האָט, ווי עס ווייזט אויס, פערכאַפּט אויך טבריה און לוד.

נאָר די רוימער האָבען בעוויזען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד, איידער ער האָט צייט געהאַט צו אַרומכאַפּען דאָס גאַנצע לאַנד. גאַלוס (אָדער, ריכטיגער געזאָגט, זיין געהילף אורסיקינוס) האָט געמאַכט חרוב ומוחרב די גאַנצע געגענד, וואו עס איז פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד. דיאָקעסאַריאַ איז צעשטערט געוואָרען, געליטען האָבען אויך טבריה און לוד. טויזענדער מורדים זיינען אומגעקומען פאַר דער צייט, ווען מ'האָט אַזוי אַכזריות'דיג איינגעשטילט די מרידה (352). אַ סך זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אין פרעמדע לענדער אָדער האָבען זיך בעהאַלטען אין הייהלען. אייניגע פון די מורדים פלעגען מאַכען אַזאַ קונץ: זיי פלעגען זיך אַרויפקלעפּען אויפן נאָז אַ פלאַסטער, בכדי רוימישע

פּאָליציי, וואָס האָט זיי געזוכט, זאָל זיי ניט דערקענען. נאָר מוסרים פלעגען אָפטמאָלס די אומגליקליכע אַרויסגעבען די רוימער. איין אמורא, וואָס האָט זיך געהאַט בעהאַלטען מיט אַ גרופּע מורדים אין אַ הייהל, האָט דערציילט: „אַז מיר האָבען זיך בעהאַלטען פאַר די שונאים אין אונטערערדישע גיינג, האָבען מיר געהאַט ביי זיך ליכט; ווען זיי פלעגען ברענען טונקעל, האָבען מיר געוואוסט, אַז עס איז טאָג; ווען זיי פלעגען ברענען העל, האָבען מיר געוואוסט, אַז עס איז נאַכט״.

אַלס פועל-יוצא פון׳ם ניט-איינגעגעבענעם אויפשטאַנד זיינען געווען נייע רדיפות מצד דער רעגירונג. די בעגרעניצונגען זיינען פערשפּרייט געוואָרען אויך אויף דער זעלבסטפערוואַלטונג פון די קהלות און אויף דער רעליגיעזער פּראַקטיק. דער נשיא אין טבריא און דער סנהדרין האָבען ניט געקאָנט מעהר ווירקען און אַרבייטען אַזוי פריי, ווי אַמאָל, ווייל די רוימישע רעגירונג האָט זיך אין זייהר אַ גראָבער פאָרם אָנגעהויבען אַריינמישען זיך אין זייערע ענינים.

אין יענער צייט איז געווען נשיא הלל דער II-טער (אַן ערך פון 330—366), אַ זוהן פון יהודה דעם III-טען. מחמת דעם שווערען מצב פון די קהלות אין ארץ-ישראל און מחמת דער ירידה פון׳ם אַוטאָנאָמען צענטער אין טבריא, האָט הלל געמאַכט דעם ערשטען שריט צו בעגרעניצען דעם טעטיגקייטס-קרייז פון די נשיאים, און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ממשלה.

ווי עס איז בעוואוסט, איז איינע פון די הויפּט-פונקציעס פון׳ם נשיא, אַלס ראש הסנהדרין, בעשטאַנען דעריז, וואָס ער האָט בעדאַרפט אַלע חודש אויפפּאַסען דעם גאַנג פון דער לבנה, בעשטימען לויט די דאָזיגע בעאָבאַכטונגען און ספּעציעלע חשבונות די טעג פון די ימים-טובים, איינשטעלען די עיבור-יאָהרען, בכדי צו מאַכען אַ הסכם צווישען לבנה-יאָהר און זונען-יאָהר, און פונאַנ-דערשיקען וועגען דעם ידיעות צו די אידישע קהלות אין די נאָהענטע און ווייטע ערטער פון ארץ-ישראל און בבל. די דאָזיגע פונקציע איז געווען אַ פּריווי-לעגיע פון׳ם נשיא׳ס ממשלה: זי האָט אונטערגעהאַלטען דעם אַוטאָריטעט פון׳ם אידישען נשיא אויסערהאַלב די גרעניצען פון׳ם מרכז און האָט מעהר פון אַלץ מיטגעווירקט, אַז די אידען פון ארץ-ישראל זאָלען זיין גייסטיג פעראייניגט מיט זייערע פאָלקס-ברידער אין בבל. זי האָט אָבער אויך בעשאַפען פּראַקטישע שוועריקייטען, וואָס האָבען זיך בעזונדערס געלאָזט פיהלען אין יענער עפּאָכע, בשעת צווישען די רוימער און פּערסער האָבען זיך געצויגען שטענדיגע מלחמות, וואָס האָבען געמאַכט שווער די פערבינדונגען צווישען ארץ-ישראל און בבל *), און בשעת דער סנהדרין פון טבריא גופא האָט אונטער דעם רוימישען יאָך ניט געקאָנט פונקציאָנירען ווי געהעריג.

דאָס איז געווען די סבה, וואָס האָט געבראַכט דעם נשיא הלל דעם II-טען

*) ס׳איז זייהר מעגליך, אַז בשעת דער מלחמה מיט די פּערסער האָבען די רוימער פּערוועהרט די ארץ-ישראל׳דיגע אידען צו קומען אין מגע ומשא מיט די בבל אידען איבער פּאָליטישע טעמים, אויס מורא פאַר אַ מרידה.

(אין יאָהר 359) איינצושטעלען אַזאַ אָרדענונג, וואָס האָט בעדאַרפט געבען אַלע אידישע קהלות די מעגליכקייט אײַנצורעגולירען דעם לוח זעלבסשטענדיג, אונאָבהייגניג פונ׳ם צענטראַלען סנהדרין. ער האָט צונויפגעשטעלט אויפ׳ן סמך פון געוויסע כללים און פערעפענטליכט אַ סיסטעם פון לוחות, וואָס איז אַזוי פשוט און צוגלייך אײַנשטימיג מיט די אַסטראָנאָמישע חשבונות, אַז אין איהרע הויפט-יסודות איז זי פערבליבען ביי אידען ביז היינטיגען טאָג. די גרונד-אייגענהייט אין אידישען לוח איז די צייט פון אַ פולער אומדרייהונג פון דער לבנה, אָדער אַ חודש, וואָס בעשטייהט פון 29 טעג און 12 שעה מיט אַ ברוך-צאָהל. אויף אַזאַ אופן האָט דער לבנה-יאָהר פון צוועלף חדשים אַן ערך 354 טעג. נאָר היות ווי די ביבלישע ימים-טובים זיינען פערבונדען מיט די צייטען פון יאָהר לויט דער זון (פסח פאַלט אין אָנהויב פריהיאָהר, שבועות — אין סוף פריהיאָהר, סכות — אין אָנהויב האַרבסט וכדומה), — דעריבער האָט מען בעדאַרפט צונויפפאַסען דעם אידישען לבנה-יאָהר מיט דעם געוויינליכען זונען-יאָהר. אין זונען-יאָהר איז לויט׳ן אַלטען חשבון געווען 365 טעג און 6 שעה, דאָס הייסט אַן ערך מיט עלף טעג מעהר, איידער אין אַ לבנה-יאָהר. דערפון האָט מען בערעכענט, אַז איטליכע 19 יאָהר גיט דער חשבון נאָך דער זון אין פערגלייך מיט׳ן חשבון נאָך דער לבנה אַ יתור פון 210 טעג, אָדער 7 חדשים צו 30 טעג. און בכדי צונויפצושטימען דעם לבנה-יאָהר מיט׳ן זונען-יאָהר, האָט מען אײַנגעשטעלט, אַז אין איטליכען ציקל (מחזור) פון 19 יאָהר זאָלען 7 יאָהר זיין עבור-יאָהרען, ד. ה. זאָלען בעשטייהן ניט פון 12, נאָר פון 13 חדשים. די צאָהל פון די טעג אין חודש בייט זיך כסדר פון 30 אויף 29, און לויט דעם ווערען זיי אָנגערופען אָדער „פולע" (מלא) אָדער „ניט-פולע" (חסר). מעהר ניט די הערבסטיגע חדשים חשון און כסלו קאָנען זיין מלא אָדער חסר ניט לויט׳ן שטענדיגען סדר, נאָר, אָבהייגניג פון ספּעציעלע כללים, וואָס זיינען גילטיג פאַר די טערמינען פון די ימים-טובים אין דעם ערשטען חודש, תשרי, וועלכער רעכענט זיך פאַר׳ן אָנהויב פון יאָהר.

די דאָזיגע נייע קאַלענדער-סיסטעם האָט געלייגט אַ התחלה פאַר דער דעצענטראַליזירונג פון די אידישע קהלות. דער סוד פונ׳ם נשיא און פון סנהדרין איז נתגלה געוואָרען. די קהלות האָבען שוין ניט בעדאַרפט מעהר וואַרטען איטליכס מאָל אויף די שלוחים מיוחדים פונ׳ם סנהדרין אין ארץ-ישראל, וואָס פלעגען אָנזאָגען די צייט פון ראש חודש און יום-טוב. אויפ׳ן סמך פון חשבונות האָבען די אידען פון איצט אָן געקאָנט אומעטום אָבהיטען די אײַנגעשטעלטע ימים-טובים אין איינע און די זעלביגע טעג, ניט צונויפגערעדטערהייד.

הגם נאָך דער דאָזיגער נייער תקנה האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין ספק בנוגע צו דער גענויאיגקייט פון די צייטען, פונדעסטוועגען האָבען די אידען פון חוץ-לארץ, וואָס זיינען פון לאַנג אָן געווען געוויינט צו האַלטען צוויי טעג יום-טוב (§ 7), בעהאַלטען דעם דאָזיגען מנהג אויך אויף ווייטער, — און מחמת דעם זיינען די „צווייטע טעג" (יו"ט שני של גליות) פערבליבען ביז היינטיגען טאָג אין פסח, שבועות, ראש-השנה און סוכות.

יוליאַנוס אַפּאָסטאַטאַ.

§ 37. צווישען די פאָרלויפער פונ'ם פינסטערן מיטעלאַלטער, צווישען די אומגליקען, וואָס האָבען זיך אָנגערוקט אויף דער אידישער נאַציע, האָט אויף איין רגע אַ שיין געטאָן אַ ליכטיגער פּאַס. נאָך קאָנסטאַנטין און קאָנסטאַנציוס, וואָס זיינען געווען די גרינדער פון דער קריסטליכער רוימיש-ביזאַנטינישער מלוכה, האָט אַ קורצע צייט רעגירט יוליאַנוס (361—363), וואָס די קירכען-היסטאָריקער האָבען איהם געגעבען דעם צונאָמען אַפּאָסטאַטאַ, אָדער אָבטריניגער.

אַלס טרעגער פון די בעסטע טראַדיציעס פון דער אַלטער וועלט, פילאָסאָפיש געבילדעט און אַ פריידיינקער, האָט יוליאַנוס ניט געקאָנט מאַכען קיין שלום צווישען זיינע אידעאַלען און יענע קירכליכע בעגריפען, וואָס זיינע קריסטליכע ערציהער האָבען געמיהט זיך איין איהם איינצופּליסען יונגערהייד. ער איז געווען ווייט פון די נייע רעליגיעזע דאָגמעס און האָט ניט געקאָנט תופס זיין די מאָנאַכישע אָנשויאונגען און בעגריפען, וואָס די „גלילים" האָבען געהאַט אויף לעבען, געזעלשאַפטליכקייט און זיטליכקייט, זייער אומטאָלעראַנץ צו די געגנער פון זייערע אנשויאונגען. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווי קאָן מען זיך אַזוי אליין אינטעלעקטועל בעגרעניצען און מכניע זיין דעם פאָרשענדען געדאַנק אונטער דער ממשלה פון גלויבען. ער האָט געוואָלט פערצאַמען דעם זיגרייכען וועג פונ'ם קריסטענטום, אַלס אַ מלוכה-רעליגיע, ווידער איינפיהרען די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע רעליגיעס, אויפריכטען די קולטור פון דער אַלטער רוים, די קולטור פונ'ם אויפגעקלערטען העלעניזם, אויסבעסערן די בירגערליכע אָרדענונג אויף די יסודות פון פרייהייט און גערעכטיגקייט. מיטפיהלענדיג מיט די קרבנות פונ'ם שטרייגגען קירכליכען רעזשים, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען אין קאָנסטאַנציוס'עס צייטען, האָט יוליאַנוס תיכף, ווי ער איז אַרויף אויפ'ן טרון, איינגעפיהרט פאָלקאָמע גלויבענס-פרייהייט, אָבגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס פון די קריסטען און האָט זיי ניט ערלויבט איבער געוואַלד צו טויפען אָדער צו אונטערדריקען אַנדערשגלויביגע.

מיט גרויס מיטגעפיהל האָט יוליאַנוס זיך פערהאַלטען צו די אידען, וואָס די פריהערדיגע קיסרים האָבען זיי גע'רודפ'ט: ער האָט זיי צוריקגעגעבען די אָבגענומענע בירגערליכע רעכט און בעפרייט זיי פון די שווערע ספּעציעלע שטייערן. ער האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט דערמיט אַליין און האָט אין אַ בעזונדערן בריעף „צו די אידישע קהלות" אויסגעדריקט זיין טיעפע סימפּאַטיע צום אידישען פאָלק און אָנגעזאָגט, אַז ער האָט בדעה אויף זיין אייגענעם חשבון ווידער אויפצובויען די „הייליגע שטאָדט ירושלים" און צו בעזוכען פערזענליך די דאָזיגע שטאָדט, אַז ער וועט זיך אומקעהרען בשלום פון דער פערסישער מלחמה. יוליאַנוס'עס בריעף וואָס איז אָנגעשריבען געווען אויף גריכיש, איז געשיקט געוואָרען פון אַנטיוכיא אין האַרבסט פון יאָהר 362; אין איהם איז געשטאַנען געשריבען פאָלגענדעס:

„צו די אידישע קהלות! נאָך שווערער, איידער דער יאָך פון אָבהייננגיג-קייט אין אַמאָליגער צייט, איז געווען פאַר אייך דאָס, וואָס מען האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט נייע אָבצאָהלונגען, אָהן אייך לכתחילה מודיע צו זיין, און וואָס מען האָט אייך געצוואונגען צו שאַפען אַן אומגעהייער גרויסע מאַסע גאָלד פאַר דער קייזערליכער קאַסע. אַ סך זאַכען האָב איך אַליין געזעהן, נאָר נאָך מעהר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך האָב געפונען די רייסטערס פון די שטייערן, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט צוליעב אייער רעה. איך גופא האָב מבטל געווען איין שטייער, וואָס מען האָט געהאַט בדעה אויף אייך אַרויפצולייגען, און האָב אייך פערהיט פון אַ (נייער) דערנידעריגונג; איך האָב געלאָזט פערברענען די רייס-טערס פון די שטייערן, וואָס זיינען געווען צונויפגעשטעלט צו אייער שאָדען און וועלכע איך האָב געפונען אין מיינע אַרכיוועץ, כדי קיינער זאָל ניט קאָנען אַרויסלאָזען אויף אייך אַ שלעכטען שם, אַז איהר זייט גאָטסלעסטערער [1]. דערין איז ניט געווען שולדיג ניט אַזוי מיין דערלויכטענער ברודער קאָנסטאַנציוס, ווי יענע באַרבאַרען לויט זייער פערשטאַנד, רשעים לויט זייער גייסט, וואָס האָבען אויסגעטראַכט אַזאַ פונאַנדערטיילונג. —

היות ווי איך וויל אייך טון נאָך אַ גרעסערע טובה, האָב איך בעוואוי-גען מיין ברודער, דעם געעהרטען פּאַטריאַרך יולאָס [2], ער זאָל מבטל זיין די שטייערן, וואָס איהר רופט זיי אָן משולחים-שטייער [3], בכדי קיינער זאָל אייך מעהר ניט בעלעסטיגען דורכ'ן איינמאָנען אַזעלכע אָבצאָהלונגען און בכדי אַלע, אומעטום אין מיין מלוכה, זאָלען זיין פריי פון דאגות. בכן קאָנט איהר, גע-ניסענדיג רוה, שיקען הייסע תפלות וועגען גליק פון מיין מלוכה צו דעם אַל-מעכטיגען בורא עולם, וואָס האָט מיך אונטערגעהאַלטען מיט זיין האַנד. אומעטום קומט עס פאָר אַזוי, אַז די יעניגע, וואָס לעבען אין צרות, פאַלען אַראָב ביי זיך און דערוועגען זיך ניט אויפצוהויבען די הענד, בכדי מתפלל צו זיין וועגען רעטונג. יענע אָבער, וואָס זיינען פריי פון זאָרג און זיינען דורכגעדרונגען מיט פרייהליכקייט, קאָנען שיקען האַרציגע תפלות וועגען גליק פון דער מלוכה צום אויבערשטען, וואָס קאָן אויפ'ן בעסטען אופן מיר העלפען, [אַז מיין רעגירונג זאָל זיין גליקליך, ווי איך האָב מיר דאָס פאָרגעשטעלט. —

„טוט דאָס, און דעמאָלט וועל איך, אַז איך וועל גליקליך בעענדיגען די פּערסישע מלחמה, בעזוכען די הייליגע שטאָדט ירושלים, וואָס וועט ווערען ווידער אויפגעבויט אויף מיין חשבון (אין דער געשטאַלט), ווי איהר ווילט שוין לאַנג זי זעהן אויסגעבויט.

[1]) ווי ס'ווייזט אויס, איז ער דערמיט מרמז אויף איינעם פון קאנסטאנציוס'עס בעפעהלען, וואו ער רופט אָן אידען אַ „סעקטע פון רשעים“.

[2]) דאָס מיינט ער דעם נשיא הלל דעם II-טען. ער רופט איהם אָן מיט'ן נאָמען ברודער אלס אַ בעזונדערער אות חסד צו אַזאַ הויכען בעאַמטען, ווי דער אידישער נשיא איז געווען.

[3]) אפשר מיינט ער דערמיט דעם נשיא-שטייער, וועלכער פלעגט צונויפגעקליבען ווערען דורך ספּעציעלע שלוחים.

דאָרט וועל איך אינאיינעם מיט אייך אָבגעבען כבוד דעם אַלמעכטיגען גאָט".

אין יוליאַנוס'עס פּלאַן ווידער אויפצובויען „די הייליגע שטאָדט" האָט בלי ספק געשטעקט אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע כונה. אינ'ם בעשלוס אָבצושאַפען דעם דערנידעריגענדען געזעץ, וואָס לויט איהם איז געווען פערבאָטען די אידען אַריינצוטרעטען אין ירושלים, ווי אויך אינם פערלאַנג אויפצובויען דעם בית-המקדש, האָט דער קייזער בלויז שטרייננג געהאַלטען זיך פאַר זיין אַלגעמיינער פּאָליטיק, וואָס האָט געשטרעבט אויפצוריכטען די גע'רודפ'טע רעליגיעס. פאַר איהם איז געווען וויכטיג אויפצובויען דעם בית-המקדש אין ירושלים, אַלס קעגענגעוויכט צו דער קריסטליכער קירך פונ'ם „הייליגען קבר", אַלס סימבאָל פאַר דער גלייכבערעכטיגונג פון די רעליגיעס. דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגען דער שטרעבונג פון דער קירך צו מאָנאָפּאָליזירען די אידישע פּאַלעסטינע, אַלס אַ הייליגע לאַנד פונ'ם קריסטענטום, און אויסצומעקען דאָרט אַלע סימנים פון דער פריהערדיגער אידישער קולטור.

ניט אָבלייגענדיג די זאַך, ביז עס וועט זיך ענדיגען די מלחמה מיט די פּערסער, האָט יוליאַנוס געשיקט קיין ירושלים זיין גוטען פריינד, דעם געבילדעטען אַדמיניסטראַטאָר אַליפּיוס פון אַנטיוכיא, און האָט איהם געהייסען מאַכען אַלע הכנות צו בויען דעם בית-המקדש. די פערוואַלטער פון סיריען און פּאַלעסטינע האָבען בעקומען אַ בעפעהל צו פערזאָרגען אַליפּיוס'ן מיט אַלצדינג, וואָס ס'איז נויטיג צוליעב בויען דעם בית-המקדש. מען האָט שוין געהאַט צוגעגרייט בוי-מאַטעריאַל, מען האָט געדונגען אַ סך אַרבייטער, וואָס האָבען אָנגעהויבען אָבצוראַמען די אַלטע חורבות, וואָס האָבען פערשאָטען דעם פּלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען דער בית-המקדש. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער אַלטער טיפער פערלאַנג פונ'ם אידישען פאָלק האַלט ביים פערווירקליכט ווערען.

ווי האָבען זיך פערהאַלטען די אידען צו דער דאָזיגער אומגעריכטער איבערקעהרעניש אין זייער גורל? אין דער דעמאָלטיגער אידישער ליטעראַטור, וואָס איז בכלל אָרים בנוגע צו היסטאָריאָגראַפיע, געפינען מיר גאָרנישט וועגען דעם דאָזיגען אינצידענט. די קריסטליכע שריפטשטעלער פון יענער צייט פערזיכערן, אַז די אידען האָבען מיט גרויס פרייד בעגעגענט די בשורה וועגען דער אויפבויאונג פון בית-המקדש. אַ סך קהלות, אַפילו ווייטע, האָבען געשיקט געלד אויף די הוצאות צו בויען דעם בית-המקדש. די פרויען האָבען פערקויפט צוליעב דעם זייער צירונג, אַ סך האָבען צונויפגעשלעפט שטיינער פאַר'ן בנין און האָבען בכלל גענומען אַן אָנטייל אין די אַרבייטען.

נאָר עס זיינען געווען, אַ פנים, אויך אַזעלכע, וואָס האָבען ניט געגלויבט, אַז די דאָזיגע אונטערנעמונג זאָל זיך איינגעבען. נאָך אַ גאַנצער שורה היסטאָרישע קאַטאַסטראָפעס האָט די האָפענונג אויף אויפלעבונג אָנגעוואָהרען ביים גרעסטען טייל פון פאָלק איהר פּאָליטישען כאַראַקטער און איז געוואָרען אַ מיסטישע, איבערנאַטירליכע. מען האָט געגלויבט, אַז עס וועט קומען משיח פון בית-דוד, אַ סודות-פולער אויסדערוויילטער פון גאָט, וועלכער וועט ווידער אויפבויע-

ירושלים און דעם בית־המקדש און צונויפקלייבן דאָס פאָלק, וואָס איז צעזייהט און צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט. דער הייד יוליאַנוס, ביי זיין גאַנצער איידעלקייט, איז אַוודאַי ניט געווען עהנליך אויף יענעם מיסטישען אידעאַל פון משיח׳ן, וואָס האָט געלעבט אין דעם אידענס נשמה. די אויפריכטונג פון ירושלים און פון בית־המקדש לויט אַ פשוט׳ען בעפעהל פון רוימישען קייזער האָט ניט געפּאַסט צו די פּאָעטישע פאָרשטעלונגען וועגען גרויסע נסים און גבורות, וואָס דאַרפען פריהער פאָרקומען פאַר די דאָזיגע געשעהענישען אין „משיח׳ס־צייטען“. אָט פאַר וואָס אַ סך אידען האָבען ניט אַרויפגעלייגט בעזונדערע האָפענונגען אויף יוליאַנוס׳עס אונטערנעמונג.

פאָלגענדער צופאַל האָט בעפעסטיגט ביי זיי אַן אומצוטרוי צו דער גאַנצער אונטערנעמונג. אַז די אַרבייטער האָבען אָבגעראַמט די חורבות פונ׳ם אַלטען בית־המקדש און האָבען אָנגעהויבען צו גראָבען דעם פונדאַמענט, האָט זיך פון דער טיעפעניש פון די גראָבונגען אַרויסגעריסען אַ פייער און האָט אָבגעשמאַליעט עטליכע אַרבייטער. דאָס איז געווען, ווי עס ווייזט אויס, אַ נאַטירליכע ערשיינונג: עס האָבען זיך פלוצלונג פעראייניגט מיט דער אויסוויינינגסטער לופט די גאַזען, וואָס זיינען געווען לאַנג איינגעשפאַרט אונטערן אַלטען פונדאַמענט, און דאָס האָט געבראַכט צו דער ענטצינדונג. נאָר דאָס פאָלק האָט דערין איינגעזעהן אַ מופת מיט אַ התראה — און די ווייטערדיגע אַרבייטען ביים בויען דעם בית־המקדש זיינען אָבגעשטעלט געוואָרען.

ס׳קאָן זיין, אַז אויב די פערשטאַנדיגערע פאָרשטייהער פון אידישען פאָלק וואָלטען פערשטאַנען די וויכטיגקייט פונ׳ם פּאָליטישען מאָמענט און וואָלטען שפּעטער גובר געווען דעם אָבערגלויבען און די מיסטישע שטימונג פונ׳ם המון, און אויף אַזאַ אופן אונטערגעהאַלטען יוליאַנוס׳עס גרויסע אונטערנעמונג, — וואָלטען די איבערגעריסענע אַרבייטען זיך אויפ׳ס ניי אָנגעהויבען. נאָר דער בייזער מזל האָט צעשטערט אַלע האָפענונגען. יוליאַנוס איז געווען איינגאַנצען אַריינגעטאָן אין דער מלחמה מיט די פערסער. ער איז אין זיין מלחמה אַנטקעגען שבור דעם II־טען ניט נאָר אָנגעפאַלען אויף די פערסער; ער האָט זיך בעמוזט אויך פערטיידיגען, ווייל די פערסער האָבען פערכאַפּט עטליכע רוימישע געגענדען אין מעסאָפּאָטאַמיען. מיט אַן אומגעהייער גרויסער אַרמיי איז דער קייזער אַריינגעדרונגען אין בבל, האָט פערנומען עטליכע שטעדט, וואָס זיינען געווען בעזעצט פון אידען, און האָט צעשטערט מחוזא, וואָס איז נאָהענט צו דער הויפּטשטאָדט פון פערסיען קטעסיפאָן און וואָס איז געווען בעריהמט דורך איהר ישיבה (§ 34). נאָר איהם איז ניט בעשערט געווען צו גייהן ווייטער. ער איז אומגעקומען אין דער צייט פונ׳ם קריגסצוג (363) פון אַ פייל, וואָס עס זאָל האָבען אויף איהם געשאָסען אַ קריסט פון זיין אייגענעם חיל. דער קייזער, וואָס האָט געטראָגען ביי זיך אין קאָפּ פלענער פון גרויסע רעפאָרמעס, איז געשטאָרבען ווייט פון דער היים, מיט אַ טרויעריגען אויסרוף אויף די לעפּצען: „דו האָסט מנצח געווען, גליליי!“

די קריסטען האָבען איינגעזעהן גאָטס האַנד סיי אינ׳ם דאָזיגען פלוצלונג־

דיגען טויט פונ׳ם „אַבטריניגען״, סיי דערין, וואָס עס האָבען זיך ניט איינגעגעבען די בוי־אַרבייטען, וואָס ער האָט געהאַט אונטערגענומען אין ירושלים און וואָס האָבען געקאָנט אויפהויבען דעם פּרעסטיזש פון דער יהדות. די אידען אָבער זיינען, נאָך אַ צוויי־יאָהריגער ליכטיגער הפסקה, ווידער אַריינגעפאַלען אין זייער פריהערדיגען יאוש. זייער גורל איז ווידעראַמאָל געווען אָבהייניג פון אַ געזעצגעבונג, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט איינג רעליגיעזע מאָטיווען. ווארום ניט אַזוי פּאָליטיקער, ווי טעאָלאָגען האָבען דעמאָלט געשאַפען די פּאָליטיק אין דער רוימיש־ביזאַנטינישער אימפּעריע.

טעאָדאָסיוס I און די קירכען־פּאָטערס.

§ 38. אין דער צייט פון יוליאַנוס אַפּאָסטאַטאַ׳ס נאָהענטסטע יורשים (יאָוויאַנוס, וואַלענטיניאַנוס און וואַלענס, 361—378), איז דער פּרינציפּ פון גלויבענס־פרייהייט בנוגע צו אידען נאָך אין אַ געוויסער מאָס אָבגעהיט געוואָרען. די קירך האָט דעמאָלט געהאַט צו טון מיט אַ שטאַרקען „אינעווייניגסטען פיינד״, מיט דער אַריאַנישער אַפּיקורסות, וואָס איז געשטאַנען נעהענטער צו די עיקרי היהדות, איידער צום קאַטוילישען גלויבענס־סימבאָל. אַן אָנהייגער פונ׳ם ראַציאָנאַליסטישען אַריאַניזם איז געווען דער קייזער וואַלענס גופא, דער רעגירער פונ׳ם מזרח׳דיגען טייל פון דער אימפּעריע; ווירקענדיג אַנטקעגען דער קאַטוילישער פּאַרטיי, האָט ער געשיצט די אידען. זיין ברודער וואַלענטיניאַנוס, דער קייזער פון מערב, האָט געמיהט זיך אונטערצוהאַלטען דעם גלייכגעוויכט צווישען די קעמפּענדע רעליגיעזע גרופּעס און האָט ניט דערלאָזט, עס זאָלען געמינערט ווערען די בירגערליכע רעכט פון די אידען. צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער בעפרייט פון צו געבען קווארטירען פאַר׳ן מיליטער די שולען, וואָס זיינען ערטער פאַר׳ן גאָטעסדיענסט.

נאָר אין גיכען איז די אַגיטאַציע פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט קעגען די אידען אויפגעפרישט געוואָרען מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַפילו מעכטיגע קיסרים זיינען געווען געצוואונגען זיך צו רעכענען מיט איהר.

דער אויפריכטער פון דער אַליינהערשאַפט און דער קעמפער פאַר דער קירך טעאָדאָסיוס דער I־טער דער גרויסער (379—395) האָט נאָך געהאַט אַזוי פיעל פּאָליטישען פערשטאַנד און טאַקט, אַז ער האָט ניט געוואָלט אינגאַנצען אונטערוואַרפען די בירגערליכע אינטערעסען אונטער די קירכליכע. אַרויסגייהענדיג פונ׳ם פּרינציפּ, אַז די אידישע רעליגיע איז לויט׳ן געזעץ ניט פערבאָטען, האָט ער בעפוילען, אַז די אידען זאָל מען ניט שטערען פריי האַלטען זייער גלויבען, און האָט אָנגעשטעלט אַ שטרייגגע שטראָף פאַר פאַנאַטיקער, וואָס ווילען זיך דערוועגען צו בערויבען אָדער צו צעשטערען שולען. ער האָט אַפילו איבערגעלאָזט די אַלטע זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהלות; צווישען אַנדערע זאַכען, האָט ער אָנערקענט, אַז דער נשיא און די עלטסטע האָבען

דאָס רעכט אויסצושליסען פון קהל אַזעלכע מיטגלידער, וואָס האָבען פערזינדיגט. נאָר צוגלייך האָט טעאָדאָסיוס דער I-טער איבערגעלאָזט די קאַנאָנישע געזעצען, וואָס האָבען פערבאָטען אידען מגייר צו זיין אַנדערשגלויביגע, שליסען שדוכים מיט קריסטען וכדומה.

פונדעסטוועגען איז אַפילו די דאָזיגע פערשמעלטע גלויבענס-פרייהייט ניט געפעלען געווען די אָנפיהרער פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט, וואָס האָבען אין דער דערנידעריגונג פון אַנדערע רעליגיעס געזעהן די דערהויבונג פון זייער אייגענער. די גייסטליכקייט האָט ענערגיש געקעמפט מיט'ן מעסיגען ליבעראַליזם פון דער וועלטליכער ממשלה און פלעגט געוויהנליך אָבהאַלטען איהר נצחון. דורך איהר ליידענשאַפטליכער אַגיטאַציע קעגען אַריאַניזם און יהדות האָט זי אויפגעבראַכט די גלויביגע מאַסע קעגען די אָנהייגער פון די דאָזיגע שיטות. די פאַנאַטיקער פלעגען אָפטמאָלס אָנפאַלען אויף אידען אין דער צייט פון זייער גאָטעסדיענסט, פלעגען צעשטערען די שולען אָדער אומצאַכען זיי פאַר קירכען, ניט האָבענדיג קיין מורא פאַר דער געזעצליכער שטראָף.

בראש פון די געגנער פון דער גלויבענס-פרייהייט זיינען געשטאַנען די העכסטע גייסטליכע, וואָס אַנדערע פון זיי זיינען שפעטער צוגערעכענט געוואָרען צו די קירכען-פאָטערס אָדער „הייליגע פאָטערס". איינער פון זיי, דער בעוואוסטער מילאַנער ביסקופ אַ מ ב ר אָ ז י ו ס, האָט געהאַט אַפילו אַ שאַרפען סכסוך מיט'ן קייזער איבער דער „אידען-פראַגע", ווי מען האָט זי דעמאָלט פערשטאַנען.

אין דער שטאָדט קאַליניקאָס, אין מעסאָפּאָטאַמיען, האָט אַ המון קריסטען, אונטערגעהעצט דורכ'ן אָרטיגען ביסקופ און דורך פאַנאַטישע מאָנאַכען, צעשטערט די אָרטיגע שול. אַז דער קייזער טעאָדאָסיוס האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער בעפויהלען צו בעשטראָפען די אָנטיילנעמער פונ'ם פאָגראָם, און אויפ'ן ביסקופ האָט ער אַרויפגעלייגט אַ חוב אויפצובויען די שול אויף זיין חשבון (388). דער מילאַנער ביסקופ אַמבראָזיוס, וואָס איז געוואָרען אויפגעבראַכט איבער דעם קייזערס בעפעהל, האָט איהם אָנגעשריבען אַ שאַרפען בריעף, אין וועלכען ער האָט בעוויזען, אַז „גאָטס כבוד" איז אַריינגעמישט אינ'ם דאָזיגען עסק, אַז מען קאָן ניט צווינגען אַ קריסטליכען גייסטליכען אויפצובויען אַ אידישע שול, אַז ס'איז בכלל קיין בייז ניטאָ, ווען מען צעשטערט אַ שול, וואָס איז „אַ וואוינונג פון אומגלויבען און זינדיגקייט", וואו „אַלע טאָג לעסטערט מען קריסטוס'ן". אויפ'ן סמך פון אַזעלכע טענות האָט אַמבראָזיוס געבעטען דעם קייזער, ער זאָל אָבשאַפען דעם בעפעהל. טעאָדאָסיוס האָט אויפ'ן דאָזיגען בריעף גאָרנישט געענטפערט. אָבער אַז ער איז אין גיכען געקומען צו פאָהרען קיין מילאַן, האָט דער ביסקופ, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך בערוהיגען, ווידער אַמאָל אָנגעריהרט די פראַגע וועגען שול אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין קירך אין דעם קייזערס געגענוואַרט. טעאָדאָסיוס איז געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען אַמבראָזיוס'עס פאָדערונג און האָט אָבגעשאַפט זיין פסק-דין בנוגע צום פאָגראָם. דער געזעץ וועגען דער אומבעריהרליכקייט

פון די שולען איז געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר, אין דער אמת'ען אָבער האָט דער המון, וואָס איז געוואָרען אונטערגעהעצט דורך פאַנאַטיקער, אומבעשטראָפטערהייד ראַבירט אידישע שולען פון דער קירכס כבוד וועגען.

אין דערזעלביגער צייט, וואָס אין מערב האָט קעגען דער יהדות גע-קעמפט דער מילאַנער ביסקופ אַמבראָזיוס, האָט אין מזרח גענומען אויף זיך די דאָזיגע אַרבייט דער בעריהמטער רעדנער פון אַנטיוכיא י אָ אַ נ ע ס, וואָס איז געוואָרען שפּעטער ביסקופ פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און איז בע-ריהרט אין דער קירכען-געשיכטע אונטערן צונאָמען כ ר י ז אָ ס ט אָ מ ו ס (גאָלדענער מויל).

בעת דעם ערשטענס אַגיטאַציע איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך אַ גע-וואַלדטאַט, וואָס די קריסטען האָבען אָבגעטאָן איבער די אידען, איז דעם צווי-טענס רעדע געווען געווענדט אַנטקעגען די קעגענזייטיגע סימפּאַטיעס, וואָס די זיהן פון דער קירך האָבען אַרויסגעוויזען צו דיזיהן פון דער סינאַגאָגע. אַ סך קריסטען אין אַנטיוכיא, מאַנסבּילען און בעזונדערס פרויען, פלעגען בעזוכען אום שבת און אידישע ימים-טובים די אידישע שולען, קומען צו דעם פייערליכען גאָטעסדיענסט אום יום-כפור, הערען שופר בלאָזען אום ראש-השנה, און זיך משמח זיין אינאיינעם מיט אידען אום סוכות. חוץ דעם, פלעגען קריסטען אָפטמאָלס זיך ווענדען מיט זייערע פּראָצעסען צו אידישע דיינים, און צו אידישע דאָקטוירים, זיי זאָלען היילען זייערע קראַנקע. מורא האָבענדיג, אַז זיינע געטרייע שאָף זאָלען ניט אַראָב פון וועג דורך דעם דאָזיגען נאָהענטען מגע-ומשא מיט אידען, איז דער פרומער נזיר יאָאַנעס אַרויסגעטראָטען מיט זעקס רעדעס קעגען דער יהדות און די אידען (אַן ערך אין די יאָהרען 366—387). אין די דאָזיגע רעדעס רופט ער אָן די אידישע שולען „רויבער-הייהלען” און שרעקט מיט אַלע שטראָפען פון הימעל די קריסטען, וואָס וועלען אַריבערטרעטען די שוועל פון די דאָזיגע הייזער. ער בעווייזט, אַז די אידישע רעליגיע מוז פערשווינדען, זינט עס האָט זיך בעוויזען דער קריסטענטום, אַז זי קאָן ניט עקסיסטירען אָהן דעם בית-המקדש פון ירושלים און אָהן די קרבנות און האָט איצט בלויז אַ קיום פון אַ שאָטען. די שנאה צו אידען איז דורכאויס געזעצליך, אַ פריינדשאַפטליכע בעציהונג צו זיי איז זינדיג.

נאָר אין דערזעלביגער צייט האָבען ביידע מקטרגים פון דער יהדות, אַמבראָזיוס און יאָאַנעס, אויסגענוצט אין זייערע ווערק דעם מאַטעריאַל און דעם מעטאָד, וואָס זיי האָבען אַריבערגענומען פון דער אידישער ליטעראַטור פון זייער צייט. אין זייערע פּירושים אויף דער ביבעל האָבען זיי זיך געהאַלטען פאַר דעם לעגענדאַריש-דידאַקטישען מעטאָד, וואָס די תלמודישע א ג ד ה האָט בעשאַפען און וואָס די דעמאָלטיגע דרשנים אין די שולען האָבען זיי בענוצט. די דאָזיגע „קירכען-פאָטערס” חזר'ן אָפטמאָלס איבער פאָלקסטימליכע מימרות און פּירושים אויף תנ"ך פון דער אַגדה כמעט אין די זעלבע אויסדרוקען. זיי האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט אידישע רביים, וואָס האָבען זיי בעקענט-

מיט דער גייסטיגער שאַפונג פון די תּלמודיסטען. פונ'ם אידישען אַרסענאַל איז געוואָרען גענומען די געוועהר, וואָס מיט איהם האָט מען געקעמפט קעגען אידישען פאָלק,—דער דאָזיגער פאַקט ציהט זיך, ווי אַ רויטער פאָדים, דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער קריסטליכער קירך.

די ירידה פון דער נשיאות און פון די ישיבות.

§ 39 זינט יענער צייט, וואָס די קריסטליכע רוים איז געוואָרען די הער-שערין איבער ארץ-ישראל, האָט די אידישע זעלבסטפערוואַלטונג אין געבאָרען-לאַנד פון דער יהדות געשווינד אָנגעהויבען גייהן אַראָב. דאָס לאַנד פון די עוואַנגעלישע נסים, וואָס איז אין גיכען פול געוואָרען מיט קלויסטערס און קירכען, מיט פּילגערס און מאָנאַכען, האָט שוין ניט געקאָנט דיענען אַלס אַ פּלאַץ פאַר דער פרייער טעטיגקייט פון די נשיאים און אמוראים, האָט ניט געקאָנט זיין קיין גייסטיג „אידיש קעניגרייך": עס וועחט אַ צענטער פון דער הער-שענדער קירך. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען שוין אין דעם קייזער קאָנסטאַנ-ציוס'עס צייטען.

די צרות פון יענער צייט האָבען געצוואונגען דעם נשיא הלל דעם II-טען זיך אָבצוזאָגען פון איינער פון די וויכטיגסטע פּריווילעגיעס פון דער נשיאות, וואָס איז געווען דער יסוד פון איהר העגעמאָניע: פון פעסטצושטעלען די צייטען פון די ימים טובים (§ 36). די קורצע ליכטיגע צווישענצייט פון יוליאַנוס'עס רעגירונג, בשעת הלל דער II-טער איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרען פאַר'ן אָנ-פיהרער פון דער אַווטאָנאָמער נאַציע, האָט ניט געקאָנט אומבייטען דעם מצב, מחמת אין דער שפּעטערדיגער עפּאָכע האָט ווידער אַמאָל מנצח געווען די קירכען-פּאָליטיק.

הלל דעם II-טענס יורשים, ר' גמליאל דער V-טער און ר' יהודה דער IV-טער (אַן ערך צווישען די יאָהרען 365 און 400) האָבען ניט איבערגעלאָזען קיין שום סימנים פון זייער טעטיגקייט. ס'איז נאָר בעוואוסט, אַז ר' גמליאל דער V-טער האָט געהאַט אַ שאַרפע צוזאַמענשטויסונג מיט'ן קאָנסולאַריוס הע-זיכיוס, וועמען ער האָט בעשולדיגט, אַז ער האָט אַרויסגעגנב'עט וויכטיגע דאָ-קומענטען, וואָס האָבען געהערט צום נשיא, און אַז דער קייזער טעאָדאָסיוס דער I-טער האָט פערמשפּט דעם קאָנסולאַריוס צום טויט.

שטאַרק האָבען בעגרעניצט די רעכט פון די נשיאים די אָרטיגע קריסטליכע ביסקופען, וואָס האָבען געשטרעבט צו פערפעסטיגען אין ארץ-ישראל אַ קריסט-ליכע נשיאות אַנשטאָט אַ אידישער. היות ווי די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט זיי אונטערגעהאַלטען, בכן האָבען זיי דורך זייער אַריינמישונג געקאָנט אויף איטליכען שריט לייגען שטיינער אויפ'ן וועג פון דער אידישער זעלבסטפער-וואַלטונג.

ביי די נשיאים פון טבריה איז פערבליבען דער טיטעל, זיי האָבען אָבער מדרגות'ווייז אָנגעוואָהרען זייער מאַכט; די אידישע אַוטאָנאָמיע איז פּאַקטיש אַלץ מעהר פערשמעלערט געוואָרען. נאָך אַן עקזיסטענץ פון דריי יאָהרהונדערטען ווערט אויסגעלאָשען די בשיאות פון הלל'ס דינאַסטיע. זי ווערט אָן איהר בעדייטונג שוין צום סוף פון IV-טען יאָהרהונדערט, און אין אָנהויב פון קומענדיגען יאָהרהונדערט ווערט זי אָפּיציעל אָבגעשאַפט.

פּאַראַלעל דערמיט גייהט די ירידה פונ'ם אַקאַדעמישען לעבען אין ארץ-ישראל. עס ווערען קלענער סיי די ישיבות, סיי זייערע אָנפיהרער, די אמוראים. דער אַלטער פרסום פון דער ישיבה אין טבריה ווערט פערטונקעלט. די אמוראים שלאָגען שוין ניט דורך קיין נייע וועגען, לכל הפחות, ניט אין הלכה: זיי פיהרען בלויז ווייטער די אַרבייט פון די פריהערדיגע אמוראים, מאַכען פירושים צו דער משנה און בנוגע צו דער יוריספּרודענץ האַלטען זיי זיך מעהר פּאַר די טראַדיציעס פון די אַלטע אַוטאָריטעטען. זיי האָבען ניט יענעם דרייסטען געדאַנקען-פליה, וואָס האָט אַריינגעטראָגען אַזויפיעל לעבען אין דער טעטיגקייט פון די ישיבות אין בבל, הגם פון דער אַנדער זייט פאַלען זיי ניט אַריין אינ'ם פערפלאָנטערטען פלפול פון די אַמוראים פון בבל.

עטליכע אַמוראים פון ארץ-ישראל האָבען געטאַדעלט די עקסטרעמע סכאָלאַסטיק פון זייערע חברים אויף יענער זייט פרת. איינער פון די גרעסטע אַמוראים אין דער ערשטער העלפט פונ'ם I-טען יאָהרהונדערט, ר' ירמיה פון טבריה, וואָס האָט געלעבט יונגערהייד אין בבל, פלעגט זאָגען: „די בבליים (די געלערנטע) לעבען אין אַ פינסטערן לאַנד און אַנטוויקלען אַ פינסטערע תורה". אַלס יוריסט, פלעגט ר' ירמיה זיך האַלטען געוויינליך פּאַר'ן פשט פון דער משנה. ער איז געווען ניט בלויז ראש-ישיבה אין טבריה, נאָר צוגלייך אויך דער פיהרער פון דער אָרטיגער קהלה, און דערפאַר האָט ער ניט געקאָנט מקריב זיין די אינטערעסען פון דער געזעצגעבערישער פּראַקטיק דעם פלפול אין דער ישיבה.

זיין יורש, ר' יונה, איז אויסגעקומען איבערצולעבען די מהומה-צייט פון אורסיקינוס'עס ווילדווילען און פון די צרות בשעת'ן אויפשטאַנד פון טבריה (351 — 352). ער איז געווען געצוואונגען, אַדאַנק די פּאָדערונגען פון די רוימישע קאָמאַנדירען, צו ערלויבען די אידען צו באַקען ברויט אום שבת צוליעב די בעדערפענישען פון רוימישען חיל. זיין חבר ר' יוסי, וואָס איז געווען ראש ישיבה אין טבריה, האָט זיך פערנומען דער עיקר דערמיט, וואָס ער האָט צונויפגעקליבען און געבראַכט אין אָרדענונג דעם וויסענשאַפטליכען מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען פון די פריהערדיגע אַמוראים.

דאָס, וואָס די טעטיגקייט פון די ישיבות איז געוואָרען איינגעשרומפּען, האָט געצוואונגען די אַמוראים אין ארץ-ישראל צו זאָרגען וועגען די אופנים. ווי אַיינצוהיטען די פירושים און אויסטייטשונגען צו דער משנה, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט זינ'ט ר' יוחנב'ס צייטען און וואָס זיינען ביז אַהער איבערגעגעבען

געוואָרען בעל-פה. ס'זיינען אַלץ שיטערער געוואָרען די שורות פון די, וואָס האָבען זיך איבערגעגעבען דער וויסענשאַפט און וואָס האָבען געהיט די אַלע טראַדיציעס. און מען האָט געקאָנט דעריבער מורא האָבען, אַז „אינאיינעם מיט די חכמים וועט אָבשטאַרבען די חכמה", אַז עס וועט איבערגעריסען ווערען די קייט פון דער תלמודישער מסורה. בכן האָבען די אמוראים געמוזט מוחל זיין אויף זייער פריווילעגיע צו זיין די איינציגע, וואָס האָבען אַ שליסעל צו דער תורה (פונקט אַזוי ווי דער נשיא הלל דער II-טער האָט געמוזט זיך אָבזאָגען פון סוד פון „קביעה דירחא") און אַ טראַכט טון וועגען דעם, ווי אַזוי צונויפצו- קלייבען און דערנאָך פערעפענטליכען פאַר'ן גאַנצען כלל-ישראל אַלע ידיעות, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען.

די דאָזיגע זאַמלונגס-אַרבייט איז געטאָן געוואָרען מיט גרויס פלייס אין דער צווייטער העלפט פון IV-טען יאָהרהונדערט. אָבער ווער האָט זיך פערנו- מען מיט דער דאָזיגער אַרבייט, ווער האָט עס געבראַכט אין אַ סיסטעם דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון דער תורה שבעל פה נאָך דער משנה, דעם רעזולטאַט פון צוויי הונדערט יאָהר שאַפען מצד די אמוראים פון ארץ-ישראל? מען מוז משער זיין, אַז דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווע אַרבייט מצד די אמוראים פון די לעצטע צוויי דורות, וואָס האָבען געלעבט צווישען די יאָהרען 352 און 400. דער אויבען דערמאָנטער ר' יוסי פון טבריה, זיין תלמיד ר' מ נ י און דעם לעצטענס חבר ר' א ב ו ן (אָדער ר' יוסי בר אבון) ווערען גערעכענט פאַר די פאָרשטיי- הער פון די דאָזיגע דורות.

דער סכום פון די אויסטייטשונגען און פירושים צו דער משנה, וואָס די אַמוראים האָבען געמאַכט, פון ר' יוחנן בר נפחא ביז צו די אָקאָרשט אָנגערו- פענע חכמים, איז אָנגערופען געראָרען ג מ ר א (גמרא בעדייט סיי ל ע ר נ ע ן און סיי אַ וויסענשאַפטליכע ה ו ס פ ה). די דאָזיגע גמרא האָבען די צונויפקליי- בער פערשריבען און פונאַנדערגעטיילט איב'ם סדר פון די פרקים פון דער משנה, דאָס הייסט, הינטער איטליכער משנה האָבען זיי אַוועק געשטעלט די פירושים, וואָס זיינען שייך צו איהר, אָדער די פלוגתות פון פערשיידענע אמוראים, ווי ווייט זייערע מיינונגען זיינען פערבליבען אין זכרון. פון דער דאָזיגער פעראייניגונג פון דער משנה מיט דער גמרא, פונ'ם טעקסט מיט די פירושים, האָט זיך געבילדעט דער ת ל מ ו ד פ ו ן א ר ץ-י ש ר א ל, וואָס ווערט אויך אָנגערופען ת ל מ ו ד י ר ו ש ל מ י. פון איהם זיינען דערגאַנגען צו אונז די ערשטע פיער סדרים. די גמרא צו די לעצטע צוויי סדרים פון דער משנה איז צום טייל ניט געוואָרען צונויפגעקליבען, צום טייל איז זי שפּעטער פערלאָרען געגאַנגען. אינ'ם טעקסט, וואָס איז פערבליבען, איז צו בעמערקען, אַז עס האָט געפעהלט אַ סיסטעמאַטישע רעדאַקציע: דער נוסח איז אַ צו קורצער און אין איהר פעהלט, אָפטמאָלס, אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ. אין דער שפראַך פונ'ם תלמוד ירושלמי איז דער אַראַמישער דיאַלעקט פער- טרעטען מעהר, איידער דער העברייאישער.

אַ בעדייטענדען אָרט אין תלמוד ירושלמי פערנעמט די אגדה. די אמוראים פון ארץ-ישראל האָבען זיך פערנומען מיט אַגדה פונקט אַזוי ווי מיט הלכה. די רע-

ליגיעז-עטישע פירושים אויף דער תורה און די היסטאָרישע לעגענדעס פערשע-
נערן דעם טרוקענעם טעקסט פון די הלכות: חוץ די שטיקער אגדתא, וואָס
זיינען אריין אין תלמוד, האָט נאָך עקסיסטירט אַ בעזונדערע ליטעראַטור פון
דרשות, וואָס מען פלעגט האַלטען אין די שולען, אָדער מדרשים (§ 29),
וואָס זיינען געוועזן עפענטליכע פאָלקסטימליכע אגדות. אין דער קומענדיגער
עפּאָכע ענטוויקעלט זיך דער דאָזיגער מין ליטעראַטור זייהר ברייט.